STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00579

20 YOR IN VARSHEVER BUND, 1919-1939

Bernard Goldstein

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Marcia & Larry Arem
in memory of
their grandparents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

20 יאָר אין וואַרשעווער בונד

1939 — 1919

ניו-יאָרק 1960

שער-בלאַט געצייכנט פון י. שלאָס

בערנאַרד גאָלדשטיין

20 יאָר אין װאַרשעװער „בונד" 1919-1939

צוגעגרייט צום דרוק — משה קליגסבערג

אַריינפיר — דר. עמנואל שערער

BERNARD GOLDSTEIN

20 YEARS WITH THE JEWISH LABOR BUND IN WARSAW

(1919-1939)

Copyright 1960
by
FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78 Street
New York 21, N. Y.

Printed in U.S.A.

Grenich Printing Corp.
151 West 25 Street
New York 1, N. Y.
166

אינהאַלט:

אַריינפיר — דר. עמנואל שערער — IX

1. איך פאָר אַהיים — 1
2. צוריק אין וואַרשע — 6
3. פראַגע — 9
4. די „זיבן לייבן" — 14
5. ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע אויף פּראַגע אין 1920 — 17
6. דער פּאָגראָם אין פּראַגער בונדישן קלוב — 19
7. יאַנעק יאַנקעלעוויטש — 21
8. דער קראַקעווער צוזאַמענפאָר — 24
9. אַ האָגל פון רדיפות — 28
10. אומלעגאַלע אַרבעט אויף דאָס ניי — 32
11. דער דאַנציקער צוזאַמענפאָר — 35
12. צום שוץ פון דער באַוועגונג — 41
13. די אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי־מיליץ — 43
14. די קאָמוניסטן און די אונטערוועלט — 46
15. די וואַל־קאַמפּאַניע אין 1922 — 51
16. פאַראייניקונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג — 57
17. דער פליישער־פאַראיין — 60
18. דריי פליישער־„דינאַסטיעס" — 65
19. דער טראַנספּאָרט־פאַראיין — 70
20. טרעגער־טיפּן — 74
21. שטריק־טרעגער און וועגעלעך־טרעגער — 79
22. דער דערנערונג־פאַראיין — 83
23. דער בעקער־פאַראיין — 88
24. בייגל־בעקער און בייגל־הענדלער — 93
25. אַ טאָג אין שעכט־הויז — 96
26. יידישע און פוילישע פליישער־אַרבעטער — 100

27. אויף שמחות און פאַרווײלונגען — 103
28. דער ווידערשטאַנד ביי דער 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע אין 1923 — 105
29. קאַמפן אַרום דער שבתדיקער „פאָלקסצייטונג" — 109
30. קאָמיסאַר צעכנאָווסקי — 111
31. קלמן קאַמאַשנמאַכערס טויט — 113
32. די פילסודסקי־איבערקערעניש. די פ.פ.ס. און די „פראַקעס" — 115
33. די פראַקישע מיליץ — 118
34. אַ נייע גרופע קאָמוניסטישע „שטאַרקע" — 121
35. קאָמוניסטן שיסן אויף אַן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר — 124
36. דער „מאָרגנשטערן" — 127
37. די אַרבעטער־ספאָרט־אָלימפּיאַדע אין פראָג — 132
38. כמאַרעס פון אַלע זייטן — 136
39. אין זאָרג פאַר זעלבסטשוץ — 142
40. אַ כוואַליע „ווילדע" שטרייקן — 144
41. אַ פרואוו פון אַ פערזענלעכן טעראָר־אָנפאַל — 152
42. אין זאַקאָפּאַנע — 155
43. אָנפאַלן אויף אַן אָוונטשול — 159
44. איבערפאַל אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע — 161
45. ווידער אַ פרואוו מיך צו דערמאָרדן — 166
46. די קראָכמאַלנע גאַס — 169
47. דער „גראָבער יאָסל" — 172
48. כאַסקעלע — 177
49. „מאלעמאטקע" — 180
50. יוקעלע — 184
51. צרות פון . . . קולטורעלן אויפשטייג — 187
52. די מיליץ העלפט דער בונדישער שטאָטראַט־פראַקציע — 200
53. די 1 מאַי־פייערונגען אונטערן פילסודסקי־רעזשים — 208
54. אַ געמיינזאַמע 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע מיט דער פ.פ.ס. — 219
55. אין רויטן ווין — 222
56. גאַסן־קאַמפן מיט די פוילישע היטלעריסטן — 227
57. די קאַמפן אַרום בויקאָטירטע יידישע געשעפטן — 234
58. אַרום די „געטאָ־בענק" אין די אוניווערסיטעטן — 237
59. מיין זון אויפן „סקיף"־לאַגער — 240
60. דער בעקער־פאַראיין קערט זיך אָפ פון די קאָמוניסטן;
דער מאָרד איבער נויערמאַנען — 244

61. נחום כאַנינס באַזוך אין וואַרשע — — — — — — — — — — — 249
62. דריי בלוטיקע אָנפאַלן אין איין טאָג — — — — — — — — — 252
63. נסיונות און ספקות — — — — — — — — — — — — — — — 256
64. שלמה מענדעלסאָן — — — — — — — — — — — — — — — — 259
65. אין פאַסטקע ביי דער „שעטשקע־באַנדע" — — — — — — — — 264
66. די פּראַקעס פאַרמעסטן זיך אויפן צייטונגס־פאַרשפּרייטער־פאַראיין — — — — — — — — — — — — — — — — — — 267
67. דער פּראַקישער טרעגער־פאַראיין; איטשע זבוך — — — — — 270
68. אָפּגעגנומען אַ גנבה פאַר אַ לעדער־סוחר — — — — — — — — 273
69. ביי די האַנדלס־אָנגעשטעלטע; נאָך איין אַרבעטער־מאָרד — — 275
70. אַ ליציטאַציע פון דער „פאָלקסצייטונג" — — — — — — — 280
71. אַ מפּלה פון גלח טזשעטשאַק — — — — — — — — — — — 285
72. פּושיטיק — און דער פּראָטעסט־שטרייק פון 17־טן מערץ 1936— 289
73. דער פּאָגראָם אין מינסק־מאַזאָוויעצק — — — — — — — — — 293
74. כוליגאַנעס דערהרגענען אַ קינד בעת אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע— 297
75. אָענערישע פירער כאַפּן אַ פּסק — — — — — — — — — — 300
76. וואָך ביי אונזער „פאָלקסצייטונג" — — — — — — — — — — 302
77. דער פּאָגראָם אין בריסק — — — — — — — — — — — — — 304
78. וואַרשעווער בונדישע לאָקאַלן — — — — — — — — — — — — 311
79. אַ באָמבע אין בונדישן לאָקאַל — און אונזער ענטפער די „אָענעראָווצעס" — — — — — — — — — — — — — — — — — 315
80. אַן „אָענערישער" פּרואוו צו דערמאָרדן דעם חבר העניק ערליך— 319
81. 18־טער דעצעמבער 1938 — — — — — — — — — — — — — — 323
82. אַ לעצטער קוק אויף אונזער יוגנט — — — — — — — — — — 327

בילדער — צווישן טעקסט

אַרייַנפיר

מיר גיבן איבער אין די הענט פונם לייענער אַ ניי בוך פון בערנאַרד גאָלדשטיין — זייַנע איבערלעבונגען אין וואַרשע, אין די קאַמף־רייען פון „בונד“, אין די יאָרן 1919 — 1939.

די פאַרשידענע פעריאָדן פון דער בונדישער געשיכטע זייַנען רעפּרע־זענטירט אין דער בונדישער ליטעראַטור אין אַ זייער נישט גלייכער מאָס. צום צאָלרייכסטן, פאַרהעלטנישמעסיק, זייַנען די ביכער וועגן די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון „בונד“, וועגן דעם „בונד“ אין צאַרישן רוסלאַנד. פיל קלענער איז די צאָל בונדישע פּובליקאַציעס, וואָס נעמען אַרום די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. צום ווינציקסטן איז באַשריבן דער פעריאָד פון „בונד“ אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

דער פעריאָד נעמט אַרום איבער 20 יאָר — די צייט פון דער ערשטער ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. ס׳איז אַ פעריאָד, אין וועלכן דער „בונד“ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער סיי סאָציאַליסטישער סיי נאַציאָנאַל־קולטורעלער קעמפערישקייט, דינאַמישקייט. אָבער אַפילו בונדישע פּובלי־קאַציעס פאַרנעמען זיך מיט אים זייער ווינציק.

ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס אַזאַ וויכטיקער פעריאָד אין דער געשיכטע פון „בונד“ — און פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע בכלל — האָט ביז איצט געפונען אַזאַ קנאַפּע אָפּשפּיגלונג אין דער ביכער־וועלט. איינע פון די סיבות, וואָס זייַנען גורם דעם דאָזיקן מאַנגל, איז געוויס די פאַרגעקומענע קאַטאַסטראָפע.

***

דער טראַגישער אומקום פון פּוילישן יידנטום וואַרפט אַ בלוטיקן שלייער איבער די יאָרן פאַרן חורבן. ס׳איז נישט לייכט צו דערציילן היינט וועגן דעם לאַנגן, מוטיקן, אָפט מאָל אויך העלדישן ווידערשטאַנד קעגן דעם אַנטי־סעמיטיזם פון דער פּוילישער רעאַקציע, נאָך דעם ווי אַלע ווילדע אַנטי־יידישע עקסצעסן, באָיקאָטן, פּאָגראָמען זייַנען שפּעטער געוואָרן אַזוי פאַר־בלאַסט דורך דעם מערדערישן היטלעריזם. אין פּשיטיק, אין מינסק מאַזאָ־

וויעצק, אין בריסק זיינען געפאַלן צו איינצלנע יידישע קרבנות — וואָס זיינען דאָס פאַר אַ „טעמעס" אין פאַרגלייך מיט די מאַסן־הריגות אין וואַרשע־ווער און אין אַנדערע געטאָס, אין טרעבלינקע, אוישוויץ, מיידאַנעק, בערגען־בעלזען, בוכענוואַלד און אין אַנדערע טויט־לאַגערן?

דער יידישער ישוב אין פוילן האָט אַדורכגעמאַכט אַן אייגנאַרטיקע עוואָלוציע. ער איז געווען שטאַרק דיפערענצירט סאָציאַל, פּאָליטיש, אידעאָ־לאָגיש. ער האָט שימערירט מיט אַלערליי פּאָליטישע קאָלירן — שוואַרץ, בלוי־ווייס, רויט. דער „בונד" האָט אינם דאָזיקן ישוב געהאַט אַ פעסטע, ברייטע און דויערהאַפטע אַרבעטער־באַזע, וואָס קיינער פון זיינע קעגנער האָט ביי אים נישט געקאָנט צונעמען. ער אָבער האָט יאָ באַוויזן זיך אויסצוברייטערן אויפן חשבון פון זיינע קעגנער: אין די לעצטע און שווערסטע (דע־מאָלט) יאָרן האָט אַ מערהייט פון די, וועלכע האָבן פריער געשאָנקען זייער צוטרוי די פּאַרטייען פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע און ציוניזם, זיך אַ קער געטאָן צום „בונד" — צו דעם אַפּיקורסישן און אַנטי־ציוניסטישן, צו דעם אַנטי־קאַפּיטאַליסטישן, אַנטי־קאָמוניסטישן און אויסגעהאַלטן־סאָציאַ־ליסטישן „בונד". די דעמאָלטיקע בונדישע זיגן ביי די וואַלן צו די קהילות, די פעסטונגען פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט, און צו די שטאָט־ראַטן פון די גרעסטע שטעט אין פוילן, מיט וואַרשע בראש — דאָס איז אַן איינציק־אַרטיקע דערשיינונג אין דער בונדישער און יידישער געשיכטע. אָבער ווי נעמט מען זיך איצט צום באַשרייבן אָט די באַלערנדיקע היסטאָרישע אַנט־וויקלונג נאָך דעם, ווי דאָס פּוילישע יידנטום איז אַזוי פלוצלונג און אַזוי ברוטאַל־מערדעריש פאַרשניטן געוואָרן?...

„יידן, געדענקט!" „יידן, פאַרשרייבט!" — איז אַ רוף, וואָס דרינגט אַדורך די היינטיקע יידישע נאָך־חורבן־עפּאָכע. אָבער ער דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן צו שמאָל. ער דאַרף זיך נישט באַציען אויסשליסלעך צום חורבן און צום ווידערשטאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער ביישפּיל־לאָזער נאַציסטישער פעלקער־מאָרד, אויסגעפירט איבער 6 מיליאָן יידן, מיטן יידישן ישוב אין פוילן אין דער ערשטער ריי פון די אויסגעהרגעטע, וועט ווערן בולטער אין די אויגן פון דער וועלט און ווייטיקלעכער פאַר די צוקונפטיקע יידישע דורות, ווען עס וועט ריכטיק באַשריבן ווערן דאָס יידישע לעבן — און דאָס מיינט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אויך דאָס יידישע אַרבעטער־לעבן — וואָס איז אין מיטן פון זיין שטורמישן אויפשטייג אַזוי גרויזאַם און טאָטאַל איבערגעריסן געוואָרן. ערשט אין דעם ליכט פון אַזאַ ברייטערער געדעכעניש און פאַרשרייבונג קען ווערן פולשטענדיק קלאָר, וואָס דאָס יידישע פאָלק און די צוקונפטיקע יידישע דורות האָבן פאַרלוירן. און נאָר אין אַזאַ פאַרשרייבונג זעט זיך אויך אין פולער מאָס די אינערלעכע לעבנס־קראַפט, די נאַציאָנאַל־קולטורעלע שעפערישקייט און אַנטוויקלונגס־פעאיקייט פון יידישן פאָלק אויך אין די באַדינגונגען פונם א. ג. „גלות".

מען דאַרף געדענקען:

נישט קיין אינערלעך־יידישע פאַקטאָרן, נאָר אַן אויסערלעכע טייוואָלישע

מערדער־האַנט האָט פאַרניכטעט די דאָזיקע אַנטוויקלונג. אָבער אַ פאַרניכטונג פון יידישע לעבנס דורך אַן אויסערלעכער קראַפט, דורך אינוואַזיע פון אַ קריגערישער און מערדערישער איבערמאַכט, האָט שוין געטראָפן די יידן נישט בלויז אין „גלות", נאָר אויך אין אייגענעם לאַנד. זי האָט בעת דער לעצטער מלחמה געקאָנט טרעפן אויך ארץ־ישראל, ווען די יידן־פרעסערישע היטלער־חילות וואָלטן נישט געשלאָגן געוואָרן — דורך די מעכטיקערע (נישט־יידישע) מערב־אַרמייען — ביי על־אַלאַמיין.

פון וועלכער זייט מען זאָל דעם ענין נישט באַטראַכטן — אין יעדן פאַל איז נישטאָ קיין שום אָביעקטיווע באַרעכטיקונג פאַר פאַרשוויגן אָדער מינימיזירן דאָס פאַרניכטעטע יידישע לעבן און זיין אַנטוויקלונג ביז אונזער נאַציאָנאַלן חורבן. און אויך דער איבער 20־יאָריקער פעריאָד פון דער בונדישער טעטיקייט אין אומאָפּהענגיקן פוילן טאָר נישט פאַרלוירן ווערן פאַרן יידישן געזעלשאַפטלעכן זכרון.

דאָס בוך פון חבר בערנאַרד גאָלדשטיין נעמט אַרום די דאָזיקע ווייניק באַשריבענע עפּאָכע. מיט דעם אַליין דערפילט עס אַ וויכטיקע אויפגאַבע.

***

דאָס בוך איז, מיט ווייניקע אויסנאַמען, באַגרענעצט מיט וואַרשע — מיט דער שטאָט, אין וועלכער דער מחבר האָט געלעבט במשך פון די 20 יאָר, וועגן וועלכע ער שרייבט. ס'איז אַ מעמואַריסטיש בוך, וואָס דערציילט וועגן מענטשן און געשעענישן, וועגן קאַמפן און איבערלעבונגען, וועלכע זיינען ווערט פאַרצייכנט צו ווערן און צו וועלכע דער מחבר האָט געהאַט אַ נאָענטע, דירעקטע שייכות.

„חבר בערנאַרד", ווי ער איז ביז היינט באַקאַנט אין די בונדישע רייען, איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון „בונד" אין וואַרשע. אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע, אין וואַרשעווער געטאָ, איז ער געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד". אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן איז ער געווען אַ מיטגליד פון אַלע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן פון „בונד" אין וואַרשע: פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד", פון זיין פרעזידיום און סעקרעטאַריאַט. ער איז געווען אַ מיטגליד און טוער אין דער אָנפירונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער אין וואַרשע, פונם אַ.ג. „צענטראַל־ראַט". ער איז געווען אין דער אָנפירונג פון דער בונדישער ספּאָרט־געזעלשאַפט „מאָרגנשטערן". ער האָט געלעבט און געפיבערט מיט דער טעטיקייט פון דער גרעסטער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין פוילן. ער איז געווען אַ דעלעגאַט אויף אַלע בונדישע צוזאַמענפאָרן אין פוילן. ער איז געווען אַקטיוו אין פיל פּאָליטישע קאַמפן, אַרויסטרעטונגען, מאַניפעסטאַציעס פון „בונד". אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום „בונד", איז אים געווען (און געבליבן) זייער נאָענט.

פונדעסטוועגן באַגרענעצט ער זיך אין דעם בוך נאָר צו אַ טייל פון דעם, וואָס ער אַליין האָט מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט אין די באַשריבענע יאָרן. וועגן פיל קאַמפן, אַקטיוויטעטן, געשעענישן, אויפגאַבן, פּראָבלעמען, דיסקוסיעס, מיט וועלכע עס האָבן זיך דעמאָלט פאַרנומען דער „בונד״ און די בונדיסטן, דערציילט חבר בערנאַרד אינם בוך גאָר נישט, אָדער זייער ווייניק, בלויז אויף וויפל דאָס איז נויטיק פאַר דער קלאָרקייט און פאַר־שטענדלעכקייט פון זיינע באַשרייבונגען. למשל:

זיבן צוזאַמענפאָרן האָט אָפּגעהאַלטן דער „בונד״ אין פוילן (אין 1920, 1921, 1924, 1929, 1930, 1935, 1937). יעדערער פון זיי איז געווען אַ מייל־שטיין אין דער אַנטוויקלונג פון „בונד״ און האָט במשך פון חדשים צוגע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט פון ברייטע בונדישע (און אַפילו נישט־בונדישע) קרייזן. חבר בערנאַרד שרייבט וועגן די ערשטע צוויי צוזאַמענפאָרן, און דאָס אויך גאַנץ קורץ, נישט אַריינגייענדיק אין תוך פון די פראַגן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך פאַרנומען.

אין די 20 יאָר, וועלכע ווערן אַרומגענומען מיט חבר בערנאַרדס זכרונות, זיינען פאָרגעקומען זיבן אַלגעמיינע צוזאַמענפאָרן פון די יידישע פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען (טרעיד־יוניאָנס), רעפּרעזענטירט דורך זייער צענטראַ־לער אָנפירונג, דעם א.ג. „לאַנד־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע (יידישע) קלאַסן־פאַראיינען״. אַחוץ דעם זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פיל צוזאַמענפאָרן פון די באַזונדערע פאַראיינען, ווי אויך פון דער גאַנצער (אויך פוילישער) פּראָפע־סיאָנעלער באַוועגונג, צו וועלכע דער „בונד״ האָט געהאַט אַ נאָנ־טע שייכות. דאָס זיינען געווען וויכטיקע געשעענישן אין בונדישן און אַרבעטער־לעבן. די יידישע טרעיד־יוניאָנס האָבן געציילט אין די 30־ער יאָרן אַרום 100.000 מיטגלידער, — אַ פערטל פון אַלע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער קלאַסן־באַוועגונג פון פוילן. דאָס איז געווען די גרעסטע יידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע אין פוילן און זי איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון „בונד״. חבר בערנאַרד דערציילט אין דעם בוך וועגן דער פאַראייניקונג פון די יידישע פאַראיינען מיט דער פוילישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ער באַשרייבט אויספירלעך און זייער אינטערעסאַנט די אייגנאַרטיקייט, די טעטיקייט און די פּראָבלעמען פון אַ ריי פאַראיינען, מיט וועלכע ער איז געווען באַזונדערס נאָענט פאַרבונדן. ער דערציילט אויך, ווען ס׳איז נויטיק צוליב קלאָרקייט, וועגן אַנדערע פאַראיינען. אָבער דאָס לעבן פון דער גאַנצער יידישער פּראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג און אַ סך פון אירע צאָלרייכע פּראָבלעמען, קאַמפן, צוזאַמענפאָרן ווערן אין דעם בוך נישט באַרירט.

דער „בונד״ האָט אין פוילן פאַרמאָגט אַ גרויסע יוגנט־באַוועגונג, מיט אַ טיפן אינערלעכן לעבן, מיט פיל עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, מיט ספּע־ציפישע אויפגאַבן, פּראָבלעמען, דיסקוסיעס. דאָס איז געווען די שטאַרקסטע יוגנט־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס און רעלאַטיוו איינע פון די גרעסטע

אינם סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכן זי איז געווען אָנגעשלאָסן.

דער „בונד" האָט אויפגעבויט אַ נעץ פון יידיש־וועלטלעכע טאָג־שולן, קינדער־היימען, אָוונט־שולן. די פּוילישע רעגירונג האָט פאַר די דאָזיקע אַנשטאַלטן נישט געזאָרגט; פאַרקערט, זי האָט זיי גערודפט, געשטערט זייער אַנטוויקלונג. קאַמף פאַר זייער רעכט, זאָרג פאַר זייער מאַטעריעלער אויסהאַלטונג, פאַר זייער פּעדאַגאָגישן מצב, קאַמף פאַר יידיש און פאַר דער יידיש־וועלטלעכער קולטור — דאָס זיינען געווען אויפגאַבן, וואָס האָבן געפאָדערט טאָג־טעגלעך אַ סך מי, ענערגיע, אַרבעט. צו דעם איז צוגעקומען די פּאָליטישע אויפקלערונג און קולטור־טעטיקייט, געפירט סיסטעמאַטיש, יעדע וואָך, צווישן טויזנטער יידישע אַרבעטער און אַרבעטס־מענטשן. ווידער — אַ געביט מיט אַ סך אייגנאַרטיקע אויפגאַבן, פּראָבלעמען, שוועריקייטן.

עס זיינען געווען נאָך פיל אַנדערע צווייגן און געביטן פון דער בונדישער טעטיקייט. זיי זיינען אַלע געווען דורכגעדרונגען מיט דער זעלבער איינשטעלונג און אידעאָלאָגיע. אידעאָלאָגישע פראַגן האָבן בכלל פאַרנומען אַ גרויס אָרט אינם לעבן פון „בונד" און בונדיסטן. בונדיסטן האָבן אויך אָפט מאָל געפּיבערט מיט אַקטועלע וועלט־פּראָבלעמען און מיט פראַגן פון אַלגעמיינער, סאָציאַליסטישער און יידישער פּאָליטיק.

די אַלע און פאַרשידענע אַנדערע וויכטיקע לעבנספאָרמען און אַספּעקטן פון דער בונדישער באַוועגונג ווערן אין דעם בוך בלויז זייער קורץ באַרירט, און טייל מאָל אַפילו נישט דערמאָנט.

דאָס איז נישט קיין חסרון, דאָס איז אַ מעלה פון דעם בוך. חבר בערנאַרד האָט זיך נישט געשטעלט די אויפגאַבע צו באַשרייבן אַלע געשעענישן אָדער טעטיקייטן פון וואַרשעווער „בונד", מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג. ער וויל באַשרייבן און באַשרייבט פּרטימדיק בלויז אַ טייל פון בונדישן לעבן און קאַמף, בלויז די אויפגאַבן, וועלכע ער האָט אויסגעפירט, בלויז די געשעענישן און אַרבעטס־געביטן, אין וועלכע זיין ראָל איז געווען אַ דעציידירנדיקע און מיט וועלכע קיינער איז נישט אַזוי גוט באַקאַנט ווי ער. דער פּאָזיטיווער רעזולטאַט פון אַזאַ איינשטעל איז, אַז דאָס, וועגן וואָס ער דערציילט, ווערט באַשריבן אינטערעסאַנט, געטריי, מיט זאַך־קענטעניש. אַנשטאָט צו באַרירן אַ סך טעמעס און זאָגן ווייניק, באַהאַנדלט ער ווייניקער ענינים — אָבער נישט ווייניק וויכטיקע — און זאָגט וועגן זיי אַ סך. דער לייענער באַקומט דערפאַר אַ קלאָר בילד וועגן וויכטיקע טיילן פון בונדישן לעבן און קאַמף אין וואַרשע פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג.

***

אַ גרויסע צאָל מענטשן־טיפּן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן אין דעם בוך געשילדערט, האָבן זיך געפונען אויפן ראַנד פון דער וואַרשעווער יידישער

אַרבעטערשאַפט און אַרבעטער־באַוועגונג. טייל פּראָפעסיאָנעלע פּאַראײנען, וואָס ווערן אין דעם בוך באַשריבן איינדרוקספול און אינטערעסאַנט, זיינען טאַקע געווען זייער אייגנאַרטיק און ס׳איז געווען אַן אויפטו איינצוגלידערן אויך אָט די אַרבעטער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, און זיי דערמיט אויפֿהייבן צו אַ העכערן סאָציאַל־קולטורעלן מצב.

אָבער אַ טייל פון די באַשריבענע מענטשן, וואָס זיינען געווען אויפן ראַנד פון דער יידישער געזעלשאַפט, אידער זיי זיינען געקומען צום „בונד״, געפינען זיך אָפט צווישן צוויי וועלטן: פון איין זייט — די אונטער־וועלט, פון וועלכער זיי קומען; פון דער צווייטער זייט — די „אויבערוועלט״, די וועלט פון סאָציאַליסטישן אידעאַליזם, פון קאַמף פאַר העכערע צילן, די וועלט, צו וועלכער זיי ווערן דערהויבן. ס׳איז געווען נישט לייכט צו דערפירן אַפילו דעם דורכשניטלעכן יידישן אַרבעטער און אַרבעטסמענטש צו דער מדרגה פון אַ קעמפער, רעוואָלוציאָנער, אידעאַליסט. וויפל שווערער איז עס געווען ביי די באַשריבענע מענטשן „אויפן ראַנד״? און וויפל לענגער איז געווען דער וועג צו זייער דערהויבונג? די קאַפיטלעך, וואָס שילדערן די מניעות אויפן דאָזיקן וועג און די פסיכאָלאָגישע שוועריקייטן אַפילו שוין נאָך זיין אַדורכמאַכונג, קענען זיין אינטערעסאַנט אויך פאַר סאָציאַל־פסיכאָלאָגן.

אַ סך פון די באַשריבענע מענטשן, זייערע פירונגען און סביבות — די פאַרשידענע מינים טרעגער־פאַכן, שעכט־הויז־אַרבעטער, בעקער און אַנדערע — זיינען ווייניק באַקאַנט דעם לייענענדיקן עולם. דורך די שילדערונגען פון חבר בערנאַרד זיינען געוואָרן פאַרצייכנט און אָפּגעראַטעוועט פון פאַרגעסנקייט אויך וויכטיקע עלעמענטן פון יידישן פאָלקלאָר און לעבנסשטייגער.

⁂

אַ גרויסער, זייער וויכטיקער טייל פון חבר בערנאַרדס בוך איז געווידמעט דעם בונדישן זעלבסטשוץ.

„זעלבסטשוץ״, אַקטיווער ווידערשטאַנד קעגן פּאָגראָמען און אַנדערע פיזישע אָנגריפן אויף דעם יידישן מענטש און פאָלק — דאָס איז אַ וויכטיקער אַספּעקט פון דער רעוואָלוציע, וואָס דער „בונד״ האָט אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן. די „זעלבסטשוצן״ קעגן די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס געפינען זיך שוין לאַנג אויף די רומרייכע בלעטער פון דער בונדישער און יידישער געשיכטע.

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן איז אָפּוער קעגן אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן געבליבן אַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פון בונדישן זעלבסטשוץ. ס׳איז אָבער נישט געווען זיין איינציקע אויפגאַבע. דער קאַמף־פראָנט פון זעלבסטשוץ איז געוואָרן אויסגעברייטערט. ס׳איז צוגעקומען די אויפגאַבע פון שוץ און פאַרטיידיקונג קעגן דעם אַנטי־בונדישן טעראָר פון קאָמוניסטן. שפּע־

טער האָט זיך געשטעלט אַ דריטע שוץ־אויפֿגאַבע — קעגן די „פּראָלעטאַ־רישע" פֿאַשיסטן, וואָס האָבן געשטיצט און אַליין געהאַט די שטיצע פֿון דער הערשנדיקער פּילסודסקי־רעגירונג און האָבן געוואָלט צעשטערן, אויך מיט פֿיזישן טעראָר, די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג. די יידישע אַריינ־געדרעכנט. און טייל מאָל האָט מען זיך אויך געמוזט באַשיצן קעגן אָנפֿאַלן מצד געוויסע אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזע טיילן פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס האָבן נישט געוואָלט טאָלערירן אונזער וועלטלעכע יידישקייט און האָבן אויך פֿיזיש אָנגעגריפֿן — אין געוויסע פֿאַלן — די אויסדרוק־פֿאָרמען פֿון דער בונדישער, יידיש־וועלטלעכער קולטור־טעטיקייט.

נישט אַלע מאָל האָבן זיך די אַלע שוץ־אויפֿגאַבן געשטעלט פֿאַר דער באַוועגונג גלייכצייטיק, אָדער מיט דער גלייכער שאַרפֿקייט און דרינגלעכ־קייט. טייל פֿון זיי זיינען אין די שפּעטערע יאָרן אַראָפּ פֿון טאָג־אָרדענונג: די קאָמוניסטן אין פּוילן האָבן אָפּגעשטעלט (אַרום מיטן פֿון די 30־ער יאָרן) זייערע פֿיזישע אָנפֿאַלן אויף דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג. דערנאָך איז די גאַנצע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון פּוילן דורך סטאַ־לינען געוואָרן פֿאַנאַנדערגעלאָזט און ליקווידירט; פֿון דער אַנדערער זייט, אינעם איינערלעך־יידישן לעבן, האָבן פֿיל אָרטאָדאָקסן זיך צוגעוווינט צו דער עקזיסטענץ און אויסשפּרייטונג פֿון וועלטלעכער יידישקייט און אַ סך האָבן אויך איינגעזען די פּאָזיטיווע ראָל פֿון „בונד" אין קאַמף פֿאַר דער זי־כערקייט און פֿאַרטיידיקונג פֿון יידישן לעבן. אָבער איין אויפֿגאַבע פֿון שוץ און פֿאַרטיידיקונג איז געוואָרן מיט דער צייט — און אַזוי שוין ביזן סוף — אַלץ שאַרפֿער, און שאַרפֿער און דרינגלעכער — זעלבסטשוץ און ווידער־שטאַנד קעגן אַנטיסעמיטן און אַנטיסעמיטיזם.

מיר זיינען היינט ווייט, ווייט פֿון יענער צייט. אמת, לויטן קאַלענדאַר — „בלויז" 20 — 25 יאָר; אָבער לויט אונזערע איבערלעבונגען און טראַגע־דיעס — מער ווי הונדערט. מיר אַליין גיבן זיך שוין איצט נישט אָפּ קיין פֿולן חשבון, וואָס עס האָט אין די שווערסטע (פֿאַר דעמאָלט) באַדינגונגען באַדייט דער בונדישער זעלבסטשוץ און ווידערשטאַנד קעגן די אָנפֿאַלן פֿון כוליגאַנישן אַנטיסעמיטיזם. חבר בערנאַרד ברענגט אַרויס — צום ערשטן מאָל אין דער עפֿנטלעכקייט — אַ סך וויכטיקע ידיעות און פּאַסירונגען פֿון דעם קאַמף, וואָס דער „בונד" אין פּוילן האָט אין יענע יאָרן געפֿירט פֿאַר די רעכט און זיכערקייט פֿונם יידישן מענטש. ס'איז געווען די לעצטע צוגרייט־טונג־שול צו דעם, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען שפּעטער...

חבר בערנאַרד באַשרייבט אויספֿירלעך און אינטערעסאַנט די אָרגאַניזאַ־ציע פֿון די זעלבסטשוץ־גרופּן, פֿון דער בונדישער פּאַרטיי־מיליץ אין וואַרשע. אַזעלכע גרופּן זיינען אויך געווען אין פֿיל אַנדערע — גרויסע און קליינע — שטעט פֿון פּוילן. זיי האָבן אַרומגענומען אין געוויסע מאָמענטן טויזנטער חברים. אָבער ווי גרויס עס זאָל נישט האָבן געווען זייער צאָל, אָרגאַניזאַציע און קאַמף־דיסציפּלין, נישט די זעלבסטשוץ־גרופּן אַליין, נאָר דער גייסט

פון זעלבסטשוץ, פון קאַמף און ווידערשטאַנד, „דער גייסט וואָס קאָכט״ .. און האָט גערופן און אַרומגענומען די גאַנצע בונדישע באַוועגונג, מיט אַלע אירע צווייגן — דאָס איז, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם „בונד״ צו דערפילן זיינע פאַרשידנאַרטיקע אויפגאַבן, בפרט אויך די, וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אין חבר בערנאַרדס בוך.

דאָס בוך זאָגט עדות וועגן דעם דאָזיקן גייסט. אויך אין דעם ליגט זיין ווערט. און זייענדיק אַ באַשרייבונג פון דער ערשטער האַנט וועגן אַ ריי וויכטיקע אָפּשניטן פון בונדישן לעבן אין וואַרשע, ווייזט עס נאָך קלאָרער, ווי ס׳איז געווײַנטלעך באַקאַנט, די אַטמאָספער פון קאַמף און דערהויבונג, וואָס דער „בונד״ האָט אַרײַנגעבראַכט אין יידישן לעבן.

⁂

נאָך די „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״ דערשיינט איצט דאָס צווייטע בוך פון חבר בערנאַרד גאָלדשטיין. נאַטירלעך, ס׳איז גאַנץ אַנדערש ווי דאָס פריערדיקע... אָבער ס׳איז דאָ צווישן זיי אַ פאַרבינדונג.

זכרונות זיינען נישט קיין געשיכטע. אָבער זיי קענען זיין אַ וויכטיקער מאַטעריאַל און קוואַל פאַר דער געשיכטע. מיר האָפן, אַז דאָס איז און וועט פאַרבלייבן דער ווערט פון חבר בערנאַרדס זכרונות.

דר. עמנואל שערער



בערנאַרד גאָלדשטיין

קאַפּיטל 1

איך פֿאָר אַהיים

ס׳איז געווען אין יאָר 1918, אין קיעוו. די פּאָליטישע סיטואַציע אין שטאָט און אין אוקראַינע בכלל איז געווען אומקלאָר. די אינערלעכע לאַגע אין דער פּאַרטיי, אין בונד — אַ שווערע. ס׳האָבן זיך שוין קלאָר אַנגעזען די סימנים פֿון באָלשעוויסטישן פֿאַרראַט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ סך בונ־דיסטן, וועלכע זיינען נאָך נעכטן געווען געטרייע, איבערגעגעבענע פּאַרטיי־מיטגלידער.

די מאַכט אין אוקראַינע האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין די הענט פֿון דער פּעטליורא־רעגירונג. פּעטליורא האָט איבערגענומען די ממשלה מיט דער הילף פֿון „איספּאָלקאָם״, וואָס האָט דערפֿאָלגרייך אַדורכגעפֿירט די רעוואָלוציע קעגן דער פּראָ־דייטשער סקאָראָפּאַדסקי־רעגירונג. דער איספּאָלקאָם (אויס־פֿיר־קאָמיטעט) איז געווען אַן אָנפֿירנדיקע קערפּערשאַפֿט וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿאָרשטייערס פֿון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען און פֿון די (אומלעגאַלע) פּאַר־טייאישע גרופּעס אין מיליטער. אַזוי ווי די אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן זיך גע־גרייט צו אַן אויפֿשטאַנד קעגן דער סקאָראָפּאַדסקי־רעגירונג, האָט יעדע פּאַרטיי געשאַפֿן איר באַוואָפֿנטע קאַמף־דרוזשינע. אויך דער בונד האָט גע־שאַפֿן אַזאַ באַוואָפֿנטע גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון עטלעכע הונדערט חברים, און מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן אָנצופֿירן מיט דער גרופּע. אין נאָמען פֿון דער בונדישער קאַמף־דרוזשינע בין איך געוואָרן אַ מיטגליד פֿון „איספּאָלקאָם״. (דער פֿאָרשטייער פֿון דער פּאַרטיי איז געווען בנימין חפץ). ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד האָט די בונדישע באַוואָפֿנטע דרוזשינע געקעמפֿט אין צענטער שטאָט און האָט פֿאַרנומען דעם קוואַרטאַל צווישן קרעשטשאַטיק, מאַלע וואַסילקאָווסקע און פֿונדעקלעיעווסקע גאַסן.

נאָך דעם איינגעגעבענעם אויפֿשטאַנד, ווען פּעטליורא האָט איבערגענומען די מאַכט, זיינען די פּאַרטייאישע קאַמף־דרוזשינעס אָפֿיציעל פֿונאַנדערגעלאָזט געוואָרן. אָבער יעדע פּאַרטיי — אויך דער בונד — האָט פֿאַרהאַלטן ביי זיך איר געווער־סקלאַד און האָט איבערגעלאָזט אַן אָרגאַניזירטן קערן פֿון איר קאַמף־דרוזשינע, טאָמער וואָס עס מאַכט זיך.

די פֿריידיקע שטימונג ביי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נאָכן איינגע־געבענעם אויפֿשטאַנד האָט ניט לאַנג געדויערט. די פּעטליורישע רעגירונג האָט גאַנץ גיך זיך אָנגעהויבן אָפּקער׳ן פֿון די אַרבעטער־פּאַרטייען וואָס האָבן איר געהאָלפֿן קומען צו דער מאַכט.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט: ווען אין דייטשלאַנד זיינען דערמאָרדעט געוואָרן ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט, האָט דער בונדישער קאָמיטעט אָרגאַניזירט אַן עפנטלעכע טרויער־פאַרזאַמלונג צו זייער אָנדענק. אָבער די פּעטליורישע אַדמיניסטראַציע האָט די פאַרזאַמלונג פאַרבאָטן. איך בין אַוועק צו דער מאַכט אינטערווענירן — און כ׳האָב צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג אָנגעטראָפן אויף אַ באַאַמטן וואָס איז ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק צוזאַמען מיט מיר געזעסן אין „איספּאָלקאָם״. ער האָט סוף־כל־סוף צוריקגעצויגן דעם פאַרבאָט, אָבער איך בין אַוועק פון אים מיט זייער אַן אומאַנגענעם געפיל: ניט לאַנג צוריק האָבן מיר ביידע געקעמפט האַנט ביי האַנט פאַר איין ציל, איצט שטייען מיר שוין איינער אַנטקעגן צווייטן ווי קעגנער.

אויך די אינערלעכע סיטואַציע אין בונד האָט אַלץ מער און מער פאַר־ביטערט די שטימונג. די באָלשעוויקעס זיינען געגאַנגען אויף אוקראַאינע און האָבן זיך דערנענטערט צו קיעוו. וואָס נענטער זיי זיינען געקומען צו דער הויפּט־שטאָט, אַלץ מער האָבן זיך באַוויזן חברים וועלכע האָבן זיך אונטער־געגעבן די פּראָ־באָלשעוויסטישע שטימונגען. אָבער דאָס איז ניט געווען סתם קיין מיינונג־פאַרשיידנקייט, צו וואָס מען איז אין בונד שוין פון לאַנג געווען צוגעוווינט. עס איז צוגעקומען עפּעס נייעס און דאָס איז געווען די הויפּט־סיבה פון דער פאַרביטערונג: דער חבר וואָס איז געוואָרן פּראָ־באָלשעוויסטיש האָט ניט בלויז געביטן זיין מיינונג, ער איז באַלד געוואָרן אַן אַנדער מענטש, גאָר ניט צו דערקענען; פאַרראַט, אָפּנאַרעריי, אומלאָיאַלקייט זיינען געוואָרן זיין געווער אין פראַקציאָנעלן קאַמף, מיט וועלכע האָט מען זיך צוגעקוקט ווי דער גייסט פון חברישקייט און משפחהדיקייט הויבט זיך אָן פונאַנ־דערצופאַלן און עס נעמט הערשן קעגנזייטיקער אומצוטרוי און חשד.

ביי אָט דער לאַגע, אין אָט דער שווערער שטימונג, בין איך געזעסן אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג און זיך צוגעהערט צום באַריכט וואָס עס האָט אָפּ־געגעבן דער חבר עמנואל נאָוואָגרודסקי וואָס איז דעמאָלט געקומען אויף אַ קורצער צייט צו גאַסט פון וואַרשע. ער האָט דערציילט וועגן דער אויפגעג־לעבטער בונדישער באַוועגונג אין נייעם אומאָפּהענגיקן פוילן, און ספּעציעל — אין וואַרשע. ער האָט דערציילט וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וואָס אַרבעטן שוין איצט לעגאַל און וואָס האָבן זיך ווי איבער נאַכט ברייט פונאַנ־דערגעוואַקסן; וועגן דער פירנדיקער ראָלע פון בונד אין די דאָזיקע פאַר־איינען; וועגן דעם וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט און וועגן דעם וויכטיקן אָרט וואָס דער בונד פאַרנעמט דאָרט; וועגן דער ברייט־פאַרצווייגטער קולטור־אַרבעט וואָס קאָנצענטרירט זיך אַרום דעם גראָסער־קלוב א. אז. וו. דערביי האָט ער דערמאָנט נעמען פון חברים, וואָס אַ סך פון זיי זיינען געווען פאַר מיר צאַפּלדיקע שטיקער לעבן, מענטשן, מיט וועלכע עס האָבן מיך פאַרבונדן אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן פון דער אומלעגאַלער אַרבעט אין דער צאַרישער צייט.

דאָס בילד וואָס ח׳ עמנואל האָט געמאָלן האָט מיך מיט אַ מאָל פאַרכאַפּט.

מיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט. איך האָב פלוצלונג דערפילט, אַז דאָס אָרט וועגן וועלכן עמנואל דערציילט איז דאָך מיין היים. און עס האָט זיך ביי מיר אויפגעוועקט אַ הייסער באַגער אומצוקערן זיך אַהיים.

די דאָזיקע שטימונג און פלוצלונגדיקע בענקשאַפט אַהיים איז נאָך דער פאַרזאַמלונג ביי מיר נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן. דער באַריכט פון אויפגעלעבטן בונד אין פוילן האָט געקלונגען פאַר מיר — דאָ, אין קיעוו — ממש ווי אַן אידיליש מעשהלע. וואָס מער איך האָב געטראַכט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער אינערלעכער באַפעל: שוין פאָרן אַהיים! אַרבעטן אין היימישן בונד! דאָרט, וואו מען דאַרף קעמפן מיט קלאַסן־שונאים, ניט מיט נעכטיקע חברים!

נאָך דעם ווי כ׳האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט אַהיים צו פאָרן בין איך אַוועק צום פּאַרטיי־קאָמיטעט פון בונד מעלדן וועגן דעם. איך האָב אָפּגעגעבן דעם פּרעזידיום אַ באַריכט און אַלע חשבונות, כ׳האָב איבערגעגעבן אַלע פּאַרטיי־מאַטעריאַלן וואָס האָבן זיך ביי מיר געפונען און כ׳האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צום פאָרן. מיין פרוי, לוציע, איז דעמאָלט נאָר וואָס געווען אַרויס פון אַ קראַנקייט. ס׳האָט דעמאָלט געבושעוועט אַן עפּידעמיע פון אינפלוענציע אין זייער אַ שווערער פאָרם און אויך לוציע איז אַוועקגעפאַלן אויף דער דאָזיקער חולאת. ווען מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים האָט זי ערשט אָנגעהויבן קומען צו זיך. די רייזע אויף די באַנען איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות, זי איז געווען צו שוואַך צו נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע רייזע, האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן פאַר איר עפּעס אַ באַקוועמערן וועג. גראָד האָט זיך באַלד געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט.

אין קיעוו האָבן זיך דעמאָלט געפונען פעליע קאַסעל — די פרוי פון שרייבער דוד קאַסעל — און איר שוועסטער פאַליע. זיי האָבן געאַרבעט אין אַ גרויסער דייטשער פירמע וואָס האָט געהאַט אַ פיליע אין קיעוו. די פירמע האָט זיך עוואַקואירט פון שטאָט און האָט מיטגענומען אירע אָנגעשטעלטע, און זי האָט געהאַט צוגעגרייט באַקוועמע וואַגאָנעס פאַר איר פּערסאָנאַל. די צוויי שוועסטער, וואָס זיינען אגב געווען לוציעס נאָענטע קרובים, האָבן זיך אויסגעסטאַרעט פאַר איר אַן אָרט אין דעם עוואַקואַציע־צוג פון דער פירמע און אַזוי האָט לוציע באַקומען אַ מעגלעכקייט אַהיים צו פאָרן אויף אַ גאַנץ באַקוועמען אופן. איך בין פאַרבליבן נאָך עטלעכע וואָכן אין קיעוו ביז איך האָב, ווי אַ פּוילישער בירגער, באַקומען מיינע לעגאַלע רייזע־פּאַפּירן און כ׳האָב זיך אָנגעהויבן פּאַקן אין וועג אַריין.

ס׳רעדט זיך אַזוי: פּאַקן. ס׳איז ניט געווען וואָס צו פּאַקן. אָנגעטאָן בין איך געווען אין אַן אַלטן מיליטערישן מונדיר, אַ שינעל, אַ הויכער פּאַפּאַכע און אַ פּאָר שטיוול. חוץ דעם האָב איך נאָך אין מיין גאַרדעראָב געהאַט אַ ביסל וועש. איך האָב אויך מיטגענומען מיט זיך אַ טשייניק, אַ ביסל צוקער און טיי, אַ לעפל (טאָמער מאַכט זיך אין וועג אַ מעגלעכקייט צו קריגן אַ ביסל וואַרעמס), אַ שטיקל זייף — און דאָס איז געווען אַלץ. ס׳איז ניט געווען קיין שווערע משא.

אָבער אויסגעקומען איז מיר דווקא יאָ צו שלעפּן זיך דעם גאַנצן וועג מיט אַ גאַנץ שווער געפּעק, און דערצו — ניט מיינס. די מעשה איז געווען אַזוי:

האַרט פאַר מיין אָפּפאָרן איז געקומען צו מיר שואל כהן, אַ ברודער פון אונזער חבר ווירגילי כהן — אַן אַמאָליקער „פּאַראַייניקטער" וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ בונדיסט — און מיך געבעטן, אַז היות ער האָט געהערט אַז איך פאָר קיין וואַרשע און זיינע קרובים, אַ פאַמיליע פון לאָדזש, פאָרן אויך צוריק אַהיים, בעט ער מיך, איך זאָל זיי אַרויסהעלפן אין וועג. איך האָב מסכים געווען. די מענטשן — איך געדענק שוין ניט גענוי זייער נאָמען, — זילבערבערג אָדער זילבערמינץ — האָבן געהאַט מיט זיך צוויי שווערע וואַליזעס, האָב איך זיי געהאָלפן און געטראָגן איין וואַליזע. מיר האָבן ניט געקענט אַריין אַלע אין איין וואַגאָן, בין איך געפאָרן מיט מיין קלומעק און מיט זייער וואַליזע באַזונ־דער, און זיי — באַזונדער.

דער וועג איז געווען אַ שרעקלעכער. באַנען זיינען דעמאָלט געגאַנגען זעלטן און ניט רעגולער, מיט ווייניק וואַגאָנען און דערצו ניט־געהייצטע און אָפּט מאָל האַלב־צעבראָכענע. די באַנען און די וועגן זיינען געווען איבערגע־פילט מיט מענטשן. גאַנצע משפחות מיט געפּעק און מיטן גאַנצן האָב און גוטס האָבן זיך געשלעפּט איבער די וועגן און געלאָפן פון שטאָט צו שטאָט זוכן עפּעס אַ שטיקל זיכערן מקום־מנוחה. די ענגשאַפט אויף די באַנען איז געווען איין־לשער. אַחוץ אַלעם האָט זיך די באַן אָפּט אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג צוליבן פעלן פון באַהייצונג, מען איז צוגעלאָפן צו אַ וואַלד, אָנגעהאַקט האָלץ, אונטערגעהייצט דעם לאָקאָמאָטיוו און ווידער אַ ביסל געפאָרן. די באַנען האָט מען אָפּט געדאַרפט טוישן און וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז דער גורל האָט אונטער־געברענגט אַ צווייטע באַן מיט וועלכער מען האָט ווייטער געקענט פאָרן אַ שטיקל וועג. אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט פון קיעוו ביז וואַרשע גאַנצע 10 טעג (נאָרמאַל נעמט אַזאַ רייזע אַן ערך אַ מעת־לעת).

די גאַנצע צייט האָט די פאַמיליע, וואָס איך האָב געטראָגן זייער וואַליזע, געליגט אויף מיר אַ סך אַכט. זיי פלעגן אָפּט אַריינקומען אין מיין וואַגאָן, זען וואָס איך מאַך, ברענגען מיר אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל טיי. נאָך אַ גע־וויסער צייט איז מיר די דאָזיקע אויפמערקזאַמקייט געוואָרן אַ ביסל אויפ־פאַלנדיק. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין אָטוואָצק (לעבן וואַרשע) איז מיר אויסגעקומען אַרויסצוגיין פון וואַגאָן. דערווייל האָט דער צוג גענומען רירן און כ'האָב שוין ניט באַוויזן אַריינצושפּרינגען צוריק אין וואַגאָן. יענע פאַ־מיליע האָט דאָס באַמערקט און זיי זיינען געוואָרן שטאַרק איבערגעשראָקן. איך האָב זיי באַכגעשריגן, זיי זאָלן וואַרטן אויפן וואָקזאַל, איך וועל נאָכקומען מיטן נאָענטסטן צוג (פון אָטוואָצק קיין וואַרשע זיינען שוין געגאַנגען אָפּטע צוגן). איך בין טאַקע גיך אונטערגעקומען מיט אַ צווייטן צוג און זיי האָבן געוואַרט אויף מיר אויפן וואָקזאַל. זיי האָבן מיר זייער געדאַנקט פאַר מיין הילף און זיי האָבן מיך געבעטן מיטפאָרן מיט זיי אין האָטעל אַריין.

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָשקע און געפאָרן. ווי גרויס איז

געווען מיין פאַרוואונדערונג, ווען איך האָב געזען אַז זיי פאַרפאַרן אין האָטעל „בריסטאָל״, דעם עלעגאַנטסטן האָטעל אין וואַרשע. זיי האָבן געדונגען עטלעכע צימערן, איך בין מיט זיי מיטגעגאַנגען. זיי האָבן געעפנט די וואַליזעס — און עס האָט מיר אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן: די וואַליזע וואָס זיי האָבן מיר געגעבן צו טראָגן האָט געהאַט טאָפּלטע ווענט און צווישן די ווענט איז געלעגן גאָלד און צירונג און טייערע חפצים. זיי האָבן מיר פאַרגעלייגט עטלעכע הונדערט מאַרק פאַר מיין טירחה. איך האָב זיי געענטפערט אַז אויב איך זאָל וועלן נעמען אַ באַלוינונג, קומט מיר אַ העלפט פון פאַרמעגן, אָבער איך פאַרלאַנג פון זיי גאָרניט, און כ׳בין אַרויס פון זייער האָטעל־צימער אָן אַ „גוטן טאָג״. איך האָב זיך אַ לאַנגע צייט ניט געקענט שענקען, וואָס איך האָב אַזוי לייכטזיניק גענומען אויף זיך אַזאַ סכנה, ווייל די רעוויזיעס אויף די באַנען זיינען דעמאָלט געווען גאַנץ שטרענגע, ספּעציעל ביי די עוואַקואירטע פון רוסלאַנד, און ווען מען כאַפּט מיך מיט דער דאָזיקער וואַליזע וואָלט איך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן.

קאַפּיטל 2

צוריק אין וואַרשע

איך בין אַרויס פון האָטעל אַן אויפגערעגטער און כ׳האָב אָנגעהויבן גיין. כ׳בין געגאַנגען מיט מיין קלומיקל אין האַנט אין דער ריכטונג פון דער רעדאַקציע לעבנס־פּראַגן אויף נאָוואָליפּיע 7. אַזוי גייענדיק, האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן איבער די וואַרשעווער גאַסן. זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַן אימהדיקן איינדרוק. וואַרשע איז געוואָרן עפּעס טונקעלער, גרויער. די גאַסן אָפּגעלאָזן, די הייזער אָפּגעריסן, פאַרחושכט; פאַר די פיר מלחמה־יאָרן, וואָס איך האָב זי ניט געזען, איז די שטאָט אַ היפּש ביסל פאַרוואָרלאָזט געוואָרן.

און אָט בין איך שוין ביים סוף דלוגע גאַס. איך טו אַ ציטער: דאָ איז די טורמע, דער אַזוי גערופענער „אַרסענאַל״. מיט איבער פיר יאָר צוריק האָט מען מיך פון דאַנען אַרויסגעפירט אַ געשלאָסענעם אין קייטן, ווען מען האָט מיך צוזאַמען מיט יאַנקל לעווינען און מיט עטלעכע הונדערט אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטירטע עוואַקואירט אין טיף רוסלאַנד. אויף דער גאַס האָבן אונז דעמאָלט אָפּגעוואַרט: מיין פרוי לוציע, די חברטע מאַניע מײַעראָוויטש (איצט מאַניע מייער, אין ניו־יאָרק), צלבה קרישטאַל (איצט אין מעלבורן, אויסטראַליע), א. אַנד. דאָ האָבן מיר איבערגעלאָזן מעדעמען אַ קראַנקן אין שפּיטאָל. איצט גיי איך פאַרביי דעם זעלבן אַרסענאַל פראַנק און פריי, אָן מורא. זי איז אַן אַנדערע איצט — וואַרשע.

איך דריי זיך אַרונטער דאָס שטיקל וועג פון פּשעיאַזד און איך בין שוין דאָ אויף נאָוואָליפּיע 7, אין הויז פון די לעבנס־פּראַגן. איך גיי אַרויף אויפן פינפטן שטאָק, כ׳קום אַריין אין רעדאַקציע. אָט דערזע איך וויקטאָר שולמאַנען, דעם סעקרעטאַר פון רעדאַקציע. מיר פאַלן זיך אַרויף איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז. מיר האָבן זיך גוט געקענט פון דער פּאַרטייאישער אַרבעט אין וואַרשע נאָך פון 1907 אָן. די ערשטע זאַך וואָס דער גוטמוטיקער שולמאַן האָט מיך געפרעגט — און דערביי געטייטלט מיטן פינגער מיר אין פּנים אַריין — איז געווען: ווי אַזוי האָסטו דאָס געוואוסט פריער וועגן נחומסאָנען? (ווען איך בין געזעסן אין „אַרסענאַל״ האָב איך אַרויסגעשיקט אַ בריוועלע צו דער פּאַרטיי, אַז איך האָב אַ חשד, אַז נחומסאָן איז אַ פּראָוואָקאַטאָר; שפּעטער ווען די אַרכיוון פון דער צאַרישער אָכראַנע זיינען נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע געעפנט געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז טאַקע געווען אין דינסט פון דער רוסישער פּאָליציי).

ביינוש מיכאַלעוויטש האָט זיך צעשמייכלט ווען ער האָט מיך דערזען.

ער דערמאָנט מיר ווי ער איז אין 1912 אָנגעקומען קיין וואַרשע אין גאָר ניט קיין געהויבענעם הילוך, און איך האָב אים דעמאָלט „אויסגעפּוצט״, כ׳בין מיט אים געגאַנגען קויפן אַ נייעם אַנצוג.

איך באַגריס זיך מיט מעדעמען. דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך ביידע געזען אין טורמע, טאַקע אין דעם זעלבן „אַרסענאַל״, וואָס איך בין נאָר וואָס פאַרבייגעגאַנגען, און איצט זעען מיר זיך אויף דער פרײַ.

אויך חבר נח איז צו מיר צוגעקומען און מיר אָפּגעגעבן אַ וואַרעמען שלום־עליכם. דאָס איז פאַר מיר ניט געווען קיין קלייניקייט. ביז צו מײַן אַרעסט פאַר דער מלחמה איז ער אַ לענגערע צייט געווען אָנגעברוגזט אויף מיר, פאַר וואָס איך האָב מיך געגריסט מיט אים אויף דער גאַס אין וואַרשע. אַזאַ עבירה קעגן די פּרינציפּן פון קאָנספּיראַציע האָט ער מיר אַ לאַנגע צייט ניט געקענט מוחל זײַן. איצט האָט ער מיר די זינד פאַרגעבן, ער האָט הייס געדריקט מײַן האַנט.

אָבער מיך האָט געצויגן צום ברייטן עולם בונדיסטן. בין איך אַרויס פון רעדאַקציע, כ׳בין צוגעלאָפן אויף נאַוואָליפּקי גאַס צו לוציעס מוטער, וואו לוציע האָט זיך געפונען, כ׳האָב זיך מיט זיי באַגריסט, איבערגעלאָזן מײַן קלומיקל און כ׳בין אַוועק אין גראָסער־קלוב אויף קאַרמעליצקע 29.

דאָ בין איך אַרײַנגעפאַלן ווי אין אַ בינשטאָק. ס׳איז שוין געהאַט צוגע־פאַלן די נאַכט און דער קלוב איז שוין געווען פול מיט מענטשן. אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך זײַנען זיי געווען: זיצונגען אין אַלע צימערלעך, אַ פּראָבע פון כאָר, דער לייענזאַל געפּאַקט, אין די קאָרידאָרן קען מען זיך קוים דורכ־שטופּן. איך זע פאַרשידענע מענטשן, איך דערקען אַלטע חברים פון דער אומ־לעגאַלער אַרבעט און כ׳זע נייע, יונגע, אומבאַקאַנטע פּנימער. כאָטש איך טראָג אַן אַלטן מיליטערישן מונדיר און כ׳האָב זיך אויפן פּנים אַ היפּש ביסל געענדערט, דערקענט מען מיך באַלד. מען הויבט זיך אָן האַלדזן און קושן מיט מיר. אָט קומען צו לויפן יאַנעק יאַנקעלעוויטש, מרדכי פייגמאַן, יוסף ליפּשיץ (באַסאַקמאַכער), בערל אַמבאַראַס (בערל שטעפּער), מנחם ראָזנבוים, עליע שטריגלער און אַ סך, אַ סך אַנדערע. די פרייד איז גאָר ניט צו באַשרייבן, ספּעציעל ביי מיר, צו אָט דער וואַרעמקייט און היימישקייט בין איך דאָך טאַקע געלאָפן אַזש פון קיעוו, און איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט יאַנעק יאַנקעלעוויטש, וואָס איז געווען סעקרעטאַר פון צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס), געהאַט מיט מיר אַ שמועס, און ער האָט מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל אָנהויבן אַרבעטן אין צענטראַל־ראַט און כ׳זאָל זיך ספּעציעל פאַרנעמען מיט די שוואַכע פאַראיינען, ווי דער פאַראיין פון דערנערונגס־אַרבעטער, דער איינבינדער־און פּאַפּיר־אַרבעטער־פאַראיין א. אַנד. איך האָב מסכים געווען און טאַקע באַלד אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין צענטראַל־ראַט.

איינע פון מײַנע ערשטע אַרבעטן איז געווען מיטצוהעלפן אין שטרייק פון די אָנגעשטעלטע אין דער וואַרשעווער יידישער גמינע (קהילה) און פון

די לערער פון די גמינע־שולן. די גמינע־אנגעשטעלטע און די לערער האָבן שוין פון פריער געהאַט זייערן אַ פּאַראיין, אָבער זיי זיינען געווען טיפּישע ווייסע־קעלנער־אַרבעטער („מאַנזשעטן־פּראָלעטאַריער״, ווי מען האָט זיי ביי אונז גערופן) און אין הלכות שטרייקן זיינען זיי געווען זייער אומבאַהאָלפן. צו דער פאַרוואַלטונג פון זייער פאַראיין האָבן געהערט, צווישן אַנדערע, אויך אַלטע דערפאַרענע בונדיסטן, ווי דער חבר יאַקוב קלעפּפיש (דער פאָטער פון מיכאַל קלעפּפיש) און דוד נוישטאַט (שפּעטער אַ דירעקטאָר פון „דזשאָינט״ אין פוילן). בעתן פירן דעם שטרייק בין איך דאָס ערשטע מאָל אַרעסטירט געוואָרן אין אומאָפּהענגיקן פוילן, אָבער איך בין אָפּגעזעסן בלויז אַ פּאָר טעג. דער שטרייק איז נאָך אַ קורצער צייט געוואונען געוואָרן.

דערנאָך איז געקומען דער פּרואוו צוריק צו געווינען אונטער דער בונדי־שער השפּעה די יידישע אַרבעטערינס פון פּאַליאַקעוויטשעס פּאַפּיראָסן־פאַבריק. פאַר דער מלחמה, אין דער צייט פון דער אומלעגאַלער באַוועגונג, האָט דער בונד געהאַט אַ גרויסע ווירקונג צווישן די עטלעכע הונדערט אַרבעטערינס פון פּאַליאַקעוויטשעס פאַבריק אויף באַניפראַטערסקע גאַס. בעת דער מלחמה האָט די פאַבריק ניט געאַרבעט. נאָך דער מלחמה האָט די פּאַרטיי באַשטימט דאָרט יאַנעק יאַנקעלעוויטשן און דערנאָך אויך מיך צוריק צו אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע בונדישע גרופּע אין דער פאַבריק. עס איז שוין אויסגעקומען דע־מאָלט צו פירן אַ שווערן קאַמף מיט די קאָמוניסטן, אָבער ניט אויף לאַנג: ווען די פוילישע רעגירונג האָט מאָנאָפּאָליזירט די טאַבאַק־אינדוסטריע און האָט אויך איבערגענומען פּאַליאַקעוויטשעס פאַבריק, איז איינער פון אירע ערשטע „אויפטוען״ געווען אַרויסצוואַרפן אַלע יידישע אַרבעטער. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַרום דער פאַבריק גאָר אַן אַנדער קאַמף: איינצוהאַלטן די יידן ביי דער אַרבעט, און ווען דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן — צו געווינען אַנטשע־דיקונג פאַר די אָפּגעזאָגטע יידישע אַרבעטער.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען מיך אויך צוקאָאָפּטירט צום וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד. האָט מען מיר איבערגעגעבן איך זאָל אָנפירן מיט דער בונדישער אַרבעט אויף פּראַגע. אויך דער צענטראַל־ראַט האָט מיר איבער־געגעבן אַן ענלעכע פונקציע: אָנצופירן מיט דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט אויף פּראַגע. אַזוי אַרום האָב איך געקריגן די השגחה סיי איבער דער פּאַרטייאישער סיי איבער דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט אין דער גרויסער וואַרשעווער פאָרשטאָט.

קאַפּיטל 3

פּראַגע

פּראַגע איז געווען די הויפּט־פאַרשטאָט פון וואַרשע. הגם זי איז געווען אָפּגעטיילט פון וואַרשע בלויז מיט דער ווייסל (און אַ בריק — די קערבעדזש־בריק — האָט זי פאַרבונדן), האָט זי אָבער מיט זיך פאָרגעשטעלט אין גאַנצן אַן אַנדער וועלט. דאָס לעבן דאָרט איז געווען מער פּראָווינציעל, מער געמיט־לעך; די גאַסן זיינען געווען ברייטע, איבערגעריסן דאָ און דאָרט מיט גרויסע ליידיקע פּלעצער, באַוואַקסענע מיט גראָז, אָדער גאָר מיט גרויסע שטיקער פעלד; ס׳זיינען געווען גאַנצע געסלעך מיט קליינע הילצערנע הייזלעך. אויף די ראַנדן פון פּראַגע האָבן זיך ווי ניט וואו דורכגעוואָרפן קליינע פּויערשע הויפן וואו עופות און חזירים האָבן אַרומגעשפּאַצירט און האָבן זיך אונטערגע־פּאַשעט. פון דער צווייטער זייט זיינען אָבער געווען גאַסן פאַרבויטע מיט הויכע געמויערטע הייזער ווי אין וואַרשע. מיט איין וואָרט: פּראַגע איז געווען אַ געמיש פון גרויס־שטאָט, קליינשטעטלדיקייט און דאָרף. פּראַגע איז אויך געווען אָרעם, קיין גבירים האָבן דאָרט ניט געוואוינט.

אָבער פון דער צווייטער זייט איז פּראַגע געווען אַ וויכטיקער אינדוסטרי־עלער צענטער און האָט געהאַט אַ גרויסע אַרבעטער־באַפעלקערונג. דאָרט האָבן זיך געפונען אַ היפּש ביסל גרויסע פאַבריקן. גאָר באַזונדערס איז פּראַגע געווען אַ צענטער פון צוויי וויכטיקע עקאָנאָמישע צווייגן: טראַנספּאָרט און פלייש־האַנדל. אויף פּראַגע האָבן זיך געפונען צוויי גרויסע באַן־סטאַציעס, ביי וועלכע עס האָבן געאַרבעט הונדערטער טרעגער און פורמאַנעס, צווישן זיי אַ סך יידן. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשע אָקופּאַנטן איינגעאָרדנט אויף פּראַגע דעם צענטראַלן אַפּראָוויזאַציע־אַמט פאַר גאַנץ וואַרשע און אומגעגנט (גיכער וואָלט זיך געפּאַסט אים אָנצורופן: אַמט פאַר אויסהונגערן די באַפעלקערונג). אויך ביי דעם דאָזיקן „אַפּראָווי־זאַציע־אַמט" האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט אַרבעטער, און אַ שפּאָר ביסל פון זיי זיינען געווען יידן. דער דאָזיקער אַמט איז היפּשע עטלעכע יאָר גע־בליבן עקזיסטירן אויך אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

אויף פּראַגע האָט זיך אויך געפונען דאָס צענטראַלע שעכט־הויז. דאָס שעכט־הויז האָבן נאָך די רוסן אָנגעהויבן צו בויען, אָבער פאַרענדיקט האָבן עס די דייטשן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע. טעכניש איז עס געווען איינגעאָרדנט זייער מאָדערן. אַלע פריערדיקע שעכט־הייזער (אויף פּאַוואָנזעק, אָכאָטע, שילעץ, וואָליע) זיינען דעמאָלט ליקווידירט געוואָרן און דער גאַנצער

פלייש־מאַרק האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום פּראַגער שעכט־הויז. אַרום דעם שעכט־הויז האָבן זיך אויך געפונען די מערק פאַר לעבעדיקע בהמות און חזירים, ספּעציעלע באַן־אָפּצווייגן האָבן פאַרבונדן די דאָזיקע מערק מיט די פּראַגער באַן־סטאַציעס. אין און אַרום שעכט־הויז האָבן געאַרבעט העכער טויזנט מענטשן, צווישן זיי אַ 600־700 יידישע פליישער־אַרבעטער. זיי זיינען געווען ווי אַ מין באַזונדערע קאַסטע פאַר זיך. גאַנצע משפחות האָבן זיך דורות־לאַנג געהאַלטן ביי דער דאָזיקער מלאכה.

ווען איך האָב איבערגענומען די בונדישע אַרבעט אויף פּראַגע, האָט שוין דאָרטן עקזיסטירט אַ גאַנץ גרויסע גרופּע בונדיסטן, וואָס האָבן געהאַט זייער אייגענעם קלוב אויף בזשעסקע 17, מיט אַ ביבליאָטעק און אַ לייענזאַל. צווישן די אַקטיווע בונדיסטן האָבן זיך דאָרטן ספּעציעל אויסגעטיילט: מענדל גאָלד־מאַן, גערופן „מענדל פּראַגער" — געווען טעטיק אין בונד נאָך אין די צאַרישע צייטן, פון פאַך אַ שטעפּער; דוד ליכטנשטיין, אויך געווען טעטיק פאַר דער מלחמה (אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט"), פון פאַך אַ וואַלקער (אַ גאַרבער); זיין ווייב זלאַטקע האָט געהאַט אַ סטראַגאַן פון גאַלאַנטעריי אויפן פּראַגער מאַרק; מען האָט זי גערופן „זלאַטקע קאָזאַק" און זי האָט איר צונאָמען כשר פאַר־דינט, ווייל זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך ענערגיע און איניציאַטיוו; אירע מעלות זיינען אויך צו נוץ געקומען דעם בונד, ווייל זי איז שפּעטער געוואָרן אַ בונדישע טוערין און זי האָט ביי דער אַרבעט אויך אַרויסגעוויזן אַ סך ענערגיע און אַקטיווקייט. אין פּראַגער בונד זיינען נאָך געווען טעטיק: צבי עטקעס (שטאַמט פון אַ רייכער סוחרים־פאַמיליע, איצט וואוינט ער אין ישראל); העניעק שוואַלבע, אַ סטודענט וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ דאָקטאָר־מעדיצין; י. שאַפּראַן, אַ סטודענט (שפּעטער אַוועק קיין בעלגיע, שטודירט דאָרט אויף אינזשיניער, געווען זייער טעטיק אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין בריסעל, איצט אין שיקאַגאָ און איז אויך דאָרט אַן אַקטיווער בונדיסט); חברטע שרה וואָס איז שפּעטער געוואָרן די פרוי פון י. שאַפּראַן (געשטאָרבן אין שיקאַגאָ אין 1954); די צוויי שוועסטער לאַסקאַ וואָס האָבן געאַרבעט אין דער בונדישער ביבליאָטעק (איינע איז איצט די פרוי פון ח' ג. געסטעל אין בוענאָס־איירעס); שמואל ריכטער, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער (היינט אין אויסטראַליע), הבר בלומשטיין, וואָס איז געווען דער ביבליאָטעקאַר (היינט אין פּאַריז) א. אַנד.

אין פּראַגע האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ גאַנץ לעבעדיקע צוקונפט־גרופּע (צוקונפט איז געווען די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר פּולער נאָמען איז: יוגנט־בונד „צוקונפט" אין פּוילן). צווישן די אַקטיווע יוגנט־טוער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ יונג בחורל פון אַ יאָר 15־16, אַ שילער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין רעדנערישן טעמפּעראַמענט, דאָס איז געווען דער חבר י. פאַלק (היינט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע). שוין דעמאָלט פלעגט ער אַרויסטרעטן אויף עפנטלעכע מיטינגען. אין דער צוקונפט זיינען דעמאָלט אויך געווען טעטיק די שוין דערמאָנטע ח' י. שאַפּראַן און זיין שפּעטערדיקע פרוי.

נאָך דעם ווי מיר האָבן איינגעשטעלט די פּאָליטיש־פּאַרטייאישע אַרבעט אין פּראַגע, האָב איך זיך גענומען צו מיין צווייטער פונקציע — אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אין דעם פּרט איז ניט געווען אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן, ווייל פון פריער האָבן אין פּראַגע קיין באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס ניט עקזיסטירט. מיר האָבן קודם־כל געשאַפן אַ ספּעציעלן פּראָפעסיאָנעלן סעקרעטאַריאַט, וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים שמואל ריכטער, קלמן וואָדנער, מענדל פּראַגער און נאָך עטלעכע חברים.

באַלד אין אָנהויב איז געקומען צו אַ קאָנפליקט מיט די וואַרשעווער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די וואַרשעווער פאַראיינען, ספּעציעל דער גרויסער באַקלייד־פאַראיין, האָבן פאַרלאַנגט אַז אויף פּראַגע זאָל עקזיסטירן בלויז אַ שטעלע פאַר איינמאָנען מיטגליד־אָפּצאָל, אָבער די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט דאָרט זאָל אָנגעפירט ווערן דורכן וואַרשעווער פאַראיין. די פּראַגער חברים האָבן פאַר זיך געפאָדערט אַ שטיקל אויטאָנאָמיע, זיי זאָלן מעגן פירן די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט און האָבן דעם קאָנטראָל איבער די וואַרשטאַטן וואָס געפינען זיך אויף פּראַגע. סוף־כל־סוף האָבן די פּראַגער „אויטאָנאָמיסטן" געזיגט. די וואַרשעווער פאַראיינען זיינען איינגעגאַנגען, אַז אין פּראַגע זאָלן עקזיסטירן פיליעס פון זייערע אָפּטיילונגען, וואָס זאָלן ניט בלויז איינמאָנען מיטגליד־אָפּצאָל, נאָר אויך דערליידיקן די פּראַגער פּראָפעסיאָנעלע ענינים, אַ שטייגער: אָרטיקע שטרייקן, אַרויסשטעלן פאָדערונגען צו פּראַגער באַלעבאַטים א. ד. גל. אָבער אין אַלגעמיינע אַקציעס, אין שטרייקן פון גאַנצן פאַך אָדער אין די אַלגעמיינע פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים, זאָלן די פּראַגער פיליעס אַרונטערפאַלן אונטער דער וואַרשעווער אָפּטיילונג („לאָקאַל"), ד. ה. יעדער באַשלוס וועגן אַן אַלגעמיינער אַקציע אין וואַרשע זאָל ממילא אויך חל זיין אויף פּראַגע.

נאָך אַ קורצער צייט זיינען אין פּראַגע געשאַפן געוואָרן פיליעס פון באַקלייד־פאַראיין, פון לעדער־פאַראיין, פון בעקער־פאַראיין און שפּעטער אויך פון טראַנספּאָרט־פאַראיין. דערביי האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף פאַרשידענע לאָקאַלע שוועריקייטן און פּראָבלעמען.

די ערשטע שוועריקייט האָבן מיר אָנגעטראָפן ביים אָרגאַניזירן די פיליע פון דערנערונג־פאַראיין. דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן די יידישע אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם צענטראַלן אַפּראָוויזאַציע־אַמט, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַן אָפּטייל פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט (שטאָט־פאַרוואַלטונג). אין דעם אַמט האָבן נאָך דעמאָלט געאַרבעט אַן ערך 200 יידישע אַרבעטער — מערסטנטייל געוועזענע שניידער, שוסטער, גאַרבער, סטאָליאַרעס און אַנדערע, וואָס האָבן בעת דער מלחמה ניט געהאַט קיין אַרבעט ביי זייערע פאַכן און האָבן אָנגענומען אַזאַ וויניקער קוואַליפיצירטע אַרבעט (דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ טרעגערישע און טראַנספּאָרט־אַרבעט), כדי צו פאַרדינען אויף חיונה. ווען מיר האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן די פיליע, האָבן מיר פון איין זייט אָנגעטראָפן אויף באַוואוסטזיניקע און פאַרשטענדיקע אַרבעטער וואָס האָבן ניט בלויז באַלד זיך אָנגעשלאָסן אין דער פיליע, נאָר זיינען אויך געוואָרן

אין איר אַקטיוו. אָבער פון דער צווייטער זייט זיינען דאָרט געווען אויך מענטשן וואָס האָבן ניט געוואָלט הערן וועגן אַ פּאַראײַן און עס איז אפילו שווער געווען צו געפינען אַ שפּראַך וואָס זיי זאָלן קענען פאַרשטיין. די דאָזיקע עקשנים זיינען אָבער גיך ווייכער געוואָרן — און געווען איז דאָס אַן אומדירעקטער אויפטו פון דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט.

ווען דער מאַגיסטראַט האָט אָפיציעל איבערגענומען דעם אַפּראָוויזאַציע־אַמט, האָט ער זיך באַלד גענומען צום אַרויסשטופּן די יידישע אַרבעטער. געטאָן האָט ער עס ניט אָפן נאָר אונטערן תירוץ אַז דער אַמט ווערט ביסלעכווייז ליקווידירט, אָבער יעדער איינעוויניקסטער מענטש האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואו דער אמת ליגט. ווען דאָס איז געוואָרן קלאָר האָבן שוין אַלע יידישע אַרבעטער זיך אַנגעשלאָסן אין פּאַראײַן, וואָס האָט טאַקע באַלד ענערגיש אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן רעדוצירן דווקא די יידישע אָנגעשטעלטע.

אַ וויכטיקע אויפגאַבע דערביי איז געווען צו געווינען די אונטערשטיצונג פון די פּוילישע אַרבעטער אין דעם קאַמף פאַר איינהאַלטן די יידישע אַרבעט־פּאָזיציעס. אין דעם האָבן מיר באַקומען אַ ממשותדיקע הילף מצד אַ סך פּוילישע אַרבעטער און ספּעציעל מצד עטלעכע טוער סיי פון דער פּ.פּ.ס. און סיי פון דער געוועזענער ס.ד.ק.פּ.ל. (דעמאָלט שוין קאָמוניסטן) וואָס זיינען געווען טעטיק צווישן די אַרבעטער פון אַפּראָוויזאַציע־אַמט.

אויפן ערשטן אָרט דאַרף אין שייכות דערמיט דערמאָנט ווערן סטאַניסלאַוו לעשטשינסקי. ער איז געווען דער דעלעגאַט פון די אַרבעטער פון אַפּראָוויזאַציע־אַמט צו דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע. זייער אַ סך האָבן אונז אויך צוגעהאָלפן: יאַן רוטקעוויטש, שפּעטערדיקער פאַרוואַלטער פון דער וואַרשעווער קראַנקן־קאַסע וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אָנגעשטעלטער פון אַפּראָוויזאַציע־אַמט (מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט זיך געצויגן נאָך פון די צאַרישע צייטן, ווען מיר זיינען אין 1911־1912 צוזאַמען געזעסן אין דער תפיסה אויף דאַנילאָוויטשעווסקע גאַס); צעכנאָווסקי, דער אָנפירער פון דער פּראַגער „דזשעלניצע" (אַפּטייל) פון דער אַמאָליקער ס.ד.ק.פּ.ל. (דעמאָלט שוין קאָמוניסטן) וואָס האָט אויך געהאַט די אויפזיכט איבער זייער פּאַרטיי־אישער אַרבעט צווישן די אַפּראָוויזאַציע־אַרבעטער. אויך אים האָב איך גע־קענט פון פריער: ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און מען האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַרבעטער־קיכן אין וואַרשע, האָב איך אים געטראָפן אין דעם געמיינזאַמען אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס די פּוילישע סאָציאַ־ליסטן און דער בונד האָבן דעמאָלט געשאַפן מיטן צוועק צו פאַרטיילן הילף צווישן די אַרבעטער און צו קאָאָרדינירן די אַגיטאַציע קעגן דער מלחמה.

זיי אַלע האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן אָפּצושוואַכן דעם טעמפּאָ פון רעדוצירן די יידישע אַרבעטער. רעדוקציעס האָבן ניט געקענט אַדורכגעפירט ווערן אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיט דעם פּאַראײַן פון די אַרבעטער. ווען די אָנפירונג פון דעם אַמט האָט צוגעשטעלט אַ ליסטע צום רעדוצירן און די פּאַראײַנס־דעלעגאַטן האָבן געזען, אַז זי באַשטייט כמעט בלויז פון יידן, האָבן זיי זיך קעגנגעשטעלט און געפאָדערט אַז די ליסטע זאָל געביטן ווערן. האָבנדיק די מאָראַלישע הילף

פון די פאַרשטייער פון די קריסטלעכע אַרבעטער האָבן מיר מיט מער דערפאָלג געקענט פירן אַן עפנטלעכן קאַמף קעגן די רעדוקציעס פון יידישע אַרבעטער.

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר זיך גענומען אָרגאַניזירן די פיליעס פון די פאַראיינען פון באַקלייד־אַרבעטער, לעדער־אַרבעטער, בעקער, ווי אויך אַ פאַראיין פון „שוואַרצע" אָדער „ניט־פאַכאָווע" אַרבעטער. פאַר יעדן פאַך איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע און פאַר דער גאַנצער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזיר־אַרבעט איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ צענטראַלער סעקרעטאַריאַט. אין פּראַגער בונד איז געוואָרן לעבעדיק. יעדן אָוונט איז דער בונדישער קלוב, וואו עס איז אויך געווען דער צענטער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, פול געווען מיט מענטשן: זיצונגען פון פאַך־קאָמיסיעס, זיצונגען פון סעקרעטאַריאַט, באַראַטונגען מיט די אַרבעטער פון איינצלנע וואַרשטאַטן, באַראַטונגען פון דעלעגאַטן פון עטלעכע וואַרשטאַטן זיינען אומאויפהערלעך פאָרגעקומען. גלייכצייטיק איז אין דעם זעלבן לאָקאַל אָנגעגאַנגען די פּאַרטייאישע־און קולטור־אַרבעט: אין דער ביבליאָטעק איז מען געקומען טוישן ביכער, דער לייענזאַל איז געווען פול, אָפט זיינען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען, רעפעראַטן, דיסקוסיע־אָוונטן. אויף בזשעסקע 17 איז געווען לעבעדיק און קאָכיק ווי אין אַ מוראַשניק.

מיר האָבן אויסגעברייטערט די בונדישע אַרבעט אויך אויף די פאָרשטעטלעך פון דער גרויסער פּראַגער פאָרשטאָט. עס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַרבינדונגען מיט גראָכאָוו, פעלצאָוויזנע און שמולעוויזנע. אין שמולעוויזנע האָבן מיר אָרגאַניזירט די אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין די דאָרטיקע „פּאַשאַרניעס" (דאָס זיינען געווען אַזעלכע „פאַרמס" וואו מען האָט געפּאַשעט עופות און זיי צוגעשטעלט פאַר וואַרשע).

די גרעסטע „פּאַשאַרניע" האָט געהערט צו אַ געוויסן ייד גאָטהעלף, וואָס האָט באַזאָרגט האַלב וואַרשע מיט עופות. ביי דעם דאָזיקן גאָטהעלף האָבן געאַרבעט קרוב 40 אַרבעטער, יידן און קריסטן. (די קריסטן האָבן אויך געהערט צו אונזער פאַראיין). די אַרבעטער זיינען געווען איינגעטיילט לויט פאַרשיידענע „ספּעציאַליטעטן": די וואָס האָבן געפּאַשעט די עופות, די היטערס, די ריניקערס און די פורמאַנעס וואָס האָבן פונאַנדערגעפירט די עופות צו די הורטאָווניקעס אין וואַרשע. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און עס איז דערגאַנגען צו אַ שטרייק ביי דעם דאָזיקן גאָטהעלף. ווען גאָטהעלף האָט לכתחילה ניט געוואָלט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון אַ לוין־העכערונג און פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען, האָבן מיר זיך געווענדט צו די טראַנספּאָרט־אַרבעטער אין יאַנושעס הויף (אַ באַרימטער וואַרשעווער מאַרק־הויף ביים עק פון די גאַסן קראָכמאַלנע און גנוינע, וואו עס איז געווען דער צענטער פון עופות־האַנדל און דאָס שעכט־הויז פון עופות), זיי זאָלן שטערן די שטרייקברעכער־פורמאַנעס אויסצולאָדעווען די עופות. די טראַנספּאָרט־אַרבעטער פון יאַנושעס הויף האָבן אַזוי געטאָן און זיי האָבן געהאָלפן געווינען דעם שטרייק.

קאַפּיטל 4

די „זיבן לייבן״

אַ ביסל שווערער איז צוגעגאַנגען דאָס אָרגאַניזירן די טראַנספּאָרט־אַרבעטער אויף פּראַגע. אָבער אויך דאָ איז אונטערגעקומען הילף פון דער זייט.

ניט אַלע מיטגלידער פון בונדישן קלוב אויף בזשעסקע זיינען געווען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, טייל זיינען געקומען אין קלוב בלויז צו געניסן פון דער ביבליאָטעק, הערן פּאַרלעזונגען, רעפעראַטן, זיין אויף אַ קולטור־אונטערנעמונג א. אַז. וו. צווישן זיי איז געווען איינער, וואָס מען האָט אים גערופן „זעליג סטאָליער". אַ חבר האָט מיר אויף אים אָנגעוויזן און האָט מיר דערציילט, אַז ער איז איינער פון די באַרימטע זיבן ברידער וואָס גאַנץ פּראַגע קען זיי און ציטערט פאַר זיי. מען רופט זיי „די זיבן לייבן". אַחוץ זעליגן, וואָס איז געווען אַ סטאָליער, זיינען אַלע ברידער געווען פור־מאַנעס. אַזוי ווי איך האָב טאַקע געזוכט אַ פאַרבינדונג מיט די טראַנספּאָרט־אַרבעטער, האָב איך זיך גערן באַקענט מיט זעליגן, כדי דורך אים צו געפינען אַ קאָנטאַקט מיט זיינע ברידער. דערביי האָב איך זיך באַקענט מיט דער דאָזיקער „דינאַסטיע" פון פּראַגער פורמאַנעס.

געוואוינט האָט די פאַמיליע (זייער פאַמיליע־נאָמען געדענק איך ניט און איך רעכן, אַז זעלטן ווער האָט דאָס געוואוסט) אין פּראַגע זינט דור־דורות; זינט דורות זיינען זיי געווען פורמאַנעס און זינט דורות האָט מען זיי אויך גערופן „די לייבן". מען האָט דערציילט, אַז איידער די פאַמיליע האָט זיך באַזעצט אין פּראַגע האָט זי געוואוינט ערגעץ אין די מילאָסנער וועלדער. מילאָסנע, אַ דאָרף ניט ווייט פון וואַרשע, איז נאָך אין מיינע צייטן געווען באַקאַנט מיט איר גרויסן וואַלד (אַהין פלעגט מען אָפט מאַכן אויספלוגן פון וואַרשע). אָבער פאַרצייטנס איז די גאַנצע געגנט געווען אַ וואַלדיקע און איז פול געווען מיט גזלנים וואָס פלעגן באַפאַלן סוחרים אויף די וועגן. דאָרט, צווישן פויערים און גזלנים, האָט געלעבט די דאָזיקע יידישע פאַמיליע. מיט וואָס זיי האָבן זיך באַשעפטיקט איז ניט קלאָר: מען האָט געזאָגט אַז זיי האָבן געהאַט אַ שייכות צו די גזלנים. די פאַמיליע איז געווען באַקאַנט אין פּראַגע מיט אירע גיבורים, ספּעציעל באַרימט איז געווען איינער פון די זיידעס, וואָס די פויערים האָבן אים גערופן „יאַנקעל ליעוו" (יאַנקל דער לייב); אַלע אין דער געגנט האָבן פאַר אים געציטערט. פון אים שטאַמט דאָס טאַקע דער הערב פון דער פאַמיליע: „די לייבן", און אַזוי איז דער צונאָמען פאַרבליבן ביי דער פאַמיליע און איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

ווי געזאָגט, האָט איינער פון די „זיבן לייבן", אונזער סימפּאַטיקער זעליג, זיך אויסגעבראָכן פון דער פאַמיליע־טראַדיציע, האָט זיך אויסגעקליבן אַן איידעלן פאַך און געוואָרן אַ סטאָליער. ער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט קולטור, אָנגעהויבן קומען אויף פאַרלעזונגען. די ברידער האָבן אים דערפאַר באַשאַנקען מיט אַזעלכע צונעמענישן ווי „דער אינטעליגענט", „דער יאָלד אין קאַפּעלוש"; זיי האָבן פון אים געחוזקט, אַז ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט „אויף זעמל מיט מילך".

דער עלטסטער ברודער פון די „זיבן לייבן" איז געווען יאַנקל. מען האָט אים אויך גערופן יאַנקל „שטשערב", ווייל ער האָט געהאָט אויפן פּנים אַ טיפן שניט (אויף פּויליש „שטשערב". מסתמא איז עס אים פאַרבליבן פון אַ געשלעג). לכבוד אים, דעם עלטסטן, האָט מען שוין אַלע ברידער אויך טייל מאָל גערופן די „שטשערבעס" (אחוץ דעם מער פּאָפּולערן נאָמען די „לייבן"). אַן אַנדער ברודער האָט געהייסן אברהם און זיין צונעמעניש איז געווען „קאָמפּמענטש". נאָך אַ ברודער האָט געהייסן נח. די נעמען פון דעם רעשט ברידער געדענק איך שוין ניט.

איך האָב געזאָגט דעם חבר זעליג, אַז אַזוי ווי מיר זוכן אַ קאָנטאַקט מיט די טראַנספּאָרט־אַרבעטער כדי זיי צו אָרגאַניזירן, זאָל ער מיך באַקענען מיט זיינע ברידער, אָדער כאָטש מיט איינעם־צוויי פון זיי. האָט ער מיך באַ־קענט מיטן עלטסטן ברודער, מיט יאַנקל „שטשערב". איך בין באַלד יאַנקל „שטשערבן" געפעלן געוואָרן, — מסתמא צוליב דעם וואָס זיין יינגסטער ברודער האָט געהאָט אַ שייכות צו מיין פּאַרטיי. וואָרעם כאָטש זיי האָבן געחוזקט פון זייער ברודער דעם „אינטעליגענט", זיינען זיי אָבער פאַקטיש שטאָלץ געווען מיט אים. אויב זיין לייטישער ברודער האַלט פון מיר, האָט ער, יאַנקל „שטשערב", אויך געהאָט צוטרוי צו מיר. דורך אים האָבן מיר גע־קריגן אַ לייכטערן צוטריט צו די פּראַגער טראַנספּאָרט־אַרבעטער.

יאַנקל „שטשערב" האָט מיך, צוליב מיין פריינדשאַפט מיט זיין ברודער, אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרבעטן צו אַ פאַמיליע־שמחה ביי אים אין הויז: דער ברודער נח איז געוואָרן אַ חתן. משדך געווען האָט ער זיך מיט די „שוואַלבן".

די שוואַלבן זיינען געווען אַ באַקאַנטע גנבים־פאַמיליע אין פּראַגע. אויך די פאַמיליע איז געווען אין „פאַך" שוין פון דורות. „שוואַלבן" האָט מען זיי גערופן דערפאַר, וואָס זיי זיינען אין זייער „מלאכה" געווען אַזוי פלינק און אַזוי גרינג ווי די שוואַלבן. האָט די משפּחה פון די „לייבן" זיך משדך געווען מיט דער משפּחה פון די „שוואַלבן", און אויך מיך האָט מען פאַרבעטן צו דער דאָזיקער שמחה. איך האָב זייער גערן אָנגענומען די איינלאַדונג. ערשטנס, איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזאַ שמחה קוקט אויס. צווייטנס, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָרט וועל איך קענען מיט אַ טייל פון זיי שליסן קאָנטשאַפט און דאָס וועט אַ סך אַרויסהעלפן ביים אָרגאַניזירן דעם טראַנספּאָרט־פאַראיין אין פּראַגע.

ס׳איז כדאי צו באַשרייבן די דאָזיקע שמחה. צום ערשטן איז ווי גע־ווינטלעך פאָרגעקומען אַן „אויפרופן" אין שול און מען האָט דאָרט געטיילט לעקעך מיט בראָנפן. די אמתע שמחה איז אָבער געווען ביי יאַנקל „שטשערב" אין הויז. געוואוינט האָט יאַנקל אויף זיגמונטאָווסקע גאַס, אין אַ דירה פון צוויי צימערן מיט אַ קיך. פון דער דירה האָט מען געהאַט אַרויסגעטראָגן כמעט דאָס גאַנצע מעבל, און אויף דעם אָרט זיינען געווען אויסגעשטעלט לאַנגע טישן מיט בענק, עס זאָל זיין אָרט פאַר די געסט. עס האָט זיך אָנגע־קליבן אַן עולם פון אַ 60 מאַן. צווישן די זייטיקע געסט זיינען אויך געווען קריסטן. צוויי געדונגענע סאָרוועס האָבן באַדינט דעם עולם; ס׳איז אויך געווען אַ געדונגענער זינגער. די טישן זיינען געווען אָנגעשטעלט מיט גרויסע טעלער טשאָלנט, פיש און פלייש, און מיט פלעשער בראָנפן; ביי די ווענט זיינען געשטאַנען פעסלעך ביר. פון אַלעם איז געווען זייער אַ סך און געגעסן האָט דער עולם אַזוי פיל, אַז עס איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלן אַז מען קען אַזוי פיל עסן. די שמחה, דאָס הייסט דער עיקר דאָס עסן, האָט געדויערט פון אַרום צוועלף ביי טאָג ביז זעקס פאַר נאַכט. די גאַנצע צייט האָט זעליג „דער אינטעליגענט" זיך געהאַלטן לעבן מיר, ער האָט געגעסן ווייניקער ווי דער גאַנצער עולם. מיט זיין כסדרדיקן האַלטן זיך לעבן מיר האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן זיין אַנדערשקייט פון דעם גאַנצן עולם. כאָטש מען האָט אויף דער שמחה געטרונקען אָן אַ שיעור, איז אָבער צו קיין געשלעג אָדער קריגערייַ ניט געקומען.

אויף דער דאָזיקער שמחה האָב איך זיך טאַקע באַקענט מיט עטלעכע פליישערס און טראַנספּאָרטלער, מיט וועמען ס׳איז מיר שפּעטער אויסגע־קומען מיטצואַרבעטן אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

אונזער פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט אין פּראַגע, כאָטש זי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, האָט גיך געקריגן אַ ברייטן אָפּקלאַנג. גאַנצע גרופּעס אַרבעטער האָבן אַליין אָנגעהויבן צו קומען צו אונז און בעטן מען זאָל זיי אָרגאַניזירן. ערב פּסח, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מצה־סעזאָן, איז צו אונז גע־קומען אַ גרופּע מענטשן וואָס האָבן אויסגעפירט די פונקציעס פון „שוואַרצע" אַרבעטער ביים באַקן מצות און געבעטן, אַז היות די בעקער זיינען ביי אונז אָרגאַניזירט, זאָל מען זיי אויך אָרגאַניזירן און אָנפירן פאַר זיי אַן אַקציע צו פאַרבעסערן זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען. צוזאַמען זיינען זיי געווען איבער אַ 100 מאַן. מיר האָבן טאַקע באַלד אונטערגענומען אַן אַקציע פאַר זיי און מען האָט זי לייכט געוואונען.

קאַפּיטל 5

ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע אויף פּראַגע אין 1920

דער ערשטער מאַי איז אין די פּוילישע באַדינגונגען געווען ניט בלויז אַן אַרבעטער־יום־טוב, נאָר אויך אַ וויכטיקע פּאָליטישע קאַמף־אַרויסטרעטונג.

מיר האָבן געהאַט הינטער זיך אין פּראַגע וויניקער ווי אַ יאָר פון אויפּ־געלעבטער אַרבעט. מיר האָבן אָבער שוין געהאַט דערגרייכט אַזוי פיל, אַז מיר האָבן זיך אונטערגענומען צו אָרגאַניזירן צום ערשטן מאָל אַ זעלבּ־שטענדיקע 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע פון יידישע אַרבעטער, וואָס זאָלן ווי אַ געשלאָסענע מחנה אַוועקמאַרשירן פון פּראַגע קיין וואַרשע צו דער צענט־ראַלער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט די פאָרשטייער פון די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמען פּויליש־יידישן ערשטן מאַי־צוג פון פּראַגע קיין וואַרשע. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, דער עיקר וועגן דעם, צי זאָל מען גיין אויסגעמישט צי יעדע פּאַרטיי באַזונדער, זיינען מיר אַדורכ־געקומען, אַז פון פּראַגע גייט אַפּ אין געשלאָסענע דעמאָנסטראַציע לויט אַזאַ ריי: פּ.פּ.ס., קאָמוניסטן, בונד, יעדע פּאַרטיי מיט אירע פענער און לאָזונגען. נאָכן אַריבערגיין די בריק, ד.ה. ביי דער קראַקעווער פאָרשטאָט, דאַרף יעדע גרופּע זיך אָפּטיילן און אַוועקמאַרשירן צו דער צענטראַלער דעמאָנסטראַציע פון איר פּאַרטיי, מחמת אין וואַרשע גופא איז קיין געמיינזאַמע ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע ניט פאָרגעקומען.

אין טאָג פון ערשטן מאַי האָט מען זיך געזאַמלט אויפן גרויסן פּלאַץ לעבן דער פּראַגער צערקווע. מען האָט פאָרמירט דעם צוג; אין גאַנצן צוג זיינען געווען ביי אַ 5 טויזנט מענטשן, דערפון פון בונד אַליין קנאַפּע צוויי טויזנט, העכער אַ דריטל פון גאַנצן צוג. אַ ריזיקער עולם פּראַגער זיינען געשטאַנען אויף די גאַסן און האָבן זיך צוגעקוקט צו דער דעמאָנסטראַציע: פאַר זיי איז עס אויך געווען אַ גרויסע געשעעניש, ווייל אין פּראַגע זיינען פריער ניט פאָרגע־קומען אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס; אויף דעמאָנסטראַציעס זיינען די פּראַגער געפאָרן ביחידות קיין וואַרשע — און דאָ מיט אַ מאָל איז פּראַגע דערהויבן געוואָרן צו האָבן אַן אייגענע דעמאָנסטראַציע.

די דעמאָנסטראַנטן האָבן שטאָלץ אָפּמאַרשירט מיט פענער, טראַנספּאַ־ראַנטן און מיט הילכיקן געזאַנג פון פּוילישע און יידישע אַרבעטער־לידער. די שטימונג איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך פייערלעכע. דעמאָלט, אין 1920, איז די פּוילישע אַרבעטער־באַוועגונג געווען נאָך פול מיט האָפענונג,

אויך מיר יידישע אַרבעטער זיינען געווען פול מיט גלויבן אין אַ גוטן מאָרגן. אמת, די אָנפאַלן אויף יידן זיינען געווען אָן אַפטע דערשיינונג; די „האַלער־טשיקעס” (די זעלנער פון גענעראַל האַלערס אַרמיי) האָבן געשלאָגן יידן אין די גאַסן, געשניטן יידישע בערד און אין די פּראָווינץ־שטעט איז געווען נאָך ערגער; אָבער מיר האָבן טיף געגלויבט אַז דאָס איז אַ פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג, אַז דער מאָרגן איז אונזערער. אָבער נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן מיר דערפילט אויף אונזער אייגענער הויט, אַז דער וועג צו אונזער אידעאַל איז נאָך אַ ווייטער און אַ שווערער.

אויף קראָקעווער פאָרשטאָט, באַלד פון יענער זייט בריק, האָט זיך אונזער בונדישער צוג אָפּגעטיילט און מיר האָבן אַוועקמאַרשירט צום צענטראַלן בונדישן זאַמלפונקט פאַרן אייזערנעם טויער, פון וואַנען דער בונדישער צוג האָט געדאַרפט אַרויסמאַרשירן צום טעאַטער־פּלאַץ, וואו די פּוילישע אַרבעטער האָבן זיך אויך געזאַמלט. דער מאַרש אונזערער איז געווען אַ גאַנץ ריזיקאַלישער, ווייל די גאַנצע צייט איז אונז אויסגעקומען צו מאַרשירן דורך ריין־פּוילישע גאַסן, און אין יענער צייט, אין 1920, ווען גאַסן־אָנפאַלן אויף יידן זיינען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, איז דאָס מאַרשירן מיט רויטע פענער מיט יידישע אויפשריפטן, מיט געזאַנג פון יידישע לידער, ניט געווען קיין קלייניקייט. אָבער מיר האָבן מאַרשירט מיט מוט און זיכערקייט און מיר זיינען דערגאַנגען צום צענטראַלן פונקט אָן אינצידענטן.

ווען מיר זיינען שוין צוגעקומען נאָענט צום פּלאַץ פאַרן אייזערנעם טויער, האָט פאַר אונזערע אויגן זיך אַנטפּלעקט אַ פּרעכטיק בילד פון אַן אומצייליקן ים פון קעפּ, איבער וועלכע עס האָט געכוואַליעט אַ וואַלד פון פענער און טראַנספּאַראַנטן. אַ מאַסע פון צוואַנציק טויזנט מענטשן האָט פאַרפולט דעם פּלאַץ. אויף דעם מיטינג האָט גערעדט מעדעם, און מעדעמס אַ רעדע איז דאָך פאַר זיך אַליין שוין געווען פאַר אונז אַ גרויסער יום־טוב. באַלד האָט מען אָנגעהויבן פאָרמירן די דעמאָנסטראַציע און גרייטן זיך צום מאַרש. פּלוצלונג האָט די פּאָליציי, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נאָענט פון דער דעמאָנסטראַציע און אין די זייטיקע געסלעך, מיט דער הילף פון אַ מחנה כוליגאַנעס, געמאַכט אַן אַטאַקע אויף אונזער דעמאָנסטראַציע. מען האָט אָנגעהויבן שלאָגן מכות רצח. דער פּלאַץ איז פון דריי זייטן געווען פאַרמאַכט. דער טויער פון זאַקסישן גאָרטן איז געווען אָפּגעשלאָסן. עס איז נישט געווען וואו צו אַנטרינען, איז די צאָל צעשלאָגענע געווען גאָר אַ גרויסע.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ קייט רדיפות און שיקאַנעס קעגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון אַ כסדרדיקן ווידערשטאַנד פון אונזער זייט, וואָס האָט זיך געצויגן די גאַנצע צייט פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט.

קאַפּיטל 6

דער פּאָגראָם אין פּראַגער בונדישן קלוב

דער ערשטער גרויסער אַרויסטריט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין פּראַגע, דער אויפמאַרש פון קנאַפּע צוויי טויזנט יידישע אַרבעטער פון פּראַגע אין טאָג פון ערשטן מאַי, האָט ביי אונז אַרויסגערופן גרויס פרייד. אָבער דער דאָזיקער דערפאָלג פון בונד אויף פּראַגע האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט אויך אַן אַנדער צד — די פּוילישע פּאָליציי און די מאַכט־אָרגאַנען. זייער נקמה האָט ניט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן.

איין מאָל ביי נאַכט, נאָך דעם ווי דער פּראַגער בונדישער קלוב איז שוין געווען געשלאָסן און קיינער איז דאָרט ניט געווען, איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ היפּשע אָפּטיילונג זשאַנדאַרמעריע („קאַנאַרקעס", ווי דאָס פאָלק האָט זיי איראָניש גערופן צוליב די העל־געלע לאַמפּאַסן אויף זייערע היטלען). די זשאַנדאַרמען האָבן אויפגעריסן די טירן פון קלוב און אָנגעמאַכט דאָרט דעם אמתן חורבן: זיי האָבן צעבראָכן טישן, שטולן, שענק — אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט צעברעכן; זיי האָבן צעוואָרפן און צעריסן אַלע פּאַפּירן און ניט געשוינט אויך די ביכער פון דער ביבליאָטעק, — און זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ צעטל, אַז דער לאָקאַל ווערט רעקווירירט. דער פּראַגער בונד איז געבליבן אויף דער גאַס.

צו מאָרגנס, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם חורבן האָט דאָס, פאַרשטייט זיך, ביי אונז אַרויסגערופן אַ געפיל פון ווייטיק און עמפּערונג. באַלד דעם זעלבן טאָג האָבן מיר זיך גענומען צוריק אויפצושטעלן די אָרגאַניזאַציע. קודם־כל האָבן מיר באַשטימט אַ גאַסן־בערזע אויף דער זאָמבאָווסקי־גאַס (איינע פון די צענטראַלע גאַסן) סיי פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע סיי פאַר די פאַראייַנס־פיליעס. זיצונגען פון די קאָמיטעטן, פּאַרטייאישע גרופּעס און קאָמיסיעס האָט מען אָפּגעהאַלטן אין די פּריוואַטע וואוינונגען פון אונזערע פּראַגער טוער. נאָך אַ קורצער צייט איז די אָרגאַניזאַציאַנעלע אַרבעט צוריק איינגעשטעלט געוואָרן. מיר האָבן זיך גענומען זוכן אַ נייעם לאָקאַל פאַר אַ קלוב. דאָס איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. אַ סך הויזווירטן האָבן מורא געהאַט צו פאַרדינגען דעם בונד אַ לאָקאַל. סוף־כל־סוף, נאָך לאַנגע זוכענישן, האָבן מיר געפונען אַ הויז וואו מען האָט אונז געוואָלט פאַרדינגען אַ דירה. דאָס איז געווען אויף זאָמבקאָווסקע 19. דאָס הויז איז געווען אָפּגעלאָזן, אַ חורבה. דער הויף איז געווען פאַרוואָקסן מיט ווילדגראָז, אַרום הויף זיינען געשטאַנען אַלטע שטאַלן, אויך פאַרלאָזטע. אָט אין דער

חורבה, וואו קיינער — סיידן וויסטע אַרעמעלייט — האָט ניט געוואָלט וואוינען, האָט מען אונז אַריינגעלאָזט. מיר האָבן אָפּגעדונגען דעם גאַנצן פּערטן שטאָק וואו ס'זיינען געווען אַ שפּאָר ביסל צימערן, דאָ האָט מען אפילו געקענט איינאָרדענען אַ גרעסערן זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען און פאַר־לעזונגען. אָבער די דאָזיקע דירה איז געווען נאָך מער אָפּגעלאָזן ווי דאָס גאַנצע הויז. ווייזט אויס, אַז די ווענט פון דער דאָזיקער דירה האָבן שוין לאַנג ניט אָנגעזען קיין לעבעדיקן מענטש.

מיר האָבן זיך אָבער שטאַרק געפרייט מיט דער מציאה: אַבי געפונען אַ נייעם ווינקל פאַרן בונד אין פּראַגע. מיר האָבן גענומען רעמאָנטירן אונזער נייעם לאָקאַל. כמעט אַלץ האָבן מיר געמאַכט אַליין. אונזערע חברים סטאָ־ליאַרעס האָבן געמאַכט די סטאָליאַרסקע אַרבעט, די מאַליאַרעס האָבן אויסגע־מאָלט די צימערן. סוף 1920 האָבן מיר געעפנט דעם נייעם בונדישן קלוב אויף זאַמבקאָווסקע 19, וואָס איז פאַרבליבן דער צענטער פון דער בונדישער אַרבעט אויף פּראַגע די גאַנצע צייט פון אומאָפּהענגיקן פוילן.

קאַפּיטל 7

יאַנעק יאַנקעלעוויטש

אין לויף פון דער קאַכיקער פּאַרטייאישער אַרבעט איז געשען אַן אומ־גליק וואָס האָט אונז אַלעמען אויפגעטרייסלט — דער פּלוצלונגדיקער טויט פון יוסף (יאַנעק) יאַנקעלעוויטש.

ער איז געווען איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון אונזער פּראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג. באַלד ביים אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען מען האָט אָרגאַניזירט די לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־ראַט פון די פאַך־פאַראיינען און מיט זיין ענערגישקייט און סיסטעמאַטישקייט אין דער אַרבעט האָט ער זיך באַלד אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט (צוזאַמען מיט וויקטאָר שולמאַנען, וואָס איז געווען דער פּאָרזיצער פון צענטראַל־ראַט). אין אומאָפּהענגיקן פוילן, ווען די פאַראיינען זיינען זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן, איז ער ווייטער פאַרבליבן אויפן אַמט פון סעקרעטאַר פון צענטראַל־ראַט און ער איז געוואָרן די צענטראַלע פיגור אין דער גאַנצער יידישער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג אין וואַרשע.

ער איז געווען זייער באַליבט ביי די יידישע אַרבעטער. קינד און קייט האָט אים געקענט נאָך פון די צייטן פון דער מלחמה, ווען די פּראָפעסיאָנעלע פאַך־פאַראיינען האָבן זיך מער פאַרנומען מיט הילפס־אַרבעט און שטיצע פאַר די אַרבעטסלאָזע, אויסגעהונגערטע אַרבעטער ווי מיט פּראָפעסיאָנעלן קאַמף. ער איז געווען אַ שטילער און אַ גוטער מענטש. אַ דאַרער, ניט קיין הויכער, אַ ביסל אַ געבויגענער און אַ שוואַכער — האָט ער אָבער אַרויסגע־וויזן אויסערגעוויינטלעכע ענערגיע און דויערהאַפטיקייט. ער האָט אויך געהאַט אַ פּראַקטישן חוש אין דער אַרבעט.

מיר זיינען געווען גוטע, נאָענטע פריינד נאָך פאַר דער מלחמה. ביידע זיינען מיר געווען פון דעם זעלבן דור בונדיסטן און אין דער צאַרישער צייט איז אונז ביידן אָפט מאָל אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען ביי דער זעלבער פּאַרטייאישער אַרבעט. יאַנעק איז פון פאַך געווען אַ דרוקער, דעריבער האָט אים די פּאַרטיי איבערגעגעבן צו פאַרנעמען זיך מיט דער אומלעגאַלער דרוק־אַרבעט. אויך מיר איז אָפט מאָל אויסגעקומען צו אַרבעטן אויף דעם דאָזיקן געביט. אָט ביי דער אַרבעט האָבן מיר זיך טאַקע נענטער באַפריינדעט. מיר זיינען אויך צוזאַמען אויסגעקליבן געוואָרן ווי דעלעגאַטן פון וואַרשע צום אַכטן צוזאַמענפאָר פון בונד אין ווין וואָס איז ניט צו שטאַנד געקומען צוליבן

אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען איך בין נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין וואַרשע און כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין צענטראַל־ראַט, האָבן מיר זיך ביידע ווידער אַ מאָל זייער דערנענטערט און איך בין געוואָרן צו אים שטאַרק צוגעבונדן.

אַרום ניי־יאָר 1920 איז ער אָוועקגעפאָרן אין זיין געבורט־שטעטל אין וואָלין, זיך זען מיט זיין משפחה. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט טיפוס, און ווי נאָר ער איז צוריקגעקומען איז ער באַלד אַוועקגעפאַלן אַ קראַנקער. מען האָט אים גענומען אין וואָליער שפּיטאָל פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן און נאָך אַ פּאָר טעג איז ער אַוועק פון דער וועלט.

די לוויה זיינע איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 25סטן יאַנואַר 1920, און זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע פון יידישע אַרבעטער אין וואַרשע.

די טראַדיציע פון דעמאָנסטראַטיווע לוויות איז ביים בונד שוין געווען אָן איינגעוואָרצלטע. געשטאַמט האָט דאָס נאָך פון די צייטן פון אומלעגאַלן קאַמף קעגן צאַריזם. דעמאָלט איז דעם בונד אָפט אויסגעקומען צו אָרגאַניזירן לוויות פון קרבנות, וואָס זיינען אומגעקומען אין קאַמף מיט דער צאַרישער מאַכט. אַזאַ לוויה איז ממילא געווען אַ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט ניט איין מאָל אַליין זיך געענדיקט מיט נייע קרבנות. אָבער אויך אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, אין די באַדינגונגען פון לעגאַלער און האַלב־לעגאַלער אַרבעט, האָבן די לוויה־צוגן ניט פאַרלוירן זייער פּאָליטישע באַדייטונג. דאָס מאַרשירן פון טויזנטער יידישע אַרבעטער, דאָס אַרויסטרעטן אויף דער גאַס ווי אַ געשלאָסענע, אָרגאַניזירטע מחנה און דאָס מאַרשירן דורך די גאַסן, אויך דורך פּוילישע און האַלב־פּוילישע גאַסן, מיט רויטע פענער און מיט יידישע אויפשריפטן, — האָט אין די פּוילישע באַדינגונגען געהאַט אויך אַ פּאָליטישע אויסווירקונג.

מיר האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף ספּעציעלע שוועריקייטן ביים איינאָרדענען אַזאַ דעמאָנסטראַטיווע לוויה נאָך יאַנעקן. עס האָט דעמאָלט געהערשט אַ טיפוס־עפּידעמיע אין לאַנד און עס איז געווען אַ פאַראָרדענונג אַז מען טאָר ניט אַרויסגעבן קיין מת וואָס איז געשטאָרבן אויף טיפוס און מען טאָר צו דעם אָרון קיינעם ניט צולאָזן. אונזער טוער יולעק שאַצקין (זינט די צוואַנציקער יאָרן — אין אַמעריקע) האָט זיך אָבער איינגעגעבן אַדורכצוברעכן די שוועריקייט און ער האָט אַרויסגעקראָגן דעם מת ווי אויך אַ דערלויבעניש איינצואָרדענען אַן עפנטלעכע לוויה.

יאַנעקס לוויה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקער ספּאָנטאַנער דעמאָנסטראַציע. יונג און אַלט — אַרום צוואַנציק טויזנט מענטשן — זיינען געקומען אָפּגעבן אים דעם לעצטן כבוד. עס איז געווען אַ זונטיק, דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער און אַ שנייאיקער, אָבער ניט געקוקט אויפן שניי און אויף דער קעלט, איז מען אין די טויזנטער געקומען צו דער לוויה. די גאַס אויף וואָליע, (אַן אַרבעטער־פאָרשטאָט אין וואַרשע), וואו דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען,

איז געווען שווארץ פון מענטשן. באלד אין אנהויב איז געקומען צו א שארפן אינצידענט מיט דער פאליציי. פון וואליע האט מען געקענט דורך הינטערשטאטישע געסלעך צוקומען צו דער אקאפאווע גאס וואו עס האט זיך געפונען דער יידישער בית־עולם. האט די פאליציי געוואלט קירעווען די לוויה דורך די שיטער־באוואוינטע הינטערשטאטישע געסלעך און אזוי ארום אויסמיידן דעם מארש איבער דער שטאט. אבער מיר האבן ניט געפאלגט דער פאליציי: מיר האבן דעם צוג געפירט לענגאויס דער וואלסקע צו דער אייזן־גאס און לעשנע, ד. ה. צום צענטער שטאט. די מאסע פון טויזנטער האט זיך א שפאר געטאן נאכן ארון; שיסן אדער צעטרייבן אזא מאסע, נאך דערצו ביי א לוויה, האט די פאליציי זיך ניט דערוועגט. דער ריזיקער צו איז דורך דער בונדישער מיליץ געפירט געווארן אין פולער ארדענונג (אונטער דער אנפירונג פון גרשון זיבערטן); ווען די לוויה איז געגאנגען איז דער קריסטלעכער עולם גראד ארויס מאסנוויז פון די קאשטשאלן (זייער צאל אין דער דאזיקער געגנט איז געווען א היפשע). די פאליאקן האבן זיך אבער מיט דרך־ארץ באצויגן צו דעם לוויה־צוג און קיין שום אינצידענטן אדער אנטיסעמיטישע אויסרופן זייענען ניט געווען.

ארויס פון די פוילישע גאסן, איז די לוויה אריין אין דער יידישער געגנט און איז דורך לעשנע אריין אין פשעיאזד (דא האט זיך דער צוג אפגעשטעלט פארן לאקאל פון צענטראל־ראט, פשעיאזד 9), נאך דעם מיט דזשיקע און לענג אויס גענשע צו דער אקאפאווע, צום בית־עולם.

אויך מיט דער יידישער מאכט, מיט דער פארוואלטונג פון דער יידישער קהילה, איז געווען א שטיקל אינצידענט. דער בונד האט געפאדערט מען זאל יאנעקן לייגן נאענט צו פרצעס קבר. דאס האט די פני פון דער גמינע ניט געשמעקט. א פשוטן ארבעטער־טוער זאל מען אוועקגעבן אזא פראמינענטן ארט? און דערצו איז עס דאך א פינאנציעלער היזק אויך: פאר אזא קרקע נעמט מען א שיינע מטבע. אבער פונקט ווי פריער מיט דער פוילישער פאליציי האבן מיר אויך דא געשטעלט די יידישע גמינע פאר א געשעענעם פאקט. די לוויה איז אוועק צו דער אלייע וואו עס האט זיך געפונען פרצעס קבר און אין זיין שכנות האט מען יאנעקן געבראכט צו קבורה. ביים אפענעם קבר האט גערעדט וולאדימיר מעדעם.

יאנעק איז שוין געווען באגראבן, אבער פאר מיר איז ער נאך ניט געווען טויט. איך האב אים ניט געקענט פארגעסן. לוציע איז דעמאלט געווען שוואנגער און מיר האבן ביי זיך באשלאסן אז דאס קינד וואס וועט געבוירן ווערן, א יינגל צי א מיידל, וועט טראגן יאנעקס נאמען. אין א האלב יאר ארום איז ביי אונז געבוירן געווארן אונזער איינציקער זון און מיר האבן אים א נאמען געגעבן יאנעק. מיר האבן איינגעפירט א מנהג: אין טאג פון יאנעק יאנקעלעוויטשעס יארצייט זיינען מיר געגאנגען צו זיין קבר און דארט גע־לייגט בלומען און מיר האבן אויך מיטגענומען אונזער יאנעקן.

קאַפּיטל 8

דער קראָקעווער צוזאַמענפֿאָר

פֿרילינג 1920 איז פֿאָרגעקומען דער פֿאַראייניקונג־צוזאַמענפֿאָר פֿון פּוילישן בונד מיטן גאַליציאַנער בונד. אין דער געשיכטע פֿון בונד איז דאָס געווען אַ וויכטיקע געשעעניש.

בעת די צוגרייטונגען צו דעם צוזאַמענפֿאָר האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די דיסקוסיעס פֿון די ריכטונגען. ס'האָבן זיך געשאַפֿן דריי פֿראַקציעס: איינע, אַ גאַנץ שטאַרקע, האָט געהאַלטן אַז די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אין רוס־לאַנד דאַרף ווערן אַ מוסטער פֿאַר דער פּאָליטיק פֿון אַלע סאָציאַליסטן אין אַלע לענדער; אַ צווייטע — די צענטריסטישע — האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס באַצויגן קריטיש צו דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק, זי האָט אָבער געגלויבט, אַז דער באָלשעוויסטישער עקספּערימענט האָט אַזאַ פֿאַרנעם, אַז מען קען אים ניט איגנאָרירן, אַז זיינע פֿעלערן קענען קאָרעגירט ווערן און אַז ס'איז מעגלעך אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטיש אָריענטירטער אינטערנאַציאָנאַל אָן אַ שפּאַלטונגס־פּאָליטיק, ד. ה. פֿון סאָציאַליסטן מיט קאָמוניסטן צוזאַמען (ווי ס'האָבן דעמאָלט געגלויבט פֿיל סאָציאַליסטן איבער דער גאַרער וועלט); די דריטע — די רעכטע פֿראַקציע, אונטער דער אידעאישער אָנפֿירונג פֿון מעדעמען, — האָט שוין דעמאָלט, אין 1920, אין די סאַמע האָניק־חדשים פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געהאַט אַן אַבסאָלוט נעגאַטיווע באַ־ציאונג צו דעם באָלשעוויסטישן עקספּערימענט און צו אַלעם וואָס די באָלשע־וויקעס האָבן געפּרעדיקט. מעדעם האָט דעמאָלט געשריבן ממש נביאישע ווערטער וועגן דעם אַז דער באָלשעוויזם מוז אָוועק אויפֿן וועג פֿון אַלץ אַ גרעסערן און גרעסערן טעראָר ביז די באָלשעוויקעס וועלן סוף־כּל־סוף אָנ־הויבן אויסמאָרדן איינער דעם אַנדערן.

די רעכטע פֿראַקציע איז אייגנטלעך גאָר ניט געווען קיין פֿראַקציע, ווייל מעדעם איז געווען קעגן יעדן מין פֿראַקציאָניזם און זיין אויטאָריטעט איז ביי זיינע אָנהענגער געווען אַזוי גרויס אַז זיין וואָרט האָט דעצידירט. בלויז האָרט פֿאַר די וואַלן צום צוזאַמענפֿאָר (די וואַלן זיינען געווען פּראָפּאָרציאָנעלע) האָב איך אויף זיך גענומען די אַרבעט צונויפֿצורופֿן אַ באַראַטונג פֿון אַ קליינער צאָל מענטשן, כּדי צוצוגרייטן אויך אונזערע אַ רעזאָלוציע צום צוזאַמענפֿאָר און צו פּרוּוון קריגן פֿאַר איר שטימען. אויף דער באַראַטונג זיינען געווען: מעדעם,

ביניש מיכאַלעוויטש, זלמן וואוילאַנד, מאַוריצי אָזשעך, הערשל הימלפאַרב, איך און נאָך עטלעכע חברים.

קיין גרויסן דערפאָלג האָט אונזער רעזאָלוציע ביי די אָפּשטימונגען ניט געהאַט. און וואָס איז דאָ דער וואונדער? דעמאָלט, אין 1918־1920, איז דאָך אַ האַלבע וועלט געווען פאַרשיכורט מיטן באָלשעוויסטישן זיג, און אויך די בונדיסטן האָט דאָס ניט אויסגעמיטן. דאָך זיינען עטלעכע דעלעגאַטן פון דער רעכטער פראַקציע אויסגעקליבן געוואָרן און איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין איינער פון זיי. איך בין ווי אַ דעלעגאַט געפאָרן צום קראָקעווער פאַר־איניקונג־צוזאַמענפאָר פון בונד.

פאַר מיר פּערזענלעך איז דאָס געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך פאָר קיין „אויסלאַנד" (גאַליציע איז פריער געווען אַ טייל פון עסטרייך, ד. ה. אויסלאַנד). די דעלעגאַטן פון גאַליציאַנער בונד האָבן אויף מיר געמאַכט אַ ביסל אַן אויסטערלישן איינדרוק. איך בין צוגעוויינט געווען צו די סאָציאַליסטישע צוזאַמענפאָרן אין רוסלאַנד, וואו די מאָדע פון קליידן זיך פּשוט איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט און מען האָט מיט דער פּשטות כמעט ווי קאָקעטירט: רוסישע רובאַשקעס, טונקעלע העמדלעך אָן קראַוואַטן, לאַנגע צעפלאָשעטע האָר, שטיוול — האָבן אין רוסלאַנד געהערט צו דער רעוואָלוציאָנערער מאָדע. די דעלעגאַטן פון גאַליציאַנער בונד האָבן אָבער אין אַ גרויסער צאָל געהערט צו דער מערב־אייראָפּעאישער אינטעלי־גענץ, און אַ סך פון זיי זיינען געווען דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. פון דער צווייטער זייט איז אַ סאָציאַליסטישער צוזאַמענפאָר אין די לעגאַלע באַדינגונגען פון אַמאָליקן עסטרייך געווען אַ פאַרטייאישער יום־טוב, צו וועלכן מען פלעגט זיך יום־טובדיק אויספּוצן. האָבן אויך פיל פון אונזערע בונדישע דעלעגאַטן פון גאַליציע אַזוי געטאָן. טייל זיינען געקומען צום צוזאַמענפאָר אָנגעטאָן אין שוואַרצע אַנצוגן אָדער אין לאַנגע שוואַרצע זשאַקעטן מיט עלעגאַנטע שניפּסן. עטלעכע האָבן אויך געטראָגן האַרטע קאָפּעלושן. איך האָב זיך געוואונדערט ווען איך האָב געזען אַז אַזעלכע פירער פון גאַליציאַנער בונד, וואָס זייער פאַרדינטער רום איז געווען פאַרשפּרייט אויך אויסער די גרענעצן פון גאַליציע, ווי דר. יעקב בראָס, דר. הענריק שרייבער, דר. לעאָן פיינער, דר. איגנאַצי אַלעקסאַנדראָוויטש, דר. זיגמונט גליקסמאַן, א. אַנד. גייען אין אַזעלכע פאַראַדנע קליידער.

איך און נאָך עטלעכע דעלעגאַטן, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל געווען אין קראָקע, האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך אַ ביסל מיט דער דאָזיקער שיינער אַלטער פויליש־יידישער שטאָט. אונזער אַרומפירער איז געווען דער שרייבער יואל דעמביצער, אַ זון פונם ראש פון קראָקעווער ראַבינאַט, אַ ברודער פון באַקאַנטן בונדישן טוער פסח דעמביצער (געשטאָרבן דאָ אין אַמעריקע, אין 1937). יואל דעמביצער איז אויך געווען אַ בונדיסט און ער האָט געערן זיך אונטערגענומען צו באַקענען אונז מיט דער אַלטער שטאָט. ער האָט אונז געוויזן די אַלטע יידישע שול, דעם אַלטן בית־עולם מיטן קבר פון

רמ״אָ און אויך דעם פּוילישן „וואַוועל״. אין פּוילן בין איך שוין צוגעוויינט געווען צום חסידישן הילוך, אָבער די קראָקעווער יידן מיט די ווייסע זאָקן, שוואַרצע, רונדע קאַפּעלושן און בעקעשעס, האָבן מיר אויסגעזען אויסטערליש.

אין קראָקע האָב איך זיך נענטער באַקענט מיטן חבר ש. בלום, אַן אַלטן טוער פון גאַליציאַנער בונד. ער איז געווען פון פאַך אַ קאַמאַשן־מאַכער און ער האָט שטאַלצירט מיט זיין פּראָלעטאַרישקייט צווישן די גאַליציאַנער בונדישע פירער וואָס זיינען געווען ס׳רוב אינטעליגענטן. אויך אין זיין אופן רעדן איז ער געווען אַנדערש ווי די אַנדערע גאַליציאַנער טוער. ער איז געווען זייער אַ גוטער מאַסן־רעדנער, האָט גערעדט זייער פאָלקסטימלעך, מיט אַ הילכיקער שטימע און מיט אַ סך טעמפּעראַמענט.

דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַ סך דראַמאַטישע מאָמענטן. די לינקע און די צענטער־פראַקציעס האָבן צוזאַמען געהאַט אַ מערהייט. מעדעם האָט געהאַלטן אַ שטאַרקע רעדע און ער האָט געוואָרנט קעגן פאַרקוקן זיך אויף די באָלשעוויקעס. כאָטש זיין פּערזענלעכער אויטאָריטעט איז געווען זייער גרויס, האָט ער דעם צוזאַמענפאָר פּאָליטיש ניט געוואונען. ער איז אָבער געבליבן שטאַרק ווי אַ פעלז, און האָט אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן ניט געוואָלט איינגיין. פאַר דער אָפּשטימונג איבער די פּאָליטישע רעזאָלוציעס האָבן מיר, די קליינע גרופּע דעלעגאַטן פון דער רעכטער פראַקציע, גערעדט מיט מעדע־מען, מיר זאָלן שטימען פאַר דער צענטריסטישער רעזאָלוציע און אַזוי אַרום שטאַרקן די דאָזיקע פראַקציע קעגן דער לינקער ריכטונג. ער האָט וועגן דעם ניט געוואָלט הערן און מיר האָבן, צוליב לאָיאַלקייט צו אים, געשטימט פאַר אונזער אייגענער רעזאָלוציע.

ווען עס איז געקומען צו די וואַלן פון די צענטראַלע קערפּערשאַפטן האָט ווי אַ באָמבע געפּלאַצט מעדעמס דערקלערונג, אַז ער וועט זיך ניט לאָזן אויס־וויילן אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט. קיינער האָט זיך אויף אַזאַ זאַך ניט גערעכנט. אַ בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט אָן מעדעמען ? ! — מען האָט אים געבעטן, ער זאָל דאָך אָננעמען אַ מאַנדאַט אין צ.ק., אָבער ער איז געבליבן אומגערירט ווי אַ פעלז. איך בין אַהיים געפאָרן אין אַן אומעטיקער שטימונג. איך בין זיכער אַז אַ סך דעלעגאַטן האָבן געטראַכט דאָס זעלבע וואָס איך: אַ צ.ק. אָן מעדעמען ? — אַ רעדאַקציע אָן מעדעמען ? — אַן אַרבעט אָן מעדעמען ? —

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מעדעם געלאָזט וויסן, אַז ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע. איך — ווי אַ סך אַנדערע בונדיסטן — האָב דאָס אויפגענומען מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. ער האָט ניט געלאָזט מאַכן קיין גרויסע געזעגענונג־אונטערנעמונג, אָבער עס איז יאָ פאָרגעקומען, ביים אינזש. העלער אין דער וואוינונג, אַ קליינע געזעגענונג פאַר אַ צאָל אַקטיווע טוער. דאָרט האָט מעדעם געזאָגט, אַז ער האָפט זייער שטאַרק, אַז די פּאָליטישע פאַרבלענדעניש וועט ביים בונד ניט לאַנג אָנהאַלטן, אַז אין גיכן וועט מען זיך אויסניכטערן, אָבער ווי לאַנג זי עקזיסטירט, קען ער זי ניט מיטמאַכן. ער האָט

זיך אָבער געדרן אונטערגענומען צו זיין אין אַמעריקע דער פֿאָרשטייער פֿון פּוילישן בונד און צו אַרבעטן אין זיינע אינטערעסן. סוף 1920 האָט ער פֿאַר־לאָזט וואַרשע און איז אַוועק קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע האָט מעדעם טאַקע אַ סך געטאָן פֿאַרן בונד אין פּוילן. ער איז דאָרט אויך געווען דער פֿאָרשטייער פֿון דער ציש״אָ און ער האָט געשאַפֿן אַ סך געלט פֿאַר די שולן. ער האָט געשאַפֿן די ערשטע גרעסערע סומע פֿאַר אַ סאַנאַטאָריע פֿאַר לונגען־שוואַכע קינדער, וואָס נאָך זיין טויט האָט זי גע־קריגן זיין נאָמען — דאָס איז די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע מעדעם־סאַנאַטאָריע.

נאָכן צוזאַמענפֿאַר האָט זיך פֿון דער לינקער פֿראַקציע אָפּגעטיילט אַ קליינע פּראָקאָמוניסטישע גרופּע. מיר זיינען פֿון איר גיך פּטור געוואָרן. אָבער דערווייל האָט די פּאַרטיי איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס.

קאַפּיטל 9

אַ האָגל פון רדיפות

אין נאָוועמבער 1918 האָט פּוילן צוריק באַקומען איר אומאָפּהענגיקייט, נאָך קנאַפּע 125 יאָר פון זיין צעטיילט צווישן די דריי שכנותדיקע גרויס־מאַכטן. נאָך דער בלויז אַ פּאָר־טאָגיקער „לובלינער פאָלקס־רעגירונג", אָנגעפירט פונם באַרימטן פּ.פּ.ס.־פירער, איגנאַצי דאַשינסקי, האָט זיך געשאַפן אַ ליבע־ראַלע רעגירונג אין שפּיץ מיטן גאַליציאַנער פּ.פּ.ס.ישן פירער מאָראַטשעווסקי. אָבער אויך די דאָזיקע רעגירונג האָט גיך פאַרלוירן די מאַכט און אויף איר אָרט איז געקומען אַ רעגירונג פון די רעכטע פּאַרטייען.

אַ כוואַליע פון נאַציאָנאַלן שאָוויניזם האָט פאַרגאָסן דאָס גאַנצע לאַנד. דער פּאָפּולערסטער לאָזונג איז געווען: מיר ווילן ניט בלויז אַן אומאָפּהענגיק נאָר אַ „גרויס־פּוילן"; „פּאָלסקאַ אָד מאָזשאַ דאָ מאָזשאַ!" (אַ פּוילן פון ים צו ים, ד. ה. פון באַלטישן ביזן שוואַרצן ים). אין אָט דער אַטמאָספער איז צוגעגרייט געוואָרן דער אומגליקלעכער פּוילישער מיליטערישער „מאַרש אויף קיעוו". די באָלשעוויקעס האָבן פאָרגעלייגט אַ באַלדיקן שלום. אָבער פּוילן האָט לכתחילה ניט געוואָלט הערן וועגן דעם — אַזוי איז מען געווען פאַרבלענדט פון די ערשטע זיגן און פון דער האָפענונג, אַז מען וועט קענען פאַרכאַפּן גאַנץ אוקראַינע. דעמאָלט האָט דער בונד באַשלאָסן עפנטלעך אַרויסצוטרעטן קעגן דעם אומזיניקן מלחמה־שגעון. דער חבר הענריק ערליך איז אויף אַ זיצונג פון וואַרשעווער שטאָטראָט אַרויסגעטרעטן מיט אַ שטאַרקער רעדע, אין וועלכער ער האָט געפאָדערט אָפּצוזאָגן זיך פון די אימפּעריאַליס־טישע פּלענער צו פאַרכאַפּן אוקראַינע און אויפצושטעלן אַ פּוילן „פון ים צו ים" און ער האָט געפאָדערט, אַז פּוילן זאָל שליסן אַ באַלדיקן און יושרדיקן שלום מיט רוסלאַנד. די אויפרעגונג אין די פּוילישע רעגירונגס־קרייזן קעגן אָט דער מוטיקער שלום־אַרויסטרעטונג איז געווען אַ גוואַלדיקע. כמעט מיט איין קלאַפּ האָט די רעגירונג פּראַקטיש דעלעגאַליזירט דעם בונד.

די רדיפות אויפן בונד האָבן זיך באמת שוין אָנגעהויבן אַ סך פריער. די שאָוויניסטישע אימפּעריאַליסטישע כוואַליע, וואָס האָט פאַרכאַפּט פּוילן באַלד נאָך דעם ווי זי האָט צוריק געוואונען די אומאָפּהענגיקייט, האָט אויך גורם געווען אַ שאַרפן אַנטיסעמיטיזם צווישן באַדייטנדיקע טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. אַ „גליקלעך" פּוילן, מוז זיין אַ פּוילן אָן „פרעמדע", ד. ה. אָן יידן. — און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע אכזריותדיקע טאָג־טעגלעכע אָנפאַלן, באַליידיקונגען און דערנידעריקונגען קעגן יידן.

די כוואַליע פון האַס האָט זיך אויך אַ גאָס געטאָן אויפן בונד. ער איז דאָך געווען טאָפּלט „טריף״: אי יידיש, אי סאָציאַליסטיש.

אָנהויב 1919 האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָליציאַישע רדיפות אויף דער בונדישער באַוועגונג; עס איז פּלוצלונג פאַרמאַכט געוואָרן די בונדישע טעגלעכע צייטונג, די לעבנס־פראַגן, און עס זיינען דערביי אַרעסטירט געוואָרן אַלע אָנגעשטעלטע וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין לאָקאַל פון דער צייטונג. אמת, מען האָט די צייטונג אין אַ פּאָר טעג אַרום צוריק געעפנט, אָבער די שיקאַנעס און רדיפות האָבן ניט אויפגעהערט. פרילינג 1920 זיינען די לעבנס־פראַגן ווידער אַ מאָל פאַרמאַכט געוואָרן. דאָס מאָל שוין אויף שטענדיק. דער בונד האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיין טעגלעכע צייטונג אונטער אַן אַנדער נאָמען, האָט די מאַכט נאָך אַ קורצער צייט זי ווידער פאַרמאַכט. האָט דער בונד ווידער אַ מאָל געביטן דעם נאָמען פון דער צייטונג, —אַזוי איז אָנגעגאַנגען די קאַץ־און מויז־שפּיל אַ לאַנגע צייט. טייל מאָל האָט די פּאָליצײַ ניט בלויז פאַרמאַכט אונזער צייטונג, נאָר אויך אַרעסטירט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר. אַזוי זיינען אַרעסטירט געוואָרן מאַוריצי אָזשעך, מאַניע עליאַש (איצט אין ניו־יאָרק) און אַנדערע.

אָבער נאָך דער מוטיקער אַנטי־מלחמה אַרויסטרעטונג פון ח׳ ערליך אין וואַרשעווער שטאָטראָט האָבן די רדיפות מיט אַ מאָל זיך אַזוי פאַר־שטאַרקט, אַז דאָס איז פּאַקטיש געווען אַ פּרואוו צו פאַרניכטן די גאַנצע בונדישע באַוועגונג. עס זיינען מיט איין קלאַפּ פאַרמאַכט געוואָרן די בונדישע פּאַרטיי־לאָקאַלן (קודם־כל דער גראָסער־קלוב אין וואַרשע). מען האָט פאַר־מאַכט כמעט אַלע פאַראיינס־לאָקאַלן. מען האָט צוגעמאַכט די געזעלשאַפט וואָס האָט אָנגעפירט מיט די בונדישע שולן און קינדערהיימען. מען האָט ניט דערלויבט קיין שום עפנטלעכע בונדישע אונטערנעמונגען און מען האָט אָפּגעשטעלט די בונדישע פּרעסע. די בונדישע באַוועגונג איז פּאַקטיש צוריק אַריינגעטריבן געוואָרן אין אונטערערד. דער בונד האָט אין נייעם, אומאָפּ־הענגיקן פּוילן געמוזט זיך צוריק נעמען צו דער טעכניק פון אומלעגאַלער אַרבעט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט און באַרימט געמאַכט אין די צאַרישע צייטן.

בעת די דאָזיקע רעפּרעסיעס קעגן בונד האָט מען אויך אַרעסטירט אַ היפּשע צאָל בונדישע טוער אין וואַרשע און איבערן גאַנצן לאַנד. אַ טייל האָט מען איינגעזעצט אין די תפיסות, אַ טייל האָט מען אַוועקגעשיקט אין אַ מין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאָמביע (הינטער קראָקע). פּאָליצײַ איז אויך געקומען אַרעסטירן דעם חבר ערליך אין זיין וואוינונג, אָבער ער איז גראָד ניט געווען אין דער היים. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים באַלד צו וויסן געגעבן וועגן דעם וויזיט פון דער פּאָליצײַ, איז ער שוין ניט אַהיים געגאַנגען נעכטיקן, נאָר איז אַוועק אין דער וואוינונג פון זיין שוועסטער, העלענע זיידמאַן. ער האָט אָבער ניט געקענט אין גאַנצן זיך איזאָלירן. פון צייט צו צייט האָט ער געמוזט אַרויסגיין אין גאַס און עס איז געווען אַ סכנה,

מען זאָל אים דערקענען, ספּעציעל צוליב זיין כאַראַקטעריסטיש קורץ, שפּיציק בערדל, וואָס האָט אַזוי האַרמאָנירט מיט זיין לענגלעך פּנים. האָט מען באַשלאָסן אין דער פּאַרטיי, צו פאַרלאַנגען פון אים, ער זאָל אַראָפּנעמען די באָרד, כדי ס׳זאָל ניט מעגלעך זיין אַזוי לייכט אים צו דערקענען. מיר האָט מען איבערגעגעבן זיך מיט אים אַדורכצורײדן וועגן דעם.

ערליכן האָב איך געקענט נאָך פון 1907־1908, פון זיינע סטודענטישע יאָרן. איך האָב מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אין דער וואַרשעווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וואו ער האָט שוין דעמאָלט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע. ער איז אפילו אַ צייט געווען פאַרזיצער פון דער ל׳יטעראַרישער געזעלשאַפט, וואו דער בונד האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה. שפּעטער האָב איך אים געטראָפן ביי דער בונדישער אַרבעט אין רוסלאַנד, געווען מיט אים צוזאַמען אויף אַ פּאַרטיי־באַראַטונג אין כאַרקאָוו, וואָס איז פאָרגעקומען אָנהויב 1916 (אין אַ שול וואו רפאל אַבראַמאָוויטשעס שוועסטער איז געווען פּאַרוואַלטערין). נאָך דעם האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אויף דער 10טער קאָנפערענץ פון בונד (פּעטראָגראַד, מערץ 1917), אַזוי אַז מיר האָבן זיך גאַנץ גוט געקענט שוין פון יאָרן. דעריבער האָב איך מיין מיסיע צו אים געפּרוּווט אויספירן גיכער ווי אַ פּערזענלעכע עצה פון אַ פריינד, איידער אַן אָפיציעלע פּאַרטיי־אישע אויפגאַבע. איך האָב געוואוסט אַז עס וועט זיין אַ שווער שטיקל אַרבעט צו פּועלן ביי אים, ער זאָל אַראָפּנעמען די באָרד. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן ווידערווילן צו מאַסקירן זיך, אַרויסצואווייזן פּערזענלעכע מורא, אפילו ווען אַ סכנה האָט אויף אים געלויערט. ער האָט טאַקע לכתחילה ניט געוואָלט הערן וועגן אַראָפּנעמען די באָרד. ניט קריכן דעם לייב אין פּיסק אַריין, אויסבאַהאַלטן זיך פון אַן אַרעסט — יאָ, אָבער ניט באַהאַלטן זיך הינטער אַ מאַסקע. צו אַלע אַרגומענטן איז ער געבליבן קאַלט. איך האָב געמוזט איבערחזרן מיינע וויזיטן ביי אים עטלעכע מאָל, ביז איך האָב ביי אים געפּועלט ער זאָל זיך לאָזן אַראָפּנעמען די באָרד. די אַרגומענטן וואָס האָבן סוף־כל־סוף אים איבערצייגט זיינען געווען: אַז די פּאַרטיי דאַרף אים נייטיק האָבן אין דער איצטיקער שווערער צייט; צווייטנס, אויב מען וועט אים אַרעסטירן קען געשען מיט אים אַ גרויס אומגליק, ווייל אין יענער צייט האָבן זיך אָפט געטראָפן פאַלן אַז פּאָליציי פלעגט דערהרגענען אַן אַרעסטירטן אויפן וועג אונטערן אויסרייד אַז מען האָט אים דערשאָסן „ביים אַנטלויפן”. איך דערצייל דאָ דעם דאָזיקן עפּיזאָד דער עיקר צוליב דעם, ווייל מיט 19 יאָר שפּעטער האָט אָט דער ווידערווילן זיינער צו מאַסקירן זיך און זיין געפיל צו קוקן שטאָלץ דעם שונא אין די אויגן אַריין, אים אפשר געקאָסט דאָס לעבן. איך מיין דאָ זיין אַרעסט אין בריסק אין אָקטאָבער 1939, ווען ער האָט זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע וואָס איז נאָר וואָס געהאַט פאַרכאַפּט געוואָרן דורכן סאָוועטישן מיליטער. אויך דעמאָלט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אויסצופאָלגן די עצה פון חברים, ער זאָל אַראָפּנעמען די באָרד. אַ קאָמוניסטישער אויס־וואורף האָט אים טאַקע דערקענט אויפן בריסקער וואָקזאַל און האָט אים געמסרט פאַר דער סאָוועטישער נקוו״ד. ער איז אַרעסטירט געוואָרן און

שפּעטער אומגעקומען מיט אַ מאַרטירערישן טויט — צוזאַמען מיט וויקטאָר אַלטערן — אין די מאָרד־קעלערן פון נקוו״ד.

אָבער אין 1920 האָט ער זיך יאָ געלאָזט איבערצייגן. לאַנג אים אויס־באַהאַלטן ביי די זיידענמאַנס וואָלט ניט געווען קלוג, עס פלעגן דאָרט אַריינ־קומען צו פיל זייטיקע מענטשן. איז ער נאָך אַ קורצער צייט אַריבער אין דער וואוינונג פון די חברים העלער אויף לעשנאָ 13. (אינזשיניער אַ. העלער איז געשטאָרבן פאַר דער מלחמה, זיין פרוי, די באַרימטע דאָקטאָרין אַנע ברוידע־העלער, די דירעקטאָרין פון יידישן קינדער־שפּיטאָל אויף שליסקע, איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ). ווייזט אויס, אַז די פּאָליציי, וואָס האָט אים כסדר אַרומגעזוכט, האָט זיך סוף־כל־סוף דערוואוסט וואו ער איז. איין מאָל — דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער 1920 — ווען ער איז אַרויס אין גאַס, איז ער פאַרן טויער פון לעשנאָ 13 אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט אים איינגעזעצט אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה אין וואַרשע.

זיין אַרעסט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די אַרבעטער־קרייזן אין פּוילן, אויך אין די קרייזן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.). די פירער פון דער פּ.פּ.ס., וואָס האָבן נאָך דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן אָנזען אין לאַנד (איגנאַצי דאַשינסקי, איינער פון די הויפּט־פירער אין דער פּ.פּ.ס., איז דעמאָלט געווען וויצע־פּרעמיער פון דער „רעגירונג פון נאַציאָ־נאַלער פּאַרטיידיקונג״), האָבן אינטערוועניִרט וועגן דעם אַרעסט און נאָך אַן ערך 8 וואָכן זיצן אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה איז ח׳ הענריק ערליך באַפרייט געוואָרן.

קאַפּיטל 10

אומלעגאַלע אַרבעט — אויף דאָס ניי

ווען דער בונד איז פאַרטריבן געוואָרן אין אונטערערד, האָבן מיר זיך תיכף גענומען צום אַלטן אויסגעפּרוּווטן קאַמפּמיטל פון אונטערערדישע באַוועגונגען — צו די אומלעגאַלע אויפרופן, אָדער פּראָקלאַמאַציעס, ווי מען האָט זיי דעמאָלט גערופן. צו יענער צייט האָב איך שוין געאַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד, צוזאַמען מיט די חברים עמנואל נאָוואָגרודסקי און שלום הערץ; מיר איז דער עיקר אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען מיטן באַזאָרגן די אומלעגאַלע ליטעראַטור. די ערשטע אומלעגאַלע אויפרופן האָבן מיר געדרוקט ביי דוד הענדלער אויף דלוגע 26. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן מיר אָבער געמוזט זוכן אַ נייע דרוקעריי, ווייל ביים דרוקן אומלעגאַלע ליטעראַטור איז ניט גוט צו האַלטן זיך צו לאַנג אויף איין אָרט.

מיר האָבן געהאַט אַ חבר, אַ בונדיסט און אַ דרוקער־אַרבעטער, וואָס איז נאָך אין די צאַרישע צייטן געזעסן אין תפיסה פאַר בונדישער אַרבעט. ער האָט געהייסן שמואל בלומענטאַל (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ). בין איך אַוועק צו אים און אים געבעטן, ער זאָל געפינען אַן אָרט וואו אָפּצו־דרוקן אַן אומלעגאַלן אויפרוף. אויף דעם האָט ער געענטפערט: — גוט, איך וועל דעם אויפרוף אָפּדרוקן ביי מיין טאַטן אין דער דרוקעריי. דערהערט אַז זיין טאַטע האָט אַן אייגענע דרוקעריי, האָב איך זיך דערפרייט. ווער דאָך איצט לייכטער זיין צו אַראַנזשירן אונזער אומלעגאַלע דרוקאַרבעט, ספּע־ציעל ווען זיין יינגערער ברודער, מאָטל (איצט אין אַמעריקע), איז שוין אויך געווען אונזערער אַ חבר. אין דער דרוקעריי פון די בלומענטאַלס (וואָס האָט זיך געפונען אויף דער סאָלנע גאַס) האָבן מיר טאַקע אָפּגעדרוקט אַ שיין ביסל אויפרופן. אָבער אויך פון די בלומענטאַלס האָבן מיר זיך געדאַרפט נאָך אַ געוויסער צייט אָפּטראָגן.

האָבן מיר זיך איבערגעטראָגן מיט דער אומלעגאַלער דרוקאַרבעט אין אַ קליינער דרוקעריי אויף נאַוואַליפּקי 7 וואָס האָט געהערט צו אַ געוויסן גרינבערג. ער האָט פאַרמאָגט בלויז איין קליינע פּעדאַל־מאַשין און מען האָט ביי אים קיין סך ניט געקענט אויפטאָן. פון אים האָבן מיר זיך אַריבער־געטראָגן צו זיינעם אַ ברודער, וואָס האָט שוין געהאַט אַ גרעסערע דרוקעריי אויף נאַוואַליפּקי 17. אָבער מיט אים האָבן מיר געהאַט אַ סך צרות: ער האָט ניט געהאַט קיין איבעריקן חשק צו פאַרנעמען זיך מיט אומלעגאַלער אַרבעט, און מען האָט געדאַרפט אַ סך כוחות אַוועקלייגן, ביז מען האָט ביי

אים געפּועלט צו מאַכן אַזאַ שטיקל אַרבעט. אָבער מיר האָבן געהאַט איין ווירקזאַמען מיטל: ביי די אַלע דרוקערס, וואָס האָבן פאַר אונז געמאַכט אומלעגאַלע אַרבעט, האָבן מיר אויך באַשטעלט לעגאַלע דרוקזאַכן, ווי פּלאַקאַטן וועגן אונטערנעמונגען, מאַטעריאַלן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען א. אַז. וו. דעם דאָזיקן גרינבערגן פון נאַוואָליפּיע 17 האָב איך טאַקע אָפּט איבערצייגט מיטן אַרגומענט, אַז אויב ער וועט פאַר אונז ניט מאַכן קיין אומלעגאַלע אַרבעט, וועלן מיר אים ניט געבן אויך די לעגאַלע באַשטעלונגען. סוף־כּל־סוף האָבן מיר זיך געמוזט אויך פון אים אָפּזאָגן.

איין מאָל, דאָס איז געווען אין פריען הארבסט 1920, האָבן מיר געדאַרפט מאַכן גאָר אַ גרויסע באַשטעלונג פון אומלעגאַלער ליטעראַטור. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אומלעגאַלן אויפרוף וועגן דער מלחמה, וועגן דער קריטישער לאַגע אין לאַנד און וועגן דער נייטיקייט פון אַ באַלדיקן שלום — און אים פונאַנדערשיקן איבערן גאַנצן לאַנד (מיט דער הילף פון קוריערן, ווייל מיט דער פּאָסט אָדער מיט דער באַן האָט מען אים ניט געקענט שיקן). דעם דאָזיקן אויפרוף האָט מען געדאַרפט אָפּדרוקן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. אַ קליינע דרוקעריי האָט פאַר אַזאַ אַרבעט ניט געטויגט; זי וואָלט דערויף געדאַרפט אַרבעטן עטלעכע וואָכן. אָבער צו די גרויסע דרוקערייען האָבן מיר ניט געקענט צוקומען. דעמאָלט האָט די באַקאַנטע וואַרשעווער טאָג־צייטונג „דער מאָמענט" געהאַט איינגעקויפט אַ נייע גרויסע ראָטאַציע־מאַשין, וואָס האָט געקענט אָפּדרוקן די עטלעכע צענדליק טויזנט עקזעמפּלאַרן אין עטלעכע שעה. זיינען מיר געפאַלן אויף אַ פּלאַן, מען זאָל דעם אויפרוף אָפּדרוקן אומלעגאַל אין דער דרוקעריי פון „מאָמענט".

צווישן די זעצערס פון „מאָמענט" זיינען געווען די בונדיסטן: לאַזער קלאַג, משה שקליאַר, פּסח צוקערמאַן (אַלע דריי אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ מיט אַ העלדישן טויט) א. אַנד. צוזאַמען מיט די בונדיסטן־זעצער האָבן מיר דורכגעפירט אַזאַ פּלאַן: אַ נאַכט פריער, נאָך דעם ווי אַלע אַנדערע זעצער זיינען שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, האָבן אונזערע חברים אין דער שטיל אויסגעזעצט דעם טעקסט פון אויפרוף און האָבן צוגעגרייט די פּלאַטן, און באַהאַלטן אין אַ זיכערן אָרט. צו מאָרגנס, שפּעט ביי נאַכט, ווען קיינער פון די זעצער איז שוין ניט געווען און מען האָט זיך געגרייט צו דרוקן דעם מאָרגנדיקן נומער „מאָמענט", זיינען מיר אַריין אין דער דרוקעריי. מיר זיינען געווען זאַלבעפערט: דער חבר אַרטור זיגעלבוים וואָס איז נאָר וואָס געהאַט געקומען קיין וואַרשע און איז דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון מעטאַל־פאַראיין; דער חבר לערנער, אַ מעטאַל־אַרבעטער, אַן אַלטער בונדיסט, וואָס איז נאָך אין די צאַרישע צייטן געזעסן אין תּפיסה (צוזאַמען מיט וויקטאָר אַלטערן) פאַר בונדישער אַרבעט; דער חבר אברהם, (זיין פאַמיליע־נאָמען געדענק איך שוין ניט) אַ מעטאַל־אַרבעטער, טעטיק אין דער ווירטשאַפט־קאָמיסיע ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און איך. דעם חבר אברהם האָבן מיר געלאָזן שטיין אין דרויסן אויף דער וואַך. מיר האָבן

אין דער שטיל גענומען די פלאַטן וואָס זיינען געווען פאַר אונז אָנגעגרייט אויף אַ באַשטימט אָרט. מיט די פלאַטן זיינען מיר אַריין אין דער דרוקעריי, צוגעגאַנגען צום עקספּעדיטאָר — ער איז אויך געווען דער פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי — און אים געזאָגט צוליב וואָס מיר זיינען געקומען. ער האָט געמאַכט אַ גוואַלד, מיר האָבן אים געבעטן ער זאָל שווייגן. פאַר זיכער־קייט וועגן האָבן מיר אים אַריינגעפירט אין זיין קאַנטאָרל און אים דאָרט געהאַלטן פאַרמאַכט. מיר האָבן אים אָנגעשראָקן מיט אַן אויפגעהויבענעם רעוואָלווער און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די זאַך איז ערנסט. ער האָט זיך ביי אונז געבעטן, מען זאָל אים נאָר לאָזן מאַכן די עקספּעדיציע פון דער צייטונג, ווייל ער מוז באַוויזן פינקטלעך צו דער באַן, מיר האָבן אָבער מורא געהאַט צו ריזיקירן, טאָמער וועט ער אונז דאָך ניט לאָזן דרוקן אונזער אויפ־רוף, האָבן מיר אים געהאַלטן פאַרשפּאַרט. דער מאַשיניסט ביי דער ראָ־טאַציע־מאַשין איז אויך געווען אַ בונדיסט, — קעלמאַן האָט ער געהייסן, — האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. אין משך פון אַ פאָר שעה איז דער אויפרוף פאַרטיק געוואָרן. בעת די מאַשין איז געווען אין פולן גאַנג איז אין דער דרוקעריי אַריינגעקומען דער חבר לאָזער קלאַג. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט גאָרניט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר: ער איז געווען דער מעטראַנפּאַזש פון „מאָמענט" און ער איז אין דער צייט גע־קומען צוזאַמענשטעלן די זייטן פון דער צייטונג. כדי עס זאָל אויף אים ניט פאַלן קיין חשד, האָבן מיר אים אויך אַריינגעשטופּט אין קאַנטאָרל און אים דאָרט געהאַלטן פאַרשפּאַרט צוזאַמען מיטן עקספּעדיטאָר. ווען דער אויפרוף איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן מיר אים איינגעפּאַקט אין עטלעכע גרויסע פּעק און מיר זיינען בשלום אַוועק. לאָמיר שוין אויך צוגעבן, אַז פּאַפּיר האָבן מיר אויך גענומען ביים „מאָמענט". צום שבח פון „מאָמענט" דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט וועגן דעם גאַנצן ענין געמאַכט אַ שווייג און קיין שום נאָכווייענישן זיינען ניט געווען.

ביז אונזער פּרעסע האָט צוריק אָנגעהויבן אַרויסצוגיין מער־ווייניקער רעגולער, האָבן מיר נאָך אַ לאַנגע צייט געמוזט אָנקומען צו אומלעגאַלער דרוק־אַרבעט. פאַר אויפרופן, וואָס זיינען אַרויס נאָר אין עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן, האָבן מיר (און ספּעציעל דער יוגנט־בונד צוקונפט) זיך אָפּט אויך באַנוצט מיט העקטאָגראַפן.

קאַפּיטל 11

דער דאַנציקער צוזאַמענפאָר

די פּאָליציייִשע רדיפות, ווי שווער זיי האָבן ניט געטראָפן די באַוועגונג, זיינען אָפּגעשטופּט געוואָרן אויפן צווייטן פּלאַן, ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ שווערער, אינעווייניקסטער פּאַרטיי־קריזיס.

נאָכן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין 1920 — ווען עס זיינען אָנגענומען געוואָרן די באַרימטע „21 פּונקטן", וואָס זייער ציל איז געווען צו שפּאַלטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, צו דערקלערן אַלע סאָציאַ־ליסטישע פירער פאַר „פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס" און פשוט צו פאַרניכטן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, — האָט זיך אויך אין פּוילישן בונד געשאַפן אַ פּראָ־קאָמוניסטישע גרופּע וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן קאָמבונדישע פראַקציע. (געקירצט: קאָמבונד). זי האָט געפאָדערט, אַז דער בונד זאָל גלייך אָננעמען אַלע 21 פּונקטן. דאָס האָט געמיינט: אין גאַנצן זיך אונטערגעבן דעם „קאָמינטערן" (קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל), אַרויסוואַרפן אַלע אויסגעפּרואווטע בונדישע פירער, שפּאַלטן און פאַרניכטן דעם בונד.

די לינקע מערהייט אין דער פּאַרטיי איז גרייט געווען אָנצונעמען בלויז 19 און אַ האַלב פון די 21 פּונקטן, אָבער די אַנדערטהאַלבן פּונקטן, וואָס זיי האָבן אָפּגעוואָרפן, זיינען גענוג געווען אויף צו נישט צו מאַכן דעם אָנשלוס פון בונד אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די צענטריסטישע פראַקציע איז איינגעגאַנגען נאָר אויף 16 פּונקטן. די רעכטע (מעדעמס) פראַקציע האָט שוין נאָכן קראָקעווער צוזאַמענפאָר מער ניט עקזיסטירט ווי אַ געשלאָסענע גרופּע; מיר האָבן ניט געוואָלט קאָמפּליצירן די לאַגע אין דער פּאַרטיי און שאַפן נאָך אַ פראַקציע, האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אין דער צענטריס־טישער ריכטונג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפער אינעווייניקסטער פראַקציאָנעלער קאַמף, וואָס האָט ניט געהאַט זיין גלייכן אין דער געשיכטע פון בונד. דאָס איז שוין ניט געווען קיין קאַמף צווישן חברים פון איין פּאַרטיי, נאָר פון אַ פּאַרטיי מיט איר אינעווייניקסטן שונא. צווישן די פירער פון דער קאָמ־בונדישער פראַקציע האָבן זיך געפונען אַ היפּש ביסל וויכטיקע טוער פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, ווי למשל: אַבאַ פלוג פון טעקסטיל־פאַראיין, קלמן קאַמאַשנמאַכער, ישעיה זאַמבראָווסקי, יחיאל ניימאַן און יוסף ליפשיץ (יוסף באַסאַק) פון לעדער־פאַראיין (די לעצטע דריי זיינען

שפּעטער צוריקגעקומען צום בונד), מענדל סקראָבעק פון פּאַפּיר־בראַנזשע־פּאַראיין און אַנדערע.

אין מיטן ברען פון דעם פראַקציאָנעלן קאַמף זיינען קיין וואַרשע געקומען די געוועזענע טוער פון רוסישן בונד יאַנקל לעווין און משה ראַפעס, וואָס זיינען שוין דעמאָלט געווען וויכטיקע טוער פון דער קאָמ. פּאַרטיי (ביידן האָט סטאַלין שפּעטער ליקווידירט). פּאַקטיש זיינען זיי געקומען צו העלפן דער קאָמבונדישער פראַקציע אָדער אין גאַנצן צו פאַרכאַפּן דעם בונד, אָדער צו פּאַרטיפן ווי וויט מעגלעך די שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי.

מיט יאַנקל לעווינען, פון פאַר אַ סטאַליאַר, בין איך געווען גוט באַפריינדעט נאָך פון פאַר דער מלחמה: ער איז געווען אַ בונדישער פּראָפעסיאָנאַל. אין 1912 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אים געשיקט אויף בונדישער אַרבעט קיין וואַרשע, און דעמאָלט האָב איך זיך מיט אים באַקענט. שפּעטער זיינען מיר צוזאַמען געזעסן אין וואַרשעווער אַרסענאַל און אין 1915 האָט מען אונז ביידן עוואַקואירט קיין רוסלאַנד. נאָכן אַרומוואַגלען אַ ביסל צייט זיינען מיר ביידע געפאָרן קיין קיעוו און דאָרט זיך געשטעלט צוריק צו דער אַקטיווער פּאַרטייאישער אַרבעט. מיר פלעגן זיך טרעפן אויף בונדישע קאָנפערענצן און ביי אַנדערע פּאַרטייאישע אַרבעטן. איצט, ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע, איז ער געווען ביי מיר צו גאַסט און ער האָט ביי מיר אין דער היים פאַרברענגט אַ גאַנצן מעת־לעת. מיר האָבן געשמועסט וועגן „אַלטע גוטע צייטן", אויסגעפרעגט זיך אויף פריינד א. אַז. וו. מיט אים האָט מען געקענט לאַנג שמועסן. ער איז געווען אַ פריילעכער בחור, אַ גוטער אונטערהאַלטער; ער האָט געקענט שיין זינגען און ס'איז געווען אָנגענעם מיט אים צו פאַרברענגען.

אַז איך האָב אים געפרעגט צוליב וואָס ער איז געקומען קיין וואַרשע, האָט ער געענטפערט, אַז סתם אַזוי זיך: אַזוי ווי ער איז געפאָרן קיין ווילנע צו גאַסט צו פריינד, האָט ער זיך פאַר איין וועגס אויך אַראָפּגעכאַפּט קיין וואַרשע, צו זען זיך מיט אַלטע באַקאַנטע.

אויך משה ראַפעסן האָב איך געקענט פון פריער. ער איז אַ קורצע צייט געווען אין וואַרשע אין שליחות פון צענטראַל־קאָמיטעט אַדורכצופירן די וואַלן פון דעלעגאַטן צום 8טן צוזאַמענפאָר פון בונד וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין ווין אין 1914. שפּעטער האָב איך זיך מיט אים געטראָפן ביי דער פּאַרטייאישער אַרבעט אין קיעוו. אויך ער איז געקומען צו מיר צו גאַסט. אָבער איך האָב שוין דעמאָלט געוואוסט מיט וואָס פאַר אַ מיסיע ער איז געקומען (ער האָט שוין געהאַט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט די קאָמבונדישע טוער און האָט אויך געפרואווט שמועסן מיט אַנדערע חברים). ווען ער איז אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב, האָב איך אים געפרעגט אין אַ ניט־פריינדלעכן טאָן נאָך וואָס ער איז געקומען, האָט ער געענטפערט אַז ער איז געקומען „ניט צו מיר גאָר צו לוטשען", בין איך אַוועק פון שטוב און אים איבערגעלאָזט. יאַנקל לעווין איז גאָר גיך צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער ראַפעס איז נאָך געבליבן אין וואַרשע אַ לענגערע צייט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז מיר צופעליק געלונגען באַצייטנס צו אַנטדעקן אַ וויכטיקן שליסל־מענטש פון דער קאָמבונדישער פּראַקציע. די מעשה איז געווען אַזאַ: איך האָב זיך גוט געקענט מיט דעם אַלטן טוער פון דער אַמאָליקער פּ.פּ.ס. לעוויצע, סטעפאַן קרוליקאָווסקי; ער איז לאַנגע יאָרן געווען מיינער אַ פּערזענלעכער פריינד. נאָך פאַר דער מלחמה האָב איך זיך אין וואַרשע באַקענט מיט זיין משפחה און איך פלעג אַריינקומען צו זיי אין שטוב. ער פלעגט זיך שטענדיק דעקלאַרירן מיט זיין ליבע צו יידן. ער האָט אפילו אַ ביסל געקענט רעדן יידיש. אַז מען פלעגט אים פרעגן פאַר וואָס ער האָט אַזוי ליב יידן, פלעגט ער זאָגן, אַז „דאָס איז צו פאַר־דאַנקען אַ שטיין". וואָס עפּעס אַ שטיין? — בעתן פּאָגראָם פון 1881 אין וואַרשע איז ער נאָך געווען אַ קליין קינד, איז זיין מוטער געגאַנגען אין גאַס און האָט אים געהאַלטן אויף דער האַנט. אַ שטיין פון אַ פּאָגראָמשטשיק האָט אים צופעליק געטראָפן און אים לייכט פאַרוואונדעט, האָט ער זיך דעריבער באַטראַכט פאַר אַ קרבן פון פּאָגראָמשטשיקעס. איך בין צוזאַמען מיט אים און מיט זיין ברודער קאַזשיק (קאַזשימיעזש), — אַ גאַזאָווניע־אַרבעטער — געזעסן אין תפיסה אויף דאַנילאָוויטשעווסקע; מיר זיינען שפּעטער אויך צוזאַמען געווען פאַרשיקט קיין סיביר. ווען איך בין אויף סיבירער פאַר־שיקונג שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן דורך דער צאַרישער פּאָליציי, איז מיר אויסגעקומען צו ליגן אין שפּיטאָל גראַד אין דעם דאָרף, וואו ער איז געווען פאַרשיקט און ער איז אַרום מיר אַרומגעגאַנגען ווי אַ ברודער. איין מאָל זיינען מיר ביידע — אויף סיבירער פאַרשיקונג — געגאַנגען אין וואַלד אַריין האַקן האָלץ. פּלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע זאַווייערוכע, וואָס האָט געריסן צווייגן און אומגעוואָרפןביימער. עס איז אוממעגלעך געווען צו דערהאַלטן זיך אויף די פיס. האָבן מיר זיך ביידע אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און אַזוי זיך קוים דערשלעפּט צוריק צום ישוב. מיט איין וואָרט: אַ סך שותפותדיקע שווערע איבערלעבונגען האָבן אונז פאַרבונדן. שפּעטער, אין וואַרשע, ווען די פּ.פּ.ס־לעוויצע איז געוואָרן אַ טייל פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי און ער, קרוליקאָווסקי, איז געוואָרן אַ קאָמוניסטישער טוער, איז אונזער פריינדשאַפט דאָך אין דער ערשטער צייט ניט איבערגעריסן געוואָרן. ער פלעגט קומען צו מיר אין הויז צו גאַסט — און איך צו אים. (אין אַ צייט אַרום איז ער אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ דעפּוטאַט אין סיים. נאָך עטלעכע יאָר איז ער אַוועק קיין רוסלאַנד און איז דאָרטן ליקווידירט געוואָרן).

איין מאָל, אין דער צייט פון די שווערע פראַקציאָנעלע קאַמפן מיטן קאָמ־בונד, — איז ער געווען ביי מיר צו גאַסט. מען האָט געגעסן און געטרונקען און מען איז אַרויף אויף דער טעמע פון די פראַקציאָנעלע קאַמפן ביי אונז אין דער פּאַרטיי. עס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט צווישן אונז אַ הייסע דיסקוסיע: ער האָט מיר פאַרזיכערט אַז ביי אונז וועט פאָרקומען אַ שפּאַל־טונג און אַז אַ טייל בונדיסטן וועלן אַוועק צו זיי, צו די קאָמוניסטן. איך, ווידער, האָב געטענהט, אַז ווי שאַרף עס זאָלן ניט זיין אונזערע אינערלעכע

שטרייטן, וועט קיינער ניט פאַרראַטן דער פּאַרטיי און צו קיין שפּאַלטונג וועט ניט קומען. אין היץ פון דער דיסקוסיע האָט קרוליקאָווסקי זיך אַרויסגע־באַפּט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פינאַנסירט די קאָמבונדישע פראַקציע און אַז אַ וויכטיקער בונדישער טוער נעמט אָפּ דאָס געלט ביי זיי. ווען איך האָב דאָס דערהערט האָב איך אים אָנגעהויבן צו ציען פאַר דער צונג, ביז איך האָב פון אים אַרויסגעקריגן אַז דער דאָזיקער מענטש איז אַלעקסאַנדער אין לאָדזש (שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן, איז ער צוריקגעקומען צום בונד, און געוואָרן — און איז ביז היינטיקן טאָג — איינער פון די שאַרפסטע באַקעמפער פון קאָמוניזם אין וואָרט און אין שריפט). איך האָב קרוליקאָווסקין געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל דאָס קיינעם ניט דערציילן. איך האָב דאָס מאָל קיין וואָרט ניט געהאַלטן. איך בין באַלד אַוועק צו די אָנפירנדיקע מענטשן פון אונזער באַוועגונג: צו הענריק ערליכן, צו נחן, דעם פאַרזיצער פון דער פּאַרטיי, און צו עמנואל נאָוואָגרודסקין, דעם סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט, און זיי דערציילט די נייעס. מען האָט אַלעקסאַנדערן תיכף אַרויס־גערופן צום צענטראַל־קאָמיטעט און ער, וואָס האָט זיך שטענדיק אויסגע־צייכנט מיט זיין פעדזענלעכער ערלעכקייט, האָט זיך אָפּן מודה געווען, אַז ער נעמט ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געלט פאַר דער קאָמבונד־פראַקציע. ער איז תיכף אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם צווישן די פּאַרטיי־מיטגלידער און האָט אָפּגעצויגן פון דער קאָמבונד־פראַקציע אַ היפּש ביסל חברים, וואָס זיינען פּרינציפּיעל מיט איר געווען איינשטימיק אָבער האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן קיין אָפנעם פּאַרטיי־פאַרראַט.

ענדלעך איז באַשטימט געוואָרן דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון בונד אין פּוילן. ער איז פאָרגעקומען אין 1921 אין דער פריישטאַט דאַנציק, וואָס איז ווירטשאַפטלעך געווען אַ טייל פון פּוילן, אָבער האָט געהאַט פּאָליטישע אויטאָנאָמיע מיט אַן אייגן פּאַרלאַמענטל, אַן אייגענעם פּרעזידענט, אייגענער פּאָליצײ א. ד. גל. אַריינצופאָרן קיין דאַנציק האָט מען גדאַרפט האָבן אַ פּוילישן פּאַס, אָבער די פּוילישע פּאָליציי האָט דאָרטן קיין שליטה שוין ניט געהאַט. פונדעסטוועגן האָבן מיר אויך אין דאַנציק דעם צוזאַמענפאָר איינ־געאָרדנט אומלעגאַל, ווייל אין שטאָט זיינען געווען אַ סך פּוילישע פּאָליציי־אַגענטן און ביים צוריקפאָרן וואָלט מען אונז אַלעמען געקענט אַרעסטירן. (דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין זאַל פון פאַראיין פון די טראַנס־פּאָרט־אַרבעטער).

דאָס איז געווען אפשר דער סאַמע גורלדיקסטער צוזאַמענפאָר אין דער געשיכטע פון בונד, וואו די עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי איז געלעגן אויף דער וואָגשאָל. די צענטראַלע פראַגע אויפן צוזאַמענפאָר זיינען געווען די „21 פּונקטן״. עס זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע דריי פראַקציעס. די לינקע אָדער די אָנהענגער פון 19 און אַ האַלב פּונקטן האָבן געהאַט אַ מערהייט; די קאָמבונדישע פראַקציע האָט געהאַט אין גאַנצן 6 דעלעגאַטן. אַחוץ די 21 פּונקטן האָט דער קאָמאינטערן נאָך צוגעשיקט אַ באַזונדערן בריוו צום צו־

זאַמענפאַר, וואו ער האָט געפאָדערט מען זאָל אויסשליסן פון דער פאַרטיי „די רעכטע פירער”. ווען מען האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז אויפן צוזאַמענפאַר אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם. אויסשליסן פון דער פאַרטיי ערליכן, אַלטערן, נחן, מיכאַלעוויטשן, — דעם שטאָלץ און דאָס שיינדל פון דער פאַרטיי? — אַזאַ זאַך האָט ניט געקענט קריכן אין קאָפּ אַריין אפילו דעם לינקסטן צווישן אונז. אחוץ — פאַרשטייט זיך — די פּאָר קאָמבונדישע דעלעגאַטן, וואָס זיינען שוין דעמאָלט פאַקטיש געשטאַנען אונטערן באַפעל פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ווען עס איז געקומען צו דער אָפּשטימונג, זיינען די 21 פונקטן ווי אַ גאַנצקייט אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

נאָכן צוזאַמענפאָר האָט די קאָמבונדישע פראַקציע אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג אין וואַרשע און עס איז דאָרט באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוטרעטן פון דער פאַרטיי. אָבער ניט אַלע זיינען דערמיט מסכים געווען. עס זיינען דאָרט געווען עטלעכע וואָס האָבן אויף קיין שפּאַלטונג ניט געוואָלט גיין און זיינען פון דער פאַרטיי ניט אַוועק, צום ביישפּיל: קלמן קאַמאַשנמאַכער.

דעמאָלט האָט די קאָמבונדישע פראַקציע געגרינדעט אַן אייגענע „פאַרטיי” — דעם קאָמבונד. אָבער נאָך אַ קורצער צייט פון כלומרשטער זעלבשטענדיקער עקסיסטענץ האָט זי זיך אַריינגעגאָסן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון פוילן. די קאָמוניסטן האָבן תיכף אָנגעהויבן אַ טאָטאַלן קאַמף קעגן בונד, אַ קאַמף צו פאַרניכטן דעם בונד מיט אַלע מיטלען. פון דעמאָלט אָן איז דעם בונד אויסגעקומען צו פירן אַ נייעם מין צווישנפאַרטייאישן קאַמף; ער האָט געמוזט פאַרטיידיקן זיין עקזיסטענץ קעגן אַ שונא, וואָס האָט ניט אָנערקענט קיין שום מאָראַל און קיין שום אָנשטענדיקייט.

עס איז כדאי דאָ צו דערציילן אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט אַרום דעם דאַנציקער צוזאַמענפאָר. מיר איז צוגעטיילט געוואָרן די אַרבעט איבערצוגעבן די דעלעגאַטן געלט אויף באַן־בילעטן. צוויי דעלעגאַטן פון דער קאָמבונד־פראַקציע, אַבאַ פלוג און יחיאל ניימאַן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס געלט מיטן תירוץ, אַז זיי האָבן ניט קיין פּעסער צו פאָרן. זיי זיינען טאַקע אויפן דאַנציגער צוזאַמענפאָר ניט געווען. ביידע זיינען זיי נאָך דעם געווען זייער וויכטיקע קאָמוניסטישע טוער, אָבער ביידע זיינען שפּעטער אַוועק פון קאָמוניזם. יחיאל ניימאַן איז צוריקגעקומען צום בונד און ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער בונדישער טוער אין פּאַריז. אַבאַ פלוג איז אָנהויב דרייסיקער יאָרן געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער רעכטער אָפּאָזיציע ביי די קאָמוניסטן. מען האָט אים דערפאַר אויסגעשלאָסן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און אים פאַרשריגן ווי אַ „פאַררעטער”.

אַבאַ פלוג איז געווען אַן אינטעליגענטער, ערנסטער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעטער־טוער; ער איז געווען דער אָנערקענטער פירער פון טעקסטיל־פאַראיין. אָבער ווען ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פאַר אַ „רעכטן אָפּנויג”, האָבן אַלע זיינע פריערדיקע חברים אים באָיקאָטירט און פאַרסמט אים דאָס לעבן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געשטאָרבן. דער פאַראיין, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ

לעבן, האָט זיך אָפּגעזאָגט איינצואָרדענען זיין לוויה. דעמאָלט איז זיין פּרוי געקומען צום בונד און געבעטן דער בונד זאָל איינאָרדענען די לוויה, און מיר האָבן זיך דערפון ניט אָפּגעזאָגט און אָרגאַניזירט די לוויה פון אַבא פלוגן. די נייע פירער פון טעקסטיל־פאַראיין, וואָס האָבן געירשנט אַבא פלוגס פירערשאַפט, מיט אברהם ראָזנפעלדן („אברהם פויער") בראש, זיינען צו דער לוויה ניט געקומען. מען האָט זיי בלויז געזען שטיין פון דער ווייטנס נאָכקוקן דעם לוויה־צוג.

אברהם ראָזנפעלדס סוף איז געווען אַן ערגערער: ווען היטלער איז באַפאַלן פוילן איז אברהם „פויער" אַוועק קיין ראַטן־רוסלאַנד צוזאַמען מיטן גרויסן שטראָם פּליטים. דאָרט האָט ער דערזען וואָס פאַר אַ „גן־עדן" עס איז זיך אויסגעטרוימט „פּראָלעטאַריש פאָטערלאַנד". ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסער פאַרצווייפלונג און אַ מרה־שחורה. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצו־ווייזן סימנים פון פּסיכישער צערודערטקייט. ער איז געוואָרן פרום, האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, האָט אָנגעהויבן דאַוונען און נאָך אַ געוויסער צייט איז ער אין גאַנצן אַראָפּ פון זינען. מען האָט אים געזען זיך אַרומשלעפן איבער די גאַסן און בעטלען. געשטאָרבן איז ער אויף דער גאַס פון הונגער און אויס־געמאַטערטקייט. אַזוי האָט דאָס „פאָטערלאַנד פון פּראָלעטאַריאַט" אויספאַר־ענדיקט אַ מענטשן וואָס האָט אים געטריי געדינט דאָס גאַנצע לעבן.

קאַפּיטל 12

צום שוץ פון דער באַוועגונג

די ענדגילטיקע אָפּשפּליטערונג פון דער קאָמבונדישער פראַקציע, דאָס פאַרלירן אַ ביסל מיטגלידער, האָט אינערלעך ניט אָפּגעשוואַכט די פּאַרטיי. פאַרקערט — ס'האָט זי געזינטער געמאַכט. מען איז פּטור געוואָרן פון אַ שונא, וואָס האָט געוואָלט פאַרניכטן די באַוועגונג פון אינעווייניק. די פּאַרטיי איז געוואָרן געשלאָסענער און קאָמפּספּעאיקער.

אָבער גרויסע שוועריקייטן זיינען אויפגעקומען אויפן געביט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אַ גאַנצע ריי טוער פון קאָמבונד האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָלע אין עטלעכע וואַרשעווער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. זיי זיינען געווען די דעציִדירנדיקע מענטשן אין די וואַרשעווער פאַרוואַל־טונגען פון טעקסטיל־פאַראיין, פון לעדער־פאַראיין, פון האָלץ־פאַראיין און פון בעקער־פאַראיין. דאַקעגן, אונטער דער השפּעה פון בונד, זיינען אין וואַרשע פאַרבליבן: דער גרעסטער פון אַלע פאַראיינען — דער באַקלייד־פאַראיין, דער פאַראיין פון לעדער־גאַלאַנטעריי־אַרבעטער (רימער, הענטשקע־מאַכער, ספּאָרט־גאַלאַנטעריי א. ד. גל.), דער מעטאַל־פאַראיין, דער דער־נערונג־פאַראיין (שאָקאָלאַד, צוקערוואַרג, זיס געבעקס), דער פריזירער־פאַראיין, דער דרוקער־פאַראיין, דער פּאַפּיר־אַרבעטער־פאַראיין א. אַנד. אין די פאַראיינען וואָס די קאָמוניסטן האָבן איבערגענומען האָט אָבער דער בונד נאָך געהאַט אַ גרויסע אָנהענגערשאַפט. מיר האָבן דאָרט ווייטער אויפ־געהאַלטן בונדישע פראַקציעס און ענגערע בונדישע פּאַרטיי־גרופּעס. אָבער אויך די קאָמוניסטן האָבן געהאַט זייערע אָנהענגער און פראַקציעס אין די פאַראיינען וואָס זיינען פאַרבליבן אונטער דער אָנפירונג פון בונד.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַ גרונט־אונטערשייד אין דער טאַקטיק פון די צוויי מינים אָפּאָזיציעס. בעת די בונדישע אָפּאָזיציעס זיינען געווען לאָיאַל צו דער ריין־פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט פון די קאָמוניזירטע פאַראיינען און זיי האָבן ניט געטראַכט וועגן צערייסן די פאַראיינען פון אינעווייניק, אָדער שטערן זייער עקאָנאָמישן קאַמף פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען פון די אַרבעטער, האָבן די קאָמוניסטישע אָפּאָזיציעס אין די בונדישע פאַר־איינען אַרויסגעוויזן די העכסטע מאָס אומלאָיאַלקייט בנוגע יעדער טעטי־קייט פון די פאַראיינען. זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרכאַפּן — מיט אַלע צע־שטערערישע מיטלען — די פאַראיינען וואָס געפינען זיך ניט אונטער זייער ממשלה, און אויב דאָס גייט זיך ניט איין — צעברעכן די דאָזיקע פאַראיינען דורך באַליידיקן, באַשמוצן זייערע סאָציאַליסטישע פירער ניט אָפּשטעלנדיק זיך אפילו פאַר פיזישע אָנפאַלן אויף זיי. די קאָמוניסטן האָבן איינגעפירט

אַ „נייעס״ אין דער אַרבעטער־באַוועגונג: פּיזישן טעראָר. ביז דעמאָלט איז דער קאַמף צווישן די אַרבעטער־פּאַרטייען אויך געווען אַ גאַנץ שאַרפער, אָבער ער איז ניט איבערגעטרעטן די גרענעצן פון וואָרט־געפעכט. ערשט די קאָמוניסטן האָבן איינגעפירט די נייע „אַרגומענטן״ אין דעם צווישן־פּאַרטייאישן קאַמף אין די אַרבעטער־רייען: די פויסט, דעם מעסער, דעם רעוואָלווער. באַזונדערס ברוטאַל זיינען זיי געווען קעגן בונד. מיר האָבן זיך לסוף אַרומגעזען, אַז די זאָרג פאַר דער פּיזישער זיכערקייט פון אונזערע טוער און פאַר דער גאַנצקייט און זיכערקייט פון אונזערע אַרבעטער־אינסטיטוציעס — איז געוואָרן אַ דרינגענדיקע נויט.

פון דער צווייטער זייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אָנפאַלן פון אַנטי־סעמיטישע כוליגאַנעס און די פּאָליצייאישע פּראָוואָקאַציעס (דירעקטע אָדער דורך ציוויל־געקליידטע פּאָליציי־אַגענטן) זיינען ניט קיין זאַך אויף דערוויל, אַז מען וועט האָבן דערפון צו זינגען און צו זאָגן אויף לאַנגע יאָרן. עס איז דעריבער ביי אונז רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז מיר מוזן שאַפן אַ פּערמאַנענטע בונדישע פּאַרטיידיקונגס־גרופּע, וואָס זאָל שטענדיק זיין גרייט צו פאַרהיטן אונזער געזעלשאַפטלעך האָב און גוטס און די פּיזישע זיכערקייט פון אונזערע חברים און טוער קעגן די כסדרדיקע סכנות מצד די שונאים פון רעכטס און פון לינקס.

ביז דעמאָלט האָט די אָרדענער־גרופּע ביי דער בונדישער אָרגאַניזאַציע געטראָגן אַ ספּאָראַדישן כאַראַקטער. ווען מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ גרעסערע אונטערנעמונג אָדער אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע און מען האָט זיי געדאַרפט פאַרהיטן פון אָנפאַלן אָדער סתם אָפּהיטן די אָרדענונג, האָט מען אויסגעקליבן צו עטלעכע פּאַסיקע מענטשן פון יעדער פּאַרטיי־גרופּע (אונזערע פּאַרטיי־גרופּעס זיינען געווען געבויט אויפן פּראָפעסיאָנעלן יסוד), מען האָט זיי געגעבן אָרעם־בענדער, געהאַט מיט זיי איין פאַרזאַמלונג פאַר דער אונטערנעמונג, צו געבן זיי די נייטיקע אינסטרוקציעס, און נאָך דעם האָט מען זיי פונאַנדערגעלאָזט — ביז אַ נייער אונטערנעמונג אָדער אַרויסטרעטונג. ווען מען האָט ווייטער געפאָדערט פון די גרופּעס, זיי זאָלן צושיקן צו עטלעכע מענטשן פאַר אָרדענער. געוויינטלעך פלעגן געוויסע חברים שוין האָבן אַ חזקה צו גיין אין דער אָרדענער־גרופּע.

אָבער נאָך דעם, ווי די קאָמוניסטן האָבן אָנגענומען אַ טאַקטיק פון באַפאַלן בונדישע אינסטיטוציעס, פון שטערן און אויפרייסן אונזערע גע־שלאָסענע פאַרזאַמלונגען אָדער עפנטלעכע מיטינגען, פון אָנפאַלן אויף אונזערע טוער, און ווען אויך די אָנפאַלן פון די אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס און פון דער פּאָליציי האָבן ניט אויפגעהערט, האָט זיך דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד דעצידירט צו אָרגאַניזירן אַ שטענדיקע אָרדענער־גרופּע (שפּעטער האָט מען זי גערופן: פּאַרטיי־מיליץ). מיר האָט מען איבערגעגעבן די אויפגאַבע צוצוגרייטן אַ פּראָיעקט פון אַ רעגולאַמין און שפּעטער אויך דאָס צונויפשטעלן און אָנפירן מיט דער נייער גרופּע, וואָס האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן צום שוץ פון אונזער באַוועגונג.

קאַפּיטל 13

די אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי-מיליץ

ווען דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ באַזונדערע פּאַרטיי-מיליץ, האָבן מיר גוט געדענקט וועגן די ביטערע דער־פאַרונגען פון די קאַמפּס־גרופּעס וואָס האָבן עקזיסטירט ביי אַ טייל רעוואָ־לוציאָנערע פּאַרטייען אין צאַרישן רוסלאַנד, אַ שטייגער ביי די עס־ערן, אַנאַרכיסטן, און ביי דער פּ.פּ.ס., וואו אַ טייל פון די רעוואָלוציאָנערע „באָיאָוועס" האָבן זיך שפּעטער אָפּגעגעבן מיט פּשוטן באַנדיטיזם; פון די אַמאָליקע „עקספּראָפּריאַציעס" פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן זיינען שפּעטער אַרויס־געקומען פּשוטע רויבערישע אָנפאַלן פאַר אייגענע פּערזענלעכע אינטערעסן. האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרהיטן מיט אַלע מיטלען, אַז מיט־גלידער פון אונזער גרופּע זאָלן ניט קענען אַוועק אין אַזאַ געפערלעכער ריכטונג.

מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצונעמען אין דער אָרדענער־גרופּע נאָר פּאַר־טיי־מיטגלידער. מיטגלידער פון דער אָרדענער־גרופּע האָבן געמוזט האָבן אַ שטענדיקן פאַך און פאַרדינען אויף חיונה פון זייער אייגענער פּראָפעסיאָ־נעלער אַרבעט; דאָס אָפּהיטן די זיכערקייט פון דער פּאַרטיי און פון אירע אינסטיטוציעס זאָל זיין פאַר זיי נאָר אַ פּאַרטייאישע פליכט, עס דאַרף זיך ביי זיי ניט שאַפן קיין נטיה צו ווערן „פּראָפעסיאָנעלע באָיאָוצעס". יעדע פּאַרטיי־גרופּע: די באַקלייד־גרופּע, די האַנדלס־אָנגעשטעלטע־גרופּע, די לעדער־גרופּע, די מעטאַל־גרופּע א. אַז. וו., האָט איבערגעשיקט אין דער אָרדענער־גרופּע עטלעכע מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָבן געדאַרפט זיין פיזיש־געזונטע מענטשן, וואָס זאָלן קענען אי פאַרטראָגן אַ קלאַפּ פון אַ קאָמו־ניסטישן איבערפאַלער אָדער אַ פּוילישן כוליגאַן, אי צוריקגעבן, אויב מען זאָל דאַרפן.

די אָרדענער־גרופּע האָט באַקומען די זעלבע פּאַרטייאישע רעכט און פונקציעס ווי אַלע אַנדערע פּאַרטיי־גרופּעס. זי האָט אויסגעהערט פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַריכטן פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד, האָט דיסקוטירט אַלע פּאַרטיי־פראַגן, האָט אָנגענומען באַשלוסן און רעזאָלוציעס. ניט זי האָט געהאַט וועלכע ס'איז פּריווילעגיעס, ניט זי האָט געהאַט גע־מינערטע רעכט. אָבער די פּאַרטיי־דיסציפּלין איז דאָ געווען אַ שטרענגערע: מען האָט געמוזט קומען צו די גרופּע־פאַרזאַמלונגען רעגולער, און אויב עמיצער איז ניט געקומען צו אַ פאַרזאַמלונג, האָט ער געמוזט אָנגעבן די סיבות.

די גרופּע האָט באַלד אין אָנהויב אָנגעטראָפן אויף אַ זייער וויכטיקער פּראָבלעם: פּנים־אל־פּנים מיט די ווילדע אָנפאַלן פון די קאָמוניסטן און מיט דער אכזריות פון די כוליגאַנעס און פון דער פּאָליציי איז די סכנה פון ווערן שווער פאַרוואונדעט געווען גרויס. עס האָט געדראָט די געפאַר, אַז אַ פאַרוואונדעטער אָרדענער זאָל דערנאָך אַ לאַנגע צייט ניט קענען אַרבעטן (אַזעלכע פאַלן זיינען טאַקע אָפּט געשען). ווער־זשע דאַרף אויסהאַלטן דעם פאַרוואונדעטן אָרדענער אָדער זיין פאַמיליע אין דער צייט וואָס ער קען ניט אַרבעטן? כדי ניט צו שאַפן ביי די אָרדענער די פאָרשטעלונג אַז זיי זיינען „קעסט־קינדער״ ביים בונד, האָט די אָרדענער־גרופּע באַשלאָסן אַליין צו נעמען אויף זיך די דאָזיקע פליכט. צו דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן אַן אונטערשטיצונג־קאַסע פון דער גרופּע גופא און יעדער אָרדענער האָט געדאַרפט צאָלן אַ געוויסע באַשטייערונג פאַר דעם פאָנד. נאָר אין פאַלן ווען די הילף פאַרן פאַרוואונדעטן אָרדענער (און אָפט אויך פאַר זיין פאַמיליע) האָט אָנגעהאַלטן אַזאַ לאַנגע צייט, אַז די אייגענע הילף־קאַסע האָט שוין ניט געקלעקט, נאָר דעמאָלט האָט אויך די פּאַרטיי געגעבן איר צושטייער. דער פּרינציפּ איז אָבער געווען: די גרופּע אַליין זאָרגט פאַר אירע בויטבאַדערפטיקע. דאָס האָט אויך געהאַט אַן אַנדער גרויסע מעלה: — ס׳האָט זיך צווישן די מיטגלידער פון דער אָרדענער־גרופּע געשאַפן אַ געפיל פון סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

מיר האָבן אויך ניט געוואָלט אַז ביי די אָרדענער זאָל זיך שאַפן דער איינדרוק אַז צוליב דעם וואָס זיי „שטעלן איין דעם קאָפּ פאַר דער פּאַרטיי״ דאַרפן זיי באַפרייט ווערן פון מיטגליד־אָפּצאָל. מיר האָבן דעריבער אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז פּאַרטיי־מיליציאָנערן צאָלן מיטגליד־אָפּצאָל פּונקט ווי אַלע אַנדערע פּאַרטיי־מיטגלידער.

אָבער נאָך שווערער איז געווען די פראַגע וועגן היזק אין אַרבעטסלוין, ווייל מיר האָבן אָפּט מאָל געדאַרפט אין מיטן טאָג אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט מיטגלידער פון אונזער אָרדענער־גרופּע, כדי אָפּצושלאָגן אַן אָנפאַל אָדער פאַרהיטן פון אַן איבערפאַל, אויף וועלכן מען האָט זיך געריכט. אויך אין דעם פאַל האָבן מיר באַשלאָסן צו באַהאַנדלען די מיטגלידער פון דער אָרדענער־גרופּע ווי אַלע אַנדערע פּאַרטיי־מיטגלידער: פאַרן פאַרלוירענעם אַרבעטסלוין בעתן אויספירן אַ פּאַרטיי־שליחות צאָלן מיר ניט צוריק. און מיר זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ כאָטש עס איז זייער אָפּט אויסגעקומען אַראָפּצונעמען אונזערע אָרדענער פון דער אַרבעט און אַ סך פון זיי זיינען געווען פאַמיליע־מענטשן, ביי וועמען דער היזק האָט זיך שטאַרק אָנגעזען.

אפילו אין קלענערע זאַכן זיינען מיר געווען שטאַרק אָפּגעהיט. נאָך דעם ווי די אָרדענער־גרופּע איז געגרינדעט געוואָרן האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן מיט אַ פּראָבלעם וואָס האָט געפאָדערט אַ דעליקאַטע באַהאַנדלונג: עס זיינען אָפּט מאָל איינגעאָרדנט געוואָרן אונטערנעמונגען, וואו מען האָט זיך ניט געקענט ריכטן אויף קיין איבערפאַלן. למשל: אַ טעאַטער־אונטערנעמונג, אַ ליטעראַרישער אָוונט, אַ רעציטאַציע־אָוונט, אַן אויפטריט פון כאָר א. אַז. וו.

עס איז געגוג געווען אַ צענדליק אָרדענער ביי אַזאַ אונטערנעמונג. וואָס זשע זאָל מען טאָן מיט די אַנדערע? — די אָרדענער האָבן אין אָנהויב גע־פאָדערט אַ פרייען אַריינטריט אויף אַלע אונטערנעמונגען. זייער טענה איז געווען: דאָרטן וואו אונזער געזונט און לעבן שטייט אין סכנה, דאַרפן מיר אַלע זיין, און דאָרטן, וואו מען קען געניסן פון אַ ביסל קולטור, זאָלן די טירן פאַר אונז זיין פאַרמאַכט? — אָבער מיר האָבן זיך געוואָלט אויסהיטן צו שאַפן פון זיי אַ פריווילעגירטע גרופּע, אפילו אין קלייניקייטן. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויך קלייניקייטן קענען ביסלעכווייז זיך אַנטוויקלען ביז אַ גע־פערלעכן פונקט, האָבן מיר געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס: די אָרדענער וואָס האָבן ניט קיין דינסט ביי אַ געוויסער אונטערנעמונג האָבן אַ 50 פּראָצענטיקע הנחה פאַר זיך און ניט פאַר זייערע פאַמיליעס. די וואָס האָבן דינסט האָבן די זעלבע הנחה פאַר זייערע פאַמיליעס. אויף אַזאַ אופן האָבן די אָרדענער אי געהאַט אַ שטיקל פריווילעגיע אי זיי האָבן געמוזט צאָלן פאַר בילעטן אויף פאַרטיי־אונטערנעמונגען.

מיט אונזער פאָרזיכטיקייט און היטן זיך פאַר סיטואַציעס וואו עס קענען אויפקומען געפאַרן פון פריווילעגיעס און פערזענלעכן נוצן האָבן מיר אויס־געמיטן דעם טראַגישן סוף, וואָס אַ סך אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען האָבן געהאַט מיט זייערע קאַמף־גרופּעס.

קאַפּיטל 14

די קאָמוניסטן און די אונטערוועלט

מיר האָבן זיך נאָך ניט רעכט געהאַט צוגעווינט צו די פיזישע קאַמף־מע־טאָדן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן איינגעפירט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, צו די אַוואַנטורעס און געשלעגן וואָס זיי פלעגן כסדר אַרויסרופן, ווי זיי האָבן אונז געגעבן אַ נייעם קלאַפּ וואָס האָט נאָך מער אויפגעטרייסלט די איינגעפונ־דעוועטע סאָציאַליסטישע באַגריפן פון אָנשטענדיקייט און מאָראַל.

בעת זייערע אומאויפהערלעכע איבערפאַלן אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען און לאָקאַלן האָט מען וואָס ווייטער אַלץ אָפטער געזען צווישן זייערע שלעגער באַקאַנטע וואַרשעווער אונטערוועלט־פאַרשוינען. נאָך אַ קורצער צייט האָט מען באַמערקט, אַז די זעלבע פּאַרשוינען באַווייזן זיך ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל, ביז עס איז קלאָר געוואָרן אַז דאָס איז ניט קיין צופאַל אָדער אַן איינמאָליקע געשעעניש, נאָר אַז די קאָמוניסטן ווענדן אָן אַ נייע טאַקטיק: אַריינפירן די אונטערוועלט אין דעם קאַמף קעגן אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויפטרייסלונג אין אונזערע רייען. ביי די אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז געווען איינגעוואָרצלט דער באַגריף אַז אַרבע־טער־באַוועגונג און אונטערוועלט זיינען ווי פייער און וואַסער. נאָך אין 1905 האָבן זיך די וואַרשעווער אַרבעטער געוואָרפן אויף די „הייזלעך" און גע־שלאָגן מכות־רצח די אַלפאָנסן. פאַר די אַרבעטער איז געווען קלאָר אַז מיטן סוף פון אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג מוז אויך נעמען אַ סוף צום זומפּ פון אונטערוועלט. און דאָ באַוויזט זיך פּלוצלונג די אונטערוועלט ווי אַ טייל פון דעם קאָמוניסטישן צד און העלפט די קאָמוניסטן אין זייער קאַמף קעגן אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען.

אַ היפּש ביסל פון אָט די קאָמוניסטישע אַרויסהעלפער האָט פאַרנומען גאָר אַ „הויכע" פּאָזיציע אין דער וואַרשעווער אונטערוועלט. אויפן ערשטן אָרט גייען דאָ: הערשל „וואַלטשאַזש", פּיניע גאַדולניק, מאיר טשאַמפּל, דוד מילנער, א. אַנד.

הערשל „וואַלטשאַזש" (דעם צונאָמען „וואַלטשאַזש" האָט ער געהאַט דער־פאַר, ווייל ער פלעגט זיך אַמאָל באַטייליקן אין „וואַלקעס" אין וואַרשעווער צירק) איז געווען אַ שטאַרקער, ברייטפּלייציקער, געזונטער יונג. זיין הויפּט־פּראָ־פעסיע איז געווען — נעמען „פּרעטענזיע־געלט" („פּרעטענזיע־גייער פלעגן

סיסטעמאַטיש אויספּרעסן געלט פון סוחרים אונטער דער דראָאונג אַז אויב מען וועט ניט געבן קיין געלט מיט גוטן, וועלן זיי אָנטאָן צרות). שפּעטער איז הערשל דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ „שטאַרקן" אויף שוויענטע־יערסקע גאַס — אַן אָפּצווייג פון די נאַלעווקעס, וואָס האָט זיך געצויגן לענג־אויס דעם קראַשינסקי־גאָרטן און וואו עס זיינען געווען אַ סך יידישע געשעפטן פון פאַרטיקע קליידער. יעדער אַזאַ געשעפט האָט געהאַט ספּעציעלע אָנגע־שטעלטע וואָס פלעגן שטיין אויף דער גאַס און אַריינרופן קונים אין געשעפט אַריין. די דאָזיקע אָנגעשטעלטע האָט מען גערופן „כאַפּערס", ווייל זיי פלעגן פאַרטשעפּען כמעט יעדן פאַרבייגייער, שלעפּן אים פאַרן אַרבל און טייל מאָל מיט כוח אים אַריינשלעפּן אין געוועלב אַריין. אָבער צווישן די „כאַפּער" האָבן זיך אויך „אַריינגעכאַפּט" אונטערוועלט־מענטשן וואָס פלעגן נעמען פּראָ־צענטער פון לייזונג. כאָטש קיין קונים האָבן זיי ניט אַריינגעבראַכט. זיי פלעגן שטיין אויף דער גאַס, אַמאָל פאַרטשעפּען אַ קונה פאַר יוצא וועגן, אָבער דער עיקר האָבן זיי געהיט זייער ממשלה איבער דער גאַס. די סוחרים האָבן זיי געמוזט צאָלן וואָכנגעלט, און טאַקע היפּש צאָלן. די חברה־לייט האָט מען גערופן די „שטאַרקע"; זיי זיינען געווען אַן אָרגאַניזירטע גרופּע. דאָס געלט וואָס זיי האָבן גענומען פון די סוחרים האָבן זיי צעטיילט צווישן זיך. הערשל „וואָלטשאַזש" איז געווען דער פירער פון די „שטאַרקע" אויף שוו. יערסקע.

פּיניע „גאַדולניק" (פלאַפלער) האָט געשטאַמט פון פּאָוואָנזעק און האָט גע־הערט צו דער פּאָוואָנזקער אונטערוועלט. ער איז אַ צייט געווען אין פּיל־סודסקיס לעגיאָנען, אָבער מען האָט אים פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן פאַר ניט קיין שיינע מעשים. אויך פּיניע גאַדולניק איז געווען אַ „שטאַרקער" אויף שוויענטע־יערסקע גאַס.

אַ דריטער, מאיר טשאַמפּל, האָט אויך געשטאַמט פון פּאָוואָנזעק. זיין גאַנצע משפחה, זיין טאַטע און עטלעכע ברידער — קוילנטרעגער — האָבן אַלע געהערט צו דער אונטערוועלט. מאיר טשאַמפּל האָט אויסערלעך אויס־געקוקט ווי אַן איידעלער בחור, אָבער ביי אים אַריינשטעכן עמעצן אַ מעסער אין זייט איז געווען אַזאַ קלייניקייט, ווי ביי אַן אַנדערן אויפעסן אַ שטיקל ברויט. פּיניע גאַדולניק האָט אַריינגענומען מאיר טשאַמפּלען צווישן די „שטאַרקע" אויף שוויענטע־יערסקע גאַס און שפּעטער האָבן זיי צוזאַמען דעטראָניזירט הערשלען פון זיין פירערשאַפט צווישן די „שטאַרקע". דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ רושם אין דער אונטערוועלט און וועגן דעם דאָזיקן

„אויפטו" איז געשאַפן געוואָרן אַ ליד, וואָס איז אין וואַרשע געוואָרן פּאָפּולער אויך אויסער די גרענעצן פון דער אונטערוועלט. *)

אָבער דער ווילדסטער און דער געפערלעכסטער צווישן די דעמאַלטיקע קאָמוניסטישע אַרויסהעלפער פון דער אונטערוועלט איז געווען דוד מילנער. אויסערלעך האָט ער געמאַכט אַ גאַנץ לייטישן איינדרוק: פון מיטעלן וואוקס, אַ ברייטביינערדיקער, אַ שטאַרקער, מיט שאַטינע האָר, אַ שיינער יונג. ער האָט געהאַט אַ סך „פאַכן": ער איז געווען אַ „פּרעטענזיע"־געלט־נעמער, אַ ליציטאַציע־גייער, האָט געהאַט אַ סך „כּלות" אין גאַס און איז נאָך צו דעם אַלעם געווען „קעניג" איבער עטלעכע „מעלינעס" אויף אָסטראָווסקע גאַס. אָבער כּדי צו דעקן די אַלע קרימינעלע געשעפטן איז ער פאָרמעל געווען אַ קוילנטרעגער. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע לאַבוסעס און איינער פון די געפער־

---

*) **אָט איז דאָס ליד:**

האָרשל איז געווען איינער פון די גרויסע
און ווען ער האָט געזען, האָט ער געהייסן געבן אַ כּוסה.
היינט גייט האָרשל אַראָפּגעלאָזט די נאָז,
ער האָט געקריגן „לייגעס" (קלעפּ) און ווייסט דאָך נישט פאַר וואָס.

רעפריין:

האָרשל, וואו גייסטו? — האָרשל וואו שטייסטו? —
האָרשל, וואו ביסטו מיט דיינע גראָבע הענט?
דו האָסט שוין נישט קיין הענט,
דו האָסט שוין נישט קיין ווענט,
דו וועסט שוין נישט נעמען אויף שוויענטע־יערסקע קיין פּראָצענט.

האָרשל איז געווען דער שענסטער פון זיי אַלע,
איז געקומען מאיר טשאַמפּל און האָט אים צוגענומען די כּלה,
היינט גייט האָרשל אַראָפּגעלאָזט די נאָז,
ער האָט געקריגן „לייגעס" און ווייסט דאָך נישט פאַר וואָס.

(רעפריין)

האָרשל האָט געשפּילט אין אָרדע־באָרדע־שאָרדע,
איז געקומען מאיר טשאַמפּל און האָט אים אָנגעריבן די מאָרדע,
היינט גייט האָרשל אַראָפּגעלאָזט די נאָז,
ער האָט געקריגן „לייגעס" און ווייסט דאָך נישט פאַר וואָס.

(רעפריין)

לעכסטע „שטאַרקע״ אין דער וואַרשעווער אונטערוועלט. צוליב אַ קריגערײַ איבער „פּרעטענזיע״־געלטער האָט ער דערשאָסן מאיר טשאַמפּלען און איז נאָך דעם אַנטלאָפן קיין אַרגענטינע (פון וואַנען ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע אין די דרײַסיקער יאָרן). אָבער ביז זײַן אַנטלויפן איז ער פּשוט געווען די שרעק פון אונזער גאַנצער באַוועגונג. ער האָט לאַנגע יאָרן אָנגעפירט אָדער זיך באַטייליקט אין די בלוטיקסטע קאָמוניסטישע אָנפאַלן אויף אונזער באַוועגונג.

צו דעם שטענדיקן „שטאַב״ פון קאָמוניסטישע שלעגער קעגן בונד האָט אויך געהערט פּראַים „בולץ״. פון פאַך איז ער געווען אַ בעקער־אַרבעטער און אַ גאַנצער מאַכער פון בעקער־פאַראיין, ווען די קאָמוניסטן זײַנען דאָרט געוואָרן די באַלעבאַטים, אָבער פאַקטיש האָט ער קיין מאָל ניט געאַרבעט. געלעבט האָט ער פון „כּלות״, איבערהויפּט — דינסטמיידלעך. ער האָט זיך אַזוי צוגעקליבן די „כּלות״, אַז יעדע איינע האָט געהאַט אַן אַנדער טאָג „וויכאָדנע״ (ד. ה. דעם פרײַען טאָג פון דער אַרבעט), כּדי איינע זאָל ניט וויסן פון דער צווייטער. די „כּלות״ האָט ער געהאַט אחוץ דעם געזעצלעכן ווײַב. אָבער „כּלות״ איז ניט געווען זײַן איינציקער „פאַך״. ער האָט אויך געהאַלטן אַ „מעלינע״. ווען עס האָט זיך אָרגאַניזירט דער פאַראיין פון הויזדינערינס, איז ער באַלד דאָרט געוואָרן אַן אינזשעניער, מיטן צוועק — פאַרשטייט זיך — אויסצוזוכן פאַר זיך נײַע „כּלות״. מען האָט אים פון פאַראיין געמוזט פּשוט מיט שטעקנס פאַר־טרײַבן.

אַזאַ אונטערוועלט־חברה האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צוגעצויגן אין איר קאַמף קעגן בונד. נאָך מער, זי האָט זיי אויך געגעבן אַ דעקמאַנטל פון לעגאַלקייט. דער פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין וואַרשע האָט זיך דעמאָלט געפונען אונטער דער קאָמוניסטישער השפּעה. אַזוי ווי די „פּרעטענ־זיע״־געלט־נעמער האָבן לפּנים געהערט צו די „כאַפּער״ (די „כאַפּער״ זײַנען דאָס רוב געווען אָרנטלעכע יונגעלײַט וואָס האָבן טאַקע שווער געהאָרעוועט, געשטאַנען אויף דער גאַס אין היץ און אין קעלט און ממש געשלעפּט קונים פאַר זייערע געשעפטן), האָט דער קאָמוניסטישער פאַראיין פון האַנדלס־אָנגע־שטעלטע געשאַפן פון די „כאַפּער״ אַ באַזונדער סעקציע, האָט אין איר אַרײַנגענומען די כּלומרשטע „כאַפּער״ און פאַקטישע אונטערוועלט־לײַט, און ער האָט זיי אַזוי אַרום געגעבן דעם שטעמפּל פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. דעריבער זײַנען די דאָזיקע חברה־לײַט אַזוי גערן געגאַנגען אויף יעדן „שטיקל אַרבעט״ וואָס די קאָמוניסטן האָבן זיי אָנפאַרטרויט. זיי האָבן דאָס געטאָן ניט בלויז ווײַל שלאָגן, ממיתן איז געווען זייער באַליבטע „פּראָפעסיע״, נאָר אויך דערפאַר ווײַל זיי האָבן דערמיט געקענט פאַרדעקן אַ גרויסן טייל פון זייער קרימינעלער אַרבעט אונטערן מאַנטל פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי און פון אַ לעגאַלן פאַראיין.

נישט אַלע צווישן זיי זײַנען געבליבן נישט באַרירט פון דער שותּפות, וואָס זיי האָבן געמאַכט מיטן קאָמוניזם. עס לייגט זיך אויפן שׂכל, אַז אַ טייל פון די אונטערוועלט־שלעגער, וועלכע די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָנגע־

הויבן צו באַנוצן פאַר אירע טעראָריסטישע איבערפאַלן קעגן „בונד“, זיינען מיט דער צייט געוואָרן ... „איבערצייגטע“ קאָמוניסטן. זיי האָבן, הייסט עס, געטאָן די שלעגעריי צוליב „אידייע“, צוליב „רעוואָלוציע“, צוליב „קאָמוניזם“. בכלל איז נישט געווען אַזוי שווער צו פאַרוואַנדלען אַ פשוטן, אידייענלאָזן שלעגער איז אַ קאָמוניסט: ער האָט באַדאַרפט בלויז זיך פאַרבינדן מיט דער פאַרטיי, וואָס האָט דאָך סיי־ווי געפּרעדיקט און באַרעכטיקט טעראָר לגבי אַלע אירע קעגנער: דער פאַרטיי, פאַר וועלכער סאָציאַליסטן זיינען „פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס“, וואָס מעגן באַקעמפט ווערן מיט אַלע מיטלען. אויף אַ קורצן וועג, דורך פאַרבינדן זיך מיט דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָט פון אַ געוויינטלעכן שלעגער געקענט ווערן אַן „אידייאישער“ טעראָריסט. דעריבער איז די קאָמוניסטן לייכט אָנגעקומען צו געפינען אין דער אונטערוועלט אַזאַ שטאַרקן פיזישן אָנשפאַר פאַר זייער פאַרברעכערישן קאַמף קעגן ״בונד״. און דעריבער איז אויך אונזער פאַרטיידיקונג קעגן די קאָמוניסטישע שלעגער געוואָרן נאָך שווערער.

קאַפּיטל 15

די וואַל־קאַמפּאַניע אין 1922

גאַר גיך איז די יונגע בונדישע אָרדענער־גרופּע געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נייער אויפגאַבע. עס זיינען אונטערגעקומען די וואַלן צום פּוילישן סיים. די וואַל־קאַמפּאַניע איז אויסגעפאַלן אין האַרבסט 1922. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע פּאָליטישע קאַמפּאַניע פון בונד, וואָס ער האָט געקענט אַדורכפירן אין פאַרהעלטנישמעסיק לעגאַלע באַדינגונגען, נאָך דעם פּעריאָד פון זיין פאַקטישער אומלעגאַלקייט (1920־1922). אמת, עס האָבן זיך נאָך ניט אין גאַנצן געענדיקט די פּאָליציייאישע שיקאַנעס קעגן בונד. אָבער אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער פון פרייער וואַל־אַגיטאַציע איז דער רעגירונג געווען אוממעגלעך אונטערצודריקן די וואַל־קאַמפּאַניע פון בונד. האָט די פּאַרטיי אויסגענוצט די ערשטע גרויסע מעגלעכקייט פון אַ פרייער וואַל־קאַמפּאַניע און האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע אַגיטאַציע אין וואָרט און שריפט. די אַקציע איז אָנגעגאַנגען איבערן גאַנצן לאַנד, און אויך אין וואַרשע גופא האָט זי געהאַט זייער אַ ברייטן פאַרנעם. אָבער איך וועל דאָ דערציילן בלויז וועגן איין געביט פון דער ברייט־פאַרצוויגטער אַרבעט און קאַמף־טעטיקייט, דעם געביט, צו וועלכן איך האָב געהאַט אַ דירעקטע שייכות.

בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע האָט דער בונד איינגעאָרדנט אומצייליקע מיטינגען אין גרויסע געדונגענע זאַלן און אין די פּאַראיינס־לאָקאַלן. אונזערע חברים האָבן געטיילט טויזנטער אויפרופן איבער די גאַסן. אונזערע וואַל־אַגיטאַטאָרן האָבן פונאַנדערגעטראָגן וואַל־ליטעראַטור איבער די וואוינונגען. מיר האָבן געקלעפּט אונזערע וואַל־פּלאַקאַטן אויף די ווענט פון די הייזער און אויף די טויערן. עס איז געווען אַ גרויסע אַרבעט.

אונזער קאַמפּאַניע האָט אָבער אויך די קאָמוניסטן געגעבן אַ סך אַרבעט: זיי האָבן דאָס אַלץ געדאַרפט אַראָפּרייסן און צעשטערן. אַראָפּרייסן מיטינגען האָבן זיי שוין געקענט פון פריער. זיי האָבן געשריגן, געטומלט, געליאַרעמט און דאָס האָט געגעבן דער פּאָליציי אַ תירוץ זיך אַריינצומישן און פונאַנדערצויאָגן דעם מיטינג פאַר „שטערן די עפנטלעכע רו". אָבער אחוץ דעם האָבן זיי בכלל געפירט אַ טאָטאַלע מלחמה קעגן דער גאַנצער וואַל־קאַמפּאַניע פון בונד: זיי זיינען באַפאַלן און צעשלאָגן די פּאַרלעך וואָס פלעגן שפּעט אין די אָוונטן גיין איבער די גאַסן און אויסקלעפּן די וואַל־פּלאַקאַטן פון בונד; זיי זיינען באַפאַלן די וועגענער וואָס זיינען אַרומגעפאָרן איבער די גאַסן און געווען באַצירט מיט אונזערע וואַל־לאָזונגען; זיי האָבן צעשלאָגן אונדזערע הויז־אַגיטאַטאָרן.

אונזערע אָרדענער האָבן געמוזט אָפּהיטן צענדליקער גרויסע און קליינע מיטינגען, מיטפֿאָרן מיט די אַגיטאַציע־וועגענער, און אָפֿט אויך מיטגיין מיט די בונדישע הויז־אַגיטאַטאָרן — און זיי זיינען פּשוט געפֿאַלן פֿון די פֿיס. אָבער זיי האָבן זייערס געטאָן און זיינען געווען אומעטום וואו מען האָט זיי געדאַרפֿט.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פֿאַקט, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אַרויסגע־רופֿן אַוואַנטורעס און געשלעגן נאָר אויף בונדישע וואַל־מיטינגען, און באַפֿאַלן זיינען זיי נאָר בונדישע אַגיטאַטאָרן. אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, בפֿרט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, האָבן זיי געלאָזט צו רו. זיי האָבן בלויז איין מאָל געפּרואווט אויפֿרייסן אַ פּ.פּ.ס.ישן מיטינג, איז אויסגעבראָכן אַ גרויס געשלעג און אויפֿן אָרט איז אַ קאָמוניסט געבליבן ליגן אַ טויטער. האָבן זיי געזען, אַז דאָרטן קענען זיי די אַוואַנטורעס קאָסטן צו טייער, האָבן זיי אויפֿ־געגעבן דאָס שטערן פּ.פּ.ס.ישע מיטינגען. אָבער ביי בונדישע מיטינגען האָבן זיי זיך ווייטער געלאָזט וואויל גיין.

אין טאָג פֿון די וואַלן, דעם 5טן נאָוועמבער, 1922, האָבן די קאָמוניסטן גאָר זיך צעהוליעט איבער די בונדישע אַגיטאַטאָרן. (אין פּוילן איז געווען דערלויבט צו פֿירן אַגיטאַציע אויף די גאַסן אויך אין טאָג פֿון די וואַלן, אָבער נאָר ווייטער ווי 100 טריט פֿון אַ וואַל־לאָקאַל). דער אָנגריף זייערער איז דאָס מאָל געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז מיר אַליין וואָלטן זיך מיט זיי ניט געקענט קיין עצה געבן, אָבער צום גליק זיינען ביי די זעלבע וואַל־לאָקאַלן אויך געווען פּ.פּ.ס.ישע אַגיטאַטאָרן און פּ.פּ.ס.ישע מיליץ, און זיי האָבן געהאָלפֿן פֿאַרטרייבן די קאָמוניסטישע אָנפֿאַלער.

כאָטש מיר האָבן אין דער דאָזיקער וואַל־קאַמפּאַניע צום מערסטן געהאַט אויסצושטיין פֿון די קאָמוניסטן, האָבן מיר אָבער געהאַט איבערפֿאַלן אויך מצד ענדעקישע כוליגאַנעס (די אַ ג. ענדעקישע פּאַרטיי איז געווען די פּוילישע רעאַקציאָנערע, אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי) און אַ סך שיקאַנעס מצד דער פּאָליציי.

אומעטום האָט די אָרדענער־גרופּע געמוזט אָפּהיטן די זיכערקייט פֿון די בונדישע אונטערנעמונגען, פֿאַרהיטן זיי פֿון פֿון די שונאים פֿון לינקס און פֿון רעכטס. דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער פּרואוו פֿאַר דער יונגער בונדישער אָרדענער־גרופּע, און זי איז אַרויס פֿון דעם פּרואוו מיט כבוד. זי איז אַלע מאָל געבליבן אין דער פּאָזיציע בלויז פֿון פֿאַרטיידיקער, זי האָט קיין מאָל אין דער דאָזיקער פֿאַרטיידיקונג ניט איבערגעכאַפּט די מאָס. און זי האָט קיין מאָל ניט פֿאַרלוירן די מאָס פֿון זעלבסט־דיסציפּלין און פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט.

***

אָבער דאָס זיינען ניט געווען די איינציקע צרות וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין אין דער דאָזיקער וואַל־קאַמפּאַניע. אויך מיט דער לעגאַלקייט איז ניט אַלץ געווען אַזוי גלאַטיק. אָפֿן האָט די פּאָליציי ניט פֿאַרבאָטן אונזערע מיטינגען, אָבער דורך הינטערוועגן האָט זי זיך באַמיט זיי צו באַשווערן. די פּאָליציי האָט געגעבן אָנצוהערן די באַלעבאַטים פֿון קינאָ־און טעאַטער־זאַלן,

זיי זאָלן זיך ניט איילן מיט פאַרדינגען דעם בונד זייערע זאַלן. פאַרשטייט זיך, אַז די באַלעבאַטים, וואָס זיינען געווען אָפּהענגיק אויף שריט און טריט פון דער פּאָליציי, האָבן זיך געמוזט מיט איר שטאַרק רעכענען. אָבער אויף דעם איז געווען אַ זייער ווירקזאַם מיטל: צאָלן פאַרן זאַל אַ גוטן פּרייז. פאַר אַ גוט פאַרדינסטל האָבן די זאַל־אייגנטימער שוין גענומען אויף זיך אַ געוויסע ריזיקע. מיר האָבן דאָס טאַקע פאַרויסגעזען און מיר האָבן באַצייטנס געשלאָסן אַן אָפּמאַך אויף דער גאַנצער צייט פון דער וואַל־קאַמפּאַניע מיט עטלעכע באַלעבאַטים פון טעאַטער־זאַלן. מיר האָבן זיך דער עיקר באַנוצט מיט די פאָלגנדיקע זאַלן: „סקאַלאַ״־טעאַטער אויף ראָג דזשעלנע און דזשיקע גאַס; טעאַטער „צענטראַל״ אויף לעשנאָ 1 (דיביידע זאַלן זיינען געווען אין סאַמע מיטן פון דער יידישער געגנט); קאַמינסקי־טעאַטער אויף אָבאָזשנע, וואָס איז טאַקע געווען אין אַ ריין קריסטלעכער געגנט, ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן זאַל, און טעאַטער „פּאָווסעכני״ אויף עק לעשנאָ און אייזן־גאַס, וואָס איז געווען אין אַ קריסטלעכער געגנט, אָבער ניט ווייט פון יידישן צענטער, פון קאַרמעליצקע־סמאַטשע. מיר האָבן, ווי געזאָגט, געצאָלט אַ גוטן פּרייז און אויך איינגעגאַנגען אויף אַ באַדינג, אַז טאָמער וועט די פּאָליציי פאַרבאָטן אַ מיטינג, פאַרלירן מיר דאָס געלט. מיר האָבן געמוזט נעמען אויף זיך אַזאַ פינאַנציעלע ריזיקע, ווייל אַנדערש וואָלטן מיר אין גאַנצן קיין זאַלן ניט געהאַט.

די באַלעבאַטים האָבן אָבער געהאַט נאָך איין וויכטיקע סיבה פאַר וואָס זיי זיינען געווען נוטה צו פאַרדינגען דעם בונד זייערע זאַלן. זיי האָבן שטאַרק געליטן פון די אויפקויפער, וואָס האָבן אויסגעקויפט אַ סך בילעטן און שפּעטער זיי פאַרקויפט צו היפּש טייערע פּרייזן. די דאָזיקע אויפקויפער זיינען געווען פאַרבונדן מיט די „שטאַרקע״, וועגן וועלכע איך האָב שוין דערציילט און פאַר אַט דער חברה האָבן די באַלעבאַטים געציטערט. זיי האָבן אָבער געוווּסט, אַז די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און דער בונד פירן אַ שאַרפן קאַמף מיט די „שטאַרקע״, דעריבער האָבן זיי געזוכט אַ וועג צו לעבן גוט מיט די פאַראיינען, האָפנדיק צו האָבן אין זיי אַן אָנשפּאַר קעגן דער חברה אויפ־קויפער און „שטאַרקע״.

אָבער מיטן פאַרזיכערן זיך אַ זאַל האָבן זיך נאָך די צרות ניט געענדיקט: מען איז נאָך אַלץ ניט געווען זיכער אַז אַ מיטינג וועט קענען פאַרקומען און אַז ער וועט זיך ענדיקן בשלום. ביי יעדן מיטינג איז געווען אַ היפּש ביסל פּאָליציי, געהיים־אַגענטן און אַגענטן פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. פאַר יעדער קלייניקייט האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט פונאַנדערצוטרייבן אַ מיטינג מיטן מאָטיוו, אַז מיר „שטערן די עפנטלעכע רו״. די קאָמוניסטן האָבן דער פּאָליציי דעם דאָזיקן תירוץ שטענדיק צוגעשטעלט. אפילו בלויז צוליב די קאָמוניסטישע צווישנרופן און געשרייען — שוין אָפּגערעדט וועגן אַוואַנטורעס — האָט די צוגעטיילטע פּאָליציי געקענט פונאַנדערלאָזן אַ מיטינג. קעגן דער דאָזיקער געפאַר איז אָבער געווען אַ מעכטיקער מיטל, וואָס מאַכט ווייכער אפילו דעם דעספּאָטישסטן פּאָליציי־רעזשים — כאַבאַר. האָט מען געמוזט שטאַרק אונטער־

קויפן די צוגעטיילטע פּאַליציאַנטן, זיי זאָלן ניט צו שטרענג אויסטייטשן דאָס געזעץ וועגן „שטערן די עפנטלעכע רו״.

אַחוץ דעם אַלעמען איז געווען נאָך אַ צרה: מען האָט אויך געמעגט צעטרייבן אַ מיטינג פּאַר „העצן קעגן דער רעגירונג״. אונזערע רעדנער האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין שאַרפע ווערטער אויפן אַדרעס פון דער פּוילישער רעגירונג — און זיי האָבן געהאַט גענוג באַרעכטיקונג דערצו, — האָבן מיר ווידער געמוזט זאָרגן דערפאַר, אַז דער פּאָליציייאישער מומחה איבערן אײַנהאַלט פון די רעדעס זאָל ניט צו ערנסט נעמען דעם כבוד פון זיין רעגירונג און זאָל ניט צו אָפט זיך פּילן באַליידיקט אין איר נאָמען. אויף דעם איז ווידער אַ מאָל דער ווירקזאַמער מיטל געווען — געלט.

אָבער ס׳האָט זיך גיכער געלוינט אין גאַנצן אַרויסצונאָרן די פּאָליציייִשע „כשרות״־היטער פון זאַל. אויך אויף דעם איז לייכט געפונען געוואָרן אַן עצה: דער באַלעבאָס פון זאַל איז געווען פאַראינטערעסירט צו לעבן גוט מיט די פּאָליציאַנטן און פּאָליציי־אַגענטן פון זיין ראַיאָן צוליב זיינע אייגענע געשעפטן, פלעגן מיר פאַרלייגן דעם באַלעבאָס, ער זאָל פאַרבעטן דעם פּאָליטישן פּאָליציי־משגיח אויף אַ גלעזל בראָנפן (אויף אונזער חשבון פאַרשטייט זיך). דער אַגענט אָדער די עטלעכע אַגענטן, וואָס האָבן געוויינטלעך ניט פיינט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, האָבן זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן — און אַזוי אַרום זיינען מיר אָפט (אָבער ניט שטענדיק) פּטור געוואָרן פון דעם פּאָליטישן „כשרות״־היטער אויף דער צייט פון מיטינג. אָט אַזוי האָט מען געמוזט גיין מיט פאַרשיידענע הינטערוועגן און אויסנוצן פאַרשיידענע שפּיצלעך, כדי אַ מיטינג — וואָס איז שוין פאַרמעל לעגאַליזירט געווען דורך דער מאַכט — זאָל פּאַקטיש קענען צו שטאַנד קומען.

***

איך וויל איצט דערציילן וועגן איין מענטש, וואָס האָט אויסגעטראָגן גאָר אַ גרויסן טייל פון דער גאַנצער לאַסט פון דער וואַרשעווער וואַל־קאַמפּאַניע. דאָס איז געווען דער חבר אַבראַם סטאָלאַר.

געקענט האָב איך דעם „חבר אַבראַם״ — ווי מען האָט אים גערופן — נאָך פון אַ סך פריער, פון סוף 1915. איך בין דעמאָלט געקומען קיין קיעוו — דורך מאָסקווע — נאָכן אַנטלויפן פון אונטער דער פּאָליצייאישער אויפזיכט אין טווער. אין קיעוו האָב איך זיך באַלד געשטעלט צו דער פּאַרטייאישער אַרבעט. אין שייכות מיט דער דאָזיקער אַרבעט איז מיר אָפט אויסגעקומען אַריינצוקומען אין דער יידישער סטודענטישער גאָרקיך („סטאָלאָווע״), צו זען זיך און צו דערלידיקן פאַרשיידענע פּאַרטיי־ענינים מיט די מיטגלידער פון דער בונדישער סטודענטישער גרופּע. עטלעכע פון זיי, די אַקטיווע טוער, געדענק איך נאָך ביז איצט זייער גוט: איינער פון זיי איז געווען בוזי ספּיוואַק, אַ סטודענט פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט; אַ צווייטער איז געווען פּיזויש מאַרגנשטערן פון קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, אַ מעדיצינער אויפן לעצטן קורס; אַ דריטער איז געווען לייב ראָזאָווסקי, אַ יוריסט, וואָס האָט געשטאַמט פון

קאַווקאַז, האָט קוים געקענט רעדן יידיש, אָבער איז געווען זייער נאַציאָנאַל געשטימט; אַ פערטער, זשוק, האָט שטודירט עקאָנאָמיק. די דאָזיקע מענטשן זיינען מיר לעבעדיק געבליבן אין זכרון, דער עיקר צוליב זייער פאָלקסטימלעכקייט און צוגעלאָזנקייט (אַחוץ ראָזאָווסקין האָבן זיי אַלע גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש). דער פּאָזיטיווער איינדרוק, וואָס זיי האָבן געמאַכט, איז פאַר מיר געווען ספּעציעל אָנגענעם, ווייל די סאָציאַליסטישע סטודענטן אין פּוילן, דער עיקר אין וואַרשע, האָבן מערסטנס זיך געהאַלטן אַ ביסל שטייף, צוריקגעהאַלטן און אפילו אַ קאַפּעטשקע געבלאָזן פון זיך. דער קאָנטראַסט צווישן דער אָנגעשטייפטקייט פון די סאָציאַליסטישע סטודענטן אין פּוילן און דער צוגעלאָזנקייט פון אונזערע אוקראַאינישע סטודענטן איז געווען זייער קענטיק. *)

אָט אין דער סטודענטן־קיך האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַ סטודענט פון מעדיצין, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרקאָכט, כסדר אַרומגעלאָפן, שטענדיק אויסגעזען ווי ער איילט זיך און האָט עפּעס וויכטיקס און דרינגענדיקס צו דערליידיקן. דאָס איז טאַקע געווען אַבראַם סטאָלאַר. ער איז דעמאָלט געווען אַ „סיימאָוויעץ". גאַנץ גיך איז מיר אויסגעקומען מיט אים זיך פּערזענלעך צו באַקענען. אַזוי ווי איך בין ערשט ניט לאַנג געווען געקומען פון פּוילן, האָט מען מיך געבעטן איך זאָל אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע אין פּוילן פאַר דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן קלוב, וואָס האָט זיך גערופן „כודאָזשעסטוויעני קלוב" (קלוב פאַר קונסט־ליבהאָבער), אָבער אין דער אמתן איז עס געווען אַ דעקמאַנטל פאַר אַן אַלגעמיינער צווישנפּאַרטייאישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר פון סטודענטן און אינטעליגענטן, יידן און ניט־יידן. אַזוי ווי איך האָב געקענט שוואַך רוסיש, האָב איך גערעדט אויף יידיש; אַ מענשעוויק, אַ קריסט — סעמיטשקע האָט מען אים גערופן — וואָס האָט געקענט יידיש, האָט מיין באַריכט איבערגעזעצט אויף רוסיש. נאָך מיין רעדע איז צו מיר צוגעקומען דער סטודענט סטאָלאַר און האָט מיר שטאַרק געדאַנקט פאַר מיין באַריכט. אַזוי האָבן מיר זיך באַקאַנט. שפּעטער, אין 1921, איז ח' אַבראַם געקומען קיין וואַרשע און איז אַריינגעטראָטן אין בונד. ער האָט זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין אַקטיווער בונדישער אַרבעט און נאָך אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן איינער פון אַקטיווסטע מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט. פון דעמאָלט אָן, ביז צום מאָמענט פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אונז צעשיידט אויף היפּשע

---

*) בוזי ספּיוואַק איז אויך אונטער די באָלשעוויקעס פאַרבליבן אַ בונדיסט. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער אומלעגאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז אַרעסטירט געוואָרן און איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס. מאָרגענשטערן איז געשטאָרבן בעת דער עפּידעמיע פון 1918, ווען ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו ראַטעווען די קראַנקע. ראָזאָווסקי איז צוריק אַוועק אויף קאַווקאַז און איך ווייס ניט וואָס ס'איז מיט אים ווייטער געשען. זשוק איז געוואָרן אַ קאָמוניסט.

עטלעכע יאָר, האָבן מירביידע געאַרבעט אין דער נאָענטסטער פריינדשאַפט און האַרמאָניע אין סעקרעטאַריאַט פון דער וואַרשעווער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

אַבראַם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינטלעכער אַקטיווקייט און דינאַמישקייט. ער האָט געקענט אַרבעטן אָן איבעררייס אַ 16־18 שעה אין טאָג און דערביי „פאַרשוועגדן" אויף די מאָלצייטן בלויז פון 5 ביז 10 מינוט. ער האָט בכלל זיינע פערזענלעכע באַדערפעניש באַגרענעצט ביז אַ מינימום. אַז ס'איז שוין געוואָרן האַרבסט און אַז אין דרויסן איז שוין געווען גוט קאַלט, האָט ער עס נישט „באַמערקט" און האָט זיך נישט געכאַפּט אַז ער דאַרף האָבן אַ ווינטער־מאַנטל. האָב איך אים אַוועקגעשלעפּט אין אַ געשעפט און אים געקויפט (פאַר זיין געלט, פאַרשטייט זיך) אַ ביליקן, אָבער וואַרעמען מאַנטל. אָט אַזאַ איז געווען אַבראַם. און אַזאַ איז ער פאַרבליבן אויך נאָך דעם, ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט דער ווילנער יונגער בונדיסטקע, דער לערערין ליבע אַנדרעיעווסקאַ, און אויך נאָך דעם ווי עס איז ביי זיי געבוירן געוואָרן זייער איינציקע טאָכטער רחלע.

דער ח' אַבראַם האָט אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַ ריזיקן חלק פון דער בונדישער וואַל־קאַמפּאַניע אין 1922 (ווי אויך פון די פאַרשיידענע וואַל־קאַמפּאַניעס פון וואַרשעווער בונד אין שפּעטערע יאָרן). ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון בונדישן וואַל־סעקרעטאַריאַט אין וואַרשע, מיט באַזאָרגן וואַל־ליטעראַטור אויף צענדליקער טויזנטער אַדרעסן, פונאַנדערשיקן הונדערטער פאַרלעך אויף הויז־אַגיטאַציע און צעטיילן אויפרופן איבער די גאַסן; אחוץ דעם האָט ער רעגולירט די טעטיקייט פון די ראַיאָן־וואַל־קאָמיטעטן (פּראַגע, קראָכמאַלנער ראַיאָן), באַזאָרגט רעדנער אויף אומצייליקע קליינע וואַל־מיטינגען און שכנים־פאַרזאַמלונגען א. אַז. וו. ס'איז איבעריק צו זאָגן אַז די דאָזיקע וואַל־אַגיטאַציע האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר פּאָפּולאַריזירן די בונדישע אידייע צווישן די ברייטסטע יידישע פאָלקסמאַסן.

קאַפּיטל 16

פֿאַראייניקונג פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג

אין דעם זעלבן יאָר 1922 איז פֿאָרגעקומען אַ היסטאָרישע געשעעניש, וואָס האָט לויט איר באַדייטונג געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן — די פֿאַראייניקונג פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער (טרייד־יוניאָן) באַוועגונג. ס'איז געווען אַ טאָפּלטע פֿאַראייניקונג: פֿון דער פּוילישער מיט דער יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג אונטער איין צענטראַלער אָנפֿירונג („צענטראַל־קאָמיסיע”) און פֿון דער יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד, אויך אונטער איין צענטראַלער אָנפֿירונג („לאַנדראַט”).

דער בונד איז געשטאַנען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון אַ פֿאַראייניקטער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג אין לאַנד־מאַסשטאַב מיט אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס פֿאַר די אַרבעטער פֿון יעדער נאַציאָנאַליטעט. האָט דעריבער דער בונד גענומען די איניציאַטיוו צו דערפֿירן צו אַ פֿאַראייניקונג פֿון די יידישע און פּוילישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען באַלד נאָך דעם ווי ס'איז אויפֿגעשטאַנען דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן. די אונטערהאַנדלונגען האָט נאָך אָנגעהויבן צו פֿירן ה' דוד מייער, וואָס איז דעמאָלט געווען פֿאָרזיצער פֿון צענטראַל־ראָט. פֿאַר ענדיקט די אונטערהאַנדלונגען האָבן צוזאַמען דור מייער מיט וויקטאָר אַלטערן, וועלכער איז פֿון דעמאָלט אָן געשטאַנען אין שפּיץ פֿון דער גאַנצער יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג אין פּוילן, ווי דער פֿאָרזיצער פֿון „לאַנד־ראָט”. דער הויפּט־אונטערהאַנדלער מצד די פּוילישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען איז געווען זיגמונט זשולאַווסקי, איינער פֿון די בעסטע מענטשן צווישן די פּ.פּ.ס.ישע פֿירער.

דער פֿאַראייניקונג־אָפּמאַך איז טאַקע געבויט געוואָרן אויפֿן יסוד פֿון קולטור־אויטאָנאָמיע פֿאַר די יידישע אַרבעטער און אין אַ גרויסער מאָס — אויך אויף פּראָפֿעסיאָנעלער אויטאָנאָמיע. די קולטור־אויטאָנאָמיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס יעדער פֿאַראיין, וועלכער האָט געהאַט אַן אָנזעעוודיקע צאָל יידישע מיטגלידער, האָט געדאַרפֿט שאַפֿן פֿאַר זיי באַזונדערע אויטאָנאָמע פֿיליעס אין יעדער שטאָט. אין די גרעסערע שטעט וואו עס זיינען געווען אַ היפּשע צאָל פֿאַראיינען האָבן די אַלע יידישע פֿיליעס געשאַפֿן איין צענטראַלע אָנפֿירונג אונטערן נאָמען „קולטור־אַמט” וואָס האָט געהאַט די אויפֿגאַבע צו באַפֿרידיקן די קולטור־באַדערפֿענישן פֿון די יידישע אַרבעטער און צו זאָרגן וועגן זייערע באַזונדערע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן. אין טייל שטעט, ווי למשל אין וואַרשע, לאָדזש, איז די דאָזיקע צענטראַלע קערפּערשאַפֿט פֿאַר־

בליבן ביי איר אַלטן נאָמען „צענטראַל־ראַט". אין שפּיץ פון גאַנצן יידישן טייל פון דער פאַראייניקטער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז געשטאַנען דער „לאַנד־ראַט", וואָס פלעגט אויסגעקליבן ווערן אויף אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער אָפיציעלער „צענטראַלער קולטור־אַמט" פאַר יידישע אַרבעטער ביי דער אַלגעמיינער „צענטראַל־קאָמיסיע". אויף אַזאַ אופן האָט דער בונד צום ערשטן מאָל אַדורכגעפירט מיט דערפאָלג דעם בונדישן פּרינציפּ פון אַ פאַראייניקטער אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר די יידישע אַרבעטער — אויף דער ברייטער באַזע פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויף דעם באַדן האָט דער בונד אָפּגעהאַלטן אַ פּרינציפּיעלן נצחון איבער די קאָמוניסטן, וואָס האָבן אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע שאַרף באַקעמפט דעם בונד.

גאָר גיך איז דער נצחון געוואָרן אויך אַ פּראַקטישער. דאָס איז צום ערשטן געקומען צום אויסדרוק ביי די לעדער־פאַראיינען. די יידישע קאָמוניסטן, ווי כ׳האָב פריער דערמאָנט, זיינען נאָך דער שפּאַלטונג געוואָרן די דעה־זאָגער איבערן פאַראיין פון שוסטער און שטעפּער. זיי זיינען אונז פאַרלאָפן דעם וועג און זיי האָבן אויף גיך געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן פּוילישן פאַראיין פון שוסטער וועגן פאַראייניקן זיך אַן שום באַדינגונגען, אַן שום ספּעציעלע קולטור־רעכט פאַר די יידישע מיטגלידער, אָן דעם מינדסטן סימן פון וועלכער ס׳איז אויטאָנאָמיע פאַר די יידישע אַרבעטער. דער יידישער לעדער־פאַראיין האָט אין גאַנצן לאַנד געציילט 6.000 מיטגלידער, דער פּוילישער — בלויז 2.000 מיטגלידער. אָבער אויפן פאַראייניקונג־צוזאַמענפאָר האָבן די פּאָליאַקן (קאָמוניסטן) געפאָדערט אַז אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג זאָל זיין אַ מערהייט „ז׳ נאַשיך" (פון אונזעריקע, ד. ה. פּאָליאַקן) — און די יידישע קאָמוניסטן האָבן נאָכגעגעבן *). שפּעטער האָבן די פּאָליאַקן־קאָמוניסטן געפאָדערט, אַז די ראַיאָן־סעקרעטאַרן און אַנדערע אָנפירנדיקע באַאַמטע זאָלן אויך זיין „ז׳ נאַשיך", און אויך דאָ האָבן די יידישע קאָמוניסטן נאָכגעגעבן. וועגן פירן אַ קאָרעספּאָנדענץ אויך אויף יידיש האָבן זיי אפילו ניט געוואָלט הערן, ס׳איז געווען ביי זיי איין סעקרעטאַר, וואָס האָט צוריקגעשיקט יידישע בריוו. די יידישע קאָמוניסטן האָבן דאָס אויך אַראָפּגעשלונגען און ניט פּראָטעסטירט אפילו. סוף־כל־סוף האָבן די קאָמוניסטן דערפאַר טייער באַצאָלט: זיי האָבן גאָר גיך אָנגעהויבן פאַרלירן די השפּעה איבער די יידישע שוסטער און שטעפּער.

דער יידישער שוסטער־און שטעפּער־פאַראיין אין וואַרשע האָט זיך

---

*) אַן ענלעכע סיטואַציע איז געווען אין באַקלייד־פאַראיין, וואו די מערהייט אַרבעטער זיינען געווען יידישע, אָבער דאָ האָט די צענטראַלע פאַרוואַלטונג געהאַט אַ מערהייט בונדיסטן, און דער פּ.פּ.ס. איז אפילו ניט איינגעפאַלן צו פאָדערן אַ פּוילישע מערהייט אין דער צענטראַלע.

געפונען אויף נאַוואָליפּקי 7. דער פּוילישער — אויף זשיטניע 32, זיינען זיי פאַרבליבן אין זייערע לאָקאַלן ווי פריער. אָבער ווען דיביידע פיליעס האָבן געדאַרפט אָפּהאַלטן געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען, האָט מען דאָרט גערעדט בלויז פּויליש, כאָטש די יידישע אַרבעטער זיינען געווען געוויינטלעך אַ גרויסע מערהייט. און אויב אַ יידישער אַרבעטער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער טריבונע זאָגן עפּעס אויף יידיש, האָט דער פּוילישער עולם זיך פאַרהאַלטן אומטאָלעראַנט, זייער אָפט האָבן זיך געהערט חוזק־אויסרופן און אפילו אַנטיסעמיטישע אויסגעשרייען. דער סוף איז געווען, אַז די יידישע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אַלץ וויניקער קומען צו די געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען. וואָס מער די אַרבעטער זיינען אָפּגעקילט געוואָרן צו דעם קאָמוניסטישן פאַראיין אויף נאַוואָליפּקי 7, אַלץ מער זיינען זיי געקומען צום בונדישן פאַראיין אויף פּאַוויע 32 (שפּעטער אַריבער אויף לעשנאָ 19). דער בונדישער פאַראיין האָט באַלד געשאַפן סעקציעס פון שוסטער און שטעפּער און נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער באַקומען די מערהייט ביי די יידישע לעדער־אַרבעטער אין אַלע פאַכן, אַחוץ ביי די שוסטער, וואָס זיינען פאַרבליבן ביי די קאָמוניסטן.

אויף דעם פאַראייניקונג־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין 1922 איז דער בונד געווען דער דאָמינירנדיקער כוח. אויף 38 דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד האָט דער בונד געהאַט 28, די יידישע קאָמוניסטן — 5, די פּועלי־ציון — 4 און די „פאַראייניקטע" — 1. נאָך דעם פאַראייניקונג־צוזאַמענפאָר האָבן די ניט־בונדישע יידישע פאַראיינען אין די באַזונדערע שטעט זיך אָנגעשלאָסן אין די אָרטיקע „קולטור־אַמטן" וואָס זיינען אומעטום געשטאַנען אונטער דער בונדישער אָנפירונג.

ווען אַלע יידישע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען אין וואַרשע האָבן זיך געהאַט אָנגעשלאָסן אין „צענטראַל־קאָמיטעט", האָט מען מיר איבערגעגעבן, איך זאָל זיך באַקאָנען מיט דער סיטואַציע אין עטלעכע פון די פאַראיינען, וואָס האָבן זיך ערשט געהאַט אָנגעשלאָסן. צווישן זיי זיינען געווען: דער פליישער־פאַראיין און דער טראַנספּאָרט־פאַראיין.

דאָס זיינען געווען זייער ספּעציפישע פאַראיינען און זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אייגנאַרטיקע שטריכן אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין וואַרשע.

קאַפּיטל 17

דער פֿליישער־פֿאַראיין

עס איז מיר ניט שווער אָנגעקומען צו באַקענען זיך מיט דער אינערלעכער סיטואַציע און מיטן געבוי פֿון פֿליישער־פֿאַראיין. איך האָב נאָך פֿון פֿריער געקענט אַ שיין ביסל מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין שעכט־הויז, אָדער זיינען געווען פֿאַרבונדן מיטן פֿלייש־האַנדל; אַ טייל פֿון זיי האָב איך געקענט פֿון דער צייט ווען איך האָב געאַרבעט אויף פּראַגע, אַנדערע האָב איך געקענט נאָך פֿון אַ סך פֿריער, אַ שטייגער דעם פֿלייש־הורטאָווניק אַנשל קאַלניטשאַנסקי וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע דעה אי אין שעכט־הויז אי אין פֿליישער־פֿאַראיין. עס האָט ניט לאַנג גענומען און איך האָב געקריגן אַ קלאָר בילד פֿון דעם גאַנצן אויסטערלישן פּלאָנטער, וואָס עס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דער פֿליישער־פֿאַך און דער פֿליישער־פֿאַראיין.

אויב מען קען בכלל רעדן וועגן אַ פּאָליטישער אָריענטאַציע פֿון פֿליישער־פֿאַראיין, האָט ער זיך געפֿונען אונטער דער פּאָליטישער השפּעה פֿון די „פֿאַר־אייניקטע". דאָס האָט געהאַט אַ געוויסן היסטאָרישן הינטערגרונד. נאָך אין די יאָרן 1907־1906 האָבן די ס.ס. (וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן דער הויפּט־באַשטאַנדטייל פֿון דער פּאַרטיי „פֿאַראייניקטע") אָרגאַניזירט אַ גרופּע פֿליישער אין דער וואַרשעווער פֿאָרשטאָט פּאַוואָנזעק, וואו עס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַ גרויס שעכט־הויז. צו דער גרופּע פֿלעגן קומען רעדן יעקב לעשטשינסקי, שלמהקע זוסמאַן און אהרן סינגאַלאָווסקי (אהרן טשענסטאָכאָווער). די גרופּע האָט זיך ניט לאַנג געהאַלטן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די ס.ס. ווידער אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַוואָנזקער פֿליישער און ווען עס איז אויפֿגעבויט געוואָרן דאָס צענטראַלע שעכט־הויז אויף פּראַגע און עס האָט זיך געגרינדעט דער פֿליישער־פֿאַראיין, האָט די דאָזיקע פּאַרטיי — דאָס מאָל שוין אונטערן נאָמען „פֿאַראייניקטע" — באַקומען אַ השפּעה איבערן פֿאַראיין און זי האָט זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי דער פּאָליטישער באַלעבאָס איבער אים. דער קאָנטאַקט פֿון פֿאַראיין מיט די „פֿאַראייניקטע" איז באַשטאַנען הויפּט־זאַכלעך אין דעם וואָס דער פֿאַראיין האָט סיסטעמאַטיש געצאָלט אַ באַשטימטע — און אַ גאַנץ היפּשע — סומע פֿאַר דער פּאַרטיי און וואָס דער סעקרעטאַר פֿון פֿאַראיין און עטלעכע טוער זיינען געווען „פֿאַראייניקטע".

דער סעקרעטאַר פֿון פֿאַראיין איז געווען בצלאל געלענדער. מען האָט אים גערופֿן בצאַלעל. ער איז געווען אַ ס.ס.אָוויעץ נאָך פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. קיין באַשטימטע באַשעפֿטיקונג האָט ער ניט געהאַט. די פּרנסה־

געבעריין איז דעמאָלט געווען זיין פרוי, וואָס האָט אַרויסגעגעבן „היימישע מיטאָגן" אויף נאָוואָליפּיע גאַס; ער האָט איר בלויז אַ ביסל אַרויסגעהאָלפן אין געשעפט. צו זיי פלעגן אַריינקומען עסן ס.ס.אָווצעס, פּאַרטייאישע טוער, אינטעליגענטע אַרבעטער, א. ד. גל. אין פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט האָט זיך צאַלעל קיין מאָל ניט געמישט, אָבער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אים די ס.ס. געשיקט צו דער גרופּע פליישער אויף פּאָוואָנזעק. ווען מען האָט זיך גענומען גרינדן דעם פליישער־פּאַראיין, האָט ער דערביי צוגעהאָלפן, און אַזוי איז ער געוואָרן סעקרעטאַר. ער האָט באַקומען זייער אַ שיינעם לוין, דעם בעסטן לוין פון אַלע סעקרעטאַרן פון יידישע פּראָפעסיאָנעלע פּאַראיינען אין וואַרשע. אַחוץ דעם איז ער געווען אַ „פאַרשטייער" צו דער סעקציע וואורשטן־אַרבעטער און אויך דערפון האָט ער געהאַט אַ געהאַלט. קיין סך אַרבעט האָט ער ניט געהאַט, ווייל די אמתע פירונג פון פּאַראיין איז געלעגן ניט אין זיינע נאָר אין גאַנץ אַנדערע הענט, ווי איך וועל עס באַלד דערציילן. טייל פאַר־וואַלטונג־מיטגלידער האָבן אים גערופן (הינטער די אויגן) „דאָס דרשה־געשאַנק פון די פּאַראייניקטע". ווען איך האָב מיט אים גערעדט וועגן די אומ־געזונטע פאַרהעלטענישן אין פּאַראיין, האָט ער פונאַנדערגענומען די הענט און געזאָגט, אַז ער זעט דאָס אַלץ, אָבער — וואָס קען ער טאָן? —

אחוץ אים זיינען אין דער פאַרוואַלטונג געווען נאָך צוויי פּאַרטייאישע „פאַראייניקטע": מלך רודי (פון פאַך אַן אַרבעטער ביי קעלבער און דער „פאַרשטייער" צו דער סעקציע צוטרעגער ביי די האַלעס), און שמאי גאָלד־בלאַט, אַ שעכט־הויז־אַרבעטער אויף פּראַגע און אַ „פאַרשטייער" צו דער סעקציע „פּאַיער" (די וואָס האָבן געפּיטערט די קעלבער). ביידע זיינען זיי געווען אינטעליגענטע אַרבעטער.

צו דער פאַרוואַלטונג האָט דעמאָלט געהערט אויך איין בונדיסט, דאָס איז געווען יאַנקל פוטערמאַן, גערופן יאַנקל פלאַטשאַזש (ווייל ער האָט געאַרבעט ביי פלאַקעס, ד. ה. וואַמפּן). יאַנקל פלאַטשאַזש איז געווען אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער און האָט געהאַט הינטער זיך אַ היפּשע רעוואָלוציאָנערע פאַר־גאַנגענהייט. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ מיטגליד פון דער פּוילישער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט". אין 1906 האָט ער צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע „פּראָלעטאַריאַטשיקעס" אַדורכגעפירט אַן אַטענטאַט אויף אַ פּאָליציי־אישן רעוויראָווי הינטער די האַלעס. אים האָט מען ביים שיסן ניט געכאַפּט, נאָר מען האָט אים שפּעטער אַרעסטירט. דערפאַר איז ער אָפּגעקומען מיט אַ לייכטערער שטראָף: 4 יאָר קאַטאָרגע און אייביקע פאַרשיקונג. אין קאַטאָרגע־תפיסה איז אים אויסגעקומען צו זיצן מיט בונדיסטן און אונטער זייער ווירקונג איז ער געוואָרן אַ בונדיסט, און אַזאַ איז ער שוין פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן. אין 1916 האָב איך אים געטראָפן אין סיביר אין אילאַנסק, יעניסייסקער ראַיאָן, וואו עס זיינען געווען פאַרשיקט אַ גאַנצע ריי אָנפירנדיקע בונדיסטן און רוסישע רעוואָלוציאָנערן (ירחמיאל ווינשטיין, קאַמעניעוו, באָריס ניקאָלאַיעווסקי א. אַנד.). נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, 1917, איז ער אַ געוויסע צייט געווען קאָמיסאַר פון דעם קליינעם קרימער קוראָרט־

שטעטל אַלושטאַ, לעבן יאַלטע. קיין וואַרשע איז ער געקומען אין 1918. ער איז תּיכף געוואָרן אַקטיוו אין בונד און איז אויסגעקליבן געוואָרן אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿליישער־פֿאַראיין. ער איז אויך געווען אַ פֿאַרוואַלטונג־מיטגליד פֿון פּוילישן פֿאַראיין פֿון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע. פֿון פֿליישער־פֿאַראיין איז ער געווען אַ „פֿאָרשטייער" צו דער סעקציע פֿורמאַנעס. עס זיינען אַחוץ אים געווען נאָך צוויי מיטגלידער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר סימפּאַטיקער פֿון בונד. דאָס איז געווען סרול (ישראל) „זוזע" (שוואַרצנאָבעל) און יאָסל לענגער,ביידע פֿון פּראַגע.

סרול זוזע איז געווען אַ מענטש מיט אַ ריזיקן, מגושמדיקן גוף. ער איז געווען איבער זעקס פֿוס די הייך און זייער אַ ברייטפּלייציקער. ער האָט ליב געהאַט דעם פּרעס און ער פֿלעגט עסן מיט ברען. אַז ער האָט באַשטעלט פֿלייש האָט ער אָנגעזאָגט דעם קעלנער, ער זאָל אים ברענגען אַ סך זוזע (סאָוס) און ער פֿלעגט זופּן מיט גרויס הנאה. טאַקע דערפֿאַר האָט מען אים געגעבן די צונעמעניש „זוזע". סרול האָט אויך געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע פֿאַרגאַנגענהייט. פֿאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ פּ.פּ.ס.אָוויעץ און ער איז אויך געווען פֿאַרשיקט אויף סיביר. כאָטש ער איז געווען אַזאַ מגושמדיקער מענטש, האָט ער זיך אָבער זיין גאַנץ לעבן אַרומגעטראָגן מיט אַן אידעאַל: ער האָט דווקא געוואָלט, אַז זיין זון זאָל זיין אַ דאָקטאָר. האָט ער זיך אויף דעם פֿאַרלייגט מיט דער גאַנצער עקשנות. ער האָט דעם זון געשיקט אין גימנאַזיע, כאָטש דאָס איז פֿאַר אַן אַרבעטער אין פּוילן געווען אַ שווערע מאַטעריעלע לאַסט. און ווען דער זון האָט מיט מזל געענדיקט די גימנאַזיע, האָט סרול זוזע זיך גענומען צום פֿאַרווירקלעכן דעם אידעאַל זיינעם און שיקן דעם זון שטודירן מעדיצין. דאָס איז שוין געווען אין די דרייסיקער יאָרן, אין דער צייט פֿון פֿאַרשאַרפֿטן אַנטיסעמיטישן קורס, ווען אָנקומען אויף מעדיצין איז פֿאַר אַ יידן געווען פּשוט אוממעגלעך. האָט ער זיך פֿאַרלייגט אויף מיר, אַז איך זאָל אים העלפֿן. איך בין געגאַנגען מיט אים צו טאָמאַש אַרצישעווסקין, דעם פֿאָרזיצער פֿון פּ.פּ.ס. — איינעם פֿון די העכסט געאַכטע פֿיגורן אין דער פּוילישער פּאָליטישער וועלט — און צו מיעטשיסלאַוו ניעדזשאַלקאָווסקין, דעם שעף־רעדאַקטאָר פֿון „ראָבאָטניק" (הויפּט־אָרגאַן פֿון פּ.פּ.ס.). כאָטש די צייט איז געווען אַ שווערע, און זיי האָבן געהאַט אַנדערע דאגות אויפֿן קאָפּ, האָבן זיי אַרויסגעוויזן פֿאַר אים אַ סך אינטערעס. סוף־כּל־סוף האָט מען מיט זייער הילף געפּועלט מען זאָל סרול זוזעס זון אָננעמען אין וועטערינאַרישן אינסטיטוט, פֿון וואַנען מען האָט געקענט נאָך 2 יאָר אויטאָמאַטיש אַריבערגיין אויפֿן מעדיצינישן אָפּטייל. סרול זוזע האָט ענדלעך זיין אידעאַל דערגרייכט, זיין זון האָט שטודירט מעדיצין. צום באַדויערן איז אים אָבער ניט באַשערט געווען לאַנג זיך צו פֿרייען מיט זיין גליק: גאָר גיך איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. (דער זון לעבט היינט ערגעץ אין דרום־אַמעריקע און איז טאַקע פֿון פֿאַך אַ וועטערינאַר).

דער צווייטער סימפּאַטיקער פֿון בונד, יאָסל לענגער, איז געווען אַ גרויסער גיבור. צוליב זיין גבורה איז ער געווען זייער אָנגעזען ביי די פּוילישע

אַרבעטער אויף פּראַגע און זיי האָבן מיט אים גוט געלעבט. זיין גוט־ברודער־שאַפט מיט פּוילישע אַרבעטער איז אונז ניט איין מאָל גוט צו נוץ געקומען אין יאָרן אַרום בעת די גאַסן־קאַמפן מיט די אַנטיסעמיטן און כוליגאַנעס.

געווען אין פאַראיין אויך אַ בוכהאַלטער, אַ קאַנצעלאַריע־אַנגעשטעלטער. ער האָט ניט געהאַט קיין סך צו טאָן, האָט ער זיך מערסטנס פאַרנומען מיט שרייבן בריוו אָדער „פּראָשעניעס" פאַר די מיטגלידער פון פאַראיין.

דער פאַראיין איז געווען איינגעטיילט אויף אַ ריי סעקציעס: שעכט־הויז־אַרבעטער, כשרע העקער, טריפהנע העקער, וואורשטן־מאַכער א. אַז.וו. דער הויפּט־יסוד פון פאַראיין זיינען אָבער געווען די שעכט־הויז־אַרבעטער, אי אין פּרט פון צאָל אי אין פּרט פון וויכטיקייט.

די שעכט־הויז־אַרבעטער האָבן זיך אויך איינגעטיילט אין סעקציעס, לויט דער אַרבעט־פאַרטיילונג אינעם שעכט־הויז גופא. סעקציעס זיינען געווען אַזעלכע:

טרייבער — די אַרבעטער וואָס האָבן געטריבן די אָקסן און אַנדערע בהמות פון דער באַן אין די שטאַלן אַריין אַרום שעכט־הויז, געפּיטערט זיי ביז מען האָט זיי געפירט צו דער שחיטה; שינדער אָדער די אייגנטלעכע שעכט־הויז־אַרבעטער — די וואָס האָבן אָפּגעטאָן די וויכטיקסטע און די קוואַליפיצירטסטע אַרבעט: זיי האָבן אַרויפגעצויגן דעם געשחטענעם אָקס אויפן דראָנג, זיי האָבן אָפּגעשונדן די פעל (מען האָט געדאַרפט וויסן ווי אַזוי צו שינדן כדי ניט צו צעשניידן די פעל און די לעדער זאָל שפּעטער זיין גאַנץ), זיי האָבן אויסגערייניקט דעם אָקס פון די איינגעווייד, האָבן אים שפּעטער האַלבירט און געפערטלט, מיט איין וואָרט — זיי האָבן אָפּגעטאָן די גאַנצע פאַכמענישע אַרבעט; פעל־שלעפּער — זיי האָבן אַוועקגעשלעפּט די אָפּגעשונדענע פעלן אויף אַ ספּעציעל אָרט וואו די גאַרבער־סוחרים זיינען געקומען און האָבן זיי אָפּגעקויפט; שרייבער — זיי האָבן פאַרשריבן וויפל און וואָס פאַר אַ פלייש אַ קצב האָט געקויפט, וויפל עס קומט פון יעדן קצב א. אַז. וו.; טרעגער — זיי האָבן אַוועקגעטראָגן די פערטלעך אָדער האַלבע אָקסן צו די וועגענער; פורמאַנעס — זיי האָבן אָנגעטריבן די וועגענער און האָבן פונאַנדערגעפירט דאָס פלייש צו די קצבים איבער דער שטאָט; אַחוץ דעם איז נאָך געווען אַ סעקציע פלאַטשאַזשעס (וואַמפּן־אַרבעטער) און אַ סעקציע קעלבער־אַרבעטער.

יעדער סוחר האָט אין שעכט־הויז געהאַט זיין אָפּגעצוימט אָרט וואו מען האָט געשאָכטן זיינע בהמות. גרויסע סוחרים האָבן געשאָכטן עטלעכע הונדערט בהמות אַ וואָך; קליינע סוחרים האָבן געשאָכטן בלויז אַ פּאָר צענדליק אַ וואָך.

די אַרבעטער פון יעדער סעקציע האָבן געאַרבעט, אַזוי צו זאָגן, אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרדינט, איז אַריינגעגאַנגען אין איין קאַסע אָדער „פּוליע", ווי זיי האָבן עס גערופן. יעדע סעקציע האָט געהאַט איר קאַסיר, וואָס האָט געהאַלטן די „פּוליע". סוף וואָך האָט איטלעכער מיטגליד פון דער סעקציע געקריגן זיין חלק פון דער „פּוליע", אָבער ניט לויט זיין אַרבעט

אָדער לויט זייגע קוואַליפיקאַציעס, נאָר לויט אַ שליסל, וואָס זיי האָבן אַליין צווישן זיך באַשטימט. עס זיינען געווען דערביי געוויסע אַלגעמיינע טראַדי־ציעס, למשל אַ בחור, אַ ניט חתונה־געהאַטער — האָט ער געמעגט זיין ביז גאָר קוואַליפיצירט אין דער אַרבעט — האָט געקריגן אַ קלענערן חלק פון דער „פּוליע" (מען האָט אים בכלל גערופן „דאָס יינגל", האָט ער געקענט אַלט זיין 30, 40 אָדער אפילו 50 יאָר). אחוץ אַ קאַסיר האָט יעדע סעקציע אויך געהאַט אַ פאָרזיצער און אַ סעקרעטאַר, אָבער זיי אַלע צוזאַמען האָבן געוויינטלעך ניט געהאַט קיין גרויסע דעה אין דער סעקציע. די אמתע דעה האָט געהאַט עמ׳יצער אַנדערש: אַמאָל איז דאָס געווען אַ מיטגליד פון איינער פון די דריי פליישער־דינאַסטיעס (וועגן וועלכע איך דערצייל ווייטער), אַמאָל איז דאָס געווען אַ „שטאַרקער". ער איז דאָס געווען דער אמתער באַלעבאָס איבער דער סעקציע. ער אַליין האָט געקריגן דעם גרעסטן חלק פון דער „פּוליע", האָט ער געמעגט אפילו אַרבעטן בלויז עטלעכע שעה אין דער וואָך; ער האָט דעצי־דירט ווען עס זיינען פאָרגעקומען קאָנפליקטן צווישן די מיטגלידער פון דער סעקציע, ער האָט אין יעדער פראַגע געהאַט דאָס לעצטע וואָרט.

צו יעדער סעקציע איז אויך געווען צוגעטיילט אַ פאָרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג פון פליישער־פאַראיין. אויך דער דאָזיקער פאָרשטייער האָט געהאַט אַ קנאַפּע דעה איבער דער סעקציע, ער האָט אָבער אויך באַקומען אַ חלק פון דער „פּוליע", אחוץ דעם האָט ער באַקומען געלט אויף „אויסגאַבן", וואָס זיינען כלומרשט געווען פאַרבונדן מיט זיין פאָרשטייערשאַפט. אַ פאָר־שטייער פון דער פאַרוואַלטונג צו אַ סעקציע האָט ניט געמוזט זיין אַ מענטש פון דער זעלבער סעקציע, טייל מאָל איז ער גאָר געווען אַ מיטגליד אין אַן אַנדער סעקציע. אַזאַ איינער האָט געקריגן געלט פון צוויי „פּוליעס", פון דער וואו ער איז געווען אַ פאָרשטייער און פון דער וואו ער איז געווען אַ מיט־אַרבעטער. טייל מאָל האָט אַזאַ מענטש אין זיין אייגענער סעקציע ניט געאַרבעט מער ווי עטלעכע שעה אַ וואָך — ווייל ער איז דאָך געווען כלומרשט פאַר־נומען ווי אַ „פאָרשטייער" ביי אַ צווייטער סעקציע, — דאָך האָט ער געקריגן אַ פולן חלק — און אָפט מאָל טאַקע אַ פעטן חלק — פוןביידע „פּוליעס".

די חזקה אויף דער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין און ממילא אויף די „פאָר־שטייער" צו די סעקציעס האָבן געהאַט דריי אַלטע פליישער־פאַמיליעס — דריי „דינאַסטיעס", וואָס זיינען געווען די אמתע דעה־זאָגער איבערן גאַנצן פאַראיין, איבערן גאַנצן פאַך, ממילא אויך איבערן גאַנצן וואַרשעווער שעכט־הויז.

קאַפּיטל 18

דריי פליישער־„דינאַסטיעס“

די גרעסטע און די שטאַרקסטע פליישער־„דינאַסטיע“ איז געווען די פאַמיליע קאַלניטשאַנסקי. זי האָט געשטאַמט פון דער פאַרשטאָט פּאַוואָנזעק. די קאַלניטשאַנסקיס זיינען פון דור־דורות געווען פליישער־אַרבעטער אין פּאַוואָנזקער שעכט־הויז. ווען די באַזונדערע שעכט־הייזער אין די וואַרשעווער פאַרשטעט זיינען ליקווידירט געוואָרן און עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס צענט־ראַלע שעכט־הויז אויף פּראַגע, זיינען די קאַלניטשאַנסקיס אַריבער אין פּראַגער שעכט־הויז און זיי זיינען אויך דאָרט געוואָרן די הויפּט דעה־זאָגער.

זיי זיינען געווען פיר ברידער: אַנשל, איטשע, יאַשקע און מאָטקע. דער עלטסטער און דער פירער זייערער איז געווען אַנשל. אין די יונגע יאָרן האָט ער געהערט צו דער פּ.פּ.ס. און איז געווען אַ פּ.פּ.ס.ישער „באָיאָוויעץ“. ער האָט גלייכצייטיק אַ געוויסע צייט אויך געהערט צו דער ס.ס., טאָקע צו דער פּאַוואָנזקער גרופּע, וועגן וועלכער איך האָב פריער דערציילט. אין דער פּ.פּ.ס.ישער „באָיאָווקע“ האָט ער געהערט צו די בעסטע שיסער. אין 1905, בעת דעם גרויסן איבערפאַל פון די רעוואָלוציאָנערן אויף די וואַרשעווער „בלאַטע הייזלעך“ און אין די געשלעגן מיט די אַלפאָנסן, איז אַנשל געווען פון די אַקטיווסטע אָנטיילנעמער מצד די רעוואָלוציאָנערן. ער איז פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און איז צוריק־געקומען פון פאַרשיקונג קיין וואַרשע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נאָכן צוריקקומען פון סיביר האָט ער חתונה געהאַט, און גראָד אויף אַ זייער ראָמאַנטישן אופן. עס האָט זיך אין אים פאַרליבט אַ שוחטס אַ טאָכטער. דער פרומער און מיוחסדיקער שוחט האָט ניט געוואָלט הערן אפילו וועגן אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער מיט אַ „קוילער־יונג“ און נאָך דערצו אַ געוועזענעם „קאַטאָרזשניק“. די עלטערן האָבן מורא געהאַט אַז די טאָכטער זאָל זיך ניט טרעפן אין דער שטיל מיט איר געליבטן, האָט מען זי געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין דער היים און זי ניט אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַריין. אָבער דאָס יונגע פאַר־ליבטע פּאָרל האָט געהאַנדלט לויט אַלע ראָמאַנטישע כללים: אַנשל האָט זיין געליבטע ביי נאַכט אַרויסגעגנבעט דורכן פענצטער (פון צווייטן שטאָק); זיי זיינען אַוועק, האָבן חתונה געהאַט און האָבן אָפּגעלעבט אַ גליקלעך לעבן.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, איז אַנשל געוואָרן אַ גרויסער שמוגלער פון פלייש (צוזאַמען מיט זיינע ברידער) און ער האָט דערביי פאַרדינט אַ סך געלט. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט איז אַנשל שוין געווען אַ היפּשער גביר. אין אומאָפּהענגיקן פּוילן איז ער

געוואָרן אַ סוחר פון אָקסן. געהאָלפן דערצו האָט אים זיין רעוואָלוציאָנערע פּ.פּ.ס.־ישע פאַרגאַנגענהייט, דער עיקר, וואָס ער איז געווען פאַרשיקט קיין סיביר. (די געוועזענע קעמפער פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט, ספּעציעל די וואָס זיינען דערפאַר געווען פאַרמשפּט און גאָר ספּעציעל די אַלע וואָס זיינען געווען פאַרשיקט קיין סיביר — די אַ. ג. געוועזענע „קאַטאָרזשאַנעס" — זיינען אין אומאָפּהענגיקן פוילן געווען אַ פּריווילעגירטע גרופּע). אַנשל איז געווען באַפריינדעט מיט אַ סך פון זיינע געוועזענע חברים פּ.פּ.ס.־אָוצעס, וואָס האָבן אין אומאָפּהענגיקן פוילן פאַרנומען הויכע מלוכה־אַמטן. פאַר אים זיינען דעריבער אַלע טירן פון די מלוכהשע אַמטן געווען אָפן. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז ער איז געוואָרן איינער פון די רייכסטע פליישׁ־סוחרים און איינער פון די דעצידירנדיקסטע מענטשן אויפן וואַרשעווער אָקסן־און פליישׁ־מאַרק. זיין שטוב איז שוין געווען אַן „אינטעליגענטע". זיינע צוויי טעכטער און זיין זון זיינען געגאַנגען אין גימנאַזיע, האָבן גערעדט פויליש און געפירט זיך ווי גבירישע קינדער.

אַנשלס אויטאָריטעט איז געווען גרויס ניט בלויז ביי די פליישׁ־סוחרים, נאָר אפילו אויך ביי די אַרבעטער און ביים גאַנצן פליישער־פאַראיין. צו זיין וואָרט האָבן זיך אַלע צוגעהערט; ער פלעגט זיך אַריינמישן אפילו אין די אינערלעכע סיכסוכים צווישן די מיטגלידער אין פאַראיין, כאָטש ער איז געווען אַן אַרבעט־געבער, אַ סוחר. דער פאַראיין גופא פלעגט אים פערזענלעך מאַכן פאַרשיידענע הנחות, אַראָפּלאָזן אים פון פרייז פאַר באַאַרבעטן אַן אָקס, א.ד.גל. דער פאַראיין האָט עס פשוט געמוזט טאָן, ווייל אַנשלס מאַכט איז געווען זייער גרויס.

זיינע דריי ברידער האָבן שטאַרק געגאָסן פון ברודערס כוח און זיינען אויך געווען גרויסע דעה־זאָגער אין פליישער־פאַראיין און אין שעכט־הויז. אַלע דריי זיינען געווען מיטגלידער אין דער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין, אַלע דריי זיינען, פאַרשטייט זיך, אויך געווען „פאַרשטייער", ד. ה. יעדערער האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין צוויי „פּוליעס" און האָט ניט געדאַרפט שווער אַרבעטן: יאָשקע איז געווען דער „פאַרשטייער" צו דער סעקציע פעל־שלעפּער, מאָטקע — ביי די כשרע העקער און איטשע — ביי די פליישׁ־טרעגער. עס איז געווען נאָך איין ברודער, איך געדענק שוין ניט זיין נאָמען, ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער פאַמיליע־טראַדיציע; ער איז געוואָרן אַ קאַפּעלוש־מאַכער און נאָך אַ צייט איז ער אַוועק קיין פאַריז.

די ברידער האָבן איינגעאָרדנט ביים שעכט־הויז אויך זייערן אַ שוואָגער, לייזער שיכטער, דער שוועסטערס מאַן. ער האָט באַקומען דעם מאָנאָפּאָל אויף אַ גרויסער צאָל פונטן (וועגענער) וואָס האָבן פונאַנדערגעפירט דאָס פליישׁ פון שעכט־הויז. דאָס איז געווען דער „נדן" וואָס ער האָט באַקומען.

די קאָלניטשאַנסקיס זיינען פאַרבליבן די שטאַרקסטע דעה־זאָגער אין פליישער־פאַך ביז דער מאַגיסטראַט האָט אין גאַנצן איבערגענומען דאָס שעכט־הויז.

די צווייטע פליישער־„דינאַסטיע" זיינען געווען די „חיהטשקעס". זייער

ריכטיקער פאַמיליע־נאָמען איז געווען ראָזענבערג, אָבער ווער האָט זיי דען גערופן ביי דעם דאָזיקן נאָמען? — אומעטום זיינען זיי געווען באַקאַנט ווי די „חיהטשקעס". דעם דאָזיקן צונאָמען האָבן זיי באַקומען לכבוד זייער מאַמען, חיה, וואָס איז געווען דער קאָפּ פון אַ צאַלרייכער פאַמיליע — זין, טעכטער, שניר, איידעמס, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. חיהטשקע האָט דערלעבט צו אַן עלטער פון 90 יאָר. זי האָט איבערגעלעבט דריי מענער און פון יעדן האָט זי געהאַט קינדער.

די זין אירע, די „חיהטשקעס" — די מערסטע מיט פאַרשיידענע צונעמען — זיינען געווען: שמואל „גבאי", לייב „פילאָזאָף", יאָסל „משוגענער", יאַנקל, סרול „אושעק", חיים און שלמה „ביין". יעדער צונאָמען האָט זיך געהאַט זיין סיבה: שמואל „גבאי" — ווייל ער איז געווען דער עלטסטער זון און דער פירער פון דער גאַנצער „דינאַסטיע"; לייב „פילאָזאָף" — ווייל ער האָט שוין געלייענט אַ צייטונג, אַ בוך, האָט געקענט אָנשרייבן אַ בריוו, האָט געהאַט אַ געוויסע בילדונג; יאָסל „משוגענער" — ווייל ער איז געווען אַ ווילדער יונג; סרול „אושעק" האָט געהאַט גרויסע, אַרויסשטאַרצנדיקע אויערן („אוכאָ" הייסט אויף פויליש אַן אויער, „אושעק" — אַן אויערל); שלמה „ביין" — ווייל אים האָבן געפעלט צוויי פינגער אויף דער האַנט און אויף דעם אָרט האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ ביין.

דער עלטסטער ברודער שמואל האָט געהאַט דריי זין און אַ טאָכטער. די זין זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ביי אַרבעטן אין שעכט־הויז; די טאָכטער — די יינגסטע פון זיינע קינדער — האָט געהערט צום יוגנט־בונד צוקונפט.

די מאַמע אַליין — חיהטשקע — האָט געהאַט אַ יאַטקע פון דרויב (קישקעס, וואַמפּן, לונג־און־לעבערס א. אַנד.) זי האָט געהאַט דערפון זייער שיין פרנסה, ווייל די סחורה האָט איר כמעט ניט געקאָסט. די זין פלעגן איר ברענגען דאָס דרויב בחצי־חינם. אין די צאַרישע צייטן פלעגט זי אויסבאַ־האַלטן ביי זיך רעוואָלוציאָנערן; זי פלעגט פאַר זיי קאָכן גרויסע קעסלען עסן און קאָרמענען זיי מיט אַ ברייטער האַנט און אָפט מאָל צוגעבן נאָך אַ פּאָר גראָשן אויך. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, שוין אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, ווען זי איז שוין געווען אַלט, האָט זי ליב געהאַט זיך צו באַרימען: „איך שטים נאָך היינט אויף פאַרן נומער 4" (דער טראַדיציאָנעלער נומער, וואָס די בונדישע ליסטע פלעגט האָבן ביי די וואַלן צום סיים, שטאָטראַט, קהילה).

די „חיהטשקעס" האָבן אויך געהאַט אַ „וויכאָוואַנעק", אַ יתום, וואָס זיי האָבן גענומען קליינערהייט אויפצוהאָדעווען. געהייסן האָט ער יוקעלע און גערופן האָט מען אים „יוקעלע גנב". וועגן אים וועל איך שפּעטער דערציילן גענויער.

שמואל, דער עלטסטער ברודער, איז געווען דער „פאָרשטייער" ביי די שעכט־הויז־אַרבעטער, ד. ה. ביי דער גרעסטער און קוואַליפיצירטסטער סעק־ציע פון פליישער־פאַראיין. לייב פילאָזאָף איז געווען „פאָרשטייער" ביי די שרייבער (ער האָט דאָך געקענט שרייבן, לייענען פויליש, אפילו אַ ביסל ענגליש, ווייל ער איז אַ צייט געווען אין אַמעריקע). יאָסל און יאַנקל האָבן

געאַרבעט ווי שעכט־הויז־אַרבעטער, אָבער אין זכות פון זייערע איינפלוסרייכע ברידער האָבן זיי באַקומען אַ גרעסערן חלק פון דער „פּוליע״; סרול „אושעק״ איז געווען אַ קאָרטן־שפּילער, זיך געדרייט צווישן די „שטאַרקע״, און שלמה „ביין״ פלעגט גיין מיט אים צוזאַמען. ווען זייערע טונקעלע געשעפטן זיינען אַוועקגעגאַנגען שלעכט, זיינען זיי געקומען אין שעכט־הויז אַריין און די ברידער זייערע האָבן זיי באַזאָרגט מיט אַרבעט ביי די טרעגער. דער ברודער חיים איז געווען אַ שטילער, אַ רואיקער; ער האָט זיך ניט געמישט אין די קהלשע ענינים, איז ניט געווען קיין „פאַרשטייער״ און ניט קיין מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג.

די דריטע „דינאַסטיע״ איז געווען די פאַמיליע פון די „בערטשיקעס״ (זייער אמתן פאַמיליע־נאָמען געדענק איך ניט). דער צונאָמען שטאַמט דערפון וואָס דער זיידע האָט געהייסן בער. זיי האָבן געשטאַמט פון פעלצאָוויזנע, וואו זיי זיינען פון דורות געווען באַשעפטיקט ביים דאָרטיקן שעכט־הויז: אין פעלצאָוויזנע איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ מנין, וואָס מען האָט גערופן „דאָס שולכל פון די בערטשיקעס״; פאַר מיינע צייטן איז נאָך איינער פון די ברידער געווען דאָרטן גבאי.

די „בערטשיקעס״ זיינען געווען פיר ברידער: יאָסל, אברהם, בעריש, דעם נאָמען פון פערטן געדענק איך ניט. די „בערטשיקעס״ האָבן געהאַט די חזקה איבער דער סעקציע „קעלבער״ אין פּראַגער שעכט־הויז. בעריש איז געווען דער „פאַרשטייער״ ביי דער סעקציע. די אַנדערע ברידער האָבן דאָרט געאַרבעט און זיינען געווען די דעה־זאָגער איבער דער גאַנצער סעקציע.

צווישן די דאָזיקע דריי „דינאַסטיעס״ איז כסדר אָנגעגאַנגען אַ שטילער קאַמף פאַר מאַכט אין פאַראיין און אין שעכט־הויז. יעדע פון זיי האָט זיך געהאַט אירע געשוואוירענע אָנהענגער צווישן די אַרבעטער. לויט דער צאָל אָנהענגער זיינען די „חיהטשקעס״ געווען די שטאַרקסטע, אָבער די קאָלניטשאַנסקיס האָבן געהאַט מער מאַכט און האָבן קאָנטראָלירט מער „שליסל־פּאָזיציעס״, דער עיקר — צוליב דער גרויסער מאַכט פון זיין עלטסטן ברודער אַנשלען און זיינע פאַרבינדונגען מיט די פּוילישע פליישער־אַרבעטער, מיט די פירער פון זייער פאַראיין און פון דער צענטראַלע, וואו דער יידישער פליישער־פאַראיין איז אויך געווען אָנגעשלאָסן. ספּעציעל איז אַנשל געווען אַ „גוטער ברודער״ מיטן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דערנערונג־פאַראיין עדעק מאַראָווסקי: פאַר דער מלחמה האָבן זיי ביידע געהערט צו דער פּ.פּ.ס.ישער „באָיוואָוקע״ און זיי זיינען צוזאַמען געווען פאַרשיקט אין סיביר. (אגב, עדעק מאַראָווסקי פלעגט „פון דער זייט״ סיסטעמאַטיש קריגן אַ וואָכן־פּענסיע פון יידישן פליישער־פאַראיין — דעם לוין־באַטרעף פאַר באַאַרבעטן אַן אָקס. דאָס האָט באַטראָפן עטלעכע צענדליק זלאָטעס אַ וואָך. די דאָזיקע „פּענסיע״ האָט טאַקע פאַר אים אויסגעאַרבעט אַנשל).

די דריי „דינאַסטיעס״ האָבן אויסגעשפּרייט זייער ממשלה איבערן פאַר־איין און איבער דעם שעכט־הויז. אויב איינע פון די פאַמיליעס האָט געדאַרפט פאַרזאָרגן אַ קרוב אָדער אַן אייגענעם מיט אַרבעט, האָבן זיי אים אַריינגעזעצט

אין שעכט־הויז. אויב מען האָט אין שעכט־הויז גראָד דעמאָלט ניט געדאַרפט קיין נייעם אַרבעטער, האָט מען געשאַפן עפּעס אַ פיקטיווע אַרבעט, ד. ה. צוגעגעבן נאָך איין איבעריקן געלט־נעמער צו אַ סעקציע און באַזעצט דעם אייגענעם אויף דער דאָזיקער אַרבעט. די קלענערע פאַראיין־סעקציעס, ווי פעל־שלעפּער, טרעגער, פורמאַנעס און אַנדערע, זיינען טאַקע געווען האַלב־פיקטיווע סעקציעס, איבערגעפילט מיט אַזעלכע אומנייטיקע אַרבעטער, וואָס האָבן כלומרשט עפּעס געטאָן, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי גענומען געלט האַלב־בחינם. אַזאַ פּאָסטן האָט מען טייל מאָל אויך געגעבן ווי אַ נדן פאַר אַ שוועסטער אָדער אַן אַנדער קרוב. דורך די דאָזיקע פיקטיווע פּאָסטנס האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט די מאַכט פון די דריי פליישער־„דינאַסטיעס", ווייל זייערע נייע מענטשן האָבן דאָך באַלד באַקומען די זעלבע דעה וואָס אַלע אַרבעטער.

אין דעם פאַראיין פון די פּוילישע פליישער־אַרבעטער איז די לאַגע געווען אַן ענלעכע ווי אין דעם יידישן פליישער־פאַראיין. צום פּוילישן פאַראיין האָבן געהערט אַלע פּוילישע אַרבעטער, סיי די וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם כשרן טייל פון שעכט־הויז סיי די וואָס האָבן געאַרבעט ביי די חזירים. ביי חזירים זיינען קיין יידישע אַרבעטער ניט געווען באַשעפטיקט. אָבער אין כשרן טייל פון שעכט־הויז האָבן געאַרבעט אַ היפּש ביסל פּוילישע אַרבעטער, דער עיקר אין דער קוואַליפיצירטער סעקציע פון די שעכט־הויז־אַרבעטער (אין די אַנדערע סעקציעס: פעל־שלעפּער, טרעגער, א. אַז. וו. האָבן קיין פּאָליאַקן כמעט ווי ניט געאַרבעט). די פּוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אינם כשרן שעכט־הויז, האָבן אַלע צוזאַמען באַקומען פון דער „פּוליע" זייער אַלגעמיינעם חלק, וועלכן זיי אַליין האָבן דערנאָך צעטיילט צווישן זיך.

קאַפּיטל 19

דער טראַנספּאָרט־פאַראיין

אין 1922 בין איך צוגעטיילט געוואָרן דורכן צענטראַל־ראַט אויך צו דעם טראַנספּאָרט־פאַראיין. דאָס איז געווען אַ פאַראיין בלויז פון פלייצע־טרעגער, אַלע אַנדערע מינים יידישע טראַנספּאָרט־אַרבעטער האָבן צו אים דעמאָלט נאָך ניט געהערט.

אויך דער דאָזיקער פאַראיין איז דעמאָלט געשטאַנען אונטער דער פירונג פון די „פאַראייניקטע". דעם צוטריט צו די פלייצע־טרעגער האָבן די „פאַר־אייניקטע" געקריגן דורך די פלייישער. צווישן די דאָזיקע צוויי פאַכן איז געווען אַ געוויסע קרובהשאַפט אין טאָג־טעגלעכן לעבן: זיי האָבן געוואוינט אין די זעלבע געגנטן, אפילו אויף די זעלבע הויפן, האָבן זיך געטראָפן אין די זעלבע שענקען, געווען נענטער באַקאַנט פערזענלעך.

אויך דער דאָזיקער פאַראיין איז געווען אַן אייגנאַרטיקער. אָבער אַנדערש אין זיין אייגנאַרטיקייט ווי דער פליישער־פאַראיין.

דער גאַנצער פאַך פון פלייצע־טרעגער איז פאַקטיש אַנטשטאַנען ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאַר דער מלחמה זיינען אין וואַרשע געווען אין גאַנצן אַ 4 פלייצע־טרעגער־סטאַציעס: איינע הינטער די האַלעס (פיש־טרעגער), אַ צווייטע אין דער געגנט פון גרויסן וואַרשעווער האַנדלס־צענטער — נאַלעווקי־גענשע־פראַנציסקאַנער, און נאָך אַ צוויי ביי די פראַכט־באַן־סטאַציעס. די סחורות פון די וועגענער פלעגן דעמאָלט מערסטנטייל די פור־מאַנעס אַליין אַראָפּנעמען.

אָבער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער גרויסער מסחר איז איינגעשרומפּן געוואָרן, ווען דער גרויסער האַנדלס־צענטער אַרום די נאַ־לעווקעס איז כמעט ווי אָפּגעשטאָרבן און דער גרויסער טייל פערד איז רעק־ווירירט געוואָרן דורכן מיליטער, איז דער פאַך פון די פורמאַנעס כמעט ווי אונטערגעגאַנגען. דעמאָלט האָט אַ היפּשער טייל פון די פורמאַנעס זיך אַוועק־געלאָזט אויף קרומע וועגן און אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט „קאָמבינאַציעס" (דאָס האָט אויף וואַרשעווער לשון באַדייט האַלב ניט־כשרע אָדער אין גאַנצן ניט־כשרע געשעפטן).

דאָס איז פאַר אַ טייל פון זיי געווען אַ גאַנץ לייכטער גילגול, ווייל שוין פאַר דער מלחמה זיינען אַ סך פורמאַנעס געווען פאַרבונדן מיט דער אונטער־וועלט; טייל פון זיי האָבן אַליין געהאַט אַ קרימינעלע פאַרגאַנגענהייט, און אפילו דעמאָלט ווען זיי האָבן זיך טאַקע פאַרנומען מיט דער פורמאַנסקער פרנסה האָבן זיי נאָך אַלץ היפּשלעך צופאַרדינט פון פאַרשיידענע ניט־ערלעכע געשעפטן. ביי אַזאַ פורמאַן האָט אַ סוחר זעלטן ווען באַקומען די גאַנצע סחורה,

וואָס ער האָט פאַר אים געפירט, עפּעס איז דערפון געבליבן ביים פורמאַן. דערויף האָבן די דאָזיקע פורמאַנעס געהאַט פאַרשיידענע שפּיצלעך: אויב מען האָט, למשל, געפירט מעל, צוקער, רייז, בעבלעך אָדער אַנדערע פּראָ־דוקטן, האָט מען הינטער דער פּלאַטפאָרם פון וואָגן צוגעפעסטיקט אַ קעסטל, די זעק מיט די פּראָדוקטן פלעגט מען לעכערן פון הינטן און אין קעסטל פלעגט זיך אַריינשיטן מעל, צוקער, רייז א. ד. גל. — און דאָס איז שוין פאַרבליבן ביים פורמאַן.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ס'האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט דער שמוגל פון לעבנס־מיטלען, האָבן טייל אַרבעטסלאָזע פורמאַנעס אויסגע־נוצט די סיטואַציע אויף אַזאַ אופן: זיי האָבן איינגעשטעלט סטאַציעס פון פלייצע־טרעגער איבער דער גאַנצער האַנדלס־געגנט פון נאַלעווקי־געגנשע. יעדער וואָגן, וואָס איז אַריינגעקומען מיט געשמוגלטער סחורה, האָט געמוזט דורך זיי אָפּגעלאָדעוועט ווערן. אפילו אויב דער סוחר האָט ניט געוואָלט זיי זאָלן טאָן די אַרבעט (אַ שטייגער: ער האָט ניט געוואָלט, זיי זאָלן וויסן וואָס פאַר א סחורה ער האָט אַריינגעבראַכט, אָדער דער פורמאַן אַליין האָט עס געקענט טאָן), האָט ער סיי ווי געמוזט די פלייצע־טרעגער באַצאָלן דאָס זייעריקע. יאָ אָפּגעלאָדעוועט, ניט אָפּגעלאָדעוועט — באַצאָלן מוז מען! און אויב ניט? — אויב אַ סוחר האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל ניט באַצאָלן בחינם געלט, האָט עס אים געקאָסט נאָך טייערער: אָדער די סחורה איז „פאַרשוואונדן" געוואָרן אָדער פּאָליציי האָט זי רעקוויזירט... נאָך אַ קורצער צייט האָבן שוין די סוחרים געוואוסט, אַז מיט די פלייצע־טרעגער שפּילט מען זיך ניט, און ווען זיי הייסן זיך באַצאָלן דאָס זייעריקע, דיסקוטירט מען ניט, נאָר מען צאָלט!

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און דער נאָרמאַלער מסחר אין די גרויסע וואַרשעווער יידישע האַנדלס־צענטערס האָט זיך צוריק איינגעשטעלט (איינער — אין דער געגנט פון נאַלעווקי־געגנשע־פראַנציסקאַנער, דער צוויי־טער — אויף גזשיבאָווסקע, גנוינע, זשימנע, פאַרן אייזערנעם טויער און די האַלעס), זיינען די סטאַציעס פון די פלייצע־טרעגער געבליבן אויף זייערע ערטער. זיי האָבן אָבער איינגעפירט אַ כלל, אַז די פורמאַנעס טאָרן מער ניט אַראָפּטראָגן די סחורות פון די וועגענער, אַז דאָס מוזן טאָן אויסשליסלעך די פלייצע־טרעגער. עס האָבן זיך דעמאָלט איינגעשטעלט ביי 50 אַזעלכע פלייצע־טרעגער־סטאַציעס מיט אַ דורכשניט פון אַ 10 מאַן אויף יעדער סטאַציע.

די פלייצע־טרעגער זיינען אָבער נאָך פון די מלחמה־יאָרן ניט געווען צוגעוויינט צו שווערער אַרבעט, נאָר פאַרקערט — צו לייכטע פאַרדינסטלעך. האָבן זיי אויך איצט, אין נאָרמאַלע צייטן, ניט געהאַט מער קיין חשק שווער צו אַרבעטן. זיי האָבן זיך צוגענומען „פּאָמאַצניקעס" (אַרויסהעלפער) וואָס האָבן מערסטנס געטאָן די שווערע אַרבעט פון שלעפּן קאַסטנס און פּעק; די פלייצע־טרעגער אַליין האָבן גאַנץ קנאַפּ געאַרבעט. אַזעלכע געהילפן האָבן געקענט זיין דערוואַקסענע מענטשן, אָפט אפילו פאַמיליע־מענטשן, וואָס האָבן געזוכט עפּעס אַ פּרנסה און זיינען גרייט געווען צו טאָן שווערע אַרבעט, אַבי

צו פאַרדינען אויף חיונה. די פלייצע־טרעגער האָבן זייערע „פּאַמאַצניקעס" ניט אַריינגענומען אין זייער חברותא; אַ „פּאַמאַצניק" איז מען פאַרבליבן דאָס גאַנצע לעבן. אַריבערכאַפּן זיך אין דער גרופּע פון די פּריווילעגירטע פלייצע־טרעגער? אַזאַ זאַך האָט געקענט געשען זייער זעלטן.

באַלד נאָך דער מלחמה האָבן די „פּאַראַיניקעס" גענומען אָרגאַניזירן די פלייצע־טרעגער. מען האָט זיי געגעבן אַן אָרט אין פּאַרטייאישן לאָקאַל אויף לעשנאָ 49 און צוגעטיילט צו זיי, ווי אַ פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי, אַ געוויסן נח שאַפּיראָ. ער איז געווען אַן אַלטער ס.ס.אָוויעץ, אַ פּאַרטיי־טוער פון לאַנגע יאָרן, אַן ענערגישער און טעמפּעראַמענטפולער מענטש; באַלד נאָך דעם איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט, איז אַוועק קיין ראַטן־רוסלאַנד און האָט דאָרטן געטיילט דעם גורל פון פיל אַנדערע אויסלענדישע קאָמוניסטישע טוער אין רוסלאַנד — ער איז דערשאָסן געוואָרן.

די לאַגע אין אָט דעם „טראַנספּאָרט־פּאַראַיין" איז אויבנאויפיק געווען אַן ענלעכע ווי אין פליישער־פּאַראַיין, אָבער נאָר אויבנאויפיק. אין תוך זיינען צווישן די צוויי פּאַראַיינען געווען אַ רייע אונטערשיידן. ס'רוב פלייצע־טרעגער זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער אונטערוועלט, אַקעגן ביי די פליישער זיינען געווען ווייניק לייט פון דעם מין. ס'רוב פליישער זיינען געווען ערלעכע מענטשן און אַ סך פון זיי האָבן געהאַט הינטער זיך אַ שיינע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. דער פליישער־עלעמענט איז געווען פאַרשיידנאַרטיק, געווען צווישן זיי אפילו אַ היפּש ביסל פרומע יידן, וואָס האָבן געטראָגן בערד, געגאַנגען „יידיש" געקליידט, האָבן געדאַוונט יעדן טאָג. געווען אויך צווישן זיי אַ באַקאַנטער מזרחי־טוער (פרידמאַן, היינט אין מדינת ישראל). אחוץ דעם איז דער פליישער־פאַך געווען אַ קוואַליפיצירטער און אַן אַלט איינגעפונדעוועטער פאַך, בעת דער פלייצע־טרעגער־פאַך איז געווען ניי, אַ מין „דערפינדונג" פון די פלייצע־טרעגער גופא.

אייגנטלעך איז דער טראַנספּאָרט־פּאַראַיין ניט געווען קיין פּאַראַיין אין אמתן זין פון וואָרט, ווייל די פלייצע־טרעגער האָבן ניט געהאַט קיין שטענדיקע אַרבעט־געבער, קיין באַלעבאַטים. דער פּאַראַיין איז געווען אַ לויזע פאַרבינדונג פון גרופּעס אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. יעדע סטאַציע איז געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו פון די טרעגער פון דער געגעבענער סטאַציע. פּונקט ווי ביי די סעקציעס אין פליישער־פּאַראַיין, האָט יעדע סטאַציע געהאַט אירן „פּוליע", אירן קאַסע, און איינעם אָדער צוויי באַאַמטע: אַ קאַסיר און אַ שרייבער (טייל מאָל האָט ביידע פונקציעס אויסגעפירט איין פּערזאָן). אויך ביי די פלייצע־טרעגער האָבן די „שטאַרקע" גענומען פאַר זיך אַ גרעסערן חלק פון דער „פּוליע", און די קלענערע פישלעך האָבן געקריגן אַ קלענערן חלק. די לעצטע האָבן געפילט אַז מען באַעוולט זיי, אַז מען מאַכט זיי אַ „טערקישן חשבון", זיי האָבן געוואַלדעוועט, פּראָטעסטירט — אָבער זיי האָבן געמוזט נעמען וויפל די „שטאַרקע" האָבן פאַר זיי אויסגעטיילט. עס זיינען געווען גרויסע און גוטע סטאַציעס (אויף די נאַלעווקעס, גנויבע, פאַר די האַלעס) וואו מען האָט גוט פאַרדינט, און עס זיינען געווען

צענטראַל-פאַרוואַלטונג פון טראַנספּאָרט-פאַראיין

פֿון רעכטס זיצן: מלך גרינפֿאָגעל, זילבערשמיט, יצחק נחמיה, יוסף ליפשיץ (סעקרעטאַר), לייבל אָבערבערג (פּאָרזיצער), הערשל דאָרפמאַן, יחיאל מאַראָקאָ, מ. דעמבסקי;
שטייען: רובינבלום, גאָלדבלום, זאַטאָרסקי, אָפּאַטאָווסקי, קאמלאָט.

אַ גרופּע פּאַראײנס-מיטגלידער און יידישע אַרבעטער-טוער נעמען צוריק איבער דעם לאָקאַל פון די מעטאַל-אַרבעטער, נאָך אַ 4-חדשימדיקן איבערייס, אין וואַרשע, דעם 13-טן פעברואַר, 1924.

פון רעכטס זיצן : איסר גאָלדבערג (סעקרעטאַר פון מעטאַל-פאַראײן), לייבל בלאַנק (פּאָרזיצער), אברהם, לייזער מאָשאָנזשעק, יעקב גאָלדשמיט ; שטייען : בערנאַרד, אַרטור זיגעלבוים, בערל גוט-מאַן, וויקטאָר אַלטער, הענריק ערליך, שמואל קרויזמאַן, זיסקינד ערליך, מאָרגענשטערן.

צוויט־ראַנגיקע סטאַציעס, וואו דער פאַרדינסט איז געווען אַן ערגערער. די פונקציע פון פאַראיין איז באַשטאַנען אין אויסגלייכן די סיכסוכים צווישן די סטאַציעס. אַלע קאָנפליקטן האָבן זיך סוף־כּל־סוף רעדוצירט צו איין גרויסן קאָנפליקט: דער ווילן פון די טרעגער פון די ערגערע סטאַציעס זיך אַריינ־צוקריגן אין די בעסערע סטאַציעס, און — די דעצידירטקייט פון די טרעגער אויף די גוטע סטאַציעס ניט צוצולאָזן קיין נייע שותפים. אַט דער קאַמף צווישן די טרעגער גופא האָט אויסגעפּילט אין דער גרעסטער מאָס דאָס לעבן פון דעם טראַנספּאָרט־פאַראיין צו יענער צייט.

צווישן די פּלייצע־טרעגער האָט עקזיסטירט אַ מין אייגענע „סאָציאַלע פאַרזיכערונג". איז אַ מיטגליד פון דער סטאַציע קראַנק געוואָרן, האָט מען אים געצאָלט פון דער „פּוליע" זיין חלק אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען קראַנק. איז אַ מיטגליד געשטאָרבן, האָט די חזקה אויף זיין אָרט אויף דער סטאַציע געהאַט אַ זון אָדער אַן איידעם. אויב עס האָט זיך ניט געפונען קיין זון אָדער איידעם, וואָס זאָל קענען (אָדער וועלן) פאַרנעמען דאָס אָרט, האָט די סטאַציע געצאָלט דער אלמנה אַ יאָר צייט אַ וואָכנטלעכע פּענסיע, — ניט דעם פולן חלק פון פאַרשטאָרבענעם, נאָר „לויט יושר", און דער יושר איז דערביי טאַקע געווען אַ גאַנץ יושרדיקער. האָט איינער פון דער סטאַציע געהאַט אַ שמחה אָדער חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט מען פון דער „פּוליע" געקויפט אַ מתנה אָדער געגעבן דרשה־געשאַנק. אויב מען האָט געדאַרפט גיין מנחם־אָבל זיין די פאַמיליע פון אַ מיטגליד, האָט זיך געפירט, אַז די גאַנצע סטאַציע איז געגאַנגען מיט אַ מאָל און מיטגעבראַנגט אַ קויש בראָנפן. יעדע סטאַציע איז געווען אויטאָנאָם אין דער פירונג פון אַט דער קעגנזייטיקער הילף.

צווישן די פּלייצע־טרעגער איז געווען ספּעציעל פּאָפּולער איין מצווה: די מצווה פון ביקור־חולים. געווען ביי זיי אַ מנהג, אַז יעדן שבת און זונטיק איז מען געגאַנגען אין יידישן שפּיטאָל אַריין אויף טשיסטע צו וואַכן ביי קראַנקע אָדער מבקר־חולה זיין באַקאַנטע אָדער סתם חולים. אין אַ זונטיק האָט מען אין יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע געקענט טרעפן מינדסטנס אַ הונדערט פּלייצע־טרעגער וואָס זיינען געקומען צו קראַנקע.

קיין פרומע זיינען די פּלייצע־טרעגער ניט געווען אָבער אין די ימים־נוראים — ראש־השנה און יום־כּיפּור — זיינען אַ סך פון זיי געגאַנגען דאַווענען. געגאַנגען זיינען זיי מערסטנטיילס אין דער שול אויפן גענשער בית־עולם. אין דער דאָזיקער שול האָבן גנבים, אַלפאָנסן, פּראָסטיטוטקעס און אַנדערע אונטערוועלט־מענטשן געהאַט אַ חזקה צו דאַווענען ימים־נוראים. זיינען דאָרט אויך געקומען דאַווענען אַ סך פּלייצע־טרעגער וואָס זיינען געווען אויסגעקאָכטע מיט יענע לייט. איין מאָל האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו זען ווי עס גייט צו דאָס דאַווענען ביי יענער חברה. בין איך אַוועק אַהין מיט נאָך אַ חבר. עטלעכע פון די פּלייצע־טרעגער, וואָס האָבן מיך געקענט, זיינען צוגעקומען צו מיר און מיט אַן איראָניש שמייכעלע — און מיט אומצופרידנקייט אין קול — מיר געפרעגט: „ח' בערנאַרד, צו וועמען זייט איר דאָ איצט געקומען אויף קבר־אבות?" — געמיינט האָבן זיי צו זאָגן: וואָס זענט איר עפּעס געקומען קוקן אויף אונז ווי אויף בייז וואונדער?

קאַפּיטל 20

טרעגער־טיפּן

ווען איך האָב זיך נעענטער באַקענט מיטן טראַנספּאָרט־פאַראיין, האָבן טייל מענטשן זיך מיר שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן. עס זיינען געווען צווישן זיי זייער טשעקאַווע טיפּן. טייל האָבן אַדורכגעמאַכט טיפע ענדערונגען אין זייער לעבן אונטער דער ווירקונג פון אונזער באַוועגונג און האָבן שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין פאַראיין.

דער ערשטער פאָרזיצער פון פאַראיין איז געווען אַ געוויסער אליקום. אַזוי האָבן אים אַלע גערופן, יידן און קריסטן. עס איז מיר קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו הערן זיין פאַמיליע־נאָמען. ער איז געווען אַן אַלטער פּלייצע־טרעגער נאָך פון פאַר דער מלחמה, היינטער די האַלעס. ער איז געווען דער עלטסטער טרעגער. גערופן האָט מען אים ניט פאָרזיצער נאָר „פּרעזעס", וואָס האָט געקלונגען פייערלעכער. ער איז געווען זייער שטאָלץ מיט זיין אַמט. אויף די דעמאָנסטראַציעס פלעגט ער אַליין טראָגן די פאָן פון פאַראיין, אָנגעלענט אויף אַ ברייטער שיין־אויסגעהאַפּטענער לענטע וואָס איז געווען פאַרוואָרפן איבער זיין ברוסט אין דער קווער, אַזוי ווי אַ שאַרפּע פון אַ פעלד־מאַרשאַל. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אַ שטאַרקער מעלאָמאַן, אַ הייסער אָפּערע־גייער: אַן ערך 40 יאָר נאָכאַנאַנד איז ער רעגולער געגאַנגען אין דער וואַרשעווער אָפּערע עטלעכע מאָל אַ וואָך. די אָפּערע־פאַרוואַלטונג האָט אים שוין גוט געקענט, און די לעצטע יאָרן האָט זי אים געגעבן אַן אייביקן „פּאַספּאַרטו", אַ שטענדיקן בחינמדיקן בילעט צו קומען יעדן טאָג אין דער אָפּערע, און ער האָט דעם דאָזיקן בילעט טאַקע שטאַרק אויסגענוצט. „פּרעזעס" איז ער געווען אין גאַנצן עטלעכע יאָר. אָנהויב צוואַנציקער יאָרן איז ער געשטאָרבן (צו עטלעכע און זעכציק יאָר).

אַ צווייטער וויכטיקער מענטש אין פאַראיין איז געווען הערשל דאַרפמאַן, מען האָט אים גערופן הערשקע „קופקע". ער האָט געשטאַמט פון אַ באַלע־באַטישער משפחה. זיין טאַטע און די גאַנצע משפחה האָבן זיך געשעמט מיט הערשלען, וואָס איז ניט געווען קיין „לייט", ווייל ער איז געוואָרן אַ טרעגער. יונגערהייט האָט הערשל זיך געלערנט אין אַ חדר, ער האָט אויך געקענט לייענען און שרייבן (יידיש, פויליש, רוסיש). ער איז טאַקע געווען דער פּראַקטאַקאַליסט, דער שרייבער פון פאַראיין; ער פלעגט פאָרמולירן אַ באַשלוס, אָנשרייבן אַ רעזאָלוציע.

הערשל אַליין האָט ניט געהאַט קיין קרימינעלע עסקים, אָבער ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט די „שטאַרקע" פון פּלייצע־טרעגער־פאַך. האָט ער זיך דערשלאָגן צו זייער אַ גוטער סטאַציע אויף גנוינע גאַס; ער איז געווען

דער „שרייבער" פון זיין סטאַציע און האָט זייער גוט פאַרדינט. זיינע קינדער האָט ער געגעבן אַ גוטע דערציאונג, ער האָט זיי געשיקט אין די יידיש־ וועלט־לעכע שולן; איין טאָכטער איז געווען אַ „צוקונפטיסטקע". שפּעטער איז ער אַליין אויך אַריינגעטראָטן אין בונד.

דער אינטערעסאַנטסטער צווישן די פּלייצע־טרעגער איז אָן שום ספק געווען שייע־יודל (זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען זילבערשטיין). ער איז געווען אַ געזונטער, ברייטפּלייציקער און אַ פעסט־געבויטער. ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט איז ער געווען אין זיינע פריע דרייסיקער יאָרן. אין פאַראיין האָט שייע־יודל זיך געוואָרפן אין די אויגן גראָד מיט זיין שטילקייט, געלאַסנקייט, און מיט אַ מין איידלקייט. ער איז געווען אַ קלוגער מענטש. האָט ער וועגן עפּעס גערעדט אָדער עפּעס פאַרגעלייגט, איז אין דעם שטענדיק געווען אַ שכלדיקייט אי ערלעכקייט. איך האָב אים אָנגעהויבן צו אָבסערווירן מיט גרויס אינטערעס. ער האָט דאָס גאָר גיך באַמערקט און ער האָט פון זיין זייט אויך אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו מיר, פּאַמעלעך און פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט מיך שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן אָפטער מיט מיר רעדן, שמועסן, ביז ער האָט לסוף פאַר מיר אויפ־געדעקט אַ מוראדיקן תהום, אין וועלכן ער איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען פאַרזונקען.

שייע־יודל האָט געשטאַמט פון אַ משפחה פורמאַנעס. צו 11־12 יאָר האָט ער זיך שוין אַרומגעוואַלגערט צווישן פערד, וועגענער און אַנטרייבער; דאָרט האָט ער זיך אויך באַקענט מיט דער אונטערוועלט. ער איז אַוועק אויף קרימי־נעלע וועגן — נוצן אַ מעסער איז ביי אים געווען אַ קלייניקייט. ער איז אַ סך געזעסן אין תפיסות, נאָך אין די רוסישע צייטן. אין גאַס און אפילו אין תפיסה האָט מען פאַר אים געציטערט. אין דער מלחמה־צייט האָט מען אים אַרומ־געזוכט פאַר עפּעס ניט קיין שיינע מעשים, האָט ער זיך פאַרשריבן (אונטער אַ פאַלשן נאָמען) ביי די דייטשן אויף אַרבעט און ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן ערגעץ קיין ליטע. נאָך אַ צייט איז ער פון דאָרטן אַנטלאָפן, ווייל אויך דאָרטן האָט ער אָפּגעטאָן ניט קיין שיינע זאַך און מען האָט אים געוואָלט אַרעסטירן. קורץ נאָך דעם האָט ער חתונה־געהאַט מיט אַ פּאַפּיראָסן־אַרבעטערין פון פּאָליאַ־קעוויטשעס פאַבריק. אין דער דאָזיקער פאַבריק איז די השפּעה פון בונד געווען שטאַרק זינט יאָרן, און זיין ווייב האָט שוין געהאַט אַ באַגריף וועגן בונד, וועגן אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

נאָך דער חתונה האָט שייע־יודל, אונטער דער ווירקונג פון זיין ווייב, זיך אָנגעהויבן אויסצולייטישן, ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיינע קרימינעלע עסקים, איז געוואָרן אַ פּלייצע־טרעגער און האָט אָנגעהויבן פאַרדינען פון אַרבעט. ער איז אָבער נאָך אַלץ געווען פאַרבונדן מיט דער אונטערוועלט. ווען דער פאַר־איין פון די פּלייצע־טרעגער איז געשאַפן געוואָרן, איז שייע־יודל דאָרט געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער. ווייזט אויס, אַז ס'האָט אין אים אויפגע־וואַכט אַ געוויסע איינגעבוירענע, אָבער איינגעדרימלטע ערלעכקייט. ווען ער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט עניינים, וואו מען דאַרף נוצן ניט דעם מעסער

אָדער די פויסט, נאָך דעם שכל. ווען איך בין געקומען צום פאַראיין פון די פלייצע־טרעגער, האָט דאָרט שייע־יודל שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַ מענטש מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד, וואָס פאַרשטייט אַן ענין אויפן וואונק.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וויל שוין אין גאַנצן איבעררייסן מיט דער אונטערוועלט, אָבער אַז ער דאַרף מען זאָל אים אין דעם צוהעלפן. כ׳האָב אים אָנגעהויבן מקרב צו זיין. ער אָבער האָט זיך געהאַלטן צוריקגעצויגן, ער איז נאָך אַלץ ניט געווען זיכער אין דעם צי ער מעג מיך באַלעסטיקן; ער האָט געוואַרט אויף מיין איניציאַטיוו. איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, געהאָלפן. פאַר מיינע אויגן האָט ער זיך געענדערט, ער איז געוואָרן אַן אידעאַלישער מענטש, וואָס איז גרייט געווען צו ברענגען קרבנות פאַר איבערצייגונגען. מיט יאָרן שפּעטער איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר אַזאַ נסיון און ער האָט דעמאָלט צוליב זיין געטריישאַפט צום בונד פאַרלוירן זיין פרנסה. עס וועט שפּעטער אויסקומען וועגן דעם צו דערציילן.

צווישן די פלייצע־טרעגער איז געווען איינער, וואָס מען האָט אים גערופן: אַבראַם „די דאַמע״. ער איז געווען אַ קאַליקע (ער האָט געהאַט איין פוס, דער צווייטער איז געווען אַ הילצערנער), ער איז אָבער אַלע מאָל געווען עלעגאַנט, געהאַלטן זיך זייער שלאַנק און האָט זיך גאַנץ שיין געקליידט. צוליב זיין עלעגאַנץ טאָקע האָט מען אים געגעבן דעם צונאָמען „די דאַמע״. ער האָט געהאַט הינטער זיך אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט: ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון דער פּ.פּ.ס. אין יאָר 1905 האָט ער אָרגאַניזירט אַ גרופּע יידישע פורמאַנעס אין דער פּ.פּ.ס., אַלע שטאַרקע יונגען און גוטע שיסער. אין דער „באָיוואָקע״ האָט ער געהערט צו דעם זעלבן פינפטל וואָס ברוך שולמאַן (דער באַרימטער העלד וואָס האָט אויפגעריסן מיט אַ באָמבע דעם צאַרישן סאַטראַפּ קאָנסטאַנטינאָוו און האָט דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן). אַבראַם האָט זיך שטאַרק געגרויסט דער־מיט. אַליין איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן ביי אַ דעמאָנסטראַציע, און אַ פאַר־וואונדעטער איז ער אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט אים דעמאָלט אָראָפּגע־נומען אַ פוס און נאָך דעם פאַרשיקט קיין סיביר. קיין וואַרשע איז ער צוריק־געקומען ערשט אין 1918, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. אין דער פּ.פּ.ס. האָט ער זיך אָנגענומען מיט דער פּאָליטיש־פּאַרטייאישער שפּראַך און ער האָט אַלע מאָל ליב געהאַט צו רעדן מיט „הויכע״ ווערטער. ווען ער האָט גע־נומען אַ וואָרט אויף אַ פאַרזאַמלונג, פלעגט דער עולם פלייצע־טרעגער צו אים שרייען: „רעד ניט מיט קיין הויכע ווערטער, רעד מיט קליינע ווערטער!״ ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ סטאַציע הינטער די האַלעס, אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט אַרבעטן — צוליב זיין פוס — איז ער געווען דער שרייבער און קאַסירער פון דער סטאַציע און ער האָט געקריגן אַ גלייכן חלק מיט אַלעמען.

אַן אינטערעסאַנטער מענטש איז אויך געווען זישע זאַטאָרסקי. זיין פאַ־מיליע האָב איך געקענט נאָך פון פאַר דער מלחמה. דער זיידע זיינער איז געווען אַ שוחט, דער טאַטע האָט ביז דער חתונה געלערנט. נאָך דער חתונה

איז ער געוואָרן אַ מעקלער פון הייזער און עס איז אים גוט געגאַנגען. פון אַ פרומען ייד איז ער אָבער פלוצלונג געוואָרן אַן אפיקורס, דערצו — אַ מעלאָמאַן, וואָס איז אָפט געלאָפן אין דער וואַרשעווער אָפּערע. יעדן יום־כפור צו כל־נדרי פלעגט ער גיין אין דער אָפּערע אַנשטאָט אין שול אַריין און דעם דאָזיקן מנהג האָט ער אָפּגעהיט אפילו ווען ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן. ער האָט געהאַט אַ סך קינדער. איין זון איז געווען אַ גאַרבער און אַ בונדיסט. זיינע טעכטער האָבן חתונה געהאַט מיט בונדיסטן (איינע פון זיי, שרהלע, האָט געאַרבעט אין דער קיך אין אַרבעטער־ווינקל, אויף פּשעיאַזד 9).

זישע איז אָבער פון קינדוויַיז אויף ניט געווען קיין „לייט". ער האָט זיך ניט געוואָלט לערנען, עס האָט אים געצויגן צו פערד. נאָך ייִנגלוויַיז פלעגט ער לויפן צו די שטאַלן און האָט זיך אַרומגעוואַלגערט צווישן פערד און וועגענער. סוף־כל־סוף איז ער געוואָרן אַן אונטערטרייבער, ד. ה. אַ געהילף ביי אַ פורמאַן. איך האָב אים אַ לאַנגע צייט ניט געזען. ווען איך בין נאָך דער מלחמה געקומען אין טרעגער־פאַראיין, האָב איך אים פלוצלונג דערזען אַן אויסגעוואַקסענעם, אַ שטאַרקן און אַ פעסט־געבויטן, מיט אַ רויטן קאַרק — אַ פּלייצע־טרעגער. ער האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט. ער פלעגט שטענדיק פאַר מיר שטאָלצירן מיט דער בונדישקייט פון זיין פאַמיליע. אַליין איז ער אויך שפּעטער געוואָרן אַ בונדיסט.

איטשע אַנדערס אָדער איטשע „זבוך" איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטש.ער איז געווען ניט באַליבט ביי זיינע אייגענע חברים פּלייצע־טרעגער. פריערדיקע יאָרן איז ער געווען אַ פורמאַן, אָבער גלייכצייטיק אויך אַ קרימינאַליסט, אַ מעסער־שטעכער און איז שוין געזעסן אַ סך מאָל אין תפיסה. ער איז געווען אַ גדול ביי די „שטאַרקע". ער האָט געהאַט אַן אַ שיעור וויַיבער. אָדער ער האָט זיי אָפּגעגט, אָדער זיי זיינען געשטאָרבן. אַז די פּלייצע־טרעגער פלעגן זיך מיט אים קריגן, פלעגן זיי אים שטענדיק פאָר־וואַרפן זיינע וויַיבער. איטשע „זבוך" איז דאָס געווען דער, וואָס האָט שפּעטער געשפּאָלטן דעם טראַנספּאָרט־פאַראיין און האָט דעם גרעסטן טייל מיט־גלידער אָוועקגעפירט צו די „פּראַקעס". דעמאָלט איז געקומען דער הויכ־פּונקט פון זיין קרימינעלער אַרבעט. ער פלעגט אויספּרעסן געלט ביי די טרעגער און ביי אַנדערע, אָבער וועגן דעם — שפּעטער.

שמואל יאַקובאָוויטש, אַ געוועזענער פורמאַן, איז געווען אַ וויכטיקער טוער אין טראַנספּאָרט־פאַראיין; אַ געוויסע צייט איז ער געווען פאָרזיצער פון פאַראיין. זיינע ברידער זיינען אַלע געווען אונטערוועלט־מענטשן. ער אַליין אָבער איז געווען אַן אָרנטלעכער מענטש און האָט געפירט אַ באַלע־באַטישע היים. זיין וויַיב איז געווען אַ שיינע און אַן איידעלע פרוי. די וויַיבער פון סמאָטשע גאַס (וואו די יאַקובאָוויטשעס האָבן געוואוינט) פלעגן זאָגן, אַז ער האָט איר מסתמא אָנגעטאָן אַ כישוף, וואָס זי — אַ באַלעבאַטישע טאָכטער פון אַ שיינער היים — האָט חתונה געהאַט מיט אים, מיט אַ פּראָסטן טרעגער־יונג. אויף דער סמאָטשע גאַס האָט מען זי גערופן „די דאַמע". זי

פלעגט זיך טאַקע קליידן שיין און עלעגאַנט. ווען זי איז געקומען אין באַזאַר אַריין קויפן, פלעגן די ווייבער איר נאָכטייטלען: אָט די דאָמע איז שמואל דעם טרעגערס ווייב.

איינער פון די ווערטפולסטע מענטשן ביי די טרעגער איז געווען מאַניעק דעמבסקי. אויך אים איז געלונגען אַרויסצורייסן פון דער אונטערוועלט און צו פאַרוואַנדלען אין אַ נוצלעכן געזעלשאַפטלעכן מענטשן. יונגערהייט פלעגט מאַניעק דעמבסקי גיין גנבענען. נאָך דער מלחמה איז ער געוואָרן אַ „פאַ־מאַצניק" ביי די פלייצע־טרעגער אויף גנוינע גאַס. ווען איך בין געוואָרן דער פאַרשטייער פון צענטראַל־ראַט צום טראַנספּאָרט־פאַראיין און כ'האָב זיך נענטער באַקענט מיט די מענטשן דאָרט, האָט אויך ער זיך געוואָרפן מיר אין די אויגן. כ'האָב אין אים געזען עפּעס אַזוינס, וואָס רופט אַרויס אַ געפיל פון צוטרוי. ער איז צו מיר געקומען זיך פאַרקלאָגן אויף זיין שווער לעבן פון אַ „פאַמאַצניק" ביי די פלייצע־טרעגער, וואו ער האָרעוועט שווער און קריגט זייער ווייניק געצאָלט אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס די פלייצע־טרעגער אַליין נעמען זיך. איין מאָל האָט ער געעפנט פאַר מיר זיין ביטער האַרץ: „ביי די גנבים איז דאָך שוין בעסער געווען, דאָרט האָט מען כאָטש יושרדיק איינ־געטיילט די „פּאַרדינסטן", צי עמיצער האָט געטאָן אַ קליינע אָדער אַ גרויסע אַרבעט — האָט יעדערער געקריגן אַ גלייכן חלק. און טאָמער האָט זיך איינער דערוועגט אָפּצונאַרן אַ צווייטן, האָט מען אים צעבראָכן די ביינער: פאַר אַזאַ זאַך האָט מען געמעגט דערהרגענען, און דאָ, — וואָס האָב איך פון מיין פראַצע?"

ביי מיר איז אויפגעקומען אַ מורא, אַז ער קען נאָך צוריקגיין צו דער גנבים־וועלט וואו ער האָט געזען מער „יושר" ווי ביי די פלייצע־טרעגער. האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אויף זיך אַ ריזיקע. איך האָב געהאַט באַקאַנטע אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער עקספּאָרט־און אימפּאָרט־פירמע, האָב איך פאַר אים דאָרט געבעטן אַ פּאָסטן און כ'האָב גאַראַנטירט פאַר זיין ערלעכקייט. איך האָב אים נאָך דעם אַרויסגערופן צו זיך און אים געוואָרנט: „געדענק, מאַניעק, דאָ שטייט אין קאָן דיין צוקונפט: אַז דו וועסט זיך אויפפירן ערלעך, וועסטו אַ סך קענען דערגרייכן". ער האָט מיר געגעבן די האַנט און מיר צוגעזאָגט צו זיין ערלעך, און ער האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. ער איז ביי דער פירמע געוואָרן אַזוי באַליבט, אַז זי האָט אים געשיקט אויף איר חשבון אויף אַ שאָפערן־קורס (דאָס איז אין פוילן געווען אַ זעלטן גוטער פאַך). שפּעטער איז ער אפילו געוואָרן דער פאַרטרעטער פון הויפּט־מאַגאַזינער.

ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אלמנה, וואָס האָט געהאַט אַ קליין קינד, אַ מיידעלע. ער האָט דאָס קינד אויסערגעוויינטלעך ליב געהאַט. ער האָט עס געשיקט אין גימנאַזיע (אין פוילן האָבן זיך זייער ווייניק אַרבעטער געקענט דערלויבן אויף דעם). זיין דאַנקבאַרקייט צו דער פאַרטיי, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, איז געווען אָן גרענעצן. ניט געווען אַזאַ אַרבעט וואָס די פאַרטיי זאָל פון אים פאָדערן, ער זאָל זי ניט גערן טאָן. ער איז גרייט געווען צו געבן דעם קאָפּ פאַרן בונד. איך וועגן אים וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן.

קאַפּיטל 21

שטריק־טרעגער און וועגעלעך־טרעגער

די שטריק־טרעגער און די וועגעלעך־טרעגער זיינען געווען די פּאַריער פון די טראַנספּאָרט־אַרבעטער. אויף זשימנע, פּאַר די האַלעס, אויפן מי־ראַווסקע־פּלאַץ, אויף די נאַלעווקעס און אין אַנדערע ערטער זיינען זיי גע־שטאַנען גרופּעסווייז. זומער און ווינטער האָט מען די שטריק־טרעגער געקענט זען אין דעם זעלבן אָרעמען הילוך: שווערע שטיוול, וואַטאָווע הויזן, אַ וואַטענער שפּענצער, די לענדן אַרומגעוויקלט מיט גראָבע שטריק, ווי מיט אַ גאַרטל, — אַזוי האָבן זיי געוואַרט אויף אַ קעסטל אָדער אַ פּעקל ערגעץ אָפּצוטראָגן. אַז אַ קונה האָט געקויפט אויף זשימנע גאַס אַ קעסטל ציטרינען אָדער פּאָמעראַנצן אָדער אַנדערע פּרוכטן, האָט ער געדונגען אַ שטריק־טרעגער עס אָפּצוטראָגן. דער טרעגער האָט דאָס קעסטל פּאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע, אַרומגעבונדן עס מיט דער שטריק אַרום זיין ברוסט־קאַסטן און אַזוי, אַ האַלב איינגעבויגענער, האָט ער געשלעפּט דאָס קעסטל טייל מאָל אַ גאַנץ ווייטן וועג. אַז אַ פּאַרמעגלעכע באַלעבאָסטע האָט געהאַט אַ גרויס פּעקל אָפּצוטראָגן, האָט זי טייל מאָל אויך געדונגען אַ שטריק־טרעגער.

ענלעך איז געווען די לאַגע פון די וועגעלעך־טרעגער. זיי האָבן אויך געהאַט סטאַציעס אין די האַנדלס־געגנטן און זיי זיינען דאָרט געשטאַנען מיט זייערע קליינע האַנט־וועגעלעך. אַז אַ סוחר האָט געהאַט אָפּצופירן עטלעכע קעסטלעך אָדער פּעקלעך סחורה, וואָס איין שטריק־טרעגער האָט ניט געקענט נעמען אויף דער פּלייצע, אָדער אַז אַן אָרעמאַן האָט געדאַרפט איבערפירן זיינע בעבעכעס פון איין דירה אין אַ צווייטער און האָט ניט געהאַט גענוג אויף אַ גרויסן וואָגן, — האָט מען געדונגען אַ וועגעלע־טרעגער. דער טרעגער האָט פאַרוואָרפן אַ שטאַרקע שטריק איבער אַן אַקסל, — ער האָט זיך פּשוט איינגעשפּאַנט אַזוי ווי אַ פערד — און האָט געשלעפּט דאָס וועגעלע, טייל מאָל אויף זייער ווייטע שטרעקעס. ווינטער־צייט האָט מען אָפּט מאָל געקענט זען, ווי אַזאַ טרעגער שלעפּט מיט די לעצטע כוחות אַ וועגעלע אין טיפע שנייען. צו מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז דער וועגעלע־טרעגער האָט ניט געהאַט גענוג כוחות אַרויפצושלעפּן דאָס וועגעלע באַרג־אַרויף אָדער אַרויס־שלעפּן עס פון אַ טיפן שניי, — מענטשן האָבן דאָס באַמערקט, זיינען זיי צוגעלאָפן און האָבן אַ ביסל אונטערגעשטופּט דאָס וועגעלע ביז אַ לייכטערן אָרט.

ווען דער טראַנספּאָרט־פאַראיין האָט זיך אָנגעשלאָסן אין צענטראַל־ראַט, האָבן צו אים געהערט בלויז די פּלייצע־טרעגער, וואָס זיינען געווען

גוטע פֿאַרדינער. דער צענטראַל־ראַט האָט אָנגעהויבן פֿאָדערן, אַז מען זאָל דעם פֿאַראיין אויסברייטערן און אַרייננעמען אין אים אויך די אַנדערע טראַנספּאָרט־פֿאַכן, קודם־כל — די „פֿאַמאַצניקעס" פֿון די פֿלייצע־טרעגער גופא, ווי אויך די שטריק־טרעגער, די וועגעלעך־טרעגער און די „סטאַוו־ניקעס". („סטאַוניקעס" האָבן געאַרבעט ביי הערינג, זיי זיינען געווען האַלב טרעגער האַלב אָנגעשטעלטע. אַז אַ קרעמער איז געקומען קויפן אַ פֿעסל הערינג, האָט אַ „סטאַווניק" געדאַרפֿט אַרויסקאָלערן אַ פֿעסל הערינג פֿון סקלאַד, עס אויפֿפּעפֿענען און ווייזן דעם קונה; אויב ער האָט ניט גע־קויפֿט דאָס פֿעסל הערינג, האָט עס דער „סטאַווניק" צוריק פֿאַרקלאַפּט און צוריק אַריינגעקאָלערט אין סקלאַד אַריין).

לכתחילה האָבן די פֿלייצע־טרעגער זיך אַנטקעגנגעשטעלט. עס איז אונז אויסגעקומען צו פֿירן מיט זיי אַ שווערן קאַמף ביז זיי זיינען איינגעגאַנגען אויף צו שאַפֿן ביים פֿאַראיין צוויי נייע סעקציעס פֿון שטריק־טרעגער און וועגעלעך־טרעגער.

דיביידע מינים טרעגער האָבן שווער געאַרבעט און שלעכט פֿאַרדינט. קיין „שטאַרקע" זיינען צווישן זיי ניט געווען, קיין מאָנאָפּאָל איבער דער אַרבעט — ווי די פֿלייצע־טרעגער — האָבן זיי ניט געקענט איינפֿירן, זיינען זיי דעריבער געווען שלעכט באַצאָלט. זיי האָבן באמת געאַרבעט מיטן שוויס פֿון זייערע שטערנס און געהאַט דערפֿון קוים אַ שטיקל ברויט. דער קאָנטראַסט צווישן די פֿלייצע־טרעגער און די שטריק־אָדער וועגעלעך־טרעגער — וואָס האָבן אָפֿט מאָל געהאַט זייערע סטאַציעס איינע לעבן די אַנדערע — האָט זיך שטאַרק געוואָרפֿן אין די אויגן. די פֿלייצע־טרעגער זיינען געווען פֿעסט־געבויטע, ברייט־פֿלייציקע, מיט דיקע, רויטע קאַרקעס, מיט פֿריילעכע פּנימער. געערדעט האָבן זיי הויך, האָפֿערדיק, געבלאָזן פֿון זיך. שווער אַרבעטן האָבן זיי ניט ליב געהאַט און אויב יאָ — איז גיכער צו באַווייזן אַ קונץ: אַ פֿלייצע־טרעגער האָט ליב געהאַט צו ווייזן, אַז ער קען אַראָפּטראָגן אַ שווערע אייזערנע קאַסע פֿון עטלעכע שטאָק שטיגן. אַרבעטן כסדר און שווער — דאָס איז ניט געווען פֿאַר זיי. אויף דעם האָבן זיי געהאַלטן די „פֿאַמאַצניקעס" (געהילפֿן).

די שטריק־און וועגעלעך־טרעגער זיינען געווען פּונקט דער היפּוך פֿון די פֿלייצע־טרעגער: זיי זיינען געווען אויסגעדאַרט, אויסגעהאָרעוועט, פֿאַר־כמורעט. זיי זיינען ס'רוב געווען געוועזענע אַרבעטער, וואָס זיינען אין דער מלחמה־צייט צוליב נויט געוואָרן שטריק־אָדער וועגעלעך־טרעגער. די פֿלייצע־טרעגער האָבן געקוקט אויף די וועגעלעך־טרעגער פֿון אויבן אַראָפּ און האָבן זיי גערופֿן „טשאַפּטשאַקעס". ווען עס איז געשאַפֿן געוואָרן די סעקציע פֿון וועגעלעך־טרעגער ביים טראַנספּאָרט־פֿאַראיין, האָט זיך דער אַנטאַגאָניזם אַריבערגעטראָגן אויך אין פֿאַראיין.

מיר האָבן געקעמפֿט, מען זאָל אַריינעמען אין פֿאַראיין אויך די „פֿאַ־מאַצניקעס" פֿון די פֿלייצע־טרעגער. די „פֿאַמאַצניקעס" זיינען אָפֿט מאָל געווען עלטערע מענטשן און זיי האָבן פֿון זייערע קליינע פֿאַרדינסטן גע־

דאַרפט אויסהאַלטן גאַנצע פאַמיליעס. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום שוץ קעגן זייערע באַלעבאַטים — די פלייצע־טרעגער. סוף־כל־סוף האָבן מיר אויך אין דעם פרט אויסגעפירט. מען האָט אויך די „פּאָמאָצניקעס” אַרייַנגענומען אין פאַראיין און געגעבן זיי אַ געוויסן שוץ.

צווישן די וועגעלעך־טרעגער האָט דער פאַראיין געהאַט אַ היפש ביסל וויכטיקער טוער. עטלעכע פון זיי וויל איך דערמאָנען.

איינער פון די אַקטיוויסטע איז געווען משה וועגנער. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַ מעטאַל־אַרבעטער. בעת דער מלחמה האָט מען אים אַוועקגעשיקט אויף צוואַנג־אַרבעט קיין דייטשלאַנד, וואו ער האָט געאַרבעט אין קוילנגרובנס. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די דייטשע רעוואָלוציע אין 1918, איז ער אַרייַנגעטראָטן אין „ספּאַרטאַקוס־בונד” (אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער אומאָפּהענגיקער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און איז שפּעטער געוואָרן דער קערן פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי). ער האָט זיך דאָרט באַקענט מיט ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט און איז דערמיט געווען זייער שטאָלץ: וועגן וואָס ער זאָל ניט האָבן גערעדט — האָט ער זיי געמוזט דערמאָנען. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע און האָט ניט געקענט געפינען קיין אַרבעט ביי זיין פאַך, איז ער געוואָרן אַ שותף צו אַ וועגעלע־טרעגער, און אַזוי איז ער שוין פאַרבליבן ביי דעם דאָזיקן פאַך. ער איז באַלד נאָכן אַהיים קומען אַרייַן אין בונד און איז געוואָרן זייער אַקטיוו אין טראַנספּאָרט־פאַראיין. צו די פלייצע־טרעגער האָט ער זיך זייער קריטיש באַצויגן: „ח' בערנאַרד, פלעגט ער מיר וואָרענען, פון די 'פערד' (דאָס האָט ער געמיינט די וועגעלעך־טרעגער) וועט איר נאָך אַ סך נחת האָבן, פון יענע — גאָר ניט”.

אַ צווייטער איז געווען לייבל אָבערבערג. ער איז אַמאָל געווען אַ שניידער אין אַ קליין שטעטל און בעת דער מלחמה איז ער געוואָרן אַ וועגעלע־טרעגער. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער אַרבעטער, האָט געקענט אויף אַ פאַרזאַמלונג פאָרמולירן אַ געדאַנק. יעדן טאָג האָט ער פאַר די וועגעלעך־טרעגער און די פלייצע־טרעגער פון זיין סטאַציע (אין סימאָנס פאַסאַזש, ביי די נאַלעווקעס) פאָרגעלייענט די פאָלקסצייטונג. ער פלעגט אָפט קומען צו אונדזערע פאָרלעזונגען, און שטענדיק אין דער געזעלשאַפט פון זיין פרוי און זון. אין אַ צייט אַרום איז ער אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון טראַנספּאָרט־פאַראיין. ביי די וואַלן צו דער יידישער קהילה אין וואַרשע, אין 1936, האָט דער בונד אַרויסגעשטעלט אויף זיין קאַנדידאַטן־ליסטע אַ היפשע צאָל אַרבעטער און אַרבעטער־טוער; טייל פון זיי זיינען אויסגעוויילט געוואָרן, צווישן זיי אויך — לייבל אָבערבערג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער וואַרשעווער „גמינע”, אַז אַן אַרבעטער, און נאָך דערצו אַ טרעגער, איז געוואָרן אַ ראַטמאַן, אַ דאָזאָר פון דער קהילה. אין די בירגערלעכע קרייזן האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער רעש: אַזאַ אומדערהערטע זאַך האָבן זיי ניט געקענט פאַרטראָגן. אָבער דער בונד איז געווען שטאָלץ אויך מיט דעם דאָזיקן אויפטו. וועגן זיך פלעגט לייבל אָבער־

בערג זאָגן: „אַז מען וואוינט אויף שטשענשליווע גאַס צווישן גנבים און קאָמבינאַטאָרן און מען ווערט אַליין ניט קיין גנב — איז מען אַן אמתער גיבור".

נאָך אַ טוער פון דעם טראַנספּאָרט־פאַראיין, יחיאל מאַראָקאָ, איז אויך געווען אַן אַמאָליקער אַרבעטער. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַ קאָמען־מאַכער. אין דער מלחמה־צייט איז ער געוואָרן אַ שטריק־טרעגער און איז פאַרבליבן ביי טרעגעריי אויך נאָך דער מלחמה. ער איז געשטאַנען אויף דער סטאַציע אויף זשימנע גאַס, וואו עס האָבן זיך געפונען די הורטאָווניקעס פון די קאָלאָניאַל־פּראָדוקטן און פון בשמים. צווישן די סוחרים דאָרט זיינען געווען אויך אַרויפגעאַרבעטע טרעגער, וועלכע האָבן יחיאל מאַראָקאָן גוט געקענט. מאַראָקאָ איז געווען אַ קראַנקער מענטש, ער האָט געליטן פון טובערקולאָז — האָבן די סוחרים פון דער זשימנע־גאַס, זיינע געוועזענע פאַך־קאָלעגן, געזען, אַז ער זאָל ניט דאַרפן צו שווער אַרבעטן. לאַנגע יאָרן האָט די פאַרטיי געזאָרגט דערפאַר, ער זאָל קענען כאָטש איין מאָל אין יאָר אַרויספאָרן אין אַ סאַנאַטאָריע. דער פאַרטיי איז ער געווען אויסערגעוויינטלעך איבערגעגעבן. ער האָט זיינע קינדער געשיקט אין דער צישאָ־שול אויף קראָכמאַלנע 36 (ער האָט געוואוינט אויף קראָכ־מאַלנע גאַס), זיי האָבן שפּעטער געהערט צום סקיף און צו דער צוקונפט. ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז מאַראָקאָ אַוועק מיטן שטראָם פּליטים קיין ראַטן־רוסלאַנד — דאָרט איז ער געשטאָרבן. איין זון זיינער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע און איז אַ טעטיקער מיטגליד פון בונד אין ניו־יאָרק.

קאַפּיטל 22

דער דערנערונג־פֿאַראיין

עס איז מיר אויסגעקומען צו יענער צייט נעגטער מיטצואַרבעטן אויך מיטן דערנערונג־פֿאַראיין אויף לעשנאָ 19.

דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט פֿאַראיין ווי די צוויי פֿריער באַשריבענע, אָבער אויך אייגנאַרטיק. קודם כל — האָט אין אים געפֿעלט דער וויכטיקסטער פֿאַך פֿון דער דערנערונג־בראַנזשע — דער בעקער־פֿאַך. די בעקער זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדער פֿאַראיין. די דאָזיקע צעטיילונג האָט געהאַט אַ היסטאָרישן גרונד: דער בעקער־פֿאַראיין איז אַנטשטאַנען נאָך מיט היפּשע יאָר פֿריער, נאָך אין די ערשטע יאָרן פֿון דער בונדישער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד, און דער בעקער־פֿאַראיין האָט געהאַט הינטער זיך אַ שיינע רעוואָלוציאָנערע פֿאַרגאַנגענהייט.

אַ צווייטע סיבה פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון די צוויי באַזונדערע דערנערונג־פֿאַראיינען איז געווען דער אַנטאַגאַניזם צווישן די ברויט־בעקער און צוקערוואַרג־בעקער, וואָס האָבן געהערט צו דעם ניי־אַנטשטאַנענעם (אין 1916) דערנערונג־פֿאַראיין. דער קאָנפֿליקט צווישן די צוויי פֿאַכן איז געקומען צום אויסדרוק ביים באַקן חלות און — ערב־פּסח — ביים באַקן מצות און מאַקאַראָנען (פּסחדיקע קיכלעך געמאַכט מיט מאַנדלען). די צוקערניקעס וואָס האָבן געבאַקן קיכלעך, טאָרטן און „טשאַסטקעס" (אַ מין קליינע טאָרטלעך) האָבן געהאַלטן, אַז היות חלות גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פֿון איידעלע געבעקסן, געהערט דאָס באַקן חלות צו זיי. די בעקער, דאַקעגן, האָבן געהאַלטן אַז דאָס באַקן חלות דאַרף געהערן צו זיי. אָט דער קאָנפֿליקט — צו וועמען ס'דאַרף געהערן די חזקה פֿון באַקן חלות — איז ספּעציעל געוואָרן פֿאַרשטאַרקט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה, ווען די אַרבעטסלאָזיקייט אין דער דערנערונג־בראַנזשע איז געווען גרויס, און מען האָט זיך שטאַרק געאַמפּערט איבער יעדן שטיקל אַרבעט. ענלעך איז געווען דער קאָנפֿליקט אַרום באַקן מצות.

אחוץ די צוקערניקעס האָבן צום דאָזיקן דערנערונג־פֿאַראיין געהערט נאָך אַנדערע פֿאַכן: שאָקאָלאַד־און צוקערלעך־אַרבעטער, טיי־פּאַקער, אייער־פּאַקער און בראָנפֿן־פּאַקער. *)

---

*) די סעקציע בראָנפֿן־פּאַקער האָט עקזיסטירט בלויז אַ פּאָר יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס זיינען נאָך ניט צוריק געעפֿנט געוואָרן די ספּירט־פֿאַבריקן אין פּוילן. אַלע שאַרפֿע געטראַנקען זיינען דעמאָלט אימפּאָרטירט געוואָרן קיין וואַרשע — פֿון פּויזנער קאַנט און פֿון גאַליציע — אין גרויסע פֿעסער, אין וואַרשע זיינען זיי פֿונאַנדערגעגאָסן געוואָרן אין פֿלעשער און געפּאַקט אין קעסטלעך.

פון די אַלע סעקציעס איז די גרעסטע געווען די סעקציע פון צוקערלעך־און שאָקאָלאַד־אַרבעטער. אין דעם פאַך האָבן געאַרבעט דער עיקר מיידלעך, מערסטנס באַלעבאַטישע קינדער, און ס׳איז זיי שווער געווען אויסצוקומען מיט דער רויער שפּראַך פון אַ טייל בעקער. אויך די „צוקערניקעס״ (צוקער־וואַרג־בעקער) האָבן זיך געהאַלטן פאַר „אַריסטאָקראַטן״ לגבי די ברויט־בעקער, און ווען צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער שוין אַנגעוויזענער עקאָ־נאָמישער קאָנפליקט צווישן די ברויט־בעקער און די צוקערוואַרג־בעקער, איז דאָס אַלץ געענוג געווען, עס זאָל עקזיסטירן אַ קעגנזייטיקער אומצוטרוי צווישן די צוויי צדדים אין דער דערנערונג־בראַנזשע, און עס האָט דעריבער ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַ פאַראייניקונג פון דער גאַנצער געבעקס־בראַנזשע אין איין פאַראיין.

צום דערנערונג־פאַראיין האָבן געהערט אַ 400־500 מיטגלידער, צום מערסטן — פרויען. ס׳איז געווען אַן אָרעמער פאַראיין. די אַרבעטסלאָזיקייט איז געווען גרויס, ווייל באַלד נאָך דער מלחמה האָט נאָך שטאַרק אויסגע־פעלט צוקער און שאָקאָלאַד און דער גרויסער דלות פון די מלחמה־יאָרן האָט זיך געפילט היפּשע עטלעכע יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער פאַראיינס־לאָקאַל, אויף לעשנאָ 19, איז געווען דער אָרעמסטער פון אונזערע וואַרשעווער פאַראיינס־לאָקאַלן. מיטגליד־אָפּצאָל האָט מען שוואַך געצאָלט. פון ציט צו צייט האָט מען געדאַרפט אַדורכפירן ספּעציעלע באַשטייערונגען צווישן די מיטגלידער, כדי צו באַצאָלן דירה־געלט און אָפּצוראַטעווען דעם פאַראיין פון אַן עקסמיסיע. מען האָט אפילו טייל מאָל געדאַרפט באָרגן עפּעס געלט כדי צו באַצאָלן פאַר עלעקטריע. אין אַ צייט אַרום האָט זיך אין דעם זעלבן לאָקאַל אַריינגעצויגן דער לעדער־גאַלאַנטעריי־פאַראיין, וועלכער האָט איבערגענומען דעם גרעסטן טייל פון דער דירה, און דער דערנערונג־פאַר־איין איז פאַרבליבן ביי איין קליין צימערל, בלויז פאַרן סעקרעטאַריאַט. מער האָט ער אייגנטלעך ניט געדאַרפט, ווייל די מיטגלידער פונם דערנערונג־פאַראיין פלעגן ניט קומען אין די אָוונטן פאַרברענגען אין פאַראיין־לאָקאַל, ווי ס׳איז געווען דער מנהג אין אַנדערע פאַראיינען, וואָס זייערע לאָקאַלן זיינען גלייכצייטיק געווען אַרבעטער־קלובן. די מיטגלידערינס פון דעם פאַראיין, אַלץ איינס פרויען מיט פאַמיליעס צי מיידלעך, זיינען אין די אָוונטן געווען באַשעפטיקט ביי היים־אַרבעט און זיי האָבן ניט געהאַט קיין פרייע צייט צו קומען אין פאַראיין פאַרברענגען.

דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, גריפּנבערג (זיין ערשטן נאָמען געדענק איך ניט), איז פאַר דער מלחמה געווען אַ בוכהאַלטער. בעת דער מלחמה האָט ער ניט געהאַט קיין אַרבעט ביי זיין פאַך, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן ביי עפּעס אַ דערנערונג־פאַך. אַזוי ווי דער נייער פאַראיין האָט זיך ניט געקענט דערלויבן צו האַלטן אַ געצאָלטן סעקרעטאַר, און גריפּנבערג איז געווען אַ „גראַמאָטנער״ מענטש, פלעגט ער דערליידיקן די סעקרעטאַרישע ענינים: שפּעטער אַ ביסל האָט מען אים שוין אָנגעהויבן צו צאָלן, און אַזוי איז ער געוואָרן דער פאַרמעלער סעקרעטאַר. ער איז געווען אַ שטילער, רואיקער,

פיינער מענטש, אָבער אַ פלעגמאַטישער. דערצו איז ער נאָך געווען אַ מעלאַמאַן, און איז מיטן קאָפּ מער געווען פאַרטאָן אין אַפּערעס ווי אין פאַראיינס־ענינים. ער האָט אַרויסגעוויזן ווייניק איניציאַטיוו און דאָס האָט געלייגט אַ חותם אויפן צושטאַנד פון פאַראיין.

צווישן די אַקטיווע טוער פון דערנערונג־פאַראיין איז געווען אַ היפּשע צאָל אינטערעסאַנטע און ווערטפולע מענטשן.

די מערקווירדיקסטע צווישן זיי איז געווען די פאַמיליע מענדעלסונד: צום פאַראיין האָבן געהערט דער טאַטע בנימין, אַ טאָכטער — גאָלדע — און אַ זון. בנימינס אַ ברודער האָט אויך געהערט צום פאַראיין. בנימין מענדעל־סונד איז געווען אַ מיטליאַריקער ייד מיט אַ באָרד, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אַ חסידיש היטל, מיט אַ באַלעבאַטישן אויסזען. ער איז געווען זייער אַקטיוו אין אַלע ווינקעלעך פון פאַראיין־לעבן. אַלע פראָפעסיאָנעלע טוער זיינען געווייִנטלעך געווען יונגע און וועלטלעכע מענטשן. אַז אַ פרומער ייד זאָל זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער טוער — דאָס איז געווען ביי אונז אַ גרויסע זעלטנקייט.

בנימין מענדעלסונד האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער פאַמיליע פון גערער חסידים. דער טאַטע זיינער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן למדן. ביי אים האָבן זיך געלערנט אָפּגעקליבענע חסידיש־גבירישע יונגעלייט (צווישן זיי אויך אביגדור מענדעלסאָן, אַ ברודער פון שלמה און מאיר מענדעלסאָן). אָבער מיט דער צייט איז בנימין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער גזעלשאַפט־לעכער באַוועגונג. איין מאָל האָט ער געהערט רעדן מעדעמען, — און ער איז געוואָרן פאַרכאַפּט. ער האָט אָנגעהויבן צו סימפּאַטיזירן מיטן בונד און אין אַ צייט אַרום איז ער געוואָרן אַ פאַרטיי־מיטגליד. פון דער פרומקייט האָט ער היפּש נאָכגעלאָזט, ער האָט שוין אפילו גערויכערט אַ פּאַפּיראָס אום שבת, אָבער די באָרד מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע האָט ער נאָך אַ לאַנגע צייט געטראָגן, ביז טיף אין די דרייסיקער יאָרן. ביסלעכווייז האָט ער זיך אַרויס־געצויגן פון דער אַקטיווער פאַריין־אַרבעט און איז געוואָרן אַן אַקטיווער שול־טוער — סיי אין דער שול אויף קאַרמעליצקע 29, וואו זיינע צוויי קינדער האָבן זיך געלערנט, סיי אין דער וואַרשעווער צענטראַלער שול־פאַרוואַלטונג. ער איז געוואָרן אַ פריינד און אַ פאַרערער פון שלמה מענדעלסאָנען. ער איז געווען אַן ענערגישער מענטש, אַן אידעאַליסטישער און אַ ניכטערער, אַ פּראַקטישער און אַ געשולטער טוער.

בנימינס טאָכטער גאָלדע איז אויך געווען אַקטיוו אין פאַראיין. זי איז געווען אַ מיטגליד פון דער פאַך־קאָמיסיע פון דער סעקציע צוקערלעך־שאָקאָלאַד, צוזאַמען מיט איר טאַטן. ניט איין מאָל האָט זיך געטראָפן אַז טאַטע און טאָכטער האָבן צווישן זיך שאַרף דיסקוטירט פאַרשיידענע פאַך־ענינים. גאָלדע אי זגעווען אַ באַשיידן מיידל, איידל אין באַנעמען זיך מיט מענטשן און זייער אַ גוטע פון דער נאַטור. לויט איר איניציאַטיוו האָט די סעקציע שאָקאָלאַדניקעס באַשלאָסן צו טיילן זיך מיט דער אַרבעט מיט אַרבעטסלאָזע — ד. ה. ווען עס איז דאָ ווייניק אַרבעט, זאָלן די פול־

באַשעפֿטיקטע ניט אַרבעטן קיין גאַנצע וואָך, נאָר אָוועקגעבן אַ טייל אַרבעט פֿאַר די אַרבעטסלאָזע. כאָטש זי איז געווען אַ גוטער פֿאַכמאַן, האָט זי ניט געקענט קריגן קיין קוואַליפֿיצירטע אַרבעט (די מייסטער זיינען געווען מענער, און פּרוּוון האָבן אויסגעפֿירט נאָר הילף־פֿונקציעס, ווען אפֿילו זיי האָבן זיך אויסגעלערנט די מער־קוואַליפֿיצירטע אַרבעט). זי איז געווען שטאַרק איבערגעגעבן דעם פֿאַראיין. מיט איר שטילקייט און צוריקגעהאַלטנקייט איז זי געווען אַ קאָנטראַסט צו דער ענערגישקייט און דינאַמישקייט מיט וועלכער די מענדעלסונדס האָבן זיך אויסגעצייכנט.

צו דער פּאָפּולאַריטעט פֿון דער פֿאַמיליע מענדעלסונד האָבן אַ סך צוגעגעבן די ייִנגערע קינדער. העניאַך איז געווען איינער פֿון די פּעאיקסטע שילער אין דער צישאָ־שול אויף קאַרמעליצקע 29. ווען עס איז געשאַפֿן געוואָרן דער סקיף איז ער געווען צווישן די ערשטע מיטגלידער זיינע און איז באַלד דאָרט געוואָרן אַן אַקטיווער טוער. (איצט — אין ניו־יאָרק, אַ מיטגליד פֿון בונד, אַ באַאַמטער אין דער „אינטערנעישאָנעל"). אויך די ייִנגסטע טאָכטער, רחלע, האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער ייִדישער שול, אין סקיף און אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

בנימינס ברודער — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט שוואַרצע אויגן און אַ שוואַרצער באָרד, אַ שווייגנדיקער און פֿאַרשלאָסענער אין זיך, איז ניט געווען אַקטיוו אין פֿאַראיין. ער איז געווען שטרענג פֿרום, געגאַנגען ייִדיש געקליידט, מיטן טלית־קטן אַריבערגעוואָרפֿן איבער די הויזן. איך דערמאָן זיך אַ כאַראַקטעריסטישן אינצידענט מיט אים. איין מאָל איז פֿאָרגעקומען אין פֿאַראיין אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די אַרבעטער פֿון מינקאָווס צוקערוואַרג־פֿאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט. די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען פֿאַר נאַכט, נאָך דער אַרבעט. איך בין דאָרט אויך געווען. פּלוצלונג הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיש און בנימינס ברודער טוט אַ געשריי, מען זאָל איבעררייסן די פֿאַרזאַמלונג, ווייל מען דאַרף זיך שטעלן דאַוונען מנחה. מען האָט אים דער־קלערט, אַז מען קאָן ניט איבעררייסן אַ פֿאַרזאַמלונג צוליב אַיין מענטש, האָט ער געענטפֿערט, אַז ס'איז דאָ אויף דער פֿאַרזאַמלונג מער ווי אַ מנין מאַנסבילן, דאַרף מען איבעררייסן די פֿאַרזאַמלונג און אַלע דאַרפֿן זיך שטעלן דאַוונען מנחה. אַזוי ווי מען האָט אים נישט נאָכגעגעבן, איז ער אַ ברוגזער אַוועק אין אַ ווינקל, האָט אָפּגעדאַוונט מנחה און איז באַלד נאָך דעם אַוועק פֿון דער פֿאַר־זאַמלונג.

דער פֿאָרזיצער פֿון פֿאַראיין איז געווען יצחק גרינבערג. ער איז געווען אַ בונדיסט נאָך פֿון פֿאַר דער מלחמה, אַ געשולטער און פֿאַראַנטוואָרטלעכער טוער. זייער אַ גוטער פֿאַכמאַן, איז ער שפּעטער געוואָרן אינסטרוקטאָר פֿאַר צוקערוואַרג־אויסאַרבעטונגען אין דער פֿאַכשול פֿון „אָרט".

אַ צווייטער מיטגליד אין דער פֿאַרוואַלטונג איז געווען פֿישל צוקערלעך־מאַכער. פֿאַר דער מלחמה איז ער געווען אַקטיוו אין בונד ; בעתן פּראָטעסט־שטרייק, וואָס דער בונד האָט פּראָקלאַמירט קעגן ביילים־פּראָצעס, איז ער געגאַנגען אָפּשטעלן די ציטונגען און ער איז דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן.

אין די צאַרישע צייטן איז פישל געווען דער פירער פון אומלעגאַלן בונדישן דערנערונג־פאַראיין. ער איז דעמאָלט אויך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער וואַרשעווער ליטעראַרישער געזעלשאַפט; אויך אין „הזמיר“ איז ער געווען אַן אָפטער איינגייער און אַן אַקטיווער מיטגליד.

אברהם פלאַמענבוים איז געווען פאָרזיצער פון דער סעקציע צוקערניי־קעס און אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין. ער איז אויך פאַר דער מלחמה געווען אַן אַקטיווער בונדישער טוער. איצט איז ער געווען אַקטיוו ניט נאָר אין פאַראיין נאָר אויך דער פאַרוואַלטונג פון אונזערע צישאָ־שולן. זיינע צוויי טעכטער זיינען געווען אַקטיוו אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע צוקונפט.

די צוויי ברידער סטודניע, וואָס זיינען געווען אַקטיוו אין דעם פאַראיין, האָבן געשטאַמט פון אַ באַקאַנטער בעקער־משפחה. דריי ברידער זייערע זיינען געווען באַלעבאַטים און האָבן פאַרמאָגט אַ גרויסע בעקעריי און עטלעכע שיינע געוועלבער פון צוקער־געבעקס אין דער יידישער געגנט. די צוויי יינגערע ברידער האָבן געאַרבעט ביי זייערע עלטערע ברידער און זיינען געווען איבערגעגעבענע מיטגלידער פון פאַראיין. זיי פלעגן אָפט אָנפירן מיט שטרייק־אַקציעס — אויך ביי זייערע אייגענע ברידער.

די בונדיסטקע פייגע (איר פאַמיליע־נאָמען געדענק איך ניט) איז געווען אַ מיטגליד פון דער פאַך־קאָמיסיע צוקערלעך־שאָקאָלאַד און אַ דעלעגאַטקע פון וואַרשאַווסקיס פאַבריק. זי איז געווען אַן עלטער מיידל, איבערגעגעבן דעם פאַראיין מיט לייב און לעבן. איין מאָל ווען עס האָט געהאַלטן דערביי אַז מען זאָל דעם פאַראיין אַרויסוואַרפן פון דער דירה פאַר ניט צאָלן קיין דירה־געלט אין משך פון אַ האַלב יאָר, האָט פייגע געבראַכט אין פאַראיין איר אָנגעקליבענעם נדן און אים אויסגעבאָרגט דעם פאַראיין. דאָס זעלבע פלעגט געשען, ווען דער פאַראיין האָט ניט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר עלעקטרע. פייגע האָט געהאַט טענות צום פאַראיין, פאַר וואָס מען שאַפט ניט קיין הילפס־קאַסע פאַר קראַנקע מיטגלידער. און ווען זי האָט דאָס ניט געקענט פועלן ביי דער פאַרוואַלטונג, איז זי אַליין געוואָרן אַ מין „הילפס־קאַסע“. ווען אַ מיטגליד איז קראַנק געוואָרן, איז זי געקומען צו אים און אים געהאָלפן מיט וואָס זי האָט געקענט.

די אינטעליגענטקע פון דעם פאַראיין איז געווען די ח׳טע ביגלמייער. זי איז געווען אַ מיטגליד פון דער שאָקאָלאַד־פאַך־קאָמיסיע. זי האָט שיין געזונגען און גערעדט אַ גוטן פויליש. אויף געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען מיט די פוילישע דערנערונג־אַרבעטער פלעגט זי שטענדיק אַרויסטרעטן אין פויליש אין נאָמען פון יידישן דערנערונג־פאַראיין.

אין דער וואַרשעווער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג האָט דער דערנערונג־פאַראיין ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע. אָבער צווישן זיינע מיטגלידער און טוער זיינען געווען פיל שטילע, איידעלע און זייער סימפּאַטישע מענטשן. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו האָבן מיט זיי צו טאָן.

קאַפּיטל 23

דער בעקער־פאַראיין

דער בעקער־פאַראיין האָט הינטער זיך געהאַט אַן אַלטע בונדישע טראַדיציע. נאָך אין 1903־1902 האָט דער בונד שוין געהאַט אָרגאַניזירט די בעקער אין אַן אומלעגאַלן פאַראיין. זינט דעמאָלט איז דער בונד געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די בעקער און עס זיינען צווישן זיי אויסגעוואַקסן עטלעכע גוטע בונדישע טוער. נאָך אין די צאַרישע צייטן האָט מען איינגע־פירט אין דעם פאַך אַ מנהג צו טיילן זיך מיט די אַרבעטסלאָזע מיט די „פּייראַנטער" *) און דאָס איז פאַרבליבן שוין אויף שטענדיק.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז דער פאַך שוין באַשטאַנען פון אַן עלטערן עלעמענט. געווען בלויז אַ קליינע צאָל יינגערע אַרבעטער וואָס מען האָט גערופן „פּאַמאָצניקעס" (אַרויסהעלפער) אָדער „פּערטע האַנט". אַ „פּאָמאָצ־ניק" האָט געמוזט אַרבעטן לאַנגע יאָרן, אַ 6־8 יאָר, ביז מען האָט אים צוגע־לאָזט צום „קאַסטן", ד. ה. צו מאַכן די ראָשטשינע. דאָס איז אפשר געווען איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע ווייניק יונגע מענטשן זיינען צוגעקומען צום פאַך. אַ צווייטע סיבה איז זיכער געלעגן אין דעם, וואָס דער פאַך האָט געהאַט אַ שלעכטן שם ביי יידן און מען האָט נאָך אַלץ גענוצט דאָס ווערטל מיט וועלכן מען האָט געסטראַשעט קינדער: „אויב דו וועסט ניט זיין קיין לייט, וועט מען דיך אָוועקגעבן צו אַ בעקער". אויב עס זיינען יאָ צוגעקומען אַ ביסל יונגע מענטשן צום פאַך זיינען דאָס געווען כמעט אויס־שליסלעך פּראָווינצער. ווען אַ יונגערמאַן איז געקומען פון אַ פּראָווינץ־שטעטל קיין וואַרשע זוכן אַרבעט און ער האָט זי אַזוי לייכט ניט געפונען און קיין דאַך איבערן קאָפּ האָט ער ניט געהאַט, איז ער בלית ברירה גע־גאַנגען אויף דער לער צו אַ בעקער, וואו ער האָט כאָטש געהאַט אַ שטיקל ברויט און אַמאָל אויך וואו אָוועקצולייגן דעם קאָפּ.

אָבער די הויפּט־סיבה פון דעם קליינעם צושטראָם פון יונגע מענטשן צו דעם בעקער־פאַך זיינען געווען די שווערע און ניט־היגיענישע אַרבעט־באַדינגונגען. די בעקערייען אין דער יידישער געגנט אין וואַרשע האָבן זיך

---

*) „פּייראַנט" האָט מען אין פּוילן גערופן דאָס אַרבעטן איבער־שעהן נאָך דער נאָרמאַלער אַרבעט־צייט. ביי אַ טייל פאַכן איז געווען איינגעפירט, אַז די באַשעפטיקטע אַרבעטער האָבן אָפּגעטראָטן זייערע איבער־שעהן פאַר די אַרבעטסלאָזע אין זייער פאַך. ספּעציעל איז דאָס געווען אַן אַלטער מנהג ביי די בעקער.

געפֿונען אין קליינע, ענגע, פֿינצטערע און אָפֿט מאָל נאַסע קעלערן. דאָס זיינען געווען קליינע בעקערייען, וואו עס האָבן געאַרבעט מערסטנס צו צוויי־דריי מענטשן. האָט דער בעקער־אַרבעטער געהאַט אין מיטן דער אַרבעט אַ האַלבע שעה אַ פֿרייַע, האָט ער זיך צוגעלייגט אויף די שטיגן פֿון קעלער אָדער אויף אַ זעקל מעל, אָדער אויפֿן דעק פֿון „קאַסטן", אָדער גאָר אויפֿן פּיעקעליק. אין דער פֿרי האָט מען די בעקער געקענט זען אַהיים גיין מיט פּעקלעך ברויט אָדער זעמל הינטערן אָרעם (ס'איז געווען אַ מנהג אַהיים צו קריגן געבעקס), מידע, פֿאַרשלאָפֿענע, פֿאַרמרה־שחורהטע. אַ מאַטע בלאַסקייט האָט שטענדיק פֿאַרדעקט זייערע פּנימער, זעלטן האָט מען גע־קענט זען אַ בעקער אַ פֿריילעכן אָדער אַ שמייכלענדיקן. די בעקער האָבן ליב געהאַט צו זינגען מאָריס ראָזענפֿעלדס באַרימט ליד „מיין יינגעלע", אָבער מיט אַ וואַריאַציע: אַנשטאָט דער טאָג טרייבט מיך פֿרי אַרויס, האָבן זיי געזונגען די נאַכט טרייבט מיך פֿרי אַרויס.

די בעקער זיינען ס'רוב געווען פּראָווינצער. איר האָט צווישן זיי געקענט טרעפֿן פֿאַרשיידענע מענטשן: פֿרומע יידן מיט בערד און לאַנגע קאַפּאָטעס, און אויפֿגעקלערטע אַרבעטער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. ס'זיינען אָבער געווען בעקער, וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט דער אונטערוועלט, אפֿילו אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט „כלות" אין גאַס — מערסטנס אָפּגענאַרטע דינסטמיידלעך. די בעקער זיינען שטענדיק געווען אויסגעקאָכט מיט דינסטמיידלעך און מיט „רייפֿערקעס" (מעקלערינס פֿון דינסטמיידלעך). זייער קאָנטשאַפֿט מיט דינסטמיידלעך שטאַמט פֿון די — טשאָלנטער. אין די רייכע היימען, וואו מען האָט געהאַלטן דינסטמיידלעך, פֿלעגט מען זיי שיקן פֿרייטיק פֿאַר נאַכט אַוועקטראָגן דעם טשאָלנט צום בעקער און שבת נאָכן דאַווענען עס אָפּנעמען, — האָבן זיך דערביי געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿטן צווישן די „שיבער" מיט די דינסטמיידלעך. טייל מאָל זיינען דערפֿון אַרויסגעקומען שידוכים און לייטישע פֿאַמיליעס, און טייל מאָל — טראַגעדיעס און אומגליקן.

ווען איך בין צוריק געקומען קיין וואַרשע, האָט דער בעקער־פֿאַראיין זיך געפֿונען אויף פּאַוויע 8. כ'האָב דאָרט געטראָפֿן אַלטע חברים וואָס כ'האָב נאָך געקענט פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער אומלעגאַלער אַרבעט אין בונד. דאָרט איז געווען עליע (אליהו) שטריגלער, אָדער „עליק פּילאָזאָף" ווי מען האָט אים גערופֿן. פֿאַר דער מלחמה פֿלעגט ער שיקן קאָרעספּאָנדענצן אין דער פּעטערבורגער בונדישער צייט. ער איז געווען אַ שטילער, צוריקגע־האַלטענער מענטש און אַ ביטערער אביון. צוליב אביונות און פֿאַמיליע־צרות איז ער געוואָרן אָפּגעלאָזן, אַפּאַטיש און פֿאַרמאַכט אין זיך. ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאַראיין און האָט שטיל געטאָן זיין אַרבעט. עליע שטריגלער איז געשטאָרבן אין יאָר 1929; זיין איינציקער זון איז דעמאָלט אַוועק קיין פּאַריז.

מלך ציגעלמאַן איז געווען אַן אַלטער בונדיסט און אונזער פֿירנדיקער טוער צווישן בעקער־אַרבעטער. ער איז געווען הויך, ברייט־פּלייציק מיט

אַ קאַנטיק, בולט און אויסדרוקפול פּנים. זיין אויסזען האָט דערמאָנט אין דעם „אידעאַלן טיפּ אַרבעטער" וואָס מען פלעגט צו יענער צייט מאָלן אויף סאָציאַליסטישע פּלאַקאַטן. ער איז געווען אַ רואיקער און אַ צוריקגעהאַל־טענער מענטש. גערעדט האָט ער שטיל, געלאַסן, קיין גראָב וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט פאַרן מויל, און האָט פיינט געהאַט ווען בעקער האָבן גענוצט גראָבע רייד. אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז ער געווען באַזאָכט, איבערגערעכנט, אָבער פעסט אין כאַראַקטער, אויסגעהאַלטן, געטריי און איבערגעגעבן. ער איז שפּעטער געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד, און ווען דער בונד האָט צוריק געוואונען די השפּעה איבערן בעקער־פאַראיין, איז ער געוואָרן פאָרזיצער פון פאַראיין. מלך ציגעלמאַן האָט געהאַט אַ גרויסע משפּחה מיט 9 קינדער. די יינגערע זיינען געגאַנגען אין די יידיש־וועלטלעכע שולן; די עלטערע האָבן געהעריט צום סקיף און צום יוגנט־בונד צוקונפט. (איינער פון זיינע זין איז איצט אין אַמעריקע און ער איז אַ מיטגליד פון בונד).

יאַנקל פרימערמאַן איז געווען אַן אַלטער טוער, אויסגעשולט אין בונד. כאָטש ער איז געווען אַ קראַנקער, אַן אַסטמע־ליידנדיקער, איז ער אָבער געווען זייער אַקטיוו אין דער פאַראיין־פאַרוואַלטונג. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער שול־קאָמיטעט און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט פאַר די יידישע שולן.

ישראל באָס איז אויך געווען אַן אַלטער בונדיסט. ווען דער בעקער־פאַראיין איז געווען אונטער דער השפּעה פון בונד איז ישראל באָס געווען דער שטענדיקער פאָנען־טרעגער פון פאַראיין. זיין איינציקער זון, אַלטער באָס, געהערט צו די אומשטערבלעכע העלדן פון וואַרשעווער געטאָ: אין געטאָ איז ער געווען איינער פון די פאַרשפּרייטער פון דער אומלעגאַלער פּרעסע פון בונד און פון יוגנט־בונד צוקונפט. בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע פלעגן אין דער היים פון דער משפּחה באָס פאָרקומען אומלעגאַלע בונדישע פאַרזאַמלונגען, און אַלטער באָס פלעגט שטיין אויף דער גאַס און היטן. אַלטער איז ביי דער אונטערערדישער אַרבעט אַרעסטירט געוואָרן און אין דער געשטאַפּאָ־תּפיסה האָט מען אים שרעקלעך געפּייניקט. ער זאָל אויסזאָגן ווער עס האָט מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. ער האָט אויסגעהאַלטן די ערגסטע פּייניקונגען — און ניט אַרויס־געגעבן זיינע חברים. אָבער קיין לעבעדיקער איז ער שוין ניט צוריקגעקומען.

חיים איצקאָוויטש האָט זיך אין פאַראיין פאַרנומען דער עיקר מיט פּאַרטיי־אישער, בונדישער אַרבעט. די בעקער האָבן אים גערופן „די בתולה", ווייל ער האָט ניט געלאָזט רעדן קיין ניבול־פּה און ער האָט זיך בכלל אָפּגעגעבן מיט „העכערע זאַכן", מיט ביכער, מיט קולטור.

דער פאַראיין האָט אויך געהאַט אומפּאַרטייאישע. אַזעלכע זיינען געווען צוויי מינים: באמת אומפּאַרטייאישע וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט צו פיל אַנגאַזשירן אין דער פּאַרטייאישער אַרבעט פון בונד, אָבער זיינען געווען לאָיאַלע מיטגלידער פון פאַראיין; און אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אויס־

מיידן די פאַראיינס־דיסציפּלין; צווישן די לעצטע זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט ניט־כשרע געשעפטן און כדי זיך אַרויסצודרייען פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָבן זיי זיך פאַרענטפערט מיט „אָפּאָזיציע" און „אומפּאַרטייאישקייט". עס האָט געקאָסט אַ סך אַרבעט ביז מען האָט דעם צווייטן מין „אומפּאַרטייאישע" באַזייטיקט פון דער פירונג פון בעקער־פאַראיין.

דער אָנגעזעענסטער צווישן די באמת אומפּאַרטייאישע איז געווען יאַנקל דער שוואַרצער. מיט זיין גלאַסנקייט און געזעצטקייט האָט ער זיך ספּעציעל אויסגעטויגט צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים; ער איז געווען דער „דיפּלאָמאַט" פון דער פאַרוואַלטונג און ער האָט די דאָזיקע אויפגאַבע אויסגעפירט ביז ער איז אַוועק קיין אַמעריקע.

אַ טיפּישער עקזעמפּלאַר פון דעם צווייטן מין „אומפּאַרטייאישע" איז געווען ירמיהו, אויך אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג. ביים פאַך האָט ער ווייניק וואָס געאַרבעט, אָבער געלט האָט ער געהאַט אַ סך פון „זייטיקע געשעפטן". ער איז געווען פאַרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג צו דער „פּיי־ראַנט"־קאָמיסיע וואָס האָט געזאָלט באַזאָרגן אַרבעטסלאָזע בעקער מיט אַ נאַכט אַרבעט, לויטן אַלטן מנהג פון פאַראיין. האָט אָבער ירמיה געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט אַ טייל באַלעבאַטים און אַרבעטער: ער האָט אין זייערע בעקערייען ניט געשיקט קיין אַרבעטסלאָזע אויף „פּייראַנטער", און די שטענדיקע אַרבעטער האָבן זיך געטיילט מיט ירמיהן מיטן פאַרדינסט פון די דאָזיקע „פּייראַנטער". פּסח־צייט, אין מצה־סעזאָן, האָט ער גאָר אַ סך פאַרדינט פון אַזעלכע אָפּמאַכן מיט די „שיבער". ווען מען האָט אין פאַראיין געפּרואווט אויפהויבן די פראַגע וועגן ירמיהס טונקעלע געשעפטן, האָט ער געמאַכט גוואַלדן, אַז דער בונד רודפט אַן „אומפּאַרטייאישן".

צווישן אַזעלכע „אומפּאַרטייאישע" זיינען אויך געווען מענטשן פון דער אונטערוועלט, „שטאַרקע".

צו די טוער אין פאַראיין האָט אויך געהערט שמאי בעקער. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ בונדיסט און ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין געשלעגן מיט שטרייק־ברעכער. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך פאַרבונדן מיט די „שטאַרקע" און ער האָט ביי זיי פאַרנומען אַן „אָנגעזעענעם" אָרט. ער איז איינער פון די ערשטע אַוועק פון בונד צו די קאָמוניסטן און האָט אָנגעהויבן אָנטאָן אַ סך צרות די בונדיסטן אין בעקער־פאַראיין. שפּעטער איז ער אַוועק קיין רוסלאַנד.

די נאָרמאַלע, יאָר־יערלעכע טעטיקייט פון בעקער־פאַראיין האָט זיך איינגעטיילט אין צוויי פּעריאָדן: כמעט אַ גאַנץ יאָר איז אין פאַראיין געווען שטיל, אַרבעט איז געווען ווייניק און אַ סך מיטגלידער האָבן ניט געצאָלט דעם מיטגליד־אָפּצאָל. אָבער אין דער „מצה־וואָך" (פּאַקטיש האָט זי גע־דויערט פיר וואָכן) האָט דער פאַראיין אויפגעלעבט. די בעקער האָבן דעמאָלט גוט פאַרדינט, האָבן אויסגעקליידט וויב און קינדער און צוגעגרייט אַ שיינעם יום־טוב. זיי האָבן נאָך אפילו פאַראיבעריקט אַ ביסל געלט אויף דער

שטילער צייט. די מיטגלידער האָבן אָפּגעצאָלט די חובות פאַר מיטגליד־אָפּצאָל (מען פלעגט דאָס אַראָפּנעמען באַלד ביים אויסצאָלן דעם לוין), און אויך דער פאַראיין האָט געקענט פאַראיבעריקן אַ ביסל געלט אויף דער צווישן־סעזאָן־צייט.

ווען דער קאָמבונד האָט זיך אָפּגעשפּליטערט פון בונד, האָבן די קאָ־מוניסטן, צוזאַמען מיט די קאָמבונדיסטן און מיט די „שטאַרקע", פאַרכאַפּט דעם בעקער־פאַראיין. (אויך דער פוילישער בעקער־פאַראיין האָט זיך דעמאָלט שוין געפונען אונטער קאָמוניסטישער אָנפירונג). דער יידישער בעקער־פאַראיין איז אַרויסגעטראָטן פון צענטראַל־ראַט פון די יידישע פראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען. די בונדיסטן־בעקער זיינען אָבער פון פאַראיין ניט אַוועק. זיי זיינען דאָרט פאַרבליבן ווי אַן אָפּאָזיציע. ערשט אין די דרייסיקער יאָרן האָט דער בונד צוריק געוואונען דעם בעקער־פאַראיין.

קאַפּיטל 24

בייגל־בעקער און בייגל־הענדלער

ביים בעקער־פאַראיין האָט אויך עקזיסטירט אַ סעקציע בייגל־בעקער. די סעקציע איז ניט געווען אַריינגעצויגן אין די אַלגעמיינע קאַמפּן פון פאַראיין. זי איז געשטאַנען ווי אין אַ זייט און איז געווען כמעט אין גאַנצן אויטאָנאָם. כאָטש צרות האָט דער פאַראיין געהאַט פון איר אַ סך צוליב די כסדרדיקע קאָנפליקטן מיט די משטיינס געאָגט באַלעבאַטים פון די בייגל־בעקערייען, וואָס זיינען געווען אפשר ניט קיין קלענערע אביונים ווי זייערע אַרבעטער. אויב די מערסטע וואַרשעווער יידישע בעקערייען זיינען געווען אָרעם, אומהיגיעניש, ענג און פינצטער, זיינען זיי נאָך אַלץ געווען פּאַלאַצן אַנטקעגן די בייגל־בעקערייען אין די קליינע קעלער־שטיבלעך, וואו מען האָט זיך קוים געקענט אויסדרייען. געוויינטלעך האָבן אין אַזאַ בייגל־בעקעריי געאַרבעט דער „באַלעבאָס" אַליין, זיין פרוי און טייל מאָל אויך די קינדער. אָבער אין אַ טייל בעקערייען האָט מען אויך באַשעפטיקט אַ געדונגענעם אַרבעטער אָדער העכסטנס צוויי. כסדרדיקע קאָנפליקטן זיינען אָנגעגאַנגען סיי מיט די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געאַרבעט אַליין און פון וועלכע מען האָט געפאָדערט, אַז זיי זאָלן צונעמען כאָטש איין אַרבעטער, סיי מיט די וועלכע האָבן יאָ באַשעפטיקט אַן אַרבעטער און פון וועלכע מען האָט פאַרלאַנגט אויסצובעסערן זייערע אומדערטרעגלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען.

דער וויכטיקסטער טוער, וואָס האָט אָרגאַניזירט די סעקציע און האָט מיט איר אָנגעפירט, איז געווען הערשל „פילאָזאָף", אַ סימפּאַטישער, באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, אַ בונדיסט. ער איז נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן אַוועק קיין אַמעריקע. דאָ, אין אַמעריקע, האָט אַ מאַשין אים אָפּגעריסן אַ האַנט ביי דער אַרבעט. ער וואוינט איצט אין ניו־יאָרק.

בייגל זיינען געווען אַ באַליבט געבעקס ביי יידן. דער גאַסן־האַנדל מיט בייגל אין וואַרשע האָט געבליט, ספּעציעל — אין די אָוונטן. אין דער יידישער געגנט האָט מען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין געקענט זען די בייגל־פאַרקויפער מיט גרויסע קוישן בייגל וואָס האָבן מיט אַ זינגענדיקן קול אויסגערופן: „פרישע, הייסע, קאָכעדיקע בייגל, צוויי פאַר אַ דרייער (אָדער פינף פאַר אַ זעקסער)". אפילו אַרום 1 ביי נאַכט האָט מען נאָך געקענט זען קינדער פון אַרום 8־10 יאָר, אָדער עלטערע פרויען, מיט קוישן בייגל, אָנגעלענט אין אַ מויער, רופנדיק די קונים צו קויפן די „הייסע, קאָכעדיקע בייגל". אַזוי איז מען געשטאַנען אויך אין קעלט, אין רעגן, אויפן פראָסט און אין אַ זאַווערוכע. און געשטאַנען איז מען מיטן קויש בייגל ביז אַזוי שפּעט דער עיקר דערפאַר, ווייל ס'איז געווען אַ מנהג ביים טעאַטער־און

אַהיים גייענדיק צו קויפן הייסע בייגל און זיי גלייך אויף דער גאַס אויפעסן. די בייגל־פאַרקויפער האָבן געוואַרט אויף דער גאַס ביז דער פאַרוויילונגס־עולם איז אַהיים געגאַנגען.

געווען נאָך איין גרויסע גרופּע בייגל־קויפער, די גאָר אָרעמסטע און די אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן ניט געהאַט דעם טאָג איבערצולעבן און האָבן פאַרשטאָפּט דעם מאָגן מיט עטלעכע הייסע בייגל פּאַר אַ דרייער אָדער פּאַר אַ פינפער, וואָס מען האָט ערגעץ אויסגעקראַצט. וויפל פּראָווינצער יונגעלייט, וואָס זיינען געקומען קיין וואַרשע זוכן אַרבעט, אָדער זיינען געוואָרן אַרבעטס־לאָז און האָבן אין וואַרשע קיין היים און קיין נאָענטע ניט געהאַט, — וויפל אַזעלכע אַרבעטסלאָזע האָבן איבערגעלעבט דעם טאָג מיט עטלעכע טרוקענע בייגל, אַמאָל אויך מיט אַ הייסער גלאָז טיי וואָס מען האָט געקויפט אין פּאַר־איינס־בופעט? — מיט בייגל האָט מען בעסער געקענט אַדורכשטופּן דעם טאָג ווי מיט טרוקן ברויט, ווייל זיי זיינען געווען געשמאַקער און דערצו זיינען זיי געווען וואַרעם און פריש.

איין ביטערן שונא האָבן געהאַט די אָרעמע בייגל־הענדלער: — דאָס איז געווען די פּאָליציי. די בייגל־פאַרקויפער האָבן דאָך קיין קאָנצעסיעס אויף גאַסן־האַנדל ניט געקענט אויסקויפן (פון וואַנען וואָלטן זיי געהאַט געלט?), האָבן די פּוילישע פּאָליציאַנטן מיט דער גרעסטער רשעות געיאָגט און געפּלאָגט די בייגל־הענדלער. ווען אַ פּאָליציאַנט האָט געכאַפּט אַזאַ איינעם, האָט ער אים געשלעפּט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, דאָרט האָט מען אים צוגענומען דעם קויש בייגל, טייל מאָל אַריינגעזעצט אויף אַ גאַנצער נאַכט און ניט זעלטן אויך גוט אָנגעבראָכן די ביינער. די קלעפּ — ווי די קלעפּ — דער עיקר איז געווען דער היזק פון קויש בייגל, דאָס איז דאָך טייל מאָל געווען דער גאַנצער „קאַפּיטאַל" פונם בייגל־הענדלער. פלעגן די בייגל־הענדלער איינשטעלן אַן אייגענע „זיכערקייט־סיסטעם": די מאַמע איז געשטאַנען מיטן קויש בייגל, לעבן איר איז געשטאַנען אַ ייִנגערער זון (זיי האָבן זיך געטוישט מיטן פאַרקויפן די בייגל) און דער טאַטע איז געשטאַנען אַ ביסל ווייטער און האָט געהיט פון אַלע זייטן צי עס גייט ניט קיין פּאָלי־ציאַנט. האָט אַ פּאָליציאַנט זיך באַוויזן, האָט דער זון אַ ריס געטאָן דעם קויש בייגל פון דער מאַמעס הענט אַרויס און האָט גענומען „ציען" (אַנטלויפן). אויך זייטיקע מענטשן האָבן דערביי געהאָלפן: האָט עמיצער דערזען פון דער ווייטנס אַ פּאָליציאַנט, האָט ער געגעבן אַ רוף: „זעקס, זעקס!" אָדער „צ י", און דער עולם בייגל־הענדלער און אַנדערע גאַסן־הענדלער זיינען זיך פונ־אַנדערגעלאָפן און זיך באַהאַלטן וואו עס האָט זיך געלאָזט. *) גייענדיק אויף

*) „זעקס" איז געווען די אָנגענומענע וואָרנונג „אַ פּאָליציאַנט גייט". געשטאַמט האָט עס מסתמא דערפון וואָס די וואַרשעווער פּאָליציי איז געווען דער זעקסטער דיסטריקט פון דער מלוכהשער פּאָליציי (די פּאָליציי איז אין פּוילן געווען אַ מלוכהשע, און ניט קיין שטאָטישע) און יעדער וואַרשעווער פּאָליציאַנט האָט געטראָגן דעם נומער 6 אויפן קאָלנער.

דער גאַס האָט מען טייל מאָל געזען אַזאַ סצענע: אַ מחנה בייגל־הענדלער און אַנדערע גאַסן־הענדלער לויפן אין מיטן גאַס מיט די לעצטע כוחות, אַנטלויפנדיק פאַר אַ פּאָליציאַנט. פּלוצלונג קומט אונטער פון דער צווייטער זייט אַן אַנדער פּאָליציאַנט. געכומען צווישן צוויי פייערן, האָבן זיי שוין ניט געהאַט וואו צו אַנטרינען. אין אַ מינוט — האָבן די צוויי פּאָליציאַנטן געפירט די בייגל־הענדלער צום קאָמיסאַריאַט און דער עולם אויף די טראָ־טואַרן האָט זיך טרויעריק צוגעקוקט צו דער פּראָצעסיע. למען האמת מוז מען זאָגן, אַז ווען עס האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַ לייטישער פּאָליציאַנט, און אַ בייגל־הענדלער איז אים אונטערגעקומען און ער האָט אים געמוזט אַרעסטירן, ווייל אַזוי „פאַרלאַנגט" דאָס „געזעץ", האָט דער פּאָליציאַנט מיט אַ געבייזער פאַרטריבן די „לוויה" וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען, און ווען אַרום זיינען שוין ניט געווען קיין צוקוקער, האָט ער אַ זאָג געגעבן צום יינגל — „אוטשיעקייי" (אַנטלויף!) און דאָס יינגל האָט „געמאַכט פיס". אָבער ניט געקוקט אויף די אַלע צרות האָט דער בייגל־האַנדל „געבליט". אַ שיין ביסל יידישע אָרעמ־קייט האָט פון אים געצויגן חיונה אָדער אַ ביסל צופאַרדינט צו אַן אַנדער ביטערער פּרנסה.

קאַפּיטל 25

אַ טאָג אין שעכט־הויז

נאָר לאָמיר צוריקגיין צום פליישער־פאַראיין.

דער פליישער־פאַראיין האָט מיך פאַראינטערעסירט מיט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיין מיטגלידערשאַפט, מיט די כלערליי טיפּן וואָס מען האָט דאָרט אָנגעטראָפן. די עטלעכע נאָענטע פריינד, די פּאָר אַלטע בונדיסטן און אַנדערע, וועמען איך האָב געקענט שוין פון לאַנגע יאָרן, האָבן מיך אַ ביסל נענטער פאַרבונדן מיט דעם פאַראיין. איין מאָל האָב איך זיך מיט זיי אָפּגערעדט, אַז זיי וועלן מיך נעמען אין שעכט־הויז אַריין אויף אַ גאַנצן אַרבעטסטאָג, פון פריען פרימאָרגן ביז מיטאָג־צייט, ווען די אַרבעט שטעלט זיך אָפּ.

אין דעם אָפּגערעדטן טאָג בין איך זייער פרי אַוועק צום שעכט־הויז. די גאַס וואָס פירט צום שעכט־הויז אויף פּראַגע איז אַ ברייטע. צווישן די געוועלבער פון ביידע זייטן גאַס וואַרפט זיך אין די אויגן איין מין אונטערנעמונגען: רעסטאָראַנען, קאַוויאַרניעס („קנייפּעס") — גויאישע און יידישע, כשרע און ניט כשרע. אַרום 5 פאַר טאָג ווערט שוין די גאַס באַלעבט. זי ווערט פול אָנגעפּאַקט מיט וועגענער וואָס וואַרטן פונאַנדערצופירן דאָס פלייש איבער דער שטאָט, און מיט פלייש־סוחרים, קצבים, פורמאַנעס, שעכט־הויז־אַרבעטער. אַלע ציען זיך צו אַ גרויסער לאַנגער געביידע פון רויטע ציגל, וואָס שטייט ביים סוף נאַמיעסטניקאָווסקע — דאָס פּראַגער שעכט־הויז.

ווען מען קומט אַריין אין דער געביידע פון שעכט־הויז, טרעפט מען זיך קודם־כל צונויף מיט אַ ריזיקער האַלע, אָנגעפילט מיט גרויסע שטייגן פון אייזערנע שטאַכעטן. אינעווייניק, אין די שטייגן, זיינען אויסגעהאַנגען פערטלען אָקסן־און קעלבער־פלייש. יעדע אַזאַ קלאַטקע געהערט צו אַן אַנדער פלייש־סוחר; דאָ קומען די קצבים קויפן פלייש פאַר זייערע יאַטקעס. אין וואַרשע זיינען געווען אַ פּאָר הונדערט אַזעלכע כשרע און טריפענע יאַטקעס. איבער דער דאָזיקער האַלע לויפן אַרום מענטשן אין ווייסע כאַלאַטן — די וועטערינאַרן, וואָס באַטראַכטן די בהמות פאַר דער שחיטה און קאָנטראָלירן און שטעמפּלען דאָס פלייש נאָך דער שחיטה. די גוואַלדן אין דער דאָזיקער האַלע גייען ביזן זיבעטן הימל. קודם־כל האַנדלען די קצבים מיט די סוחרים אויפן הויכן קול, און אַז מען האָט שוין איינגעקויפט דאָס פלייש, הויבט זיך פון דאָס ניי אָן אַ שרייעניש:

— יאָסל, נעם צו מיין פלייש! — יאַנקל, טראָג אַראָפּ! — כאַצקל, נעם מיין פערטל פריער!

און כדי צו מאַכן עס נאָך שטאַרקער, גיט מען נאָך צו אין טאָטן אַריין אָדער סתם עפּעס אַ קללה, אַזוי זיך, גיכער פון געוויינטקייט וועגן.

אויסגעמישט מיט די געשרייען פון די מענטשן הערט זיך פון דער ווייטן דאָס ברומען און מעקען פון די אָקסן, חזירים, קי און קעלבער, וואָס זיינען פאַרמאַכט אין די דערבייאיקע גרויסע שטאַלן. פון דער נאָענט, פון דער שכנותדיקער האַלע, הערט זיך נאָך אַ שטאַרק רעווען פון די אָקסן וואָס לאָזן זיך ניט פירן צו דער שחיטה. דער אָקס וויל ניט גיין, — שטופט מען אים און מען שלעפּט אים פון אַלע זייטן. די אונטערטרייבער גופא מאַכן דער־ביי ווילדע קולות. אָבער דאָס אַלץ ווערט פאַרהילכט פון דעם רעווען פון די אָקסן בעת דער שחיטה — אַן אימהדיק ברומען פון אַן ערך 50 אָקסן וואָס מען שעכט מיט אַ מאָל אין פאַרשיידענע ווינקלען. אַלע מינים קולות גיסן זיך דאָ צונויף אין אַ מוראדיקן, גהינומדיקן ליאַרעם, אַז עס וואַרפט אָן אַ פּחד אויף איינעם וואָס טרעט צום ערשטן מאָל אַריבער די שוועל פון דעם שעכט־הויז.

נאָך אַ גרעסערער פּחד נעמט אָן, ווען מען קומט אַריין אין דער שחיטה־האַלע גופא. דאָס רעווען פון די אָקסן, וואָס מען בינדט צו דער שחיטה און וואָס מען האַלט אין שעכטן, ווערט דאָ נאָך מוראדיקער. ריטשקעלעך בלוט רינען פון די קאַנאַלן וואָס גייען פון די שחיטה־ווינקלען און פליסן אַריין אין אַ צענטראַלן קאַנאַל (דאָס בלוט ווערט דערנאָך אויסגעשעפּט און פאַר־קויפט צו פאַרשיידענע צוועקן). די שעכט־הויז־אַרבעטער, אין טיפּע גומענע אָדער לעדערנע שטיוול און אין ברייטע לעדערנע פאַרטעכער, שטייען אין וואַסער, מיט גרויסע מעסערס און שאַרף־אייזנס אין די הענט. זיי זיינען אין גאַנצן פאַרשפּריצט מיט בלוט. פון זייערע פּנימער רינט דער שווייס. מיט לאַנגע בלאַנקע מעסערס שינדן זיי די אָקסן, וואָס זיינען אַרויפגעצויגן אויף דרענגער, און מיט גרויסע העק צעשפּאַלטן זיי די אָקסן פריער אויף האַלב און דערנאָך אויף פערטלען.

דאָס בילד פון אַ נאַר וואָס געשאָכטענעם אָקס וואַרפט אָן אַ שרעק. ער וואַרפט זיך, דריגעט מיט די פיס. עס דאַכט זיך, אַז אָט טוט ער דיר אַ שפּרונג אין פּנים אַריין. די גאַנצע אַרבעט אַרום אים ווערט געטאָן אין אַ מוראדיקן ליאַרעם און הו־האַ, וואָרעם איין אַרבעטער צום אַנדערן קען ניט סתם רעדן, ער מוז שרייען אויפן העכסטן קול און איבערשרייען דעם ווילדן טומל, כדי דער צווייטער זאָל אים קענען הערן.

נאָך עטלעכע שעה פון אַזאַ אויסמאַטערנדיקער אַרבעט איז דער מענטש פולשטענדיק אויסגעשעפּט. זיינע נערוון זיינען אַזוי אָנגעשטרענגט און אָנגעצויגן, אַז „ער מוז" אַרויסלויפן כאַפּן אַ „טרונק", כדי צוריקצוגעווינען דעם קוראַזש און אונטערצוואָרעמען די געבליטן. דאָס טרינקען באַטראַכט דער פליישער־אַרבעטער ווי אַ נויטווענדיקן מיטל אונטערצוהאַלטן זיינע כוחות און זיין אַרבעטס־פעאיקייט; דורך דעם באַפרייט ער זיך אַ ביסל פון דער אַטמאָספער פון בלוט און שרעקלעכן טומל.

אַרום אַכט אַ זייגער אין דער פרי האָבן מיר מיינע חברים געזאָגט: צייט

צו גיין עסן אָנבייסן. זיי האָבן גענומען עטלעכע גרויסע שטיקער רוי פלייש, האָבן עס אויסגעוואַשן און מיד מיטגענומען „צו רחלען" אין רעסטאָראַן אַריין.

רחלע איז אונז אַנטקעגנגעקומען און אַלעמען באַגריסט ווי אַלטע באַ־קאַנטע. זי איז געווען אַ קורצע, ברייטע יידענע, אַ מיטליאָריקע, אַ בלאָנדע און אַ העלע אויפן פנים. איר רעסטאָראַן איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע צימערן מיט פּראָסטע, גרויסע, לאַנגע טישן. אין קוימען האָט געברענט אַ פייער. אַריינקומענדיק האָט אונזער חברה איר געגעבן די שטיקער פלייש, זי האָט זיי אַרויפגעשטאָכן אויף שפּיזן און אַריינגעשטעלט אין פייער צום בראָטן. זי האָט באַלד פאַר אונז געדעקט אַ טיש, אויסגעשטעלט פאַר יעדן איינעם גרויסע טעלער, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש פלעשער בראָנפן, פרישע בייגל און אַנדערע געבעקס. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום דעם טיש. דערנאָך איז רחלע צוגעקומען און געפרעגט: „ווער וועט צאָלן?" עמיצער האָט זיך אָפּגערופן אַז ער צאָלט, האָט זי דאָס פאַרשריבן אין אַ העפט (נאָך אַ וואָך האָט יעדער איינער געצאָלט זיין חשבון לויט רחלעס „בוכהאַלטעריע"). זי האָט באַלד צוגעבראַכט אונזער געבראָטן פלייש און מען האָט זיך גע־נומען צו דער סעודה (געוויינטלעך פלעגט רחלע ניט צוברענגען צום טיש דאָס גאַנצע פלייש וואָס זי האָט געקריגן צום אָפּבראָטן, אָבער קיינער האָט אויף איר קיין פאַראיבל ניט געהאַט: אַזוי האָט זיך שוין געפירט). ביים עסן האָט איינער דעם צווייטן אונטערגעיאָגט און צוגעגעבן חשק, ספּעציעל צום טרינקען: „מען דאַרף דאָך טרינקען טיי!" (ווייל מען האָט געטרונקען אין טיי־גלעזער); „טרינק אַ ביסל קאָרנוואַסער!" (דאָס איז געווען אַן אָנצו־הערעניש אויפן בראָנפן, וואָס מען טרייבט פון קאָרן).

דאָס איז נאָר געווען דער ערשטער אָנבייסן, ס'האָט געהייסן באַשיידן „כאַפּן אַ ביס". נאָך דער אַרבעט, אַרום 12־1 ביי טאָג, איז מען ערשט גע־גאַנגען אויפן ריכטיקן „אָנבייסן". ווידער חזרט זיך איבער דאָס זעלבע וואָס אין דער פרי, אָבער מ'יאָגט זיך שוין ניט; מ'עסט געמיטלעכער, פּאַמעלע־כער. ווען מ'צעוואַרעמט זיך מער, רוקט מען צונויף די טישן פון עטלעכע גרופּעס, ס'קומען אַריין סוחרים און זעצן זיך אויך צו און עסן צוזאַמען מיט די שעכט־הויז־אַרבעטער: ס'ווערט איין גרויסע עסנדיקע און טרינקענדיקע כאַליאַסטרע.

דעמאָלט קומען אין רעסטאָראַן אַריין די בעטלער. זיי ווייסן שוין ווען צו קומען, — ניט ביים אָנהויב עסן, נאָר ווען דער עולם איז שוין גוט אָנגע־געסן און צעוואַרעמט. דאָס זיינען ניט קיין גראַשנדיקע, נאָר „בכבודיקע" בעטלער: זיי קומען בעטן אויף „נדן פאַר אַן אָרעמער כלה", אויף „רעצעפּטן פאַר אַ קראַנקן", „פאַר יתומים און אלמנות". דער עולם עפנט די בייטלען און מען גיט געלט. יעדערער גיט עפּעס.

ס'קומט מיר אויפן רעיון אַ פאַרגלייך צווישן די פליישער און די בעקער. ביידע האָבן געאַרבעט כמעט אין דער זעלבער צייט: בעקער האָבן געאַר־בעט אַ גאַנצע נאַכט און זיינען אַהיים געקומען אין דער פרי, אויך פליישער־

אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן פרי פאַר טאָג און פאַרענדיקט אַרום מיטאָג־צייט. אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד ס'איז געווען צווישן זיי: דער בעקער איז געווען אַ פאַרחושכטער, אַ שוואַכער, אַ בלאַסער, אַ קרענקלעכער, אַקעגן, דער פליישער־אַרבעטער איז געווען אַ פאַרבלוטיקטער, אַ געזונטער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ רויט געזונט פּנים. געוואוינט אין וואַרשע האָבן זיי געווינטלעך אין די זעלבע געגנטן אויף סמאָטשע, ניסקע, וואָלינסקע, קראָכמאַלנע, מען האָט זיי אָפּט געזען צוזאַמען. אָבער וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט אין אויסזען, אין שטימונג, אין האַלטונג!

מאַטעריעל האָט זיך די פליישער אויך געלעבט בעסער. די בעקער זיינען מערסטנס געווען אָפּהענטיק, אָן אַמביציעס: די פּליישער אָבער האָבן געהאַט אַ דראַנג צו עפּעס בעסערס. זייערע קינדער האָבן זיי דערצויגן אַנדערש, געשיקט זיי אין שולן, טייל האָבן געטרוימט וועגן העכערער בילדונג פאַר זיי. זיי אַליין האָבן זיך טאַקע געכאָוועט אויף דער גאַס און אַרום די שעכט־הייזער, אָבער פאַר זייערע קינדער האָבן זיי געוואָלט אַ שענער לעבן.

ביסלעכוויז האָט זיך מיין קרייז פריינד צווישן די פליישער אויסגעברייטערט און זיי האָבן מיך אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי אַן אייגענעם. געקומען איז עס קודם כל דורך מיינע פאַר אַלטע גוטע פריינד, אַזעלכע ווי יאַנקל פלאַטשאַזש, וואָס איז געווען זייער באַליבט ביי די פליישער, און אַנשל קאָלניטשאַנסקי. דורך אַנשלען בין איך צוגעקומען נענטער צו דער גאַנצער „דינאַסטיע” קאָלניטשאַנסקיס. כ'האָב אויך געוואונען דעם צוטרוי פון די אַנדערע צוויי „דינאַסטיעס”: די „חיהטשקעס” און די „בערטשיקעס”. אַ געוויסע ראָל האָט דאָ זיכער געשפּילט דער פאַקט וואָס איך האָב מיין באַקאַנטשאַפט מיט זיי ניט אויסגענוצט פאַר מאַטעריעלע געווינסן. איך האָב גיך געוואונען דעם צוטרוי פון גאַנצן פליישער־פאַך. מען האָט מיך אָנגעהויבן פאַרבעטן אויף היימישע שמחות, זיך האַלטן מיט מיר אַן עצה וועגן פאַמיליע־ענינים, מען האָט מיר דערציילט וועגן היימישע צרות און אויסגערעדט זיך פאַר מיר דאָס האַרץ, ווי פאַר אַ נאָענטן מענטשן. זיי האָבן מיר אפילו פאַרגעלייגט אַ שטענדיקע פענסיע פון פאַראיין. אַז איך האָב זיך פון דעם אָפּגעזאָגט, האָבן זיי מיך געפּרוּאווט איבעררעדן. ווען זיי האָבן געזען אַז עס העלפט ניט קיין צורעדן, האָבן זיי געפּרוּאווט פאָרלייגן הלוואות, מתנות. ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז אין קיין שום פאָרם וויל איך ניט האָבן קיין נוצן פון מיין אַמט, האָט דאָס אויף זיי געמאַכט אַן איינדרוק.

קאַפּיטל 26

יידישע און פּוילישע פלייִשער-אַרבעטער

די פּוילישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט אין שעכט־הויז (אין ביידע אָפּטיילונגען: וואו מען האָט געשאָכטן אויף כשר און וואו מען האָט געשאָכטן בלויז חזירים), האָבן געהאַט זייער אייגענעם פאַראיין, וואָס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון אַלגעמיינעם (פּוילישן) פאַראיין פון דער־נערונג־אַרבעטער. אין צאָל איז אפשר די פּוילישע אָפּטיילונג געווען גרעסער ווי די יידישע, אָבער די יידישע איז געווען בעסער אָרגאַניזירט. סעקרעטאַר פון דער פּוילישער אָפּטיילונג איז געווען גענייעק (עוגעניוש) גאַיעווסקי, אַ מיטגליד פון פּ.פּ.ס. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער אַרבעטער־טוער, ער האָט אפילו געהאַט אָנגעשריבן אַן עקאָנאָמיסטיש בוך וועגן פּוילישן פלייש־מאַרק און וועגן דעם אָרט וואָס פּוילן פאַרנעמט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פלייש־האַנדל. נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן סעקרעטאַר פון פאַראיין, איז ער ווייטער פאַרבליבן ביי דער אַרבעט אין שעכט־הויז און האָט קיין געצאָלטן אַמט אין פאַראיין ניט געוואָלט אָננעמען; ער איז געווען אַ ניט־געצאָלטער סעקרעטאַר. מען פלעגט אים אָבער באַפרייען פון דער אַרבעט, ווען נאָר ער האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט ענינים פון פאַראיין, און אויב ניט, פלעגט דער פאַראיין אים אומקערן דעם היזק פאַר דער פאַרלוירענער אַרבעט־צייט. אויך ביי די פּוילישע אַרבעטער זיינען געווען אַ היפּש ביסל טשיקאַווע מענטשן. וועגן עטלעכע פון זיי איז כדאי צו דערציילן.

וולאַדעק מאַטראַשעק איז געווען אַן עלטערער אַרבעטער. ער איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטער, אַ מגושמדיקער, געגאַנגען איז ער אַזוי שווער ווי אַן אָקס. אויף זיין פּנים און אויפן גאַנצן לייב האָט מען קוים געקענט געפינען אַ גלאַטיק שטיקל הויט, אַזוי צעהאַקט און צעשניטן איז ער געווען פון די געשלעגן, אַוואַנטורעס און מעסער־שטעכערייען, אין וועלכע ער פלעגט זיך אומאויפהערלעך באַטייליקן. צוליב די אָפטע געשלעגן און אַוואַנטורעס איז ער יאָרן אָפּגעזעסן אין תפיסה. ער איז אויך געווען אַ גרויסער פרעסער און אַ זויפער. זיינער אַ זון האָט אויך געאַרבעט אין שעכט־הויז, אָבער ער איז שוין יונגערהייט געגאַנגען אין גימנאַזיע און האָט דאַכט זיך געענדיקט זעקס קלאַסן. אויסערלעך איז ער געווען דער היפוך פון טאַטן: אַ דאַרער, ניט קיין הויכער, אַ שוואַכלעכער, האָט צוגעהוסט אַ ביסל. ער האָט ניט געטרונקען קיין בראָנפן נאָר פראַנצויזישן קאָניאַק און ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר זיינע חברים, אַז מחמת זיין שוואַכן געזונט קען ער

ניט טרינקען קיין גראָבע געטראַנקען, נאָר „אײדעלע". ער איז געווען אַ מיטגליד פון פּ.פּ.ס.

נאַוואַק (זיין ערשטן נאָמען געדענק איך ניט) איז אויך געווען אַן עלטערער אַרבעטער, אָבער אַ גאַנץ אַנדער טיפּ ווי וולאַדעק. ער איז געווען אַ הויכער, אַ פעסט־געבויטער, מיט אַ גול אויפן קאַרק. גערעדט האָט ער יידיש ניט ערגער ווי די יידישע אַרבעטער. ניט איין מאָל האָט ער אויס־געבעסערט אַ יידישן אַרבעטער זיין יידיש לשון. ניט געווען אַזאַ יידישע קללה וואָס ער זאָל ניט קענען. אפילו דאָס ווערטל „דער ערל גייט" האָט ער אויך פאַרשטאַנען. ספּעציעל האָט ער ליב געהאַט צו רעדן יידיש ביי אַ כוסה. איין מאָל האָט ער צו מיר געזאָגט, ווייזנדיק מיטן פינגער אויף די יידישע אַרבעטער: „איך קען זיין אַ בעסערער ייד ווי זיי".

זיינע צוויי זין, פּעליעק און סטאַשעק, האָבן אויך געאַרבעט אין שעכט־הויז. זיי האָבן ביידע געהערט צו דער פּ.פּ.ס. און זיינען ביידע געווען גוטע סאָציאַליסטן. ווען מיר האָבן אין די דרייסיקער יאָרן געפירט די גאַסן־קאַמפן מיט די פּוילישע אַנטיסעמיטן און פאַשיסטן, האָבן די נאַוואַקס זיך אָפט מאָל באַטייליקט אין די דאָזיקע קאַמפן אויף אונזער זייט.

די באַציאונגען צווישן די פּוילישע און יידישע אַרבעטער אין שעכט־הויז זיינען בדרך־כלל געווען ניט קיין שלעכטע. אָבער ווי אומעטום, ווען עס האַנדלט זיך וועגן עקאָנאָמישע אינטערעסן, האָט איינער געטראַכט אַז דער צווייטער באַעוולט אים און אויף דעם באָדן זיינען טייל מאָל אויפגעקומען קאָנפליקטן. איינער אַזאַ קאָנפליקט האָט זיך געצויגן אַ לענגערע צייט:

אין שעכט־הויז האָט מען ס׳רוב געשאָכטן פאַר פּריוואַטע סוחרים. אחוץ דעם האָט מען אויך געשאָכטן פאַר דער שטאָט און פאַר דער מלוכה (פאַר די שטאָטישע שפּיטעלער, צי פאַרן מיליטער). האָבן די פּוילישע אַרבעטער געהאַלטן, אַז פון דער שחיטה פאַר מלכות קומט זיי אַ גרעסערער חלק. אַרום דעם ענין זיינען פאָרגעקומען אָפטע סיכסוכים צווישן די יידישע און פּוי־לישע אַרבעטער, און וואָס ווייטער זיינען זיי געוואָרן שאַרפער און שאַרפער.

איין מאָל האָבן די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן פאַר־איין מיר געזאָגט, אַז דער קאָנפליקט ווערט גאָר אָנגעשטרענגט און כ׳זאָל זיין גרייט, ווייל מען קען מיך דאַרפן. עס האָט טאַקע ניט לאַנג געדויערט און כ׳האָב געקריגן אַ טעלעפאָן, אַז כ׳זאָל גלייך צוקומען אין שעכט־הויז אַריין. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט עס שוין באַלד געהאַלטן ביי אַ גרויס געשלעג. די אַרבעט איז געווען אָפּגעשטעלט. די אַרבעטער מיט די בלאַנקע מעסערס און אייזנס אין די הענט זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגן אַנדערן אין גרופּקעלעך און הויך זיך איבערגעווערטלט. די גוואַלדן זיינען גע־וואָרן וואָס אַ מאָל העכער, אַז מען האָט שוין ניט געקענט הערן קיין איינציקע ווערטער נאָר בלויז אַ ווילד געשריי. פון צאַרנדיקייט און אויפרעגונג איז ביי אַ טייל דער שוים גערונען פון די מיילער, — אָט־אָט האָט עמיצער געקענט זיך וואַרפן מיט אַ בלאַנקן מעסער אויף אַ צווייטן און ס׳וואָלט אויסגעבראָכן אַ ווילד געשעכטריי. אַרומקוקנדיק זיך, האָב איך אין אַ זייט דערזען געניעק

גאַיעווסקין. ער איז געשטאַנען רואיק און האָט זיך צוגעקוקט צום טומל. איך בין צוגעלאָפן צו אים און אָנגעהויבן מיט אים איינטענהן, אַז מיר זאָלן עפּעס טאָן, ווייל אַז ניט וועט זיך דאָ באַלד בלוט גיסן. אין אָנהויב איז ער געבליבן קאַלט און כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז כ׳וועל אים ניט רירן. אָבער סוף־כל־סוף האָב איך אים איבערגערעדט. מיר זיינען ביידע אַריין אין מיטן פון מענטשן ראָד. ער האָט געגעבן אַ געשריי ס׳זאָל זיין שטיל, און ס׳איז טאַקע באַלד שטיל געוואָרן. דעמאָלט האָב איך גענומען רעדן צו די אַרבעטער. כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז אין אַזאַ אויפגערעגטן צושטאַנד וועט מען דעם סיכסוך ניט קענען אויסגלייכן, סיידן זיך אויסשעכטן איינע די אַנדערע. איך האָב אַפּעלירט צו ביידע צדדים, זיי זאָלן זיך קודם־כל באַרואיקן; דעם סיכסוך קען מען ניט דערליידיקן דאָ, אויף דעם האָבן מיר דאָך אַ פאַראיין. נאָך מיר האָט גערעדט גאַיעווסקי און ער האָט מיר געגעבן גערעכט. די אַרבעטער האָבן אונז שטיל אויסגעהערט, אָבער זיי זיינען ווייט ניט געווען צופרידן. פאַר כעס האָבן זיי געוואָרפן די מעסערס און די אייזנס צו דער ערד מיט אַזאַ קראַפט, אַז זיי זיינען אָפּגעשפּרונגען פון דעם אַספאַלטענעם באָדן אין דער לופטן, אָבער געפאָלגט האָבן זיי. עס האָט פאָרט געזיגט די דיסציפּלין און די לאָיאַלקייט צום פאַראיין. איינציקווייז האָבן זיי גענומען אויפהויבן זייערע מעסערס און אייזנס און האָבן זיך צוריק געשטעלט צו דער אַרבעט. וויפל מען האָט יענעם טאָג נאָך דער אַרבעט אויסגעטרונקען „לכבוד דעם איבערבעטן זיך", איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן.

דער סיכסוך גופא איז טאַקע שפּעטער דורך די צוויי פאַראיינען אויס־געגלייכט געוואָרן און ביידע צדדים זיינען געבליבן צופרידן.

קאַפּיטל 27

אויף שמחות און פאַרווײַלונגען

מיט דער צייט בין איך געוואָרן זייער נאָענט מיט אַ סך פון די פליישער־אַרבעטער און זיי האָבן מיך אַנגעהויבן צו פאַרבעטן אויף זייערע פאַמיליע־שמחות און פאַרווײַלונגען. איך וויל דאָ באַשרייבן דעם פאַרלויף פון איינער פון די דאָזיקע פאַרווײַלונגען.

איין מאָל, דאָס איז געווען זומער 1924, שבועות־צייט, האָט שמואל ראָזנבערג (שמואל „גבאי"), דער עלטסטער פון די „חיהטשקעס", מיך פאַר־בעטן אויף אַ פאַמיליע־שמחה. וואָס איז געווען די שמחה? — שמואלס אַן אייניקל, אַ קינד פון זײַנער אַ געשטאָרבענער טאָכטער, וואָס האָט זיך ביי אים געהאָדעוועט, איז געווען געפערלעך קראַנק און דאָס קינד איז מיט מזל גע־זונט געוואָרן. לכבוד דעם האָט שמואל געמאַכט אַ גרויסע שמחה, וואָס אַזאַ האָב איך נאָך ניט געזען.

די איז פאָרגעקומען אין אַ זונטיק ביי טאָג אין אָטוואָצק, וואו שמואליק מיט זיין פאַמיליע האָט געוואוינט אויף זומער־וואוינונג. ניט אין דעם עלע־גאַנטן טייל פון אָטוואָצק, נאָר אין דער געגנט פון דער „קאַלייקע" (די קליינע באַן), וואָס איז שוין געווען שיטערער באַוואוינט און די הילצערנע הייזער זיינען געווען פּשוטערע.

אין אַ גרויסן שיטערן וואַלד פון סאָסנע־ביימער זיינען געווען אויס־געשטעלט לאַנגע טישן און בענק. אַרום די טישן — אַ 150 מאַן, משפּחה־מענטשן, פליישער־אַרבעטער, אויך אַ ביסל קריסטן. אויף די טישן — אָנגע־שטעלט פון כל־טוב: פישן, פליישן, געבעקס, הערינג, קוכנס, קאָמפּאָטן א. ד. גל. אין אַ זייט — פעלד־קיכן, און אויף זיי האָבן זיך געקאָכט גרויסע קעסלען מיט זופּן און פלייש. דערלעבן זיינען געשטאַנען גרויסע באַליעס מיט אייז און אויפן אייז זיינען געווען אָנגעשטעלט פלעשער בראָנפן און פעסלעך ביר. אַ ביסל ווייטער זיינען געשטאַנען טישן אָנגעשטעלט מיט זאַפּאַסן שפּייז. פון די קעסלען, פון די באַליעס, פון די טישן מיט זאַפּאַסן האָבן סאַרווערס און משפּחה־מיטגלידער פון די „חיהטשקעס" כסדר דערלאַנגט צו די געסט נאָך און נאָך און דער עולם האָט די זאַפּאַסן כסדר פאַרשלונגען מיט אַ טומל און אַ פריילעך גערעדעריי. די באָבע חיהטשקע אַליין, אַ נידעריקע, אַ דיק־לעכע, אין אַ שייטל, האָט זיך אויך געפאָרעט. זי איז געגאַנגען אַרום די טישן און כסדר געמונטערט דעם עולם: „קינדער עסטץ!" „קינדערלעך, עסט זענט זאַט?" — „מיר עסן, באָבעשי", האָט מען איר פון אַלע זייטן געענטפערט.

צו דער שמחה האָט שמואל אַראָפּגעבראַנגט אויך דעם בלאַז־אָרקעסטער

פון פאַראיך, אַ 30־40 מאַן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשפּילט ייִדישע און פּוילישע אַרבעטער־לידער, ווי „די שבועה”, דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר”, און אַנדערע. פאַרשטייט זיך, אַז די אָרקעסטער־מענטשן האָבן אויך מיטגע־האַלטן מיט דער סעודה. ביי די טישן האָט מען כסדר געזונגען אַרבעטער־לידער, פאָלקס־לידער, מאַרשן.

נאָך אַ שטיקל צייט האָבן די באַלעבאַטים זיך אַרומגעזען אַז עס פעלט שוין אויס עסן. האָט מען גיך געשיקט עמיצן אין שטאָט אַריין און ס'איז אָנגעקומען אַ גאַנצע פור אָנגעלאָדעוועט מיט פאַרשיידענע פליישן, וואורשטן, געבעקס, בראָנפן, ביר — און מען האָט אויף ס'ניי גענומען עסן און טרינקען.

פון דער אַרומיקער געגנט זיינען זיך צונויפגעלאָפן הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דער סעודה. פלוצלונג איז אָנגעקומען דער אָטוואָצקער פאָליציי־קאָמענדאַנט מיט אַ גרופּע פאָליציאַנטן און ער האָט זיך אָנגעהויבן טשעפען, אַז עס קומט דאָ פאַר אַן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג, אַז פאַר אַזאַ גרויסער פאַרזאַמלונג דאַרף מען האָבן אַ דערלויבעניש פון דער פאָליציי. ער האָט געסטראַשעט אַז אָט גייט ער טעלעפאָנירן קיין וואַרשע צו דער מאַכט. מען האָט זיך באַלד אָריענטירט מיט וואָס דאָס שמעקט, האָט מען דעם קאָמענדאַנט מיט די פאָליציאַנטן אַריינגענומען אין דער מיט, מען האָט זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען און אין יד אַריין אויך עפּעס און זיי האָבן אין גאַנצן „פאַרגעסן” וועגן קלינגען קיין וואַרשע...

די סעודה האָט געדויערט פון 12 ביי טאָג ביז עס איז געוואָרן פינצטער. אָבער כאָטש מען האָט אַ סך געגעסן און געטרונקען און אַ היפּש ביסל מענטשן זיינען געווען בגילופין, איז אָבער די גאַנצע צייט קיין שום קריגעריי ניט פאָרגעקומען.

צו דער שמחה איז געקומען די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון פליישער־פאַראיין, אחוץ די קאָלניטשאַנסקיס (די „בערטשיקעס” זיינען יאָ געקומען). עס איז דעמאָלט געווען קורץ נאָך די וואַלן פון אַ נייער פאַרוואַלטונג פון פליישער־פאַראיין, וואו די „חיהטשקעס” האָבן באַזיגט די קאָלניטשאַנסקיס און שמואל „גבאי” איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון פאַראיין. איך האָב געהאַט אַ חשד אַז שמואל האָט איינגעאָרדנט די שמחה טאַקע לכבוד דעם וואָס ער איז געוואָרן פאָרזיצער, און דאָס געזונט ווערן פון זיין אייניקל איז געווען בלויז אַ תירוץ.

די קאָלניטשאַנסקיס האָבן געהאַט אויף מיר פאַראיבל וואָס איך בין געגאַנגען צו דער דאָזיקער שמחה. אָבער זאָגן דאָס אָפן האָבן זיי ניט געקענט, האָבן זיי בלויז געהאַט צו מיר אַ טענה, פאַר וואָס איך האָב דערלאָזט אַז מען זאָל נעמען דעם פאַראיינס־אָרקעסטער צו אַ פריוואַטער שמחה.

קאַפּיטל 28

דער ווידערשטאַנד

ביי דער 1 מאַי-דעמאָנסטראַציע אין 1923

איך האָב שוין פריער דערציילט אַז אין 1920 איז דער בונד פּאַקטיש דעלעגאַליזירט געוואָרן דורך דער פּוילישער מלוכה-מאַכט. בונדישע קלובן, פאַראיין-לאָקאַלן, שולן זיינען פאַרמאַכט געוואָרן; אונזער טעגלעכע צייטונג — ווי די בונדישע פּרעסע בכלל — האָט מען כסדר קאָנפיסקירט אָדער אין גאַנצן פאַרמאַכט; בונדיסטן האָט מען געזעצט אין די תפיסות; די בונדישע 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע האָט מען יאָר־יערלעך צעטריבן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דעם 1טן מאַי 1920 ווען די פּאָליציי און כולי־גאַנעס זיינען באַפאַלן די בונדישע דעמאָנסטראַציע אויפן פּלאַץ פאַרן איזער־נעם טויער, זי צעשלאָגן און צעטריבן.

ניט געקוקט אויף דעם דאָזיקן איבערפאַל, האָבן מיר צום נאָענטסטן 1 מאַי, אין 1921, זיך פאַרשטענדיקט מיט דער פּ.פּ.ס. און מיר זיינע געקומען אויפן טעאַטער־פּלאַץ, וואו אויך די פּ.פּ.ס. האָט אָפּגעהאַלטן איר 1 מאַי־פייערונג. די פּאָליציי, מיט דער הילף פון אַגענטן און סתם כוליגאַנעס, איז אויך דאָס מאָל באַפאַלן די בונדישע דעמאָנסטראַציע און זי צעטריבן.

מיר האָבן זיך ניט געלאָזט טעראָריזירן. אין 1922 זיינען מיר נאָך אַ מאָל געקומען דעמאָנסטרירן דעם 1טן מאַי דווקא אויפן טעאַטער־פּלאַץ, צוזאַמען מיט די פּוילישע אַרבעטער. די פּאָליציי האָט ווידער אַ מאָל איבער־געחזרט די זעלבע שפּיל און ווידער אַ מאָל צעטריבן די בונדישע דעמאָנ־סטראַציע.

האָבן מיר באַשלאָסן, אַז וויַיטער אַזוי קען ניט זיין. מיר האָבן זיך ביז איצט באַנוגנט מיט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד און מיר זיינען געקומען יאָר־יערלעך — ניט געקוקט אויף שטערונגען — דעמאָנסטרירן דווקא אויפן פּראָמינענטן, רעפּרעזענטאַטיוון טעאַטער־פּלאַץ. אָבער נאָך דעם ווי אונזער 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע איז דריי יאָר נאָכאַנאַנד פונאַנדערגעטריבן געוואָרן, האָבן מיר געפילט אַז מיר קענען דאָס מער ניט דולדן, אַז מיר מוזן שטעלן די אָנפאַלער אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן דערצו גרייטן.

אַ פּאָר טעג פאַרן 1 מאַי 1923 האָט די מאַכט פּלוצלונג געשלאָסן די פאָלקסצייטונג אויפן סמך פון אַ געריכט־אורטייל, וואָס איז דעמאָלט אַרויס־געגעבן געוואָרן. דער פּאָליטישער פּראָצעס קעגן דער פאָלקסצייטונג האָט

זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט, אָבער דווקא האַרט פאַרן 1 מאַי האָט זיך דער ריכטער „דערמאָנט” אַרויסצוגעבן דעם אורטייל צו שליסן די צייטונג. דאָס איז זיכער ניט געווען קיין צופאַל. די פוילישע ריכטער זיינען אין דער גרויסער מערהייט געווען אַנטיסעמיטן און רעאַקציאָנערן און זיי האָבן „לויט זייער אייגענעם געוויסן” אַרויסגעגעבן אכזריותדיקע אורטיילן קעגן יידישע סאָציאַליסטן. אָבער אחוץ דעם האָבן זיי פּאַקטיש געדינט דער אַדמיניס־טראַציע. האָט אין דעם פאַל די פוילישע מאַכט מסתמא געגעבן אַ וואונק דעם ריכטער, אַז גראַד איצט וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַן אורטייל צו פאַרמאַכן די בונדישע פאָלקסצייטונג — און דער ריכטער האָט אויסגעפאָלגט. דאָס פאַרמאַכן די בונדישע צייטונג האַרט פאַרן 1טן מאַי איז געווען אויס־גערעכנט צו טעראָריזירן אונז גראַד בעת די צוגרייטונגען צום אַרבעטער־יום־טוב. אָבער אונזער טאָג־צייטונג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. באַלד צו מאָרגנס איז אונזער אָרגאַן אַרויס אונטער אַ ניי קעפּל די נייע צייט און ווייטער זיינען די צוגרייטונגען צום 1טן מאַי געגאַנגען ווי פריער.

מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ גרויסע 1 מאַי־מיליץ, אַחוץ דער שטענדיקער פּאַרטיי־מיליץ אונזערער. יעדע פּאַרטיי־גרופּע האָט געדאַרפט צושיקן אַ גרעסערע צאָל מענטשן צו דער ספּעציעלער מיליץ. מיר האָבן אַנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער מיליץ אויך די באַזונדערע אָרדענער־גרופּעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. צוזאַמען האָבן מיר אויפגעשטעלט צום ערשטן מאַי 1923 אַן 1 מאַי־מיליץ פון אַן ערך טויזנט מאַן. די פאַרגרעסערטע מיליץ איז איינגעטיילט געוואָרן אין סעקציעס און יעדע סעקציע האָט געהאַט איר קאָמענדאַנט.

אין טאָג פון 1טן מאַי 1923 איז דער צענטראַלער זאַמלפּונקט געווען אויפן הויף נאַלעווקי 34, וואו עס האָט זיך געפונען דער מעטאַל־פאַראיין (און שפּעטער דער באַקלייד־פאַראיין). יעדער פאַראיין איז געקומען צום צענ־טראַלן פּונקט פון זיין אייגענעם זאַמלפּלאַץ.

עס איז זיך צונויפגעקומען אַ עולם פון היפּשע טויזנטער מענטשן. די דעמאָנסטראַציע האָט גערירט פון אָרט. אין פראָנט איז געגאַנגען די גרויסע פאָן פון בונד, אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער גרופּע מיליץ. הינטער דער פאָן איז געגאַנגען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. נאָכן צענטראַל־קאָמיטעט האָבן מאַרשירט די פאַראיינען, ווידער אַ מאָל לויטן זעלבן סדר: פאָרויס די פאָן, אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע אָרדענער, הינטער דער פאָן — די פאַר־וואַלטונג פון פאַראיין און נאָך איר דער עולם מיטגלידער. אין מיטן פון צוג איז געגאַנגען דער יוגנט־בונד צוקונפט און הינטער אים ווידער עטלעכע פאַראיינען. דער צוג איז געשלאָסן געוואָרן מיט אַ שטאַרקער גרופּע מיליץ, וואָס האָט געדאַרפט אָפּהיטן די דעמאָנסטראַציע פון אַן איבערפאַל פון הינטן. איבער דער גאַנצער לענג פון דער דעמאָנסטראַציע האָט מען, אחוץ די רויטע פענער, געטראָגן טראַנספּאַראַנטן אויף יידיש און אויף פּויליש מיט פאַר־שיידענע לאָזונגען און פּאָליטישע פאָדערונגען. אַזוי איז דער צוג געגאַנגען דורך די נאַלעווקיס, דלוגע און ביעלאַנסקע, האָט אַריינגעמאַרשירט אויפן

טעאַטער־פּלאַץ און פאַרנומען דעם שטח נאָענט צו דער ביעלאַנסקע און סענאַטאָרסקע, וואָס איז געווען רעזערווירט פאַרן בונד (לויט אַ פריערדיקן אָפּמאַך מיט דער פּ.פּ.ס. וואָס האָט אויך אָפּגעהאַלטן איר 1 מאַי־פייערונג אויפן טעאַטער־פּלאַץ). ווען דער שפּיץ פון אונזער דעמאָנסטראַציע האָט שוין געהאַט אַריינמאַרשירט אויפן טעאַטער־פּלאַץ, איז דער סוף נאָך אַלץ געווען טיף אין די נאַלעווקעס.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן אָנגעוויזענעם אָרט אויפן טעאַטער־פּלאַץ, האָבן מיר באַלד דערזען, אַז דער גאַנצער שטח וואָס די בונדישע דעמאָנסטראַציע דאַרף פאַרנעמען איז אַרומגערינגלט מיט כוליגאַנעס און מיט פּאָליציי־אַגענטן (אין ציוויל־קליידונג). אחוץ זיי איז — פאַרשטייט זיך — געווען אַ סך אוניפאָרמירטע פּאָליציי. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַן אימפּראָוויזירטע טריבונע, צוגעטראָגן צו איר די הויפּט־פאָן פון בונד און זי אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער גרופּע מיליציאָנערן. אויך ביי אַלע אַנדערע פענער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די שמירה פון די אָרדענער, ווייל מיר האָבן זיך געריכט, אַז קודם־כל וועלן די אָנפאַלער זיך אַ וואָרף טאָן אויף אונזערע פענער.

דער ערשטער האָט פון אונזער טריבונע גערעדט דער ח׳ העניק ערליך. נאָך אים האָט אָנגעהויבן רעדן עמנואל נאָוואָגרודסקי. אין מיטן פון זיין רעדע האָט זיך דערהערט אַ טומל פון צווייטן עק טעאַטער־פּלאַץ (פון דער זייט פון דער טרעמבאַצקע גאַס) וואו עס זיינען געשטאַנען די קאָמוניסטן (זיי זיינען דעמאָלט אויך געקומען צום טעאַטער־פּלאַץ). מען האָט דאָרט אָנגעהויבן שלאָגן. באַלד האָט דער אָנפאַל זיך איבערגעטראָגן צו אונז. און — ווי מען האָט זיך געריכט — די אָנפאַלער האָבן זיך טאַקע געוואָרפן אויף אונזערע פענער. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ שטאַרק געשלעג צווישן אונזערע אָרדענער און די כוליגאַנעס און פּאָליציי־אַגענטן איבער דער פאָן פון צענ־טראַל־קאָמיטעט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך געזען, אַז עס האַלט שמאָל מיט דער צענטראַלער פאָן, האָב איך זיך געגעבן אַ וואָרף אויף דער פאָן, זי אַראָפּגעריסן פון שווערן שטעקן, באַהאַלטן הינטער דער פּאָלע און זיך גיך אַריינגעדרייט צווישן עולם. דער אַלטער, גראָער מיכאַלעוויטש (ניט אַזוי אַלט ווי גרוי, ער איז דעמאָלט נאָך ניט אַלט געווען קיין 50 יאָר) האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן, האָט ער מיט זיין שפּאַציר־שטעקעלע געשלאָגן אויף רעכטס און לינקס ביז דער שטעקן זיינער איז אין גאַנצן צעבראָכן געוואָרן. אַזעלכע געשלעגן זיינען אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען כמעט ביי אַלע אונזערע פענער, איבערן גאַנצן שטח פון אונזער דעמאָנסטראַציע. די אָרדענער, וואָס זיינען געווען באַוואָפנט מיט שטעקנס, האָבן צוריקגעשלאָגן און אויך אונזערע דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך ניט געלאָזט שלאָגן. נאָך אַ שטיקל צייט האָט די אוניפאָרמירטע פּאָליציי זיך אַריינגעמישט און אונטערן תירוץ אַז „מיר (!) שטערן די עפנטלעכע רו״ האָט זי אונזער דעמאָנסטראַציע צע־טריבן.

עס זיינען געווען פאַרוואונדעטע, צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע פון

ביידע זייטן. אַ סך פון אונזערע האָט מען געמוזט אָפּפירן אין דער „גיכער הילף" צו פאַרבאַנדאַזשירן די וואונדן. אַזוי האָבן מיר דורכגעפירט אונזער ערשטן גרויסן און עפנטלעכן אַקטיוון ווידערשטאַנד אין אומאָפּהענגיקן פוילן.

נאָך מיטאָג, נאָך דער דעמאָנסטראַציע, איז פאַרגעקומען די טראַדיציאָנעלע מאַי־אַקאַדעמיע, ווי געווײַנטלעך — אין זאַל פון טעאַטער „נאָוואָשטשי" אויף ביעלאַנסקע גאַס (איינער פון די גרעסטע טעאַטער־זאַלן אין וואַרשע). דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. צווישן עולם האָט זיך אַרויסגעזען אַ היפּש ביסל פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ.

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די אָרדענער נאָך דער ערשטער מאַי־שלאַכט האָט מען אַרומגערעדט די געשעעניש. מען האָט באַשלאָסן אַרייננעמען ביינוש מיכאַלעוויטשן ווי אַן ערן־מיטגליד אין דער אָרדענער־גרופּע און געבן אים אַ מתנה אַ שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל — אַ פאַרגיטיקונג פאַר דעם שטעקן וואָס ער האָט צעבראָכן אין ווידערשטאַנד אויפן טעאַטער־פּלאַץ. ח׳ מיכאַלעוויטש האָט דעם דאָזיקן שטעקן געטראָגן מיט שטאָלץ פינף יאָר — ביז אַ שווערע קרענק האָט אים אָוועקגעלייגט און פריצייטיק אָוועקגענומען פון דער וועלט (אין 1928).

קאַפּיטל 29

קאַמפּן אַרום דער שבתדיקער פֿאָלקסצייטונג

אין 1922 האָט די רעדאַקציע פֿון אונזער טעגלעכער פֿאָלקסצייטונג באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די צייטונג אויך אין די שבתים.

קיין שום אַנדערע יידישע צייטונגען זיינען ניט אַרויס אום שבת. צוליב דעם האָבן די צייטונג־פֿאַרקויפֿער אין דער יידישער געגנט ניט געהאַלטן אָפֿן זייערע געשטעלן אין די שבתים, ווייל קיין גרויסע צאָל קונים אויף פּוילישע צייטונגען איז אין די יידישע געגנטן ניט געווען. מיר זיינען דעריבער געווען געצוואונגען אַרויסצושיקן איבער די גאַסן אייגענע פֿאַרקויפֿער וואָס זאָלן פֿאַר־שפּרייטן דעם שבתדיקן נומער פֿאָלקסצייטונג. מערסטנטייל זיינען דאָס געווען אונזערע צוקונפֿטיסטן, די יוגנטלעכע בונדיסטן האָבן — ווי געוויינטלעך — מיט ברען זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אויף דער יידישער גאַס אין פּוילן איז געשען אַ נייעס: יעדן שבת אין דער פֿרי, ווען דער גרעסטער טייל יידן (וואָס זיינען ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט אָדער אין די געשעפֿטן) איז נאָך געשלאָפֿן, האָט זיך איבער די גאַסן און איבער די הויפֿן דערהערט אַ געזאַנג פֿון יונגע קולכלעך, אַז זיי האָבן צו פֿאַרקויפֿן די פֿאָלקסצייטונג! זייער רוף פֿלעגט אָפּהילכן איבער די נאָך פּוסטע, פֿאַרשלאָפֿענע גאַסן. אַ סך יוגנטלעכע האָבן דערביי אַרויסגעוויזן זייערע „שעפֿערישע" טאַלאַנטן: זיי האָבן צוגעקלערט אייגענע גראַמען אָדער וויציקע לידלעך און האָבן אויף אַזאַ אופֿן גערופֿן צו קויפֿן און לייענען די שבתדיקע פֿאָלקסצייטונג.

אָבער די פֿרומע יידן — די „שומרי שבת" — האָבן אַנדערש דערויף געקוקט. זיי האָבן אויפֿגעהויבן אַ ווילדע העצע קעגן דער פֿאָלקסצייטונג און זיי האָבן אָנגעהויבן צו באַפֿאַלן אויף די גאַסן די פֿאַרשפּרייטער פֿון דעם שבתדיקן נומער. מערסטנטיילס האָבן זיי דאָס געטאָן בעת זיי זיינען אַרויס־געגאַנגען נאָכן דאַווענען פֿון די שולן און שטיבלעך. זיי האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די פֿאַרשפּרייטער פֿון אונזער צייטונג, האָבן אַרויסגעריסן די פּעקלעך פֿאָלקסצייטונג און זיי צעריסן אויפֿן אָרט. (צערייסן אום שבת האָט מען יאָ געמעגט!), אָפֿט מאָל אויך געשלאָגן אונזערע מענטשן. ווען דאָס האָט אָנגע־האַלטן אַ לענגערע צייט און צעשלאָגענע חברים מיט צעריסענע פּעק צייטונגען פֿלעגן אַלץ אָפֿטער קומען אין אַדמיניסטראַציע פֿון דער צייטונג קלאָגן זיך אויפֿן חסידישן טעראָר, האָבן מיר געמוזט אָנהויבן געבן אַ ווידערשטאַנד, אַרויסשיקן בונדישע מיליציאַנערן צו פֿאַרטיידיקן אונזערע חברים. דער דאָזיקער קאַמף איז דערגאַנגען צו זיין העכסטן פּונקט נאָך דעם ווי דער

וואַרשעווער ראַבינאַט האָט אין פעברואַר 1924 אַרויסגעגעבן אַ חרם (!) אויף דער פּאָלקסצייטונג. פון איין זייט האָבן די פרומאַקעס מיט מער אייפער זיך געוואָרפן אויף אונזערע פאַרשפּרייטער, פון דער צווייטער זייט האָט דער פּרואוו צו טעראָריזירן אונז דורך אַ חרם אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן און פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען איבערן גאַנצן לאַנד. ס'איז שוין איצט געגאַנגען ניט וועגן אַ שבתדיקן נומער, נאָר וועגן פרייהייט פון וואָרט. נאָך אַ לענגערער צייט, ווען די אָנפאַלער האָבן געזען אַז זיי וועלן אונז ניט קענען טעראָריזירן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן באַרואיקן און אויפגעהערט צו באַפאַלן אונזערע פאָלקסצייטונג־פאַרשפּרייטער.

נאָך עטלעכע יאָר האָט די פאָלקסצייטונג אַליין אָפּגעשטעלט איר שבת־דיקע אויסגאַבע — ניט צוליב דער אַקציע פון די „שומרי־שבת", נאָר כדי צו פאַרקלענערן דעם דעפיציט, וואָס די צייטונג האָט געהאַט פון יעדן (אויך פון שבתדיקן) נומער. ווען די מאַטעריעלע לאַגע פון דער צייטונג האָט זיך פאַרבעסערט, איז דער שבת־נומער ווידער באַנייט געוואָרן.

דאָס איז געשען אין 1931. דער ערשטער מאַי איז יענעם יאָר אויסגעפאַלן אין אַ פרייטיק. עס זיינען דעמאָלט פאַרגעקומען געמיינזאַמע 1 מאַי־דעמאָנ־סטראַציעס פון בונד און פּ.פּ.ס. איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס האָט דאַן געהאַט אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג. האָט די פּאַרטיי ניט געוואָלט וואַרטן מיט די נייס צוויי טעג און ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן עקסטרע אויסגאַבע פון דער פאָלקסצייטונג שבת דעם 2טן מאַי, ספּעציעל געווידמעט די באַריכטן פון די 1 מאַי־פייערונגען. דער נומער איז צעכאַפּט געוואָרן ווי מצה־וואַסער. דעמאָלט איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַנייען דעם שבתדיקן נומער אויף שטענדיק. פון דעמאָלט איז די בונדישע פאָלקסצייטונג אַרויסגעגעבן געוואָרן אויך יעדן שבת רעגולער ביז צו דער קאַטאַסטראָפע. די שבת־נומערן האָבן זיך גוט פאַרשפּרייט. איבער די וואַרשעווער הייפן, אין די שבתדיקע פרי־מאָרגנס, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן הערן דאָס קלינגענדיקע געזאַנג פון די סקיפּיסטן און צוקונפטיסטן: אַ נייע פאָלקסצייטונג!

קאַפּיטל 30

קאָמיסאַר צעכנאָווסקי

אין געשעעניש פון די 20ער יאָרן, כאָטש זי האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט אונזער באַוועגונג, האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ שווערן איינדרוק, אַז איך האָב אין איר לאַנג ניט געקאָנט פאַרגעסן.

אַ געוויסן פאַרנאַכט, אין 1924, ווען איך בין געזעסן אין צענטראַל־ראַט, האָט זיך פּלוצלונג באַקומען אַן אַלאַרמירנדיקער טעלעפאָן, אַז אין לאָקאַל פון באַקלייד־פאַראיין, אויף גראַניטשנע 17, איז געקומען פּאָליציי און פירט דאָרט אַדורך אַ רעוויזיע.

ווען איך בין אָנגעקומען האָב איך זיך געמאָלדן צו דער פּאָליציי ווי אַ פאָרשטייער פון צענטראַל־ראַט. איך האָב זיך לעגיטימירט און דערביי דערקלערט אַז איך וויל זיין ביי דער רעוויזיע (דאָס האָב איך געפאָדערט צוליב דעם, ווייל די פּאָליציי האָט געקענט אַליין אונטערוואַרפן אומלעגאַלע ליטעראַטור און דאָס אויסנוצן ווי אַ תירוץ צו פאַרמאַכן אַן אַרבעטער־לאָקאַל). די פּאָליציאַנטן האָבן מיר געזאָגט, איך זאָל וואַרטן, זיי וועלן אַריינגיין פרעגן דעם עלטסטן זייערן וואָס זיצט אין קאַנצעלאַריע און פירט אָן מיט דער רעוויזיע. דערווייל האָט מען מיך פאַרהאַלטן ביים טיר און ניט געלאָזט ווייטער גיין. איך האָב געוואַרט אַ פּאָר מינוט, נאָך דעם האָט מען מיך אַריינגעלאָזט אין לאָקאַל. איך האָב געזען אַז מען האָט שוין געהאַט אָפּגעטיילט אַ גרופּע מיטגלידער צום אַרעסטירן. מען האָט מיר אָנגעוויזן איך זאָל אַריינגיין אין קאַנצעלאַריע, וואו עס זיינען געזעסן די העכערע פּאָליציי־באַאַמטע.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין קאַנצעלאַריע, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן: איך האָב דאָרט דערזען — צעכנאָווסקין, דעם זעלבן וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אויף פּראַגע אַרום 1920 (וועגן וועלכן איך האָב שוין דערציילט אין די ערשטע קאַפּיטלעך). אין איין אויגנבליק איז אין מיין זכרון פאַרבייגעפלויגן אַ גאַנצער פּעריאָד: דאָס יאָר 1914, ווען מיר זיינען צוזאַמען געווען טעטיק אין צווישן־פּאַרטייאישן אַרבעטער־קאָמיטעט, וואו ער איז געווען פאָרשטייער פון דער סדקפּ״ל; זיין אַרבעט אין פּראַגע ווי דער פירער פון דער קאָמוניסטישער „דזשעלניצע״ (ראַיאָן); זיין טעטיקייט צווישן די אַרבעטער פון אַפּראָוויזאַציע־אָפּטייל; די 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע פון פּראַגע אין 1920, וועלכע מיר האָבן צוזאַמען אָרגאַניזירט און אָנגעפירט — און דאָ דערזע איך אים פּלוצלונג ווי אַן אָנפירער פון אַ פּאָליצייאישער רעוויזיע אין אַן אַרבעטער־לאָקאַל. עס האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ: צי איז דאָס טאַקע צעכנאָווסקי, דער פירער פון די פּראַגער קאָמוניסטן? — ווייזט

אויס אַז איך בין געוואָרן שטאַרק בלאַס, ווייל דער צעכנאָווסקי האָט געהייסן אַריינברענגען אַ גלאָז וואַסער און ער האָט עס מיר דערלאַנגט. כ׳האָב גע־טרונקען דאָס וואַסער און האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך. דעמאָלט האָב איך געהערט ווי ער שעפּטשעט צו מיר: „בערנאַרד, באַרואיק זיך, כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן, דאָ קען איך ניט". און ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל קומען צו אים אין זיין קאַנצעלאַריע. דערביי האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ ווערטל „איך בין ניט אַליין". דאָס האָט געהייסן אַז ניט בלויז ער אַליין איז אַוועק פון די קאָמוניסטן צום דינסט פון דער פּאָליציי.

ער האָט מיר געגעבן זיין טעלעפאָן און האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים אָנקלינגען נאָך היינט אָדער שפּעטסטנס מאָרגן, וועט ער מיר אַלץ דערציילן. ער האָט פאַראָרדנט איבערצורייסן די רעוויזיע, אַרעסטירט האָט ער בלויז אַ פּאָר מענטשן און די רעשט אָפּגעטיילטע צום אַרעסטירן האָט ער געהייסן באַ־פרייען.

איך האָב צו אים ניט טעלעפאָנירט און כ׳האָב אים קיינמאָל מער ניט געזען פאַר די אויגן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ פריערדיקער קאָמוניסטישער טוער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן ווי אַ פּאָליצייאישער אַגענט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געשוויבלט און גע־גריבלט מיט פּראָוואָקאַטאָרן און פּאָליציי־אַגענטן און מען איז שוין צו אַזעלכע זאַכן געוואָרן צוגעוווינט. אָבער דעמאָלט, אין 1924, איז דאָס געווען אַ נייס.

אין אַ צייט אַרום איז זיין נאָמען געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער סענסאַציע אין דער פּרעסע: ער איז דערשאָסן געוואָרן אין לעמבערג דורך אַ קאָמוניסטישן יוגנטלעכן נפתלי באָטווין. אין לעמבערג איז דעמאָלט פאָר־געקומען אַן אומלעגאַלע קאָמוניסטישע קאָנפערענץ אין די קעלערן פונם קלויסטער פון הייליקן יורי. די קאָנפערענץ איז אויפגעדעקט געוואָרן דורך דער פּאָליציי (מסתמא אַ דאַנק אַן אינערלעכער פּראָוואָקאַציע) און אַלע באַ־טייליקטע אין דער קאָנפערענץ זיינען אַרעסטירט געוואָרן. קאָמיסאַר צעכ־נאָווסקי איז אַרויסגעטראָטן אויפן פּראָצעס אַלס עדות פון דער באַשולדיקונג. ווי אַ נקמה פאַר דעם האָט באָטווין אויסגעפירט איבער אים דעם אַטענטאַט. דאָס איז געשען זומער, 1925. באָטווין איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און איז דערשאָסן געוואָרן.

קאַפּיטל 31

קלמן קאַמאַשנמאַכערס טויט

אין מיטן קאַכיקן לעבן פון אונזער באַוועגונג איז ווידער אַ מאָל געקומען אַ טרויעריקע געשעעניש: קלמן קאַמאַשנמאַכער איז געשטאָרבן.

אַ געוויסן טאָג, אין פרילינג 1926, האָט מען מיר געגעבן צו וויסן אַז קלמן קאַמאַשנמאַכער איז קראַנק. איך בין באַלד צו אים אַוועק. געוואוינט האָט ער אין דער סאַמע אָרעמסטער יידישער געגנט פון וואַרשע, אויף ניסקע גאַס. ער איז געווען איינקוואַרטירט ביי אַ בעקער־אַרבעטער, — אַ פרומען יידן, מיט אַ באָרד און אַ לאַנגער קאַפּאָטע. די גאַנצע דירה איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט אַ קיך. קלמן האָט געוואוינט אין דער קיך, ד״ה ער איז דאָרט געווען איינגעדונגען מיט אַ בעטל, אייגנטלעך — ניט קיין בעטל נאָר אַ שלאָף־באַנק (אַ באַנק צום שלאָפן ביי נאַכט און צום זיצן ביי טאָג). קלמן האָט געהאָט היץ, האָב איך באַלד גערופן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט אַ טיפוס און ער האָט פאַראָרדנט צו נעמען קלמנען תיכף אין שפּיטאָל אַריין.

ווען איך האָב קלמנען אָנגעטאָן (ער האָט שוין אַליין זיך ניט געקענט אָנטאָן), האָט מיך אַ שרעק אַרומגענומען: ער איז געווען אויסגעדאַרט, פאַר־הויקערט, קליינטשיק, ס׳איז גאָר קיין גוף ניט געווען, נאָר אַ זעקל ביינער איבערגעצויגן מיט הויט. ער איז געווען פאַרלייזיקט. ווען איך האָב אים אָנ־געטאָן, האָט ער זיך שוין ניט געקענט האַלטן אויף די פיס. אין אַ דראָזשקע האָב איך אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל אַריין. אויף דער דראָזשקע האָב איך אים געמוזט פעסט צוהאַלטן, ווייל ער האָט זיך שוין ניט געקענט האַלטן אפילו זיצנדיק.

עטלעכע מאָל בין איך געקומען צו קלמנען אין שפּיטאָל אַריין. צו קיין טיפוס־קראַנקע האָט מען ניט צוגעלאָזט, האָב איך אים בלויז געקענט זען פון דער ווייטנס, דורך אַ גלעזערנער טיר. זיין אויסגעמאַטערטער גוף האָט ניט געקענט בייקומען די קרענק און נאָך עטלעכע טעג איז ער געשטאָרבן. די פּאַרטיי האָט אים געמאַכט אַ גרויסע לוויה און מען האָט אים באַגראָבן אויף אַן אָנגעזעענעם אָרט, לעבן יאַנעק יאַנקעלעוויטשן. ער איז אַלט געווען אין גאַנצן עטלעכע און דרייסיק יאָר.

קלמן איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אַרבעטער־טיפּן אין דער בונדישער באַוועגונג. באַקענט האָב איך זיך מיט אים נאָך אין 1911, אויף דער אומלעגאַלער בונדישער בירזשע אין וואַרשע. ער איז געווען טעטיק צווישן די לעדער־אַרבעטער. ער איז געווען אינטעליגענט, האָט אַ סך געלייענט, האָט ליב געהאָט צו דיסקוטירן און האָט געקענט שיין דיסקוטירן. געווען אַ

מין „פראַלעטאַרישער שייגגייסט״. אַחוץ אויף דער בונדישער בירזשע איז ער אויך געווען אַן אָפטער גאַסט אויף דער „ליטעראַרישער״ בירזשע. דאָס איז געווען די גאַלקאָווע אַלייע אין זאַקסישן גאָרטן, מ׳האָט זי גערופן „ליטעראַ־רישע אַלייע״, ווייל י. ל. פרץ האָט ליב געהאַט דאָרט צו שפּאַצירן; דאָרטן פלעגן אויך קומען — ספּעציעל אין די שבתים — אַ סך בונדיסטן, ליטעראַטן, קולטור־טוער א. ד. גל. קלמן, ווי ס׳איז דעמאָלט געווען די מאָדע, האָט געטראָגן אַ ברייטן שוואַרצן קאַפּעלוש און אַ שניפּס אין דער פאָרם פון אַ שוואַרץ שלייפל. אין 1912, ווען פרץ האָט אָנגעשריבן זיין באַרימטן אַרטיקל „אין שול אַריין״, איז אַ שבת אין דער פרי אַ גרופּע בונדיסטן צוגעגאַנגען צו פרצן — טאַקע אויף דער דאָזיקער ליטעראַרישער אַלייע — צווישן זיי איז געווען קלמן, און ער האָט פרצן דערלאַנגט אַ סידורל און האָט צו אים געזאָגט: „איר דאַרפט איצט דאָ ניט זיין, איר דאַרפט איצט זיין אין שול״. פרץ האָ זיך אָנגעכמורעט און האָט אים גאָר ניט געענטפערט, אָבער ער האָט אָפּגעדרוקט אַ צווייטן אַר־טיקל — ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר וואָס ער רופט איצט אין שול אַריין.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבן דער פּאָליטישער געראַנגל מיט די קאָמבונדיסטן, האָט קלמן לכתחילה געהערט צו דער קאָמבונד־פראַקציע, אָבער ווען די קאָמבונדיסטן האָבן זיך אָפּגעג־שפּליטערט, איז ער מיט זיי ניט אַוועק נאָר ער איז פאַרבליבן אין בונד. ער איז געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד און איז געווען צוגעטיילט ווי אַ פאַרשטייער צום פאַראיין פון הויז־דינערשאַפט.

אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער פּאַרטיי־אַרבעט האָט זיך קלמן ווייניק באַטייליקט. ער האָט ליב געהאַט ליטעראַטור, קונסט, דיסקוסיע. ער איז געווען אַ בענקענדיקער מענטש און עס האָט אים געצויגן צו שייג־קייט, צו דערהויבונג. כאָטש ער איז געווען באַרעדעוודיק און האָט ליב גע־האַט צו פאַרברענגען מיט מענטשן, איז ער אָבער געווען אַן איינזאַמער און אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. וועגן זיין אייגענער מאַטעריעלער לאַגע האָט ער זיך ווייניק געקימערט און ער האָט קיין מאָל וועגן דעם מיט קיינעם ניט גערעדט.

קלמן איז געווען אַן אָפטער איינגייער אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13. די יידישע שרייבער האָבן ליב געהאַט מיט אים צו דיסקוסירן. מען האָט צו אים אַרויסגעוויזן אַכטונג און מען האָט זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט, ווייל קלמן איז געווען אַ מענטש וואָס האָט געטראַכט און דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין זעלבשטענדיקן טראַכטן.

קאַפּיטל 32

די פּילסודסקי־איבערקערעניש, די פּ.פּ.ס. און די „פראַקעס"

אין מאַי 1926 האָט יוזעף פּילסודסקי, דער קאָמענדאַנט פון די פּוילישע לעגיאָנען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער ערשטער „נאַטשעלניק" (הויפּט, פּרעזידענט) פון אומאָפּהענגיקן פּוילן, אָרגאַניזירט אַ מיליטערישן אויפשטאַנד קעגן דער דעמאָלטיקער רעכטער רעגירונג פון פּויערים־פירער ווינצענטי וויטאָס. נאָך עטלעכע טעג פון קאַמפן איז די רעגירונג געפאַלן און דער פּרעזידענט וואויטשעכאָווסקי האָט זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. פּיל־סודסקי, געשטיצט פון מיליטער, איז געוואָרן דער פאַקטישער באַלעבאָס איבער פּוילן.

איינער פון די דעציזידירנדיקסטע מאָמענטן אין פּילסודסקיס גיכן נצחון איז געווען דער גענעראַל־שטרייק פון די באַן־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון פּ.פּ.ס. דער שטרייק האָט אוממעגלעך געמאַכט צו ברענגען אין דער הויפּט־שטאָט דאָס רעגירונג־טרייע מיליטער פון אַנדערע טיילן פון לאַנד. אין דער צייט פון אויפשטאַנד און אַ געוויסע צייט נאָך דעם איז די פּוילישע אַרבעטערשאַפט, מיט דער פּ.פּ.ס. אין דער שפּיץ, אין גאַנצן געווען אויף דער זייט פון פּילסודסקין. אויך די קאָמוניסטן זיינען אין אָנהויב אַרויס מיט אַ רוף צו שטיצן פּילסודסקין.

די איבערקערעניש איז געווען אַ ריין־מיליטערישע. אָבער איך געדענק נאָך ווי היינט, ווי מיר האָבן אַלע מיטגעפיבערט מיט די געשעענישן. מען איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון עפּעס אַ שטימונג פון באַפרייאונג, כאָטש מיר — די בונדיסטן — זיינען געווען ניכטערער ווי אַנדערע, ווייל מיר האָבן קיין מאָל צו פּילסודסקין קיין איבעריקן צוטרוי ניט געהאַט. אין אָוונט (דעם ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד, דעם 12טן מאַי) האָב איך זיך שוין ניט געקענט איינ־האַלטן: עס קומט פאָר אַ רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש, מען שיסט אין דער פעסטונג פון רעאַקציע און איך זאָל דערביי ניט זיין אפילו? — זיינען מיר אין דרייען — ביינוש מיכאַלעוויטש, וויקטאָר שולמאַן און איך — אַוועק אין דער געגנט וואו די שיסערייען זיינען פאָרגעקומען: טעאַטער־פּלאַץ, קראָקעווער פאָרשטאָט, אַלט־שטאָט, אַרום דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, וואו עס איז געווען די רעזידענץ פון פּרעזידענט. אויפן וויאַדוקט פון דער קערבעדזש־בריק, אַנטקעגנאיבער דעם פּאַלאַץ, האָבן מיר געזען ליגן אַ טויטן זעלנער און לעבן אים — זיין ביקס. איך האָב ווי אינסטינקטיוו גע־

וואָלט אַ כאַפּ טאָן די ביקס, האָט שולמאַן געטאָן אויף מיר אַ געשריי: „משוגע־נער, וואָס טוסטו, האָסט דאָך ניט קיין דערלויבעניש צו טראָגן געווער!״ — שפּעט ביי נאַכט זיינען מיר אַהיים געקומען, באַהערשט פון האָפענונג און מורא איבער דעם, וואָס די איבערקערעניש קען ברענגען.

פּילסודסקי האָט געמאַכט דעם אויפשטאַנד אין נאָמען פון „מאָראַלישער סאַנאַציע״, ד״ה צוליב געזונט־מאַכן דאָס לאַנד, באַזייטיקן קאָרופּציע, פּאַר־גיטיקן עוולות, מאַכן אַ סוף צו דעם אַלעם וואָס האָט אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר געמאַכט די רעכטע רעגירונג אַזוי פאַרהאַסט ביי דער אַרבעטער־שאַפט און ביי אַלע וואָס האָבן געלעכצט נאָך אַ ביסל מער יושר. פּילסודסקיס רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, זיין לאַנגיאָריקע אַנפירערישע טעטיקייט אין דער פּ.פּ.ס., די גרויסע צאָל אַנגעזעענע סאָציאַליסטן וואָס האָבן זיך געפונען אין זיינע לעגיאָנען און לסוף זיין באַפליגלטע שפּראַך — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַן אילוזיע, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ליבעראַלער איבערקערעניש, אַז די אַרבעטער־מאַסן וועלן קומען צום וואָרט אונטער זיין נייער הערשאַפט, סאַנירן דאָס לאַנד.

אין די ערשטע צייטן איז די דאָזיקע אילוזיע געווען גאָר גרויס ביי דער פּ.פּ.ס. פּילסודסקי איז דאָך פון איר אַרויסגעקומען, ער איז דאָך לאַנגע יאָרן געווען איינער פון אירע הויפּט־טוער און דער פירער פון איר באַוואָפנטער אָרגאַניזאַציע אין דער עפּאָכע פון קאַמף קעגן צאַריזם. ער איז געווען אַ לעגענדאַרע פיגור אין דער פּ.פּ.ס. — האָבן דעריבער אַ סך געהאָפט אַז די סימפּאַטיע צו זיינע אַמאָליקע חברים און זיין צוגעבונדנקייט צום אַלטן פּראָ־גראַם האַלט נאָך אַלץ אָן. אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און די אַלע האָפענונגען האָבן אָנגעהויבן צערונען צו ווערן. די מערהייט פון דער פּ.פּ.ס. האָט אָנגעהויבן איינזען אַז פּילסודסקי איז שוין איצט זייער וויט פון זיי; ער ווייזט אַרויס געפערלעכע דיקטאַטאָרישע נייגונגען, ער הייבט אָן אַלץ ענגער זיך צו פאַרבינדן מיט רעאַקציאָנערע עלעמענטן; מען דאַרף דעריבער קוקן אים אויף די הענט. טייל פּ.פּ.ס.ישע פירער האָבן אָבער נאָך אַלץ בלינד געגלויבט אין פּילסודסקין. אויפן באָדן פון אָט דער מיינונג־פאַרשיידנ־קייט האָט זיך אַנטוויקלט אַ טיפע צעטיילונג אין דער פּ.פּ.ס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רייסערייען, וואָס האָבן זיך סוף־כל־סוף (אין האַרבסט 1928) פאַר־ענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג. פון די אָנגעזעענערע פּ.פּ.ס.ישע פירער זיינען אַוועק מאָראַטשעווסקי, אַ געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער, יאַוואָראָווסקי, דער אָנערקענטער פירער פון דער גרויסער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון פּ.פּ.ס., און נאָך עטלעכע. זיי האָבן געגרינדעט אַ נייע פאַרטיי אונטערן נאָמען „פּ.פּ.ס. — געוועזענע רעוואָלוציאָנערע פראַקציע״. (דאָס איז געווען אַ היסטאָרישער נאָמען אין דער פּ.פּ.ס. אין דער צייט פון קאַמף קעגן צאַריזם איז אין דער פּ.פּ.ס. פאָרגעקומען אַ שאַרפער אידעאישער קאַמף אַרום די וועגן צו דערגרייכן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן: די רעכטע און מער נאַציאָנאַל געשטימטע אַנהענגער פונם אומאָפּהענגיקייט־קאַמף האָבן זיך אָנגערופן „רעוואָלוציאָ־נערע פראַקציע״). די נייע אָפּגעשפּאָלטענע פאַרטיי איז באַלד געוואָרן פּאָפּולער

אונטערן נאָמען „די פּראַקעס" און אַזוי וועלן מיר זיי דאָ ווייטער רופן.

אין די פּראָווינץ־שטעט איז די שפּאַלטונג געווען ניט אַזאַ טיפע, אָבער אין וואַרשע איז כמעט די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון פּ.פּ.ס. אַוועק צו די „פּראַקעס". עס איז אויך אַוועק די גאַנצע מיליץ אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר לאַקעטעק און פון טאַשעמקאַ (אַ ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָטראַט, זיין אמתער נאָמען איז געווען שעמיאָנטקאָווסקי). די פּראַקעס האָבן אויך צוגענומען דעם לאָקאַל פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע אויף אַלייע יערוזאַלימסקע. וואַרשעווער אָפּטיילונגען פון די פּוילישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען אויך אַוועק מיט די פּראַקעס. דאַקעגן, די צענטראַלע פאַרוואַלטונגען פון די פאַראיינען זיינען אַ ל ע געבליבן ביי דער פּ.פּ.ס., אויך די צענטראַל־קאָמיסיע פון דער גאַנצער פּראָפעסיאָנעלער (טרעיד־יוניאָן) באַוועגונג איז פאַרבליבן אין די הענט פון דער פּ.פּ.ס.

ביי דער אַלטער פּ.פּ.ס. איז אויפן וואַרשעווער באָדן געבליבן בלויז אַ קליינע גרופּע חברים, אָבער אַלץ אויסגעפּרואווטע מענטשן. ס'זיינען געבליבן: די יוגנט, די סטודענטשאַפט, פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ און כמעט אַלע אַלטע צענטראַלע טוער. די פּראַקעס האָבן אָנגעהויבן באַפאַלן די פאַרזאַמלונגען פון דער אַלטער פּ.פּ.ס. און זיי אויפרייסן, האָט די פּ.פּ.ס. געשאַפן אַ נייע מיליץ וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר טאַקע פון יוגנט, סטודענטן און אינטעליגענץ. אין שפּיץ פון דער נייער מיליץ האָט זיך אַוועקגעשטעלט טאָמאַש אַרטשי־שעווסקי, אַליין דער אַלטער געאַכטער וועטעראַן און דער פאָרזיצער פון דער פּ.פּ.ס., ווי אויך דזשענגעלעווסקי, דער נייער סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. ס'איז געווען אַ גרויסע מורא, אַז די פּראַקעס וועלן פּרואוון פאַר־כאַפּן אויך דאָס הויז פון „ראָבאָטניק", דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי. האָט אַרטשישעווסקי אַליין מיט אַ גרופּע פון די נייע מיליציאָנערן טאָג און נאַכט געהיט דאָס הויז. זיי זיינען דאָרט אפילו געשלאָפן אין משך פון לאַנגע וואָכן, 24 שעה אַ טאָג געווען אויף דער וואַך, ביז די געפאַר איז אַריבער.

קאַפּיטל 33

די פּראַקישע מיליץ

ווי געזאָגט, איז מיט די פּראַקעס אַוועק די גאַנצע פּ.פּ.ס.ישע מיליץ אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר לאָקעטעק און טאַשעמקאַ. איך וועל דאָ מוזן אַ ביסל ברייטער אויף דעם זיך אָפּשטעלן, פאַרלויפן אַ ביסל דעם וועג און דערציילן מער באריכות די געשיכטע פון דער דאָזיקער גרופּע. דאָס טו איך ניט בלויז דערפאַר, ווייל שפּעטער איז אונז אויסגעקומען א סך מיט זיי צו האָבן צו טאָן, נאָר דער עיקר, ווייל אויף זייערביישפּיל ווערט קלאָר ווי גרויס עס זיינען געווען די סכנות וואָס האָבן געלויערט אויף דער מאָראַל פון אַזאַ אָרגאַניזירטער קאַמף־גרופּע און ווי נידעריק זי האָט געקענט פאַלן.

ד״ר לאָקעטעק, דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון דער פּראַקישער מיליץ, איז געווען אַ געשמדטער ייד. ער איז געווען אַ כעמיקער און ער האָט געהאַט אַ פּאָסטן ביי זיין פאַך אין דער קראַנקן־קאַסע. אָבער נאָך דעם ווי ער איז אַריבער מיט זיין מיליץ צו די פּראַקעס, האָט ער זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּגעגעבן מיט דער פּראַקישער „באַיואַוועקע״. ער האָט אָנגעהויבן אַלץ מער און מער טרינקען, ביז ער איז געוואָרן אַ קרענקלעכער שיכור. איין מאָל, פאַר טאָג, איז ער שיכורערהייט אַריין אין באַקאַנטן וואַרשעווער רעווי־טעאַטער „קווי פּראָ קוואָ״ און האָט באַפוילן דער דינערשאַפט, וואָס האָט דעמאָלט אויפגעראַמט דעם זאַל, מען זאָל פאַר אים אויפשפּילן. די דינער האָבן אים אויפגעקלערט, אַז די אַרטיסטן זיינען שוין לאַנג אַוועק און אַז עס איז ניטאָ ווער עס זאָל שפּילן, האָט ער געשריגן אַז ער וויל פון גאָר ניט וויסן: שוין זאָל מען פאַר אים אויפשפּילן! און ווען ער האָט געזען אַז מען פאָלגט אים ניט, האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און האָט אָנגעהויבן שיסן. לאָקעטעק האָט וואָס ווייטער אַלץ מער זיך פאַרבונדן מיט דער אונטערוועלט, אַלץ טיפער געזונקען אין אירע זומפּן, ביז ער איז פּשוט געוואָרן איינער פון זיי, אַ שותף צום אויספּרעסן געלט, צו קרימינעלע טעראָר־אַקטן.

דער צווייטער הויפּט־פירער פון דער פּראַקישער „באַיואַוועקע״ איז געווען טאַשעמקאַ. ער איז געווען אַן אַלטער „באַיאָוועץ״ פון דער פּ.פּ.ס. נאָך פון די צאַרישע צייטן. ער איז געווען אַ רויער אָבער אַ כיטרער מענטש. צוליב זיינע אַמאָליקע קאַמף־פאַרדינסטן האָט אים די פּ.פּ.ס. געמאַכט פאַר אַ ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָטראַט, און ער איז פאַרבליבן ראַטמאַן אויך ביי די פּראַקעס. זיין וועג צו דער אונטערוועלט איז געווען אַ סך אַ לייכטערער ווי ד״ר לאָקעטעקס. בעת לאָקעטעק האָט אפילו אין זיין טיפסטער געפאַלנקייט דירעקט זיך ניט

באַטייליקט אין קיין טעראָר־אַקטן, נאָר איז בלויז געווען אַ שטילער שותף צום רויב, האָט טאַשעמקאַ אָרגאַניזירט אַן אייגענע גרופּע, וואָס מען האָט זי גע־רופן „טאַשעמקאָס באַנדע", ער האָט זיך אָפּן באַטייליקט אין טעראָריזירן הענדלער און קרעמער אויף די מערק, אין אויספּרעסן געלט, נעמען „אויס־קויף"־געלט און אַנדערע „קאָמבינאַציע"־געלטער.

אַ דריטער דעה־זאָגער אין דער דאָזיקער מיליץ איז געווען אַ געוויסער שעטשקע. ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון אַמעריקע פאַר גענגסטעריי. צו־ריקגעקומען קיין וואַרשע, האָט ער זיך לייכט אַריינגעקריגן אין דער פּראַקי־שער „באַיואַוקע", און מיט איר הילף האָט ער אַריבערגעטראָגן זיין גענג־סטעריזם אויפן וואַרשעווער באָדן. ער איז ביי די פּראַקעס געוואָרן סעקרעטאַר פון אַ פאַראיינדל פון פּוילישע בעקער־אַרבעטער, ווי אויך סעקרעטאַר פון פאַראיין פון די יידישע טרעגער, וואָס די פּראַקעס האָבן אָפּגעריסן פון אונזער טראַנספּאָרט־פאַראיין, שפּעטער איז ער געוואָרן אַ פּאָליציי־אַגענט, און אַזוי ווי זיינע אַמאָליקע חברים פון דער פּראַקישער „באַיואַוקע" האָבן פאַר אים שטאַרק מורא געהאַט, ווייל ער האָט צו פיל געוואוסט, האָבן זיי אים דערהרגעט.

די דאָזיקע דעמאָראַליזאַציע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך פון אַן אַנדער זייט. אין פּוילן האָט נאָך פאַר דער פּילסודסקי־איבערקערעניש עקזיסטירט אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר פון געוועזענע מיטגלידער פון פּילסודסקיס לעגיאָנען, זי האָט זיך גערופן „סטשעלעץ" (שיסער). ווען פּילסודסקי איז געקומען צו דער מאַכט איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע געוואָרן אַ גרויסער מיוחס. זי איז געוואָרן אַ האַלב־אָפיציעלע מיליטערישע אָרגאַני־זאַציע, אירע מיטגלידער האָבן געטראָגן אַ מין מיליטערישן מונדיר, האָבן פּאַראַדירט אין זייערע מונדירן איבער די גאַסן און האָבן זיך בכלל אויפ־געפירט מעשה באַלעבאַטים. אויך אין דער פּראַקישער מיליץ זיינען געווען אַ היפּש ביסל געוועזענע לעגיאָנערן (טאַשעמקע, אַ שטייגער, האָט אַמאָל געהערט צו דער פּערזענלעכער לייבוואַך פון פּילסודסקין), און ס'איז געווען אַ נאָענטע צוזאַמענאַרבעט צווישן דער פּראַקישער מיליץ און דעם „סטשעלעץ". די פּראַקישע מיליציאָנערן — אָנגעטאָן ווי „סטשעלצעס" — האָבן פּאַראַדירט אין די מונדירן ווען נאָר זיי האָבן געוואָלט. דאָס האָט זיי פאַרלייכטערט צו טעראָריזירן די גאַס, ספּעציעל — ווען די פּאָליציי האָט געקוקט דורך די פינגער אויף זייערע מעשים און אין דער שטיל האָט זי זיי אויך צוגעהאָלפן, ווייל די פּראַקעס זיינען דאָך געווען אַ וויכטיקער אָנשפּאַר פאַרן פּילסודסקי־רעזשים. די „סטשעלעץ"־פּראַקישע מאַפיע האָט אויסגעפּרעסט געלט ביי הענדלער און סוחרים, זי האָט טעראָריזירט אַרבעטער, זי האָט זיך אַריינ־געלאָזט אין אַנדערע קרימינעלע געשעפטן און ווער עס האָט זיך אים קעגנ־געשטעלט אָדער האָט ניט געוואָלט אַזוי לייכט זיך אונטערגעבן, האָט דערפאַר טייער באַצאָלט.

האָבנדיק אַזאַ מאַכט, האָבן די פּראַקעס זיך אויך גענומען צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דער עיקר — צו דער בונדישער. זיי האָבן אָנגעהויבן אַריבערציען צו זיך גאַנצע פאַראיינען אָדער אָפּרייסן פון זיי שטיקער. אויף

דעם באַדן איז אָפּט מאָל געקומען צו שאַרפע קאָנפליקטן צווישן אונז און די פּראַקעס. אָבער וועגן דעם — שפּעטער.

דער סוף פון די פראַקעס איז געווען זייער אַ טרויעריקער. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן זיך ביי זיי גופא אָנגעהויבן רייסערייען. מאַראַטשעווסקי איז פון זיי אַוועק און האָט געשאַפן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, אַ כמו־סינדיקאַליסטישע, „ז. ז. ז.״ (אויף פויליש: „זוויאָנזעק זוויאָנזקאָוו זאַוואָדאָוויך״, ד״ה פאַראיין פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען). דער ברייטער אַרבעטערשאַפט איז דערעסן געוואָרן דער טעראָר, דער קרימינאַליזם, די דעמאָראַליזירטקייט פון די פּראַקעס און זייער „באַיואָווקע״, האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן זיך אָפּצוקערן פון זיי און מאַסנווייז צוריקגיין צו דער אַלטער פּ.פּ.ס. די פּראַקעס זיינען פאַרבליבן אַ קליינע גרופּע, פאַקטיש ניט מער ווי אַ גוט־אָרגאַניזירטע טעראָריסטישע באַנדע. דאָס איז זיכער ניט געווען דער ציל פון יאַוואָראָווסקין וואָס איז אַליין געווען אַן אָרנטלעכער און ערלעכער מענטש, אָבער אַ שטאַרקער אָפּאָרטוניסט און אַ פאַנאַטישער אָנהענגער פון פּילסודסקין.

איך בין דאָ אָבער פאַרלאָפן דעם וועג. לאָמיר צוריקגיין צו די געשעענישן אין זייער צייטלעכן סדר.

קאַפּיטל 34

אַ נייע גרופּע קאָמוניסטישע „שטאַרקע"

דער פיזישער קאַמף קעגן די סאָציאַליסטן, דאָס צעשטערן און אויפרייסן אונזערע פאַרזאַמלונגען, דאָס באַליידיקן און זידלען, דאָס באַפאַלן און שלאָגן אונזערע חברים, וואָס די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט פראַקטיצירט, — האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט.

אָבער כאָטש די דאָזיקע קאָמוניסטישע קאַמף־מעטאָדן האָבן שוין אָנגעהאַלטן יאָרן, האָבן מיר נאָך אַלץ ניט געקענט זיך צוגעוויינען צום געדאַנק אַז די קאָמוניסטן טוען דאָס מיט דער גאַנצער אויסגערעכנטקייט. ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט זיך געווענדט מיט אַן עפנטלעכן בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, ער זאָל פאַראָרדענען זיינע אָנהענגער אָפּצושטעלן די דאָזיקע כסדרדיקע אָנפאַלן, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי געענטפערט מיט אַ בריוו, וואו ער האָט אין גאַנצן גענומען אונטער זיין שוץ די דאָזיקע אָנפאַלן און האָט גאָר באַשולדיקט דעם בונד, אַז ער איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ „פאָליציייאישער אַגענט". נאָך דעם האָבן די קאָמוניסטן נאָך מער אויסגעברייטערט די כסדרדיקע אַטאַקעס און אָנפאַלן אויף אונז. זיי האָבן אפילו אַריינגעפירט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אַ נייע גרופּע באַקאַנטע אונטערוועלט־מענטשן. מיט די דאָזיקע נייע אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער טעראָר־באַנדע איז ווערט זיך צו באַקענען.

דאָס ערשטע אָרט קומט דאָ אַ געוויסן שמחה מאַטש — אַ דאַרן, אַ בלאָנדן, פון מיטעלן וואוקס, מיט העלע, כמעט ווייסע, שיקלדיקע אויגן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 26־28. אויסערלעך האָט ער אין גאַנצן ניט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַ „שטאַרקן". אויסגעצייכנט האָט ער זיך קודם־כל מיט זיין „יחוס": זיין טאַטע, וואָס מען האָט אים אויך גערופן „מאַטש", איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ גנב, שפּעטער האָט ער געטוישט דעם „פאַך" און איז געוואָרן אַן אַלפאָנס. מיט דער צייט האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט אין „פאַך" און איז געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַ „הייזל". צוגעהאָלפן אין דער „פרנסה" האָט די גאַנצע משפחה: דאָס ווייב, די טאָכטער און דער זון, שמחה. שמחה האָט געהאַט אַ וויכטיקע פונקציע אין דעם פאַמיליע־„געשעפט": ער האָט געדאַרפט פאַרהיטן זייער „הייזל" פון דער קאָנקורענץ פון אַנדערע אַלפאָנסן. שמחה, ווי אַ סך אַנדערע אונטערוועלט־מענטשן, האָט געהאַט אויך אַ נאָמינעלן פאַך, וואָס האָט געדאַרפט דעקן זיין פאַקטישע פרנסה: ער איז כלומרשט געווען אַ קוילנטרעגער. אָבער זעלטן ווען ער האָט גענומען אַ

קויש קוילן אויף זיינע פלייצעס; אַ חלק אין די פּאַרדינסטן פון דער סטאַציע, צו וועלכער ער איז געווען צוגעטיילט, האָט ער אָבער יאָ געגומען.

אַ צווייטער באַרימטער שלעגער איז געווען „רבקה די קו". „רבקה די קו" איז חלילה ניט געווען קיין פּרוי נאָר אַ מאַנספּאַרשוין, אָבער גערופן האָבן אים אַלע לויטן יחוס פון זיין מאַמען, דער אמתער „רבקה די קו", וואָס האָט געהאַט אַ „הייזל" אויף וואָלינסקע גאַס. זיין פונקציע אין דער מאַמעס „געשעפט" איז געווען די זעלבע ווי שמחה מאַטשעס: אָפּצוהיטן עס פון קאָנקורענטן. אויסגעזען האָט ער אומגעלומפּערט: הויך, דיק, אָנגעגאָסן מיט פעטס, די אויגן אויף פאַרגאָסן מיט שמאַלץ, אַ גרויסער פערדישער קאָפּ מיט בלאָנדע האָר, אַ טעמפּ פּנים — ס'איז געווען אַן אימה צו קוקן אויף אים. אויך ער איז כלומרשט געווען אַ קוילנטרעגער, פאַקטיש האָט ער אויסשליסלעך — פונקט ווי שמחה מאַטש — זיך פאַרנומען מיט די קאָמוניסטישע שלעגערייען און מיטן פאַמיליע־„געשעפט", מיט דער מאַמעס הייזל.

אַ דריטער, אפשר דער ווילדסטער פון זיי אַלע, איז געווען לייבוניו — אַ נידעריקער, פון מיטעלן וואוקס, אַ דאַרער, מיט טונקעלע האָר און ציטרע אייגעלעך. קוקנדיק אויף אים וואָלט קיינעם ניט געקענט איינפאַלן אַז ער געהערט צו די ווילדסטע שלעגער. ער איז געווען אויסערגעוויינטלעך פלינק ביים באַנוצן אַ מעסער, אַ רעוואָלווער. געשטאַמט האָט ער פון אַ לייטישער פאַמיליע, פון אָפּגעקומענע באַלעבאַטים, זיין זיידע איז נאָך געווען אַ שותף צו אַ הויז. זייער יונג האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ פאַך, צו אַ היטלמאַכער. ער איז אפילו אַ געוויסע צייט געווען אַ מיטגליד פון באַקלייד־פאַראיין, אָבער לאַנג האָט ער זיך ניט געהאַלטן ביים פאַך און גאָר גיך האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אונטערוועלט־געשעפטן. געלעבט האָט ער פון פראָטעזשירן קאָרטן־הייזלעך און נעמען פון זיי „פרעטענזיע"־געלט, ווי אויך פון געהיימע נאַכט־קלובן, שאַנד־הייזלעך א. ד. גל. זיין משפחה וואָס איז — ווי געזאָגט — באַשטאַנען פון לייטישע מענטשן האָט זיך מיט אים שטאַרק געשעמט. ערב דער מלחמה האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט, ער זאָל ווערן אַ פורמאַן ביי פליישׂ, כדי מיט אַ לעגאַלן פאַך ווייטער צו דעקן זיינע טונקעלע געשעפטן.

אחוץ די דאָזיקע „אַריסטאָקראַטן" פון דער קאָמוניסטישער טעראָר־באַנדע זיינען געווען נאָך עטלעכע באַוואוסטע שלעגער: משה טשאָמפּל, אַ ברודער פון מאיר טשאָמפּל פון פאַוואָנזעק (ווען מען האָט מאיר טשאָמפּל דערשאָסן, איז זיין ברודער אַוועק פון די „שטאַרקע"); אַלעק דריזשדזשאַק, אַ קוילנטרעגער וואָס איז געווען פאַרמישט אין דערשיסן מאיר טשאָמפּל; די צוויי ברידער „פויצעס", איינער אַ קוילנטרעגער און איינער אַ פורמאַן אויף דער גענשע גאַס; ברוך „צאַבאַן", אַ פורמאַן פון פראַגע וואָס האָט אַמאָל דערהרגעט איינעם פון דער אונטערוועלט און דערפאַר האָבן זיינע „חברים" אויף אים געקוקט ווי אויף אַ גרויסן העלד. צו דער גרופּע האָבן אויך אחוץ זיי געהערט אַ היפּש ביסל קוילנטרעגער און געגריוועטע שוסטער.

ווי די „פּאָליטישע" פירער פון דער קאָמוניסטישער שלעגער־באַנדע האָט מען געקענט באַטראַכטן שמחה מאַטשן און לייבוניו. זיי, טייל מאָל

אויך אַנדערע פון זייער חברה, האָט מען אָפט געקענט טרעפן מיט קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי־טוער אָדער מיט באַקאַנטע קאָמוניסטישע סטודענטקעס — רייכע טעכטערלעך, אַנגעטאָן אין „פּראָלעטאַרישע" לעדערנע רעקלעך. דער קאָמוניסטישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אין זיינע אויפרופן גענומען אונטער זיין שוץ די דאָזיקע חברה און זי פּאַרטיידיקט קעגן יעדער עפנטלעכער קריטיק.

למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז אין די קאָמוניסטישע טעראָר־גרופּעס האָבן זיך באַטייליקט אויך אַרבעטער, וואָס זיינען אין קיין שום טונקעלע געשעפטן ניט געווען פאַרמישט. פון דער צווייטער זייט האָבן טייל פון דער קרימינעלער חברה געהאָלפן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויך אין איר אומלעגאַלער פּאָליטישער אַרבעט: זיי האָבן געהיט די קאָמוניסטישע יוגנט ביים פאַרוואַרפן רויטע פענדלעך אויף די טראַמוואַי־דראָטן, ביים פּאַרטיילן אומלעגאַלע אויפרופן, ביי פּלי־דעמאָנסטראַציעס א. אַ. וו. פאַר דער דאָזיקער חברה איז געווען באַקוועם צו האָבן אין איר „פּאָליטישער" טעטיקייט אַ דעקמאַנטל פון אירע פאַרברעכערישע און אונטערוועלטישע געשעפטן. די דאָזיקע שותפות פון דער קאָמוניסטישע באַוועגונג אין פּוילן מיט דער אונטערוועלט האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן.

ס'איז מער ווי וואַרשיינלעך אַז אַ געוויסע צאָל פון אָט די קרימינאַליסטן איז אין דער שטיל געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּאָליציי. די פּאָליציי האָט זיי קיין מאָל ניט אַרעסטירט. ניט ביי געשלעגן, אַוואַנטורעס, שיסערייען און אַנדערע מינים אָנפאַלן, וואָס זיי האָבן אַדורכגעפירט, און אויך ניט ביי די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע אַרויסטרעטונגען, בעת וועלכע עס זיינען אָפט מאָל פאַרגעקומען אַרעסטן — האָט ניט געטראָפן, אַז עמיצער פון דער דאָזיקער אונטערוועלט־חברה זאָל אַרעסטירט ווערן. און אַזוי ווי זיי אַליין האָבן דאָך וועגן זייער „אומבאַרירלעכקייט" גאַנץ גוט געוואוסט, האָט דאָס זיי צוגעגעבן נאָך מער חוצפה בעת זייערע אָנפאַלן אויף אונז. און אויב עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ פאַל, אַז פּריוואַטע געליטענע האָבן זיי אָנגעקלאָגט אין געריכט און עס זיינען געווען פּריוואַטע עדות קעגן זיי און עס איז ניט געווען קיין ברירה און דאָס געריכט האָט זיי געמוזט פאַרמשפּטן, — זיינען זיי אָבער בדרך כלל ניט אָפּגעזעסן די שטראָף.

ווי אַ ביישפּיל וועל איך דערציילן איין כאַראַקטעריסטישן פאַל. בעת אַ קאָמוניסטישן „ווילדן" שטרייק ביי די מענער־מאַגאַזין־שניידער — סוף זומער 1930 — זיינען די קאָמוניסטן באַפאַלן די אַרבעטער פון צעלמייסטערס פאַבריק און אַ סך פון זיי גוט צעשלאָגן. צוויי אַרבעטער, דוד געלבראַס און עלע גראָסמאַן — וואָס זיינען אויך צעשלאָגן געוואָרן — האָבן דאָס ניט געוואָלט פאַרליידן און האָבן אָנגעקלאָגט שמחה מאַטשן מיט זיין באַנדע אין געריכט. עס זיינען געווען גענוג עדות און דאָס געריכט האָט פאַרמשפּט שמחה מאַטשן און נאָך אַ פּאָר פון זיין חברה צו עטלעכע חדשים תפיסה. אָבער דער סוף איז געווען אַז זיי זיינען קיין מאָל ניט אָפּגעזעסן דעם אורטייל. עפּעס אויף אַ געהיימנישפולן אופן איז דער ענין פאַרריבן געוואָרן.

קאַפּיטל 35

קאָמוניסטן שיסן אויף אַן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר

אַן איבערפאַל וואָס האָט ניט געהאַט זיין גלייכן אין די פריערדיקע קאָמוניסטישע טעראָר־אַקטן — איז געווען דער באַוואָפנטער אָנפאַל אויף דעם לאַנד־צוזאַמענפאָר פון פאַראיין פון טראַנספּאָרט־אַרבעטער.

געשען איז דאָס אין יוני 1927. עס איז דעמאָלט צונויפגערופן געוואָרן קיין וואַרשע אַ צוזאַמענפאָר פון די יידישע אָפּטיילונגען פון טראַנספּאָרט־פאַראיין. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין זאַל פון ציַיטונג־פאַרשפּריי־טער־פאַראיין, אויף נאַלעווקי 17. עס זיינען געקומען צום צוזאַמענפאָר — אחוץ פון וואַרשע — דעלעגאַטן פון לאָדזש, גראָדנע, ביאַליסטאָק, שעדלעץ און פון עטלעכע אַנדערע גרעסערע שטעט.

אויף איינער פון די ערשטע זיצונגען האָט מען פון דער קאָנפערענץ געקלונגען אין רעדאַקציע פאָלקסציַיטונג, אַז די קאָמוניסטן זיינען באַפאַלן דעם צוזאַמענפאָר און האָבן געשאָסן אויף מענטשן. מען האָט מיר באַלד צו וויסן געגעבן וועגן דעם און איך בין גלייך אַוועק אַהין.

אָט וואָס עס איז געשען:

אַ חברה פון קאָמוניסטישן פאַראיין פון קוילנטרעגער, וואָס איז ניט געווען אָנגעשלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם פאַראיין פון טראַנספּאָרט־אַרבעטער און איז ממילא ניט געווען בארעכטיקט צו באַטייליקן זיך אין דעם צוזאַמענ־פאָר, האָט געוואָלט אַריינרייסן זיך אין זאַל פון דער קאָנפערענץ. מען האָט זיי ניט געלאָזט. האָבן זיי — בראש מיט דוד מילנער און שמחה מאַטש — אָוועקגעשטויסן די אָרדענער מיט כוח, אויפגעריסן מיט גוואַלד די טיר, זיינען אַריין אין זאַל און גלייך געעפנט אַ שיסעריי. זיי האָבן ניט סתם געשאָסן אין דער לופטן, נאָר געצילט אין פּרעזידיום. דעם פאָרזיץ האָט דעמאָלט געפירט זלמן ביאַלאָסטאָצקי פון ביאַליסטאָק, אחוץ אים זיינען געזעסן אין פּרעזידיום מרדכי פייגמאַן (ווי אַ פאָרשטייער פון לאַנדראַט), שאַיע־יודל פון וואַרשעווער פאַראיין, הערשל דאָרפמאַן און נאָך עטלעכע. איין קויל האָט טאַקע געטראָפן שאַיע־יודלען אין פוס און אים שווער פאַרוואונדעט.

ווען איך בין צוגעקומען צו דער קאָנפערענץ, זיינען די קאָמוניסטן שוין געווען אַוועק. ווי איך האָב דערזען שאַיע־יודלען אַ פאַרבלוטיקטן, האָב איך אָפּגעריסן אַ שטיק פון מיין העמד און כ'האָב אויף גיך פאַרבאַנדאַזשירט זיין פאַרבלוטיקטן פוס. דערוויל איז אָנגעקומען די אַרויסגערופענע „גיכע הילף" און זי האָט אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

דאָס פּרעזידיום פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד האָט באַלד אָפּ־

געהאַלטן אַ באַראַטונג. מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אַז אויב מיר וועלן איצט — תיכף אויפן אָרט — ניט רעאַגירן דרייסט, זיינען מיר פאַרלוירן. ווער עס האָט געקענט דעם כאַראַקטער און די טאַקטיק פון די קאָמוניסטן האָט גוט געוואוסט, אַז אויב מיר וועלן זיי ניט געבן קיין שאַרפן ענטפער אויפן אָרט, וועלן קומען נייע שיסערייען. די קאָמוניסטן האָבן געצילט אין שאַיע־יודלען מיט אַ כיוון. זיי האָבן געוואָלט וויזן די טרעגער אַז זיי קענען טאָן וואָס זיי ווילן, אַז זיי האָבן פאַר קיינעם ניט קיין מורא, אפילו ניט פאַרן בונד. האָבן מיר דעריבער געמוזט וויזן די קאָמוניסטן אַז זיי קענען ניט פריי און אומבאַשטראָפט שיסן אויף מענטשן.

איך בין דעמאָלט אַוועק צו אונזערע טרעגער־סטאַציעס און כ׳האָב אַראָפּ־גענומען צו עטלעכע מענטשן פון יעדער סטאַציע. די אויפרעגונג ביי די טרעגער איז צוליב דעם בלוטיקן קאָמוניסטישן אָנפאַל געווען זייער גרויס. דערצו נאָך איז שאַיע־יודל ביי זיי געווען זייער באַליבט און יעדערער פון זיי האָט זיך געפילט ווי מען וואָלט אים געטראָפן. דער כבוד פון פאַך איז ביי זיי געשטאַנען אין קאָן. איך האָב אין אַ קורצער צייט צוזאַמענגענומען אַ היפּשע גרופּע מענטשן. מיר זיינען אַוועק צו ערטער וואו מיר האָבן געקענט טרעפן די שיסער און מיר האָבן זיי גוט מקיים־פּסק געווען. זיי האָבן זיך מסתמא ניט געריכט אויף אַזאַ געשווינדן און שטאַרקן ענטפער און זיי זיינען ניט געווען צוגעגרייט צו שטעלן אונז אַ ווידערשטאַנד.

דערווייל איז די ידיעה וועגן בלוטיקן אָנפאַל אויף אַן אַרבעטער־צו־זאַמענפאַר זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער אַלע אַרבעטער־אינסטיטוציעס און צווישן ברייטן אַרבעטער־עולם. די אויפרעגונג איז אומעטום געווען אַן אומ־געהייערע. ביי נאַכט האָבן מיר צונויפגעזאַמלט די טרעגערישע קאַמפּס־גרופּע אין לאָקאַל פון באַקלייד־פאַראיין, כדי צו האָבן אַלעמען אויף אַן אָרט, ווייל עס איז געווען אַ גרונד מורא צו האָבן פאַר אַן אָרגאַניזירטן איבערפאַל פון די קאָמוניסטן אויף אונזערן אַ לאָקאַל. אונזערע חברים האָבן זיך גיך דער־וואוסט וועגן דעם, און דער לאָקאַל איז באַלד איבערפילט געוואָרן מיט בונ־דיסטן און סתם אַרבעטער וואָס זיינען געקומען זיך דערוויסן גענויערע פּרטים אָדער פאַרלייגן זייער הילף אין קאַמף. אַזוי ווי דער גרויסער עולם איז נייגעריק געווען צו וויסן פּרטים, האָבן מיר געמאַכט אַן אימפּראָוויזירטע פאַרזאַמלונג און איך האָב גערעדט פאַרן עולם. איך האָב אונטערגעשטראָכן, אַז די קאָמוניסטן ווילן אונז מיט טעראָר פאַרטרייבן פון דער גאַס, אָבער דאָס וועט זיי ניט געלינגען, דער בונד וועט דערצו ניט דערלאָזן.

אין דעם געדראַנג איז צו מיר צוגעקומען הענעך מענדעלסונד, דעמאָלט נאָך אַ יונג בחורל, אַ גימנאַזיסט, אין קורצע הייזלעך. ער האָט מיר אין דער שטיל געפרעגט צי ער קען אפשר מיר מיט עפּעס אַרויסהעלפן. עס איז מיר באַלד איינגעפאַלן, אַז ער קען מיר טאָקע צו נוץ קומען, האָב איך אים פאַרגעלייגט, ער זאָל מיר נאָכטראָגן די רעוואָלווערן. ער האָט מיט שטאָלץ אָנגענומען די דאָזיקע אויפגאַבע. ווען עס איז געוואָרן שפּעט האָב איך אים געזאָגט, אַז ער זאָל אַהיים גיין שלאָפן, און זאָל קומען צוריק מאָרגן באַלד

אין דער פרי. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אַהיים גיין שלאָפן, נאָר בלייבן דאָ נעכטיקן מיט דער גאַנצער גרופּע (מיר זיינען געבליבן אַ גאַנצע נאַכט אין לאָקאַל). צו מאָרגנס אין דער פרי זיינען מיר ווידער אַוועק צו די סטאַציעס פון די קוילנטרעגער: איך האָב אונזער עולם איינגעטיילט אין עטלעכע גרופּעס און יעדע גרופּע איז אַוועק צו אַן אַנדער געגנט וואו די קאָמוניסטישע קוילנ־טרעגער האָבן זיך קאָנצענטרירט. העניעך האָט ניט בלויז מיר נאָכגעטראָגן די רעוואָלווערן, נאָר ער האָט אויך אויסגעפירט די פונקציע פון אַ לויפער, ער האָט אָפּגעטראָגן אינסטרוקציעס צו די גרופּעס און פון זיי צוריקגעברענגט באַריכטן.

דריי טעג האָבן די קאַמפן אָנגעהאַלטן. פון אונזער זייט האָבן זיך אין זיי באַטייליקט בלויז טרעגער־אַרבעטער. איך האָב ניט אַריינגעצויגן קיין איין מיטגליד פון דער מיליץ אונזערער, וואָס איז ניט געווען קיין טרעגער. אין משך פון די קאַמפן איז ניט איין מאָל אונז אויסגעקומען צו נוצן געווער, אָבער נאָר אויף אָפּצושרעקן, קיין איין מאָל האָבן מיר ניט געצילט אין קיין מענטשן. איך האָב דאָס בפירוש אָנגעזאָגט יעדן איינעם פון אונזערע גרופּעס. די פּאָר וואָכן, וואָס שאַיע־יודל איז געלעגן אין שפּיטאָל, איז מען געגאַנגען צו אים ווי צו אַ רבין. ער איז געווען דער העלד פון טאָג. בונדישע אינסטאַנצן, פּאַרוואַלטונגען פון פּאַראיינען און אַנדערע אינסטיטוציעס האָבן אָנגענומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס, צוגעשיקט אים מיטגעפיל־טעלעגראַמעס און סאָלי־דאַריטעט־אויסדרוקן. דעלעגאַציעס און איניקע פריינד האָבן אים געברענגט אין שפּיטאָל אַריין בלומען, עסנס, מתנות. אין שפּיטאָל האָט מען געוויינטלעך אַריינגעלאָזט נאָר צוויי מאָל אַ וואָך, אָבער ניט ביי די טרעגער־אַרבעטער! זיי זיינען געגאַנגען ווען זיי האָבן געוואָלט און פּאַר זיי האָט ניט געקענט זיין קיין פאַרמאַכטע טיר: זיי האָבן שוין געפונען וועגן ווי זיך אַריינצוקריגן אינעווייניק.

שאַיע־יודל האָט געזען ווער עס האָט אויף אים געשאָסן, דאָס איז געווען דער טרויעריק־באַרימטער שמחה מאָטש. שאַיע־יודל האָט נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל געוואָלט אין אים נקמה נעמען, אָבער דער בונד האָט דאָס אים פאַרבאָטן, ווייל מיר האָבן ניט געוואָלט פונאַנדערפלאַקערן אַ נייעם קאַמף. און שאַיע־יודל האָט געפאָלגט, כאָטש ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס מען זאָל אים פאַרבאָטן צו נעמען גערעכטע נקמה אין איינעם וואָס האָט אויף אים געשאָסן און אים געוואָלט דערהרגענען. דאָך — געפאָלגט האָט ער. דאָס איז אפשר געווען דער ערשטער פאַל, ווען אין דער סביבה פון די טרעגער האָט ניט דעצידירט דאָס רויע געזעץ פון נקמה, נאָר אַ העכערע געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין.

קאַפּיטל 36

דער „מאָרגנשטערן"

די בונדישע ספּאָרט־באַוועגונג אין וואַרשע האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַ באַשיידענעם אופן מיט די גימנאַסטישע גרופּעס ביים „טאָז" (די געזעלשאַפט צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג). דאָס איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן. די דאָזיקע גרופּעס האָבן געפירט זייער אַרבעט אין דער געביידע פון „טאָז" אויף גענשע 43. פאָרמעל זיינען די גרופּעס געווען אומפּאַרטייאיש. פאַקטיש זיינען זיי געווען אָרגאַניזירט דורכן בונד און זיי זיינען באַשטאַנען אויסשליסלעך פון בונדישער יוגנט און מיטגלידער פון די יוגנט־סעקציעס ביי אונזערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן. די „טאָז"־פירער האָבן גאַנץ גוט געוואוסט וועגן דעם, אָבער זיי זיינען געווען איבער־געגעבן דער זאַך פון פיזישער דערציונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און האָבן געהאָלפן יעדן איינעם וואָס האָט עפּעס געטאָן אין דער ריכטונג. זיי האָבן דעריבער גערן אָפּגעגעבן אַ פּאַסיקן זאַל פאַר אונזערע גימנאַסטישע גרופּעס און זיי האָבן אויך טיילוויז געדעקט דעם בודזשעט. ד"ר לעאָן וואולמאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען דער הויפּט־סעקרעטאַר פון „טאָז" (היינט — אין אַמעריקע), האָט זיך זייער גוט באַצויגן צו אונזערע גימנאַסטישע גרופּעס. (די אונטערהאַנדלונגען מיט אים וועגן איינשטעלן די גרופּעס האָט נאָך אָנגעהויבן פירן ח' דוד מייער, האַרט פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע). דער ערשטער סעקרעטאַר פון די גרופּעס איז געווען ח' בערגהויער (אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער עמיגרירט קיין פּאַריז און איז דאָרט אַן אַקטיווער בונדישער טוער). נאָך אים האָט דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון די גרופּעס איבערגענומען מאָריס (ברוך) געלבראַן, אַן אַקטיווער צוקונפט־טוער, וואָס האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אויף ספּאָרט־אַרבעט (ער איז געשטאָרבן דעם 16טן מאַי 1956 אין מעלבורן, אויסטראַליע). מיר האָט מען איבערגעגעבן דעם פאָרזיץ אין דער פאַרוואַלטונג פון די דאָזיקע גרופּעס.

די ספּאָרט־גרופּעס זיינען זיך גיך פונאַנדערגעוואַקסן און עס איז שוין געוואָרן צו ענג אין דעם פּלאַץ וואָס דער „טאָז" האָט אונז געקענט אָפּגעבן. אַחוץ דעם האָבן מיר אונטערן נאָמען פון „טאָז" ניט געקענט אַזוי ברייט זיך פונאַנדערשפּרייטן ווי מיר וואָלטן דאָס געוואָלט. האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אָרגאַניזירן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָפן זיין פאַרבונדן מיט דער בונדישער באַוועגונג.

מיר זיינען צוגעטראָטן צו גרינדן אַן אייגענע אַרבעטער־ספּאָרט־געזעל־

שאַפט. מיר האָבן איר אַ נאָמען געגעבן מאָרגנשטערן און מיר האָבן זיך גע־זעגנט מיטן גאַסטפריינדלעכן „טאָז" און מיט זיינע סימפּאַטישע פירער. *)

יאָ, שיר נישט פאַרגעסן — מיר האָבן זיך אויך וואַרעם געזעגנט מיטן מיטן סטרוזש וואָלסקי. צווישן אים און אונזערע יוגנטלעכע ספּאָרטלער איז די גאַנצע צייט אָנגעגאַנגען אַ פּערמאַנענטע מלחמה: דער עולם יוגנטלעכע פלעגט זיך זאַמלען אויפן הויף און אַ ביסל טומלען, אָדער ביים אַהיים גיין שפּעט ביי נאַכט (די ספּאָרט־גרופּעס האָבן זיך פאַרצויגן ביז 11 אַ זייגער ביי נאַכט) זיינען זיי זיך נישט אַזוי געשווינד פונאַנדערגעגאַנגען און ווידער אַ מאָל אָנגעמאַכט אַ טומל. פלעגט וואָלסקי זיי אַרויסטרייבן מיט נישט קיין צו איבעריקער העפלעכקייט. ער האָט אויסגעצייכנט געקענט יידיש און יידישע קללות, מיט וועלכע ער פלעגט זיך באַנוצן ביים פונאַנדערטרייבן די יוגנט־לעכע. אין דער אמתן האָט ער שטאַרק געהאַלטן פון יידן, און ער האָט זיין מיידעלע געשיקט אין דער צישאָ־שול אויף קאַרמעליצקע 29. פון דער „פּאָווסעכנער" (מלוכהשער) שול האָט ער נישט געהאַלטן; ער וויל זיין קינד זאָל האָבן אַ גוטע דערציאונג, האָט ער געזאָגט.

נאָכן אַרויסבאַקומען די לעגאַליזאַציע פון „מאָרגנשטערן" האָבן מיר געדונגען אַ געראַומען לאָקאַל אין באַקאַנטן סימאָנס־פּאַסאַזש אויף נאַלעווקי 2, און אין גיכן איז די נייע אַרבעטער־ספּאָרט־געזעלשאַפט געוואָרן פּאָ־פּולער. נאָך אַ קורצער צייט האָט אונזער מאָרגנשטערן שוין געציילט איבער אַ טויזנט מיטגלידער און איז געוואָרן די גרעסטע יידישע ספּאָרט־אָרגאַני־זאַציע סיי לויט דער צאָל מיטגלידער, סיי לויטן פאַרנעם פון דער טעטיקייט.

דער מאָרגנשטערן האָט זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון אַנדערע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, אַפילו אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס אין פוילן. דער עיקר האָט ער געלייגט אַכט אויף מאַסן־ספּאָרט, ווי גימנאַסטיק, ריטמיק, לייכט־אַטלעטיק, טוריסטיק, ציקליסטיק, לאַנד־קענטעניש — אַלץ אַזעלכע געביטן פון ספּאָרט, וואָס האָבן נישט געפאָדערט קיין לאַנגע און שווערע איבונגען און וואָס זיינען אויך נישט געווען אויסגערעכנט אויף קיין „סטאַרס" און „טשעמפּיאָנען". אין אַנדערע אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס (אַפילו יידישע) האָט מען אַ סך מער אַכט געלייגט אויף פוטבאָל, באָקס און אַנדערע ספּאָרטן, וועלכע זיינען געווען מער אַן ענין פאַר יחידים־פּראָפעסיאָנאַלן ווי פאַרן דורכשניטלעכן יונגן אַרבעטער וואָס האָט געהאַט זייער ווייניק צייט

*) אין קראָקע האָט עקזיסטירט נאָך פון אַ סך פריער אַ בונדישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע א. נ. „יוטזשענקאָ" („מאָרגנשטערן"). ד״ר לעאָן פיינער איז געווען איר לעצטער פאָרזיצער. ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די צענטראַלע פון „מאָרגנשטערן" האָט די קראָקעווער „יוטזשענקאָ" זיך אין איר אָנגע־שלאָסן און ד״ר פיינער איז אַריין אין דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג. דעם נאָמען „מאָרגנשטערן" האָבן מיר טאַקע אויסגעקליבן צוליב דער קראָקע־ווער „יוטזשענקאָ".

פון רעכטס: בערנאַרד, לוציע, שלמה מענדעלסאָן, דר. ח. פיזשיץ און זיין פרוי רעניע יאַרעצקי.



בערנאַרד און זיין זון יאַנעק



פּרעזידיום פונם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פון דער אַרבעטער-געזעלשאַפט פאַר פיזישער דערציאונג „מאָרגנשטערן", 26-25טן אַפּריל 1929, אין וואַרשע. פון רעכטס זיצן : מ. פּערענסאָן, דר. לעאָן פיינער, דר. ה. פיזשיץ, בערנאַרד, ל. פֿרידמאַן.

אויף ספּאָרט־איבונגען. אין די מאַסן־ספּאָרטן האָט דער מאָרגנשטערן גאָר גיך זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט און אין לייכטער אַטלעטיק האָט ער אַפילו געהאַט אַ פּאָר טשעמפּיאָנען אויך. למשל, דער ח׳ לאַזער אייכעל, אַ יוגנטלעכער דרוקער־אַרבעטער און אַ צוקונפטיסט, וואָס איז געוואָרן איינער פון די בעסטע לויפער אויף קורצע דיסטאַנצן אין גאַנץ פּוילן (ער איז בעת דער מלחמה געשטאָרבן אין רוסלאַנד, זיין פרוי שבע און טאָכטער געפינען זיך איצט אין ניו־יאָרק).

אין די דרייסיקער יאָרן האָט דער מאָרגנשטערן אויך אָרגאַניזירט אַ פוטבאָל־מאַנשאַפט און נאָך דעם — נאָך אַ לאַנגער, הייסער און פּרינציפּיעלער דיסקוסיע — איז אויך איינגעפירט געוואָרן באָקס. אָבער קיין גרויסע ראָל האָבן זיי אין דער אַרבעט ניט געשפּילט. דער מאָרגנשטערן איז ביזן סוף פאַרבליבן אַן אָרגאַניזאַציע פאַר מאַסן־ספּאָרט און אויף דעם געביט האָט ער זיך דערוואָרבן זייער אַ גוטן נאָמען.

דער וואַרשעווער מאָרגנשטערן האָט אויך איינגעפירט זיין אייגענעם יום־טוב — אַ יערלעכן ספּאָרט־פעסטיוואַל, וואָס איז פאָרגעקומען פסח־צייט אין צירק, דעם גרעסטן וואַרשעווער זאַל, און האָט אָנגעצויגן יעדעס מאָל בערך 4.000 מענטשן. הונדערטער ספּאָרטלער, יוגנטלעכע און קינדער, זיינען אויפגעטראָטן אויף דעם פעסטיוואַל אין די גימנאַסטישע, לייכט־אַטלעטישע און ריטמיק־גרופּעס און אַנדערע פּרעזענטאַציעס פון מאַסן־ספּאָרט. דער קול־מינאַציע־פּונקט פון פעסטיוואַל איז געווען די דעפילאַדע פון אַלע גרופּעס איבער דער אַרענע פון צירק. אין שפּיץ איז געגאַנגען דער הויפּט־אינ־סטרוקטאָר מ. גאָלפייל (אַ פּראָפעסיאָנעלער ספּאָרטלער), הינטער אים איז געטראָגן געוואָרן די רויטע פאָן פון מאָרגנשטערן און הינטער דער פאָן האָבן אַריינמאַרשירט, צום ריטם פון אַרבעטער־לידער וואָס דער בלאָז־אָרקעסטער האָט געשפּילט, די פאַרשיידענע ספּאָרט־גרופּעס, פון די עלטסטע ביז די קינדער־גרופּעס, יעדע אין אַן אַנדער פאַרביקן קאָסטיום. ווען די גרופּעס האָבן אויסגעפילט די אַרענע האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ פרילינג־לאָנקע באַ־דעקט מיט הונדערטער פאַרביקע פעלד־בלומען. קוקנדיק אויפן דאָזיקן וואונדערבאַרן בילד פון יונגקייט, פרישקייט, כוח, ריטם און פאַרביקייט, האָט דאָס האַרץ געקוואָלן און יעדערער האָט געטראַכט: אונזער בונדישע באַ־וועגונג האָט אַ שיין שטיקל וועג אַדורכגעמאַכט פון די קליינע געהיימע קרייזלעך וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויףביידעמער און אין קעלערן אין אַ ווילנע אָדער מינסק — ביז אַזאַ עפנטלעכן, קאָלירפולן מאַסן־ספּאָרט־פעסטיוואַל אין דעם גרעסטן, ביז איבער די ברעגעס געפּאַקטן, וואַרשעווער זאַל.

באַלד נאָך דעם ווי ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער מאָרגנשטערן אין וואַרשע האָבן אָנגעהויבן אויפקומען ענלעכע בונדישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע שטעט, קודם כל — אין לאָדזש. ס׳איז צונויפגערופן געוואָרן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע

פון מאָרגנשטערן. פאַר פאָרזיצער פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג איז אויס־געקליבן געוואָרן — און ער איז אויף דעם אַמט פאַרבליבן ביזן סוף — ד״ר חיים פּיזשיץ. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך אידעלער און גוטער מענטש, אַן איבערגעגעבענער בונדיסט, מיט אַ סך איניציאַטיוו, ענערגיע און אַקטיווקייט. ער איז אומגעקומען אין אַ סאָוועטישער תפיסה. בעת סאָוועט־רוסלאַנד האָט פאַרכאַפּט ליטע (וואו ער האָט זיך געפונען נאָכן פאַרלאָזן וואַרשע, זינט סעפּטעמבער 1939) איז ער אַנטלאָפן קיין ריגע און איז דאָרט אַריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פון דער נקוו״ד. נאָך זיין אַרעסט איז יעדער שפּור נאָך אים פאַרשוואונדן.

אין דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג זיינען אויך אויסגעקליבן געוואָרן: ד״ר לעאָן פיינער (דער שפּעטערדיקער פאָרזיצער פון צ.ק. פון אונטערערדישן בונד אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן, מאָריס געלבראַן, לייבל פרידמאַן (דער פירער פון לאָדזשער מאָרגנשטערן), שלמה נאַטקאָווסקי, פּנחס שוואַרץ און איך. מאָריס געלבראַן איז געוואָרן סעקרעטאַר פון דער צענטראַלע; ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז אַרום 1936, נאָך דעם האָט דעם אַמט איבערגענומען זלמן פרידריך, דער שפּעטערדיקער העלדישער „חבר זיגמונט״ פון וואַרשע־ווער געטאָ.

עטלעכע יאָר בין איך געווען פאָרזיצער פון וואַרשעווער מאָרגנשטערן, אָבער גיכער אַ נאָמינעלער פאָרזיצער, ווייל אין דער פּראַקטישער אַרבעט האָב איך זיך ניט געקענט באַטייליקן. אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט דעם פאָרזיץ איבערגענומען שלמה נאַטקאָווסקי, פון פאַך אַן אינזשיניער, אַ צוקונפט־טוער, וואָס איז אַ צייט געווען סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער צוקונפט־אָרגאַניזאַציע. נאַטקאָווסקי איז געווען אַ שטילער, אידעלער מענטש. העכער פון מיטעלן וואוקס, אַ שלאַנקער, אַ ברוין־הויטיקער, מיט שוואַרצע האָר און לענגלעכן פּנים, האָט ער מיט זיין אייביקן שמייכל און גוטמוטיקן הומאָר אַרויסגערופן צו זיך צוטרוי און סימפּאַטיע. ער איז אויך געווען זייער אַ סיסטעמאַטישער און אַרבעטזאַמער מענטש. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער אַרבעט פון וואַרשעווער מאָרגנשטערן און אונטער זיין פירערשאַפט האָט זיך די אָרגאַניזאַציע שטאַרק פונאַנדערגעבליט. (אומ־געקומען מיט זיין פרוי סטאַשע און קינד אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה).

באַלד ווי דער מאָרגנשטערן איז געוואָרן אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע האָט מען אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט דער פּוילישער אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג וועגן אַ פאַראייניקונג — אין הסכם מיטן בונדישן פּרינציפּ, אַז אין יעדן לאַנד דאַרף עקזיסטירן איין געאייניקטע אַרבעטער־באַוועגונג, מיט אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. דער פירער פון דער פּוילישער אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג (וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון די פּ.פּ.ס.) איז געווען ד״ר יעזשי מיכאַלאָוויטש, אַ יונגער מעדיצינער און אַ זון פון פּראָפ. מיכאַלאָוויטש, איינעם פון די גרעסטע מעדיצינער אין פּוילן. (פּראָפ. מיכאַלאָ־וויטש איז געווען אַ הייסער ליבעראַל און איז געווען איינער פון די ווייניקע

פּוילישע פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן אָפן און מוטיק פּאַרטיידיקט די יידישע סטודענטן בעת די טרויעריק־באַרימטע קאַמפן אַרום די „געטאָ״־בענק). ניט וועגן אַלץ האָבן מיר אַזוי לייכט געקענט אַדורכקומען, האָבן די אונטערהאַנד־לונגען זיך געענדיקט ניט מיט קיין פּאָרמעלער פּאַראייניקונג, נאָר מיט אַ קאָאָרדיניר־קאָמיסיע, וואָס האָט פּאַר דער עפנטלעכקייט רעפּרעזענטירט די גאַנצע אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג אין פּוילן. אָבער אין אַרבעטער־ספּאָרט־אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט געהאַט זיין זיצאָרט אין פּראָג, איז דער מאָרגנ־שטערן״ געווען פּאַרטראָטן זעלבשטענדיק און האָט אין אַלע זיינע ספּאָרט־אונטערנעמונגען אָנטייל גענומען אין זיין אייגענעם נאָמען.

קאַפּיטל 37

די אַרבעטער־ספּאָרט־אָלימפּיאַדע אין פּראָג

אָנהייב יולי 1927 איז אין פּראָג, טשעכאָסלאָוואַקיע, פאָרגעקומען אַן אָלימפּיאַדע פון דער טשעכישער אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג. פאַקטיש האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־ספּאָרט־אָלימפּיאַדע, ווייל צו דעם יום־טוב זיינען געקומען צאָלרייכע דעלעגאַציעס פון די אַרבעטער־ספּאָרט־געזעלשאַפטן כמעט פון גאַנץ אייראָפּע. האָט אויך דער מאַרגנשטערן באַשלאָסן אָנטייל צו נעמען אין דער דאָזיקער אָלימפּיאַדע. עס איז געפאָרן אַ דעלעגאַציע פון עטלעכע צענדליק מאַן, ס'רוב אונזערע ספּאָרטלער, ווי אויך עטלעכע פון דער צענטראַלער אָנפירונג: ד"ר פיזשיץ, פּנחס שוואַרץ און איך, און אויך שלום הערץ, ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער פאָלקסצייטונג.

דאָס איז געווען מיין ערשטער באַזוך אין אויסלאַנד. שוין די רייזע אַליין איז ביי מיר געווען אַ יום־טובדיקע איבערלעבונג. אָבער דער עיקר האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק די אָלימפּיאַדע גופא, מיט אירע פּראַכטפולע דע־פילאַדעס און דעמאָנסטראַציעס; מיט אירע פאַרביקע דעלעגאַציעס פון פאַר־שיידענע לענדער; מיט די מאַסנהאַפטע ספּאָרט־פאָרמעסטונגען; מיט די פריילעכע פאָלקס־פאַרווייליגונגען. ס'איז דעמאָלט געווען דער באַרג־אַרויף פון דער אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג, — אַרום דער אָלימפּיאַדע האָט געשטראַלט מיט מאַכט און מיט גלאַנץ. דאָס אַלץ האָט געוואַרעמט דאָס האַרץ פון יעדן סאָציאַליסט און עס האָט געשטאַרקט דעם גלויבן אין אונזער זאַך.

דער פּרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, פּראָפ. טאָמאַס מאַסאַריק, האָט געמאַכט אַן אויפנאַמע פאַר די דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע לענדער. פאַר אונז, סאָציאַליסטן פון פּוילן, וואָס זיינען געוויינט געווען צו אַ רעגירונג וואָס ווייזט אונז נאָר איר פויסט און די פּאָליציייאישע נאַהאַיקע, איז די פריינדלעכע אויפנאַמע ביים הומאַניטאַרן, ליבעראַלן פּרעזידענט מאַסאַריק געווען אַן איבער־ראַשונג. אַלע מיטגלידער פון די אויסלענדישע דעלעגאַציעס האָבן אויך געקריגן בחינמדיקע באַן־בילעטן אַרומצופאָרן איבער גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיע, כדי צו באַקענען זיך מיטן לאַנד. פיזשיץ און שוואַרץ האָבן געמוזט באַלד צוריק פאָרן אַהיים, אָבער הערץ און איך האָבן אויסגענוצט די באַן־בילעטן און מיר האָבן זיך געלאָזט אויף אַ נסיעה איבערן לאַנד. אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט ווייניק געלט, זיינען מיר ביי נאַכט געפאָרן און ביי טאָג באַזוכט די שטעט, כדי איינצו־ברענגען זיך האָטעל־קאָסטן. מיר האָבן פאַרברענגט עטלעכע טעג אין קלאַדנע, אַ גרויסן צענטער פון דער אייזן־און קוילן־אינדוסטריע, און אין אַנדערע ערטער. אין קלאַדנע האָבן מיר באַזוכט די הייזער פון דער סאָציאַליסטישער

און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. בכלל האָבן אויף אונז געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק די פרייע באַדינגונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַ באמת־דעמאָקראַטיש לאַנד.

נאָך דעם זיינען מיר צוגעפאָרן קיין מאַריענבאַד. מיר זיינען דאָרט אָנגעקומען פאַר טאָג. כאָטש איך בין שוין געווען אַ ביסל מיד (שלום מסתמא אויך), זיינען מיר גלייך אַוועק באַזוכן די שטאָט און די בערג אַרום דער שטאָט. ווען מיר זיינען אַזוי געגאַנגען אין שטילן פרימאָרגן הינטער דער שטאָט אויף אַ שמאָלער סטעזשקע באַרג־אַרויף, האָב איך פּלוצלונג דערהערט אַ געזאַנג. אַרום זיינען קיין מענטשן און קיין הייזער ניט געווען, נאָר ערגעץ פון דער ווייט איז דערגאַנגען אַ ווידער־קול ווי פון אַ מין תפילה־געזאַנג, וואָס האָט שאַרף אָפּגעהילכט אין דער פרימאָרגן־שטילקייט אין די בערג. ווען מיר זיינען דורך די געדיכטע ביימער דערגאַנגען ביז צום שפּיץ באַרג, האָבן מיר דערזען אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט אַ יידישע פאַמיליע. מיר האָבן דערזען אַ ייד מיט אַ באָרד, חסידיש געקליידט, און עטלעכע ייִנגלעך מיט לאַנגע פאות און אַ פרוי אין אַ שייטל. דאָס האָבן זיי הייסט עס, די יידן, געדאַוונט אויפן קול אויפן שפּיץ באַרג און זייער דאַוונען האָט דאָס אַזוי אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן באַרג.

צוריק אַראָפּ אין שטאָט אַריין, האָבן מיר זיך דערוואוסט פון די פרימאָרגן־צייטונגען, אַז אַרבעטער האָבן אונטערגעצונדן דעם יוסטיץ־פּאַלאַץ אין ווין. אין שלומען האָט זיך אָנגעצונדן דער זשורנאַליסטישער אָדער. איז ער אויפגעשפרונגען און געלאָפן גלייך צו דער באַן און געכאַפּט אַ צוג קיין ווין, כדי פון אָרט צו באַריכטן פאַר דער פאָלקס־צייטונג וועגן די געשעענישן. דערווייל האָב איך זיך אַרומגעקוקט, אַז איך בין געבליבן כמעט אָן געלט און איינער אַליין. בין איך אַוועק קיין קאַרלסבאַד, מיט דער אויסרעכענונג, אַז היות דאָרט זיינען פאַראַן אַ שפּאַר ביסל צוגעפאָרענע יידן, קורגעסט פון פּוילן, קען איך אפשר טרעפן אַ באַקאַנטן, ביי וועמען כ׳וועל קענען באָרגן אַ ביסל געלט אַהיים צו פאָרן.

ווי נאָר איך בין אָנגעקומען קיין קאַרלסבאַד בין איך אַוועק אַהין, וואו מען טרינקט די וואַסערן און וואו די אויסלענדישע געסט שפּאַצירן אַרום. איך בין דאָרט אָנגעקומען גאַנץ פרי, האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַ הונגעריקער, געשלונגען דאָס שפּייעכץ און פאַר צרות אויך געטרונקען די געזאַלצענע און ביטערע וואַסערן. איך האָב אַרומגעזוכט מיט די אויגן אַ באַקאַנט פּנים און ניט געפונען. אַזוי בין איך אַרומגעגאַנגען אַ היפּשע פאַר שעה. פּלוצלונג איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן: איך האָב דערזען אַ באַקאַנטן וואַרשעווער נגיד, אַ געוויסן אַראַנסאָן, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס געשעפט פון זיידנס אויף נאַלעווקעס און אַחוץ דעם איז ער אויך געווען אַ שותף צום סימאָנס־פּאַסאַזש. איך האָב אים געקענט, ווייל עס איז מיר אויסגעקומען פון צייט צו צייט אינטערוועוירן ביי אים וועגן פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע קאָנפליקטן מיט האַנדלס־אָנגעשטעלטע וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט. איך בין צו אים צוגעגאַנגען, ער האָט מיך גלייך דערקענט און האָט זיך מיט מיר זייער דער־

פרייט. מיר האָבן אַרומשפּאַצירט אפשר אַ האַלבע שעה, איך האָב אים דערציילט פון וואַנען איך נעם זיך דאָ אין אויסלאַנד, כ׳האָב אָבער אַלץ אָפּגעצויגן מיט דער בקשה, ער זאָל מיר באָרגן אַ ביסל געלט.

פּלוצלונג האָט ער געהאַט אַ גאָלדענעם איינפאַל: „איר ווילט אפשר אַריינגיין אויסטרינקען מיט מיר אַ גלעזל קאַווע?״ — האָט ער מיר געפרעגט. איך האָב געענטפערט פריינדלעך, אָבער קאַלט: „מהיכא־תיתי״, אָבער אין מיר האָבן אַלע מיינע הונגעריקע געדערעם אַזש אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד, איך האָב דאָך שוין כמעט אַ גאַנצן מעת־לעת ניט געהאַט געגעסן! מיר זיינען אַריין אין אַ קאַפע, און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. מען האָט דערלאַנגט קאַווע מיט קליינע, געשמאַקע זעמעלעך. איך בין געווען בכוח אויפצועסן גאַנצע טוצן אַזעלכע זעמעלעך, אָבער כ׳האָב זיך געשעמט. איך האָב אים ווייטער דערציילט וועגן מיין רייזע, וועגן די איינדרוקן מיינע, און כ׳האָב נאָך אַלץ אָפּגעצויגן מיט מיין בקשה, ביז איך האָב זיך גענומען מוט און אים דערציילט, אַז איך בין געבליבן אָן אַ גראָשן געלט און געבעטן אים, ער זאָל מיר באָרגן עפּעס געלט אַהיים צו פאָרן. ער האָט מיין בקשה זייער פריינדלעך אויפגענומען. „ביטע, האָט ער געזאָגט, איך קען אייך באָרגן וויפל איר דאַרפט נאָר, וויפל זשע ווילט איר?״ — „עטלעכע הונדערט קראָן״, האָב איך געזאָגט (דאָס איז געווען אין גאַנצן אַ פאַר צענדליק זלאָטעס). ער האָט מיר איבערגעפרעגט מיט אַ ביסל איראָניע אין טאָן: „מער דאַרפט איר ניט?״ — „ניין, האָב איך געזאָגט, איך דאַרף בלויז אויף צוצופאָרן פון דער טשעכישער גרענעץ ביז זאַקאָפּאַנע״. ער האָט אַרויסגענומען די פאַר הונדערט קראָן און מיר דערלאַנגט. איך האָב אים האַרציק געדאַנקט, כ׳האָב זיך מיט אים געזעגנט און כ׳בין גיך אַוועק צו דער באַן.

פון קאַרלסבאַד בין איך געפאָרן קיין פראַנצעסבאַד, פון פראַנצעסבאַד קיין אַש, און פון אַש — צו דעם עלעגאַנטן, שיינעם קליינעם קוראָרט שטשיבסקע פּלעסאָ, ביי דער אַזערע מיט דעם זעלבן נאָמען, ביים צופוסנס פונם טשעכישן טייל טאַטרען. פון דאָרט בין איך אַוועק — שוין צו פוס, באַרג אַרויף — צום טאָל און אַזערע פּאָפּראַדסקע פּלעסאָ, וואָס ליגט ביים צופוסנס פון באַרג ריסי אויף דער טשעכישער זייט טאַטרען. כמעט אָן אָפּרו בין איך פון דאָרט באַלד אַוועק איבערן באַרג ריסי צום פּוילישן טייל פון די טאַטרען. ניט איין מאָל בין איך געגאַנגען מיט אויספּלוגן איבערן דאָזיקן וואונדער־שיינעם, אַ ביסל שווערן וועג (פון דער פּוילישער זייט), פון וואַנען עס זעט זיך אפשר די שענסטע פּאַנאָראַמע איבער דער גאַנצער קייט פון די טאַטרען־בערג. אָבער איצט בין איך געגאַנגען איינער אַליין, כ׳האָב זיך געיאָגט צו קומען וואָס גיכער קיין זאַקאָפּאַנע, און איך האָב כמעט קיין אַכט ניט געלייגט אויף דעם פּרעכטיקן אַרום, נאָר אַלץ געגאַנגען פאָרויס. שוין אין די בין־השמשותדיקע שעהן בין איך אָנגעקומען קיין מאָרסקע אָקאָ, דער באַרימטער אַזערע אויף דער פּוילישער זייט טאַטרען. דאָרט האָט זיך געפונען אַ שיין טוריסטן־הויז. עס איז מיר קוים פאַרבליבן געלט אויף אָפּצועסן און צו באַצאָלן פאַר אַ נאַכטלעגער, אָבער איך האָב שוין ניט געהאַט קיין געלט צו פאָרן

קיין זאַקאָפּאַנע, וואָס איז 30 קילאָמעטער (אַרום 18 מייל) פון מאָרסקע אָקאָ, בין איך צו מאַרגנס אַוועק צופוס, דורך דעם אויטאָ־וועג וואָס פירט פון דאָרט קיין זאַקאָפּאַנע און שניידט אַדורך אַ גרויסן טייל פון די פּוילישע טאַטרען. אָבער איך האָב זיך ניט אומגעקוקט אויף די אַרומיקע נאַטור־שיינקייטן, יאָגנדיק זיך צום ציל. קיין זאַקאָפּאַנע בין איך אָנגעקומען פאַר־נאַכט אַ טויט־מידער, פאַרשטויבט פון וועג. איך האָב אָנגעהויבן זוכן איבער די גאַסן פון זאַקאָפּאַנע חברים, וואָס כ׳האָב געוואוסט אַז זיי זיינען דאָרט דאָ. צום גליק האָב איך באַלד אויפן גאַס געטראָפן דעם חבר לייוויק האָדעס (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1957), כ׳האָב ביי אים געבאָרגט אַ ביסל געלט, כ׳בין פאַרבליבן אין זאַקאָפּאַנע נאָך אַ פּאָר טעג זיך אָפּצורוען און כ׳בין אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע.

ווי נאָר כ׳בין אַהיים געקומען, האָב איך אָפּגעשיקט דעם ח׳ האָדעס דעם חוב (אַנדערש וואָלט ער ניט געהאַט מיט וואָס אַהיים צו פאָרן). אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אַוועק צום סוחר אַראָנסאָן און אָפּגעגעבן אים זיין געלט. ער האָט מיך אויפגענומען מיט אַ ברייטן ברוך־הבא און ווען איך האָב אים דערציילט וועגן וואָס איך בין געקומען, האָט ער צונויפגערופן זיין גאַנצן פּערסאָנאַל, דערציילט זיי די מעשה און געלאַכט פון מיין קבצנישער השגה.

די דאָזיקע ערשטע רייזע מיינע קיין אויסלאַנד איז געווען פאַר מיר אַן אָפּפרישונג: איך האָב געזען מיט מיינע אויגן אַ טייל פון דער מעכטיקער מערב־אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

קאַפּיטל 38

כמאַרעס פון אַלע זייטן

דער באַוואָפּנטער אָנפאַל פון די קאָמוניסטן אויפן טראַנספּאָרט־צוזאַמענפאָר איז געווען אַ נייס וואָס האָט אונדז אין ערשטן מאָמענט אין גאַנצן געפּלעפט. צו די ווילדע קאָמוניסטישע אָנפאַלן מיט געשלעגן, מיט שפּאַלטן קעפּ, מיט נוצן מעסערס, מיט אַוואַנטורעס, מיט זידלערייען — זיינען מיר שוין געווען צוגעוויינט. אָבער אָנפאַלן און שיסן אויף אַן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר, און צילן אין מענטשן, אין אַרבעטער־טוער — דאָס איז געווען אפילו אין אונזערע באַדינגונגען אומדערוואַרט. עס האָט זיך גיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז געווען אַן אָנזאָג, אַן אָנהייב פון אַ נייעם פאַרשאַרפטן קאָמוניסטישן קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער און פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט.

אין גאַנצן קלאָר איז דאָס געוואָרן ערשט אין 1928, ווען דער קאָמאינטערן (קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל) האָט אָפּגעהאַלטן זיין זעקסטן קאָנגרעס און האָט אָנגענומען שאַרפע באַשלוסן קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וואָס געפינען זיך אונטער דער סאָציאַליסטישער אָנפירונג. די סאָציאַליסטן זיינען באַצייכנט געוואָרן דורכן קאָמאינטערן ווי, „סאָציאַל־פאַשיסטן", ווי דער „שונא נומער איינס", וועלכן מען דאַרף באַקעמפן און פאַרניכטן מיט אַלע מיטלען.

די נייע, פאַרשאַרפטע, אַנטי־סאָציאַליסטישע טאַקטיק, וואָס האָט אין דער ברייטער וועלט — אין בערלין, פּאַריז, ווין, פּראָג א. אַז.וו. — זיך אויסגעדריקט אין טראַגישע קאַמפן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אָנגעוואָרפן דער אַרבעטערשאַפט, און וואָס האָט די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג שרעקלעך אָפּגעשוואַכט, — האָבן די קאָמוניסטן אָנגעווענדט אויך אויף דער יידישער גאַס אין פּוילן, אָבער אין די קליינע פּויליש־יידישע שטעטלעך, אָדער אפילו אין וואַרשעווער יידישן קוואַרטאַל, אויף קאַרמעליצקע, סמאָטשע, פּאַוויע און גענשע האָט דער דאָזיקער נייער קורס אָנגענומען אַ באַזונדערס שאַרפן כאַראַקטער.

די קאָמוניסטן האָבן איצט נאָך מער פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט זייער שפּאַלטונגס־אַרבעט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. צום ערשטן האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צום גרויסן באַקלייד־פאַראיין. די באַמיאונגען צו שפּאַלטן דעם פאַראיין האָבן זיי באַגלייט מיט אומאויפהערלעכע אַוואַנטורעס אויף די פאַראיינס־פאַרזאַמלונגען, מיט אָנפאַלן אויף איינצלנע טוער און מיט

גרענעצלאָזע זידלערייען. אָבער עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אָפּצורייסן בלויז אַ קליינעם טייל פֿון גרויסן מענער־מאַגאַזין־פֿאַך און טיילן פֿון אַ צוויי־דריי אַנדערע קליינע פֿאַכן. זיי האָבן תיכף געפּרואווט אַרויסרופֿן אַ שטרייק אין מענער־מאַגאַזין־פֿאַך (קעגן דעם ווילן פֿון די אַרבעטער, וואָס זיינען אין 80 פּראָצענט פֿאַרבליבן ביים באַקלייד־פֿאַראיין) און האָבן אָנגעהויבן דורכפֿירן דעם אָנגעוואָרפֿענעם שטרייק מיט אַ ווילדן טעראָר. אַ וואָך צייט זיינען זיי טאָג־טעגלעך באַפֿאַלן די אַרבעטער אויף דער גאַס, צעשלאָגן און צעשטאָכן צענדליקער פֿון אונדזערע פֿאַראיינס־מיטגלידער.

זיי האָבן אויך געמאַכט פּרוּוון צו צעשפּאַלטן אַנדערע פֿאַראיינען מיט די זעלבע מעטאָדן פֿון אַוואַנטורעס, געשלעגן און פּערזענלעכע אָנפֿאַלן. צ.ב.וו. זיינען זיי באַפֿאַלן אויף דער גאַס און צעשלאָגן בערל אַמבאַראַסן, דעם סעקרעטאַר פֿון לעדער־פֿאַראיין (איצט אין ניו־יאָרק); שמאַיען, אַן אַנדער טוער פֿון דאָזיקן פֿאַראיין; איסר גאָלדבערגן, דעם סעקרעטאַר פֿון מעטאַל־פֿאַראיין (איצט — אין ניו־יאָרק); דעם ח׳ וואַווער, אַ טוער פֿון מעטאַל־פֿאַראיין (איצט — אין אויסטראַליע) און אומצייליקע אַנדערע. די פֿאַראיינען זיינען געוואָרן אַן אַרענע פֿון פֿאַרשאַרפֿטע און אוממאויפֿהערלעכע אַוואַנטורעס און געשלעגן.

די פֿאַרשטאַרקטע אָנפֿאַלן האָבן זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט די פֿאַראיינען. דעם 22טן מאַי 1927 — אין טאָג פֿון די וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראַט — זיינען די קאָמוניסטן באַפֿאַלן אונדזערע אַגיטאַטאָרן אויף די גאַסן און צעשלאָגן אַ גרויסע צאָל פֿון זיי. נאָך שאַרפֿער זיינען די אָנפֿאַלן געוואָרן בעת דער וואַל־קאָמפּאַניע צום סיים אין יאָר 1928. אין טאָג פֿון די וואַלן (4 מערץ) איז אפֿילו געקומען צו אַ שאַרפֿן צוזאַמענשטויס אין דער וואַרשעווער פּאָרשטאָט אָכאָטע, וואו די יידישע קאָמוניסטן האָבן געפּרואווט מיט דער הילף פֿון פּוילישע קאָמוניסטן פֿאַרטרייבן אונדזערע אַגיטאַטאָרן פֿון די גאַסן. איך האָב געמוזט אַהין אַראָפּפֿאָרן מיט אַ גרויסער גרופּע פֿון אונדזער מיליץ און ערשט מיט דער הילף פֿון די פּ.פּ.ס.אָווצעס פֿון יענעם ראַיאָן האָט זיך אונדז איינגעגעבן אָפּצושלאָגן די אַטאַקע פֿון די פּוילישע און יידישע קאָמוניסטן און אויסצוקעמפֿן דאָס רעכט פֿון אונדזערע אַגיטאַטאָרן צו פֿאַרבלייבן אויף די גאַסן.

אין די פּראָווינץ־שטעט זיינען די קאָמוניסטישע אָנפֿאַלן געוואָרן נאָך ווילדער ווי אין די גרעסערע שטעט. למשל: אין קאַלושין האָבן זיי איינגעשטעלט אַזאַ טעראָר, אַז לאַנגע וואָכן האָט אַ בונדיסט, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס, פּשוט איינגעשטעלט דאָס לעבן, ווייל די קאָמוניסטן האָבן געשאָסן אויף רעכטס און אויף לינקס; אין פֿאַלעניץ זיינען זיי באַפֿאַלן און צעשלאָגן אַן אומשולדיקן אויספֿלוג פֿון אונדזער צוקונפֿט; אין אַמשינאָוו האָבן זיי פּאָגראָמירט אונדזערע אַ ביבליאָטעק און צעריסן און צעפֿליקט די ביכער; אין טשעכאַנאָוו זיינען זיי באַפֿאַלן אויף דער גאַס אַ ראַיאָן־צוזאַמענפֿלי פֿון יוגנט־בונד צוקונפֿט און צעריסן די פֿאָן. דער דאָזיקער פֿאַרשאַרפֿטער כוליגאַניש־טעראָריסטישער קורס האָט אָנגעהאַלטן ביז די ערשטע דרייסיקער יאָרן.

*
**

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ס׳איז אויך פון אַ צווייטער זייט געקומען אַ שווערער אָנגריף אויף דער גאַנצקייט פון אונזער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג — דאָס מאָל פון די „פּראָקעס״.

צו ערשט האָט זיך די פּראָקעס אײַנגעגעבן אָפּצורייסן דעם פלײשער־פאַראיין. די פלײשער האָבן דאָס געטאָן מיט אַ שווער געמיט. „אָבער מיר האָבן ניט קיין ברירה״ — האָבן זיי געטענהט. דאָס פּראַגער שעכט־הויז האָט געהערט צום מאַגיסטראַט (שטאָט־פאַרוואַלטונג), און אַזוי ווי דער פּוילישער פלײשער־פאַראיין איז אַוועק צו די „פּראָקעס״ האָבן זיי „קיין אַנדער אויסוועג״ ניט געזען ווי — מיטצוגיין.

די „פּראָקעס״ האָט זיך אויך לייכט אײַנגעגעבן צו שפּאַלטן דעם טראַנספּאָרט־פאַראיין. די טרעגער זײַנען דאָך געשטאַנען אויף דער גאַס און זײַנען געווען אונטערגעוואָרפן פאַרשיידענע פּאָליצייאישע און שטאָטישע רעגולאַציעס. באַלד איז צוגעקומען נאָך אַן ענין וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע צעשפּליטערונג אין דעם פאַך: די פּאָליציי האָט — כּדי צו העלפן די „פּראָקעס״ צו באַהערשן דעם גאַנצן טראַנספּאָרט־פאַך — אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אַז אַלע טראַנספּאָרט־אַרבעטער מוזן האָבן לעגיטימאַציעס פון דער זיכערקייט־מאַכט אַז זיי זײַנען אָרנטלעכע מענטשן. ערשט מיט אַזאַ „אָרנטלעכקייט״־לעגיטימאַציע האָט אַ טראַנספּאָרט־אַרבעטער געקענט אַרויסקריגן פון מאַגיסטראַט אַ „נומער״, וואָס האָט אים באַרעכטיקט אָנצוגיין מיט זײַן באַשעפטיקונג. אַ תּירוץ דערצו האָט די פּאָליציי געהאַט אַ גוטן: זי וויל בלויז אויסרייניקן דעם טראַנספּאָרט־פאַך פון קרימינעלע עלעמענטן. אין דער אמתן האָט זי געוואָלט אײַנשטעלן אַ סיסטעם פון פּראָטעקציע און קאָרופּציע, כּדי די טראַנספּאָרטלער זאָלן מוזן אָנקומען צו דער טובה פון די פּראָ־פּילסודסקישע פאַראיינען, וואָס וועלן שוין פאַר זיי די זאַך „דערליידיקן״ הינטן־אַרום. ווען די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה צווישן די טראַנספּאָרטלער: זייער אַ סך פון זיי האָבן ווירקלעך געהאַט פאַר וואָס מורא צו האָבן. דאָס האָבן אויסגענוצט די רעכטע פּועלי־ציון און די לינקע פּועלי־ציון, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צוזאָגן די טראַנספּאָרט־אַרבעטער הרים וגבעות: זיי וועלן פאַר זיי אינטערווענירן, זיי וועלן זיי באַזאָרגן מיט די לעגיטימאַציעס. האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש ביי די טרעגער; די קוילן־טרעגער, וואָס זײַנען געווען ביי די קאָמוניסטן, זײַנען געלאָפן טייל צו די רעכטע, טייל צו די לינקע פּועלי־ציון; דער גרעסטער טייל פלייצע־טרעגער איז אַוועק צו די „פּראָקעס״, וואָס האָבן שוין פון פריער געהאַט אָרגאַניזירט אַן אייגן פאַראיינדל. טייל טרעגער זײַנען אָבער וויטער פאַרבליבן ביי אונדזער פאַראיין; דער עיקר זײַנען ביי אונז געבליבן די שווער־אַרבעטנדיקע וועגעלעך־טרעגער און שטריק־טרעגער, וואָס האָבן צום ווייניקסטן געהאַט מורא פאַר אַ פּאָליצייאישער אויספאָרשונג פון זייער

מאַראַלישער כשרות. אַזוי איז דער גאַנצער טראַנספּאָרט־פאַך צעשפּליטערט געוואָרן צווישן אַ סך פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן די נייע פאַראָרדענונג וועגן „מאַראַליש־קייט״־לעגיטימאַציעס, איז אַ דעלעגאַציע פון צענטראַל־ראַט אַוועק צו דער מאַכט און האָט פּראָטעסטירט קעגן דער נייער פאַראָרדענונג וואָס קען נאָר ברענגען שאָדן דעם פאַך. האָט די מאַכט געמאַכט אַ פרומע מינע: „וואָס ווילן מיר דען? — מיר ווילן דאָך אַ גוטע זאַך, אַן אומשולדיקע זאַך, ניט מער ווי אויסרייניקן דעם טראַנספּאָרט־פאַך פון קרימינעלע עלעמענטן״. אין דער ווירקלעכקייט איז די גאַנצע „רייניקונג״ געוואָרן אַ חוזק. קאָמבי־נאַטאָרן, לאַבוסעס, אַלפאַנסן, כלערליי אונטערוועלט־מענטשן האָבן געקריגן פון דער פּאָליציי „מאַראַלישקייט״־צייגענישן, אויב עס האָט זיך איר נאָר געלוינט, אָדער אויב די „פּראַקעס״ האָבן געהייסן געבן.

צו די „פּראַקעס״ איז אויך אַוועק אַ גרופּע ציטונגס־פאַרשפּרייטער (אונטער דער אָנפירונג פון אַ געוויסן מאַנעס מאַרמורעק), ווייל זיי זיינען אויך געווען אָפּהענגיק פון שטאַטישע קאָנצעסיעס. די „פּראַקעס״ האָבן אויך אָרגאַניזירט די „זשאַנדצעס״ (ד. ה. די וואָס האָבן געפירט די פּאָליציי־איש־קאָנטראָלירטע מעלדונג־ביכער פון די וואוין־הייזער), וואָרעם אויך זיי, די „זשאַנדצעס״, זיינען געווען אָפּהענגיק פון דער פּאָליציי. די „פּראַקעס״ זיינען אויך געוואָרן די באַלעבאַטים איבערן פאַראיין פון וואורשטן־סוחרים (זיי ווידער זיינען געווען אָפּהענגיק פון דער שטאָטישער סאַניטאַרער מאַכט). מיט איין וואָרט: ביי אַלע פאַכן, וואָס זייען געווען אָפּהענגיק פון שטאָטישן קאָנטראָל אָדער שטאָטישע קאָנצעסיעס, האָבן די „פּראַקעס״ געהאַט אַ לייכטן פאַנג. די „פּראַקעס״ האָבן אויך געפּרוּווט מזל ביי די באַקלייד־אַרבעטער, אָבער דאָ זיינען זיי אין גאַנצן דורכגעפאַלן.

די אַלע פאַראיינען און גרופּעס האָבן די „פּראַקעס״ אָפּגעריסן פון צענטראַל־ראַט, ד.ה. פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, וואָס איז גע־שטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון בונד. אויף דעם באָדן איז צווישן אונז און די „פּראַקעס״ אָפט מאָל געקומען צו קאָנפליקטן. טייל מאָל אפילו צו זייער שאַרפע קאָנפליקטן. ניט זעלטן האָט געדראָט, אַז עס זאָל אויסברעכן אַן אָפענע מלחמה צווישן אונז און זיי. אָבער כאָטש זיי האָבן געהאַט די מאַכט אויף זייער זייט, האָבן מיר זיך קיין מאָל ניט געוואַקלט צו שטעלן זיי אַן ענערגישן ווידערשטאַנד. אַ דאַנק אונזער דעצידירטקייט האָבן מיר זייער אַ סך אויפגעטאָן.

***

גיך נאָך דעם איז געקומען אַ שווערערער אָנגריף — אַן אַטענטאַט פון דער רעגירונג אויף די דעמאָקראַטישע רעכט פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג.

די וואַלן צום סיים, אין 1928, האָבן דעם רעגירונגס־בלאָק פון מאַרשאַל

פּילסודסקי ניט געגעבן קיין מערהייט. ווען פּילסודסקי האָט זיך איבערצייגט, אַז דורך קיין הינטער־וועגן קען ער די אָפּאָזיציע ניט בייקומען האָט ער באַשלאָסן צו גיין אויפן וועג פון אָפענער דיקטאַטור. ער האָט פונאַנדערגע־לאָזט דעם סיים, באַשטימט נייע וואַלן און באַשלאָסן זיי אַדורכפירן אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל אומבאַדינגט געווינען אַ מערהייט פאַר זיין רעגירונג־בלאָק. כדי אָפּצושרעקן און טעראָריזירן דאָס לאַנד, כדי אַרויסצורופן אַ בהלה ביי דער אָפּאָזיציע — ספּעציעל ביי דער אָפּאָזיציע פון לינקס — האָט ער אין דער נאַכט פון 10טן סעפּטעמבער 1930, צווי חדשים פאַר די וואַלן, געלאָזט אַרעסטירן די באַקאַנטע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן הערמאַן ליבערמאַן, נ. באַרליצקי, א. פּראַגער, סט. דיבואַ און אדאַם טשאַלקאָש; דעם פירער פון דער פּויערים־פּאַרטיי, וואָס איז שוין עטלעכע מאָל געווען פּרעמיער, ווינצענטי וויטאָס; די צווי ליבעראַלע פּויערים־דעפּוטאַטן פּוטעק און ק. באַגינסקי און אַנדערע. ער האָט זיי געלאָזט אַריינזעצן אין דער בריסקער פעסטונג און האָט איבער זיי באַשטימט אַלס תּפיסה־קאָמענדאַנט אַ באַקאַנטן סאַדיסט, פּולקאָווניק קאָסטעק־ביערנאַצקי. די אַרעסטירטע אָפּאָזיציע־פירער האָט מען דאָרטן געשלאָגן, באַליידיקט, געצוואונגען זיי צו טאָן שמוציקע אַרבעט, געהאַלטן אויף ברויט און וואַסער און בכלל זיי געפּייניקט. דאָך האָט די רעגירונג ביי די וואַלן (16טן נאָוו. 1930) געמוזט אָנקומען צו פּשוטע פעל־שונגען, כדי צו „געווינען" אַ מערהייט אין נייעם סיים.

נאָך דעם ווי פּילסודסקי האָט אויף אַזעלכע וועגן „דערגרייכט" אַ מער־הייט אין סיים, האָט ער איינגעפירט אַ פּאַקטישע דיקטאַטור, פאַרדעקט מיטן מאַנטל פון אַ פאָרמעלער דעמאָקראַטיע. ער האָט ניט ליקווידירט די אָפּאָ־זיציאָנעלע פּאָליטישע פּאַרטייען, נאָר דורך אומצייליקע שיקאַנעס האָט ער פּאַראַליזירט זייער טעטיקייט; ער האָט ניט פאַרבאָטן די אָפּאָזיציאָנעלע פּרעסע, אָבער דורך כסדרדיקע קאָנפיסקאַציעס און אַנדערע מיטלען האָט ער געשטערבט זי צו רואינירן אָדער לכל הפּחות באַגרענעצן איר ווירקונגס־מעגלעכקייט. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך מער שאַרפקייט צו דער אָפּאָזיציע פון לינקס, ווי צו דער רעכטער אָפּאָזיציע פון דער עקסטרעם־אַנטיסעמיטישער, ענדעקישער פּאַרטיי.

דער דאָזיקער דיקטאַטאָרישער רעזשים, וואָס האָט אָנהייב דרייסיקער יאָרן שוין געהאַט אָנגענומען אַ מער־ווייניקער פאַשיסטישן כאַראַקטער, האָט מיט דער גרעסטער אכזריות זיך געוואָרפן אויף דער יידישער באַפעלקערונג און גאָר ספּעציעל — אויף דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די בונדישע טעטיקייט איז געוואָרן זייער באַשוועירט. מיר האָבן זיך אויף שריט און טריט אָנגעטראָפן מיט פאַרשאַרפטע פּאָליציייאישע שיקאַנעס; די פאָלקס־צייטונג, דער יוגנט־וועקער און אַנדערע בונדישע אויסגאַבעס זיינען זייער אָפט קאָנ־פיסקירט געוואָרן; פאַרזאַמלונגען האָט מען פאַרבאָטן אונטערן תּירוץ, למשל, אַז דער זאַל איז ניט זיכער („דער סופיט קען איינפאַלן").

***

בקיצור:

ס'איז פאָרגעקומען אַ טיפער שינוי אין גאַנצן סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן אין פּוילן, און אויך אין לעבן און אין קאַמף פון אונזער בונדישער באַוועגונג.

אין איין און דער זעלבער צייט זיינען מיר געוואָרן אויסגעשטעלט אויף פאַרשטאַרקטע אַטאַקעס פון דריי זייטן: מצד די קאָמוניסטן, מצד די „פּראַקעס" און מצד דער רעגירונג און איר פאַרשאַרפטן דיקטאַטאָרישן קורס.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז צוגעקומען נאָך אַ פערטער אָנגריף — מצד דעם פאַרשאַרפטן אַנטיסעמיטיזם.

שווערע כמאַרעס פון אַלע זייטן.

קאַפּיטל 39

אין זאָרג פאַר זעלבסטשוץ

אונזער פּאָליטישער חוש און די אַלטע דערפאַרונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָבן אונז באַצייטנס אַלאַרמירט, אַז שווערע צייטן קומען אָן. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז מיר מוזן זיך גרייטן אויפן ערגסטן און אַז עס קען אונז אויסקומען גאָר אין גיכן פּשוט צו פאַרטיידיקן אונזער פיזישע עקזיסטענץ. אין אַזאַ צייט האָבן מיר זיך ניט געקענט באַנוגענען מיט די פּאָר בידנע רעוואָלווערן, וואָס מיר האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט. האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן מיטלען צו פאַרשטאַרקן די פאַרטיידיקונגס־פעאיקייט פון דער בונדישער באַוועגונג, צו מאַכן מער ווירקזאַם אונזער זעלבסטשוץ און ווידערשטאַנד־פעיקייט. קודם־כל האָבן מיר געמוזט איינשאַפן זיך — מער געווער. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ געוועזענעם לעגיאָנער און אָפיצער, אים פאַראויס באַצאָלט פאַר 20 רעוואָלווערן, וואָס ער האָט אונז געדאַרפט צושטעלן. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מיר האָבן פון אים אַרויסגעקריגן דאָס געווער, און צוגעשטעלט האָט ער בלויז 12 רעוואָלווערן אַנשטאָט 20. אָבער ס'איז גוט געווען ווי אַן אָנהייב.

וויכטיקער איז געווען אַ צווייטער קוואַל. דורך דער פּ.פּ.ס. האָבן מיר באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט איינעם, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ געווער־געשעפט. געוויינטלעך ווערן אין די דאָזיקע געשעפטן אַלע רעוואָלווערן רע־גיסטרירט און עס ווערט פאַרשריבן וועמען מען פאַרקויפט זיי, — יעדעס שטיק געצייכנט מיט זיין נומער. ווען עס קומט אָן אַ טראַנספּאָרט געווער אין געשעפט אַריין, ווערט אויך יעדעס שטיקל געווער תיכף פאַררעגיסטרירט. דאָס דאָזיקע געשעפט האָט געבראַכט געווער פון אַ דאַנציקער פאַבריק. האָבן מיר מיט דעם מענטש אָפּגעמאַכט (פאַר גוט געלט, פאַרשטייט זיך), אַז ער וועט באַ־שטעלן אין דאַנציק איין קעסטל רעוואָלווערן מער ווי די פירמע דאַרף און דאָס דאָזיקע איבעריקע קעסטל וועט זיין פאַר אונז. אָבער ווי אַזוי נעמט מען צו דאָס קעסטל געווער? — ווי נאָר די קעסטלעך קומען אָן אויף דער באַן־סטאַציע, ווערן זיי באַלד רעגיסטרירט. מוז מען, הייסט עס, אַרויסנעמען דאָס קעסטל פון וואַגאָן, איידער די באַן קומט אַרויף אויף דער באַן־סטאַציע. דאָס האָט זיך אונז לייכט איינגעגעבן צו באַזאָרגן דורך אונזער חבר מאַניעק דעמבבסקי, וועלכער האָט געאַרבעט אין אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער עקס־פּאָרט־און אימפּאָרט־פירמע. יעדן טאָג איז ער געווען אויף דער באַן אָפּצו־נעמען סחורות פון אויסלאַנד אָדער אָוועקשיקן קיין אויסלאַנד. האָט ער זיך

אונטערגענומען די זאַך פאַר אונז צו באַזאָרגן מיט דער הילף פון זיינע באַקאַנטע באַן־אַנגעשטעלטע. ווען די באַן מיטן טראַנספּאָרט געווער איז אָנגעקומען פון דאַנציק, איז אונזער קעסטל רעוואָלווערן פאַרשוואונדן פון וואַגאָן איידער דער צוג איז אַרויף אויף דער סטאַציע פון הויפּט־וואָקזאַל. מאַניעק דעמבסקי האָט דעמאָלט דאָס קעסטל אַריינגענומען צווישן די קעסטלעך דעליקאַטעסן וואָס זיינען אָנגעקומען פאַר זיין פירמע און — מיר האָבן שוין מיט מזל געהאַט דאָס געווער.

אָבער דעמאָלט איז אויפגעקומען נאָך אַ שווערע פראַגע: וואו האַלט מען אַזאַ גרויסע צאָל רעוואָלווערן? — דאָ האָט זיך געהאַנדלט ניט בלויז וועגן אָוועקלייגן זיי ערגעץ. זיי מוזן ליגן אויף אַ טרוקן אָרט, זיי זאָלן ניט זשאַווערן; מען מוז האָבן אַ מעגלעכקייט צו זיי לייכט צוצוקומען. אָבער אויך די פּראָבלעם האָבן מיר געלייזט: מיר האָבן דאָס געווער פאַרטיילט אין פאַרשיידענע ערטער: ביי רעניע יאַרעצקאַ (שפּעטער רעניע פּיזשיץ), וואָס איז געווען אַ גבירישע טאָכטער, האָט געהאַט אַן אייגענעם צימער אין דער גבירי־שער וואוינונג זייערער, האָבן מיר באַהאַלטן עטלעכע רעוואָלווערן; אַ טייל איז געווען באַהאַלטן ביי העלע וואָידיסלאַווסקאַ, אויך אַ גבירישע טאָכטער און אויך אַ סטודענטקע און אַ בונדיסטקע; עטלעכע שטיק זיינען געווען באַהאַלטן ביי מיר; אַ סך געווער האָט באַהאַלטן בנימין מענדעלסונד א. אַז. וו.

מען האָט דערביי ניט אויסגעמיטן אומאַנגענעמע צופאַלן. איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען איך בין געזעסן מיט חברים אין אַ קאַפע־הויז (טאַבאַ־טשינסקיס) אויף פשעיאַזד 9 (אין זעלבן הויז, וואו ס'האָט זיך געפונען דער בונדישער אַרבעטער־ווינקל און בונדיסטן פלעגן דאָרט אָפט אַריינקומען), איז פּלוצלונג אַריינגעלאָפן מיין זון יאַנעק, אַ בלאַסער און אַן אויפגערעגטער, און האָט מיר דערציילט אין דער שטיל, אַז ער האָט גענומען איינעם פון די רעוואָלווערן זיך צו שפּילן (פאַר אים האָב איך זיך דאָך ניט געקענט אויס־היטן), האָט דער רעוואָלווער אויסגעשאָסן און האָט געטראָפן שמחה קריש־טאָלן אין פוס אַריין (מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט אין איין דירה מיט צלובה קרישטאָל און מיט איר ברודער שמחה). איך בין גיך געלאָפן אַהיים. כ'גיב אַ קוק — שמחה ליגט אַ האַלב טויטער. ס'ערשטע האָב איך גענומען זוכן צי די קויל איז ערגעץ אַרויס, צום גליק איז זי געהאַט אַרויס און איך האָב זי געפונען לעבן אויוון. איך האָב מורא געהאַט צו רופן צו שמחהן די „גיכע הילף". בין איך אַליין געלאָפן אין אַפּטייק, געקויפט גאַזע, באַנדאַזשן, יאָדינע, געמאַכט אים אַ באַנדאַזש (די קויל האָט געטראָפן אין דיקן פלייש פון פוס). צו מאָרגנס האָבן מיר גערופן אונזער ח'טע די דאָקטאָרין אַנע ברוידע־העלער. זי האָט געזאָגט אַז ס'איז אַ לייכטע וואונד און מען דאַרף זיך ניט שרעקן. די וואונד האָט זיך נאָך אַ קורצער צייט טאַקע אין גאַנצן פאַר־היילט. איך האָב אָבער שוין אַרויסגענומען די רעוואָלווערן פון מיין וואוינונג און זיי פאַרשטעקט ערגעץ אַנדערש.

קאַפּיטל 40

אַ כוואַליע „ווילדע" שטרייקן

אַרום 1929־1930 האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן אַרויסרופן אומצייליקע שטרייקן און שטרייקעלעך צוליב זייערע פּאָליטישע צילן, אָבער אָן שום עקאָנאָמישער באַרעכטיקונג און מערסטנטיילס בפירוש קעגן דעם ווילן און קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער גופא. אַרויסגערופן די שטרייקן האָבן זיי מיט דער הילף פון די שפּליטער־פּאַראיינדלעך, וואָס זיי האָבן געהאַט געגרינדעט פון די אָפּגעריסענע קליינע טיילן פון די אַלגעמיינע, אָנערקענטע אַרבעטער־פּאַראיינען. די קאָמוניסטישע טעאָריע איז דערביי געווען, אַז די דאָזיקע שטרייקן „רעוואָלוציאָניזירן" די מאַסן, גרייטן זיי צו דער גרויסער שלאַכט, און אַז סוף־כל־סוף וועלן די דאָזיקע קליינע לאָקאַלע „רעוואָלוציאָנערע" אַרויסטרעטונגען זיך צונויפגיסן אין איין גרויסן „רעוואָלוציאָנערן" אויפשטאַנד, וואָס וועט ברענגען דעם אַרבעטער־קלאַס (ד. ה. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי) צו דער מאַכט. מיט טעראָר האָבן די קאָמוניסטן אונטערגעהאַלטן כמעט יעדן שטרייק, אַפילו ווען מ'האָט שוין באַשיימפּערלעך געזען אַז ער איז פאַרשפּילט. אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען די קאָמוניסטן האָבן ווידער אַ מאָל געביטן די טאַקטיק, און אָנגענומען די פּאָליטיק פון „איינהייטלעכן פראָנט" און פון „פאָלקס־פראָנט", האָבן זיי אַליין די פריערדיקע טאַקטיק זייערע געמאַכט מיט דער בלאָטע צו גלייך.

אַזעלכע שטרייקן — מיר האָבן זיי באַצייכנט „ווילדע" שטרייקן — האָבן די קאָמוניסטן ליב געהאַט אַרויסצורופן דווקא אין די פאַכן, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין די בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, כדי דורך אַזאַ שטרייק וואָס איז פון פאָרויס געווען אַ פאַרשפּילטער אונטערצושווענקען די עקזיסטענץ פון באַטרעפנדיקן פאַראיין.

די קאָמוניסטן האָבן זייער נייע „רעוואָלוציאָנערע" טאַקטיק געפּרוּווט אָנוואַרפן די אַרבעטער מיט כוח, מיט טעראָר, מיט אָנפאַלן און געשלעגן. און דער אַוואַנגאַרד פון דער דאָזיקער קאָמוניסטישער טעראָר־כוואַליע זיינען ווידער אַ מאָל געווען זייערע שלעגער־באַנדעס, מיט די באַקאַנטע אונטערוועלט־מענטשן זייערע אין שפּיץ: שמחה מאַטש, לייבוניו, דוד מילנער א. אַנד. אויף אונזער פּאַרטיי־מיליץ איז ניט איין מאָל אויסגעפאַלן די אויפגאַבע אָפּצושלאָגן די אַטאַקעס.

איך וועל דאָ דערציילן בלויז וועגן עטלעכע מער בולטע פאַלן, וואָס וועלן געבן אַ בילד פון דער פאַרסמטער טעראָר־אַטמאָספער, וואָס די קאָמוניסטן האָבן דעמאָלט געשאַפן.

***

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, זיינען אין וואַרשע געווען צוויי לעדער־פאַראיינען: דער בונדישער אויף לעשנאָ 19 און אַ קאָמוניסטישער וואָס האָט, אין דער צייט וועגן וועלכער איך דערצייל דאָ, געהאַט זיין זיצאָרט אין אַ גרויסן קעלער, אויף סטאַווקי געסל.

דער פאַראיין פון לעשנאָ 19 האָט געהאַט ביי זיך אָרגאַניזירט די גרויסע מערהייט, אפשר 80 פּראָצענט, פון די שטעפּער־אַרבעטער. דער קאָמוניסטישער פאַראיין האָט געהאַט ביי זיך ס׳רוב שוסטער און בלויז אַ קליינע צאָל שטעפּער. האָבן די קאָמוניסטן באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן אַ שטרייק דווקא ביי אונז אין שטעפּער־פאַך, אָן דעם וויסן פון אונזער פאַראיין אויף לעשנאָ 19, וועלכער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט לאָזן זיך אַנוואַרפן אַ שטרייק פון דרויסן, ווען ס׳זיינען ניט געווען קיין אויסזיכטן אים צו געווינען. נאָך דעם ווי די קאָמוניסטן האָבן פּראָקלאַמירט דעם שטרייק האָבן זיי אויפגעפאָדערט די אַרבעטער, זיי זאָלן „איבער די קעפּ פון די פירער״ צושטיין צום שטרייק. און ווען די אַרבעטער האָבן זיי ניט געפאָלגט, האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן זיי צו טעראָריזירן, באַפאַלן די וואַרשטאַטן, צעשלאָגן די אַרבעטער און צווינגען זיי צו פאַרלאָזן די אַרבעט. דער פאַראיין פון לעשנאָ האָט זיך איינער אַליין מיט די קאָמוניסטישע שלעגער ניט געקענט קיין עצה געבן און האָט זיך געווענדט צו דער בונדישער מיליץ נאָך הילף. בערל אַמבאַראַס, דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, הערשל ראַמעט, דער פּאַרזיצער, און עליע קליינבוים, איינער פון די אַקטיוויסטע טוער דאָרט, האָבן מיט מיר גערעדט און אויפגעוויזן, אַז אַזוי ווי די קאָמוניסטן ברענגען אַראָפּ די „געגריוועטע״ שוסטער, די קוילן־טרעגער און אַלע זייערע „שטאַרקע״ צו פאַרטרייבן די שטעפּער פון זייערע וואַרשטאַטן, מוז דעריבער דער פאַראיין פון לעשנאָ 19 אָנקומען צו אונזער הילף. מיטן שכל האָב איך פאַרשטאַנען אַז זיי זיינען גערעכט, אָבער דער ווידערווילן צו די געשלעגן און דער ווילן זיי אויסצומיידן האָט מיך באַוואויגן זיי אָפּצוזאָגן. זיי האָבן אַפּעלירט צום פּרעזידיום פון וואַרשעווער בונדישן קאָמיטעט און דאָס פּרעזידיום האָט געהאַלטן, אַז זייער טענה איז באַרעכטיקט, ווייל די קאָמוניסטן באַנוצן זיך דאָך אין זייערע אָנפאַלן מיט אויסערלעכע כוחות, מיט די קוילן־טרעגער און אונטערוועלט־באַנדעס, און דער פאַראיין פון לעשנאָ קען דעריבער אַליין זיך מיט זיי ניט געבן קיין עצה. דאָס פּרעזידיום האָט באַשלאָסן, אַז אונזער מיליץ איז מחויב צו העלפן דעם פאַראיין אָפּצושלאָגן די אַטאַקעס פון די קאָמוניסטישע טעראָר־גרופּעס.

דעמאָלט האָב איך, אויף מיין אייגענער האַנט, ניט פרעגנדיק און ניט דערציילנדיק קיינעם, פאַרטראַכט עפּעס, וואָס — ווי איך האָב דעמאָלט געגלויבט — וועט אפשר קענען העלפן אויסצומיידן אַ ניי־ע סעריע געשלעגן צווישן אַרבעטער און אַרבעטער. איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז אויב מען זאָל ריידן צום שכל פון די קאָמוניסטן, וועלן זיי דאָך מוזן איינזען ווי

אומזיניק ס'איז אַזאַ „ווילדער" שטרייק און וויפל שאָדן ער ברענגטביידע צדדים. און אַזוי ווי איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אויף מאָרגן אין דער פרי רופט דער קאָמוניסטישער פאַראיין אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע זיינע מיטגלידער (פון אַלע פאַכן) ווי אַ מאָביליזאַציע צו אַ גרויסן אָנפאַל, האָב איך באַשלאָסן — אָן עמיצנס וויסן! — אַוועקצוגיין צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג און אַפּעלירן צו זייער יושר, זיי זאָלן אָפּשטעלן די ברודער־קאַמפן. איך האָב זיך צוגעקליבן דריי געזונטע יונגען: אַ פליישער־אַרבעטער (מען האָט אים גערופן פויש), אַ פלייצע־טרעגער — יאָסל קאַרפּקעס (איצט אין אַמעריקע), און אַ דריטן — יצחק שוסטער. זיי האָבן מיר געדאַרפט העלפן אָפּשלאָגן זיך, אויב מען זאָל מיך באַפאַלן אויף דער פאַרזאַמלונג.

איך בין אַוועק צו דער קאָמוניסטישער פאַרזאַמלונג. איך בין אַריין אין גרויסן קעלער־זאַל וואו די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען. ער איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. די לופט איז געווען בלוי און שווער פון היץ און פון רויך. פון מיינע דריי באַגלייטער האָב איך צוויי געלאָזט שטיין פאַר דער טיר און איינער איז פאַרבליבן אין דער טיר, (כדי צו האַלטן זי אָפן, אין פאַל איך זאָל דאַרפן אַנטלויפן). איך האָב מיט פעסטע טריט זיך געלאָזט צו דער טריבונע. ווען דער עולם האָט מיך דערזען, איז תיכף געוואָרן אַ שטיל־שווייגעניש. אַלע זיינען געוואָרן ווי פאַרשטיינערט פון גרויס איבערראַשונג און זיך פונאַנדערגערוקט, מיר צו מאַכן אַ וועג. איך בין אַרויף אויף דער טריבונע און כ'האָב באַלד אָנגעהויבן צו זיי צו ריידן. איך האָב גערעדט אפשר אַ פינף מינוט. איך האָב זיי געזאָגט:

שוין אַ לענגערע צייט ווי מען צווינגט אַרבעטער צו שטרייקן קעגן זייער ווילן און קעגן דעם ווילן פון זייערע פאַראיינען. מען שלאָגט ביז בלוט, אויב מען וויל ניט אַראָפּגיין פון דער אַרבעט אָן אַ פאַראָרדענונג פון אייגענעם פאַראיין. ווענד איך זיך צו זיי, מען זאָל אויסמיידן ווייטערדיקע בלוט־פאַרגיסונגען. זאָלן זיי אָפּשטעלן די געשלעגן, זאָל מען זיך פאַרשטענדיקן מיטן צווייטן פאַראיין און זען אַדורכצוקומען — פאַראיין מיט פאַראיין. אויב ניט, אויב זיי וועלן ווייטער צווינגען די אַרבעטער צו שטרייקן קעגן זייער ווילן און קעגן זייער פאַראיין, וועלן מיר זיך פאַרטיידיקן און זיי דאַרפן דערוואַרטן זייער אַ העפטיקן ווידערשטאַנד.

איך בין אַראָפּ פון דער טריבונע און ווידער אַ מאָל מיט פעסטע טריט געגאַנגען צו דער טיר. אין זאַל איז נאָך אַלץ געווען שטיל ווי אין אַן אויער. דער עולם האָט זיך פונאַנדערגערוקט, מיך אַדורכגעלאָזט — און איך בין אַוועק.

באַלד האָט מען זיך אין אונזערע פאַרטיי־קרייזן דערוואוסט וועגן דעם שטיקל אַרבעט וואָס איך האָב אָפּגעטאָן און מען איז אויף מיר געווען שטאַרק אין כעס. דאָס וואָס איך בין אַרויס אַ לעבעדיקער, האָט מען געהאַלטן פאַר אַן אומפאַרשטענדלעכן נס. אָבער דאָס וואָס איך האָב ריזיקירט אַזאַ זאַך, האָבן מיינע חברים באַטראַכט פאַר אַ שרעקלעכער לייכטזיניקייט. איך אַליין

האָב שפּעטער ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט מיר געקענט איינפאַלן צו טאָן אַזאַ זאַך און ווי אַזוי איז געשען, אַז איך בין אַרויס אַ גאַנצער פון אַזאַ קאָמוניסטישער פאַרזאַמלונג. מסתמא איז עס געשען דערפאַר, וואָס זייער צעטומלעניש — נאָכן דערזען מיך — איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי זיינען געבליבן ווי פאַרשטיינערט.

מיין אילוזיע האָט טאַקע באַלד געפּלאַצט. אין אַ צוויי־דריי שעה אַרום האָב איך שוין געזען, אַז מיין וועגדונג האָט גאָר ניט געפּועלט. מען האָט געבראַכט די ידיעה, אַז די קאָמוניסטן זיינען געקומען אין אַ וואַרשטאַט אויף פּאַוויע 48 און זיי האָבן געפאָדערט פון די אַרבעטער, זיי זאָלן תיכּף וואַרפן די אַרבעט. די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט און זיי ריכטן זיך, אַז די קאָמוניסטן וועלן באַלד צוריקקומען מיט „שטאַרקע" און מיט כּוח אַרויסטרייבן די אַרבעטער.

איך האָב באַלד צונויפגערופן אַ גרופּע אָרדענער און כ'בין מיט זיי אַוועק אויף פּאַוויע גאַס. ביי עק סמאָטשע און פּאַוויע האָב איך געזען צע־הרגעטע און צעבלוטיקטע אַרבעטער, וועמען די קאָמוניסטן האָבן שוין באַוויזן מיט גוואַלד צו פאַרטרייבן פון אַנדערע וואַרשטאַטן. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו פּאַוויע 48, האָב איך דערזען אַז די גאַס איז פול מיט קאָמוניס־טישע „שטאַרקע" — שוסטער, קוילן־טרעגער און אַנדערע. איך האָב מורא געהאַט, אַז אויב אונזער גרופּע אָרדענער וועט פאַרבלייבן אויף דער גאַס וועט באַלד אויסברעכן אַ געשלעג. האָב איך איין טייל פון אונזער גרופּע באַזעצט אויפן הויף וואו דער וואַרשטאַט געפינט זיך (פּאַוויע 48) און אַ צווייטן טייל — אין אַ דערבייאיקן קאַפע־הויז.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און די קאָמוניסטן זיינען באַפאַלן דעם וואַר־שטאַט. מיר זיינען אַהין אַוועק. שוין אויפן הויף האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג און אַ שיסעריי. באַלד איז אָנגעקומען פּאָליציי. ווען איך האָב זיי דערזען האָב איך איבערגעגעבן מיין רעוואָלווער צו שעפּסל מאַסאַק, אַן אָרדענער, אַ שניידער־אַרבעטער. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט מיך און איינעם אַ קוילן־טרעגער פון דער קאָמוניסטישער זייט, וועלכער האָט זיך מיט מיר איבערגעשאָסן. מען האָט אונז ביידן אַוועקגעפירט אין פּאָליציי־קאָמי־סאַריאַט און פון דאָרט — אין דער דעפענסיווע (פּאָליטישע פּאָליציי). אויפן וועג האָב איך געזאָגט צו דעם קאָמוניסטישן חברה־מאַן: איצט, אַז מיר זיינען ביידע אַרעסטירט, זאָל זיין אַזוי: — איך קען דיך ניט און דו קענסט מיך ניט. ער האָט מסכּים געווען. ביי דער רעוויזיע האָט מען געפונען ביי מיר אַ רעוואָלווער (אַ צווייטן, וואָס איך האָב ניט גענוצט) און ביי אים האָט מען געפונען זיין רעוואָלווער.

צו מאָרגנס אין דער פרי, ביים שרייבן דעם פּראָטאָקאָל, פרעגט מיר דער פּאָליציי־קאָמיסאַר: „ווער האָט אויף אייך געשאָסן?" ענטפער איך: „איך ווייס ניט". הייבט ער אָן צו לאַכן, נעמט דעם פּראָטאָקאָל פון יענעם חברה־מאַן, דעם קוילן־טרעגער, און ער לייענט מיר פאָר, אַז יענער האָט אָנגעוויזן, ווער איך בין און אַז איך האָב אויף אים געשאָסן. איך האָב דעם קאָמיסאַר

ניט געגלויבט, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אָפט מאָל לייענען זיי אַרויס זאַכן, וואָס זיינען ניט פאַרשריבן. האָב איך געפאָדערט אַ קאָנפראָנטאַציע מיטן צווייטן אַרעסטירטן. מען האָט אים באַלד אַריינגעברענגט און ער האָט דערקלערט מיר אין די אויגן, אַז ער קען מיך, אַז איך בין בערנאַרד גאָלד־שטיין, און אַז איך האָב אויך אים געשאָסן. דעמאָלט האָב איך געפאָדערט אַן עקספּערטיזע פון ביידע רעוואָלווערן. פאַרשטייט זיך, אַז די עקספּערטיזע האָט אַרויסגעוויזן אַז מיין רעוואָלווער האָט ניט געשאָסן, און זיינער — יאָ. מיך האָט מען ביזן פּראָצעס באַפרייט „אונטער פּאָליציי־אויפזיכט" און ער איז אָפּגעזעסן ביזן פּראָצעס אַרום 9־10 חדשים.

בעת ער איז געזעסן אין תפיסה זיינען זיינע טאַטע־מאַמע און שוועס־טער־און־ברידער געקומען צו מיר און געבעטן, איך זאָל ניט עדות זאָגן קעגן אים, כאָטש ער האָט מיך פאַרראַטן. איך האָב געהאַלטן, אַז איך דאַרף איצט זאָגן דעם אמת אין געריכט, אָבער די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אַנדערש. די פּאַרטיי האָט זיך דעמאָלט — און איך שפּעטער — געהאַלטן ביים פּרינ־ציפּ, אַז קאָנפליקטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען אַן ענין פון דער אַרבעטער־באַוועגונג גופא און מען טאָר זיך דערביי ניט באַנוצן מיט קיין שום דירעקטער אָדער אומדירעקטער הילף פון דרויסנדיקן, דריטן צד. די פּאַרטיי האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז איך טאָר ניט עדות זאָגן קעגן דעם קאָמוניסטישן שיסער און איך דאַרף אונטערהאַלטן די ווערסיע אַז כ'האָב ניט געזען ווער ס'האָט צו מיר געשאָסן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך אונטער־געוואָרפן דעם פּאַרטיי־באַשלוס.

אין געריכט איז מיין פּאַרטיידיקער געווען ה' לודוויק האַניגוויל. מיר זיינען ביידע, דער קוילן־טרעגער און איך, געזעסן אויף דער באַשולדיקונג־באַנק. איך האָב ווייטער געטענהט אַז איך קען ניט דעם חברה־מאַן און איך האָב ניט געזען ווער עס האָט צו מיר געשאָסן. דער פּראָקוראָר איז געווען גראַבאָווסקי, דער שפּעטערדיקער יוסטיץ־מיניסטער. בעתן איבעררייס איז גראַבאָווסקי צוגעגאַנגען צו ה' האַניגוויל און אים געזאָגט, אַז דעם קאָ־מוניסט וואָלט מען געדאַרפט באַפרייען, און מיר דאַרף מען געבן מינדעסטנס 5 יאָר תפיסה, ווייל די פּראָקוראַטור ווייסט גאַנץ גוט פון אירע קאָנפידענ־ציעלע באַריכטן אַלץ וואָס איז געשען; זיי ווייסן דעם גאַנצן אמת, און איך פּאַרטיידיק דאָ אַ קאָמוניסט, וואָס האָט אויף מיר געשאָסן. אָבער דאָס געריכט האָט אונז ביידן באַפרייט — צוליבן פעלן פון באַווייזן.

נאָכן פּראָצעס איז דער קוילן־טרעגער געקומען צו מיר און מיר שטאַרק געדאַנקט. ער איז נאָך דעם געוואָרן אויס קאָמוניסט און איז אין גאַנצן אַוועק פון זייער באַוועגונג.

*
**

אַן ענלעכער פאַל איז געשען אין דערנערונגס־פאַראיין. די שטאַרקסטע פּאָזיציע פון דעם פאַראיין איז געווען די סעקציע פון צוקער־געבעקס (לעקעך, טאָרטן, „טשאַסטעס" א. ד. גל.). די אַרבעטער פון דעם פאַך זיינען געווען

100 פּראָצענט אָרגאַניזירט אין אונזער פּאַראיין און די סעקציע האָט געהאַט אַ שטאַרקן קאָנטראָל איבערן גאַנצן פאַך. די קאָמוניסטן האָבן אין גאַנצן פאַך געהאַט אײַן אָנהענגער. ער האָט געאַרבעט מעשים, כדי צו צעשטערן די געשלאָסנקייט פון פאַך: ער פלעגט זיך אָפּזאָגן אויסצופירן די באַשלוסן פון פאַראיין, ער האָט זיך אפילו אָפּגעזאָגט צו געבן זיין חלק טעג פאַר אַרבעטסלאָזע, וואָס איז געווען אַן ערן־פליכט ביי די אַרבעטער פון פאַך.

די פאַך־קאָמיסיע האָט איין מאָל באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן אים אין אַן אַנדער בעקעריי, וואו ער וואָלט נישט ערגער פאַרדינט ווי דאָרט וואו ער האָט פריער געאַרבעט. האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט דעם באַשלוס ניט אויספירן. האָט די פאַך־קאָמיסיע באַשלאָסן אַראָפּצונעמען אים פון דער אַרבעט און אים באַזעצן אויף זיין נייעם אַרבעטס־פּלאַץ. ער האָט, ווייזט אויס, זיך געריכט אויף דעם און ער האָט צוגעגרייט אַ גרויסע קאָמוניסטישע באַנדע, וואָס האָט זיך געפונען אין דער נאָענט, גרייט אַריינצומישן זיך אין דעם פאַך־ענין. און ווען די פאַך־קאָמיסיע, מיטן פאַרזיצער אברהם פלאַמענבוים בראש, איז געקומען אין דער בעקעריי אַריין אויף קאַרמעליצקע 24 (אָדער 26), אים אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט, האָבן זיך תיכף באַוויזן קאָמוניסטן מיט זייערע באַקאַנטע „שטאַרקע” און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נישט גלייכער קאַמף, ווייל די קאָמוניסטן זיינען געווען אי באַוואָפנט אי מער אין צאָל ווי די פאַר מענטשן פון דער פאַך־קאָמיסיע.

מען האָט תיכף טעלעפאָנירט אין בונדישן פּאַרטיי־לאָקאַל וועגן דער סכנה וואָס עס דראָט אונזערע מענטשן און איך בין מיט עטלעכע אָרדענער און מיט אַ גרופּע מיטגלידער פון פאַראיין אַוועק צום אָרט פון געשלעג. מיר האָבן פאַרטריבן די גרופּע קאָמוניסטן וואָס זיינען באַפאַלן די פאַך־קאָמיסיע, אַרויסגעטריבן זיי פון הויף און פאַרמאַכט דעם טויער. מיר זיינען אָבער פאַרבליבן אויפן אָרט, ווייל מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז די קאָמוניסטן וועלן זיך אַזוי לייכט ניט אונטערגעבן און זיי וועלן ברענגען פאַרשטאַרקונגען. כך הווא: אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען די קאָמוניסטן צוריקגעקומען מיט אַ גרויסער מחנה. זיי האָבן גענומען שטורעמען דעם פאַרמאַכטן טויער. כדי אויסצומיידן אַ בלוט־פאַרגיסונג, האָב איך אונזער עולם צעטיילט אַזוי: אַ טייל האָב איך אַריינגעשיקט אין דער בעקעריי, אַוועקגעשטעלט זיי ביי די פענצטער צו האַלטן וואַך (די בעקעריי האָט זיך געפונען אין אַ פלאַכן קעלער, די פענצטער האָבן האַלב אַרויסגעקוקט צום הויף); אַנדערע האָב איך פונאַנדערגעשטעלט אין די באַזונדערע דורכגאַנג־טויערן אויפן הויף. די קאָמוניסטן האָבן אויפגעבראָכן דעם טויער, זיינען אַריין מיט אַ ווילד געשריי און מיט אַ שיסעריי. מיר, באַהאַלטן אין די דורכגאַנג־טויערן, האָבן זיי געענטפערט. ווען זיי האָבן דערהערט שאָסן פון פאַרשיידענע זייטן, און ניט געזען פון וואַנען, האָבן זיי זיך דערשראָקן און זיינען אין גרויס בהלה אַנטלאָפן. עס איז כמעט ניט דערגאַנגען צו קיין געשלעג. בלויז אונזער חבר שלמה פינקעלשטיין, אַן אָרדענער, אַ שניידער, איז אַרויס מיט אַ צעקלאַפּטן קאָפּ.

און ווידער אַ מאָל איז דאָ געווען אַ רעטעניש: קיין פּאָליציי האָט מען פאַר די אויגן ניט געזען. די קאַרמעליצקע איז געווען אַ לעבעדיקע גאַס, אַ האַנדלס־גאַס. ביי טאָג אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. טראַמוואַיען זיינען כסדר אַדורכגעפאָרן דורך דער גאַס. אַ פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט האָט זיך געפונען אין גאַנצן עטלעכע בלאָק פון דעם אָרט וואו די שיסעריי איז פאָרגעקומען. די קאַמפן האָבן אָנגעהאַלטן אַ שיינע פאַר שעה — און קיין איין פּאָליציאַנט האָט זיך ניט באַוויזן פאַר די אויגן! ערשט, ווען ס'איז געווען נאָך אַלעמען, איז אָנגעקומען אַ געהילף־קאָמיסאַר פון דריטן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, דער משומד טאַרך, מיט אַ גרופּע פּאָליציאַנטן. ער האָט זיך געפרעגט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און האָט אָנגעהויבן האָבן טענות גאָר צו אונז. ווידער אַ מאָל האָט זיך באַרעכטיקט אונזער חשד, אַז די פּאָליציי האָט אַ האַנט אין די געשלעגן: זי פאַרוואָצירט אָדער העלפט־מיט די קאָמוניסטן ביים אַדורכפירן זייערע באַוואָפנטע אָנפאַלן, כדי אָפּצושוואַכן די אַרבעטער־באַוועגונג דורך די כסדרדיקע אינערלעכע קאַמפן.

***

זייערע אָנפאַלן האָבן די קאָמוניסטן ניט באַגרענעצט בלויז מיט די „ווילדע" שטרייקן. זיי האָבן אויסגענוצט אויך אַנדערע געלעגנהייטן פאַר אַוואַנטורעס און אַטאַקעס. זיי האָבן אויך ניט געשאַנעוועט די בונדישע פראַקציעס אין יענע פאַראיינען וואו זיי — די קאָמוניסטן — זיינען געווען די באַלעבאַטים. אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל איז פאָרגעקומען מיט די בונדיסטן פון קאָמוניסטישן שוסטער־פאַראיין.

אין הסכם מיט דער בונדישער טאַקטיק אין די קעגנערישע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, זיינען די בונדיסטן־שוסטער ניט אַרויסגעטראָטן פון דעם קאָמוניסטיש־באַהערשטן שוסטער־פאַראיין, זיי זיינען דאָרט פאַרבליבן ווי לאָיאַלע מיטגלידער, האָבן אויסגעפירט אַלע פליכטן פון אַ מיטגליד, אָבער זיי האָבן גלייכצייטיק געשאַפן אַן אָרגאַניזירטע בונדישע פראַקציע.

אגב, אין די פאַראיינען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון בונד און וואָס זיינען געווען ניט אין אַן ערך גרעסער און צאָלרייכער איידער די קאָמוניסטיש באַהערשטע פאַראיינען — אין די בונדישע פאַראיינען האָבן די קאָמוניסטן, אפילו ווען זיי זיינען דאָרט געווען אַ קליינע מינדערהייט, געהאַט אָרגאַניזירט קאָמוניסטישע פראַקציעס (גרופּעס), און זיי האָבן גענאָסן ביי אונז אַ סך מער רעכט ווי די בונדיסטן האָבן געהאַט אין קאָמוניסטישע פאַראיינען.

די בונדישע פראַקציע אין קאָמוניסטישן שוסטער־פאַראיין איז געווען אַ לעבעדיקע, אַ געשלאָסענע און האָט איר אָפּאָזיציאָנעל וואָרט אָפּט מאָל געלאָזט הערן אויף די פאַרזאַמלונגען פון פאַראיין ניט געקוקט אויף אַלע שיקאַנעס און שטערונגען. איין מאָל, אַ שבת אין דער פרי, איז אין אַרבעטער־ווינקל (אויף פּשעיאַזד 9) פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די בונדיסטן פון

שוסטער־פאַראיין. מען האָט געדאַרפט באַהאַנדלען עפּעס אַ וויכטיקן ענין און צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען אויך די ח׳ח נח און עמנואל נאָוואָ־גרודסקי. פלוצלונג האָט זיך אין אונזער פאַרטיי־לאָקאַל אַריינגעריסן אַ באַנדע קאָמוניסטן. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען און ליאַרעמען, האָבן געזידלט און באַליידיקט די חברים נח און עמנואל און האָבן אַרויסגערופן אַזאַ אַוואַנ־טורע, אַז מען האָט שוין ווייטער ניט געקענט פירן די פאַרזאַמלונג. עטלעכע פון די קאָמוניסטן האָבן אַ כאַפּ געטאָן דעם „שוואַרצן כאַסקל״, אַ שוסטער פון דער בונדישער פראַקציע אין שוסטער־פאַראיין, זיי האָבן אים צוגעשטופּט צו דער וואַנט, צוגעהאַלטן אים די הענט און איינער פון די אָנפאַלער האָט אים מיט אַ ברענענדיקן פּאַפּיראָס אויסגעברענט אַ לאָך אין דער ליפּ. באַלד נאָך דעם זיינען זיי אַנטלאָפן.

איך בין יענעם שבת ניט געווען אין וואַרשע. ווען איך בין צוריק געקומען אין אָוונט, האָב איך זיך דערוואוסט פון דער מעשה. ביי אונזערע חברים שוסטער און ביי אונזערע מיליציאָנערן איז די אויפרעגונג געווען אַ גוואַלדיקע: אויסברענען אַ מענטש אַ לאָך אין לעבעדיקן פלייש? האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצורעכענען זיך מיט דעם חברה־מאַן וואָס האָט דאָס געטאָן. צו מאָרגנס, זונטיק, איז ניט געווען קיין אַרבעטס־טאָג. מיר האָבן געוואוסט אַז די קאָמוניסטישע שוסטער געפינען זיך אויף זייער בירזשע, אויף גענשע גאַס (צווישן סמאָטשע און דעם יידישן בית־עולם). אַרום 1 אַ זייגער ביי טאָג בין איך אַהין אַוועק צוזאַמען מיט יאַנקל פלאַטשאַזש און יאַנקל ראָזענבערגן (ביידע אָרדענער פון פליישער־פאַראיין). אויף דער בירזשע האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ גרויסער עולם זייעריקע, אויך דער סעקרעטאַר פון זייער שוסטער־פאַראיין, אַ געוויסער עדוואַרד. מיר האָבן אויסגעזוכט „מענדעלע פאַרד״, דעם פאַרשוין וואָס האָט אויסגעברענט כאַסקלען די לאָך אין דער ליפּ, מיר האָבן אים גוט דערלאַנגט פאַר די אויגן פון זייער גאַנצער חברה — און מיר זיינען אַוועק, איידער די קאָמוניסטן האָבן זיך געכאַפּט וואָס דאָ איז געשען. ווען מיר זיינען שוין געווען אויף סמאָטשע גאַס, האָבן זיי אונז דעריאָגט און אָנגעהויבן מיט אונז אַ געשלעג. אין מיטן געשלעג איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען מאַריאַן ראָמאַנאָווסקי, דער סעקרעטאַר פון פוילישן פאַראיין פון די בוי־אַרבעטער; ער האָט זיך באַלד אָריענטירט וואָס דאָ קומט פאָר, און זיך געשטעלט אויף אונזער זייט. אַ געזונטער יונג איז ער געווען, האָט ער אונז צוגעהאָלפן צו פאַרטרייבן די קאָמוניסטן.

קאַפּיטל 41

אַ פּרואוו פון אַ פּערזענלעכן טעראָר־אַנפאַל

געווען איז דאָס זומער, 1929. אַ גרופּע בונדיסטן זיינען דעמאָלט אַרויס־געפאָרן אויף אַ זומער־וואוינונג אין דערפל מאַריאַנקע, אַ 4 מייל פון מינסק־מאַזאָוויעצק. דאָס איז געווען אַ רייכער דאָרף פון אַמאָליקע דייטשע קאָלאָניסטן. די הייזער זיינען געווען באַקוועמע, די נאַטור־אומגעבונג אַ שיינע. ניט זייער ווייט פון וואַרשע איז עס אויך געווען, — האָט עמיצער אונז רעקאָמענ־דירט דאָס דאָזיקע באַקוועמע אָרט און עטלעכע בונדישע פאַמיליעס זיינען יענעם זומער אַהין אַרויסגעפאָרן: לייבעטשקע בערמאַן מיט זיין פאַמיליע, די פּערענסאָנס, מישאַ און קאַראָלע שער (זיי זיינען אויך געווען לוטשעס קרובים), דער לערער דוד פאַליאַק און איך מיט מיין פאַמיליע. די פרויען מיט די קינדער זיינען דאָרט געזעסן דעם גאַנצן זומער; די מענער, וואָס האָבן געאַרבעט, זיינען אַרויסגעקומען נאָר אויף שבת און זונטיק. איך האָב געהאַט מיין אורלויב (וואַקאַציע) אין יולי, בין איך אַהין אַרויסגעפאָרן פאַרברענגען מיין אורלויב. פריילעך זיינען, ווי געוויינטלעך, אָנגעקומען די פּאָר חברים בונדיסטן. פּאָר נאַכט האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר: לייבעטשקע, פּערענסאָן און איך. מיר האָבן אַרומשפּאַצירט איבער די פעלד־וועגן און וואַלד־סטעזשקעס, געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן און ווען ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן בין־השמשותדיק, זיינען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדערער אין זיין וואוינונג.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטוב איז שוין געווען האַלב טונקל, זאָגט מיר לוטשע אַז ס׳איז דאָ געווען אַ יונגערמאַן און האָט זיך אויף מיר געפרעגט. ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ווען כ׳וועל צוריק קומען, זאָל מען מיר זאָגן, כ׳זאָל צוקומען צו משהס געוועלבל, עמיצער וואַרט דאָרט אויף מיר. דאָס געוועלבל איז געווען אַ טיפּיש דאָרפיש קרעמל, וואו מען האָט גע־קריגן אַלצדינג. אַחוץ דעם איז עס געווען אַ מין זומער־קלוב פאַר דער יוגנט. דאָרט איז מען זיך צוזאַמענגעקומען אין די אָוונטן, געטרונקען סאָדע־וואַסער מיט סאָק (זאַפט), געקנאַקט „באַניקערן", געהאַט „ראַנדקעס" („דעיטס"); אַ מאָל זיינען עלטערע מענטשן — וואָס זיינען געקומען עפּעס קויפן — אויך פאַרבליבן אַ ביסל צייט און געכאַפּט אַ שמועס. אַזוי ווי איך בין געווען אַ ביסל מיד, האָט זיך מיר ניט געגלוסט צו גיין. איך האָב געטראַכט: אַז עמיצער דאַרף מיך האָבן, וועט ער מסתמא קומען צו מיר — און כ׳בין ניט געגאַנגען.

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, אפשר אַ 20 מינוט, קלאַפּט מען אין דער

טיר און ס׳קומט אַריין אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, אַ דאַרער פון מיטעלן וואוקס. ער זאָגט מיר, אַז בײַ משהן אין געוועלבל זײַנען פאַראַן עטלעכע מענטשן וואָס ווילן מיך זען. זיי וואַרטן שוין אַ לאַנגע צייט, בעט ער מיך איך זאָל מיט אים מיטגיין צו זיי. דאָס געוועלבל איז געווען אַ ביסל ווייטלעך, און מיר האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלוסט צו גיין. זאָג איך צו אים: אַזוי ווי דאָ בײַ מיר איז זייער באַקוועם, זאָלן זיי בעסער אַהער קומען. דער בחור וויל אָבער ניט אײַנגיין דערויף: איך זאָל דווקא גיין מיט אים. איך זאָג „ניין", און ער שפּאַרט זיך מיט מיר, איך זאָל יאָ גיין, און ער וויל ניט אַוועקגיין. ער הייבט מיך אָן צו מאַכן פאַרוואורפן, אַז ס׳איז ניט שיין צו לאָזן חברים אַזוי לאַנג וואַרטן. איך טענה אַלץ דאָס מײַניקע: פאַר וואָס עפּעס דווקא אין געוועלבל, פאַר וואָס ניט דאָ, בײַ מיר? מיר שפּאַרן זיך אַזוי, און איך זאָג אים אָפּ צום וויפלטן מאָל. גיט ער מיר פּלוצלונג אַ זאָג מיט חוצפה: איר מוזט גיין! — דאָ האָט מיר געגעבן אַ שלאָג אין קאָפּ עפּעס אַ חשד: וואָס הייסט „איך מוז גיין?" — דעמאָלט האָב איך זיך שוין קאַטעגאָריש אָפּ־געזאָגט צו גיין און כ׳האָב זיך אויפגעהויבן אַרויסצובאַגלייטן דעם בחור צום טירל פון פּאַרקאַן. ווען מיר זײַנען אַראָפּגעגאַנגען פון דער וועראַנדע האָט ער געמאַכט עפּעס אַ פאַרדעכטיקע באַוועגונג מיט דער האַנט און האָט געגעבן אַ לייכט מיט אַן עלעקטריש לעמפּל. אין דעם אויגנבליק איז אויס־געוואַקסן פאַר מײַנע אויגן אַ הויכער גוי. איך האָב זיך תיכף אָריענטירט וואָס דאָס איז. מיט איין שפּרונג האָב איך זיך געפונען הינטער אַ בוים. דער גוי האָט גלײַך אויסגעשאָסן, אָבער ער האָט מיך ניט געטראָפן. איך האָב הינטערן בוים אַרויסגעכאַפּט מײַן רעוואָלווער און כ׳האָב צוריק גע־שאָסן. זיי זײַנען בײדע אין דער פינצטערניש פאַרשוואונדן.

איך בין צוריק אַריין אין שטוב. ס׳איז באַלד אַרײַנגעקומען צו מיר דער פויער, דער באַלעבאָס, זיך נאָכפרעגן וואָס דאָ איז געשען. איך האָב אים אַלץ דערציילט. ער האָט מיך באַרואיקט: ער האָט אַ דערלויבעניש צו האַלטן אַ ביקס און ער האָט זי טאַקע — און זאָל עמיצער זיך דערוועגן צו קומען דאָ נאָך אַ מאָל!

אין אַ שעה אַרום האָב איך געהערט פון וואַלד אַרויס, וואָס איז ניט געווען ווייט פון מײַן הייזל, אַ דריי־פיר שיכורע שטימען רעדן אויף פּויליש:

— „ס׳איז דער פענצטער," — „ניין, ס׳איז דער צווייטער פענצטער"...

איך בין אַריין צום באַלעבאָס און אים דערציילט וועגן דעם. ער איז באַלד אַרויס מיט זײַן ביקס און הויך אויסגעשריען: ווער ס׳וועט זיך דערוועגן אַריבערצוגיין מײַן פּאַרקאַן, וועט ניט אַרויס קיין לעבעדיקער! דעמאָלט האָט מען געהערט ווי די חברה אין וואַלד דערווייטערט זיך מיט קללות און זידלערייען.

איך בין אַריין אין שטוב, פאַרמאַכט די לאָדנס און זיך געלייגט שלאָפן. אָבער אַ גאַנצע נאַכט האָב איך און לוטשע קיין אויג ניט צוגעטאָן.

אין דער פרי זײַנען לייבעטשקע (בערמאַן) און פערענסאָן אַרײַנגעקומען צו מיר. זיי האָבן זיך ערשט אין דער פרי דערוואוסט פון דער גאַנצער מעשה.

זיי זיינען מיט מיר פֿאַרבליבן, כדי — אויב ס'וועט זיין נייטיק — העלפֿן מיך פֿאַרטיידיקן. אַרום 10 אין דער פֿרי איז געקומען צו פֿאָרן אויף אַ ראָווער אַ פּאַרסאָפּעטער חיים קירשנצווייג (ער איז געווען איינער פֿון די ענערגישסטע צוקונפֿט־טוער, אַ מיטגליד פֿון וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון צוקונפֿט און וויצע־קאָמענדאַנט פֿון דער בונדישער יוגנט־מיליץ, געשטאָרבן אין מעל־בורן, אין 1953). זיינע עלטערן מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע האָבן אויך גע־וואוינט אויף זומער־וואוינונג אין דער געגנט, אָבער אַ סך נענטער צום שטעטל מינסק־מאַזאָוויעצק. אין דער פֿרי האָט ער געהערט אין שטעטל ריידן, אַז עס גרייט זיך אַ דעמאָנסטראַציע פֿון קאָמוניסטן קעגן מיר. איז ער געקומען צו פֿאָרן אויף זיין וועלאָסיפּעד מיך צו וואָרענען וועגן דער סכנה און כ'זאָל שוין אַוועקפֿאָרן קיין וואַרשע! איך האָב אים באַרואיקט און געזאָגט, אַז כ'האָב ניט בדעה צו אַנטלויפֿן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך טאַקע אויפֿן פֿעלדוועג באַוויזן אַ מחנה פֿון אַ 100 יוגנטלעכע. זיי זיינען געבליבן שטיין פֿון דער ווייטנס, באַענט פֿון וואַלד און האָבן אָנגעהויבן שרייען אין כאָר: „נידער מיט בערנאַרדן!״ „נידער מיטן סאָציאַל־פֿאַשיסט!״ זיי האָבן אַזוי אָפּגעשריען אַ שטיקל צייט — און זיינען אַוועק.

חיים קירשענצווייג, אָבער, ווען ער האָט געזען אַז איך וויל זיך ניט רירן פֿון אָרט, האָט ער אָנגעקלונגען קיין וואַרשע צו דער פּאַרטיי און האָט דערציילט וועגן דער גאַנצער געשעעניש. צו מאָרגנס אין דער פֿרי איז אָנגעקומען צו מיר אַ גרופּע אָרדענער מיך צו באַשיצן (געווען צווישן זיי: לייזער לעווין, שאַיע־יודל, מאָניעק דעמבבסקי).

מאָנטיק אין דער פֿרי האָב איך געהאַט אַ טעלעפֿאָן פֿון ח׳ נח, אַז מען דאַרף מיך נייטיק האָבן אין וואַרשע, איך זאָל שוין קומען צו פֿאָרן. ווען איך בין צו אים געקומען האָט ער מיר געמאָלדן, מיט זיין באַקאַנטער מילדער שטרענגקייט, אַז ער פֿאַרבאָט מיר צוריק צו פֿאָרן קיין מאַריאַנקע. די רעשט פֿון מיין אורלויב קען איך פֿאַרברענגען וואו איך וויל, אָבער ניט דאָרט. האָב איך באַשלאָסן אַוועקצופֿאָרן קיין זאַקאָפּאַנע. איך האָב מיטגענומען מיט זיך מיין יאַנעקן, לוטשע איז שוין פֿאַרבליבן אין וואַרשע.

קאַפּיטל 42

אין זאַקאָפּאַנע

זאַקאָפּאַנע איז אַ שטעטל אין סאַמע האַרץ פון די פּוילישע טאַטרען־בערג, דער צענטראַלער אויסגאַנג־פּונקט פון אויספלוגן אין פאַרשיידענע זייטן פון די טאַטרען און אַ באַקאַנטער און פּאָפּולערער זומער־און ווינטער־אָפּרו־אָרט. אין זאַקאָפּאַנע בין איך פאַרפאָרן אין דער קאָלאָניע (קעמפּ) פון קולטור־ליגע.

די געזעלשאַפט קולטור־ליגע איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון בונד, אָבער באַדינט האָט זי אַלעמען און מען האָט קיינעם ניט געפרעגט וועגן זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. פאַקטיש האָבן אויך קאָמוניסטן גענאָסן פון די אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס פון דער „קולטור־ליגע". דער ערשטער וואָס האָט פונאַנדערגעבויט די „קולטור־ליגע" איז געווען דער ציש"אָ־לערער און שול־פאַרוואַלטער ש. אַבראַמסאָן (איצט אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע). ער אַליין איז קיין בונדיסט ניט געווען, אָבער ער האָט לאָיאַל מיט־געאַרבעט מיטן בונד. ער האָט אין דער אָנפירונג פון דער קולטור־ליגע אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו, אונטערנעמערישקייט און פאַרנעם. אין די דרייסיקער יאָרן האָט די אָנפירונג איבער דער קולטור־ליגע איבערגענומען דער בונדישער קולטור־טוער הערמאַן קרוק (בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען פון די אַקטיווסטע טוער אין אונטערערדישן בונד אין דער נאַצי־אָקופּירטער ווילנע, אומגעבראַכט דורך די נאַצי־הענקער).

די טעטיקייט פון דער קולטור־ליגע איז געווען זייער אַ פאַרצווייגטע; זי האָט געפירט אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, שפּראַך־קורסן און אַנדערע אָוונט־קורסן, ציקלען פאַרלעזונגען, קאָנצערטן און קינסטלערישע אָוונטן; זי האָט פאַרקויפט הנחה־בילעטן אין די יידישע און פּוילישע טעאַטערס; אָבער צו די פּאָפּולערסטע אונטערנעמונגען אירע האָבן געהערט זומער־קאָלאָניעס און ווייטערע אויספלוגן (אויך קיין אויסלאַנד). אויף די זומער־קאָלאָניעס, וואָס זי האָט איינגעאָרדנט אין די שענסטע געגנטן פון לאַנד, האָבן אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ פאַר אַ ביליקן פּרייז געקענט פאַרברענגען זייער וואַקאַציע־צייט אין אַ געגנט וואָס פּריוואַט וואָלטן זיי דאָס ניט געקענט דערגרייכן. אַחוץ וועגן פיזישן אָפּרו האָט די קולטור־ליגע אויך געזאָרגט וועגן אַ פיינער קולטור־אַטמאָספער אויף די אָפּרו־קאָלאָניעס.

אַזאַ קאָלאָניע האָט אין יענעם יאָר די קולטור־ליגע געהאַט אָרגאַניזירט אויך אין זאַקאָפּאַנע און איך בין נאָך דעם פאַרפאַל אין מאַריאַנקע אַוועק אַהין אויף וואַקאַציע. אָנגעפירט מיט דער קאָלאָניע האָט גרישע יאַשונסקי,

דעמאָלט אַ בונדיסט, אַ סטודענט פון יורי אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. זיין געהילף איז געווען ליובאַ שאַברינסקי, אויך אַ סטודענטין (אַ ציוניסטקע פון „השומר הצעיר"), וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען אַ לערערין אין די אָוונט־שולן פון דער צוקונפט.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען געקומען צו גאַסט אין דער קאָלאָניע די באַרימטע שרייבער דזשאָן גאַלסווערדי און ערנסט טאָלער. געבּרענגט האָט זיי ד"ר לעאָן פיינער, אַ קראָקעווער בונדישער פירער. אין קראָקע איז דעמאָלט געהאַט פאָרגעקומען דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון „פען"־קלוב, האָט ד"ר פיינער געבּרענגט עטלעכע סאָציאַליסטישע שרייבער צו גאַסט אין דער קאָלאָניע, זיי זאָלן זיך באַקענען מיט יידישע אַרבעטער. איך האָב זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט ערנסט טאָלערן. ער האָט אויסגע־צייכנט פאַרשטאַנען מיין יידיש, איך האָב בלויז אויסגעמיטן צו נוצן לשון־קודשדיקע ווערטער. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אַלץ וואָס איך האָב אים דערציילט: וועגן די לעבנס־באַדינגונגען פון יידישע אַרבעטער, וועגן זייער קולטור־לעבן, וועגן יידישע שולן, וועגן יידישן טעאַטער, וועגן אונזער פּאָליטישן קאַמף, וועגן אַנטיסעמיטיזם און אַ סך אַנדערע זאַכן.

אַז איך בין שוין געווען אין דער קאָלאָניע, האָב איך זיך אונטערגענומען צו פירן קלענערע אויספלוגן אין די טאָלן און בערג, וואָס רינגלען אַרום זאַקאָפּאַנע. איין מאָל, אויף אַזאַ אויספלוג, איז אויסגעקומען, אַז מיר זיינען אויף אַ שמאָלער סטעזשקע פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַן אָפּגרונט. אין יענעם מאָמענט איז געגאַנגען לעבן מיר אַ קאָמוניסט, וואָס האָט — ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן — געזאָגט אויף מיר, באַלד נאָך מיין אָנקומען אין דער קאָלאָניע: „דער מערדער איז דאָ". האָב איך צו אים איצט געזאָגט: „איר זעט, אָט דאָ אין דעם אָפּגרונט קענט איר פאַרשווינדן, אַז מען זאָל מער פון אייער געביין ניט הערן, אָבער — לאָמיר גיין ווייטער". אין אַ מינוט אַרום איז ער צוגעקומען צו מיר און אַ ביסל אַ פאַרשעמטער האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז ער בעט ביי מיר אַנטשולדיקונג, אַז זינט ער איז מיט מיר דאָ, זעט ער, אַז ער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות וועגן מיר, אַז שולדיק אין דעם אַלעם זיינען די פאַרסמטע פּאַרטיי־קאַמפן.

אין דער קאָלאָניע איז דעמאָלט געווען אויך אַנע ראָזענטאַל. זי האָט זיך אויסגעצייכנט — ווי שטענדיק — מיט איר שטאָלצער, אַריסטאָקראַ־טישער אָבער פריינדלעכער האַלטונג. זי האָט אַרויסגערופן צו זיך אַכטונג מצד אַלעמען. זי האָט אָבער געהאַט גרויס עגמת נפש צוליב אַזאַ זאַך: גרישע יאַשונסקי האָט געפירט אַ פלירט מיט אַ קאָמוניסטקע פון טשענסטאָ־כאָוו, וואָס האָט זיך געפונען אין דער קאָלאָניע, און זי — אַנע האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגן. דאָס איז ביי איר ניט געווען סתם אַן אַריינמישן זיך אין פרעמדע עסקים. די יאַשונסקיס האָבן מיט יאָרן צוריק געוואוינט אין ווילנע אין שכנות מיט אַנען. גרישע און מישע, די יאַשונסקיס זין, זיינען נאָך דעמאָלט געווען קליינע קינדער און זיי פלעגן אַריינקומען צו די ראָזענ־טאַלס אַזוי אָפט, אַז זיי זיינען דאָרט באַטראַכט געוואָרן ווי אייגענע קינדער (די

ראָזענטאַלס האָבן אַליין קיין קינדער ניט געהאַט). דעריבער האָט זיך אַנע אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן גרישעס פלירט, ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ פלעק אין דער אייגענער משפחה.

אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען אויך גרישעס עלטערן געקומען אין דער קאָלאָניע. אַנע האָט באַלד מיט פאַרדראָס דערציילט גרישעס מוטער וועגן דעם גרויסן „אומגליק". „מען דאַרף עס ניט נעמען ערנסט", האָט פרוי יאַשונסקי באַרואיקט די ח'טע אַנע.

דער פאָטער, אינזשיניער יוסף יאַשונסקי, האָט אין דער קאָלאָניע זיך אַרויסגעוויזן גאָר אַן אַנדער מענטש ווי מען האָט אים בדרך כלל געקענט. ער האָט אויסערלעך שטענדיק געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ האַרטן, שטייפן און שטרענגען מענטש. אויך ביי דער אַרבעט — ער איז געווען דער הויפּט־דירעקטאָר פון „אָרט" אין פּוילן — האָט זיך וועגן אים אַזאַ איינדרוק געשאַפן. אָבער דאָ האָט ער זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט ווי אַ באַרעדעוודיקער, צוגעלאָזענער און פריינדלעכער מענטש. אינזש. יאַשונסקי האָט געהאַט זייער אַ שוואַכע ראיה, ער האָט קוים, קוים געזען. ער האָט אָבער דווקא געוואָלט גיין אויף שפּאַצירן איבער די אַרומיקע בערג און טאָלן. מיטנעמען אים מיט אַן אַלגעמיינעם אויספלוג האָט מען ניט געקענט, ווייל ער וואָלט ביים גיין צוריקגעהאַלטן דעם עולם. אים האָט מען פשוט געדאַרפט פירן פאַר דער האַנט. בין איך געגאַנגען מיט אים באַזונדער אויף אויספלוגן. אויף די דאָזיקע שפּאַצירן האָט ער זיך פריי פונאַנדערגערעדט. ער האָט מיר דערציילט אַ סך וועגן זיינע יוגנט־יאָרן, וועגן זיינע סטודענטישע יאָרן אין פעטערבורג, וועגן דעמאָלטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן א. אַז. וו. די דאָזיקע שפּאַצירן זיינען פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן. וואָס פאַר אַ טשיקאַווע נאַטור־דערשיינונג מיר זאָלן ניט האָבן געזען אויף אונזערע שפּאַצירן, האָט ער פאַר מיר באַלד געהאַלטן וועגן דעם אַ גאַנצע אָנציענדיקע לעקציע אויף אַזאַ פאַרכאַפּנדיקן פּאָפּולערן אופן ווי נאָר ער האָט געקענט (זיינע „שמועסן וועגן נאַטורוויסנשאַפט און טעכניק" וואָס זיינען געווען געדרוקט יעדן פרייטיק אין דער פאָלקסצייטונג זיינען געווען באַליבט ביים לייענער־עולם). טייל מאָל איז אויף די שפּאַצירן מיטגעגאַנגען די אידעלע און סימפּאַטישע פרוי יאַשונסקי; צומאָל — אָבער ניט אָפט — איז אויך געגאַנגען די ח'טע אַנע.

אין דער קאָלאָניע איז אויך געקומען צו פאָרן פון ביאַליסטאָק בנימין טאַבאַטשינסקי מיט זיין פרוי קריינדל און זייער איינציקן זון שמואל (ביידע אומגעקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ). פון גיין אין די בערג האָט ח' טאַבאַטשינסקי ניט געהאַלטן. גיין אויף באַריקאַדן, דאָס פאַרשטייט ער, אָבער גיין איינשטעלן דאָס לעבן אויף בערג? — אויף אַ קליינעם שפּאַציר אין אַ טאָל האָט מען אים נאָך אַמאָל געקענט אַרויסשלעפּן, אָבער אויף די העכערע בערג אָדער בערגלעך האָט ער זיך ניט געלאָזט „פאַרפירן". דערפאַר אָבער האָט ער אַריינגעבראַכט אַ סך פריילעכקייט און געמיטלעכקייט אין דער קאָלאָניע. ביים טיש, אַ מייסטער פון אונטערהאַלטונג, אַ גוואַלדאָוונער

זינגער, שטענדיק פול מיט שפרודלדיקן הומאָר. ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו פאַרברענגען.

אָבער זיין שמואליק — ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ 6־7 יאָר — האָט דווקא יאָ געהאַלטן פון גיין אין די בערג, און ניט אַזוי פון גיין ווי פון לויפן. אים האָט מען שוין געמוזט צוימען. ער האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך די וואונדער פון דער אַרומיקער נאַטור מיטן שאַרפן אויג פון אַן אינטעליגענט און וואַכזאַם קינד. בעת די שפּאַצירן פלעגט ער כסדר צו מיר אונטער־שפּרינגען מיט נייס: „בערנאַרד, איר זעט, דאָרט איז אַ סאַרנע!" „בער־נאַרד, איר זעט, יענער שטיין קוקט אויס ווי אַ פויגל!" אויך זיין פאַנטאַזיע האָט זיך דאָרט צעשפּילט און ער האָט געזען אומרעאַלע זאַכן: „בערנאַרד, איר האָט געזען, דאָרט איז פאַרבייגעלאָפן אַ לייב!" דאָס קינד האָט אין די בערג פשוט אויפגעלעבט.

אויך מיין זון יאַנעק איז געווען שטאַרק איבערגענומען מיט די בערג. אין זאַקאָפּאַנע איז ער שוין פריער געווען, אָבער איצט האָב איך אים שוין מיטגענומען אויף גרעסערע שפּאַצירן, אויף די אַרומיקע ניט צו הויכע בערג און איך האָב אים אויך צום ערשטן מאָל גענומען אויף אַ גרויסן אויספלוג, אין די אייגנטלעכע טאַטרען, אויפן פּאָפּולערן זאַווראַט. אויפן רוקן פון באַרג זיינען דעמאָלט אין עטלעכע ערטער געווען שטיקלעך פון אייביקן שניי. ווען יאַנעק האָט דערזען שניי אין מיטן זומער, איז ער כמעט ווילד געוואָרן פון איבעררעשונג. איך האָב אים קוים געקענט איינהאַלטן. איך האָב געמאַכט מיט אים אַ סך שפּאַצירן אין די בערג. ער פלעגט ניט איינרוען, ער איז געלאָפן פאַראויס, געוואָלט וואָס מער זען, קיין שום וואָרנונגען און ריזיקאַלע ערטער האָבן אים ניט צוריקגעהאַלטן. איין מאָל האָב איך אים אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל: מיר זיינען געגאַנגען אויפן נאָסאַל, ניט קיין צו הויכער און שווערער באַרג, נאָענט פון זאַקאָפּאַנע. דאָרט איז אָבער פאַראַן אין איין אָרט אַן אָפּגרונט. יאַנעק איז ווי געוויינטלעך געלאָפן פאָראויס. איך האָב זיך געמאַכט ווי איך וואָלט אַראָפּגעפאַלן אין אָפּגרונט און גערופן אים, אַז ער זאָל צוריקקומען מיר העלפן זיך אַרויסדראַפּען. כלומרשט העגנענדיק איבערן אָפּגרונט, האָב איך אים אינסטרואירט ווי אַזוי מיך אַרויסצוראַטעווען. איך האָב אים געהייסן אַרויסנעמען אַלץ פון רוקזאַק, האַלטן פעסט פאַר די לעדערנע רימענס, אַראָפּלאָזן צו מיר דעם רוקזאַק און אַזוי פּאַמעלעך מיך אַרויפציען. לאַנגע יאָרן האָט ער טאַקע געגלויבט אַז ער האָט מיך דאַן באמת אָפּגעראַטעוועט און ער פלעגט מיט שטאָלץ דאָס איבערדערציילן. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן איז ער געוואָרן אַ גרויסער ליבהאָבער פון די בערג. ער פלעגט גיין אין די בערג אויף באמת ריזיקאַלע וועגן, מערסטנטיילס צוזאַמען מיט מאַיוס נאָוואָגרודסקי (היינט אין ניו־יאָרק) און מיט ראובן ליפשיץ, וואָס איז אַזוי יונג, צו 25 יאָר, פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט, אין אַ לופט־קאַטאַסטראָפע מיט אַ פּוילישן מיליטערישן עראָפּלאַן, אין יאָר 1945. (ער איז געווען אַ לופט־פליער אין דער פּוילישער גלות־אַרמיי אין ענגלאַנד).

קאַפּיטל 43

אַנפאַלן אויף אַן אָוונטשול

לויט דעם באַקאַנטן קאָמוניסטישן אופן פון טראַכטן איז ביי זיי אויס־געקומען, אַז צעשטערן דאַרף מען ניט בלויז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פאַראיינען, נאָר אויך אַלץ וואָס האָט צו זיי די מינדסטע שייכות, אפילו — אַן אָוונטשול פאַר אַרבעטער־יוגנט.

זינט אָנהייב צוואַנציקער יאָרן האָט דער יוגנט־בונד צוקונפט אויס־געהאַלטן אין וואַרשע אָוונטשולן פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער. ביז 1926 האָבן עקזיסטירט 5 אַזעלכע אָוונטשולן מיט היפּשע עטלעכע הונדערט שילער און שילערינס. כדי צו פאַרהיטן די שולן פון פּאָליצייאישע שיקאַנעס, האָט די צוקונפט לעגאַליזירט אַ ספּעציעלע בילדונגס־געזעלשאַפט (וועקער), וואָס איז געווען דער רעכטלעכער באַלעבאָס איבער די אָוונטשולן. פּעדאַגאָגיש זיינען די דאָזיקע אָוונטשולן געווען אָנגעשלאָסן אין דער ציש״אָ און זיי זיינען טאַקע פאַרגעקומען אין די לאָקאַלן פון די ציש״אָ־שולן. די צוויי גרעסטע און סטאַבילסטע אָוונטשולן פון דער צוקונפט זיינען געווען אויף נאַוואָליפּקי 68 און אויף מילע 51. די דאָזיקע אָוונטשולן זיינען געווען זייער פּאָפּולער ביי דער וואַרשעווער יידישער אַרבעטער־יוגנט. די יידישע יוגנטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן ניט באַוויזן אַדורכצוגיין אַ נאָרמאַלע עלעמענטאַר־שול, ווייל זיי האָבן שוין גאָר יונג געמוזט גיין אַרבעטן, האָבן דאָרט גענאָסן ניט בלויז פון אַלגעמיינער בילדונג, נאָר אויך פון אַ ברייטערער קולטור־טעטיקייט; און דער עיקר — זיי האָבן דאָרט געהאַט אַ וואַרעמע חברישע אַטמאָספער. פון די אָוונטשולן זיינען אַרויסגעוואַקסן צוויי וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציעס: דער צוקונפט־כאָר אונטער דער אָנפירונג פון יוסף גלאַטשטיין (אומגעקומען אונטער די נאַציס) און די דראַמאַטישע סטודיע ביי דער צוקונפט, אונטער דער אָנפירונג פון מ. פּערענסאָן (איצט אין ניו־יאָרק). די אָוונטשולן, וואָס זיינען געווען אָפן פאַר יעדן יידישן יוגנטלעכן, זיינען אויך געווען אַ וויכ־טיקער ווערביר־קוואַל פאַר דער צוקונפט. הונדערטער יוגנטלעכע זיינען דורך די אָוונטשולן געקומען צו דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. האָבן די קאָמוניסטן ניט געקענט דאָס פאַרטראָגן און האָבן באַשלאָסן צו נעמען זיך אויך צו אונזערע אָוונטשולן און אויך זיי דערגיין די יאָרן.

זיי האָבן דאָס אָנגעהויבן שוין פריער. אָבער אָנהייב שול־יאָר 1929־1930 האָבן זיי ספּעציעל זיך פאַרלייגט אויף דער אָוונטשול אויף מילע 51, וואָס איז געלעגן אין סאַמע האַרץ פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט. זיי פלעגן קומען פאַרן טויער פון דער שול און פאַרטשעפּען די שילער ביים

אַרײַנגײן. זײ פֿלעגן זיך אַרײַנרײַסן אין שול־לאָקאַל גופֿא, אַרײַנקומען אין די קלאַסן אין מיטן די לעקציעס און מאַכן אױסרופֿן א. ד. גל. עס איז דער־גאַנגען דערצו אַז זײ האָבן אָנגעהױבן אױך װאַרפֿן שטײנער אױף די לערער און אױף די שילער, װאָס זײַנען נאָך די לעקציעס, 10 אַ זײגער אין אָװנט, אַהײם געגאַנגען. עס איז אַזױ אַרום ממש געװאָרן אַ מורא פֿאַר די קינדער צו גײן אַלײן אַהײם פֿון דער שול. מען האָט געמוזט אין דער באַגלײטונג פֿון אָרדענער אָפּפֿירן אױך די לערער אַהײם. אױך טאַטעס און מאַמעס, עלטערע ברידער און שװעסטער פֿלעגן קומען אָפּנעמען די קינדער (אַ סך שילער זײַנען נאָך געװען קינדער פֿון 12־13 יאָר, כאָטש זײ האָבן שױן בײַ טאָג געאַרבעט אױף ברױט) פֿון דער שול און אָפּפֿירן זײ אַהײם. האָבן מיר געמוזט אָפּטער אַרױסרופֿן אָרדענער צו פֿאַרטרײַבן די קאָמוניסטן. אָבער די קאָמוניסטן האָבן גענומען ברענגען זײערע שטאַרקע און ס׳איז אין יענער צײַט ניט אַדורך כמעט קײן אײן אָװנט אָן אַ געשלעג בײַ דער אָװנטשול.

אײן מאָל, דאָס איז געװען אָנהײב װינטער 1930, װען די יוגנטלעכע זײַנען שױן רואיק געזעסן אין די קלאַסן און געלערנט, האָבן פּלוצלונג אָנגעהױבן פֿליען שטײנער אין די קלאַסן דורך די פֿענצטער (די שול אױף מילע 51 האָט זיך געפֿונען אױפֿן ערשטן שטאָק און די פֿענצטער זײַנען אַרױסגעגאַנגען אױף דער גאַס). אין געצײלטע מינוטן זײַנען די קלאַסן געװען פֿול מיט שטײנער און מיט צעבראָכן גלאָז פֿון די שױבן. עטלעכע צענדליק שױבן זײַנען אױסגעהאַקט געװאָרן און עטלעכע שילער זײַנען לײַכט פֿאַרװאונדעט געװאָרן.

עס איז געװאָרן אַ בהלה אין דער שול. מען האָט איבערגעריסן דאָס לערנען. דער פּאַרטײ־סעקרעטאַריאַט האָט װעגן דעם באַלד געקראָגן אַ טעלעפֿאָן און אַ גרופּע אָרדענער איז אַהין אַװעק, אָבער זײ האָבן שױן קײנעם ניט געטראָפֿן. די קאָמוניסטן האָבן זיך באַצײַטנס אָפּגעטראָגן. פֿון דעמאָלט אָן איז שױן אין דער שול געװען רואיק. די קאָמוניסטן האָבן פֿאַרשטאַנען װאָס פֿאַר אַ פּסק עס דערװאַרט זײ פֿאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט און זײ האָבן זיך ניט באַװיזן מער בײַ דער שול.

דער איבערפֿאַל אױף דער אָװנטשול אױף מילע 51 איז אָבער געװען בלױז אַ קינדער־שפּיל אַנטקעגן דעם װאָס די קאָמוניסטן האָבן באַלד נאָך דעם אָפּגעטאָן.

קאַפּיטל 44

איבערפֿאַל אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

די מעדעם־סאַנאַטאָריע פֿאַר לונגען־שוואַכע קינדער איז געווען דאָס שיינדל פֿון דער בונדישער באַוועגונג. מיר האָבן זי אַרומגערינגלט מיט מוטערלעכער וואַרעמקייט. מיר האָבן זיך אין איר געשפּיגלט ווי טאַטע־מאַמע אין אַ געראָטן קינד.

ווער עס האָט געקענט די לעבנס־באַדינגונגען פֿון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן, און ווער עס האָט געזען וואָס עס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט די מעדעם־סאַנאַטאָריע — דער האָט אַזאַ ענטוזיאַזם געקענט פֿאַרשטיין. די אָרעמקייט, די ענגשאַפֿט, די דחקות, די אונטערדערנערטקייט פֿון יידישע אַרבעטער אין פּוילן, די פֿאַרשטיקטע לופֿט פֿון די איבערבאַפֿעלקערטע קוואַרטאַלן וואו זיי האָבן געוואוינט — דאָס איז אַ גוט באַקאַנטע זאַך. די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען דער שיינענדיקער קאָנטראַסט צו דעם אַלעם: זי האָט זיך געפֿונען אויף דער באַרימטער אָטוואָצקער ליניע (צווישן מיעדזשעשין און פֿאַלעניץ). זי איז געשטאַנען אויף אַן אָפֿן פֿעלד אַרומגערינגלט מיט לאַנקע און וואַלד. די הילצערנע בלאַנקענדיק ווייס גע־פֿאַרבטע געביידעס זיינען געווען איינגעטונקט אין גרינס, אַרומגערינגלט מיט בוימער. אויפֿן שטח פֿון דער סאַנאַטאָריע זיינען געווען שפּיל־פּלעצער, שפּאַציר־אַלייען, באַצירטע מיט גרויסע בלומען־בייטן, אַ ספּעקטע פּאַר פּלאַנצן, איינאָרדענונגען פֿאַר הינער־צוכט, אַ גרויסער טויבן־שלאַק (וואָס איז געווען דער ליבלינג פֿון די קליינע קינדער); איינאָרדענונגען צו לערנען די קינדער נאַטור־וויסנשאַפֿט טאַקע אויפֿן שויס פֿון דער נאַטור גופֿא; אַ פֿאַרצווייגטע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג פֿון די קינדער.

ווי נאָר מען איז אַריבער דעם טויער פֿון דער סאַנאַטאָריע האָט אַ יום־טובדיקייט אַרומגענומען. עס האָט אַ בלענד געטאָן פֿאַר די אויגן די אידעאַלע ריינקייט, די מוסטערהאַפֿטע פּלאַנירונג פֿון גאַנצן אָרום. מען האָט געהאַט אַ געפֿיל, ווי מען וואָלט זיך געפֿונען אין אַ טעמפּל פֿון שיינקייט און שטענדיקן יום־טוב. און אין צענטער פֿון דער שיינקייט און דערהויבנקייט — די קינדער־לעך אַליין, וואָס האָבן אָנגעפֿילט דעם גאַנצן פּלאַץ מיט לעבן און פֿרייד.

טובערקולאָז האָט באַדראָט דאָס געזונט פֿון יידישן קינד אין פּוילן, פּונקט אַזוי ווי פֿון ניט־יידישע קינדער. אין פּוילן האָבן עקסיסטירט אַנשטאַלטן וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט היילן טובערקולאָז־קראַנקע, עלטערע ווי קינדער, אָבער זיי האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פֿון שפּיטאָלן.

עס זיינען אויך געווען סאַנאַטאָריעס, אָבער יעדער איינער דאָרט האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ קראַנקער און ער דאַרף זיך אויפפירן ווי אַ קראַנקער. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט געהערשט אַ גאָר אַנדער אַטמאָספער. די קינדער האָט מען אַהער געבראַכט צו היילן זייערע שוואַכע לונגען, אָבער פאַר זיי, פאַר די קינדער גופא, איז די סאַנאַטאָריע ניט געווען קיין שפּיטאָל, און דאָס זיין אין סאַנאַטאָריע איז פאַר זיי געווען איין גרויסער יום־טוב פון פרייד, דערהויבונג און פריילעכן לערנען.

דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק דעם וואָס די סאַנאַטאָריע איז איינגעשטעלט געוואָרן ווי אַ יידיש־וועלטלעכער, מאָדערנער פּעדאַגאָגישער הייל־אַנשטאַלט.

עס וואָלט געווען אַן עוולה ניט צו דערמאָנען כאָטש אַ טייל מענטשן, וואָס האָבן אַריינגעלייגט זייער נשמה און האַרץ צו מאַכן פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע דאָס וואָס זי איז געוואָרן: נח (פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע), שלמה מענדעלסאָן, שלמה גילינסקי, דער דירעקטאָר, יוסף ברומבערג, דער פאַרוואַלטער (ביידע איצט אין אַמעריקע); די צוויי לערער מרדכי גילינסקי (באַטקע) און יאַנקל טרופּיאַנסקי; די דאָקטאָרין אַנע ברוידע־העלער (אַלע דריי אומגעקומען אונטער די נאַציס), און אַ סך אַ סך אַנדערע.

אַרויסשיקן זיין קינד אין דער סאַנאַטאָריע איז פאַר אַ יידישן אַרבעטער געווען אַ גליק. אַז אַ קינד איז איין מאָל געווען אין דער סאַנאַטאָריע, איז עס פאַר אים געווען אַן איבערלעבונג, ניט צו פאַרגעסן. און דאָך —

אויך דאָס אינזעלע פון פרייד, שיינקייט און אומשולדיקן קינדערשן גליק האָבן די קאָמוניסטן אַטאַקירט.

ווי אַזוי איז געקומען צו דעם?

די סאַנאַטאָריע האָט געהאַט אַ גרויסן פּערסאָנאַל — אַ מעדיציניש, אַ פּעדאַגאָגיש און אַ טעכניש (דאָס זיינען די באַשעפטיקטע אין קיך, ביים רוימען, ביים האַלטן אין אָרדענונג דעם גאַנצן שטח א. אַז. וו.). אַ טייל פון טעכנישן פּערסאָנאַל האָט געהערט צום פאַראיין פון הויז־דינערשאַפט אין וואַרשע, וואָס איז געווען אַנגעשלאָסן אין צענטראַל־ראַט. אַ טייל האָט געהערט צום פאַראיין פון די אָנגעשטעלטע אין פּענסיאָנאַטן אויף דער אָט־וואָצקער ליניע, וואָס האָט געהאַט זיין זיצאָרט אין אָטוואָצק, און וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער קאָמוניסטישער פירונג.

סוף 1930 האָבן טייל אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געהערט צום קאָמוניסטישן פאַראיין, אַרויסגערוקט פאַרשיידענע פּרעטענזיעס צו דער אינס־טיטוציע. אַ שטייגער: איין מאָל האָט די פאַרוואַלטערין פון דער קיך זיך עפּעס צעווערטלט מיט אַן אָנגעשטעלטער, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל ביי דער אַרבעט. האָט דער קאָמוניסטישער פאַראיין געמאַכט דערפון אַ גאַנצן וועזן און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די עלטערן, זיי זאָלן אָפּנעמען זייערע קינדער פון דער סאַנאַטאָריע, און צו די קינדער האָט ער אַרויס־

געלאָזט אַ רוף, זיי זאָלן דערקלערן... אַ הונגער־שטרייק. אַזוי ווי אין יענער צייט פון „סאָציאַל־פאַשיזם" און ווילדע שטרייקן איז מען געווען צוגעוויינט צו כּלערליי קאָמוניסטישע ווילדקייטן, האָט מען אויף דעם קיין גרויס אַכט ניט געלייגט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער קאָמוניסטישער פאַראיין פּלוצלונג אַרויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען צו דער פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע — פאָדערונגען משונהדיקע, וואָס עס איז גאָר אוממעגלעך געווען זיי נאָכצוגעבן. געטאָן האָבן זיי דאָס, ווי ס'איז קלאָר געווען, נאָר כּדי צו האָבן אַ תירוץ אויף אַרויסצורופן אַוואַנטורעס אין דער סאַנאַטאָריע. די אָנגעשטעלטע אין דער סאַנאַטאָריע האָבן אגב שוין געהאַט פון פריער בעסערע, אַ סך בעסערע באַדינגונגען, סיי אין לוין סיי אין אַנדערע פּרטים, ווי די פּענסיאָנאַט־אָנגעשטעלטע אויף דער גאַנצער אָטוואָצקער ליניע. דאָך האָט די פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע ניט אָפּגעוואָרפן די פאָדערונגען, נאָר פאָרגעלייגט דעם פאַראיין איבערצוגעבן זיי צום אַרביטראַזש פון אַ העכערער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־אינסטאַנץ, למשל, דעם צענטראַל־ראַט, דעם לאַנד־ראַט, אָדער גאָר דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען — דער העכסטער אינסטאַנץ פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען אין פּוילן — צו וועלכער אויך דער אָטוואָצקער קאָמוניסטישער פאַראיין האָט געהערט. אָבער דער אָטוואָצקער פאַראיין האָט וועגן דעם ניט געוואָלט הערן: מען מוז גלייך נאָכגעבן אַלע זייערע פאָדערונגען אָן דיסקוסיע. און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען, האָבן זיי תּיכּף דערקלערט אַ שטרייק, אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט דעם טייל פון פּערסאָנאַל וואָס האָט געהערט צו זייער פאַראיין און באַלד אויפגעפאָדערט די רעשט פון טעכנישן פּערסאָנאַל, ער זאָל אויך צושטיין צום שטרייק און וואַרפן די אַרבעט. גלייך נאָך דעם זיינען זיי געקומען מיט אַ פאָדערונג צום גאַנצן פּערסאָנאַל, ניט בלויז צום טעכנישן נאָר אויך צום מעדיצינישן און פּעדאַגאָגישן, אַז אַלע זאָלן פאַרשטרייקן. פאַרשטייט זיך, אַז דער רעשט פּערסאָנאַל האָט וועגן אַזאַ זאַך אפילו ניט געוואָלט הערן.

האָבן די קאָמוניסטן דעמאָלט אָנגעהויבן רעפּרעסיעס קעגן דער סאַנאַטאָריע. זיי זיינען אַוועק צום בעקער אין פאַלעניץ, וואָס האָט פאַרזאָרגט די סאַנאַטאָריע מיט געבעקס, און האָבן אים ניט געלאָזט צושטעלן דער סאַנאַטאָריע. זיי זיינען אַוועק צום בעקער, אין פאַלעניץ, וואָס האָט פאַרזאָרגט די צו די עלטערן, אַז אין דער סאַנאַטאָריע גייט כּלומרשט אָן אַ „שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע פון פּערסאָנאַל" און דעריבער זאָלן זיי אַלס פּראָטעסט אָפּנעמען די קינדער פון דער סאַנאַטאָריע; זיי האָבן געסטראַשעט אַז זיי וועלן בלאָקירן די גאַנצע סאַנאַטאָריע און ניט צולאָזן קיין שום פּראָדוקטן. ווען דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן, האָבן זיי אָנגעווענדט זייער אויסגעפּרוּווטן מיטל — אַ באַוואָפנטן אָנפאַל.

דאַנערשטיק, דעם 12טן פעברואַר, 1931, אַרום צווי אַ זייגער ביי טאָג, איז אַ באַנדע פון אַ 150 מאַן, יידן און קריסטן, פלוצלונג באַפאַלן די מעדעם־סאַנאַטאָריע און געמאַכט אַ פּאָגראָם. זיי זיינען אַריין אין דער עלעקטראָוניע און זי צעשעדיקט; זיי זיינען אַריין אין קיך און גענומען ברעכן מכשירים און געפעס; זיי האָבן אַטאַקירט די מענטשן פון פעדאַגאָגישן און מעדיציניש פערסאָנאַל; דער לערער מרדכי גילינסקי (באַטקע) האָט געקריגן מיט אַן אייזן איבערן קאָפּ; זיי האָבן אפילו ניט געשאַנעוועט קיין פרויען און האָבן צעשלאָגן די דאָקטאָרין ציבולסקי; זיי האָבן געבראָכן שויבן אין אַלע געביידעס און אפילו אין דער „איזאָלאַציע" (אַ קליין הייזל, וואו מען האָט געהאַלטן אין די בעטן קינדער מיט העכערער טעמפּעראַטור). אָבער דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווייניק: זיי האָבן אויך געעפנט אַ ווילדע שיסעריי און אין עטלעכע צימערן זיינען אַריינגעפאַלן אַ היפש ביסל קוילן, אויך אין קלוב־צימער פון די קינדער. צום גליק זיינען די קינדער שוין אַרויסגעפירט געוואָרן פון צימער און קיין קויל האָט קיינעם ניט געטראָפן.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ פּאַניק עס איז געוואָרן צווישן די קינדער. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט דער פערסאָנאַל אָנגעהויבן קומען צו זיך פון דער צעטומלעניש. אַ טייל לערער און קראַנקן־שוועסטער האָבן געכאַפּט די קינדער און מיט זיי אַוועק אין די ווייטע ווינקלען, אַ צווייטער טייל האָט אָנגעהויבן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. דער פאַרוואַלטער ברומבערג האָט זיך זייער מוטיק קעגנגעשטעלט דער קאָמוניסטישער חברה פּאָגראָמשטשיקעס. ווען מען האָט געוואָלט קלינגען קיין וואַרשע און מעלדן וועגן אָנפאַל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַנדע האָט אויך איבערגעשניטן די טעלעפאָן־דראָטן. האָט ברומבערג דורך אַ הינטערוועג אַרויסגעשיקט עמיצן פון פערסאָנאַל צו טעלעפאָנירן צו אונז, קיין וואַרשע, וועגן דעם וואָס די קאָמוניסטן האָבן אָפּגעטאָן.

ווי נאָר מיר האָבן געקריגן די ידיעה בין איך תיכף אַוועק אין דער סאַנאַטאָריע מיט אַ גרופּע מיליציאָנערן און אַ טייל עלטערן וואָס מען האָט געקענט אויף גיך צונויפּברענגען. אין אַ קנאַפּער שעה צייט זיינען מיר געווען אויפן אָרט. די קאָמוניסטן זיינען שוין געהאַט אַוועק. מיר האָבן זיך באַראַטן וואָס צו טאָן און מיר האָבן באַשלאָסן אַז אַ גרופּע אָרדענער זאָל פאַרבלייבן אַ געוויסע צייט אין סאַנאַטאָריע. קודם־כל איז געווען די סכנה אַז די קאָמוניסטן וועלן איבערחזרן די אָנפאַלן און אפשר זיי נאָך פאַרשטאַרקן. צווייטנס — האָט מען געמוזט אַרויסהעלפן דעם טעכנישן פערסאָנאַל, וויל טייל (די קאָמוניסטן) האָבן דאָך געשטרייקט. מיר האָבן אויסגערעכנט אַז מיר דאַרפן האָבן עטלעכע צענדליק מאַן. מיר האָבן זיי צעטיילט אַזוי: אַ טייל האָט געהיט די סאַנאַטאָריע פון דרויסן, כדי ניט צו דערלאָזן צו קיין נייעם קאָמוניסטישן אָנפאַל; אַ טייל האָט געהאָלפן ביי דער אַרבעט אין דער קיך און ביי אַנדערע טעכנישע אַרבעטן; אַ טייל האָט געהיט פון אינעווייניק (די קאָמוניסטן האָבן זיך דאָך געקענט אַריינקריגן אין דער סאַנאַטאָריע דורך אַ הינטערוועג). דאָס באַשעפטיקן די אָרדענער ביי דער קיך,ביים רוימען

א. אַז. וו. האָט געהאַט נאָך אַ צוועק: מיר האָבן געוואָלט אַז די אָרדענער זאָלן זיך ניט אַרומדרייען ליידיק, אַז זיי זאָלן זיין אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקט ביי עפּעס. די שווערסטע זאַך איז געווען די נאַכט־וואַך. ס'איז דעמאָלט געווען אין די קאַלטסטע צייטן פון ווינטער — פעברואַר. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געמוזט האַלטן וואַך פאַרן טויער און איבערן גאַנצן שטח פון דער סאַנאַטאָריע. די וואַכן האָבן זיך געטוישט יעדע צוויי שעה; ווען עס איז געווען אַ ספּעציעל קאַלטע נאַכט, האָט מען זיי געטוישט יעדע שעה.

אחוץ דער אַרבעט פון היטן די סאַנאַטאָריע און העלפן ביי דער טעכנישער אַרבעט, האָבן די אָרדענער אויך געברענגט אַלע פּראָדוקטן פון שטעטל פּאַלעניץ אין דער סאַנאַטאָריע אַריין. ווען עמיצער פון פּערסאָנאַל פון דער סאַנאַטאָריע האָט געדאַרפט גיין אין שטעטל, האָבן מיר אים מיטגעגעבן אַ וואַך פון אָרדענער. אָבער ווען עמיצער פון אונז האָט געדאַרפט קומען צו פאָרן אין דער סאַנאַטאָריע, איך צי אַן אַנדערער, זיינען מיר אַראָפּגעגאַנגען ביי דער סטאַנציע פּאַלעניץ (מען האָט אויך געקענט אַראָפּגיין ביי דער סטאַציע מיעדזשעשין), דעמאָנסטראַטיוו אַדורכגעגאַנגען דאָס שטעטל און דורכן שטעטל צוגעגאַנגען צו דער סאַנאַטאָריע. דאָס האָבן מיר געטאָן בכיוון, כדי צו ווייזן די קאָמוניסטן, אַז מיר האָבן ניט קיין מורא אַדורכצוגיין דורך זייער „פעסטונג" (פּאַלעניץ איז דעמאָלט געווען זייערע אַ פעסטונג). בלויז איין מאָל האָבן זיי נאָכגעשאָסן ברומבערגן, אָבער זיי האָבן אים ניט געטראָפן. מיר האָבן ניט געמאַכט דערפון קיין ווענז, ווייל מיר האָבן ניט געוואָלט צעפלאַקערן דעם קאָנפליקט אויף דאָס ניי.

די קאָמוניסטן פון זייער זייט האָבן אויך ניט געשוויגן. זיי האָבן אַרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס קעגן דער סאַנאַטאָריע. זיי זיינען געקומען פאַר דער סאַנאַטאָריע, האָבן געליאַרעמט, געזידלט, געשריגן, אָבער האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס. נאָענט צו דער סאַנאַטאָריע זיינען זיי שוין מער ניט צוגעקומען.

די ידיעה וועגן דעם איבערפאַל און שיסעריי אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט טיף דערשיטערט די ברייטסטע יידישע אַרבעטער־מאַסן: באַפאַלן אַ קינדער־סאַנאַטאָריע און שיסן אויף איר? — באַדראָען דאָס לעבן פון אומשולדיקע קינדער, אָדער גאָר ביז טויט זיי איבערשרעקן? — הונדערטער אַרבעטער פון וואַרשע האָבן געוואָלט פאָרן קיין פּאַלעניץ און פּשוט דורס זיין די קאָמוניסטן. די פּאַרטיי האָט ניט דערלאָזט דערצו. מיר האָבן געוואָלט אויסמיידן אַ פאַרשאַרפונג פון קאָנפליקט און נייע שיסערייען.

די גרופּע מיליציאַנערן איז פאַרבליבן אין דער סאַנאַטאָריע מער ווי צוויי וואָכן. נאָך די ערשטע טעג, ווען די סיטואַציע אַרום איז געוואָרן רואיקער, בין איך אַוועק פון דער סאַנאַטאָריע, אָבער איך בין יעדן טאָג צוגעקומען אויף עטלעכע שעה. אין אָנהייב זיינען אין דער סאַנאַטאָריע געווען אַ צוויי צענדליק מיליציאַנערן, ביסלעכווייז האָבן מיר די צאָל פאַרקלענערט, ביז עס האָט זיך אַלץ אַרום באַרואיקט.

קאַפּיטל 45

ווידער אַ פּרואוו מיך צו דערמאָרדן

געווען איז עס אין פרילינג פון 1931. איך בין אַהיים געקומען שפּעט, אַרום 1 אַ זייגער ביי נאַכט. געוואוינט האָב איך דעמאָלט אויף קאַרמעליצקע 6. דער טויער, ווי געוויינטלעך אין וואַרשע, איז שוין געווען פאַרמאַכט. איך האָב אָנגעקלונגען אין טויער און כ'האָב געוואַרט, דער סטרוזש זאָל מיר עפענען. עפּעס איז דער סטרוזש ניט אַזוי גיך אַרויסגעקומען. וואַרטנדיק אַזוי און קוקנדיק אין דער פוסטער גאַס אַריין, האָב איך באַמערקט ווי עס פאָרט אַרויס אַן אויטאָ פון דער נאָוואָליפּיע גאַס און פאָרט אין מיין ריכטונג. דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ. עס שפּרינגען אַרויס צוויי פאַרשוינען און זיי הייבן זיך אָן שאָרן לענגאויס דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט. באַלד האָט זיך דערהערט אַ שאָס. איך האָב זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויף דער קני, אין ווינקל פון טויער, הינטער איינעם פון די שטיינער וואָס זיינען געשטאַנען ביים טויער. כ'האָב אַרויסגעכאַפּט מיין רעוואָלווער און כ'האָב אָנגעהויבן צוריקשיסן. פלוצלונג זיינען יענע חברהלייט אַריין אין וואַרטנדיקן אויטאָ — און אַנטלאָפן.

בעת דער שיסעריי האָבן די שכנים פון די הייזער אַרום אויפגעפּראַלט די פענצטער, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל, מ'האָט געהערט געשרייען „מען שיסט". אויפן טומל איז טאַקע באַלד אָנגעקומען פּאָליציי. זעענדיק מיך, איז די פּאָליציי צו צו מיר און איז צוזאַמען מיט מיר אַריין אין טויער. איך האָב אויסגענוצט די פינצטערניש אין טויער און כ'האָב אַוועקגעוואָרפן מיין רעוואָלווער אין אַ ווינקל אין הויז. די פּאָליציי האָט וועגן דעם גאַנצן פאַר־פאַל צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל. שפּעטער האָט מען אויף דעם אָרט, וואו די קאָמוניסטישע שיסער זיינען געשטאַנען, געזען פלעקן פון בלוט; ווייזט אויס, אַז איינער פון זייערע חברה־לייט איז פון מיינער אַ קויל פאַרוואונדעט געוואָרן און דאָס איז וואַרשיינלעך געווען די סיבה, פאַר וואָס זיי האָבן זיך פלוצלונג צוריקגעצויגן.

לאַנגע וואָכן נאָך דעם האָבן חברים מיך אָפּגעהיט, וואו נאָר איך בין גע־שטאַנען און געגאַנגען. איך האָב אויף זיי געשריגן זיי זאָלן אַוועק, אָבער זיי האָבן בלויז געענדערט זייער טאַקטיק, זיי האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס, אַז איך זאָל זיי ניט זען. איין מאָל, למשל, בין איך אַהיים געקומען שפּעט אין

אונטן און כ׳האָב פּלוצלונג אַנגעטראָפן יוקעלען, אַ יונגן מיליציאַנער אונזערן, ביי מיין טויער. — „וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט, יוקעלע ?" פרעג איך אים. ענטפערט ער מיר, אַז ער שפּאַצירט אַרום „סתּם אַזוי זיך". איך האָב זיך מיט אים איבערשפּאַצירט עטלעכע מאָל איבער דער גאַס און כ׳האָב אַרויסגעקריגן פון אים, אַז ער גייט מיר שוין אַזוי נאָך אַ דריי שעה צייט; וואו איך גיי — גייט ער נאָך פון דער ווייטנס. אַזוי האָבן געטאָן אויך אַ סך אַנדערע חברים. דאָס איז, ווייזט אויס, געטאָן געוואָרן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויסגעקומען אונזער חבר אַדוואָקאַט לודוויק האַניגוויל צו פּאַרטיידיקן אַ קאָמוניסט אין געריכט. (ביי די סאָציאַליסטישע אַדוואָקאַטן איז געווען אַ פּרינציפּ, אַז ניט געקוקט אויף די אַנטי־סאָציאַליס־טישע אָנפאַלן, זידלערייען און מערדערייען מצד די קאָמוניסטן, דאַרף מען זיי דאָך פּאַרטיידיקן אין די געריכטן; די סאָציאַליסטישע און אַ טייל ליבע־ראַלע אַדוואָקאַטן פלעגן דאָס טאָן אָדער אין גאַנצן בחינם אָדער פאַר אַ מינימאַלן האָנאָראַר). האָט ח׳ האַניגוויל געפונען אין די אַקטן פון פּראָצעס אַ באַריכט פון דער מיליטערישער „דעפענסיווע" (אויסשפּיר; אויף ענגליש „אינטעלידזשענס"), אַן אָפּטייל פון פּוילישן גענעראַל־שטאַב), אַז די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויף בערנאַרדן און אַז עס ווערן שוין געמאַכט באַמיאונגען דעם טויט־אורטייל אויסצופירן. מען האָט דעמאָלט אַנגעהויבן נאָכפאָרשן דעם ענין און די דאָזיקע ידיעה איז באַשטעטיקט געוואָרן אויך פון אַנדערע זייטן.

ווען אונזער עולם האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָט מען פון אַלע זייטן געוואָרנט די קאָמוניסטן, אַז „קעפּ וועלן ביי זיי פאַלן אויב בערנאַרדן וועט עפּעס געשען".

די פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אַן עפנטלעכע וואָרנונג צו די קאָמו־ניסטן, וואָס איז געוואָרן אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אותיות אין דער פאָלקס־צייטונג, דעם 19טן מאַי 1931. אין דער וואָרנונג זאָגט זיך:

„מיר וואָרענען! — אין משך פון דער לעצטער וואָך באַקומען מיר אַן אויפהער ידיעות, אַז די קאָמוניסטן האָבן באַשלאָסן צו דערמאָרדן אונזער חבר בערנאַרד גאָלדשטיין.

„די ידיעות דערגייען צו אונז פון פאַרשיידענע מענטשן וואָס שטייען נאָענט צו די קרייזן וואָס פירן אָן מיט דער יידישער קאָמוניסטישער אַרבעט. מען גיט אונז איבער ניט נאָר וועגן דעם אָנגענומענעם באַשלוס, נאָר אויך וועגן פּרטים ווי אַזוי ער דאַרף אַדורכגעפירט ווערן אין לעבן.

„מיר ווילן זיך, נאַטירלעך, ניט אַריינלאָזן אין קיין פּאָליטישער און ניט אין קיין מאָראַלישער אָפּשאַצונג פון דעם אומדערהערטן באַשלוס. מיר ווילן בלויז וואָרענען מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, אַז פאַר דעם מינדסטן פּרואוו

אַדורכצופירן דעם דאָזיקן קרימינעלן פאַרברעכן וועלן מיר מאַכן פאַראַנט־וואָרטלעך אַלע פירער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פוילן.

„זאָלן זיי וועגן דעם געדענקען און זיך באַזינען.

וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד".

דאָס האָט וואָרשיינלעך געווירקט. פון דעמאָלט אָן זיינען מצד די קאָמוניסטן מער ניט געמאַכט געוואָרן קיין אָרגאַניזירטע פרואוון מיך צו דערמאָרדן.

קאַפּיטל 46

די קראָכמאַלנע גאַס

די קראָכמאַלנע גאַס איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ פעסטונג פון די קאָמוניסטן. מען האָט דעמאָלט די גאַס גערופן „קליין מאָסקווע", „דער קרעמל". אַז אַ באַקאַנטער בונדיסט פלעגט אַדורכגיין די גאַס, האָט מען אים נאָכגעשריען „בונדישער קרופּניק" (דאָס איז געווען אַ קאָמוניסטישע צונעמעניש פאַרן בונד, וואָס האָט געזאָלט באַדייטן, אַז דער בונד זאָרגט נאָר פאַר די מאַטעריעלע באַדערפענישן פון די אַרבעטער, אָבער נישט פאַר די „העכערע" זאַכן, פאַר דער „רעוואָלוציע"). אויף דער גאַס האָט געבושעוועט דער קאָמוניסטישער טעראָר. מען פלעגט שלאָגן און פאַרטרייבן פון דער גאַס די פאַרשפּרייטער פון בונדישע אויפרופן. בונדישע פּלאַקאַטן פלעגט מען גלייך אַראָפּרייסן אָדער ניט לאָזן אויסהענגען. גלייכצייטיק איז די קראָכמאַלנע שוין פון לאַנג געווען באַקאַנט אויך ווי אַ פעסטונג פון דער אונטערוועלט, וואָס האָט אויך געשטערט דער פאַרשפּרייטונג פון בונדישער פּראָפּאַגאַנדע אין דעם ראַיאָן.

די „קראָכמאַלנע" איז געווען אַ שם־דבר אין וואַרשע. ס'איז געווען — זינט איך געדענק זי — איינע פון די אָרעמסטע, ענגסטע, צום געדיכטסטן באַוואוינטע און שמוציקסטע גאַסן אין וואַרשע. די ווענט פון די הייזער (און די הייזער זיינען גראָד געווען גרויסע מיט גרויסע הויפן) זיינען געווען אָפּגעריסן, פאַרחושכט. די גאַס איז געווען אַ שמאָלע, אין אַ סך ווינקלען איז קיין מאָל נישט צוגעקומען די זון און די בלאָטע האָט דאָרט פון איין יאָר אויפן צווייטן זיך ניט אויסגעטריקנט. די גאַנצע גאַס, מיט אירע אָפּגעריסענע, פינצטערע מויערן, מיט אירע בלאָטעס און מיט אירע פאַרחושכטע מענטשן, האָט אויסגעקוקט ווי עפּעס אַ פינצטערער תהום.

די קראָכמאַלנע איז געווען אַרומגערינגלט מיט גרויסע מערק: די באַרימטע האַלעס, דער „גאָשטשינני דוואור" (שפּעטער האָט דער דאָזיקער מאַרק אַ נאָמען געקריגן „וויעלאָפּאָליע"), די גנוינע גאַס וואו עס האָט זיך געפונען יאַנושעס הויף (אַ גרויסער הויף־מאַרק אויף עק גנוינע און קראָכמאַלנע) און אַ סך הורט־געשעפטן פון שפּייז־אַרטיקלען, דער פּלאַץ מיראָווסקי וואָס איז געווען דער צענטער פון פּרוכט־האַנדל. האָבן טאַקע אויף דער קראָכמאַלנע גאַס געוואוינט ווייניק אַרבעטער, נאָר דער עיקר אָרעמע הענדלער און הענד־לערקעס פון די אַרומיקע מערק, טרעגער און פורמאַנעס וואָס האָבן געהאַט זייערע סטאַציעס אויף די דאָזיקע מערק (אָדער אויף אַנדערע מערק). אחוץ דעם האָבן אויף דער קראָכמאַלנע געוואוינט אַ היפּש ביסל מענטשן מיט אומבאַשטימטע פאַכן, ווי אויך אונטערוועלט־מענטשן. ווי גרויס ס'איז געווען

דער פּראָצענט פון די אונטערוועלט־לייט איז שווער צו זאָגן, אָבער זיי האָבן באַהערשט די גאַס: ספּעציעל איז דאָס באַרימטע „פּלעצל" — אַ פיר־קאַנטיקער פּלאַץ ביי קראָכמאַלנע 7 און 9 — געווען זייער „קעניגרייך", זייער הויפּט־בערזע.

אַ גאַס פון דער אָרעמקייט איז, למשל, אויך געווען די סמאָטשע. ווי גרויס איז אָבער געווען דער אונטערשייד צווישן קראָכמאַלנע און סמאָטשע! די סמאָטשע איז געווען אַ סך ריינער. און באַוואוינט איז זי געווען מערסטנס פון אַרבעטער, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געהערט צו די פּאַראַיינען און צום בונד. אַ סך קינדער פון סמאָטשע האָבן זיך געלערנט אין די יידיש־וועלטלעכע שולן וואָס זיינען געווען קאָנצענטרירט אין יענער געגנט; זיי האָבן געהערט צום סקיף, צו דער צוקונפט אָדער צו אַנדערע יוגנט־אָרגאַני־זאַציעס. די סמאָטשע־געגנט איז געווען אַ צענטער פון דער יידישער אָרגאַ־ניזירטער אַרבעטערשאַפט. די גאַס איז טראָץ איר אָרעמקייט געווען אַ לעבע־דיקע און אַ פריילעכע. צוויי צענטערס פון דער וואַרשעווער אָרעמקייט — און וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט!

אָבער דער בונד האָט ניט אויפגעגעבן די קראָכמאַלנע גאַס. נאָך די סיים־וואַלן אין 1922 האָבן מיר זיך פאַרלייגט אַרויסצוהייבן די געגנט פון איר גע־זעלשאַפטלעכן און מאָראַלישן אָפּגרונט. עס איז געשאַפן געוואָרן ביים וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר דעם קראָכמאַלנער ראַיאָן, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו פאַרברייטערן די בונדישע ווירקונג אין דעם ראַיאָן. עס איז געעפנט געוואָרן די יידישע שול אויף קראָכמאַלנע 36. די שול האָט תיכף געהאַט גרויס דערפאָלג. די קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול פון דער ציש"אָ, האָבן אָנגעהויבן אהיים ברענגען נייע קולטורעלע מאַניערן און נייע פּירונגען און זיי האָבן מיט דעם ביסלעכוויז אָנגעהויבן באַווירקן זייערע אייגענע היימען. זאָל ניט אויסגערעדט זיין, אָבער אַזעלכע פּירונגען ווי וואַשן זיך די הענט פאַרן עסן האָבן די קינדער געבראַכט אין די היימען פון דער שול. דורך די קינדער איז די שול געוואָרן אַ קולטור־פאַקטאָר אין די קראָכמאַלנער היימען. די שול האָט אויך געווירקט אויף די היימען דירעקט דורך עלטערן־פאַר־זאַמלונגען, דורך וויזיטן פון די לערער אין די וואוינונגען פון די קינדער, א.אַז.וו. אַ היפּשע צאָל קינדער פון דער שול זיינען ווערבירט געוואָרן פאַרן סקיף, און די דאָזיקע סקיפיסטן האָבן אַריינגעבראַכט אין זייערע שטובן נייע לידער, גאַנץ אַנדערע ווי די וואָס מ'פּלעגט זינגען אויף דער קראָכמאַלנע גאַס; זיי האָבן געשלעפּט זייערע עלטערן אויף קולטור־אונטערנעמונגען וואָס די פּאַרטיי אָדער די קולטור־ליגע האָט איינגעאָרדנט. מיט איין וואָרט, דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט: די קינדער זיינען געוואָרן די דערציער פון זייערע עלטערן און די קולטור־טרעגער אין זייערע היימען.

די פּאַרטיי האָט אויך געאַרבעט דורך די פּאַראַיינען. אַ געוויסע צאָל מיטגלידער פון פליישער־פּאַראיין, פון טראַנספּאָרט־פּאַראיין, און אויך פון אַנדערע אונזערע פּאַראַיינען, האָבן געוואוינט אין קראָכמאַלנער ראַיאָן. דורך

זיי האָט מען אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן בונדישע ליטעראַטור, ווערבירן לייענער פאַר דער פאָלקס־צייטונג. אויף ספּעציעלע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען פון די בונדיסטן פון יענעם ראַיאָן האָט מען כסדר אַרומגערעדט די פּראָבלעמען פון אונזער אַרבעט דאָרטן. אויך די צוקונפט האָט דאָרט אָרגאַניזירט עטלעכע קרייזן און געשאַפן אַ ספּעציעלן קראָכמאַלנער ראַיאָן.

ווען די אַרבעט פון בונד, צוקונפט און סקיף איז זיך געהאַט גוט פונאַנדער־געוואַקסן, האָט דער בונד געדונגען אין יענער געגנט אַן אייגענעם לאָקאַל (אויף גזשיבאָווסקע גאַס נומער 14, זייער נאָענט פון דער קראָכמאַלנע) און האָט דאָרט איינגעאָרדנט אַ קלוב פאַר די סקיפּיסטן, צוקונפטיסטן און בונדיסטן פון דעם ראַיאָן. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד האָט צוגעטיילט אַ ספּעציעלן פאָרשטייער פאַר דער טעטיקייט אין דעם ראַיאָן, דעם שפּעטער באַרימטן העלד פון דער וואַרשעווער געטאָ און איינעם פון די פירער פון אונטערערדישן בונד, ח׳ אַבראַשע בלום. די צוקונפט האָט דעלעגירט אַ מענטש וואָס איז געווען איינער פון די זעלטנסטע און שענסטע טיפּן — יאַנקעלע מענדעלסאָן. מיט דער סקיף־אַרבעט האָט דאָרט אָנגעפירט חיים איינאַ. אַ גרופּע חברטעס זיינען געווען באַשעפטיקט ביים לאָקאַל, ביים דעקאָרירן אים, פאַרשענערן, דיזשור־רירן אין די אָוונטן. ספּעציעל אַקטיוו זיינען ביי דער דאָזיקער אַרבעט געווען אונזערע חברטעס־סטודענטקעס דינה בערמאַן (די טאָכטער פון לייבעטשקע בערמאַן, איצט מלאַטעק, וואוינט אין ניו־יאָרק) און די צוקונפטיסטקע יענטל בערגמאַן (געווען אַקטיוו און אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ), און נאָך אַנדערע.

מיט דער צייט איז דער קראָכמאַלנער ראַיאָן געוואָרן אַ פעסטונג פון בונד. מיר האָבן גובר געווען דעם איינפלוס און דעם טעראָר פון די קאָמוניסטן. און ס׳איז אויך געבראָכן געוואָרן די פריערדיקע מאַכט פון דער אונטערוועלט. לסוף האָט דער בונד באַהערשט דעם גאַנצן ראַיאָן: אין די וואַרשעווער שטאָטראַט־וואַלן פון 1938 האָט דער בונד געוואונען צוויי פון דריי מאַנדאַטן פון דעם ראַיאָן. אויך דער ראַיאָן, ווי די אַנדערע יידישע וואַל־ראַיאָנען פון וואַרשע, איז אין זיין מערהייט געוואָרן — בונדיש.

***

אויך די קראָכמאַלנע געגנט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך אייגנאַר־טיקע טיפּן. וועגן אַ טייל פון זיי איז כדאי צו דערציילן.

קאַפּיטל 47

דער „גראַבער יאָסל"

דער „גראַבער יאָסל" האָט געהאַט אַ רעסטאָראַן (גערופן האָט מען עס „פּיוויאַרניע", ד.ה. אַ ביר־שענק) אויף דער גנוינע גאַס, אָבער פּאַקטיש האָט ער מיט זיין „פּיוויאַרניע" געהערט צו דער וועלט פון קראָכמאַלנע. גערופן האָט מען אים פאַרשיידן: „יאָסל בעטשקע" (ד.ה. יאָסל פעסל), „גרובי יאָסעק" (אויף פּויליש: דער גראָבער יאָסל), אָבער צום אָפטסטן — דער „גראָבער יאָסל". געווען איז ער טאַקע גראָב ווי אַ פאַס. ער איז געווען פרום, שבת און יום־טוב האָט ער געטראָגן אַ סאַמעטן היטל מיט אַ זיידענער קאַפּאָטע.

די גנוינע גאַס, וואו ער האָט געהאַט זיין געשעפט, איז געווען אַ קליין געסל (וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער גזשיבאָווסקע און קראָכמאַלנע), אָבער אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער. דאָרטן זיינען געווען ס'רוב הורט־גע־שעפטן פון בשמים, הערינג, אימפּאָרטירטע געטריקנטע פּרוכטן א. ד.גל. די גאַס האָט זיך פאַרענדיקט מיט יאַנושעס הויף, וואָס האָט זיך האָרט גע־גרענעצט מיט דער קראָכמאַלנע און וואָס איז געווען אַ הויף־מאַרק פאַר פיש, עופות, מילכוואַרג, הויז־געשיר א. אַנד. (געווען דאָרט אויך אַ שעכט־הויז פאַר עופות). אויף דער גאַס האָבן זיך געפונען עטלעכע סטאַציעס פון פלייצע־טרעגער, וועגעלעך־טרעגער און פורמאַנעס. די גאַס איז שטענדיק געווען פאַר־שטעלט מיט וועגענער און דראָזשקעס, פאַרהילכט מיטן טומל און געשריי פון די סוחרים, קונים, טרעגער, פורמאַנעס.

דער „גראָבער יאָסל" האָט געהאַט זיין „פּיוויאַרניע" אויף גנוינע נומ׳ 7, אינעווייניק, אין טויער. דער לאָקאַל איז באַשטאַנען פון אַ פאָדערהויז, צוויי גרויסע צימערן צום עסן און אַ קיך, אַזוי ווי אַ נאָרמאַלע דירה. אַרום 6 אין דער פרי האָט זיך זיין רעסטאָראַן שוין אָנגעהויבן אָנפילן מיט טרעגער און פורמאַנעס וואָס זיינען געקומען עסן אָנבייסן: געוויינטלעך אַ הערינג, אַ גרויסן טעלער הייסע גריץ מיט פלייש, בייגל אָדער זעמל און דערצו אַ פלאַש בראָנפן. שפּעטער, אָנהייבנדיק פון אַרום 10 פאַר מיטאָג, האָט דער זעלבער עולם אָנגעהויבן צוריק אַריינקומען זיך אָנוואָרעמען ביי אַ גלעזל טיי, אַ גלאָז ביר מיט צובייסן; דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן ביז אַרום 6 פאַר נאַכט. ווען דער עולם איז אַוועק אַהיים פון דער אַרבעט. אַרום 10־11 אין אָוונט האָט דער לאָקאַל ווידער אָנגעהויבן זיך אָנפילן מיט מענטשן, אָבער גאָר פון אַן אַנדער מין: דראָזשקאַזשעס, פּראָסטיטוטקעס, אַלפאָנסן, גנבים. די צימערן זיינען געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, די לופט איז געווען הייס און געדיכט.

אַז מען האָט געעפנט די טיר פון דרויסן, האָט געגעבן אַ שלאָג אַרויס אַ פּאַרע ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו. אַזוי איז עס געווען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין דעם אַלעם איז ניטאָ קיין שום אויסערגעוויינטלעכס. כמעט אַלע „קנייפּעס" אויף קראָכמאַלנע און אַרום האָבן אַזוי אויסגעזען. אָבער דעם גראָבן יאָסלס האָט יאָ געהאַט עפּעס אויסערגעוויינטלעכס: קיינער האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס און פאַר ווען — אָבער זיין „פּיוויאַרניע" איז געווען אַ באַליבט שטאָמאָרט פאַר די וואַרשעווער היכע פּענצטער, פאַר היכע פּוילישע באַאַמטע, רעגירונגס־לייט, אָפיצירן. זייער אָפט, אַרום 3־4 אַ זייגער ביי נאַכט, האָבן אין לאָקאַל פון גראָבן יאָסל זיך פּלוצלונג געגעבן אַ לאָז אַריין מיט שטורעם: דער באַקאַנטער פּאָלקאָווניק וועניאַוואַ־דלוגאָשעווסקי, דער לייב־אַדיוטאַנט פון מאַרשאַל פּילסודסקי און דער באַרימטסטער וואַרשעווער שיכור; דער רעגירונגס־קאָמיסאַר יאַראָשעוויטש; דער פּולקאָווניק יורעק פון דער זשאַנדאַרמעריע, דער געוועזענער רעגירונגס־קאָמיסאַר יאַנוש; דער אַרטיסט גראַבאָווסקי (אַ ברודער פון פּראָקוראָר און יוסטיץ־מיניסטער גראַבאָווסקי); דער באַרימטער אַרטיסט יאַראַטש און אַ סך אַנדערע פון דער וואַרשעווער היכער לעבוועלט. געקומען זיינען זיי אַהער פון די שענסטע און עלעגאַנטסטע וואַרשעווער נאַכט־לאָקאַלן. אַרום 3־4 ביי נאַכט, ווען מען האָט פאַרמאַכט די עלעגאַנטע נאַכט־לאָקאַלן, האָט עמיצער פון דער בגילופענער חברה געגעבן אַ געשריי: „יעדזשמי דאָ גרובעגאָ יאָסקאָ" (לאָמיר פאָרן צום גראָבן יאָסל)! און באַלד האָט מען געגומען דראָזשקעס און אַהין אַוועק. אַריינגעקומען מיט אַ שטורעם, האָבן זיי אַלעמען אַרויסגעיאָגט, אָבער טייל מאָל האָבן זיי צוריק אַריינגערופן די אַרויסגעיאָגטע איינציקוויז און באַפוילן זיי צו דערלאַנגען עסן, טרינקען און געהייסן זינגען. צו יאָסלען האָבן זיי געזאָגט: „יאָסעק, זאַפּיש" (יאָסל פאַרשרייב) — און זיי האָבן טאַקע געצאָלט. אַזוי זיינען זיי אָפּגעזעסן אַ האַלבע שעה, טייל מאָל אַ שעה. ביים אַוועקגיין פלעגט טייל מאָל אַזאַ גרויסער שררה נעמען ביים גראָבן יאָסל אַ הלוואה („יאָסעק, דאַוואַי פּאַרע סעט זלאָטיך", ד. ה. יאָסל, גיב אַהער עטלעכע הונדערט זלאָטעס).

צוליב זיינע געהויבענע שטאַמגעסט האָט מען פאַרן גראָבן יאָסל מורא געהאַט. קודם־כל האָט פאַר אים מורא געהאַט די פּאָליציי; ווען ניט דאָס, וואָלט מען שוין ניט איין מאָל פאַרמאַכט זיין געשעפט צוליב סאַניטאַרע טעמים. די פּאָליציי האָט אים פיינט געהאַט, וויל ער פלעגט איר ניט געבן קיין לאַפּוועקע און פלעגט זיך אַמאָל אַ פּאָליציאַנט פאַרגלוסטן צו מאַכן אים אַ פּראָטאָקאָל, אַ שטייגער, פאַר אומסאַניטאַרישקייט, האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט באַלד צו מאָרגנס געהאַט אַ טעלעפאָן פון אַ היכן באַאַמטן און — פון פּראָטאָקאָל איז גאָרניט געוואָרן. אויך די קאָנקורענטן פון אַנדערע אַרומיקע קנייפּעס האָבן פאַר אים מורא געהאַט צוליב זיינע היכגעשטעלטע געסט. טייל מאָל פלעגט ער אויך טאָן אַ טובה אַ סוחר, אַרויסנעמען עמיצן פון אַרעסט, אויספּועלן אַ הנחה ביי שטייערן א. ד. גל. ער פלעגט גיין צו איינעם פון זיינע היכגעשטעלטע געסט און פון צייט צו צייט עפּעס פּועלן, אָבער קיין שתדלן איז ער ניט געוואָרן.

ווי געזאָגט, דער גראָבער יאָסל איז געווען פרום. ער האָט ליב געהאַט צו טאָן אַ טובה אַ באַקאַנטן חסיד, האָט געגעבן צדקה. שבת האָט ער גע־האַלטן דאָס געשעפט פאַרמאַכט, שבת צו נאַכטס האָט ער געעפנט ניט פריער ווי נאָך הבדלה.

עטלעכע מאָל בין איך ביי אים געווען מכוח העלפן אונזער חבר צאַלקע, וואָס איז געווען זיינער אַ שוואָגער (דעם ווייבס אַ ברודער). אויף מיינע טענות האָבן זיי (ער און זיין פרוי) מיט בייזקייט געענטפערט: מיר האָבן פון אים געוואָלט מאַכן אַ לייט, אַריינגעלייגט אין אים דעם טאַטן מיט דער מאַמען, געוואָלט אים אַריינעמען אין געשעפט, האָט זיך אים פאַרגלוסט דער בונד, ס'פאַסט אים ניט אַריינצוקומען צו אונז — טאָ זאָל אים דער בונד העלפן. זיי האָבן אָפּגעזאָגט. איין מאָל האָב איך אַרויסגעריסן פון זיי אַ ביסל געלט צו באַצאָלן פאַר עטלעכע קוואַרטאַלן דירה־געלט פאַר צאַלקען, ווען עס האָט געהאַלטן ביים אַרויסוואַרפן אים פון דער דירה.

⁂

גאָר אַן אַנדער טיפּ איז געווען אַ צווייטע באַרימטקייט פון דער קראָכ־מאַלנער גזע — איטשעלע איזאַקזאָן. איטשעלע איזאַקזאָן האָט געשטאַמט פון אַ רייכער פאַמיליע און איז אַליין אויך געווען אַ גביר. ער האָט געהאַט זיין אייגנס דאָס גרויסע הויז אויף קראָכמאַלנע 5־7, אחוץ דעם האָט ער גע־פירט אַ סך אַנדערע געשעפטן, האַלב און גאַנץ טונקעלע. ער איז אויך געווען — וואָס מען האָט ביי אונז גערופן — אַ „קהלשער קאָכלעפל”: איינער פון די גרינדער פון „חסד של אמת”, פון אַ געזעלשאַפט „בית לחם” אין קראָכמאַל־נער ראַיאָן, פון ביליקע קיכן פאַר אָרעמעלייט, און אַ מאַכער ביי די „גוט־שבת־יידעלעך” *). אָבער ביי די אַלע זאַכן, האָט מען געשמועסט, האָט ער אין

---

*) אין וואַרשע איז לאַנגע יאָרן געווען טעטיק אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט קלייבן ביים ברייטן עולם עסנוואַרג פאַר אָרעמע יידישע קראַנקע אין די שפּיטעלער. שבת נאָכן דאַווענען פלעגן זיי גיין גרופּעסווייז איבער די הייפן (צו דריי־פיר אין אַ גרופּע) מיט גרויסע קוישן און זיי פלעגן אויסרופן: „גוט שבת, יידעלעך! וואַרפט אַראָפּ, ברענגט אַראָפּ ברויט, חלות...” און דאָ האָבן זיי אויסגערעכנט אַ לאַנגן צעטל פון פּראָדוקטן וואָס מען קען אַלץ אַראָפּוואַרפן. באַלד האָבן זיך געעפנט פענצטער אויף אַלע שטאָקן און עס האָבן אָנגעהויבן פליען פּעקלעך איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. אויב אַ באַלעבאָסטע האָט געגעבן עפּעס וואָס מען האָט ניט געקענט אַראָפּוואַרפן פון דער הויך, — אַ שטייגער פיש, פלייש — האָט זי אַראָפּגעשיקט אַ קינד דערמיט. נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך איינגעשטעלט אַ טראַדיציאָנעלער ניגון, מיט וועלכן די „גוט־שבת־יידעלעך” האָבן אויסגעזונגען זייער רוף. זיי זיינען געווען זייער פּאָפּולער אין וואַרשע. ס'איז געווען אַ געזעלשאַפט פון בלויז „עמך”. וויכטיקערע געזעלשאַפטלעכע טוער, פּאַרטיי־טוער, האָבן זיך אין דער אַרבעט ניט באַטייליקט.

דער שטיל „אָפּגעלעקט אַ ביינדל“. ער האָט אויך געבאָרגט געלט אויף פּראָצענט, אָבער ער איז געווען אַן אָריגינעלער פּראָצענטניק: ער האָט גענומען פּראָצענט פון טאָג (געבאָרגט האָבן ביי אים גנבים, קאָמבינאַטאָרן, קאָרטן־שפּילער). ער איז בכלל געווען אויסגעקאָכט מיט גנבים, קאָמבינאַטאָרן, מיט דער פּאָליציי. (אַליין איז ער אין די יונגע יאָרן אויך געווען אַ קאָמבינאַטאָר). מען איז צו אים געקומען אויך מיט „דין־תורות“, אָפּנעמען מיט זיין הילף גנבות. מען האָט פאַרזעצט ביי אים משכנות א. אַז. וו. זיין זיצאָרט האָט ער געהאַט אין דער קאַוויאַרניע אויף קראָכמאַלנע 14, וואָס האָט געהערט צו אַ געוויסן גאָדל „פּיאַק“ (ד. ה. גאָדל שיכור).

מיט איטשעלע איזאַקזאָן איז אונז אויסגעקומען צו האָבן עטלעכע מאָל צוזאַמענשטויסן אין שייכות מיט דער טעטיקייט פון דער וואַרשעווער בונדישער שטאָטראַט־פראַקציע. עטלעכע זיינע לאָקאַטאָרן (מיטגלידער פון אונזערע פאַראיינען) האָבן זיך באַקלאָגט פאַר דער פראַקציע פון די וואַרשעווער בונדישע ראַטמענער, אַז ער האָט זיי אָנגעקלאָגט אויף עקסמיסיע פאַר ניט צאָלן רעגולער דירה־געלט. איך בין צו אים אַוועק און אים געוואָרנט, אַז מען וועט שרייבן אין דער פאָלקס־צייטונג, אַז ער וואַרפט אַרויס אָרעמע אַרבעטער אויף דער גאַס. ער האָט געמאַכט אַ גוואַלד, אַז מען גייט רואינירן זיין „רעפּוטאַציע“, אָבער ער איז פאָרט געוואָרן אַ ביסל ווייכער, ווייל פאַר שרייבן וועגן אים אין צייטונגען האָט ער געציטערט. סוף־כל־סוף איז מען דורכגעקומען, אַז די לאָקאַטאָרן וועלן אים אויסצאָלן דעם חוב אין ראַטעס און ווייטער וועלן זיי צאָלן דירה־געלט רעגולער. אַ צווייט מאָל איז געווען מיט אים אַ שאַרפערער קאָנפליקט. דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט (שטאָט־פאַרוואַלטונג) האָט פאַראָרדנט אַז אַ געוויס הויז אין אַן אָרעמער יידישער געגנט מוז רעמאָנטירט ווערן, ווייל עס האַלט ביים איינפאַלן; אויב ניט — וועט מען עס לאָזן פונאַנדערוואַרפן. די שכנים, וואָס זיינען געווען באַדראָט מיט עקסמיסיע, האָבן צוזאַמענגענומען צווישן זיך אַ ביסל געלט צו רעמאָנטירן דאָס הויז. איטשעלע איזאַקזאָן האָט זיך אונטערגענומען אַדורכצופירן דעם רעמאָנט. קודם־כל האָט ער גענומען ביי די שכנים דאָס געלט. אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן אַלע לאָקאַטאָרן געקריגן מעלדונגען פון מאַגיסטראַט וועגן עקסמיסיעס, ווייל מען גייט דאָס הויז פונאַנדערוואַרפן. די שכנים זיינען דעמאָלט געקומען צו אונזער שטאָטראַט־פראַקציע מיט אַ גוואַלד, אַז איזאַקזאָן האָט זיי אָפּגענאַרט, ער האָט גענומען ביי זיי געלט און האָט נאָך אפילו ניט געפּרוווט אָנהויבן דעם רעמאָנט. חברטע אסתר אַלטער־איווינסקאַ, וואָס איז געווען אַ ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָטראַט און פון פאַך אַן אַדוואָקאַט (זי האָט מערסטנטיילס זיך פאַרנומען מיט די יורידישע ענינים פון דער בונדישער שטאָטראַט־פראַקציע), האָט איזאַקזאָנען אויפגעפאָדערט, ער זאָל תיכף דורכפירן דעם שוין לאַנג באַצאָלטן רעמאָנט. ער האָט עס ניט געטאָן. האָט זי אים דאַן אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַר באַשווינדלען די לאָקאַטאָרן. עס האָט אים גאָר ניט געהאָלפן. איווינסקאַ איז געווען פאַרעקשנט און האָט געפאָדערט: אָדער אַ תיכפדיקער רעמאָנט, אָדער תיכף אָפּגעבן דאָס געלט! סוף־כל־סוף האָט ער אָפּגעגעבן די לאָקאַטאָרן דאָס געלט.

נאָך אײן צונויפֿמענטשטויס האָבן מיר מיט אים געהאַט, בעת מען האָט געמאַכט דעם באַקאַנטן פֿילם פֿון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע „מיר קומען אָן!” דער פֿילם הייבט זיך אָן מיט אַ בילד פֿון דער וואַרשעווער ייִדישער אָרעמקייט. צו דעם צוועק האָט דער באַקאַנטער ייִדיש־פּוילישער רעזשיסער פֿאָרד, וואָס האָט רעזשיסירט דעם פֿילם, געוואָלט פֿילמירן אַ בילד פֿונעם לעבן אויף דער קראָכמאַלנע גאַס, און ער האָט אויסגעקליבן גראָד דעם הויף וואָס האָט געהערט צו איזאַקזאָנען. אַ געוויסן טאָג, ווען פֿאָרד איז געקומען אויף דער קראָכמאַלנע מיט זײַן פּערסאָנאַל און מיט זײַן אַפּאַראַט צו דרייען דעם פֿילם, איז אָנגעלאָפֿן איזאַקזאָן און האָט פֿאַרבאָטן צו פֿילמירן „זײַן טעריטאָריע”. האָט מען תּיכף מיך אַרויסגערופֿן, איך זאָל מיט אים דערליידיקן דעם ענין. איך האָב אָנגעהויבן מיט אים אײַנטענהן. לכתּחילה האָט ער ניט געוואָלט הערן וועגן לאָזן פֿילמירן זײַן הויף : ביי מיר איז אַלץ ריין, ס'איז ביי מיר ניט שמוציק, האָט ער געשריגן, און צוזיטנס, — איר באַצאָלט מיר דען דערפֿאַר? — געהאָלפֿן האָט איצט ווידער דער אַרגומענט אַז אויב ער וועט ניט דערלויבן צו מאַכן דעם פֿילם, וועט מען שרייבן וועגן דעם אין די צייטונגען, פֿאַר דעם האָט ער שרעקלעך מורא געהאַט און ער האָט געגעבן אַ דערלויבעניש צו דרייען דעם פֿילם. אגב, אינעם פֿילם האָבן ניט געשפּילט קיין אַרטיסטן, נאָר אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן, דערוואַקסענע און קינדער פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט גופֿא. אײנער פֿון די דאָזיקע קראָכמאַלנע־גאַס־„אַרטיסטן” איז געווען אונזערער אַ חבֿר, כאַסקעלע.

קאַפּיטל 48

כּאַסקעלע

כּאַסקעלע איז געווען אַ געהילף־אָרדענער. דאָס הייסט: קיין רעגולערער מיטגליד פון דער פּאַרטיי־מיליץ איז ער ניט געווען, אָבער ווען די מיליץ האָט געדאַרפט דערפילן אַ ספּעציעלע אויפגאַבע, איז ער געקומען פרייוויליק און האָט אַרויסגעהאָלפן. גערופן האָט מען אים „כּאַסקעלע הויקער", כאָטש קיין הויקער האָט ער ניט געהאַט, נאָר אַ ביסל אַ הויכע פּלייצע און ער האָט גע־האַלטן דעם קאָפּ אַ ביסל קרום. דאָס איז געווען געגנוג אַז זיין „פּאָטערלאַנד", די קראָכמאַלנע גאַס, זאָל אים אָנקלעפּן אַ צעטל „כּאַסקעלע הויקער" און דאָס איז אים שוין פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן.

ווען ער האָט זיך באַוויזן אין בונד, איז ער אַלט געווען מסתמא אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, אָבער אויסגעזען האָט ער אַ סך ייִנגער. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ שאַרף פּירקאַנטיק פּנים. עס האָבן אים געפעלט די פראָנט־ציין, און דאָס האָט אים אַ ביסל פאַרקרימט אויך דאָס מויל, ספּעציעל ביים ריידן. פון פאַך איז ער געווען אַ בעקער, אַ „פערטע האַנט", אָבער אפילו ביי דער „פערטער האַנט" איז ער אויך ניט געווען קיין גרויסער אויפטוער. ער איז אַרומגעגאַנגען זייער אָפט אַרבעטסלאָז. זיין ווייב איז געווען אַ קעכין, מען האָט זי גענומען צו קאָכן אויף רייכע חתונות און אויף גרויסע שמחות, האָט זי ניט שלעכט פאַרדינט און זי פלעגט אחוץ דעם אַהיים ברענגען פון די שמחות עסנוואַרג פון כל־טוב. צו עסן האָט כּאַסקעלע דעריבער געהאַט גענוג און גוט, כאָטש געאַרבעט האָט ער ווייניק (קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט). שרייבן האָט ער ניט געקענט, לייענען האָט ער געקענט אַ ביסל. ער פלעגט יעדן טאָג קויפן די פאָלקס־צייטונג. אַ טייל האָט ער אַליין איבערגעלייענט, אָבער דער עיקר פלעגט ער גיין צו באַקאַנטע, זיי זאָלן אים פאַרלייענען די צייטונג.

זיין באַליבטסטע אַרבעט איז געווען — ווערבירן קינדער פאַרן סקיף. די קינדער פון קראָכמאַלנע האָבן פון כּאַסקעלען געהאַלטן אַ וועלט, און קינדער, קיין עין הרע, האָבן אויף קראָכמאַלנע ניט געפעלט. אַז כּאַסקעלע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן פון באַרימטן „פּלעצל" אויף קראָכמאַלנע, האָט אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל אַריין און האָט געטאָן עטלעכע מאָל אַ שאַרפן פייף, האָבן שוין די קינדער געוואוסט, אַז דאָס רופט זיי כּאַסקעלע. אין געציילטע מינוטן איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה קינדער, טייל מאָל אַ 100־150. ער האָט זיי אַלע אויסגעשטעלט אין רייען, זיך געשטעלט אין

שפּיץ און — ספּעציעל זומער־צייט — אַוועקמאַרשירט מיט זיי אויף אַן אויס־פלוג הינטער דער שטאָט, אין וואַלד. פלעגט מען טאַקע אָפט זען כאַסקעלן מאַרשירן אַ שטראַלנדיקן איבער דער קראָכמאַלנע, דעם קאָפּ פאַרלייגט אַ ביסל אין אַ זייט, און הינטער אים — אַ מחנה קינדער, אויסגעשטעלט אין רייען(ביי אים האָט מען געמוזט גיין אין רייען!). די קראָכמאַלנער מאַמעס האָבן אים פאַרווינטשט דערפאַר דאָס איביקע לעבן. ער האָט צוגענומען די „ממזרים" זייערע אויף אַ גאַנצן הייסן זומערדיקן טאָג (טייל מאָל אויך אין די וואָכן־טעג), זיי זאָלן זיך ניט דאַרפן וואַלגערן אין די קראָכמאַלנער רינשטאָקן און אַרום די פולע מיסט־קאַסטנס, און זיי זאָלן ניט „מאַרדעווען" די מאַמעס. פאַר נאַכט פלעגט כאַסקעלע צוריקברענגען די קינדער אַ ביסל אָפּגעברענט פון דער זון און גליקלעכע — האָבן די מאַמעס זיך געקענט ווינטשן עפּעס בעסערס? כאַסקעלע איז געווען אַן אמתער מלאך אין דער פאַרחושכטער קינדער־וועלט פון קראָכמאַלנע גאַס.

כאַסקעלע האָט אויך דער צוקונפט צוגעהאָלפן אָרגאַניזירן יוגנט־קרייזן אין קראָכמאַלנער ראַיאָן. אַחוץ דעם פלעגט ער טאָג־טעגלעך קומען אין פאַרטיי־סעקרעטאַריאַט מיט אַלץ נייע פּלענער ווי אַזוי אויסצוברייטערן די בונדישע אַרבעט אויף קראָכמאַלנע. זיין נאָענטסטער אידעאַל איז געווען — אַ בונדישער פאַרטיי־קלוב אין קראָכמאַלנער ראַיאָן, — און זיין אידעאַל איז טאַקע פאַר־ווירקלעכט געוואָרן, ס׳איז געעפנט געוואָרן דער פאַרטיי־לאָקאַל אויף גזשי־באָווסקע. גאַנצע טעג און נעכט איז ער אָפּגעווען אין דעם נייעם לאָקאַל און די שווערסטע אַרבעט דאָרט האָט ער אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס.

ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט ווערבירן מיטגלידער פאַרן סקיף און צוקונפט, ער האָט אויך געמאַכט פאַרשיידענע אונטערנעמונגען: געלט־זאַמלונגען, לאָטעריעס א. ד. גל. און פאַרן געלט האָט ער געלאָזט מאַכן בלויע בלוזעס מיט רויטע קראַוואַטן פאַר די קראָכמאַלנער סקיפּיסטן. ער האָט זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן צו עפענען ווינטער־צייט אַ ביליקע קיך אויף קראָכמאַלנע.

ווען נאָר כאַסקעלע האָט זיך דערוואוסט, אַז די מיליץ דאַרף זיין אויף אַ געוויסן אָרט וואו עס שטייט איר פאַר אַ שווערע אַרבעט, איז ער געקומען מיט זיינער אַ גרופּע פון קראָכמאַלנער ראַיאָן. — „כאַסקעלע, וואָס טוסטו דאָ?" פלעג איך אים פרעגן, און ער פלעגט שטענדיק ענטפערן: — „ח׳ בערנאַרד, וואו דער בונד קעמפט — בין איך אויך דאָ!". זיין ענערגישקייט, זיין ענטוזיאַזם, זיין איבערגעגעבנקייט צום בונד איז באמת געווען אָן אַ גרענעץ.

אין וואַרשעווער געטאָ, ווען איך האָב געמוזט אַראָפּ אין אונטערערד, האָב איך פאַרלוירן מיט אים יעדן קאָנטאַקט. איין מאָל, ווען איך בין געגאַנגען אין גאַס, האָב איך אים דערזען, און אויך ער האָט מיך דערקענט; ער איז לאַנגע מינוטן געלאָפן דאָ פאַר מיר, דאָ הינטער מיר. יעדעס מאָל ווען אונזערע אויגן האָבן זיך צונויפגעטראָפן האָבן זיינע אויגן אויפגעשיינט, ווי ער וואָלט

געזאָגט: „ח׳ בערנאַרד, כ׳בין דאָ לעבן איך, איך בין ווייטער מיט איך״. מער האָב איך זיך מיט אים ניט געטראָפן.

אַ צייט שפּעטער האָט מיר אונזער ח׳טע קאַץ, אַ קראַנקן־שוועסטער (זי איז אַמאָל אין ווילנע געווען אַ מיטאַרבעטערין אין ייוואָ), דערציילט, אַז אין געטאָ־שפּיטאָל וואו זי האָט געאַרבעט, האָט מען געברענגט כּאַסקעלען אַ קראַנקן אויף טיפוס. זי האָט אים דערקענט און פלעגט אָפט מאָל גיין זען וואָס ער מאַכט. ווען ער איז געלעגן אין גרויסער היץ, אומבאַוואוסטזיניק שוין, האָט ער פון היץ כסדר געזונגען אַרבעטער־לידער, די בונדישע שבועה א.אַ. מיט די לידער אויף די ליפּן איז ער געשטאָרבן.

קאַפּיטל 49

„מאַלעמאַטקע"

„מאַלעמאַטקע" איז געווען נאָך אַ טיפּישער פאָרשטייער פון דער צאָל־רייכער מאַסע, וועלכע דער בונד האָט אַרויסגעהויבן פון דעם קראָכמאַלנער אָפּגרונט.

געווען איז ער אַ פלייש־אַרבעטער, געאַרבעט האָט ער אין שעכט־הויז. זיי זיינען געווען דריי ברידער. אַלע דריי ניט קיין הויכגעוויקסיקע, ברייט־פּלייציקע און אַלע דריי — גיבורים. אַלע דריי האָט מען גערופן „מאַלעמאַטקע". געשטאַמט האָט דער צונאָמען דערפון, וואָס זייער מוטער איז געווען זייער אַ נידעריקע; ווען די דריי ברידער זיינען נאָך געווען קינדער, האָבן זיי געוואוינט אויפן שילעץ (אַן אַלטער פּוילישער קוואַרטאַל אין וואַרשע, ביים ברעג פון דער ווייסל) און די פּוילישע יינגלעך, מיט וועמען זיי האָבן זיך געשפּילט, האָבן זיי גערופן „מאַלע מאַטקע" (פּויליש: די קליינע מאַמע). פון דעמאָלט איז דער צונאָמען ביי זיי פאַרבליבן אויף שטענדיק.

דער עלטסטער ברודער הערשל, דער, וועגן וועמען איך וועל דאָ דער־ציילן, איז געווען אַ בונדיסט, אַ מיטגליד פון אונזער מיליץ. זיינע צוויי ברידער זיינען געווען אונזערע סימפּאַטיקער.

איין מאָל איז מיט מאַלעמאַטקען געשען אַ מכשול. מען האָט אים געכאַפּט ביים אַרויסטראָגן אַ זעקל פלייש פון שעכט־הויז. מיטנעמען אַהיים אַ ביסל פלייש איז אין שעכט־הויז געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך, אַלע שעכט־הויז־אַרבעטער פלעגן דאָס טאָן. ס'איז געווען אַ מין האַלב־לעגאַלע פּריווילעגיע פון די שעכט־הויז־אַרבעטער מיטצונעמען מיט זיך אַ ביסל פלייש פאַרן הויז־געזינד ביים אַהיים גייין פון דער אַרבעט, און מען האָט שטענדיק געקוקט דערויף דורך די פינגער. אָבער נאָך דעם ווי דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט האָט איבערגענומען דאָס שעכט־הויז און ער האָט אָנגעהויבן אַ פּאָליטיק פון אַרויס־שטויסן יידישע אַרבעטער — שטיל, פּאַמעלעך, אָבער סיסטעמאַטיש — האָט ער לגבי די יידישע אַרבעטער אָנגעווענדט די פאַרשיידענע רעגולאַציעס אַ סך שטרענגער ווי לגבי די קריסטלעכע. ס'קען זיין אַז מאַלעמאַטקע האָט אין יענעם טאָג גענומען מער פלייש ווי געוויינטלעך, און די אַדמיניסטראַציע האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און האָט מאַלעמאַטקען ניט בלויז אַרויס־געוואָרפן פון דער אַרבעט, נאָר אויך געלאָזט אים אַרעסטירן פאַר גניבה. מען האָט אים געמאַכט אַ פּראָצעס און אים אָפּגעשיקט אין תפיסה.

פון דער תפיסה האָט ער אַרויסגעשיקט אַ בריוועלע צו מיר, אַז איך

זאָל קומען זיך זען מיט אים. איך בין אַוועק צו אים אין תפיסה אויף אַ זעאונג. ער האָט מיר געבעטן רחמים, איך זאָל אים ראַטעווען. ער זעט, אַז ער האָט געטאָן אַ גרויסן פעלער און ער וויל דעם פעלער פאַרריכטן. ער וויל ניט פאַר־משפט ווערן ווי אַ גנב, בעט ער מיך, איך זאָל טאָן אַלץ אים אַרויסצונעמען פון תפיסה. ער האָט גערעדט מיט טרערן אין די אויגן. אַוועקגייענדיק, האָב איך זיך געטראַכט, אַז מען דאַרף אים טאָקע העלפן, ווייל אויב ער וועט פאַר־משפט ווערן און אָפּזיצן אַ טערמין אין תפיסה מיט גנבים צוזאַמען, ווער ווייסט צי ער וועט שוין ניט זיין אַ פאַרלוירענער אויף אייביק. האָב איך באַ־שלאָסן עפּעס צו טאָן פאַר אים. איך האָב געשאַפן עטלעכע הונדערט זלאָטעס, כדי קודם־כל אַרויסצונעמען אים אויף קויצע („בעיל").

כ׳וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם מאָמענט ווען איך בין געקומען מיטן אַדוואָקאַט און מיטן קוויטל פון דער איינגעצאָלטער קויצע און מען האָט אים תיכף אַרויסגעלאָזט פון דער תפיסה. ס׳האָט פון אים געשטראַלט אַ פרייד, ניט אַזוי וואָס ער איז אויף דער פריי, נאָר די פרייד, וואָס דער בונד האָט וועגן אים געזאָרגט און דער בונד האָט אים באַפרייט, — ער האָט דאָס באַטראַכט ווי אַ פאַרגעבונג פאַר זיינע זינד. מען וועט אים, הייסט עס, ניט אַרויסוואַרפן פון בונד. איך האָב אים אָבער אַ ביסל אויסגעמוסרט און ער האָט צוגעזאָגט, אַז מער וועט ער אַזעלכעס ניט טאָן. אויפן פּראָצעס האָט ער געקריגן אַ פּאָר חדשים תפיסה, נאָר עס איז גראָד דעמאָלט געווען אַן אַמנעסטיע, איז ער ניט געגאַנגען זיצן.

אין שעכט־הויז האָט מען אים שוין ניט געוואָלט צוריק צונעמען צו דער אַרבעט. לאָזן אים אַרומגיין אַרבעטסלאָז אין גאַס — האָט מען אוודאי ניט געטאָרט. בין איך אַוועק צו די פּרוכטן־סוחרים היינטער די האַלעס און כ׳האָב אים געשאַפן אַ פּאָסטן ביי זיי. ער האָט דאָרט גוט פאַרדינט. באַלד דערנאָך האָט ער חתונה געהאַט, אין גיכן איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ מיידעלע — ער איז געווען גליקלעך.

איין מאָל האָט ער געמאַכט ביי זיך אַ שמחה און ער האָט מיך אויך פאַר־בעטן. געוואוינט האָט ער אויף דער קראָכמאַלנע גאַס, אויפן שוין דערמאָנטן „פלעצל" און איך בין אַהין געגאַנגען. ווען איך בין אַריינגעקומען אין הויף, איז ער געווען שוואַרץ מיט ווייבער און קינדער. די פענצטער פון מאַלע־מאַטקעס וואוינונג זיינען געווען אָפן, עס האָט זיך געהערט אַ טומל פון דער גרויסער צאָל געסט און דער עולם ווייבער און קינדער אויפן הויף האָבן מיטגעלעבט מיט יעדער קלייניקייט וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. ווען מען האָט מיך דערזען דורכן פענצטער, האָט מען אויפגעשפּילט די בונדישע „שבועה". אַז איך בין אַריין אין דער וואוינונג, האָב איך דערזען אַזאַ בילד: דאָס מעבל איז פון שטוב אַרויסגענומען, עס שטייען בלויז לאַנגע בענק מיט לאַנגע טישן, פאַרלייגט מיט כל־טוב — פיש, פלייש, געבראָטענע גענדז, פלעשער בראָנפן און אַ פאַס ביר ביי דער וואַנט, צווישן די געסט זיינען געווען עטלעכע מיטגלידער פון דרוקער־אָרקעסטער מיט זייערע אינסטרומענטן (מאַלעמאַטקע האָט געשפּילט אין דרוקער־אָרקעסטער). ווען איך בין אַריינגעקומען האָט מען

לכבוד מיר נאָך אַ מאָל געשפּילט די בונדישע „שבועה״. איך קוק זיך אַרום איבער דער שטוב: די ווענט — שוואַרץ פון שמוץ, די פאַדלאָגע ניט אָפּגע־וואַשן, די פרוי גייט אַרום אָן אָפּגעלאָזענע, ניט פאַרקעמט. דאָס קינד אין אַ ברודיק העמדעלע ביי איר אויף דער האַנט; ער אַליין, מאַלעמאַטקע, שמייעט אַרום צווישן די געסט יום־טובדיק. מיין אַריינקומען האָט געדאַרפט זיין דער סיגנאַל אַוועקצוזעצן זיך צו די טישן. מיך האָט אָבער אויפגערעגט די אָפּגעלאָזנקייט און שמוץ וואָס איך זע אַרום זיך — בעת אַ שמחה, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ סך מער ווי ס׳וואָלט געקאָסט דאָס אָפּרייניקן די ברודיקע שטוב. כ׳האָב געפילט אַז איך מוז דערויף רעאַגירן אויף אַן אופן, וואָס זאָל ציען די אויפמערקזאַמקייט פונם גאַנצן עולם צו דעם ענין פון זייער שטוב־באַלעבאַטיש־קייט. איך האָב דאָס געטאָן דורך אַרויסגנבענען זיך שטילערהייט פון דער שטוב.

צו מאָרגנס, דאָס איז געווען אַ זונטיק, איז געקומען צו מיר אַ דעלעגאַציע פון אונזערע מיליציאָנערן. זיי האָבן געהאַט צו מיר אַ שטאַרקע טענה פאַר וואָס איך האָב מאַלעמאַטקען אַזוי פאַרשעמט און כ׳בין אַוועק פון זיין יום־טוב. די גאַנצע קראָכמאַלנע גאַס קאָכט איצט, אַז דער פאַרשטייער פון בונד איז אַוועק פון דער שמחה, אַז „דער בונד האָט אים פאַרשעמט.״ און ווער? — אים, איינעם פון די געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע. ער באַגראָבט זיך דאָך פאַר חרפה פאַר זיינע שכנים! — אַזוי האָבן זיי מיט כעס צו מיר גערעדט. איך האָב זיי געזאָגט, אַז אויף דער נאָענטסטער פאַרזאַמלונג פון דער מיליץ־גרופּע וועל איך אויפקלערן די סיבה פאַר וואָס איך בין אַוועק פון דער שמחה.

צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע זיינען געקומען אַלע מיט־גלידער. עס האָט זיך געקאָכט. ער אַליין, מאַלעמאַטקע, איז ניט געקומען. ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך געעפנט, האָט עמיצער — כדי צו מאַכן דעם ענין נאָך דראַמאַטישער — אַריינגעטראָגן אַן אינטערפּעלאַציע: פאַר וואָס האָט דער פאַרשטייער פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד געהאַנדלט אַזוי? איז ער געווען פאַרנומען, האָט ער ניט געדאַרפט קומען; האָט ער געדאַרפט אַוועקגיין, האָט ער געדאַרפט זאָגן וועגן דעם, אָבער ניט אַרויסגנבענען זיך, אַז די גאַנצע גאַס זאָל וויסן, אַז ער איז אַנטלאָפן פון אַ חברס שמחה!

איך האָב באַלד געענטפערט. איך האָב געשילדערט דעם אויסזען פון דער שטוב וואו די שמחה איז פאָרגעקומען: שמוציקע ווענט, פול מיט שפּינוועבס; די פאַדלאָגע שוואַרץ, מיט אַ פוד בלאָטע; די באַלעבאָסטע פאַרשליאָכעט, דאָס קינד אויף דער האַנט אין אַ שמוציק העמדל, ניט אָפּגעוואַשן. און פון דער צווייטער זייט: טישן אָנגעלאָדעוועט מיט כל טוב צום פרעסן, מיט גענז און פלעשער בראָנפן. איך האָב זיך ביים ריידן צעהיצט און אָנגעהויבן שרייען: דאָס איז דעמאָראַליזאַציע, ברויט מיט זאַלץ דאַרף מען עסן און אין ריינקייט זאָל מען לעבן! פריער ריינקייט, און שפּעטער — הוליאַנקעס!

דאָס אַלץ האָט אויפן עולם געמאַכט אַן איינדרוק, מען האָט עס געקענט זען אין זייערע אויגן. איך האָב ווייטער גערעדט: איך בין געקומען צו דער שמחה, ווייל כ׳האָב זיך געוואָלט מיטפרייען, אָבער ווען איך האָב געזען

אין וואָס פּאַר אַ היים די פּרוי און קינד געפינען זיך, האָב איך געטראַכט אַז איך מוז קעגן דעם אויף עפּעס אַ שטאַרקן אופן רעאַגירן. אפילו ווען מיר זאָלן פאַרלירן דעם בעסטן חבר, וועלן מיר אויף אַזעלכע זאַכן רעאַגירן. ווען איך האָב געענדיקט, האָט קיינער פון עולם שוין גאָר ניט גערעדט.

מאַלעמאַטקע האָט עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד געפירט אַ ברוגז און איז ניט געקומען צו דער מיליץ־גרופּע. די גרופּע פלעגט פאַרקומען יעדע וואָך און עס איז געווען אַ פּונקט אין רעגולאַמין, אַז פאַר ניט קומען דריי מאָל נאָכאַנאַנד אָן אַ באַרעכטיקונג ווערט מען אויסגעשלאָסן פון דער גרופּע. אָבער וואָס שייך אים, האָב איך געבעטן דאָס פּרעזידיום פון דער גרופּע, מען זאָל דעם פּונקט ניט אָנווענדן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז מען דאַרף אים געבן צייט זיך אָפּצוקילן און צו שטילן זיין אָנגערירטע אַמביציע.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מאַלעמאַטקע מיר געלאָזט וויסן, אַז ער פאַרבעט מיך ווידער אַ מאָל צו זיך אויף אַ שמחה. איך האָב שוין פון פריער געוואוסט פון אַנדערע אָרדענער, אַז ער האָט געבראַנגט די דירה אין אָרדע־נונג. כ׳בין געקומען צו דער שמחה און כ׳האָב די וואוינונג פּשוט ניט דער־קענט: די ווענט ריין, ווייס אויסגעקאַלכט, די פּאַדלאָגע אָפּגעוואַשן, אפילו דאָס פאָדערהויז איז געווען אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד; די פרוי איז געווען שיין פאַרקעמט, אין אַ שיין ריין קלייד, דאָס קינד, אַ מיידעלע, — אָפּגעוואַשן, אין אַ ווייס יאַקעלע מיט אַ רויט שלייפעלע אין די האָר. די שמחה גופא איז געווען אַזוי ווי פריער: די זעלבע טישן אָנגעשטעלט מיט כל־טוב, די זעלבע געסט און אפילו די זעלבע מיטגלידער פון דרוקער־אָרקעסטער. איך האָב געטרונקען לחיים מיטן באַלעבאָס, מיר האָבן זיך איבערגעבעטן און מען האָט זיך משמח געווען ביזן פריען טאָג אַריין.

די דאָזיקע צווייטע שמחה האָט געהאַט נאָך אַ גרעסערן אָפּקלאַנג אויף דער קראָכמאַלנע ווי די ערשטע. ברכות, ספּעציעל מצד באַלעבאָסטעס, פאַרן בונד און פאַר מיר האָבן ניט געפעלט.

מסתמא, נאָך די ביידע שמחות, האָט ניט איין מיטגליד פון דער מיליץ געמאַכט אַ שטיקל אָרדענונג ביי זיך אין דער היים.

קאַפּיטל 50

יוקעלע

נאָך איין אינטערעסאַנטער טיפּ מענטש איז געווען יוקעלע (וועמען איך האָב שוין פריער פאַרבייגייענדיק דערמאָנט). רופן פלעגט מען אים „יוקעלע גנב פון שעכט־הויז" (ניט דערפאַר וואָס ער איז טאַקע געווען אַ גנב; אין פוילן פלעגט מען נוצן די צונעמעניש „גנב" פאַר אַ פלינקן, רירעוודיקן, איינפעלערישן מענטשן). ער איז געווען אַ בלאָנדער בחור, — ניט קיין הויך־געוויקסיקער, אַ דאַרער, זייער אַ פלינקער. אַלץ איז געווען ביי אים גיך: גיך גערעדט, גיך געגאַנגען, גיך געאַרבעט. געווען איז ער אַ שינדער אין שעכט־הויז. אין די גרויסע שטיוול און אין דעם לאַנגן לעדערנעם פאַרטעך וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד, האָט ער אויסגעזען נאָך קלענער און דאַרער ווי ער איז געווען. אָבער געאַרבעט האָט ער „פייל אויסן בויגן" און דערביי — שטענדיק אַ שמייכלענדיקער. ביי דעם אַלעם איז ביי אים אַריינזעצן עמיצן אַ מעסער אין דער זייט בעת אַ קריגעריי — געווען אַ קלייניקייט. אויף אַרויסשמוגלען אַ זעקל פלייש פון שעכט־הויז — איז ניט געווען קיין גרעסערע בריה; ער איז געווען אַ ווילדער יונג, הפקרדיק, פאַר קיינעם ניט קיין מורא געהאַט.

אָט דער יוקעלע איז איין מאָל געקומען צו מיר, מען זאָל אים פאַרשרייבן אין בונד. „ח' בערנאַרד, האָט ער זיך געקלאָגט, פאַר וואָס ווילט איר מיך ניט אַריינעמען אין בונד? — אפרים איז אין בונד און דזשאָבעק איז אין בונד (דאָס זיינען געווען צוויי פון די „חיהטשיקעס", די ראָזענבערגס), פאַר וואָס זאָל איך ניט זיין אין בונד? — שטעל איך זיך ניט איין פאַרן בונד פונקט ווי זיי?" — ס'איז אמת, אַז צו יעדער גרויסער דעמאָנסטראַציע פלעגט ער זיך אַליין מעלדן, און ווען נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען גייט געבן אַ ווידערשטאַנד די אָנעריקשע (פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע) כוליגאַנעס, איז ער געווען פון די ערשטע. אָבער ער האָט ביז איצט ניט געוואוסט — האָט ער געטענהט — אַז מען דאַרף אויך ערגעץ זיין „פאַרשריבן". אַזוי ווי ער פלעגט אָפּט מאָל מיטגיין מיט די „חיהטשיקעס", איז ער עטלעכע מאָל געקומען אין אַן אָרט וואו מען האָט אים ניט אַריינגעלאָזט (געמיינט האָט ער די פאַרטיי־גרופּע פון די אָרדענער) און מען האָט אים געזאָגט, אַז „דאָ דאַרף מען זיין פאַרשריבן". נו — וויל ער מען זאָל אים אויך „פאַרשרייבן".

ווער איז געווען יוקעלע? — ער איז געבוירן געוואָרן ביי טויב־שטומע טאַטע־מאַמע. דער פאָטער איז געווען אַ פורמאַן פון פלייש ביים פּאָוואָנזקער

שעכט־הויז. פון קינדרווייז אויף האָט אים דער טאַטע מיטגענומען צום שעכט־הויז, און אַרום שעכט־הויז האָט ער זיך געהאָדעוועט. ווען ער איז אַלט געווען אַרום 5 יאָר, זיינען זיינע טאַטע־מאַמע געשטאָרבן פון טיפוס, ביידע אין איין וואָך, און יוקעלע איז פּלוצלונג געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום. פון געוויינהייט וועגן פלעגט ער יעדן טאָג ווייטער קומען צום שעכט־הויז און דאָרט זיך אַרומוואַלגערן אָן השגחה. האָבן די ראָזנבערגס (די „חיה־טשיקעס") זיך איבער אים מרחם געווען און אים אַריינגענומען צו זיך אין הויז. פריער האָט אים געכאָוועט די באָבע חיה אַליין, נאָך דעם האָט אים גענומען צו זיך דער עלטסטער זון שמואל און ער האָט אים געהאָדעוועט ווי אַן אייגן קינד. ווען יוקעלע איז אונטערגעוואַקסן, האָט שמואל אים אַריינגענומען אין שעכט־הויז אַריין און אים געמאַכט פאַר אַ שינדער, די סאַמע קוואַליפיצירטסטע און צום בעסטן באַצאָלטע מלאכה דאָרטן.

אַזוי ווי ער איז געווען אַ הויז־מענטש ביי די ראָזענבערגס, פלעגט ער אויך כמעט אומעטום מיטגיין מיט די ברידער, וואָס זיינען אַלע געווען בונדיסטן און מיטגלידער פון דער מיליץ, ביז ער האָט אַנטדעקט אַז עס איז דאָ איין אָרט וואו זיי קומען און אים לאָזט מען ניט אַריין, ווייל מען דאַרף זיין „פאַרשריבן". — איז ער געקומען צו מיר און פאַרלאַנגט, מען זאָל אים אויסגלייכן אין די רעכט מיט אַלע „חיהטשיקעס".

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז עס איז ניט אַזוי לייכט צו זיין „פאַר־שריבן". אַז מען קריגט דעמאָלט באַפעלן וואָס מען מוז פּינקטלעך אויספירן, אַז מען מוז זיך אויפפירן אַנדערש ווי געוויינטלעך. ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייס שוין דאָס אַלץ פון די „חיהטשיקעס" און ער נעמט דאָס אַלץ אויף זיך; האָט מען אים אַריינגענומען אין דער בונדישער מיליץ. ער איז געוואָרן אַ דיסציפּלינירטער מיטגליד, פּינקטלעך און איבערגעגעבן ביז גאָר.

איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט אַז ער האָט עפּעס וויכטיקס מיט מיר צו ריידן און ער בעט מיך, איך זאָל אים באַשטימען אַ באַזונדער צייט. מיר האָבן אָפּגערעדט אַ צייט. געקומען איז ער צום באַשטימטן אָרט יום־טוב־דיק אויסגעפּוצט. מיר זיינען ביידע אַוועק אין אַ קאַפע. אַ גערירטער, כמעט וויינענדיק, האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן וועגן וואָס עס גייט אים:

חבר בערנאַרד, איך האָב אַ סוד פאַר אייך. איך האָב ליב אַ מיידל, דאָס איז די „וויכאָוואַנקע" פון שמואל יאַקובאָוויטש (וועגן יאַקובאָוויטשן האָב איך שוין פריער דערציילט).איך האָב זי זייער ליב, זי האָט מיך אויך ליב. די יאַקובאָוויטשעס ווילן, איך זאָל מיט איר חתונה האָבן, זי וויל אויך און איך וויל אוודאי. („אוי, חבר בערנאַרד, זי איז דאָך אַזוי שיין ווי די וועלט"). נאָר וואָס דען? — דאָ הייבט ער מיר אָן דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע (וואָס איך האָב סיי־ווי געוואוסט פון פריער): אַז צו 5 יאָר איז ער געוואָרן אַ יתום, אַז זיינע טאַטע־מאַמע זיינען געווען שטומע, אַז זיין שול איז געווען דאָס שעכט־הויז און די גאַס, אָבער איצט האָט ער דעם בונד. — „איר, ח' בערנאַרד, זענט פאַר מיר אַלץ, מיין חבר, מיין פאָרשטייער, מיין טאַטע, אַלץ. פרעג איך אייך, צי מעג איך חתונה האָבן, צי וועלן מיינע קינדער ניט

— זיין קיין שטומע? צי זאָל איך דערציילן חיהלען (דער כלה) וועגן דעם? כאָטש יאַקובאָוויטש ווייסט דאָך אַלץ און ער וויל, מיר זאָלן חתונה האָבן. וואָס זשע זאָגט איר, חבר בערנאַרד, מעג איך חתונה האָבן?"

איך האָב אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך ניט שרעקן: „דו דאַרפסט ניט מורא האָבן, אַז דייַנע קינדער וועלן זיין שטום, ווייל אָט זעסטו אַז דו ביסט רעדעוודיק, כאָטש דו האָסט געהאַט שטומע טאַטע־מאַמע". כ'האָב אים צוגערעדט, ער זאָל חתונה האָבן און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. „אַז דו וועסט האָבן אַ קינד, וועט עס זיין רעדעוודיק". האָב איך אים געזאָגט מיט אַ זיכערן טאָן, כאָטש איך אַליין בין ניט געווען זיכער אין דעם.

יוקעלע האָט חתונה געהאַט. איך בין געווען אויף דער חתונה. עס איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ ייִנגעלע און איך בין געווען אויפן ברית. ער איז צוגעקומען צו מיר אַ ביסל אַ פאַרשעמטער און מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט דעם קינד אַ נאָמען געבן בערנאַרד; האָב איך אים אָנגעזאָגט, ער זאָל עס ניט טאָן. ער זאָל דעם קינד אַ נאָמען געבן נאָך אַ נאָענטן קרוב, ווי עס פירט זיך געוויינטלעך. דאָס קינד האָט שוין צו ניין חדשים אָנגע־הויבן ריידן. יוקעלעס גליק האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ.

יוקעלען מיט זיין יונגער פאַמיליע האָט שפּעטער געטראָפן דער זעלבער גורל, וואָס האָט געטראָפן מיליאָנען פּוילישע יידן...

קאַפּיטל 51

צרות פון... קולטורעלן אויפשטייג

דאָס אַריינציען רויע, אומוויסנדיקע אַרבעטער־עלעמענטן אין דער באַוועגונג האָט געבראַכט מיט זיך קאָמפּליצירטע פּערזענלעכע צרות און דאגות. די דאָזיקע פּרימיטיווע עלעמענטן (וואָס האָבן זיך אין אַ גרעסערער מאָס געפונען צווישן טרעגער, פליישער, גאַסן־הענדלער און סתם ניט־קוואַליפיצירטע אָדער האַלב־קוואַליפיצירטע אַרבעטער) האָבן אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און אין דער פּאַרטיי זיך געטראָפן מיט אַ וועלט פון נייע באַגריפן און געדאַנקען, מיט אַ נייער קולטור, מיט אַ נייעם אופן פון ריידן, מיט נייע אויסגעברייטערטע פאַראינטערעסירונגען, — קורץ, מיט געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און אַ לעבנס־שטייגער, וועגן וועלכע זיי האָבן זיך פריער ניט געדאַגהט און אפילו ניט געטראַכט. זיי האָבן געהערט רעדעס און רעפעראַטן אויף פאַרזאַמלונגען און האָבן צוגעקריגן דערפון אַ ים נייע ווערטער. אפילו אויף געוויינטלעכע פאַך־פאַרזאַמלונגען אין פאַראיין האָט דער סעקרעטאַר גערעדט וועגן זייערע טאָג־טעגלעכע פאַך־ענינים אין גאַנצן מיט אַן אַנדער שפּראַך ווי זיי זיינען געווען צוגעוווינט צו ריידן אויף קראָכמאַלנע, אויף גנוינע, צי הינטער די האַלעס. זיי האָבן אָנגעהויבן לייענען צייטונגען און אפילו ביכער. זיי האָבן אָנגעהויבן גיין אויף קולטור־אונטערנעמונגען, אין קינסטלערישן טעאַטער. מיט איין וואָרט: זייער גייסטיקע וועלט האָט זיך שטאַרק געענדערט און געהויבן.

אָבער דער דאָזיקער אויפשטייג האָט אָפט מאָל געבראַכט מיט זיך שווערע פּערזענלעכע פּראָבלעמען, דער עיקר פאַמיליע־פּראָבלעמען און ניט זעלטן אויך פאַמיליע־טראַגעדיעס. די פרוי איז געוויינטלעך ניט מיטגעגאַנגען מיטן מאַן, אָדער זי איז אין בעסטן פאַל געבליבן וויט הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט אים. זי איז פאַרבליבן ביים אַלטן שטייגער לעבן און ביי די אַלטע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, בעת ער, דער מאַן, האָט שוין גע־לעבט אין אַ וועלט פון נייע חברים און נייע אידייען. נאָך אַ צייט האָט זיך דעריבער געשאַפן אַ גייסטיקער תהום צווישן מאַן און ווייב, צווישן טאַטן און דעם הויזגעזינד. עס זיינען אויך אין דער סביבה געווען פאַרשיידענע טיפּן מענער: אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באמת מיטצוציען די פרוי, מיטנעמען זי אויף אונטערנעמונגען, איבערדערציילן איר אַלץ וואָס עס געשעט אין די אָרגאַניזאַציעס און אויף די פאַרזאַמלונגען, און אַזוי אַרום אַריינציען די פרוי אין זייער נייעם קולטור־און אינטערעסן־קרייז; אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען אַלץ מער אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון זייערע היימען, וואָס מער זיי

אַליין זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער נייער קולטור־סביבה; די אייגענע שטוב האָט וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער זיי אינטערעסירט; און געווען אויך אַזעלכע מענער, וואָס האָבן אפילו באַקומען אַ ווידערווילן צו זייערע אייגענע היימען, האָבן אָנגעהויבן קוקן קרום אויפן „אַלטפּרענקישן" ווייב און זיי האָבן אָנגעהויבן זיין גאַנץ זעלטענע „געסט" אין זייערע אייגענע שטובן.

פון דער צווייטער זייט איז אויך צווישן די פרויען די רעאַקציע דערויף געווען אַ פאַרשיידענע: טייל פרויען האָבן אין דער שטיל געליטן און גאָר ניט גערעדט. אַנדערע האָבן, פאַרקערט, געמאַכט סקאַנדאַלן זייערע מענער צוליב זייערע נייע „פירעכצן"; נאָך אַנדערע זיינען געקומען צום בונד מיט טענות: „פאַר וואָס נעמט איר אונז צו אונזערע מענער? למאי צע־שטערט איר אונזערע היימען?"

מיר האָבן פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דער פּראָבלעם. ספּעציעל האָבן די בונדישע טוערינס אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו דער דאָזיקער פראַגע. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון יאַף („יידישע אַרבעטער־פרוי") — אַן אָרגאַניזאַציע, געשאַפן ניט נאָר בלויז כדי צו פירן בונדישע פּאָליטישע אַגיטאַציע צווישן פרויען, נאָר אויך מיטן צוועק צו הויבן דעם קולטור־ניוואָ פון די יידישע אַרבעטער־פרויען, צו פאַרשיטן דעם תהום צווישן די אָרגאַניזירטע אַר־בעטער און זייערע פרויען, און בכלל צו פאַרהיטן די דאָזיקע משפחות פון אַ ניט־געזונטן ריס. דער יאַף האָט ניט בלויז געפירט סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע, נאָר האָט אויך זייער אַ סך אויפמערקזאַמקייט געלייגט אויף די פערזענלעכע־און היים־פּראָבלעמען פון די פרויען. אַ גרופּע דאָקטאָרקעס האָבן באַדינט אַ באַראַטונגס־שטעלע פאַר פרויען און די אָפּטיילונג פאַר „באַוואוסטזיניקער מוטערשאַפט" האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן דערפאָלג.

מיר האָבן זיך ניט אָפּגעקערט פון די יחידישע צרות און דאגות אין די באַזונדערע משפחות. דער בונד האָט קיין מאָל ניט געקוקט אויף זיין אַרבעט ווי אויף אַן ענין פון בלויזן סאָציאַליסטישן מאַסן־קאַמף, עס האָבן אונז אויך אינטערעסירט ענינים פונם פערזענלעכן אַרבעטער־לעבן. בלויז לשם אילוסטראַציע וועל איך דאָ דערציילן וועגן עטלעכע כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן פון די משפחה־פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן אין שייכות מיט מיין פאַרטיי־טעטיקייט.

*
**

איין מאָל איז געקומען צו מיר אַ יונגע פרוי, די ווייב פון אַ יונגן בונדיסט, אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון טראַנספּאָרט־פאַראיין און אַ „חסדל" פון פאַך (חסדלעך האָט מען אין ווארשע גערופן די גאַסן־הענדלער, וואָס האָבן פאַרקויפט פרוכט און אַנדערע פּראָדוקטן אויף האַנט־וועגעלעך, דער עיקר זאַכן אויפגעקויפטע „פון באַנקראָטן" — צו ביליקע

פרייזן). זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט חתונה געהאַט צו 17 יאָר. דער חתן, אונזער חבר, האָט ניט געהאַט קיין שטענדיקן פאַך, האָט אים איר ברודער געגעבן דרשה־געשאַנק אַ האַנט־וועגעלע. מען האָט געקויפט אַ ביסל סחורה, און ער איז מיט מזל געוואָרן אַ „חסדל". אין אָנהייב האָט זי אים צוגעהאָלפן, איז געשטאַנען צוזאַמען מיט אים אין גאַס, זומער און ווינטער. אָבער ווען ס'איז געקומען דאָס ערשטע קינד, האָט זי שוין מער ניט געקענט אים צוהעלפן אין האַנדל. גיך איז געקומען דאָס צווייטע קינד און זי איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרטאָן אין דער באַלעבאַטישקייט. זיי האָבן געלעבט גליק־לעך און צופרידן. ביסלעכוויז איז ער געוואָרן אַ טוער אין בונד (אין דער אמתן איז ער געווען אַ טוער נאָר אין טראַנספּאָרט־פאַראיין, אָבער דער ברייטער עולם האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן בונד און די פאַר־איינען אָדער אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון בונד, אַלץ צוזאַמען האָט ביי זיי געהייסן: דער בונד).

— איך האָב אים געלאָזט — האָט זי ווייטער געזאָגט — פאַר וואָס ניט? זיי זיינען זייער פיינע, לייטישע מענטשן, די בונדיסטן. מען האָט ווייטער געלעבט גוט און צופרידן. ער איז שטענדיק אַהיים געקומען נאָכן האַנדל, ס'איז געווען אַ היים, אַ שטוב. אָבער שוין אַ שיין שטיקל צייט ווי ער האָט אָנגעהויבן אַהיים קומען 12־1 ביי נאַכט. כ'קאָך אָפּ דאָס ביסל עסן, בלייבט עס שטיין קאַלטערהייט אויף דער קיך. כ'פלעג אים פרעגן פאַר וואָס ער קומט אַהיים אַזוי שפּעט, האָט ער כסדר געזאָגט תירוצים, אַז ער איז פאַרנומען ביים בונד, ער האָט כסדר זיצונגען, פאַרזאַמלונגען. אין אָנהייב האָב איך אים געגלויבט. אָבער שכנים האָבן מיר צוגעטראָגן, אַז ער גייט אַרום מיט מיידלעך. וויס איך ניט צי ער נאַרט מיך אָפּ, צי ניט? בעט איך איך, פאַניע בערנאַרד — האָט זי זיך צו מיר געווענדט — טוט עפּעס וועגן דעם. איך זיץ גאַנצע טעג און נעכט אַליין און ס'האַרץ גייט מיר אויס! — און זי האָט זיך צעוויינט.

איך האָב איר געזאָגט, אַז זי קען דאָך אין די אָוונטן לייענען אַ צייטונג, האָט זי געענטפערט, אַז זי קען ניט לייענען. איך האָב איר איבערגעפרעגט, אפשר פאַרנאַכלעסיקט זי די היים, אפשר איז די היים אָפּשטויסנדיק פאַר אים, האָט זי מיר פאַרזיכערט, אַז זי פירט דאָס הויז ריין און פיין. צום סוף האָב איך איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיך מיט איר מאַן אַדורכריידן און איך וועל זען עפּעס צו טאָן.

ס'איז מיר ניט שווער אָנגעקומען צו פאַרפירן מיט איר מאַן אַ שמועס, — אַזוי זיך, כלומרשט צופעליק — וועגן זיין היים, זיין פרוי און די קינדער. איך האָב אים פאַרגעהאַלטן פאַר וואָס ער נעמט ניט מיט זיין פרוי אויף אונזערע אונטערנעמונגען. האָט ער דערויף געענטפערט אַז ווען ער קומט אַהיים האָט ער ניט מיט זיין ווייב פון וואָס צו ריידן: „אויף אונזערע זאַכן" פאַר־שטייט זי זיך ניט און מער ווי וועגן קליינלעכע שטוב־זאַכן און פאַמיליע־זאַכן האָט ער מיט איר ניט וואָס צו שמועסן. האָב איך אים דערמאָנט וועגן די קינדער: האָסט דאָך צוויי קינדער, דאַרפסטו דאָך זיי געבן אַ סאָציאַליס־

טישע דערציונג, צוגרייטן זיי צו דער יידישער שול! ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז ער וועט מער זאָרגן וועגן דער היים, ער וועט זיך מער אָפּגעבן מיט דער פרוי און קינדער.

ס'איז אַוועק אַ צייט. איין מאָל, אין אַ פרימאָרגן, קלאַפּט מען ביי מיר אין טיר, עס קומט אַריין אַ יונגע פרוי, אַן אויסגעפּוצטע, מיט אַ שיינעם הוט און אין אַ שיין קלייד. אין פלוג האָב איך זי ניט דערקענט, אָבער באַלד האָט זי מיר דערמאָנט ווער זי איז. דאָס איז טאַקע געווען די זעלבע יונגע פרוי. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און מיר דערציילט, אַז זי האָט זיך גענומען אין קאָפּ מיין עצה, זי האָט געצאָלט צוויי זלאָטעס אַ וואָך אַ ייד, ער זאָל זי לערנען לייענען און שרייבן. זי האָט זיך שוין אויסגעלערנט לייענען, וויל זי זיך איצט „פאַרשרייבן אין בונד”. — און זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל זען, מען זאָל זי אַריינגעמען אין בונד. איך האָב איר געפרעגט ווי אַזוי זי וועט קענען אַוועקגיין אין די אָוונטן, זי האָט דאָך צוויי קליינע קינדער, האָט זי געענטפערט אַן אויפגערעגטע: „זאָל ער אַמאָל זיצן ביי נאַכט מיט די קינדער, וואָס איז, נאָר איך מוז זיצן אין דער היים? און אויב ער וועט ניט וועלן, וועל איך בעטן אַ מאָל אַ שכנטע, זי זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער.” מיר האָבן ווייטער געשמועסט, ווען זי האָט געזען, אַז איך וויז אַרויס צו איר אַן אינטערעס, האָט זי אין אַ געוויסן מאָמענט אַרויסגעפּלאַצט כמעט מיט אַ געשריי: „זאָגט מיר, פאַניע בערנאַרד, פאַר וואָס גייט ער, מיין מאַן, מיט פרעמדע מיידלעך, בין איך אַזאַ מיאוסקייט, אַז ער דאַרף פון מיר אַנטלויפן?” — און זי איז אַרויס מיט אַ געוויין. איך האָב זי באַרואיקט, כ'האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל זען, מען זאָל זי אַריינגעמען אין יאַף.

איך האָב באַשטעלט אַ צוזאַמענטרעף צווישן איר און דער ח'טע ציפּע עדעלמאַן (די מוטער פון אונזער סקיף־טוער און שפּעטערדיקן פירער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד מאַרעק עדעלמאַן) וואָס איז געווען די סעקרע־טאַרין פון יאַף. די יונגע פרוי האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן קומען רעגולער אין יאַף.

איצט איז דער מאַן געקומען צו מיר מיט אַ טענה: די פרוי גייט אַוועק אַ פּאָר מאָל אין וואָך פון דער היים, ער מוז זיצן אין שטוב, און ער ווייסט אַז דאָס איז מיין שטיקל אַרבעט. איך האָב אים אויסגעמוסרט: וואָס הייסט, און זי איז ניט קיין מענטש? — מיר, סאָציאַליסטן, זיינען דאָך פאַר פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון פרויען, דאַרף די דאָזיקע גלייכבאַרעכטיקונג זיין אויך גילטיק אין דער היים! ער דאַרף זיין צופרידן וואָס זיין פרוי האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, זי קען שוין לייענען די פאָלקס־צייטונג, קען מיטגיין מיט אונז. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, אָבער איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז כ'האָב אים ניט איבערצייגט. עפּעס האָבן זיך ביי אים אין קאָפּ ניט געפּאַרט די צוויי זאַכן: די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון פרויען און דער פאַקט וואָס זיין ווייב גייט אַוועק עטלעכע אָוונטן אין וואָך אויף פאַרזאַמלונגען פון יאַף און ער דאַרף זיצן און היטן די קינדער.

די באַציאונגען צווישן דעם דאָזיקן פּאַרפאָלק זיינען געוואָרן אַלץ ערגער. איך האָב געטראַכט, אַז מען דאַרף זיך דאָ מער אַקטיוו אַריינלייגן אין שלום, אָבער מען דאַרף דאָס מאַכן אַזוי, אַז דער מאַן זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז דאָ ליגט עמיצנס אַ האַנט. איין מאָל האָב איך זי אויפגעזוכט אין לאָקאַל פון יאַף און כ׳האָב איר געעצהט, זי זאָל פאַרבעטן צו זיך אַהיים אויף אַ שבת־צו־נאַכט אַ פּאָר געסט צו פאַרברענגען. כ׳האָב איר געזאָגט וועמען זי זאָל פאַרבעטן: שלמה פינקעלשטיינען (אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער אָרדע־נער־גרופּע), וואָס איז געווען אַ טאַטע פון 8 קינדער און האָט געפירט אַ שיינע היים; אַהרלען, דעם סעקרעטאַר פון דער אָרדענער ־גרופּע, זישע זאַטאַרסקין און נאָך עטלעכע חברים וואָס האָבן פאַמיליעס, און אויך מיך. ווען איך האָב געטראָפן דעם מאַן, האָב איך אים געזאָגט: „הער אויס, דיין ווייב האָט מיך פאַרבעטן צו דיר אויף אַ „ביבקע״ (אַזוי האָט מען אין וואַרשע גערופן אַזאַ קליינע היימישע פאַרווײַלונג), זי האָט מיר דערציילט, אַז זי פאַרבעט, אַחוץ מיר, נאָך עטלעכע מענטשן. איך וועל טאַקע קומען״. מיט דעם האָב איך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז ער זאָל זיין אין דער היים. אַלע פאַרבעטענע זיינען געקומען.

ביים טיש, נאָך אַ גלעזל משקה און אַ גוטן צובייסן, האָט מען זיך פונאַנ־דערגעשמועסט. אַזוי ווי עס זיינען געווען צוויי קינדער אין שטוב, איז מען לייכט אַריין אויף דער טעמע פון קינדער. יעדער איינער האָט דערציילט די ניסים פון זיין קליינוואַרג. איך האָב אונטערגערוקט דעם עולם אַזעלכע פראַגעס, וואָס זאָלן זיי צווינגען דערציילן ווי לייטיש זיי פירן זיך אויף ווי טאַ־טעס און מענער און ווי פיין זייערע היימען זיינען. די פרוי, וואָס האָט אַלץ פאַר־שטאַנען, האָט געשטראַלט. איר מאַן האָט וויניק גערעדט, און האָט זיך געפילט אַ ביסעלע פאַרשעמט און פאַרלוירן. איך האָב פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן פאַרשטעלטע שטעכווערטלעך, וואָס זיינען געווען אַ מין מוסר פאַר אים... נאָך דעם דאָזיקן אָוונט האָבן זיך די באַציונגען צווישן מאַן און ווייב שטאַרק פאַרבעסערט, דער עיקר — וואָס שייך דער זאָרג פאַר די קינדער.

⁂

אַ צווייטער פאַל. די פרוי פון אַן אַנגעזעענעם טוער פון טראַנספּאָרט־פאַראיין, אַן אַקטיוון פאַרטיי־מיטגליד און אַ מיטגליד פון דער מיליץ — איז געקומען מיט אַ גרויסער טענה: „וואָס האָט איר געטאָן מיט מיין מאַן? — ער איז גאָר ניט דער זעלבער. ווען ער קומט אַהיים זעצט ער זיך לייענען דאָס בלאַט און גאַנצע שעהן רעדט ער צו מיר קיין וואָרט ניט אַרויס. אַז ער איז שוין יאָ דאָ אין שטוב, איז ער אויך ניטאָ אין דער היים!״ איך האָב זי באַרואיקט און כ׳האָב איר פאַרזיכערט אַז מיר ווילן איר ניט צונעמען דעם מאַן, פאַרקערט: מיר ווילן אַז אונזערע חברים זאָלן זיין גוטע מענער און גוטע טאַטעס, און כ׳האָב איר צוגעזאָגט אַז מיר וועלן עפּעס טאָן וועגן איר ענין. איך האָב זיך דערנאָך מיט איר מאַן פונאַנדערגעשמועסט. איך האָב אים געזאָגט, אַז מיט אַזאַ פירונג ברענגט ער שאָדן דעם בונד. איך האָב אים

דערמאָנט: דו וואוינסט אויף קראָכמאַלנע גאַס, און אויב דו וועסט ניט שיקן דיינע קינדער אין אונזער שול, וועסטו האָבן קראָכמאַלנער גאַסן־יונגען, מיט וועלכע וועסט זיך דאַרפן שעמען. ער איז געווען אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער און ער האָט דעם ענין גוט פאַרשטאַנען. ער האָט טאַקע געפאָלגט, געשיקט זיינע קינדער אין דער ציש״אָ־שול אויף קראָכמאַלנע, און די באַציאונגען אין זיין שטוב האָבן זיך בכלל אַ סך פאַרבעסערט. ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן גיין אין אונזער שול, איז די מאַמע געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש: האָט זיך אָנגעהויבן לערנען ביי אירע קינדער לייענען און שרייבן, זי האָט אָנגעהויבן לייענען זייערע שול־ביכער, האָט מיטגעמאַכט זייערע לעקציעס פון שול. זי איז באַלד געוואָרן טעטיק אין מוטער־קאָמיטעט ביי דער שול און איז געווען אַקטיוו ביים ווערבירן קינדער פאַר דער שול. אגב, זי האָט אויך אַ סך צוגעהאָלפן דעם שוין דערמאָנטן כאַסקעלען צו גרינדן דעם סקיף פון קראָכמאַלנער ראַיאָן.

***

אַחוץ אַזעלכע פאַלן, איז אונז אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך אַפט מאָל מיט פונקט פאַרקערטע אינצידענטן, ווען אַזעלכע מענטשן, הגם זיי זיינען אַריין אין דער באַוועגונג, זיינען זיי אָבער אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן און אין זייערע היימען פאַרבליבן אַזוי ווי פריער. אָבער איצט האָבן די פרויען געהאַט קעגן זייערע אומגעטרייע מענער אַ נייע בייטש: דעם בונד. זיי האָבן געסטראַשעט די מענער מיט „דערציילן אַלץ״ דעם בונד, און פאַר דעם האָבן זיך אַ סך געשראָקן. טייל מאָל האָט בלויז דאָס סטראַשען געהאָלפן. טייל מאָל זיינען די פרויען טאַקע געקומען צו אונז (אָדער צום פאַראיין, וואָס ביי זיי איז עס געווען אַלץ איינס) בעטן, מען זאָל ווירקן אויף זייערע מענער, זיי זאָלן בעסער ווערן. מיר האָבן אויך אין אַזעלכע פאַלן ניט אָפּגעזאָגט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ ענין. וועגן איין פאַל אַזאַ — איין ביישפּיל פון אַ סך — וועל איך דאָ דערציילן:

דער מאַן איז געווען אַ פּלייצע־טרעגער ביי אַ סטאַציע אויף דער פּראַגער־שקאַנער גאַס. געהייסן האָט ער שיע שטערן, גערופן האָט מען אים „שיע אויג״, ווייל זיינע חברים פּלייצע־טרעגער האָבן געהאַלטן אַז ער האָט אַ „גוט אויג״, ד. ה. ער קען גיך דערזען וואָס מען דאַרף... „שיע אויג״ פלעגט גאַנצע נעכט זיך אַרומשלעפּן איבער די מעליגעס, האָט געשפּילט אין קאָרטן און אויף עפּדלעך האָט פאַרשפּילט זיין גאַנצן פאַרדינסט. קיין בונדיסט איז ער ניט געווען, ער איז נאָר געווען אַ מיטגליד פון בונדישן טראַנספּאָרט־פאַראיין (שפּעטער איז ער אַוועק צו די פּראַקעס אין שייכות מיט דער גנבה ביי אַ לעדער־סוחר, וועגן וואָס איך דערצייל ווייטער).

איין מאָל האָט זיין ווייב — שרה־פייגע האָט זי געהייסן, אַ יידענע אַ קאָזאַק, — מיך אויפגעזוכט אין פאַראיין און האָט אָנגעהויבן אויסצוגיסן פאַר מיר איר ביטער האַרץ: דער מאַן גיט ניט קיין גראָשן אין שטוב

אַריין און ס'איז פּשוט ניטאָ פון וואָס צו לעבן. אַזוי רײדנדיק, איז זי אַריין אין כעס און האָט זיך צעשריגן: „חבר בערנאַרד! איך זאָג אײַך, איך קען אים צעהאַקן דעם קאָפּ, איך האָב פאַר אים ניט קיין מורא, ביי מיר איז ער ניט קיין שטאַרקער. נאָר גיי מאַך לײטישן געלעכטער! כ'האָב אַ דערוואַקסענע טאָכטער אויסצוגעבן, כ'האָב אַ דערוואַקסענעם זון, שעם איך זיך פאַר די שכנים: וואָס דאַרפן מענטשן וויסן וואָס ביי מיר טוט זיך — ווען מיין שוועסטער, די בעקערין (חנא בעקערס פרוי, זיין בעקעריי איז געווען אַ באַוואוסטע פירמע אין דער יידישער געגנט), וואָלט מיר ניט געהאָלפן, וואָלטן מיר אויסגעגאַנגען פון הונגער. בעט איך אײַך, ח' בערנאַרד, האָט זי פאַרענדיקט, טוט עפּעס פאַר מיר." איך האָב איר געזאָגט, אַז דער בונד קען זיך ניט מישן אין יענעמס פּריוואַטע ענינים. האָט זי דערויף געענטפערט: „ח' בערנאַרד, טאָ צו וועמען זאָל איך גיין, ווער קען מיר העלפן? — כ'בעט אײַך, אַז איר וועט וועלן וועט איר קענען עפּעס אויפטאָן, איך וועט ער פאָלגן." האָב איך איר געפרעגט וואָס זאָל איך פון אים פאַרלאַנגען, האָט זי געענטפערט: זאָל ער כאָטש געבן פּרנסה אין שטוב אַריין.

זי האָט גענומען אַוועקגיין. ווען זי איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר האָט זי זיך אויף אַ מינוט פאַרהאַלטן, כ'האָב באַמערקט ווי זי וואַקלט זיך. זי האָט זיך באַלד צוריק אומגעקערט צו מיר, איז צוגעגאַנגען נענטער און שוין מיט אַ שטילער שטימע געזאָגט: „כ'האָב אַ דערוואַקסענע טאָכטער, זי דאַרף האָבן אַ קליידל, אַ פּאָר שיך, אַ קאַפּעלוש, מען דאַרף טראַכטן וועגן אַ שידוך פאַר איר און דאָ איז ניטאָ קיין גראָשן אין שטוב, כ'האָב מורא... — דאָ האָט זי זיך אויף אַ ווייל פאַרהאַקט און האָט פאַרענדיקט נאָך שטילער — כ'האָב מורא זי זאָל ניט אַרויסגיין אויף דער גאַס..." מיט דעם איז זי אַוועק.

די לעצטע ווערטער זיינען מיר אַריין אין קאָפּ. האָב איך זיך גענומען צום ענין. „שיע אויג" האָט געהאַט דריי ברידער, וועלכע זיינען אויך געווען טרעגער. אין גאַס, צווישן עולם טרעגער, האָט מען זיך מיט זיי גערעכנט. האָב איך זיי גערופן צו זיך, כ'האָב זיך מיט זיי געטראָפן אין אַ שענק אויף עק דזשעלנע און דזשיקע (זאַמענהאָף), און כ'האָב זיי דערציילט די גאַנצע מעשה וועגן זייער ברודער „שיע אויג". כ'האָב גערעדט צו זייער אַמביציע: וואָס וועט ווערן פון אייער משפחה, אויב אייער ברודערס טאָכטער וועט ווערן אַ גאַסן־מויד און זיין זון — אַ גנב? איר האָט דאָך אויך דערוואַקסענע קינדער, דאָס וועט אויך זיי פאַרשאַטן. איך בין אַ פרעמדער, וויל איך זיך ניט מישן, אָבער איר זענט דאָך ברידער און פעטערס, ווי קענט איר דערלאָזן צו אַזאַ זאַך? איך האָב זיי אויך געגעבן אַן עצה, אַז זיי זאָלן אים וואָרענען, אַז טאָמער וועט ער ניט בעסער, וועט מען אים אַראָפּנעמען פון זיין טרעגער־סטאַציע און אַוועקשטעלן אויף זיין אָרט — דעם זון. איך האָב צוגעגעבן, אַז איך וואָלט געקענט פועלן אין פאַראיין, מען זאָל אים ניט אויסצאָלן דאָס וואָכן־געלט פון דער „פּולע", נאָר געבן עס דער ווייב, אָבער איך וויל בעסער, זיי זאָלן צווישן זיך, אין דער משפחה, די זאַך דערליידיקן. די ברידער האָבן מיר צוגעזאָגט אַז זיי וועלן ריידן מיט שיען האַרטע דיבורים און וועלן זען ס'זאָל זיין גוט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי מיך גערופן און מיטגעבערענגט דעם ברודער, „שיע אויג". ער האָט געמוזט אין מיינע אויגן צוזאָגן און געבן אַ „האַנט־תקיעת־כף", אַז ער וועט געבן אויף פּרנסה אין שטוב אַריין און אַז ער וועט זאָרגן פאַר די קינדער. נאָך דעם האָט איינער פון די ברידער געזאָגט צו מיר: „חבר בערנאַרד, טאָמער וועט ער ניט האַלטן קיין וואָרט, מעגט איר טאָן מיט אים וואָס איר ווילט."

„שיע אויג" האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אָנגעהויבן געבן אויף פּרנסה און ס'איז געוואָרן שלום אין דער היים. שרה־פייגע איז געווען גליקלעך. זי איז שפּעטער געוואָרן אַ הייסע וואַל־אַגיטאַטאָרקע פאַרן בונד. ווען נאָר עס זיינען פאָרגעקומען וואַלן צו דער קהילה, צום שטאָטראַט, צום סיים — איז זי געלאָפן צו די שכנטעס און זיי געשלעפּט שטימען פאַרן „נומער פיר" (דער טראַדיציאָנעלער נומער פון די בונדישע קאַנדידאַטן־ליסטעס ביי אַלע וואַלן).

זיי האָבן אויך אין גיכן חתונה געמאַכט די טאָכטער (מיט אַ באַסאַק־אַרבעטער, אַ מיטגליד פון לעדער־פאַראיין). מען האָט מיך פאַרבעטן צו דער חתונה און כ'האָב זיך צוזאַמען מיט זיי משמח געווען.

***

טייל מאָל איז אונז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיט אַ סך מער קאָמפּליצירטע ענינים. אין איין פאַל — וועגן וועלכן איך דערצייל ווייטער — איז שיר ניט דערגאַנגען צו אַן אָפענער מלחמה מיט דער אונטערוועלט.

אַ געוויסן פרימאָרגן בין איך געזעסן אין וואַרשעווער פּאַרטיי־סעקרע־טאַריאַט, אויף דלוגע 26, און כ'האָב מיט שאַשקען (שאַשקע־רחל ערליך, איצט אין אַמעריקע) — אַ מיטאַרבעטערין פון סעקרעטאַריאַט — אַרומגע־רעדט פאַרשיידענע ענינים. שאַשקע האָט געוואוסט וועגן אַ סך פאַר־טרוילעכע ענינים מיינע, זי איז געווען גוט באַהאַוונט אין מיין אַרבעט און די מיטגלידער פון אונזער מיליץ האָבן געהאַט צו איר פולן צוטרוי און האָבן זי גערופן „אייגן קינד". זיינען מיר אַזוי געזעסן און געשמועסט. קיינער איז דעמאָלט אין לאָקאַל ניט געווען. פּלוצלונג עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יונגע פרוי, זייער פיין אָנגעטאָן און שטאַרק פאַרפומירט. זי ווענדט זיך צו שאַשקען און זאָגט אויף פּויליש אַז זי וואָלט געוואָלט ריידן מיטן „פּאַן בערנאַרד". ווייזט שאַשקע אָן אויף מיר און זאָגט איר: דאָס איז דער „פּאַן בערנאַרד".

איך פרעג וואָס זי וויל פון מיר, ענטפערט זי אַ ביסל ניט דרייסט, אַז זי וויל ריידן נאָר מיט מיר אַליין, קיינער קען דערביי ניט זיין. האָב איך זי אַריינ־געבעטן אין צווייטן צימער, פאַרמאַכט די טיר, געבעטן זיך זעצן און אַליין זיך געזעצט אַנטקעגנאיבער איר. אַ מינוט האָט געהערשט אַ שטילקייט. איך האָב געוואַרט זי זאָל זאָגן וואָס זי וויל, זי האָט אָבער געשוויגן. האָב איך איבערגעריסן די שטילקייט און נאָך אַ מאָל געפרעגט וואָס זי וויל. האָט זי

אויסגעבראָכן מיט אַ שרעקלעך געוויין. עס האָט געדויערט אַ היפּשע פּאָר מינוט ביז זי האָט זיך באַרויִקט און אָנגעהויבן דערציילן איר מעשה:

זי איז געווען אַ פּראָסטיטוטקע. מיט אַ צייט צוריק האָט זי זיך באַקענט מיט אַ יונגנמאַן וואָס איך קען גוט, אַ בונדיסט (לאָמיר אים אָנרופן אַלעף, ער לעבט היינט, האָט אַ פרוי מיט קינדער און פירט אַ לייטיש לעבן). זיי האָבן זיך איינער אין אַנדערן פאַרליבט און ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. זי האָט אָבער שטאַרק מורא געהאַט אַז איר „חתן", דאָס הייסט דער אַלפאָנס צו וועלכן זי „באַלאַנגט", וועט ניט בלויז זי ניט פריי לאָזן, נאָר ער קאָן נאָך דערהרגענען אַלעפן אויב ער וועט אַריינפאַלן אין כעס. וואָס זשע טוט מען? — זי האָט זיך געוואָקלט און געוואָקלט, ביז זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט דערציילט דעם אַלפאָנס אירן (אגב איז ער אויך געווען אַ ליציטאַציע־גייער) וועגן דעם אַלעם. זי האָט אָנגעהויבן פאַר אים וויינען און קלאָגן, אַז עס איז דאָ איינער וואָס וויל איר „צודעקן דעם קאָפּ" (ד. ה. חתונה האָבן), ער איז ניט פון די אייגענע, נאָר אַ פרעמדער, אַ „יאָלד", ער איז אַ פייַנער מענטש, זי גלויבט אים פון גאַנצן האַרצן אַז ער מיינט די זאַך אויף אַן אמת, בעט זי איר „חתן", ער זאָל זי פריי לאָזן. אין אָנהייב האָט דער אַלפאָנס אפילו ניט געוואָלט הערן דערפון, אָבער זי האָט כסדר זיך געבעטן ביי אים און כסדר אים געמאַטערט און איינגעטענהט אין אים, ביז — נאָך אַ פּאָר וואָכן — ער איז איינגעגאַנגען זי צו באַפרייען, אָבער מיטן באַדינג אַז ער וויל פריער זען דעם „יאָלד". אויב ער וועט אים געפעלן און ער וועט זען אַז ער מיינט עס אויף אַן אמת, וועט ער איר דערלויבן מיט אים חתונה צו האָבן און ער וועט אים גאָר ניט טאָן.

זיי האָבן זיך ביידע געטראָפן. דער „יאָלד" איז דעם „חתן" געפעלן געוואָרן. האָט ער אים געשטעלט בראָנפן, האָט אים דערלאַנגט די האַנט אויף תקיעת־כף, האָט אים געזאָגט אַז ער גיט אים אָוועק די „כלה" און גיט אים נאָך אַ צולאָג די דירה ווי אַ חתונה־מתנה. און צו איר האָט דער אַלפאָנס געזאָגט: „מער קענען מיר זיך נישט" (דאָס האָט געהייסן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון רשות איבער איר און זי איז פריי).

זיי האָבן חתונה געהאַט. אַלעף האָט אָפּגעוואוינט מיט איר אַ היפּש ביסל צייט. זי איז געווען גליקלעך. אָבער נאָך אַ געוויסער צייט האָט דער מאַן אָנגעהויבן אַהיים צו קומען זייער שפּעט, און טייל מאָל אין גאַנצן ניט. שפּעטער איז דאָס געוואָרן אַלץ אָפטער און אָפטער. האָט זי אים איין מאָל געפרעגט, וואָס איז די מעשה וואָס ער קומט טייל מאָל ניט אַהיים; האָט ער איר געענטפערט, אַז עס איז אויס צווישן זיי און אַז ער וויל זיך מיט איר גטן. זי האָט אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן און בעטן זיך ביי אים, ער זאָל איר ניט אָנטאָן אַזאַ חרפּה, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. האָט זי אָנגעהויבן איינטענהען מיט אים מיט גוטן: וואו וועסטו מיך איבערלאָזן, דו האָסט דאָך מיר „צוגעדעקט דעם קאָפּ", וואָס וועל איך איצט טאָן, צוריקגיין „אויף דער גאַס"? געררעדט מיט גוטן, גערעדט מיט בייזן — ס'האָט ניט געהאָלפן.

ער איז געבליבן ביי זיינס: ער וויל זי זאָל אים גיבן אַ דרייער, ער זאָל איר כאָטש געבן עפּעס געלט, זי זאָל זיך קענען נעמען צו עפּעס אַ האַנדל, קויפן זיך אַ סטראַגאַן אויף אַ מאַרק, אַז זי זאָל ניט דאַרפן צוריק גיין „אויף דער גאַס". האָט ער זיך צעבייזערט און געסטראַשעט, אַז אויב זי וועט זיך פון אים ניט אָפּטשעפּען, וועט זיך עס פאַר איר שלעכט ענדיקן, ווייל זיין חברה וועט איר שוין אָנלערנען.

אויסגעהערט איר געשיכטע, האָב איך איר געפרעגט: מיט וואָס קען איך אייך העלפן? איך קען דאָך אים ניט נייטן, ער זאָל מיט אייך וואוינען. רופט אים צו אַ רב אָדער זאָלן זיך מענטשן אַריינמישן. מיר זיינען דאָך אַ פּאַרטיי, מיר קענען זיך ניט אַריינמישן אין די פּריוואַטע ענינים פון איינצלנע מענטשן.

האָט זי דערויף געענטפערט: פּאַניע בערנאַרד, ער סטראַשעט דאָך מיך מיט דער בונדישער „באָיוואָוקע", מענטשן האָבן מיר געזאָגט, אַז איר קענט אַלץ טאָן, אַז איך מוז ער פאָלגן.

וויפל כ'האָב מיט איר ניט איינגעטענהט, אַז מיר קענען דאָ גאָר ניט אויפטאָן, האָט עס ניט געהאָלפן. זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז מען האָט איר געזאָגט, אַז איך קען העלפן און כ'זאָל אויף איר רחמנות האָבן:

— כ'בעט אייך, פּאַניע בערנאַרד, טוט עפּעס, גאָט וועט אייך דערפאַר העלפן

— האָט זי מיט טרערן זיך געבעטן.

האָב איך איר געפרעגט וואָס פאַר אַ קאָנקרעטע פאָדערונג זי האָט צו אים. האָט זי געענטפערט, אַז זי וויל ער זאָל איר געבן 1.500 זלאָטעס צו קויפן זיך אַ סטראַגאַן הינטער די האַלעס; זי וויל פירן עפּעס אַ האַנדל, זי וויל מער ניט „צוריקגיין אויף דער גאַס". כ'האָב איר צוגעזאָגט, אַז כ'וועל זען, וואָס איך קען טאָן און כ'האָב איר געהייסן קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך אַן ענטפער. זי איז אַוועק מיט געשוואָלענע אויגן, ווייל די גאַנצע צייט האָט זי כמעט ניט אויפגעהערט צו וויינען, און זי איז אַרויסגעגאַנגען אַ וויינענדיקע.

כ'בין אַריין צוריק צו שאַשקען און כ'האָב איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. ווען כ'האָב יענע פרוי אויסגעהערט, בין איך געווען גאַנץ קאַלט, אָבער ווען איך האָב איבערדערציילט איר געשיכטע, האָב איך געפילט, אַז זי האָט מיך גערירט. אלעפּס האַנדלונג איז געווען פאַר מיר אַ שאָק. אלעף האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער חסידישער משפּחה, געווען געזעל־שאַפטלעך אויסגעשולט און האָט געהאַט אַ גוטן פּאָסטן אין אַ טראַנספּאָרט־פירמע.

איך האָב אַרויסגערופן אלעפן אין אונזער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט. כ'האָב אים דערציילט די געשיכטע וועגן דער פרויס וויזיט און כ'האָב אָנגעהויבן מיט אים איינצוטענהן. ער האָט מיר געענטפערט רואיק און קאַלט:

— ס'איז אַלץ אמת, אָבער דאָס איז מיינער אַ פּערזענלעכער ענין, איר האָט ניט קיין רעכט זיך אַריינצומישן, און מישט ניט אַריין די פּאַרטיי אין דעם. דערביי האָט ער גערעדט אין אַ וואָוליוונגערישן טאָן. איך בין אַרויס

פון די כלים און כ׳האָב פון אים געפּאָדערט אָפּצוגעבן מיר די פּאַרטיי־לעגיטימאַציע. האָט ער דערויף געענטפערט ווידער אַ מאָל קאַלט און רויק: „די פּאַרטיי־לעגיטימאַציע קען ביי מיר צונעמען נאָר דאָס פּרעזידיום פון וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, ניט איר״. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך בין אַ מיטגליד פון פּרעזידיום און כ׳האָב דאָס רעכט אַזוי צו האַנדלען. ער קען אַפּעלירן צום פּרעזידיום, מען זאָל אים צוריקשטעלן אין זיינע רעכט. האָט ער דערויף געענטפערט: „ניין, איין מיטגליד פון פּרעזידיום האָט ניט קיין רעכט צוצונעמען די פּאַרטיי־קאַרטע, עס מוז זיין וועגן דעם אַ באַשלוס פון גאַנצן פּרעזידיום״. זיין טאָן האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט, האָב איך אַ געשריי געטאָן צו אים: „אַרויס פון דאַנען!״

דעם זעלבן אָוונט, שוין גאַנץ שפּעטלעך, ווען איך בין געזעסן מיט עטלעכע מענטשן אין „טאַבאַטשינסקיס קאַוויאַרניע״ אויף פּשעיאַזד (אין דעם זעלבן הויז וואו עס האָט זיך געפונען אונזער אַרבעטער־ווינקל), איז אַריינגעקומען עפּעס אַ האַלב־שיכורער מאַן, איז צוגעלאָפן צו מיר און האָט אָנגעהויבן מיט אויפרעגונג צו ריידן, אַז מען סטראַשעט אים אַז די „בונדישע באַיואַוקע״ וועט אים דערהרגענען. „פאַר וואָס קומט עס מיר?״ — האָט ער געשריגן. פון זיינע האַלב־אָפּגעריסענע רייד האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז דאָס סטראַשעט אים אלעף און כ׳האָב זיך געכאַפּט אַז דאָס איז מסתמא דער אַמאָליקער „חתן״, דער אַלפאַנס פון דעם מיידל, מיט וועלכער אַלעף האָט חתונה געהאַט. „פאַר וואָס קומט עס מיר?״ — האָט ער נאָך אַלץ געשריגן. איך האָב ניט געוואָלט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון עולם אַרום, בין איך מיט אים אַרויס אויף דער גאַס. דאָ האָט ער אַרויס־געצויגן אַ לאַנגן בלאַנקן מעסער און האָט אויסגערופן: „מיט דעם מעסער וועל איך אים דערשטעכן, און זיך אויך! פאַר וואָס האָט ער זי אָפּגענאַרט? — האָט ער מיט פאַרצווייפלונג געשריגן — פאַר וואָס האָט ער זי פאַרשעמט? איך האָב אים געגלויבט, כ׳האָב אים אָוועקגעגעבן אַ דירה מיט מעבל, מיט אַלץ, און ער האָט זי פאַרשעמט!״ אָט די דאָזיקע טענה „פאַר וואָס האָט ער זי פאַרשעמט״ — האָט ער כסדר איבערגעחזרט. איך האָב אים גאָר ניט געזאָגט, נאָר געהייסן אים אַהיים גיין זיך אויסשלאָפן. ביי זיך האָב איך באַשלאָסן די זאַך אויסצופאָרשן.

מיר איז געוואָרן פאַרדעכטיק די מעשה, וואָס אויך ער, דער אַלפאַנס, דערציילט אַז מען סטראַשעט אים מיט דער „בונדישער באַיואַוקע״. צו מאָרגנס האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אלעף איז געקומען הינטער די האַלעס צו אַ גרופּע בונדיסטן־טראַנספּאָרטלער וואָס אַרבעטן דאָרטן (וועלכע ער האָט גוט געקענט, וויל זיי האָבן צוזאַמען געהערט צו אונזער מיליץ), ער האָט זיי גענומען אויף אַ טרונק בראָנפן און האָט זיי דערציילט, אַז אַלפאַנסן ווילן אים דערהרגענען, וויל ער האָט חתונה געהאַט מיט זייער אַ „כלה״. זיי ווילן איצט פון אים אויספּרעסן געלט, בעט ער זיינע חברים, זיי זאָלן זיך פאַר אים אָננעמען. לויט דעם ווי ער האָט זיי די מעשה דערציילט, איז — פאַרשטייט זיך — אויסגעקומען, אַז ער איז דער גערעכטער און זיי האָבן

אים פייערלעך צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן אים פּאַרטיידיקן און זיי וועלן אָנ־לערנען די אַלפּאַנסן ווי עס באַדאַרף צו זיין. זיי האָבן טאַקע באַלד געלאָזט וויסן דעם „חתן", אַז זיי וועלן זיך מיט אים אָפּרעכענען, אויב ער וועט זיך טשעפּען מיט אלעפן.

האָב איך אַרויסגערופן די גרופּע חברים, וועלכע אלעף האָט אָרגאַניזירט פאַר זיין „פאַרטיידיקונג", כ'האָב זיי דערציילט דעם גאַנצן אמת און כ'האָב זיי אָנגעזאָגט, אַז ס'איז זיי פאַרבאָטן אָנטייל צו נעמען אין אַ וועלכן ס'איז געשלעג מיט די אַלפאַנסן, אין קעגנפאַל וועט מען ביי זיי צונעמען די פאַרטיי־לעגיטימאַציעס און זיי אויסשליסן פון דער פאַרטיי. זיי האָבן זיך שטאַרק קעגנגעשטעלט און שאַרף מיט מיר דיסקוטירט: „וואָס הייסט, האָבן זיי געטענהט, אַלפאַנסן ווילן דורך זייערער אַ „כלה" שאַנטאַזשירן אונזערן אַ חבר און אויספּרעסן פון אים געלט און מיר זאָלן דערצו דער־לאָזן? וואָס דאַרף די פּאַרטיי זיך מישן אין אַזעלכע ענינים? ס'איז אַ פּריוואַטער ענין פון איין חבר און מיר ווילן אים בלויז חבריש העלפן, ווען אים דראָט אַ גרויסע געפאַר. וואָס איז? — האָבן זיי ווייטער געפרעגט — מיר ווילן דאָך אַנלערנען אונטערוועלט־מענטשן, אַלפאַנסן, — איז דאָס טאָר מען אויך ניט?"

איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג צו וואָס אַזאַ געשלעג קען דער־פירן. האָב איך זיי נאָך אַ מאָל שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זיי טאָרן זיך ניט באַטייליקן אין קיין שום געשלעג אַרום דעם ענין.

זיי זיינען אַוועק אומצופרידענע, אָבער כ'האָב געוואוסט אַז זיי וועלן פאָלגן. ווייל פאַר פאַרלירן די בונדישע פאַרטיי־קאַרטע האָבן זיי געציטערט מער ווי פאַר אַלץ אין דער וועלט. זי איז געווען זייער שטאָלץ.

ווייזט אויס, אַז זיי האָבן באַלד געלאָזט וויסן אלעפן וועגן דעם פאַר־באָט. ווייל דעם זעלבן טאָג, פאַר נאַכט, איז ער געקומען אין אַרבעטער־ווינקל, איז צוגעקומען צו מיר און — שוין מיט אַ געלאַסענעם טאָן — געזאָגט, אַז ער וויל מיט מיר ריידן. האָב איך אים געזאָגט: „פריער פאַר אַלץ גיב אָהער די פאַרטיי־קאַרטע!" ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־טאַש די פאַרטיי־קאַרטע און האָט זי מיר שטילשווייגנדיק דערלאַנגט. דעמאָלט האָב איך אים געפרעגט: „וואָס ווילסטו?" — זאָגט ער מיר, אַז דער „חתן" האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער וועט אים דערהרגענען. „חבר בערנאַרד, קענט איר דערצו דערלאָזן?" — האָט אלעף צו מיר אַפּעלירט כמעט אַ ווייגענ־דיקער. האָב איך אים געזאָגט: „כ'וועל מיט דיר ניט ריידן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דו וועסט ניט טאָן וואָס דיין פרוי פאַרלאַנגט פון דיר. זי וויל זאָלסט איר קויפן אַ סטראַגאַן ביי די האַלעס, זי זאָל האָבן דערפון פרנסה און ניט דאַרפן „צוריקגיין אויף דער גאַס". דאָס ביסטו פאַרפליכטעט צו טאָן, צי עס וועט קאָסטן אַ גראָשן צי 2.000 זלאָטעס". (איך האָב געוואוסט, אַז ער פאַרדינט זייער גוט און אַז דאָס געלט שפּילט ביי אים ניט קיין ראָלע). איך האָב אים אויך פאַרגעוואָרפן זיין סטראַשען דעם אַלפאַנס מיטן בונד און זיין פּרואוו אַריינצוציען בונדיסטן אין זיינע פערזענלעכע טונקעלע עסקים.

ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַלץ אויספּאָלגן. און אַזוי איז טאַקע געשען. אין עטלעכע טעג אַרום איז זי צו מיר געקומען און מיר געזאָגט אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. ער האָט איר געגעבן דאָס געלט וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. דעמאָלט האָב איך געלאָזט רופן צו זיך דעם „חתן" און כ'האָב אים אָנגעזאָגט, אַז איצט זאָל ער ניט דערוועגן צו טשעפּען מיט אַלעפן און ניט מיט קיינעם פון די בונדיסטן.

ס'איז געוואָרן שטיל, מער האָט מען וועגן דעם ענין ניט געהערט. און אין אַ צייט אַרום האָט אַלעף צוריקגעקריגן זיין פּאַרטיי־קאַרטע.

***

דער דאָזיקער פאַל, פּונקט ווי די פאַלן וועגן וועלכע איך האָב פריער דערציילט, ווי אויך די פאַרשיידענע אַנדערע ענלעכע פּאַסירונגען, וועגן וועלכע איך דערצייל ניט — זיינען גיך באַקאַנט געוואָרן צווישן די ווייבער אין די געגנטן פון סמאַטשע און קראָכמאַלנע. זיי האָבן געזען אין דעם אַ בולטן באַווייז, אַז — דער בונד נעמט זיך אָן פאַר אַלע באַעוולטע און געקריוודעטע!

אויך איך האָב פון דעם געגאָסן: ווען איך פלעג אַדורכגיין די סמאַטשע (אָדער די אומגעגנט) פלעגן די ווייבער צו מיר זיך פריינדלעך גריסן. ס'איז אַמאָל געווען אַ פאַל אַז קאָמוניסטן אויף דער סמאַטשע גאַס זיינען מיך פלוצלונג באַפאַלן אין מיטן העלן טאָג, האָבן די ווייבער זיך אויף זיי געוואָרפן מיט בערשט און שמאַטעס און געוואָלט זיי דורס זיין.

קאַפּיטל 52

די מיליץ העלפט דער בונדישער שטאָטראַט־פראַקציע

אַ גרויסע פּאָפּולערקייט ביים ברייטן יידישן עולם, שוין אָפּגערעדט פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט, האָט דער בונד באַקומען אַ דאַנק דער אַרבעט פון דער וואַרשעווער בונדישער שטאָטראַט־פראַקציע. ביז אונזער גרויסן זיג ביי די וואַרשעווער שטאָטראַט־וואַלן אין 1938 האָבן מיר געהאַט 7 ראַטמענער אין וואַרשעווער שטאָטראַט. די בונדישע פראַקציע — ד. ה. די בונדישע ראַטמענער — האָבן אויסגענוצט די טריבונע פון שטאָט־ראַט פאַר אַ שאַרפן פּאָליטישן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן דיסקרי־מינאַציע לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, ספּעציעל אין דער פראַגע פון רעכט אויף אַרבעט, און בכלל קעגן דער גאַנצער פּוילישער רעאַקציאָ־נערער פּאָליטיק אין אַלע פאָרמען און אויסדרוקן. אָבער איך וויל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דער אַלגעמיין־פּאָליטישער איינשטעלונג און טעטי־קייט פון דער בונדישער שטאָטראַט־פראַקציע. איך וועל זיך דאָ האַלטן אין די ראַמען פון מיין אייגענער דערפאַרונג און איך וועל דעריבער שילדערן בלויז יענעם טייל טעטיקייט פון דער וואַרשעווער בונדישער שטאָטראַט־פראַקציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט לינדערן די נויט פון די יידישע מאַסן און זיי באַשיצן פון עוולות, וועלכע זיינען דורך דער שטאָט־פאַר־וואַלטונג באַגאַנגען געוואָרן טאָג־טעגלעך קעגן יידישע אָרעמעלייט און האָרעפּאַשניקעס; ווייל צו אָט דער אַרבעט האָט די בונדישע מיליץ געהאַט אַ נאָענטע שייכות.

כדי צו העלפן דער יידישער באַפעלקערונג פון וואַרשע אין אירע טאָג־טעגלעכע נויטן, האָט די בונדישע שטאָטראַט־פראַקציע איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע ביוראָ. יעדער איינער האָט דאָרט געקענט באַקומען הילף אין כלערליי ענינים, מיט וועלכע ס׳האָט זיך פאַרנומען די שטאָטישע מאַכט. דאָס ביוראָ איז געווען אָפן יעדן טאָג אין די אָוונט־שעהן. די בונדישע ראַטמענער האָבן דאָרט טעגלעך דיזשורירט און האָבן אויפגענומען ווענדונגען פון וואַרשעווער יידישע איינוואוינער וואָס האָבן געדאַרפט הילף, אָדער געליטן עוולות, אָדער געהאַט טענות צו דער וואַרשעווער שטאָט־פאַר־וואַלטונג. עס זיינען געקומען אַרבעטער, האָרעפּאַשניקעס, אָרעמע הענדלער. די ווענדונגען זייערע זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיק: וועגן אַריינגעמען אַ קראַנקן אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל אָדער אין אַ שטאָטישער סאַנאַטאָריע, וועגן אַרויסשיקן אַ קינד אויף אַ שטאָטישער זומער־קאָלאָניע, וועגן איינ־אָרדענען אַ היימלאָזן אין די שטאָטישע וואוין־באַראַקן; וועגן פאַרקלענערן

די צו גרויסע שטייערן וואָס די שטאַט האָט אַרויפגעלייגט אויף הענדלער אָדער באַלמעלאָכעס, וועגן אַ סכנה פון ליציטירן דאָס ביסל סחורה פאַר ניט־באַצאָלטע שטייערן, וועגן עקסמיסיעס צוליב אַ חוב פאַר דירה־געלט און אַזוי ווייטער און ווייטער. מען איז אויך געקומען צו דער בונדישער שטאָטראַט־פּראַקציע וועגן פּריוואַטע ענינים. למשל: זי זאָל זיין אַ בורר צווישן אַן אָרעמען לאָקאַטאָר וואָס האָט ניט געקענט אַדורכקומען מיטן הויזווירט וועגן אַ חוב פאַר דירה־געלט, זי זאָל זיך אַריינלייגן אין שלום און אויספּועלן ביים הויזווירט, ער זאָל ניט זיין אַזוי האַרט. די בונדישע ראַטמענער האָבן באַדינט די אַרבעטער און די אַרבעטנדיקע יידישע באַפעלקערונג אין אַלע פאַלן וואָס מען האָט זיך צו זיי געווענדט.

די בונדישע שטאָטראַט־פּראַקציע האָט געהאַט איר ביוראָ אין לאָקאַל פון דעם אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ ביים לאַנדראַט (פריער אויף פשעיאַזד 13, שפּעטער אויף לעשנע 3). זי האָט באַשעפטיקט אַ ספּעציעלן אָנגעשטעלטן — דעם חבר צאַלקע — וואָס האָט אויפגענומען די פּאַראינטערעסירטע, אויס־געהערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און איבערגעשיקט זיי צו איינעם פון די דיזשורירנדיקע בונדישע ראַטמענער. אויב ס'איז ניט געווען קיין קאָמ־פּליצירטער ענין, האָט ער פּשוט פאַרצייכנט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און נאָך דעם איבערגעגעבן דעם ראַטמאַן צו אינטערוועניר. מיט דער צייט האָט ער זיך אַזוי גוט אָריענטירט אין די זאַכן, אַז ער פלעגט אַליין דערליידיקן געוויסע ניט־קאָמפּליצירטע ענינים אין די מאַגיסטראַט־קאַנ־צעלאַריעס, וואו מען האָט אים שוין גוט געקענט ווי אַ מיטאַרבעטער פון דער בונדישער שטאָטראַט־פּראַקציע.

צאַלקע איז געווען אַ מענטש פון אַן אייגנאַרטיקן טיפּ. ער האָט גע־שטאַמט פון אַ פרומער פאַמיליע. געהאַט יידיש וויסן און אַ געוויסע אַלגע־מיינע בילדונג. די הויפּט־פּרנסה האָט ער געשעפּט פון זיין פּאָסטן אַלס אָנגעשטעלטער אין דעם אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ. די אַרבעט אין דער בונדישער שטאָטראַט־פּראַקציע איז געווען ביי אים אַ צוגאָב־באַשעפטיקונג, אָבער פון ביידע פּאָסטנס האָט ער קוים געהאַט חיונה, ווייל ער איז געווען אַ מטופּל מיט אַ סך קינדער. ער האָט געוואוינט אין אַ נאַסער, פינצטערער קעלער־וואוינונג און האָט געלעבט אין אָרעמקייט. ער איז אָבער געווען זייער אַ שטאָלצער: אַז איך פלעג אים אַמאָל פאָרלייגן עפּעס אַ שטיצע, האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען. מלבושים פלעגט ער טייל מאָל יאָ צונעמען, ווייל דאָס האָט ער באַטראַכט ווי אַ מתנה, ניט ווי אַן אונטערשטיצונג. דער שוין באַשריבענער „גראָבער יאָסל“ פון דער גנוינע גאַס איז געווען זיינער אַ שוואָגער, איך האָב אַ לאַנגע צייט וועגן דעם ניט געוואוסט, ווייל ער האָט זיך דערמיט געשעמט.

די הילף־אַרבעט פון די בונדישע ראַטמענער האָט זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט די אויפנעם־שעהן אין ביוראָ אין די אָוונטן. ניט איין מאָל האָט געטראָפן אַז אין מיטן העלן טאָג איז צום ח' וויקטאָר אַלטער, דעם בונדישן לאַווניק („קאָמישאַנער“) אין וואַרשעווער מאַגיסטראַט, אַריינגעפאַלן אין

זיין ביוראָ (אין דער אַרבעטער־קרעדיט־צענטראַלע, אָדער אין לאַנדראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען) אַ יידישער אַרבעטער, אַ בעל־מלאכה אָדער אַן אָרעמע מאַרק־הענדלערין מיט אַ געוויין און אַ געשריי אַז אַט איז געקומען פּאָליציי אָדער דער „קאָמאָרניק" צוצונעמען דאָס ביסל האָב און גוטס, למשל, פאַר ניט באַצאָלטע שטייערן. ח' אַלטער האָט באַלד אַלץ אַוועקגעוואָרפן, האָט געכאַפּט אַ דראָזשקע אָדער אַ טאַקסי און אַוועקגעפאָרן מיט דעם מענטש אין מאַגיסטראַט אָפּצושרייען די גזירה. פּונקט אַזוי פלעגט טרעפן, אַז בעת ח' ערליך איז געזעסן ביי דער אַרבעט אין רעדאַקציע פאָלקס־צייטונג פאַרטאָן ביים שרייבן אַ לייט־אַרטיקל, פלעגט אַריינפאַלן אַן אַרבעטער אָדער סתם אַן אָרעמאַן מיט אַ געשריי אַז דער חבר ערליך זאָל אים ראַטעווען און מיטפאָרן מיט אים אין מאַגיסטראַט אָפּצושרייען עפּעס אַ גזירה אָדער אַ שיקאַנע. אויב דער ענין איז געווען דרינגענד האָט ח' ערליך זיך גלייך אויפגעהויבן פון טיש און אַוועק מיט דעם באַעוולטן. אמת, שפּעטער איז טאַקע וויקטאָר שולמאַן (דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע) אָדער שמואל אַדלער (דער פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי) געקומען צו לויפן מיט אַ גוואַלד, אַז דער נומער פאָלקס־צייטונג וועט זיך פאַרשפּעטיקן, ווייל ערליכס לייט־אַרטיקל איז נאָך ניטאָ, ערליך אָבער האָט קיין מאָל ניט אָפּ־געזאָגט עמיצן וואָס איז געקומען צו אים וועגן אַ דרינגענדער אינטערווענץ אין אַ שטאָטישן אַמט.

צום מערסטן איז אין דעם מין אַרבעט געווען אַריינגעטאָן ח'טע אסתר איווינסקאַ (אַ שוועסטער פון וויקטאָר אַלטער). פון פאַך אַן אַדוואָקאַט, פלעגט זי אָפט גיין אין די געריכטן אָדער מאַגיסטראַט־אַמטן, כדי אָפּצו־שרייען די שיקאַנעס, עוולות און גזירות, וועגן וועלכע מען איז געקומען צו אונזער שטאָטראַט־פראַקציע. ווען זי האָט אָנגענומען אַן ענין צו דער־ליידיקן, פלעגט זי געווינטלעך צו ערשט אָנשרייען אויף צאַלקען און דעם פאַראינטערעסירטן אַליין פאַר פריער אָפּגעטאָנענע נאַרישקייטן, געטאָן האָט זי דאָס אָבער פון גוטמוטיקייט און צוליב איר ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און נאָך דעם האָט זי זיך מיט איר גאַנצער ענערגיע און עקשנות גענומען צו דער אַרבעט און האָט דעם ענין ניט נאָכגעלאָזט ביז זי האָט עפּעס אויפ־געטאָן פאַר דעם יידישן אַרבעטס־מענטש וואָס האָט זיך גענויטיקט אין אונזער הילף. איצט וואוינט ח'טע איווינסקאַ אין בריסל, וואו זי האָט זיך באַזעצט אויף שטענדיק, און אויך איצט פאַרנעמט זי זיך דאָרט מיט העלפן מענטשן, מיט אינטערווענירן לטובת דורכפאָרנדיקע פּליטים, באַקומען פאַר זיי הילף, וויזעס, אויפהאַלט־דערלויבענישן א. אַז. וו. אויך איצט גיט זי אָפּ גאַנצע טעג אין די בריסעלער שטאָטישע און מלוכהשע אַמטן כדי אויס־צופועלן עפּעס פאַר באַדערפטיקע און ליידנדיקע. אָבער איצט, האָף איך, קומען איר אָן די אינטערווענצן גרינגער ווי אין די ביוראָען פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט, וואָס איז געווען פול מיט אַנטיסעמיטן און רעאַקציאָנערן.

במשך פון איר לאַנג־יאָריקער טעטיקייט האָט די בונדישע פראַקציע אין וואַרשעווער שטאָטראַט אינטערווענירט אין טויזנטער און אפשר צענד־ליקער טויזנטער כלערליי אינדיווידועלע עוולות און אומרעכטן, וועלכע האָבן

אָפּגעשפּיגלט אינם לעבן פונם יחיד די פּיליזייטיקע עוולות און אומגערעכטיקייטן פון דער דעמאָלט בכלל הערשנדיקער אין פּוילן קאַפּיטאַליסטישער און אַנטיסעמיטישער רעאַקציע. צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטס־מענטשן האָבן אויף אַזאַ אופן דירעקט געגאָסן פון דער דאָזיקער בונדישער טעטיקייט. די טיפּישע און באַזונדערס אָפטע אינטערווענצן זיינען געווען וועגן דירה־עניִנים, קינדער־און פרויען־שוץ, אַרבעטער־רעכט, שטייער־שיקאַנעס און כלערליי אַנטיסעמיטישע גזירות. אָפט מאָל האָבן די אינטערווענצן געהאַט דערפאָלג און זיינען געווען ממש אַ רעטונג פאַר די שיקאַנירטע און נויטבאַדערפטיקע.

***

איך וויל אָבער איצט דערציילן וועגן איין אינטערווענץ וואָס איז ניט געווען טיפּיש, נאָר גיכער אַן אויסנאַם־פאַל אין דער טאָג־טעגלעכער הילף־טעטיקייט פון די בונדישע ראַטמענער, ווייל ס׳איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל. געהאַנדלט האָט זיך עס אין דעם פאַל וועגן — אַ חסידים־שטיבל אויף נאַוואָליפּקי גאַס, וואָס האָט דאַן געזאָלט עקסמיטירט ווערן, אונטערן תירוץ, אַז מען דאַרף עפּעס איבערבויען אין דעם הויז וואו דאָס שטיבל האָט זיך געפונען. באַמיאונגען פון די חסידים אַליין אָפּצושרייען די גזירה האָבן ניט געהאָלפן און עס האָט שוין געהאַלטן דערביי אַז מען זאָל דאָס חסידים־שטיבל „עקסמיטירן" ד. ה. אַרויסוואַרפן פון דער דירה. האָט עמיצער געגעבן אַן עצה די חסידים, זיי זאָלן גיין צו וויקטאָר אַלטערן, ער וועט זיי אפשר העלפן. האָבן די חסידים געזאָגט: ס׳טייטש, וויקטאָר אַלטער איז דאָך אַן אפּיקורס, וועט ער וועלן העלפן חסידים? — האָט מען זיי געענטפערט: ער העלפט גערן אַלעמען, וועט ער מסתמא אויך אייך וועלן העלפן. זיינען די חסידים אַוועק צו אַלטערן, ער האָט זיך טאַקע אונטערגענומען אָפּצושרייען די עקסמיסיע, און ער האָט געפּועלט: מען האָט די חסידים געלאָזט האָבן זייער שטיבל אויף דעם זעלבן אָרט. זייער ענטוזיאַזם איז געווען אין־לשער. איינער פון די גבאים איז אַוועק צו אַלטערן, האָט אים שטאַרק געדאַנקט פאַר זיין אויפטו. נאָך דעם האָט ער אים אָבער געפרעגט: „טייטשט מיר אויס, ווי קומט עס אַז איר, אַן אפּיקורס, האָט געהאָלפן חסידים זיי זאָלן ניט פאַרלירן זייער שטיבל?" — האָט אַלטער אים אויף דעם געענטפערט: „איך אַליין גלייב ניט אין דעם וואָס איר דאַוונט, אָבער איך וועל קעמפן מיט אַלע מיינע כוחות, איר זאָלט האָבן דאָס רעכט פריי צו דאַוונען". די דאָזיקע מעשה איז באַרימט געוואָרן אין וואַרשע, ספּעציעל אין די חסידישע קרייזן.

***

אָפט מאָל איז אויך דער בונדישער מיליץ אויסגעקומען צו העלפן אונזער שטאָטראַט־פראַקציע אין אירע באַמיאונגען צו לינדערן די נויט פון די וואַרשעווער יידישע אַרבעטער און אַרבעטס־מענטשן. באַזונדערס איז דאָס געקומען צום אויסדרוק ביי עקסמיסיעס, ד. ה. ביים אַרויסוואַרפן אָרעמעלייט אָדער אַרבעטסלאָזע פון זייערע וואוינונגען.

ווי געזאָגט, זיינען יידישע אַרבעטער און אָרעמע מענטשן געקומען צו

דער בונדישער שטאָטראַט־פּראַקציע ניט בלויז וועגן מאַגיסטראַט־ענינים, נאָר אויך מיט אַ סך אַנדערע זייערע דאגות און נויטן. ווען ס'איז געקומען אַן אַרבעטסלאָזער צו דער שטאָטראַט־פּראַקציע און דערציילט, אַז מען וויל אים אַרויסוואַרפן פון דער דירה, האָט מען דאָ דורכן מאַגיסטראַט גאָר ניט געקענט אויפטאָן. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטער ענין צווישן לאָקאַטאָר און דעם הויזוווירט. פלעגט דעמאָלט די שטאָטראַט־פּראַקציע גאַנץ אָפט מיר איבערגעבן, איך זאָל פּרוּוון דערליידיקן דעם ענין מיטן הויז־ווירט מיט גוטן. איך פלעג אַוועקגיין צום הויז־ווירט און אָפט מאָל איז מען אַדורכ־געקומען, אַ שטייגער: אַוועקשטעלן דעם אַלטן חוב און פון איצט אָן זאָל דער לאָקאַטאָר אָנהויבן צאָלן רעגולער; אָדער ער זאָל ביסלעכווייז אָפּ־צאָלן דעם אַלטן חוב און ווייטער צאָלן דירה־געלט רעגולער. אויב דער באַלעבאָס איז געווען ניט נאָכגיביק פלעג איך אַפּעלירן צו זיין געוויסן, צום יושר, כ'האָב אַלץ אויסגענוצט, כדי עס זאָל ניט דערגיין צו קיין עקסמיסיע.

אָבער ווירטסלייט זיינען ניט איין מאָל געווען איינגעשפּאַרט און מען האָט גאָרניט געקענט ביי זיי פועלן. זיי האָבן זיך פּאַרעקשנט: ניט אַנדערש ווי אַרויסוואַרפן דעם איינוואוינער פון דער דירה! דעמאָלט האָט זיך אַריינ־געמישט די בונדישע מיליץ. אין טאָג פון דער עקסמיסיע איז אַ גרופּע פון אונזערע מיליציאַנערן געווען אויפן הויף וואו די עקסמיסיע האָט געדאַרפט פּאַרגעקומען. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיטן עולם לאָקאַטאָרן, וואָס האָבן זיך שטיל צוגעקוקט צו דער טרויעריקער פּראָצעדור, ווי די פּאָליציי און דער סטרוזש טראָגן אַרויס אונטער דער אויפזיכט פון קאָמאָרניק (אַ געריכט־באַ־אַמטער, באַאויפטראָגט אויסצופירן די „עקסמיסיעס", „ליציטאַציעס" — „אַקשענס" — און אַנדערע אַזעלכע אורטיילן) די בעבעכעס פון דעם אָרעמען לאָקאַטאָר. ווי נאָר דער קאָמאָרניק און די פּאָליציי זיינען אַוועק, האָבן אונזערע מיליציאָנערן זיך גענומען צו דער אַרבעט: אויב די דירה איז געווען אין דער נידער, האָט מען אויפגעריסן אַ פענצטער און צוריק אַריינגעשטעלט די זאַכן. אויב די דירה איז געווען אויף אַ העכערן שטאָק, האָט מען אָפּגעריסן די חתימה פון קאָמאָרניק, געעפנט די טיר און צוריק אַריינגעשטעלט די אָרעמע בעבעכעס. פאַר אָפּרייסן די חתימה פון קאָמאָרניק איז געקומען אַ שטראָף פון עטלעכע חדשים תפיסה, אָבער גיי כאַפּ די, וואָס האָבן אַראָפּ־געריסן די חתימה, אַז דאָס זיינען געווען פרעמדע מענטשן: געקומען און אַוועק. נאָך אַזאַ מעשה האָט דער ווירט געמוזט אויף דאָס ניי אָנקלאָגן דעם לאָקאַטאָר אין געריכט, אויף דאָס ניי אַרויסקריגן אַן עקסמיסיע־אורטייל און אויף דאָס ניי זי אַדורכפירן מיט דער הילף פון קאָמאָרניק, און דעמאָלט ערשט האָט זיך דאָס צוריק אַריינשטעלן די זאַכן אויך געקענט איבערחזרן אויף דאָס ניי, — האָט גאַנץ אָפט אַ הויזווירט נאָך אַזאַ מעשה זיך באַרעכנט, אַז עס לוינט ניט די מלחמה און ער האָט שוין יאָ מסכים געווען אַדורכ־צוקומען מיטן לאָקאַטאָר.

מען דאַרף צוגעבן, אַז אין די מערסטע פאַלן האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן עקסמיסיעס, דורכגעפירטע פון יידישע ווירטס־לייט („לענדלאָרדס") קעגן יידישע לאָקאַטאָרן.

וועגן איינער אזא עקסמיסיע — ווי א ביישפיל פון א סך — וועל איך דא דערציילן גענויער. דער לאָקאַטאָר איז געוועז א שניידער, א שטומער, א מיטגליד פון באַקלייד־פאַראיין. געוואוינט האָט ער אויף ניזקע גאַס, לעבן מיסט־קאַסטן (א סך וואַרשעווער הייזער האָבן געהאַט אויפן הויף איין גרויסן מיסט־קאַסטן פאַר אַלע לאָקאַטאָרן). ער האָט דאָרט געוואוינט מיט א פרוי און קינדער, אין א קליין פינצטער צימערל. די עקסמיסיע האָט געזאָלט פאָרקומען אין שפּעטן האַרבסט, ווען עס איז שוין געווען גוט קאַלט אין דרויסן. איך בין אַוועק צום באַלעבאָס און כ'האָב אים גאַראַנטירט, אַז ווי נאָר עס וועט זיך אָנהייבן דער אַרבעט־סעזאָן, וועט דער לאָקאַטאָר אים אָנהייבן צאָלן רעגולער דירה־געלט. דער ווירט האָט אָבער פון גאָר ניט געוואָלט הערן; אפילו ווען דער אַרבעטסלאָזער לאָקאַטאָר זאָל באַצאָלן דעם גאַנצן חוב מיט א מאָל, וויל ער אים מער ניט האָבן. ער האָט מיר דערציילט, אַז דער שטומער האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט אַן אייזן און געוואָלט אים ממיתן; ער, דער ווירט, איז גרייט אפילו צוצואָלן אים עפּעס געלט, אַבי ער זאָל זיך אַרויסציען, און אויב ניט — וועט ער פאַר יעדן פּרייז אַדורכפירן די עקסמיסיע. וויפל איך האָב אין אים ניט אַריינגערעדט, האָב איך אים ניט געקענט איינברעכן: ניין און ניין! — איז געבליבן זיין ענטפער. בין איך אַוועק — און מען האָט געוואָרט אויף דער עקסמיסיע.

אין טאָג פון דער עקסמיסיע זיינען מיר, א גרופּע בונדישע מיליציאַנערן, ווי געוויינטלעך, געווען שוין פריער אויפן הויף. ווען דער קאָמאָרניק און די פּאָליציי האָבן דערזען די דירה, די אָרעמקייט פון דער לאָך וואָס איז כלומרשט געווען א וואוינונג און דעם דלות פון די דאָרט וואוינענדיקע מענטשן, — האָבן זיי אַליין געקריגן רחמנות. מען האָט עס געקענט זען פון דעם ווידערווילן, מיט וועלכן זיי האָבן אויסגעפירט זייער אָפיציעלע פליכט. דער קאָמאָרניק האָט אונז שוין דערקענט (ער האָט אונזערע פּנימער געקענט פון אַנדערע ערטער) האָט ער מיר דאָס מאָל געלאָזט וויסן, אַז ער פאַר־שטייט, וואָס מיר גרייטן זיך דאָ צו טאָן, בעט ער נאָר, מען זאָל וואַרטן ביז ער מיט דער פּאָליציי וועלן זיין פון דער צווייטער זייט טויער, כדי ער זאָל ניט דאַרפן צוריקקומען אינטערווענירן. ווי נאָר זיי זיינען אַרויס פון הויף — האָט מען שוין אָנגעהויבן אַריינצוטראָגן די זאַכן צוריק אין שטוב. דער באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן צו גוואַלדעווען, האָבן מיר פאַרמאַכט דעם טויער, דער גוואַלד זאָל זיך ניט אַרויסטראָגן אויף דער גאַס. ער האָט גוואַלדעוועט — און מיר האָבן אַריינגעטראָגן די זאַכן. נאָך דעם האָב איך אָנגעזאָגט דעם באַלעבאָס, ער זאָל מער דעם לאָקאַטאָר ניט אָנקלאָגן אין געריכט, ווייל עס וועט אים בלויז אַריינטרייבן אין נייע הוצאות. מיר וועלן יעדעס מאָל קומען און צוריק אַריינשטעלן די זאַכן, זאָל ער בעסער זען אַדורכצוקומען מיטן לאָקאַטאָר מיט גוטן. און ער איז מיט אים אַדורכגעקומען.

אַזוי האָט דער בונד — אין צוגאָב צו זיין אַלגעמיינעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף, אין צוגאָב צו זיין קולטור־קאַמף און קולטור־טעטיקייט, אַרויסגעהאָלפן דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אויך אין אירע טאָג־טעגלעכע דאגות און נויטן. און די יידישע באַפעלקערונג האָט עס אין

פטלעכע יאָר אַרום ווי געהעריק אָפּגעשאַצט, פריער ביי די קהילה־וואַלן אין 1936, שפּעטער ביי די שטאָטראַט־וואַלן, וואָס זיינען אין וואַרשע פאָרגעקומען אין 1938. אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 20 יידישע ראַטמענער, זיינען דעמאָלט אין וואַרשע אויסגעקליבן געוואָרן — דורך פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן! — פון דער ליסטע פון בונד און יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — 17 ראַטמענער און בלויז 3 ראַטמענער זיינען אויסגעווילט געוואָרן פון אַלע אַנדערע יידישע פּאַרטייען צוזאַמען. (ענלעך איז געווען אין די יאָרן 1936־1938 דער רעזולטאַט אין אַנדערע גרויסע און מיטעלע שטעט ווי: לאָדזש, ווילנע, לובלין, ביאַליסטאָק, גראָדנע, פּיעטריקאָוו, טאַרנאָוו א. אַ.).

⁂

אונזער מיליע איז אויסגעקומען צו דינען דער בונדישער שטאָטראַט־פראַקציע אויך אויף גאָר אַן אַנדער אופן — דורך שיצן אונזערע ראַטמענער קעגן כוליגאַנישע אָנפאַלן. פּונקט ווי די שטאָטראַט־פראַקציע אונזערע איז געווען באַליבט ביי די יידישע מאַסן, אַזוי איז זי געווען פאַרהאַסט ביי די אַנטיסעמיטן און רעאַקציאָנערן. זיי האָבן אין אירע אַרויסטרעטונגען געזען דעם סאַמע „פאַרשייטסטן אויסדרוק פון יידישער חוצפּה".

דער וואַרשעווער שטאָטראַט האָט דער עיקר זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט ענינים פון דער שטאָט־ווירטשאַפט. אָבער אונזערע ראַטמענער האָבן דאָרט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט כדי אַרויסצוטרעטן מיט פּאָליטישע רעדעס קעגן דעם הערשנדיקן רעזשים, קעגן קאַפּיטאַליזם, קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן דער אַרבעטער־פיינטלעכער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און די „שטאָט־טאַטעס" א. אַז. וו. אין שייכות מיט די אָנפאַלן אויף יידן אין וואַרשע זיינען אונזערע ראַטמענער אָפט אַרויסגעטראָטן קעגן די כוליגאַנישע אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אין גאַנצן לאַנד און דערביי שאַרף געשטעמפּלט די היימישע פּוילישע היטלעריסטן. די פּוילישע רעאַקציאָנערע פּרעסע פלעגט ברענגען טענדענציעזע באַריכטן פון די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען און זי האָט דערביי פון איר זייט ניט געזשאַלעוועט קיין אַנטיסעמיטישע העצערייען קעגן יידן בכלל און קעגן בונד בפרט. האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויף דער גאַלעריע פון וואַרשעווער שטאָטראַט אַלץ אָפטער און אָפטער פּוילישע כוליגאַנישע יונגוואַרג, סטודענטן און גאַסן־יונגעץ, וואָס פלעגן מאַכן אַנטיסעמיטישע סקאַנדאַלן בעת די רעדעס פון אונזערע ראַטמענער. ווען דאָס האָט זיך אָפטער איבערגעחזרט, האָבן אויך אונזערע חברים אָנגעהויבן קומען אויף דער גאַלעריע פון שטאָטראַט און מאַכן קעגן־דעמאָנסטראַציעס. די אַוואַנטורעס פון די אַנטיסעמיטן אָבער זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל חוצפּהדיקער און מיר האָבן געזען, אַז די זיכערקייט פון אונזערע ראַטמענער שטייט אין סכנה, אַז די כוליגאַנעס קענען זיי באַפאַלן ביים אַרויסגאַנג פון שטאָטראַט. האָבן מיר דעמאָלט אָנגעהויבן שטאַרק היטן אונזערע ראַטמענער. ווען נאָר ס'איז פאָרגעקומען אַ זיצונג, האָבן מיר געשיקט עטלעכע מענטשן אויף דער גאַלעריע, זיי זאָלן זיך אויפמערקזאַם צוקוקן צו דעם וואָס עס קומט פאָר אַרום און באַלד אונז באַריכטן אין אַרבעטער־ווינקל וועגן יעדער

זאַך וואָס קען אַרויסרופן אַ חשד. (דער אַרבעטער־ווינקל האָט זיך געפונען ניט ווייט פון טעאַטער־פּלאַץ, דעם זייַ־אָרט פון ראַטהויז, וואו די שטאָטראַט־זיצונגען זייַנען פאָרגעקומען), אין אונזער לאָקאַל האָבן מיר געהאַלטן גרייט אַ גרעסערע גרופּע מיליציאַנערן, זיי זאָלן קענען גיך אַוועק צום שטאָטראַט אין פאַל פון אַ סכנה.

איין מאָל, בעת איינער פון די זיצונגען פון וואַרשעווער שטאָטראַט — פרילינג־צייט 1937 — האָבן אונזערע אויסשפּירער אונז אַלאַרמירט, אַז עפּעס קוקט אויס ניט גלאַטיק. עס זייַנען דאָ אויף דער גאַלעריע אַ סך מער פון דער כוליגאַנישער חברה ווי געוויינטלעך, זיי האַלטן זיך מער אַגרעסיוו ווי שטענדיק, מען זעט אַרומדרייען זיך אַ היפּש ביסל פון דעם זעלבן מין פאַרשויינען פאַרן טויער פון ראַטהויז; מיט איין וואָרט: עס איז דאָ אַ שטאַרקער פאַרדאַכט, אַז עס גרייט זיך אַן אָנפאַל אויף אונזערע ראַט־מענער. בין איך באַלד אַוועק צום שטאָטראַט מיט אַ גרעסערער גרופּע מיליציאַנערן. אַ טייל זייַנען אַרויף אויף דער גאַלעריע, וואָס איז שוין געווען איבערגעפּאַקט מיט די כוליגאַנעס. איך האָב אונזערע אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך האַלטן די גאַנצע צייט נאָענט צו דער טיר, זיי זאָלן קענען אַראָפּ־לויפן די ערשטע אויב ס'וועט זיין נייטיק. אַ צווייטער טייל פון אונזער גרופּע איז פאַרבליבן אויף דער גאַס, נאָענט צום טויער פון ראַטהויז. איך בין אַריין אין וואַרט־זאַל וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן זיצונג־זאַל. האַרט ביים זיצונג־זאַל איז געווען אַ בופעט־צימער, וואָס איז געווען רעזערווירט נאָר פאַר ראַטמענער. ווען עס איז געווען אַן איבעררייס פון דער זיצונג, האָב איך אַרויסגערופן אַ באַקאַנטן פּ.פּ.ס.ישן ראַטמאַן און, אונטערן תירוץ, אַז איך האָב מיט אים וועגן וואָס צו ריידן, האָט ער מיך אַריינגעפירט אין בופעט־צימער. (איך האָב ניט געוואָלט אַרויסרופן אונזערן קיין ראַטמאַן כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין חשד אַז מיר גרייטן עפּעס). נאָך דעם האָב איך אין בופעט־צימער אַריינגעפירט נאָך אַ צוויי־דריי אונזערע מענטשן. איך בין ניט צוגעגאַנגען צו אונזערע ראַטמענער, נאָר איך האָב זיך מיט זיי פאַרשטענ־דיקט מיט די אויגן און זיי האָבן פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

ווען די זיצונג האָט זיך געענדיקט און די טירן פון זאַל האָבן זיך געעפנט, זייַנען מיר, די עטלעכע מענטשן אין בופעט־זאַל, באַלד געווען לעבן אונזערע ראַטמענער. אין דער זעלבער צייט האָט די כוליגאַנישע חברה אָנגעהויבן אַראָפּלויפן פון דער גאַלעריע מיט אַ גוואַלד, אָבער אונזערע מענטשן האָבן באַוויזן אַראָפּצולויפן פריער און זיי האָבן תיכף אַרומגערינגלט אונזערע ראַטמענער. אויף דער גאַס, פאַרן טויער פון ראַטהויז, האָט זיך איבערגעחזרט אַן ענלעכע סיטואַציע: אַ גרופּע אונזערע מיליציאַנערן האָט זיך געפונען האַרט ביים טויער און די כוליגאַנעס האָבן זיך גאַנץ גוט אַריענטירט ווער די מענטשן זייַנען — איז ביי זיי אָפּגעפאַלן דער חשק צו אַטאַקירן אונזערע ראַטמענער. זיי האָבן זיך בלויז באַנוגנט מיט אַנטיסעמי־טישע אויסרופן קעגן יידן און ספּעציעל קעגן די בונדיסטן.

מיר זייַנען אָבער געווען אַזוי פאָרזיכטיק אַז מיר האָבן אָפּגעפירט יעדערן פון אונזערע ראַטמענער ביז צו זיין היים.

קאַפּיטל 53

די 1 מאַי־פייערונגען אונטערן פּילסודסקי־רעזשים

דער יום־טוב פון 1 מאַי האָט אין משך פון יאָרן געביטן זיין כאַראַק־טער. פון אַ פּאָליטישן קאַמפּס־טאָג וואָס האָט אין זיין געשיכטע קאַפּיטלען פון גרויסן העראָאיזם, געצאָלט אָפט מיט בלוטיקע קרבנות, האָט ער זיך ביסלעכ־ווייז פאַרוואַנדלט — ספּעציעל ביי די סאָציאַליסטן אין די מערב־אייראָפּע־אישע לענדער — אין אַ פרידיקן פאָלקס־יום־טוב.

אָבער אין פּוילן און באַזונדערס פאַרן בונד אין פּוילן איז דער ערשטער מאַי אויך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ טאָג פון קאַמף, פון ווידערשטאַנד און פון שווערן פּרוואו. אין דעם פּרט איז די לאַגע פון בונד געווען ערגער ווי די לאַגע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.). די פּ.פּ.ס. האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אינם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. אַ סך פּוילישע מלוכה־מענער, ספּעציעל אין דעם פּילסודסקי־פּעריאָד, זיינען אַרויס פון אירע רייען — און דער סענטימענט פאַר איר איז ביי אַ סך פון זיי אַ לאַנגע צייט, טיילווייז אויך נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש, ניט פאַרשוואונדן. האָט מען ניט געוואָגט מיט איר זיך צו טשעפּען, אויף יעדן פאַל — ביז דער פּילסודסקי־רעזשים איז ניט אַרויף אויף אָפן־פאַשיסטישע וועגן.

מיטן בונד איז געווען אין גאַנצן אַנדערש. ביי דעם איינגעוואָרצלטן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, ספּעציעל ביי די הערשנדיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, האָט מען דעם בונד געהאַסט אי ווי אַ יידישע אי ווי אַ סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי. נאָך מער האָט מען דעם בונד געהאַסט דערפאַר, וואָס ער האָלט גאָר אַז יידן דאַרפן זיין גלייכע מיט־באַלעבאַטים פון פּוילן, צו גלייך מיט די פּאָליאַקן. מיט די ציוניסטן איז אַ האַלבע צרה. מען טרעפט זיך צונויף מיט זיי כאָטש אויף איין פּונקט: ביידע — די אַנטיסעמיטן און די ציוניסטן — האַלטן (הגם צוליב פאַרשיידענע סיבות) אַז די היים פון יידן, אויך פון די פּוילישע יידן, איז ניט פּוילן, אַז די יידן דאַרפן און מוזן אַוועק פון פּוילן. אָבער דער בונד האַלט ניט בלויז, אַז יידן האָבן אַ רעכט אויף פּוילן צו גלייך מיט פּאָליאַקן, אַז פּוילן איז — אָדער דאַרף זיין — אַ גלייכע היים פאַר יידן ווי פאַר פּאָליאַקן; דער בונד פאַרלאַנגט אויך און קעמפט, אַז יידן זאָלן אין פּוילן איינהאַלטן און אַנטוויקלען זייער נאַציאָנאַלע איגנאַרטיקייט, מיט זייער יידישער שפּראַך און מיט זייער יידישער קולטור. אַזאַ „חוצפּהדיקע" שטעלונג האָבן די הערשנדיקע שיכטן פון פּוילן און די פּוילישע מלוכה־לייט שוין גאָר ניט געקענט פאַרטראָגן. און ווי אַ סימבאָל פון אָט דער בונדישער „חוצפּה" איז פאַר זיי געווען — דער ערשטער מאַי.



אָנהייב פון דער בונדישער 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע

אויבן פון רעכטס: פאָנען-טרעגער און זייערע באַשיצער: ש. נעווועל, מנחם ראָ-זענבוים (פאָרזיצער פון וואַרשעווער באַקלייד-פאַראיין), י. נחמיה, ז. זאַטאָרסקי און אַנדערע; הינטער זיי: חיים וואַסער, עמנואל נאָוואָגרודסקי, וויקטאָר אַלטער, נח, דר. ע. שערער (הינטער אַלטערן און נחן), הענריק ערליך (לעבן נחן, פאַרשטעלט).
אונטן: בערנאַרד און מאַטעס לעווקאָוויטש פון דער פאַרטיי-מיליץ.

אָרקעסטער פֿון דרוקער־פֿאַראיין אויף דער בונדישער 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע.

פֿון רעכטס: פֿאָנען־טרעגער — ה. באַבראַך, ש. אַדלער און ראָטבלאַט; מיט דער פּויק — אַהרן זאַלקינד.

די טראַנספּאָרט-אַרבעטער אויף דער בונדישער דעמאָנסטראַציע

פון רעכטס: ש. יאַקובאָוויטש; אונטער דער פאָן — מלך גרינפאָגעל און משה וועגנער;
דער פאָנען-טרעגער, לייבל אָבערבערג און יצחק נחמיה.

אויף אַן 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע פון „בונד" אין וואַרשע

וו. אַלטער, ה. ערליך, נח, ע. נאָוואָגרודסקי ביים אַרויסגיין פון זאַמל-פּונקט, נאַלעווקי 34.

אַלע בילדער אין דעם בוך זיינען גענומען פון „בונד"-אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג א. נ. פון פראַנץ קורסקי.

דער וואַרשעווער בונד, ווי כ׳האָב שוין דערציילט, פלעגט אין די ערשטע נאָך מלחמה־יאָרן קומען אויפן טעאַטער־פּלאַץ, וואָס איז געווען איינער פון די צענטראַלע פּונקטן פון פּוילישן סעקטאָר פון דער הויפּט־שטאָט. און ער האָט אויך אָפט געפירט זיינע מאַי־דעמאָנסטראַציעס איבער אַנדערע פּראָמינענטע פּוילישע גאַסן און פּלעצער, וואו עס וואוינט די „העכערע" געזעלשאַפט, וואו עס געפינען זיך די מיניסטעריומס און די אַלטע פּריצישע פּאַלאַצן. די יידישע אַרבעטער האָבן דאָרט מאַרשירט אונטער רויטע פענער, מיט יידישע אויפשריפטן, און געזונגען יידישע לידער. פלעגט דעריבער די פּוילישע רעאַקציע איר גרעסטן כעס אויסגיסן אויפן בונד, און ס׳איז געווען איר אַמביציע צו פאַרטרייבן דעם בונד פון דער גאַס, אָדער לכל הפחות צונעמען ביי אים דעם חשק צו קומען דעמאָנסטרירן אין די פּוילישע גאַסן. פאַרן בונד איז עס אָבער געווען אַן ענין פון כבוד און עלעמענטאַרע בירגער־רעכט צו דעמאָנסטרירן מאַסנוויז אויך אין די אַ. ג. פּוילישע גאַסן.

באַלד נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש (פאָרגעקומען אין מאַי 1926) איז אַריינגעקומען אַ געוויסע פאַרלייכטערונג אין פּרט פון די 1 מאַי־אַרויס־טרעטונגען פון בונד. גראַד איז זיך עס צונויפגעפאַלן מיט דער צייט ווען די בונדישע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן זיך ברייט פונאַנדערצוּוואַקסן. אין 1926 איז געגרינדעט געוואָרן דער סקיף (סאָציאַליסטישער קינדער־ פאַר־באַנד); דער יוגנט־בונד צוקונפט האָט דעמאָלט אָנגעהויבן שטאַרק אויס־ברייטערן זיין טעטיקייט: ביידע האָבן אָנגעהויבן איינפירן נייע מערב־אייראָ־פּעאישע מעטאָדן אין זייער דערציונגס־אַרבעט: עלעמענטן פון סקויטיזם, אוניפאָרמען פאַר זייערע מיטגלידער — דער סקיף: — טונקל־בלויע בלוזעס מיט רויטע האַלזטיכער; די צוקונפט: העל־בלויע בלוזעס מיט רויטע האַלזטיכער און זשעטאָנען. מען האָט אָנגעהויבן אַריינפירן אין דער אַרבעט אַ ביסל אויסערלעכע פאַרביקייט און גלאַנץ. אויך אונזער ספּאָרט־געזעלשאַפט מאָרגנשטערן האָט זיך דעמאָלט פונאַנדערגעבויט און אַריינגעבראַנגט עפּעס נייס אין דער גאַנצער באַוועגונג. אויך אין אַנדערע געביטן האָט זיך די בונדישע טעטיקייט פאַרשטאַרקט און פאַרברייטערט (סאָציאַליסטישער האַנט־ווערקער־פאַראיין, יאַף, קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט, שול־און קולטור־טעטיקייט). דאָס אַלץ האָט באַקומען אַן אויסדרוק אויך אין אונזער צוגאַנג צו די פייערונגען פון 1 מאַי. מען האָט אין זיי אָנגעהויבן אַריינפירן מער פאַרביקייט, מער עלעמענטן פון אַ פאָלקס־יום־טוב. דער ערשטער מאַי איז געוואָרן אַ טאָג ניט בלויז פון קאַמף, נאָר אויך פון פרייד, פון פייערלעכקייט.

שוין דאָס גרייטן זיך צום ערשטן מאַי האָט געהאַט אין זיך יום־טובדיקייט, דערהויבנקייט. היפּשע וואָכן פריער איז דער קומענדיקער יום־טוב געווען דער צענטער פון אַלץ וואָס מען האָט געטאָן און געטראַכט. צום ערשטן, אַ צוויי חדשים פאַרן ערשטן מאַי, איז געשאַפן געוואָרן אַ גרויסער מאַי־קאָמיטעט. אין אים זיינען אַריין צו עטלעכע פאַרשטייער פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד, פון יעדן פאַראיין באַזונדער, פון יאַף, פון דער צוקונפט,

פון סקיף און בכלל פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון בונד. דער דאָזיקער ברייטער מאַי־קאָמיטעט האָט אויסגעטיילט אַן עקזעקוטיוו, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַלע פּראַקטישע צוגרייטונגען צום ערשטן מאַי. אחוץ דעם זיינען געווען טעטיק מאַי־קאָמיטעטן ביי יעדער אָרגאַניזאַציע באַזונדער, בפרט ביי די פּאַראַיינען, ביי דער צוקונפט און אַנדערע.

דער בונד האָט אין יענע יאָרן געוואָלט דערפירן צו אַ געמיינזאַמער דעמאָנסטראַציע פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען. אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך צו דערגרייכן. פלעגן מיר דעריבער קאָנצענטרירן אונזערע באַמיאונגען אַרום אַן אויפגאַבע, וואָס האָט אויסגעזען פּראַקטיש מעגלעך: אַ געמיינזאַמע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון בונד און פּ.פּ.ס. אויך דאָ פלעגן אויפשווימען פאַרשיידענע שוועריקייטן, וואָס ניט אַלע מאָל האָט מען געקענט גובר זיין. אָבער ווען אפילו עס איז ניט געקומען צו קיין געמיינזאַמער דעמאָנסטראַציע מיט דער פּ.פּ.ס. האָט מען כמעט שטענדיק געפונען אַ וועג אויף צו מאַניפעסטירן אַ געוויסע סאָלידאַריטעט פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס: אָדער די צוויי באַזונדערע דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך פאַרענדיקט אויפן טעאַטער־פּלאַץ אין דער זעלבער צייט, איינע לעבן דער אַנדערער, אַזוי אַז זיי האָבן זיך פּאַקטיש געשלאָסן ווי איין דעמאָנסטראַציע, און מען האָט זיך דערביי טייל מאָל אויסגעטוישט מיט רעדנער; אָדער מען האָט אויף די ערשטע מאַי־אַקאַדעמיעס פון בונד און פּ.פּ.ס. וואָס פלעגן פאָרקומען אין גרויסע זאַלן נאָך די דעמאָנסטראַציעס, זיך אויסטוישן מיט רעדנער.

אויף די אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּ.פּ.ס. אויפן וואַרשעווער באַדן פלעגן גיין פון אונזער זייט — ד״ר עמנואל שערער, אַרטור זיגעלבוים (איידער ער האָט זיך באַזעצט אין לאָדזש) און איך. איך האָב שטענדיק אָנטייל גענומען אין די פאַרהאַנדלונגען, ווייל איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען וואָס מיר האָבן געהאַט אַרומצורידן אין שייכות מיט דער 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע איז געווען דאָס פאַרזיכערן אונזער דעמאָנסטראַציע קעגן אַ מעגלעכן אָנפאַל.

פון דער צווייטער זייט האָבן זיך אָנגעהויבן לעבעדיקע איבערלעכע צוגרייטונגען צום 1 מאַי אין יעדן צווייג פון דער באַוועגונג. יעדע אָרגאַניזאַציע און יעדע גרעסערע גרופּע האָבן קורם־כל אַדורכגעקוקט און צוגעגרייט זייערע פענער. פענער האָבן געהאַט ניט בלויז די פּאַרטיי, די צוקונפט, דער יאַף, און ניט בלויז יעדער פּאַראיין, נאָר אויך יעדע גרעסערע פּאַרטיי־גרופּע, און אַפילו באַזונדערע סעקציעס פון אַ פּאַראיין. אַמאָל האָט אַ גרופּע, וואָס האָט פריער ניט געהאַט קיין פאָן, לכבוד דעם יום־טוב זיך געמאַכט אַן אייגענע נייע פאָן. נאָכן באַזאָרגן די פענער האָט מען זיך גענומען צו מאַכן די טראַנספּאַראַנטן מיט פּאָליטישע לאָזונגען און פאָדערונגען, געווינטלעך געמאָלט אויף לאַנגע לייוונטער אָנגעצויגן פון ביידע זייטן אויף צוויי שטעקנס. די צוקונפט האָט, אַחוץ איר צענטראַלער פאָן, די פענער פון די פּראָפעסיאָנעלע יוגנט־סעקציעס און פון די צוקונפט־פּראַקציעס ביי די

יוגנט־סעקציעס, אויך געהאַט צענדליקער שטורעם־פענער וואָס זיינען געווען אַן אמתע צירונג פאַר דער דעמאָנסטראַציע.

עטלעכע וואָכן פאַרן 1 מאַי האָבן זיך אין אַלע לאָקאַלן אָנגעהויבן אויך די צוגרייטונגס־פאַרזאַמלונגען, די אַ. ג. „1־מאַי־מאַסאָוקעס" אָדער „פאַר־מאַי־פאַרזאַמלונגען". אַזעלכע זיינען פאָרגעקומען אין וואַרשע יעדן יאָר אין די צענדליקער און אפשר אין די הונדערטער. יעדע סעקציע פון אַ פאַראיין, יעדע יוגנט־סעקציע, יעדע פאַרטיי־גרופּע, יעדע אָרגאַניזאַציע וואָס איז אויף וואָס פאַר עס איז אופן געווען פאַרבונדן מיט דער בונדישער באַוועגונג, האָט אָפּגעהאַלטן איר באַזונדערע פאַר־מאַי־פאַרזאַמלונג. צום סוף, דעם לעצטן שבת פאַרן 1 מאַי, איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן עפנטלעכן זאַל אַ צענטראַלער פאַר־מאַי־מיטינג, וועלכן ס'האָט איינגעאָרדנט דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד.

די אַלע צוגרייטונג־פאַרזאַמלונגען האָבן דער עיקר געטראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. מען האָט אויף זיי אַרומגערעדט די אַקטועלע פּאָליטישע סיטו־אַציע אין פּוילן און אויף דער וועלט. מען האָט אונטערגעשטראָכן די פּאָלי־טישע לאָזונגען וואָס ווערן אין יענעם מאָמענט ספּעציעל אַרויסגערוקט, כדי צוצוגעבן דער פאַרשטייענדיקער דעמאָנסטראַציע אַ וואָס מער קעמפּע־רישן, פּאָליטישן כאַראַקטער. אַ צווייטע — אפשר די ערשטע — אויפגאַבע פון די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען איז נאַטירלעך געווען צו באַוועגן די יידישע אַרבעטער צום מאַסנהאַפטן אָנטייל אין דער בונדישער 1 מאַי־דעמאָנסט־ראַציע, ניט געקוקט דערויף וואָס אויף איר האָבן געלויערט שונאים און קיינער איז ניט געווען זיכער, אַז ער וועט צוריקקומען פון דער דעמאָנסטראַציע מיט גאַנצע ביינער. און די אַלע אומצייליקע פאַר־מאַי־פאַרזאַמלונגען האָבן זייער ציל דערגרייכט. אפילו אין די ערגסטע צייטן, ווען מען האָט זיך שטאַרק געריכט אויף פּאָליציייאישע אָדער כוליגאַנישע אָנפאַלן, האָבן זיך פיל טויזנטער געשטעלט צו די דעמאָנסטראַציעס פון בונד אין וואַרשע.

פון דער צווייטער זייט, האָבן מיר זיך שטאַרק געגרייט צו שיצן די דעמאָנסטראַציע פון פיינדלעכע פּראָוואָקאַציעס און אָנפאַלן. פון דריי זייטן איז אונזער דעמאָנסטראַציע געווען באַדראָט: מצד דער פּאָליציי וואָס האָט געוואָרט אויפן מינדסטן תירוץ, כדי צו קענען זי פונאַנדערטרייבן און דערביי אויך געבן קלעפּ; מצד די אָרגאַניזירטע עקסטרעם־אַנטיסעמיטישע גרופּעס וואָס האָבן אויף אייגענער האַנט געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיטן בונד; און אויך — מצד די קאָמוניסטן וואָס פלעגן פּרוּוון זיך אַריינרייסן גרופּעסווייז אין אונזער דעמאָנסטראַציע, אַרויסרופן אַ צעטומלעניש און אַזוי אַרום צעקלאַפּן און צו נישט מאַכן אַ סאָציאַליסטישע אַרויסטרעטונג. צו פאַרהיטן די דעמאָנסטראַציע פון די אַלע אָנפאַלן, אויף אָפענע גאַסן, איז געווען אַ שווערע אַרבעט. אונזער מיליץ האָט זיך געמוזט צו דעם גוט צוגרייטן און ס'איז נויטיק געווען אַ סך אַ גרעסערע מיליץ ווי אונזער שטענדיקע אָרדענער־גרופּע. האָבן מיר דעריבער צו יעדער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע מאָבי־ליזירט אַ גרעסערע צאָל פאַרטיי־מיטגלידער און צוקונפטיסטן און אַריינגע־

צויגן אויך אַ טייל פון די אָרדענער־גרופּעס פון די באַזונדערע פּאַראַיינען. ווען די וואַרשעווער בונדישע דעמאָנסטראַציעס האָבן דערגרייכט ביז צוואַנ־ציק טויזנט באַטייליקטע (סוף 30ער יאָרן), איז אונזער מאַי־מיליץ דערגאַנגען ביז אַ 2.000 מאַן.

די גאַנצע מיליץ איז פאַרטיילט געוואָרן אין עטלעכע גרופּעס. איין גרופּע, די גרעסטע, האָט געשאַפן שפּאַלערן פון ביידע זייטן לענג־אויס דעם גאַנצן צוג, יעדע צען רייען — אַ מיליציאַנער; אַ צווייטע גרופּע האָט מאַרשירט אין שפּיץ פון צוג; אַ דריטע האָט געדעקט דעם צוג פון הינטן; אַ פערטע איז געווען אַ באַוועגלעכע: זי האָט מאַרשירט אַ היפּשן מהלך פאַרן צוג, — האָט פאַרנומען פון פאָראויס די פּונקטן וואו די גאַסן שניידן זיך איבער און ס׳איז דאָ אַ געפאַר, אַז פון אַ זייטיקער גאַס זאָל מען באַפאַלן די דעמאָנסט־ראַציע. אחוץ דעם האָבן מיר געהאַט אַ „מאָטאָריזירטע״ גרופּע מיליציאַנערן, וואָס זיינען געפאָרן מייסטנס אויף וועלאָסיפּעדן, אַ קליינע צאָל — אויף מאָטאָציקלען און טייל מאָל אויך אין אויטאָס; זיי זיינען געפאָרן היפּש פאָראויס, ווייטער ווי די באַוועגלעכע גרופּע, לענג־אויס די גאַסן וואו די דעמאָנסטראַציע האָט געדאַרפט אַדורכמאַרשירן. זיי האָבן באַטראַכט די אַרומיקע גאַסן, צי איז ערגעץ ניט באַהאַלטן אַ גרעסערע גרופּע פּאָליציי, צי כוליגאַנעס זאַמלען זיך ניט ערגעץ אויף אַ פאַרדעכטיקן אופן, צי קאָמו־ניסטן האָבן זיך ניט גרופּירט אין אַ געוויסן אָרט און גרייטן זיך אַריינצורייסן אין צוג. זיי פלעגן כסדר צוריקקומען מיט באַריכטן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער אַרומיקער געגנט.

מיר האָבן אויך געהאַט אַ ספּעציעלע גרופּע אויסשפּירער, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיטן עולם אויף די פּוילישע גאַסן און צוגעהערט זיך צו די שמועסן, ספּעציעל צווישן די קרענצלעך וואָס זיינען געשטאַנען אויף די גאַסן און אויף די ראָגעס. דאָ האָט מען געמוזט באַנוצן מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ „גויאישן״ אויסזען און האָבן גערעדט אַ גוטן פּויליש. די וויכטיקסטע צווישן די דאָזיקע אויסשפּירער זיינען געווען: רעניע יאַרעצקאַ (שפּעטער פּיזשיץ, וועגן וועלכער איך האָב שוין פריער דערציילט); אַ גבירישע טאָכטער, אַ סטודענטקע, רוטע רוטמאַן (שפּעטער פּערענסאָן); אַ סטודענטקע שרה יאָעלסאָן (אַ טאָכטער פון בונדישן טוער יונה יאָעלסאָן, איצט אַ דאָקטאָרין אין לאָנדאָן, דער פאָטער איז אין ניו־יאָרק), אַ סטודענטקע פון מעדיצין און אַ טוערין אין מאָרגנשטערן; יוסף גוטגאָלד, וואָס האָט אויך געקענט אָנגיין פאַר אַ שגץ, און אַנדערע.

יוסף גוטגאָלד האָט אפילו איין מאָל איבערגענומען די „אָנפירונג״ פון אַ גרופּע אַנטיסעמיטישע סטודענטן, ווען זיי האָבן פאַרן טויער פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט געוואָרט צו באַפאַלן די בונדישע דעמאָנסטראַציע וואָס האָט געדאַרפט באַלד דורכמאַרשירן, און ער האָט זיי אַוועקגענאַרט אין אַ זייטיק געסל.

אין דער נאַכט פאַרן 1 מאַי זיינען די געגנטן פון דער יידישער אָרעמ־קייט געווען אין אַ נערוועזער, געשפּאַנטער, אָבער גלייכצייטיק ערב־יום־

טובדיקער שטימונג: ניט געווען כמעט קיין יידישע אַרבעטער־היים, וואו כאָטש איין קינד זאָל מאָרגן ניט דאַרפן גיין מאַרשירן, שוין אָפּגערעדט פון די היימען וואו דער טאַטע מיט די זין און טעכטער, און טייל מאָל אויך די מאַמע, האָבן זיך אַלע געגרייט צו דער דעמאָנסטראַציע. אויף די גאַסן איז די באַוועגונג געווען אַ גרעסערע ווי געוויינטלעך. אין די לאָקאַלן פון די פאַראיינען און פון דער פּאַרטיי האָט געקאָכט. אַלע צימערן און צימערלעך זיינען געווען פאַרנומען, אפילו אין די ווינקעלעך און קאָרידאָרן האָט מען טייל מאָל געקענט זען קליינע גרופּקעס מענטשן אויסגעזעצט אין אַ קרייז איבערגעבויגן צו זיך, מיט די פּלייצעס צום עולם — דאָס זיינען געווען די לעצטע צוגרייטונגען צום ערשטן מאַי. אויך די גרופּעס פון דער מאַי־מיליץ האָבן באַקומען די לעצטע אינסטרוקציעס. אַ סך פאָנען־טרעגער האָבן טייל מאָל גענומען די פענער צו זיך אַהיים, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז ביי נאַכט קען די פּאָליציי מאַכן אַן איבערפאַל אויף די לאָקאַלן און צונעמען אָדער צערייסן די פענער. יעדער אַזאַ פאָנען־טרעגער האָט מיט רירנדיקן יראת־הכבוד גענומען די פאָן הינטער דער פּאָלע — און גיך געלאָפן אַהיים.

די לאָקאַלן האָבן זיך פּרי אויסגעליידיקט. מען איז געלאָפן אַהיים אַזוי גיך ווי נאָר מען האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט. אויף דער גאַס האָט מען געקענט מורא האָבן פאַר צופעליקע אַרעסטן. אין דער נאַכט, ערב דעם 1טן מאַי, פלעגט די פּאָליציי געוויינטלעך אַדורכפירן אַ סך אַרעסטן אויף די גאַסן זוכנדיק „קאָמוניסטן", און וועלכער אָרעם געקליידעטער אַרבעטער האָט ביי דער פּוילישער פּאָליציי ניט געהאַט קיין אויסזען פון אַ „קאָמוניסט"? — האָט מען אויך צופעליק געקענט אַרעסטירט ווערן. מען וואָלט טאַקע נאָך עטלעכע טעג באַפרייט געוואָרן, אָבער דערווייל וואָלט מען פאַרלוירן די מעגלעכקייט אַנטייל צו נעמען אין גרויסן אַרבעטער יום־טוב — האָט מען זיך געאיילט אַהיים, אין דערוואַרטונג פון מאָרגן.

***

דעם 1טן מאַי, שוין אַרום 6 אַ זייגער אין דער פרי, האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסזען די יום־טובדיקייט אויף דער גאַס. די טראַמוואַיען און אויטאָבוסן האָבן ניט קורסירט, ווייל דער פאַראיין פון די טראַמוואַי־און אויטאָבוסן־אַרבעטער האָט געשטרייקט (זיי האָבן צוריק אָנגעהויבן קורסירן צווי אַ זייגער נאָך מיטאָג, נאָך אַלע דעמאָנסטראַציעס). פון באַלד אין דער פרי אָן האָט מען געזען אויף די גאַסן יינגלעך און מיידלעך, אָנגעטאָן אין בלויע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן — דאָס האָבן די יוגנטלעכע בונדיסטן, די צוקונפטיסטן זיך געאיילט צו זייערע זאַמל־פּונקטן. אַ ביסל שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן עלטערע מענטשן, טייל מאָל פאַמיליעסווייז, אָדער גרופּעסווייז.

דער יום־טובדיקער אויסזען פון גאַס האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט מיט דעם וואָס כמעט אין אַלע וואַרשטאַטן האָט מען ניט געאַרבעט און די האַנדלס־אָנגעשטעלטע זיינען ניט געווען אין די געשעפטן. צו אַרבעטן דעם

1 מאַי איז פֿאַר אַן אָרגאַניזירטן אַרבעטער געווען ניט בלויז אַ דיסציפּלין־ברוך, ס'איז געווען אַ חרפּה. אַ בונדיסט צי אַ צוקונפטיסט וואָלט מען פֿאַר אַזאַ זאַך תיכף אויסגעשלאָסן; סתם אַ מיטגליד פֿון פֿאַראיין איז אויך דערפֿאַר באַשטראָפֿט געוואָרן, סיידן ער איז געקומען פֿריער און אויפֿגעוויזן, אַז ער אַרבעט אין אַ ניט־אָרגאַניזירטן וואַרשטאַט און קען פֿאַרלירן די אַרבעט — דעמאָלט האָט מען באַקומען די דערלויבעניש צו אַרבעטן. יעדער פֿאַראיין האָט אין דער פֿרי געשיקט קאָנטראָל־גרופּעס איבער די וואַרשטאַטן און געשעפֿטן צו זען, אַז קיינער זאָל ניט אַרבעטן.

אַ ביסל שפּעטער האָבן איבער די גאַסן אָנגעהויבן זיך ציען מחנות אַרבעטער. אַרום 10 אַ זייגער פֿאַר מיטאָג האָבן די באַזונדערע פֿאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס זיך שוין געהאַט צונויפֿגעזאַמלט אויף זייערע באַזונדערע פּונקטן, זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען, אויפֿגעהויבן די פֿענער און טראַנספּאַראַנטן און אָפּמאַרשירט צום צענטראַלן זאַמל־פּונקט. אַ טייל פֿאַראיינען האָבן צומאַרשירט צום צענטראַלן פּונקט מיט זייערע אָרקעסטערס (דער דרוקער־פֿאַראיין, דער בעקער־פֿאַריין, דער פֿליישער־פֿאַראיין). אַרום 11 אַ זייגער, נאָך אַ קורצן מאַסן־מיטינג, האָט געעפֿנט דער צענטראַלער בונדישער מאַי־צוג.

איך ווייס ניט, צי איך וועל כאָטש אין אַ קלײנער מאָס זיין בכוח צו באַשרייבן די אימפּאָזאַנטקייט, די שיינקייט און די יום־טובדיקייט, וואָס דער גרויסער מאַי־צוג פֿון וואַרשעווער בונד האָט אין זיך געהאַט און וואָס ער האָט פֿון זיך אַרויסגעשטראַלט. פֿאַראויס איז געגאַנגען אַ שטאַרקע גרופּע אָרדענער (מיט רויטע אָרעם־בענדער מיטן אויפֿשריפֿט בונד), צוגעקליבענע קרעפֿטיקע יונגען איינס ביי איינס. הינטער זיי — די צענטראַלע פֿאָן פֿון בונד. אַ ריזיקע פֿאָן, וואָס האָט געגלאַנצט און געשײנט אין דער מאַי־זון מיט איר רויטן זיידנס, מיט די רויטע בענדער און גאָלדענע געהאַפֿטענע אותיות: אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין פּוילן, צענטראַל־קאָמיטעט. הינטער דער פֿאָן זיינען געגאַנגען די מיטגלידער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט און צווישן זיי האָבן זיך ספּעציעל געוואָרפֿן אין די אויגן די שטאָלצע פֿיגורן פֿון די ח"ח נח, ערליך און אַלטער. אַלע דריי זיינען געווען הויך, שלאַנק, מאַיעסטעטיש; נח — מיט אַ גראָען קאָפּ האָר און לאַנגע גראָע וואָנצעס; ערליך מיט זיין גוטמוטיקן פּנים און קליין שפּיציק בערדל. אַלטער מיט זיין לעבעדיקער און באַוועגלעכער געשטאַלט. אויך מיכאַלעוויטש, וואָס איז געווען דער נידעריקסטער אין דער גאַנצער גרופּע (זיין לעצטער אָנטייל אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע איז געווען אין 1928), האָט זיך שטאַרק געוואָרפֿן אין די אויגן מיט זיין זילבער־גרויען קאָפּ האָר און זיין שטאָלצן באַנעם. זיי האָבן צוגעצויגן אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט אַרום. נאָכן צ. ק. זיינען געגאַנגען די מיטגלידער פֿון וואַרשעווער קאָמיטעט (וואָס זיינען ניט געווען פֿאַרבונדן מיט די פֿאַראיינען), און נאָך זיי האָבן מאַרשירט די פֿאַראיינען, — יעדער פֿאַראיין אונטער זיין פֿאָן, אַ טייל פֿון זיי, ווי געזאָגט, מיט אייגענע אָרקעסטערס.

דעם מיטלסטן טייל פון צוג האָט פאַרנומען דער יוגנט־בונד צוקונפט. דאָס איז געווען דער דעקאָראַטיווסטער טייל פון דער דעמאָנסטראַציע. אחוץ די געווײַנטלעכע רויטע פענער האָט די צוקונפט געהאַט אויך אַ סך צענדליקער שטורעם־פענער, יעדער קרייז האָט פאַרמאָגט זײַן אייגענע שטורעם־פאָן. (אַזאַ „שטורעם־פאָן” איז געמאַכט געוואָרן פון רויטן לײַוונט אָן אָן אויפשריפט, אַנגעצויגן אויף אַ לײַכטן באַמבוק־שטעקן; אין לײַכטסטן ווינטל אפילו האָט אַזאַ פאָן געפלאַטערט און זיך געפאַלדעוועט). אַלע „שטורעם־פענער” האָט מען געטראָגן צוזאַמען הינטער דער הויפּט־פאָן פון דער צוקונפט, צו פיר אין אַ ריי, איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס, שיטער פונאַנ־דערגעוואָרפן און אָפּגערוקט אין רייע פון דער צווייטער היפשע עטלעכע טריט. אין די שפּעטע דרײַסיקער יאָרן, ווען די וואַרשעווער צוקונפט האָט שוין געציילט בײַ אַ הונדערט יוגנט־קרייזן, האָט דער וואַלד פון 100 שטורעם־פענער געמאַכט אַ שטאַרקן, באמת דערהויבנדיקן אײַנדרוק. באַלד הינטער די שטורעם־פענער זײַנען געגאַנגען עטלעכע צענדליק פענדלעך פון די סקיף־קרייזן, געטראָגן דורך עלטערע סקיפיסטן: קליינע דרײַ־קאַנטיקע רויטע פענדלעך מיט אויסגעהאַפטע נעמען פון די קרייזן. די ייִנגערע סקיפיסטן אַליין האָט מען ניט מיטגענומען אויף דער דעמאָנסטראַציע, זיי זײַנען דאָך נאָך פאַרט געווען קינדער און ווער האָט געקענט וויסן וואָס בעת אַזאַ דעמאָנסטראַציע עס האָט געקענט געשען. נאָך דער פענער־דעפּילאַדע איז געגאַנגען דער צוקונפט־כאָר, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע יידישע כאָרן אין גאַנץ פוילן. זײַן ריטמישער געזאַנג האָט פאַרהילכט די גאַסן. אין מיטן פון יוגנט־צוג האָט מאַרשירט דער מאָרגנשטערן. אַ טייל סעקציעס — אין זייערע ספּאָרט־קאָסטיומען. אויך די בונדישע אַקאַדעמישע גרופּע רינגען האָט מאַרשירט צוזאַמען מיט דער יוגנט. בלויז דער יוגנט־צוג פון דער דעמאָנסטראַציע איז אין די דרײַסיקער יאָרן דערגאַנגען ביז פיר טויזנט יוגנטלעכע — צוקונפטיסטן, מאָרגנשטערניאַנער, מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע יוגנט־סעקציעס און אַנדערע.

דער גאַנצער בונדישער מאַי־צוג האָט זיך געצויגן מײַלן־ווײַט און האָט פאַרנומען היפשע עטלעכע גאַסן מיט אַ מאָל. בעת ער האָט מאַרשירט, זײַנען די גאַסן לענג אויס דעם צוג געווען באַלאַגערט מיט מענטשן. מינדסטנס אַ 100 טויזנט מענטשן האָבן זיך צוגעקוקט צום בונדישן מאַרש.

*
**

דער פּילסודסקי־רעזשים איז מיט גיכע טריט געגאַנגען צו זײַן דיקטאַטאָ־רישן גילגול. שוין אין 1928 זײַנען די באַציאונגען צווישן דער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם פּילסודסקי־לאַגער געוואָרן געשפּאַנט. אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון פּ.פּ.ס. האָט עס שוין געהאַלטן ערב אַ שפּאַלטונג.

אין יענעם יאָר — אין 1928 — איז בעת דער 1 מאַי־פייערונג, אויפן וואַרשעווער טעאַטער־פּלאַץ, פּאַרגעקומען אַ מוראדיק געשלעג צווישן די קאָמוניסטן און דער פּ.פּ.ס. די קאָמוניסטן האָבן זיך געוואָלט מיט כוח אַרײַנ־

רייסן אין צוג פון דער פ.פ.ס. און אַדורכפירן איינע פון זייערע באַקאַנטע „פּאַרברידערונגען מיט די אַרבעטער־מאַסן איבער די קעפּ פון די פירער". די פ.פ.ס. האָט זיי געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. עס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעך געשלעג מיט שיסערייען. עס זיינען געפאַלן צענדליקער פאַר־וואונדעטע און אויך עטלעכע טויטע. פּאָליציי האָט זיך באַלד אַריינגעמישט. אָבער אַנשטאָט אָפּצושטעלן דאָס געשלעג האָט זי אַליין געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס און האָט נאָך צוגעהאָלפן פונאַנדערצופלאַקערן דאָס פייער. די בונדישע דעמאָנסטראַציע איז דעמאָלט געשטאַנען אין צווייטן עק פון ריזיקן טעאַטער־פּלאַץ, אינם ווייטסטן פונקט פון דעם אָרט, וואו דאָס געשלעג איז פאָרגעקומען. אָבער די פּאָליציי האָט ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון: מען שלאָגט — און די „זשידעס" זאָלן גאָרניט קריגן? — האָט זי שוין געפונען אַ געלעגנהייט צוצוקריגן זיך צו דער בונדישער דעמאָנסטראַציע און מכבד געווען אויך אַ היפּש ביסל בונדיסטן מיט קלעפּ.

פאַר דער פּאָליציי איז דאָס געווען ווייניק. זי איז באַלד נאָך אַ מאָל באַפאַלן אונזערע דעמאָנסטראַנטן. די בונדישע דעמאָנסטראַציע האָט, אין הסכם מיטן פריערדיקן פּלאַן, אַוועקמאַרשירט פון טעאַטער־פּלאַץ צום פשעיאַזד־פּלאַץ, וואו ס'האָט זיך געפונען דער בונדישער אַרבעטער־ווינקל, און דאָרט — אויפן פשעיאַזד — האָט דער בונד פאַרענדיקט זיין דעמאָנסטראַציע. דער עולם האָט רואיק אָנגעהויבן זיך פונאַנדערגיין. אין הויז אויף פשעיאַזד 9 האָט די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון בונד געהאַט צוויי לאָקאַלן: אין טויער, אויפן ערשטן שטאָק, איז געווען דער בונדישער קלוב און דער וואַרשעווער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט (דער אַרבעטער־ווינקל), און אויפן הויף, אין דער נידער, האָט די בונדישע פּרויען־אָרגאַניזאַציע יאָף געהאַט איר לאָקאַל. נאָך דער דעמאָנ־סטראַציע האָט מען געוויינטלעך אַלע פענער און טראַנספּאַראַנטן אַוועקגע־שטעלט אויף דערוויל אין דיביידע לאָקאַלן. דער הויף איז נאָך געווען פול מיט מענטשן — פאָנען־טרעגער, טראַנספּאַראַנטן־טרעגער, אָרדענער און אַנדערע, וואָס האָבן זיך נאָך אַ ביסל פאַרהאַלטן אויפן הויף. פּלוצלונג זיינען פּאָליציאַנטן אַריין אין הויף, פאַרמאַכט דעם טויער, אַריין אין לאָקאַל פון יאַף, וואו עס זיינען געשטאַנען די פענער און טראַנספּאַראַנטן און דאָרטן האָבן זיי אָנגעהויבן שרעקלעך שלאָגן יעדן וועמען זיי האָבן אָנגעטראָפן. זיי האָבן דערביי שטאַרק צעשלאָגן הערמאַן קרוקן — וואָס איז דעמאָלט געווען סעקרעטאַר פון קולטור־אָפּטיילונג ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער צוקונפט — ווי אויך בנימין קיעווסקין, איינעם פון אונזערע אַקטיווסטע מיליציאַנערן. קיעווסקין האָבן זיי צעשפּאָלטן דעם שאַרבן, ער איז אַ לאַנגע צייט געלעגן אין שפּיטאָל, מען האָט אים עטלעכע מאָל געמאַכט אָפּעראַציעס, אָבער ער איז פאַרבליבן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן און איז ביז היינט כמעט ניט אַרבעטס־פעיק (ער געפינט זיך איצט אין ריאָ־דע־זשאַניירא, בראַזיל).

איך בין גיך געקומען צו לויפן מיט וויקטאָר אַלטערן. מיר זיינען געווען אין רעדאַקציע פאָלקס־צייטונג וואָס האָט זיך געפונען בלויז אַ פּאָר מינוטן גאַנג פון פשעיאַזד 9. מיר זיינען אַרויס מיט שווערע טענות צו דער פּאָליציי,

— האָבן זיי זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס איז געווען אַ „טעות". אַזוי ווי אויפן הויף פון פּשעיאַזד 9 האָבן זיי געזען אַ גרויסן עולם, האָבן זיי געמיינט אַז ס'איז אַן אומלעגאַלער מיטינג, ווייל עס איז ניט געווען לעגאַליזירט קיין פאַרזאַמלונג אויפן הויף. דאָס איז געווען אַ צינישער תירוץ. צו מאָרגנס האָבן די חברים ערליך און אַלטער באַלייגט אין רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דעם איבערפאַל.

⁂

אין אַ יאָר אַרום האָט זיך עס ווידער איבערגעחזרט. אַ פּאָליציייאישער אָנפאַל איז ווידער געמאַכט געוואָרן אויף דער בונדישער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין יאָר 1929.

אונזער מאַי־דעמאָנסטראַציע איז אַרויס, ווי געוויינטלעך, פון איר צענט־ראַלן זאַמל־פּונקט אויף נאַלעווקי 34. אין אָנהייב איז די דעמאָנסטראַציע גע־גאַנגען אָן שום שטערונגען. זי האָט דורכמאַרשירט אַ ריי גאַסן, איז אַדורך אַ טייל סענאַטאָרסקע, אַרויף אויפן טעאַטער־פּלאַץ, וואָס גרענעצט זיך פון צוויי זייטן מיט סענאַטאָרסקע און ביעלאַנסקע, האָט אַריינגעמאַרשירט אין דער ביעלאַנסקע און איז ווייטער געגאַנגען מיט טלאָמאַצקע און לעשנאָ. פּלוצלונג, ווען דער שפּיץ פון צוג איז שוין געווען ביים אָנהייב לעשנאָ, האָט רייטער־פּאָליציי מיט אַ ווילדן גאַלאָפּ זיך אַריינגעריסן אין מיטן פון צוג, וואָס האָט זיך דעמאָלט נאָך געפונען אויפן טעאַטער־פּלאַץ. אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן פוס־פּאָליציי און ציווילע כוליגאַנעס אויך אַטאַקירט אונזער צוג אויף דעם זעלבן אָרט און האָבן פּשוט צעריסן דעם טייל צוג, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אויפן טעאַטער־פּלאַץ. דער שטורמישער איבערפאַל איז געקומען אַזוי אומגע־ריכט, אַז לעבן דער קירכע, נאָענט פון ראַטהויז, זיינען מענטשן געפאַלן איינער איבערן אַנדערן. אויך ביי דער ביעלאַנסקע גאַס איז געלעגן אָנגעוואָרפן אַ קופּע מענטשן, וואָס זיינען געפאַלן איינער אויפן צווייטן.

נאָך אַ מינוט בין איך און גלייכצייטיק פּנחס שוואַרץ אַרויסגעשפּרונגען אין מיטן גאַס און מיר האָבן אָנגעהויבן שרייען צו דער פּאָליציי: „וואָס טוט איר?" — „ווער זייט איר?" — האָבן זיי אונז געפרעגט מיט רוגזה. האָבן מיר זיך לעגיטימירט: שוואַרץ ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון דער פּאַלקסצייטונג, איך — ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן צוג. מיר האָבן פאַרהאַלטן די פּאָליציי, זיי האָבן ווייטער ניט געיאָגט, און ס'האָבן זיך צוריק פאַרמירט די רייען פון אונזערע דעמאָנסטראַנטן. אין דעם מאָמענט האָט אַן אַנדער גרופּע רייטער־פּאָליציי ווידער געגעבן זיך אַ לאָז אין גאַלאָפּ אויפן עולם. מיר האָבן זיי ווידער פאַרהאַלטן און אָנגעהויבן מיט זיי איינטענהן. דערווייל האָט זיך דער צוג פאַרמירט און אָנגעהויבן מיט גיכע טריט נאָכיאָגן דעם ערשטן טייל פון דער דעמאָנסטראַציע. אונזער צוג איז געווען אַזוי לאַנג, אַז אין שפּיץ, אין ערשטן טייל פון צוג, האָט מען לכתחילה גאָר ניט געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר אין דער מיט.

אַ ביסל ווייטער, אויף לעשנאָ גאַס, איז ווידער געקומען צו אַן אינצידענט

— דאָס מאָל מיט קאָמוניסטן. אַ גרופּע קאָמוניסטן, וואָס זיינען געשטאַנען קאָנצענטרירט אויף אַ טראָטואַר, האָבן אָנגעהויבן שרייען אויף אונז — „נידער מיט די סאָציאַל־פאַשיסטן". ביי אַ טייל פון אונזערע דעמאָנסטרירנדיקע, ספּע־ציעל ביי די וואָס זיינען נאָר וואָס אַזוי ברוטאַל צעטריבן און צעטראָטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע אויפרעגונג. גע־וויינטלעך זיינען אונזערע מיליציאָנערן געווען דיסציפּלינירטע מענטשן; מען האָט זיי אָנגעזאָגט אַז זיי טאָרן זיך ניט לאָזן פּראָוואָצירן — און דאָס האָבן זיי שטרענג אָפּגעהיט. אָבער אין דעם פאַל האָט ביי איינעם פון די מיליציאָנערן, טאַקע איינעם פון די וואָס זיינען עטלעכע מינוט צוריק אַטאַקירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, געפּלאַצט דאָס געדולד: ער איז אַרויס פון זיין ריי און מיט זיין שטעקן געוואָרפן זיך אויף די קאָמוניסטישע זלזולים־וואַרפער. איך בין צוגעלאָפן צו אים און אים צוריקגעשלעפּט אין זיין רו אַריין.

דאָס איז געווען אפשר דער איינציקער פאַל וואָס אַ בונדיסט פון אַ דעמאָנ־סטראַציע האָט זיך געלאָזט פּראָוואָצירן דורך די קאָמוניסטן. געוויינטלעך פלעגן מיר בעת אונזערע דעמאָנסטראַציעס קיין מאָל ניט רעאַגירן אויף קאָ־מוניסטישע זידלערייען, כדי ניט צו געבן דער פּאָליציי קיין תירוץ פונאַנדער־צוטרייבן אונזער דעמאָנסטראַציע. אונזער טאַקטיק אין אַזעלכע פאַלן איז געווען קלאָר: כל זמן די קאָמוניסטן שרייען בלויז און טומלען, אָבער זיי רייסן זיך ניט אַריין אין אונזער צוג — ניט רעאַגירן!

קאַפּיטל 54

אַ געמיינזאַמע 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע מיט דער פּ.פּ.ס.

אין 1931 איז אין וואַרשע פאַרגעקומען אַ געמיינזאַמע 1 מאַי־דעמאָנס־טראַציע פון בונד און פּ.פּ.ס., מיט אַ פולן געמיינזאַמען מאַרשרוט איבער די וואַרשעווער גאַסן. (אין אַנדערע שטעט זיינען אַזעלכע געמיינזאַמע דעמאָנס־טראַציעס פאַרגעקומען אַ סך אַפטער).

ס'איז געווען די צייט, ווען דער הערשנדיקער פּילסודסקי־לאַגער איז דעצידירט אַרויף אויפן וועג פון איינפירן אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים. ס'איז געווען נאָכן גרויסן („בריסקער") אַרעסט פון אַ ריי וויכטיקע, אָנפירנדיקע טוער און סיים־דעפּוטאַטן פון דער פּ.פּ.ס. און פויערים־פּאַרטיי (ווען זיי זיינען איינגעזעצט און געפּייניקט געוואָרן אין דער בריסקער פעסטונג). און ס'איז געווען נאָך די וואַלן צום סיים מיט בפירוש געפעלשטע וואַל־רעזולטאַטן. מיט איין וואָרט: ס'איז שוין געווען נאָך דעם, ווי דער רעזשים האָט אַ שווערן קלאַפּ געטאָן אין דער פּ.פּ.ס. און אין דער דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע בכלל. ס'איז דעריבער ביי דער פּ.פּ.ס. שטאַרק אויסגעוואַקסן דער אָפּאָזיציאָנעלער גייסט; זי האָט זיך אויפגעהערט צו רעכענען מיט כלערליי „אַבערס" און האָט באַשלאָסן צו דעמאָנסטרירן צוזאַמען מיטן בונד איבערן גאַנצן לאַנד — להכעיס דער הערשנדיקער קליקע.

ביי בונדיסטן איז דער דאָזיקער באַשלוס אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד. דער גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם איז אין בונד שטענדיק געווען שטאַרק. יעדער קאָנקרעטער אויסדרוק פון אינטערנאַציאָנאַליזם האָט אונדז אַלע מאָל דערפרייט. האָבן מיר מיט אמתן ענטוזיאַזם זיך גענומען גרייטן צו דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער 1 מאַי־אַרויסטרעטונג.

מיר זיינען בעת די אונטערהאַנדלונגען פון אונזער דעלעגאַציע (איבם געוויינטלעכן, שוין דערמאָנטן צוזאַמענשטעל) מיט די פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער פּ.פּ.ס.ישער אָרגאַניזאַציע אַדורכגעקומען וועגן אַלע פּאָליטישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע און טעכנישע שוועריקייטן (טייל פּאָליטישע פראַגעס זיינען פריער באַהאַנדלט געוואָרן דורך ביידע צענטראַל־קאָמיטעטן) און אַלץ איז געוואָרן געצוי אָפּגערעדט. נאָך דעם ווי מען האָט שוין די דאָזיקע פּראָבלעמען געלייזט, זיינען פאַרבליבן די פראַגעס וועגן פאַרהיטן די דעמאָנסטראַציע פון אָנפאַלן. די דעמאָנסטראַציע האָט געדאַרפט מאַרשירן דורך די אַריסטאָ־קראַטישע פּוילישע גאַסן און ס'איז געווען אַ גרונד פאַר אַ באַזונדערער מורא, אַז כוליגאַנעס און אפשר אויך איבערגעטאָנענע פּאָליציאַנטן וועלן

באַפּאַלן דעם יידישן טייל פון דער דעמאָנסטראַציע. די חברים פון דער פּ.פּ.ס. האָבן אונז פאָרגעלייגט, אַז דער בונד זאָל גיין אויסגעמישט מיט דער פּ.פּ.ס., וועט ער זיין געדעקט פון אַלע זייטן. מיר האָבן דאָס אָפּגעוואָרפן. מיר האָבן געוואָלט מאַרשירן אין דער געמיינזאַמער דעמאָנסטראַציע ווי איין גאַנצער, זעלבשטענדיקער טייל: די פּ.פּ.ס. און נאָך דעם — דער בונד. לסוף איז מען איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס: ס'וועט זיין אַזוי ווי מיר פאַרלאַנגען, אָבער דער סוף פון אונזער צוג וועט זיין געדעקט אויך מיט אַ גרופּע פון פּ.פּ.ס.־ישער מיליץ. ווייטער האָבן די פּוילישע חברים אונז פאָרגעלייגט, מען זאָל זיך טוישן מיט דער מיליץ: זיי זאָלן דעקן אונזער צוג און מיר — זייערן. כאָטש די כוונה פון די פּוילישע חברים איז דערביי געווען זייער אַן איידעלע און חבֿרישע, האָבן מיר אויך דעם דאָזיקן פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן, ווייל מיר האָבן ניט געוואָלט דעמאָנסטרירן אויף דער פּוילישער גאַס אונטערן שוץ פון אונזערע „גויאישע" חברים; מיר האָבן געוואָלט מאַרשירן אָפן, אָן מורא, און פאַרטיידיקן זיך אַליין, אויב עס וועט זיין נייטיק. דערביי האָבן מיר אָנגעוויזן די חברים פון פּ.פּ.ס., אַז אויב עס זאָל קומען צו אַ שווערן אָנפאַל אויף אונזער טייל פון דער דעמאָנסטראַציע, וועלן זיי דאָך סיי־ווי תיכף קומען אונז צו הילף. ס'איז פאַרבליבן אַזוי ווי מיר האָבן געוואָלט: דער בונדישער טייל פונם געמיינזאַמען מאַי־צוג איז געדעקט געוואָרן דורך אונזער אייגענער אָבער פאַרגרעסערטער מיליץ.

דער גאַנצער מאַרשרוט פון דער געמיינזאַמער דעמאָנסטראַציע איז אַדורך רואיק. אָבער די אויסשפּירער אונזערע האָבן אונז איבערגעגעבן, אַז ביים טויער פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אויף קראַקעווער פאָרשטאָט, האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרויסע גרופּע סטודענטן און כוליגאַנעס וואָס מאַכן אַנטיסעמיטישע אויסרופן און וואָס וואַרטן מסתמא צו באַפאַלן דעם בונדישן טייל פון דער דעמאָנסטראַציע. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אַזאַ זאַך פאָראויסגעזען און מיר האָבן פון פאָראויס געהאַט צוגעקליבן אַ שטאַרקע גרופּע פון אונזער מיליץ ספּעציעל פאַר דעם צוועק. אַ 10 מינוט איידער דער בונדישער צוג האָט געדאַרפט אָנהויבן פאַרביימאַרשירן דעם אוניווערסיטעט, האָט די דאָזיקע גרופּע אַרויסמאַרשירט פון דער בונדישער דעמאָנסטראַציע און האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ טאָפּלטער ריי האַרט ביים טראָטואַר פון אוניווערסיטעט־טויער, מיטן פּנים צו די סטודענטן און כוליגאַנעס, וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט ביים טויער און מיט דער פּלייצע צו דער מאַרשירנדיקער דעמאָנסטראַציע. אַזוי זיינען מיר געשטאַנען אָנגעצויגן רואיק אָבער דעצידירט ווי אַן אייזערנע וואַנט. די חבֿרה האָט דערקענט, אַז דאָס איז ניט קיין שפּילכל, און האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן מוט. אַזוי זיינען מיר געשטאַנען אַ קנאַפּע שעה, ביז דער גאַנצער בונדישער צוג האָט פאַרביימאַרשירט.

די גאַנצע געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציע איז אַדורך אָן איין אינצידענט.

צו קליינע אינצידענטן איז בלויז געקומען נאָך דעם ווי די דעמאָנסטראַציע איז פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן אויף דער וואַרעצקאַ גאַס, פאַרן טויער פון

דער רעדאַקציע פון פ.פ.ס.ישן צענטראַל־אָרגאַן, דער טאָג־צייטונג „ראָבאָטניק״. כוליגאַנעס האָבן אין די דערבייאיקע גאַסן פאַרטשעפּעט גרופּעס פון אונזערע אַהיים גייענדיקע חברים און עס איז דאָ און דאָרט געקומען צו געשלעגן מיט אונזערע מיליציאָנערן. ספּעציעל האָט מען פאַרטשעפּעט אונזערע צוקונפט־טיסטן מיט די בלויע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן, וואָס האָבן זיך מער ווי אַנדערע געוואָרפן אין די אויגן.

קאַפּיטל 55

אין רויטן ווין

ווידער איז אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט צו פֿאַרגעסן אַ ביסל אין דער שווערער צייט און ווידער אַ מאָל צו באַהעפטן זיך פון דער נאָענט מיט דער מעכטיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. סוף יולי 1931 איז אין ווין פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע ספּאָרט־אָלימפּיאַדע, אָרגאַניזירט דורכן אַרבעטער־ספּאָרט־אינטערנאַציאָנאַל און באַלד דערנאָך — אַ קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אַ דעלעגאַציע פון אַן ערך 100 מאַן פון אונזערע „מאָרגנשטערן־יאַנער״־ספּאָרטלער זיינען געפאָרן צו דער אָלימפּיאַדע. האָב איך גערן אויסגענוצט די געלעגנהייט און בין מיט זיי מיטגעפאָרן. דאָס האָט מיך באַלד אַריינגעבראַכט אין אַ יום־טובֿדיקער שטימונג, כאָטש די פרייד איז שוין ניט געווען אַזאַ שטאַרקע ווי בעת מיין ערשטער רייזע קיין אויסלאַנד אין 1927 צו דער ספּאָרט־אָלימפּיאַדע אין פּראָג: דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס מיט די מיליאָנען אַרבעטסלאָזע, דער וואוקס פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד און פון פאַשיסטישע שטימונגען אין אַנדערע לענדער, און קודם־כל דער וואוקס פון אונזער היימישן פאַשיזם האָבן שווער געדריקט אויף דער שטימונג. אָבער די אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך אַלץ געווען מעכטיק, בפרט אין עסטרייך. האָט מען זיך געפרייט מיטן פאַרשטייענדיקן יום־טוב, איינגעאָרדנט דורך דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דעם שיינדל פון אייראָפּעאישן סאָציאַליזם צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, און וואו ? — אין דעם באַרימטן רויטן ווין.

דער וועג איז אַריבער זייער פריילעך. אחוץ אונזער גרופּע איז אויך געפאָרן אַ גרויסע דעלעגאַציע פון דער פּ.פּ.ס.ישער אַרבעטער־ספּאָרט־געזעלשאַפט „סקראַ״. צוזאַמען זיינען מיר געווען עטלעכע הונדערט מאַן און מיר האָבן פאַרנומען עטלעכע וואַגאָנען. וועגן שלאָפן ביי נאַכט האָט קיין רייד ניט געקענט זיין, בפרט אַז מיר זיינען געפאָרן אין געוויינטלעכע, ניט אין שלאָף־וואַגאָנעס. מען האָט געזונגען, געטאַנצט, ס'איז געווען לעבעדיק.

ווען די באַן האָט זיך דערנענטערט צו ווין, האָט מען אָנגעהויבן דערקענען אַז מען איז אין אַ לאַנד וואו סאָציאַליזם איז אַ מאַכט. שוין עטלעכע מייל פאַר דער שטאָט זיינען די הייזלעך לענג אויס דער באַן־ליניע געווען באַצירט מיט רויטע פענער. דער ווינער וואָקזאַל איז געווען אין גאַנצן דעקאָרירט אין רויטן. דאָ האָט אַ פּאַרטיי־דעלעגאַציע אונז אויפגענומען. אויפן אָרט זיינען אויך געווען

די ווינער חברים, וועלכע זיינען געקומען אַפּנעמען און אַוועקפירן אין זייערע דירות די געסט, וואָס זיינען געווען פאַר זיי באַשטימט.

איך בין געווען דער גאַסט פון אַ באַן־אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ משפחה פון דריי, די עלטערן און אַ זון, אויך אַן אַרבעטער. אַלע דריי זיינען געווען סאָציאַליסטן און מיטגלידער פון דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער וואוינונג, האָט מיר אַ בלאַנק געטאָן אין די אויגן אַ ריינקייט וואָס איז זעלטן צו זען אפילו אין רייכע שטובן. איך האָב גענומען אַ וואַנע, געלייגט זיך אָפּרוען און די באַלעבאָסטע האָט מיר דערלאַנגט הייסע מילך מיט שאָקאָלאַד אין בעט אַריין. באַהאַנדלט האָבן זיי מיך ווי אַ פּרינץ, צו עסן געגעבן פון כל־טוב. צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך געפונען מיינע גאַנצע וועש אויסגעוואַשן און אויסגעפּרעסט. דאָס האָט די באַלעבאָסטע ביי נאַכט, נאָך מיין שלאָפן גיין, צוגענומען מיינע וועש און אויסגעוואַשן און מסתמא אויפגעשטאַנען פאַר טאָג און עס אויסגעפּרעסט. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אויך דעם צווייטן פרימאָרגן. ס׳איז מיר געווען זייער אומאַנגענעם, אַז די באַלעבאָסטע זאָל יעדן טאָג דאַרפן וואַשן מיינע וועש, זאָגן עס אָפּן — האָב איך זיך עפּעס געשעמט. בין איך אַנטלאָפן אין קאָלעקטיוון הויז, וואו אַ טייל פון אונזער גרופּע האָט זיך אויפגעהאַלטן (אגב, איז דאָרט געווען פרייַלעכער), און כ׳האָב מיינע באַלעבאַטים גאָרניט געזאָגט.

נאָך צוויי טעג רופט מען מיך אין ראַיאָן־סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי. איך קום דאָרט אַהין — ווייזט זיך אַרויס אַז מען זוכט מיך אַרום. מיין באַלעבאָס איז געקומען אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט מיט אַ גוואַלד אַז דער גאַסט איז אים פאַרלוירן געגאַנגען. מען האָט מיך אָנגעהויבן אַרומזוכן. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז ניט שווער אָנגעקומען מיך צו „כאַפּן". אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט האָט מען מיר געפרעגט פאַר וואָס איך בין אַנטרונען געוואָרן פון באַן־אַרבעטער. האָב איך זיי געזאָגט דעם אמת. האָבן זיי זיך צעלאַכט: וואָס הייסט — האָבן זיי געטענהט — ביסט דאָך אונזער גאַסט, ביסט אַ חבר, וויל מען דיר אַרויסווייזן אַזוי פיל גאַסטפריינדלעכקייט ווי ס׳איז נאָר מעגלעך. איך בין אָבער באַשטאַנען אויף ס׳מייניקע: איך וויל ניט די באַלעבאָסטע זאָל וואַשן מיינע וועש. דאָ האָט מען אַריינגערופן דעם באַלעבאָס מיינעם, וואָס האָט געוואַרט אין אַ זייטיקן צימער. דערהערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער אָנגענומען מיין באַדינג, אַבי ער זאָל צוריק קריגן דעם גאַסט.

ווי אַזוי ווין האָט דעמאָלט אויסגעקוקט — דאָס איז ניט פאַר מיין פעדער צו באַשרייבן. די גאַנצע שטאָט איז געווען איינגעטונקט אין רויטן. די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן אין אַ יום־טובדיקער, יובלדיקער שטימונג. מאַסן יוגנט און קינדער (פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט און פון די „רויטע פאַלקן") האָבן פאַרפלייצט די גאַסן און האָבן שימערירט אין דער הייסער יוליזון מיט זייערע בלויע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן. וואו נאָר זיי האָבן געזען אַן אויסלענדער (וואָס דאָס איז לייכט געווען צו דערקענען) האָבן זיי גערופן

צו אים הויך אויפֿן קול „פֿרוינדשאַפֿט" (טאַקע מיט אויסערגעוויינטלעכער פֿריינדשאַפֿט אין טאָן) און פֿאַרהילכט די גאַסן פֿון ווין.

און איצט — די אָלימפּיאַדע גופֿא! די מאַסן־ספּאָרט־פֿאַרמעסטונגען (אין די גימנאַסטישע פֿאַרמעסטונגען האָט אויך אָנטייל גענומען אונדזער מאָרגנשטערן־גרופּע און זי האָט שטאַרק אויסגענומען). די פֿאַלקס־פֿאַרוויילונגען. די פֿאַרשטעלונגען פֿון די באַזונדערע לאַנד־דעלעגאַציעס. דער פֿאַקל־צוג וואָס איז פֿאָרגעקומען נאָך אַ גרויסן פֿעסט־שפּיל אויפֿן גרעסטן ספּאָרט־סטאַדיום. דער פֿאַקל־צוג איז געווען אַזוי גראַנדיעז אַז דאָס אויג איז געווען צו שוואַך אַלץ אַרומצונעמען און אַלץ צו פֿאַרכאַפּן: עס האָבן אין אים אָנטייל גענומען הונדערטער טויזנטער מענטשן — אַ ריזיקע, פֿאַרביקע, פּריידיקע און ענטוזיאַסטישע מענטשן־מאַסע. דער צוג איז געווען פֿאַרטרונקען אין רויטע פֿענער, אין שטורעם־פֿענער, אין נאַציאָנאַלע פֿענער און אין פֿאַרביקע טראַנספּאַראַנטן; די דעלעגאַציעס פֿון פֿאַרשיידענע לענדער אין זייערע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען און אין פֿאַרשיידנאַרטיקע ספּאָרט־קאָסטיומען האָבן צוגעגעבן פֿאַרביקייט. דער באַרימטער עסטרייכישער „שוצבונד", אין זיין טונקל־גרויער מיליטערישער מונדירונג, וואָס האָט אויך אָנטייל גענומען אין דעם פֿאַקל־צוג, האָט צוגעגעבן וואָג און ערנסטקייט דער דעמאָנסטראַציע און האָט דערמאָנט, אַז דאָס קומט פֿאָר ניט צוליב שפּיל, נאָר אויך צוליב קאַמף. דער ריזיקער עולם אויף די טראָטואַרן איז געווען פּונקט אַזוי יום־טובדיק געשטימט ווי די אָנטיילנעמער פֿונם פֿאַקל־צוג. מען האָט געוואָרפֿן פֿון עולם בלומען, שאָקאָלאַד, נאַשוואַרג. מען האָט כסדר באַגריסט די מאַרשירנדיקע. דער מאַרש אין געדיכטע רייען האָט זיך געצויגן שעהן־לאַנג. „רויטע פֿאַלקן" זיינען כסדר געלאָפֿן לענג־אויס דעם צוג מיט קרוגן וואַסער און האָבן געלאָשן דעם דורשט פֿון די מאַרשירנדיקע. ווען דער צוג איז צוגעקומען צום פּלאַץ פֿון שטאָטראָט איז שוין געווען טונקל. דאָס ראָטהויז איז געווען אילומינירט. דאָס פֿייער פֿון די טויזנטער פֿאַקלען האָט געוואָרפֿן אַ מיסטעריעז ליכט אויף דעם ריזיקן פּלאַץ און אויף די אַרומיקע הייזער. קאַרל זייץ, דער בירגערמייסטער (מעיאָר) פֿון רויטן ווין און דער פֿאָרזיצער פֿון דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט גערעדט צום עולם — און אַזוי האָט זיך דער צוג פֿאַרענדיקט. ס'איז געווען איינער פֿון די מאָמענטן וואָס אַ מענטש לעבט איבער נאָר איין מאָל אין לעבן.

אין דער זעלבער צייט איז אין ווין אויך פֿאָרגעקומען דער קאָנגרעס פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די בונדישע דעלעגאַציע וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ צענדליק מיטגלידער, האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די דעבאַטן, אין די קאָמיסיעס און אין די פּלענאַרע סעסיעס פֿון קאָנגרעס. די הויפּט־רעדע אין נאָמען פֿון בונד האָט געהאַלטן דער חבר הענריק ערליך ביים פּונקט „די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע סיטואַציע". ער האָט קריטיקירט די פּאָליטיק פֿון אַ ריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וואָס ווייזן ניט אַרויס גענוג ענערגיע אין קאַמף מיט די גרויסע געפֿאַרן וואָס קומען אָן. ספּעציעל האָט ער קריטיקירט די פּאָליטיק פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס אין קאַמף קעגן דער

דראָענדיקער היטלעריסטישער געפאַר ווייזט זי אַרויס צו ווייניק קעמפערישע זעלבשטענדיקייט און פאַרלאָזט זיך צו פיל אויף דער שותּפות מיט די דייטשע בירגערלעך־דעמאָקראַטישע עלעמענטן. וועלס, דער פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט אין זיין רעדע פאַרטיידיקט די פּאָליטיק פון זיין פאַרטיי, ער האָט גערעדט מיט אַ גרויסער זעלבסטזיכערקייט, אינם באַקאַנטן דעמאָלט טאָן: „בערלין איז ניט רוים", און האָט באַמערקט מיט איראָניע: „ווען עס וועט האַלטן ביי אַ קאַמף וועלן מיר מיט גרויס צופרידנקייט אויפנעמען די באַטאַליאָנען וואָס דער בונד וועט אונז שיקן צו הילף". אַ סך דעלעגאַטן האָבן נאָך דעם שטאַרק פאַראיבל געהאַט אויף וועלסן פאַר זיין אומטאַקטישער באַמערקונג. און ליידער, לייִדער האָט זיך זיין זעלבסטזיכערקייט אַרויסגעוויזן פאַר ניט באַגרינדעט...

איך בין אָפט געגאַנגען אויף די זיצונגען פון אינטערנאַציאָנאַל. איך האָב געהאַט אַ גאַסט־בילעט אויף דער גאַלעריע. איין מאָל האָט מיך באַמערקט דער ח' רפאל אַבראַמאָוויטש, איז ער אַרויפגעקומען אויף דער גאַלעריע און האָט מיך אַראָפּגענומען אין זאַל אַריין, צווישן די דעלעגאַטן. שפּעטער האָט ח' אַבראַמאָוויטש מיך באַקענט מיט קאַרל קאַוטסקין. דער אַלטער, וועלט־באַרימטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער האָט געמאַכט אויף מיר אַן אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק. ער האָט מיט מיר גערעדט אַ פּאָר מינוט, האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן „די געגנאָסען אין פּאָלען", ער האָט גערעדט לעבעדיק, זייער פריינדלעך. עס איז פאַר מיר געווען ניט קיין קליינע איבערלעבונג צו זען זיך אויג אויף אויג און צו ריידן מיט קאַרל קאַוטסקין, פון וועמעס בראָשורן און ביכער מ'האָט במשך פון צענדליקער יאָרן אַזוי פיל און מיט אַזאַ הייליקן ציטער געלערנט וועגן די אידעען פון סאָציאַליזם און וועגן דעם קאַמף פאַר דער מענטשלעכער באַפרייאונג.

אין ווין איז דעמאָלט אויך מיטגעווען מאַוריצי אָזשעך, און מיר האָבן צוזאַמען באַזוכט ווין. איין מאָל האָט ער מיך מיטגענומען אויף אַן אויספלוג קיין זעמערינג, וואו עס הייבן זיך אָן די טיראָלער אַלפּן. מיר זיינען אַרויף אויפן באַרג, איך בין געוואָרן ווי צעמישט פון אַנטציקונג. כ'בין אַרומגעלאָפן און זיך גאָר ניט געקענט זאַט אָנקוקן פון דער ברייטער, שיינער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פון יעדן ווינקעלע.

נאָך דעם ווי דער קאָנגרעס און די אָלימפּיאַדע האָבן זיך געענדיקט, בין איך נאָך פאַרבליבן צען טעג אין ווין, כדי צו באַקענען זיך מיט דער אַרבעט פון „שוצבונד". דאָס איז פריער דערליידיקט געוואָרן מיט דער עסטרייכישער פּאַרטיי־פירונג. מען האָט מיך צוגעטיילט צו דער „שוצבונד"־גרופּע פון 10־טן באַצירק. איך האָב זיך באַקענט מיט זייער אָרגאַניזאַציע, מעטאָדן פון אַרבעט. איך בין מיטגעגאַנגען מיט זיי אויף מיליטערישע איבונגען, אויף מאַנעוורעס, אויף מאַרשן. איך האָב זיך ביי זיי אַ סך אויסגעלערנט. אָבער אַ סך פון זייער פּראַקטיק איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו אונזערע באַדינגונגען.

איך האָב פאַרלאָזט ווין אין אַ הייטערער שטימונג. פּונקט ווי אַ סך אַנדערע

האָב איך אויך דעמאָלט ניט געהאַט קיין אַנונג, ווי נאָענט ס׳איז געווען די קאַטאַסטראָפע פאַר איראָפּעאישן פאַרן איראָפּעאישן סאָציאַליזם. שוין אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום איז היטלער געקומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד. אין קנאַפּע דרײַ יאָר אַרום האָט דער דאָזיקער ווינער „שוצבונד" אויפגעהויבן די פאָן פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דעם עסטרײַכישן פאַשיזם און איז העלדיש און מיט רום געפאַלן אין קאַמף. אומגליק נאָך אומגליק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער סאָציאַליסטישער און דעמאָקראַטישער איראָפּע. זייער אַ סך זײַנען דעמאָלט געוואָרן פאַרצווייפלט און האָבן זיך אײַנגעבראָכן. אָבער איצט זעען מיר, אַז די וואָס האָבן ניט פאַרלוירן דעם גלויבן און ווײַטער געקעמפט האָבן דאָך מיטגעהאָלפן דערצו, אַז די פינצטערע כוחות פון פאַשיזם זאָלן סוף־כל־סוף צעשמעטערט ווערן.

קאַפּיטל 56

גאַסן־קאַמפּן מיט די פּוילישע היטלעריסטן

דער האַרבסט 1931 איז פאַר אונז אין פּוילן געווען זייער אַ שווערער. דער פאַרשאַרפטער אַנטי־סאָציאַליסטישער קאַמף פון די קאָמוניסטן איז אויף אונזער יידישער גאַס דערגאַנגען ביז פּלאַנירטן, אָרגאַניזירטן מאָרד (איבער דעם בעקער־אַרבעטער אברהם נויערמאַן). די פּאָליציייאישע שיקאַנעס, קאָנ־פיסקאַציעס פון אונזער פּרעסע און אַנדערע רדיפות האָבן זיך פאַרשטאַרקט. אַזוי אויך — דער טעראָר פון די פּראַקישע באַנדעס. און צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען נאָך אַ צרה: אין האַרבסט 1931 איז דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער לאַגער אַרויס אין גאַנצן לאַנד מיט אָרגאַניזירטע אָנפאַלן אויף יידן אין די גאַסן און גאָר ספּעציעל — אויף יידישע סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן.

וואָס איז געווען די סיבה פון דעם נייעם אויסברוך פון אָרגאַניזירטע כוליגאַנישע אַטאַקעס אויף יידן?

אַ ראַדיקאַלע ענדערונג ביי די פּוילישע אַנטיסעמיטישע גרופּירונגען איז פאָרגעקומען נאָך היטלערס גרויסן זיג ביי די וואַלן צום דייטשן פּאַרלאַמענט אין 1930. היטלערס גרויסער דערפאָלג האָט ביי די פּוילישע אַנטיסעמיטן אויפ־געוועקט אַ האָפענונג אַז אויך זיי קענען אין פּוילן פאַרשטאַרקן זייער מאַכט מיט דער הילף פון אַ מער ווילדן, מער ווי ביז איצט דעמאַגאָגישן אַנטיסעמיטיזם, — האָבן זיי דעריבער איבערגענומען די היטלערישע מעטאָדן פון קאַמף קעגן יידן.

פאַר אַ סך פון דער דאָזיקער חברה איז שוין געווען צו מילד דער „אַלט־מאָדישער" אַנטיסעמיטיזם פון דער ענדעקישער פּאַרטיי. האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן נייע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס, דער עיקר פון סטודענ־טישער יוגנט, וואָס האָבן גענומען פאַר אַ מוסטער דעם נייעם „מאָדערנעם" היטלערישן אַנטיסעמיטיזם. ס'זיינען אַנטשטאַנען די „אָ.נ.ר." („אָבוז נאַראָדאָ־וואָ־ראַדיקאַלני", ד.ה. נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער לאַגער), די „פאַלאַנגאַ" און נאָך אַנדערע פון דעם מין. דער אונטערשייד צווישן זיי איז געווען זייער אַ קליינער; איינע פון אָט די אָרגאַניזאַציעס האָט געקענט זיין געניגט מער צו די אָפּאָ־זיציאָנעלע „ענדעקעס", אַ צווייטע — מער צו דער הערשנדיקער „סאַנאַציע"; אָבער זיי אַלע האָט פאַראייניקט אַ ווילדער אַנטיסעמיטיזם פון נאַצישן שניט. זיי האָבן אַלע געוואָלט צונעמען ביי יידן זייערע בירגערלעכע רעכט, אַרויסשטופּן יידן פון די פרייע פּראָפעסיעס, פון האַנדל, פון דער אינדוסטריע, און פון פּוילן בכלל. די חברה האָט זיך ניט באַנוגט בלויז מיט פּראָפּאַגאַנדע, זיי האָבן אויך אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש טעראָריזירן יידן, באַפאַלן זיי אויף די גאַסן

איינציקוויז און דורך אָרגאַניזירטע מאַסן־איבערפאַלן, פאַרביטערן דאָס לעבן פון יידישע סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן, אָרגאַניזירן אַ ווילדן באָיקאָט אויף יידישע געשעפטן — אַלץ אויף אַ היטלערישן שטייגער. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דער גאַנצער ענדעקישער לאַגער — די אַלטע קלאַסישע, כלומרשט „מילדערע" אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי — האָט אַליין איבערגענומען אַ היפּשן טייל פונם נייעם פּראָגראַם פון די פּוילישע היטלעריסטלעך.

די לאַגע פון די יידן האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט מיט דעם, וואָס די פּילסודסקישע רעגירונג האָט זיך דערשראָקן אַז דער ענדעקישער לאַגער קען טאָקע וואַקסן דורך באַנוצן די מעטאָדן פון דעם היטלעריזירטן אַנטיסעמיטיזם, און כדי איינצוהאַלטן זיין מאַכט האָט דער פּילסודסקי־לאַגער אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט די ענדעקעס אין הילכות אַנטיסעמיטיזם. אַזוי אַרום זיינען די יידן אין פּוילן אַלץ מער און מער אַרומגענומען געוואָרן פון צוויי זייטן פון אַן אויפגעשרויפטן אַנטיסעמיטיזם. די רעגירונג אַליין האָט טייל מאָל געמוזט האַלטן אַ ביסל פּאַסאָן (זי איז דאָך געווען אָפיציעל די „היטערין פון געזעץ און אָרדענונג"), אָבער קעגנגעווירקט קעגן די היטלעריסטישע ווילדע מעשים האָט זי ניט, ווייל זי האָט מורא געהאַט אַז מ׳וועט זי באַשולדיקן אין פּאַרטיידיקן — די יידן. און זי איז געווען צופרידן וואָס אויך רעגירונגס־געטרייע עלעמענטן לאָזן אין גאַנג די אַנטיסעמיטישע העצעס און טעראָר־אַקציעס.

אָנהייב נאָוועמבער 1931, באַלד נאָך דעם ווי עס האָבן זיך געעפנט די פּוילישע אוניווערסיטעטן, האָט זיך אַ גאַס געטאָן אַ כוואַליע פון גאַסן־אַטאַקעס און מאַסן־אָנפאַלן אויף יידן. אין די דאָזיקע אָנפאַלן האָבן זיך דער עיקר באַטייליקט פּוילישע סטודענטן, מיט אַ היפּשן צומיש פון גאַסן־כוליגאַנעס. די אָנפאַלן זיינען אויסגעבראָכן כמעט גלייכצייטיק אין פאַרשיידענע אוניווערסי־טעט־שטעט — אין ווילנע, וואַרשע, קראָקע א. אַנד. ס׳איז קיין שום ספק ניט אַז אין דעם האָט געשטעקט אַן אָרגאַניזירטע האַנט. אין די אָנפאַלן זיינען געווען צענדליקער שווער פאַרוואונדעטע, הונדערטער לייכט־פאַרוואונדעטע. אין ווילנע, למשל, איז עס דערגאַנגען צו אַ פאַקטישן פּאָגראָם (ד״ר מאַקס ווייַנרייך, דער דירעקטאָר פון ייוואָ אין ווילנע, איז דעמאָלט שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אויף דער גאַס).

דער צ. ק. פון בונד האָט תיכף אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, וואָס האָט גערופן די יידישע באַפעלקערונג צו אָרגאַניזירטער זעלבסטשוץ קעגן די אַנטי־יידישע אָנפאַלן פון פּוילישן אַנטיסעמיטישן לאַגער. און ניט באַנוגענענדיק זיך בלויז מיט אַ רוף, איז ער אַליין גלייך צוגעטראָטן איינצושטעלן אַזאַ זעלבסטשוץ און אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

אין וואַרשע האָבן מיר באַלד אָרגאַניזירט ספּעציעלע ווידערשטאַנד־גרופּעס קעגן די כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישע באַנדעס. אונזער ווידערשטאַנד האָט אָנגעהאַלטן יאָרן. ער איז ניט נאָכגעלאָזט געוואָרן די גאַנצע צייט, ביז דער מלחמה, נאַצי־אָקופּאַציע און אונזער גרויסער קאַטאַסטראָפע — ווען ער האָט אָנגענומען נייע פאָרמען...

***

ס׳איז געווען אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט דאָס אָרגאַניזירן אַ פיזישן קאַמף און ווידערשטאַנד קעגן דער ניי־אויפגעקומענער פוילישער היטלעריסטיש־אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. אַ סך מוט האָט אונז אין דעם פּרט צוגעגעבן די שטעלונג פון דער ברייטער בונדישער מאַסע. אויף די פּאַרטיי־גרופּעס האָבן די מיטגלידער אויפגענומען מיט צופרידנקייט די ידיעה אַז מיר וועלן אַרויסגיין אין גאַס און שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

דער צענטראַלער כוח פון דער דאָזיקער ווידערשטאַנד־אַקציע איז ווידער אַ מאָל געווען די בונדישע פּאַרטיי־מיליץ. זי איז אָבער צו דעם צוועק געוואָרן שטאַרק אויסגעברייטערט און רעאָרגאַניזירט. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן גרעסערע גרופּעס פון בונדיסטן און סתם מיטגלידער פון די פּראָפעסי־אָנעלע פאַראיינען. אין יעדער אַזאַ גרופּע זיינען די פּאַרטיי־מיליציאָנערן געווען דער קערן, זיי האָבן צוזאַמענגעהאַלטן די גרופּע און זיינען שטענדיק געווען די ערשטע אין קאַמף. מען האָט די גרופּעס אַרויסגעשיקט צום זאַקסישן גאָרטן; אין טראַוגוטאַ־פּאַרק (מערסטנס — אין שבתים און זונטיקס, ווען יידן זיינען אַהין מאַסנוויז געקומען זיך אָפּרוען, סיידן מיר זיינען אין מיטן דער וואָך אַלאַרמירט געוואָרן וועגן אַן אָנפאַל); אין פּאַדערעווסקי־פּאַרק אויף פּראַגע; ביי דער אַזוי גערופענער „ווילדער פּלאַזשע" ביים ברעג ווייסל (אויך בלויז אין די שבתים און זונטיקס, ווען די יידישע יוגנט פון דער אַרומיקער געגנט איז אַהין געקומען זיך באָדן און אָפּברענען זיך אויף דער זון). די גרופּעס אונזערע פלעגן אַרומשפּאַצירן און האַלטן אַן אויג אויף דעם וואָס עס קומט פאָר אַרום. ווי נאָר כוליגאַנעס האָבן אָנגעהויבן צו פּאַרטשעפּען יידן, האָבן זיי באַלד אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד פון אונזערע קאַמף־גרופּעס. טייל מאָל זיינען דערביי אויסגעבראָכן גרויסע געשלעגן מיט שטעקנס און אייזערנע הענטשקעס. אונזערע מענטשן האָבן געהאַט אַ שטרענגן פאַרבאָט ניט צו נוצן קיין הייס געווער — אָן אַ באַפעל. ניט אַלע מאָל זיינען אין די ווידערשטאַנד־גרופּעס געגאַנגען די זעלבע מענטשן, אָבער די מיטגלידער פון אונזער מיליץ האָבן כמעט שטענדיק זיך באַטייליקט אין די ווידערשטאַנד־קאַמפּן.

געוויסע שוועריקייטן האָבן מיר געהאַט ביים פּאַרטיידיקן די יידישע מוטערס וואָס זיינען ביי טאָג געקומען מיט זייערע קליינע קינדער אין זאַקסישן גאָרטן. די כוליגאַנעס פלעגן אויך ביי טאָג קומען אין גאָרטן אַריין און פלעגן באַפאַלן, באַליידיקן און אפילו שלאָגן די יונגע יידישע מאַמעס און פאַרטרייבן זיי מיט זייערע פּיצלעך קינדער פון גאָרטן. ביי טאָג איז ניט געווען אַזוי לייכט צו אָרגאַניזירן ווידערשטאַנד־גרופּעס, ווייל די אַרבעטער האָבן זיך דאָך געפונען אין די וואַרשטאַטן, און צו אָפּט אַראָפּנעמען זיי פון דער אַרבעט האָט מען ניט געקענט. האָבן מיר צו דעם צוועק אָרגאַניזירט די טראַנספּאָרט־אַרבעטער פון פאָרן אייזערנעם טויער, פון די האַלעס, פון מיראָווסקי־פּלאַץ — ד.ה. פון די ערטער, וואָס זיינען נאָענט צום זאַקסישן גאָרטן. ווי נאָר עס

איז דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז כוליגאַנעס זיינען באַפאַלן יידישע מאַמעס מיט קינדער, זיינען די טראַנספּאָרט־אַרבעטער אַהין געלאָפן און האָבן פּאַרטיידיקט די יידישע מאַמעס און קינדער קעגן די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלער.

אָפט מאָל זיינען אויסגעבראָכן קאַמפן פון אַ גרויסן פאַרנעם, אין וועלכע עס האָבן זיך פון אונזער זייט באַטייליקט הונדערטער אַרבעטער. עס האָט אויך געטראָפן, אַז מיר האָבן זיך פריער דערוואוסט (געוויינטלעך פון אונזערע פּוילישע סאָציאַליסטישע חברים), אַז די „נאַראָווצעס" (מיטגלידער פון דער שוין דערמאָנטער „אָ.נ.ר") גרייטן אַ גרויסן אָנפאַל; האָבן מיר פון פאָראויס אָרגאַניזירט אַ גרויסע גרופּע ווידערשטאַנדלער, און מיר האָבן זיי אַרויסגעשיקט צו דעם אָרט וואו מען האָט זיך געריכט אויפן אָנפאַל.

וועגן עטלעכע אַזעלכע גרעסערע געשלעגן און ווידערשטאַנד־קאַמפן מיט די אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס וויל איך דאָ דערציילן.

איין מאָל האָבן מיר געקריגן אַ ידיעה, אַז די „נאַראָווצעס" גרייטן זיך אין אַ געוויסן אָוונט צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן אין זאַקסישן גאָרטן. זיי וועלן באַזעצן אַלע טויערן און ביים אַרויסגיין וועלן זיי ניט אַרויסלאָזן קיין איין ייד מיט גאַנצע ביינער. האָבן מיר זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַ געהעריקן ווידערשטאַנד. מיר האָבן ניט געוואָלט, עס זאָל אויסקומען, אַז ס'איז געווען אַ געשלעג צווישן גויים און יידן, נאָר צווישן פאַשיסטן און אַנטיפאַשיסטן, האָבן מיר צוגעצויגן אויף אונזער זייט אויך אַ טייל אָרגאַניזירטע פּוילישע אַרבעטער. איך בין אָוועק אין שעכט־הויז און דאָרט מאָביליזירט אַ גרופּע יידישע און פּוילישע אַרבעטער, וואָס זאָלן אונז העלפן אין דעם ווידערשטאַנד. (פון די פּוילישע אַרבעטער זיינען מיט אונז דעמאָלט געגאַנגען געניעק מאַטראַשעק,ביידע יונגע נאָוואַקס א. אַנד. פון די יידישע פליישער־אַרבעטער — יאַנקל פלאַטשאַזש, עטלעכע פון די קאָלניטשאַנסקיס, פון די „חיהטשיקעס" א. אַנד.). עס איז אויך מיט אונז מיטגעגאַנגען יאָסל (יוסף) גוטגאָלד, וואָס איז דעמאָלט געווען סעקרעטאַר פון יידישן פליישער־פאַראיין. דער רוב פון דער גרופּע זיינען אָבער געווען אונזערע פּאַרטיי־מיליציאָנערן. צוזאַמען האָבן מיר געהאַט אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון איבער 100 מאַן. מיר זיינען אַוועק צום זאַקסישן גאָרטן פריער, איידער די „נאַראָווצעס" האָבן געדאַרפט אָנקומען, און מיר האָבן באַזעצט אַלע זעקס טויערן פון גאָרטן; מיר האָבן פאַרנומען די וויכטיקסטע פּאָזיציעס נאָענט פון די טויערן, טאָמער ברעכט אויס אַ געשלעג און ס'וועט אָנקומען די פּאָליציי, און וועט פאַרמאַכן די טויערן — זאָלן אונזערע מענטשן קענען מיט איין שפּרונג זיין אין דרויסן. ס'איז געשען ווי מיר האָבן זיך געריכט. אַרום 10 אַ זייגער אָוונט האָבן די יידן אָנגעהויבן אַהיים צו גיין און די כוליגאַנעס האָבן גענומען זיי פאַרטשעפּען, זיינען מיר דעמאָלט אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד און אָנגעהויבן צוריקשלאָגן און טרייבן די כוליגאַנעס. אויף אַזאַ ווידערשטאַנד האָבן זיי זיך ניט געריכט, זיינען זיי געוואָרן צעטומלט און האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן אין אַ בהלה. איינער פון זיי איז געוואָרן אַזוי צעשראָקן, אַז אַנטלויפנדיק איז ער אַריינגעפאַלן אין וואַסער

אין דער סאַזשלקע אין מיטן גאָרטן. אַ גרויסע גרופּע כוליגאַנעס איז אַנט־לאָפן צום טויער ביים פּילסודסקי־פּלאַץ, וואו דער אַרויסגאַנג האָט געפירט צו דער פּוילישער רייכער געגנט. אָבער דאָרטן האָבן אויף זיי געוואַרט אונ־זערע פּוילישע חברים וואָס האָבן זיי גוט מקיים פּסק געווען, זיינען די כוליגאַנעס דעמאָלט געלאָפן צו אַן אַנדער טויער, אָבער אויך דאָרט האָבן זיי געקריגן קלעפּ. זיי האָבן יענעם אָונט גוט געהאַט צו געדענקען.

פּאָליציי איז אָנגעקומען מיט „קעטשלעך״, זי האָט פאַרמאַכט די טויערן און האָט אָנגעהויבן פאַרהאַלטן מענטשן. אָבער ווייניק פון אונזערע זיינען אַרעסטירט געוואָרן, טאַקע צוליב דעם וואָס מיר האָבן זיך געהאַלטן באַענג צום אַרויסגאַנג און די מערהייט אונזעריקע האָבן באַוויזן צו אַנטרינען ווי נאָר פּאָליציי האָט זיך באַוויזן.

אין אַ צייט אַרום האָבן מיר זיך ווידער דערוואוסט אַז די „נאַראָווצעס״ גרייטן אַ גרויסן אָנפאַל; דאָס מאָל שוין ניט בלויז אין זאַקסישן גאָרטן, נאָר אויך אויף די גאַסן אַרום גאָרטן. האָבן מיר ווידער צוגעגרייט אַ גרויסן עולם ווידערשטאַנדלער וואָס זיינען געווען קאָנצענטרירט אַרום און אויפן גרויסן פּלאַץ פאַרן אייזערנעם טויער. אונזער פּלאַן איז געווען צו פאַרנאַרן די כולי־גאַנעס אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, וואָס איז געווען פון דריי זייטן פאַרמאַכט, פאַרשטעלן זיי דעם וועג פון דער פערטער זייט און נאָך דעם ווי מיר וועלן זיי האָבן אין דער פּאַסטקע, זאָלן מיר מיט זיי אויפנעמען אַ קאַמף און געבן זיי אַ געהעריקע לעקציע.

פאַר נאַכט, ווען מיר האָבן זיך געריכט, אַז די כוליגאַנעס וועלן אָנהויבן אָנקומען, האָבן מיר אויף די אַרומיקע גאַסן, וואָס פירן צום זאַקסישן גאָרטן, אַרויסגעשיקט אַ ביסל מענטשן זיי זאָלן זיך אַרומדרייען אויף דער גאַס. מיר האָבן אויסגערעכנט אַז ווען די כוליגאַנעס וועלן זען פאַמעלעך־שפּאַצירנדיקע יידן וועלן זיי זיך ניט איינהאַלטן און וועלן זיי פאַרטשעפּען. מיר האָבן מיט די חברים אָפּגעשמועסט, זיי זאָלן דערווייל ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד נאָר אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון פּלאַץ פאַרן אייזערנעם טויער. מיר זיינען געווען זיכער, אַז די כוליגאַנעס וועלן זיי נאָכיאָגן. כך הווה: ווען מיר האָבן שוין געהאַט אַ היפש ביסל פון די „אָנערישע״ כוליגאַנעס אויפן פּלאַץ און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין גאָרטן אַריין, זיינען מיר אַרויס פון די אַרומיקע באַהעלטענישן, האָבן אַרומגערינגלט זיי פון אַלע זייטן און אין אַ געשלעג היפּש פון זיי פאַרוואונדעט, אַז מען האָט צו זיי געדאַרפט אַרויסרופן די „גיכע הילף״. ווידער האָבן מיר געוויזן, אַז יידישער כבוד איז ניט הפקר, אַז מיר קענען שטעלן די אַנטיסעמיטן אַ ווירקזאַמען ווידערשטאַנד.

אַ פּאָר טעג נאָך דעם דאָזיקן גרויסן געשלעג מיט די „אָנערישע״ כוליגאַנעס בין איך אַרעסטירט געוואָרן. אין אַרעסט האָט מיר דער אויס־פאָרשונגס־קאָמיסאַר געמאָלדן, אַז איך ווער באַשולדיקט אין „טעראָריזירן וואַרשע״ און אַז מען גייט מיך אָוועקשיקן קיין קאַרטוז־בערעזע (דעם פּוילישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לויטן היטלעריסטישן

מוסטער און וואו מען האָט געפּייניקט די אַרעסטירטע, ענלעך ווי אין די נאַצישע לאַגערן). עס האָט זיך מיר איינגעגעבן אַרויסצושיקן צו דער פּאַרטיי אַ בריוועלע וועגן דער סכנה וואָס הענגט איבער מיר. די פּאַרטיי האָט באַלד צוגעגרייט אינטערווענצן פון אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן און איינפלוסרייכע פּערזענלעכקייטן. די אינטערווענצן האָבן סוף־כל־סוף געהאָלפן און איך בין נאָך עטלעכע טעג באַפרייט געוואָרן.

איך מוז דאָ צוגעבן, אַז דער ווידערשטאַנד האָט זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט די מיטגלידער פון אונזערע אָרגאַניזירטע גרופּעס. יידישע אַרבעטס־מענטשן פון דער אַרומיקער געגנט און פון דער גאַס האָבן זיך שטענדיק אָנגעשלאָסן אין אונזערע רייען און האָבן געהאָלפן פאַרטרייבן די כוליגאַנעס. אַ טייל פון די מענטשן האָט מען שוין גוט געקענט, ווייל זיי פלעגן אָפט קומען אונז העלפן. עס האָט זיך געשאַפן אַ מין „איינהייטלעכער פראָנט״ צווישן דער בונדישער מיליץ און סתם יידישע אַרבעטס־מענטשן פון דער גאַס וואָס האָבן געהאָלפן שטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן די כוליגאַנעס.

*
**

ערגער איז צוגעגאַנגען אין צווייטן גרויסן פּאַרק וואוהין די וואַרשעווער יידישע באַפעלקערונג פלעגט קומען כאַפּן פרישע לופט, — אין דעם טראַוגוט־פּאַרק. דער פּאַרק האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דעם יידישן קוואַרטאַל פון מוראַנאָווסקע, מילע, סטאַווקי, סמאָטשע, אָבער ער איז געלעגן האַרט לעבן אַ ריין־פּוילישער געגנט. פון איין זייט איז געווען די ווייסל, פון אַ צווייטער זייט — זשאָליבאָזש, אַ ריין פּוילישער קוואַרטאַל, און פון דער דריטער זייט — די געגנט פון דער מאָסטאָווע און ריבאַקעס, אַ טייל פון אַלטשטאָט וואָס איז געווען געדיכט באַוואוינט פון פּאָליאַקן; פון דער פערטער זייט איז געווען דער מוראַנאָוו, מיט וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דערמאָנטער יידישער קוואַרטאַל.

אין טראַוגוטאַ־פּאַרק האָבן די כוליגאַנעס לייכט און גיך געקענט קריגן פאַרשטאַרקונגען פון די נאָענטע פּוילישע גאַסן, פון וואַנען זיי אַליין זיינען מסתמא געקומען. אין די שבתים, ווען דער פּאַרק איז געווען שטאַרק באַזעצט מיט דער יידישער אַרעמקייט פון דער מוראַנאָווסקע־מילע־סמאָטשע־געגנט, פלעגן די כוליגאַנעס קומען אַהער און באַפאַלן די יידן. עס זיינען צווישן אונז און זיי אויסגעבראָכן גרויסע געשלעגן, אָבער ניט איין מאָל זיינען זיי געווען שטאַרקער פון אונז און מיר האָבן זיך געמוזט צוריקציען, ווייל — ווי געזאָגט — זיי האָבן לייכט געקענט קריגן פאַרשטאַרקונגען פון די נאָענטע פּוילישע גאַסן. אויך דאָרט פלעגן מיט אונז אָפט מיטגיין פּוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן אונז געהאָלפן שטעלן אַ ווידערשטאַנד און האָבן אונז געדעקט ווען מיר האָבן זיך געדאַרפט צוריקציען. אָבער דעם קאַמף האָבן מיר אויך דאָרט קיין מאָל ניט אויפגעגעבן. מיר פלעגן אַהין קומען יעדן שבת און זונטיק, און זיינט

מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט איז ניט געווען קיין פאַל אַז די כוליגאַנעס זאָלן ניט אָנטרעפן אויף אונזער ווידערשטאַנד, ווען נאָר זיי האָבן גענומען שלאָגן יידן.

און די פאָליציי? זי פלעגט די באַפאַלענע ניט באַשיצן. מערסטנס איז זי ניט געווען אויפן אָרט פון די געשלעגן. ווען פאָליציי איז יאָ אַמאָל אָנגע־קומען אויפן אָרט פון אַנטיסעמיטישן אָנפאַל, האָט זי גיכער אַרעסטירט די יידן, די געליטענע, ווי די שלעגער.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן חדשים און יאָרן, ביז טיף אין זומער פון יאָר 1939, ווען היטלער האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמלט זיינע חיילות האַרט ביי דער פוילישער גרענעץ.

קאַפּיטל 57

די קאַמפּן אַרום באָיקאָטירטע יידישע געשעפטן

צו גלייך מיט די כסדרדיקע גאַסן־אָנפאַלן אויף יידן האָבן די היטלערי־זירטע פוילישע אַנטיסעמיטן אָנגעהויבן אַן אַקטיוון באָיקאָט אויף יידישע געשעפטן.

דער לאָזונג גופא פון אַן עקאָנאָמישן באָיקאָט אויף יידן איז ניט געווען קיין נייס אין פוילן. זינט 1912, נאָך די וואַלן צו דער רוסישער דומע (פּאַרלאַמענט), ווען עס איז צווישן די פּאָליאַקן געוואָרפן געוואָרן דער לאָזונג „סוואָי דאָ סוועגאָ" (אייגענע צו אייגענע, ד.ה. פּאָליאַקן זאָלן קויפן נאָר ביי פּאָליאַקן) — ווי אַ נקמה דערפאַר וואָס יידן האָבן געשטימט פאַרן סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט יאַגעלאָ און האָבן אַדורכגעוואָרפן דעם נאַציאָנאַל־אַנטיסעמיטישן קאַנדידאַט קוכאַזשעווסקי — איז דער לאָזונג פון אַנטי־יידישן עקאָנאָמישן באָיקאָט ניט אַראָפּגעגאַנגען פון די שפּאַלטן פון אַ טייל פּוילישער פּרעסע. אָבער איצט האָבן די פּוילישע היטלעריסטן אָנגעהויבן אַדורכפירן אַן אָרגאַניזירטע באָיקאָט־אַקציע אויף אַ גאָר נייעם שטייגער. זיי האָבן טעראָריזירט פּוילישע קונים און פּשוט פיזיש זיי געשטערט אַריינצוגיין קויפן אין יידישע געשעפטן. ספּעציעל האָבן זיי דאָס אָנגעווענדט לגבי יידישע געשעפטן אין די ריין־פּוילישע געגנטן פון שטאָט.

ווי באַוואוּסט, איז דער גרויסער וואַרשעווער האַנדלס־צענטער פון נאַלעווקי־גענשע־פראַנציסקאַנער גאַסן (דער גרעסטער האַנדלס־צענטער אין פּוילן בכלל) געווען אַ ריין־יידישער. אחוץ דעם זיינען אָבער געווען אַ סך יידישע געשעפטן אויך אין די פּוילישע געגנטן, ספּעציעל אין דער פּראָמינענטער, צענטראַלער פּוילישער האַנדלס־גאַס — דער מאַרשאַלקאָווסקע. ווייטער איז כמעט דער גאַנצער ביכער־האַנדל אין וואַרשע (ספּעציעל דער האַנדל מיט נייע און געניצטע לערן־ביכער און מיט אַנטיקן) געלעגן אין יידישע הענט און איז געווען קאָנצענטרירט אויף איין גאַס — אויף דער שוויענטאָ־קזשיסקע, אַ שמאָלער גאַס וואָס האָט אַדורכגעשניטן די מאַרשאַלקאָווסקע. כמעט אַלע ביכער־געשעפטן אויף דער גאַס האָבן געהערט צו יידן. טייל פון זיי האָבן עקזיסטירט שוין איבער 100 יאָר און האָבן געהאַט גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון פּוילישן ביכער־האַנדל. ביים אָנהייב פון שול־יאָר און פון אַקאַדעמישן יאָר פלעגט די גאַס זיין געפּאַקט מיט שילער און סטודענטן וואָס האָבן געקויפט אָדער געטוישט ביכער, נייע און געניצטע. די „אָנעראָוצעס" האָבן געשטעלט פּיקעטן פאַר די געשעפטן אויף דער

שוויענטאָ־קזשיסקע גאַס און פאַר די יידישע געשעפטן אויף דער מאַרשאַל־קאָווסקע און אין אַנדערע ערטער (אַ טייל פון די געשעפטן האָבן ניט געטראָגן דעם נאָמען פון אייגנטימער, נאָר אַ האַנדלס־נאָמען), זיי האָבן די קונים מיט כוח אָפּגעשטעלט פון אַריינגיין אין געוועלב, טייל מאָל זיינען זיי אפילו באַפאַלן די קונים און זיי געשלאָגן. פלעגן פון אַלע זייטן קומען טעלעפאָנען אין בונדישן סעקרעטאַריאַט, אַז ער זאָל העלפן פאַרטרייבן די כוליגאַנעס וואָס פיקעטירן יידישע געשעפטן און לאָזן ניט אַריין קיין קריסטלעכע קונים. עס האָבן געקלונגען סוחרים גופא און סתם מענטשן, וואָס האָבן אַפּעלירט, אַז דער בונד „זאָל עפּעס טאָן". מיר האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן זיכערן די ריווחים פון יידישע סוחרים, נאָר וועגן פאַרטיידיקן די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן. האָבן מיר באַשלאָסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די כוליגאַנעס אויך אין זייערע אַנטיסעמיטישע פיקעטן אַרום יידישע געשעפטן.

דאָ האָבן מיר אָבער אָנגעטראָפן אַ סך שוועריקייטן. די געשעפטן זיינען געווען אָפן און געוויינטלעך פיקעטירט געוואָרן ביי טאָג, ווען אונזערע מיליציאָנערן, וואָס זיינען דאָך אַלע געווען אַרבעטער, האָבן זיך געפונען ביי דער אַרבעט. דאָך ווען די פיקעטן זיינען אין אַ געוויסן אָרט געוואָרן זייער געדיכט און שטאַרק אַגרעסיוו, און מיר האָבן געקריגן אַלאַרם־טעלעפאָנען אַז עס גרייט זיך עפּעס, האָבן מיר אויף גיך אַראָפּגענומען אַ ביסל מיליציאָנערן אונזערע פון דער אַרבעט און געשיקט זיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אַזעלכע אַלאַרמען זיינען אָבער געקומען אַלץ אָפטער און אָפטער און מיר האָבן צו אָפט די אַרבעטער ניט געקענט אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. זיי זיינען כמעט אַלע געווען פאַמיליע־מענטשן און האָבן געדאַרפט געבן חיונה אַ פרוי מיט קינדער; זיי וואָלטן צוליבן אָפטן אַוועקגיין אין גאַנצן געקענט פאַרלירן די אַרבעט.

אמת, די יידישע סוחרים, וואָס זיינען פיקעטירט געוואָרן, וואָלטן גערן באַצאָלט די אַרבעטער זייער היזק, און אפילו נאָך מער. אָבער דאָס האָבן מיר ניט געוואָלט, דאָס וואָלט געקענט ווירקן דעמאָראַליזירנדיק. די ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן האָט געמוזט טראָגן אַ ריין פּאָליטישן און אידעאישן כאַראַקטער, דער מינדסטער איינברוך אין דעם פרט וואָלט אונז געקענט ברענגען אַ סך שאָדן און מיר האָבן דעריבער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן יעדן געדאַנק וועגן פינאַנציעלער הילף מצד די סוחרים, וואָס האָבן געליטן פון די אַנטיסעמיטישע באָיקאָט־פיקעטן.

האָבן מיר געפונען אַן אויסוועג: מיר האָבן אָרגאַניזירט צו דעם צוועק אַרבעטסלאָזע. מיר האָבן זיי געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין אַרבעטער־ווינקל אויף פשעיאַזד 9, און מיר האָבן זיי אַרויסגעשיקט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן די פיקעטניקעס, ווען נאָר מיר זיינען אַלאַרמירט געוואָרן. אָבער אויב מיר האָבן געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג די אַרבעטסלאָזע אין לאָקאַל, האָבן מיר זיי געמוזט געבן עסן, און אפילו אַן אָרעם עסן פאַר עטלעכע צענדליק מענטשן

יעדן טאָג — איז געווען אַ שטאַרקע פינאַנציעלע לאַסט פאַר דער אָרעמער בונדישער פאַרטיי־קאַסע. אויך דאָ וואָלטן מיר געקענט לייכט קריגן פון די סוחרים מיטלען דערויף, אָבער אויך דאָס האָבן מיר ניט געוואָלט. מיר האָבן די דאָזיקע הוצאות אַליין אויסגעטראָגן.

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר די פּיקעטניקעס ביי יידישע געשעפטן ניט צו־רו געלאָזט. מיר האָבן זיי ניט געלאָזט פירן אומגעשטערט זייער אַנטיסע־מיטישע טעראָר־און באָיקאָט־אַקציע קעגן יידן, און אָפט האָט זיך אונז טאַקע איינגעגעבן די פּיקעטניקעס צו פאַרטרייבן.

קאַפּיטל 58

אַרום די „געטאָ־בענק" אין די אוניווערסיטעטן

דער פּוילישער היטלעריזם האָט געהאַט אַ באַזונדערס שטאַרקע השפּעה צווישן די פּוילישע סטודענטן. די כוליגאַנישע באַנדעס, וואָס זיינען באַפאַלן יידן אויף די גאַסן, זיינען ס'רוב באַשטאַנען פון סטודענטן (מיט אַ היפּשן צומיש פון אונטערוועלט־מענטשן). אָבער אחוץ זייערע אַטאַקעס אויף יידן בכלל האָבן זיי מיט אַ באַזונדער כעס זיך געוואָרפן אויף זייערע יידישע קאָלעגן און זיי האָבן באַשלאָסן איינצופירן אין די אוניווערסיטעט־קלאַסן — אַ געטאָ פאַר יידן. זיי האָבן אויסגעטיילט צו עטלעכע בענק אויף דער לינקער זייט פון די קלאַס־צימערן און זיי האָבן געוואָלט צווינגען די יידישע סטודענטן צו זיצן נאָר דאָרט — אויף די „געטאָ־בענק".

די יידישע סטודענטן האָבן זיך שטאַרק קעגנגעשטעלט. זיי זיינען געשטאַנען בעת די לעקציעס און ניט געזעצט זיך אויף די „געטאָ־בענק". האָבן די אַנטיסעמיטישע פּוילישע סטודענטן געוואָלט זיי צווינגען דערצו מיט כוח. אויף דעם באַדן זיינען פאָרגעקומען ווילדע סקאַנדאַלן אין די הויכשולן. עס איז דערגאַנגען צו אָפטע געשלעגן. מען איז באַפאַלן און צעממיתט יידישע סטודענטן, אפילו יידישע סטודענטקעס, ביז בלוט. די אוניווערסיטעט־מאַכט און די מערהייט פּראָפעסאָרן (אַ טייל אין דער שטיל, אַ טייל — אָפן) זיינען געווען אויף דער זייט פון די כוליגאַנעס. די פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן געהאַט די דרייסטקייט אַרויסצוטרעטן קעגן די כוליגאַנישע אָנפאַלן, זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף באַליידיקונגען, זילזולים און אפילו פיזישע אָנפאַלן.*)

אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף, וואָס די גאַנצע יידישע סטודענטשאַפט האָט געפירט קעגן די „געטאָ־בענק", האָט אויך זייער אַקטיוו אָנטייל גענומען די בונדישע סטודענטישע גרופּע, וואָס אין וואַרשע האָט זי געטראָגן דעם נאָמען רינגען (אויף פּויליש „אָגניוואָ").

אונזער וואַרשעווער סטודענטישע גרופּע איז ניט געווען קיין גרויסע.

---

*) צווישן די דרייסטע פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן ניט מורא געהאַט צו פאַרטיידיקן די יידישע סטודענטן, געדענק איך די נעמען פון: מיכאַלאָוויטש, שימאַנאָווסקי, קרידל, קולטשינסקי און אויך באַרטעל, דעם געוועזענעם פּיל־סודסקישן פּרעמיער.

אָבער דערפאַר איז זי געווען אַ געקליבענע, איז געשטאַנען אויף אַ הויכן אידעאישן און געזעלשאַפטלעכן ניוואָ. אחוץ דעם האָבן מיר פון איר געהאַט נאָך איין גרויסן נחת: די דערוואַקסענע קינדער פון אונזערע פירער, וואָס זייַנען געווען סטודענטן, האָבן אַלע געהערט צו דער בונדישער אַקאַדעמישער גרופּע. די רינגען־גרופּע האָט ניט בלויז אָנטייל גענומען אין אַלע פּאַרטיידי־קונג־און פּראָטעסט־אַקציעס פון דער גאַנצער יידישער סטודענטשאַפט; זי האָט אויך געפירט אירע אייגענע אַקציעס, זי האָט געברענגט קלאָר צום אויסדרוק אונזער בונדישן קוק אויף דעם פּראָבלעם פון קאַמף מיטן אַנטי־סעמיטיזם און פאַשיזם אין פּוילן. אין דעם פּרט האָט זי זייער נאָענט צוזאַמענ־געאַרבעט מיט דער „ז.ב.מ.ס.", דער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע פון דער פּ.פּ.ס., און זיי — פון זייער זייט — האָבן אויך גערן מיטגעאַרבעט מיט דער בונדישער סטודענטישער יוגנט.

בעת אונזער סטודענטישע גרופּע איז אַרויסגעטראָטן איינע אַליין אין קאַמף מיט דער פּוילישער פאַשיסטישער סטודענטשאַפט, האָט אָפט מאָל אונזער פּאַרטיי־מיליץ געמוזט קומען צו הילף אונזער רינגען־גרופּע, ווייל זי איז געשטאַנען אין אַ ניט־גלייכן קאַמף מיט דער ריזיקער מאַסע פון דער פּוי־לישער אַנטיסעמיטישער סטודענטשאַפט. איין מאָל, למשל, האָט די רינגען־גרופּע באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַן אויפרוף צו די פּוילישע סטודענטן און צו פאַר־שפּרייטן אים פאַרן טויער פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. ס׳איז קלאָר געווען אַז די אַנטיסעמיטישע סטודענטן וועלן ניט דערלאָזן פאַרשפּרייטן דעם אויפרוף און עס וועט כמעט זיכער קומען צו אַ געשלעג. האָט די רינגען־גרופּע געבעטן צושיקן אַ גרופּע מיליציאָנערן צום אָרט וואו מען וועט די אויפרופן פאַרטיילן, כדי זיי צו שיצן פון אַן אָנפאַל.

אין באַשטימטן טאָג אין דער פרי בין איך מיט אַ גרופּע פון דער פּאַרטיי־מיליץ אַוועק צום אוניווערסיטעט. אויפן הויף, פון דער צווייטער זייט טויער, האָבן זיך געזאַמלט גרופּעס כוליגאַנישע סטודענטן און האָבן זיך טאַקע געגרייט צו באַפאַלן אונזערע חברים. זיי האָבן אָבער באַמערקט אונזער גרופּע מיליציאָנערן און האָבן מסתמא פאַרשטאַנען אַז מיר זייַנען דאָ זיי צו שיצן, האָבן זיי ניט געהאַט קיין מוט צו אַטאַקירן. דערווייל האָט אונזער גרופּע סטודענטן באַוויזן פונאַנדערצוטיילן אַלע אויפרופן און זיי זייַנען רואיק אַוועק. ווי נאָר זיי זייַנען אַוועק, האָט זיך פון דער טיף פון אוניווערסיטעט־הויף באַוויזן אַ המון סטודענטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז גרעסערע גרופּעס „אָענעראָווצעס" האָבן זיך געזאַמלט אין אודיטאָריע און האָבן זיך געגרייט אין איין גרויטער מחנה צו אַטאַקירן אונזערע חברים. צום גליק האָבן זיי זיך פאַרשפּעטיקט און מען האָט אויסגעמיטן אַן אָנפאַל און אַ געשלעג מיט זיי.

אַן ענלעכער פאַל איז געשען אין אַ קורצער צייט אַרום ביים פּאָליטעכ־ניקום. דאָרטן איז אָבער יאָ דערגאַנגען צו אַ געשלעג. פאַרן פּאָליטעכניקום האָט די בונדישע אויפרופן געטיילט, צווישן אַנדערע, אויך מיכאַל קלעפּפיש,

דער שפּעטערדיקער העלד פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. דאָרט — ביים פּאָליטעכניקום — זיינען די כוליגאַנעס יאָ באַפאַלן אונזערע חברים און כאַטש מיר האָבן זיי פאַרטיידיקט, איז אויסגעבראָכן אַ גרויס געשלעג. די כוליגאַנישע סטודענטן זיינען געווען מער אין צאָל, און מיר זיינען קוים אַרויס מיט גאַנצע ביינער.

אַזוי איז דער פּאַרטיי־מיליץ אָפּט מאָל אויסגעקומען מיטצוגיין מיט אונזערע חברים־סטודענטן, וואָס זיינען געווען קליין אין צאָל, כדי צו העלפן זיי אין קאַמף קעגן גרויסן המון פון פּוילישע אַנטיסעמיטישע סטודענטן.

קאַפּיטל 59

מיין זון אויפן „סקיף"-לאַגער

זומער 1931 האָבן אונזערעביידע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, דער סקיף און די צוקונפט, צום ערשטן מאָל איינגעאָרדנט זייערע זומער־לאַגערן אויפן סקויטישן שטייגער: וואוינען אין טיפן וואַלד, שלאָפן אין לייוונטענע געצעלטן, קאָכן אַליין אויף אימפּראָוויזירטע קיכן צונויפגעשטעלט פון שטיינער, ניט האָבן קיין שום באַדינונג און בכלל טאָן אַלץ אַליין. זומער־קאָלאָניעס האָט אונזער יוגנט שוין פון לאַנג איינגעאָרדנט, אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי זיינען אַריבער אויף איינאָרדענען לאַגערן פון סקויטישן טיפּ.

די לאַגערן זיינען באַלד געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער ביי דער גאַנצער בונדישער יוגנט. יעדער „סקיפיסט" אָדער „צוקונפטיסט" האָט געחלומט וועגן פאָרן אויף אַזאַ לאַגער.

ווען עס איז אונטערגעקומען פרילינג 1932 האָט מיין זון, יאַנעק, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען 12 יאָר, אונז דערקלערט, אַז ער פאַרלאַנגט מען זאָל אים לאָזן פאָרן אויפן סקיף־לאַגער. ניט לייכט איז טאַטע־מאַמע אָנגעקומען די דאָזיקע דעציזיע. יאַנעק איז דאָך נאָך געווען אַ קינד און דאָס איינציקע קינד, אויסגעצערטלט און אויסגעפּיעשטשעט, און דאָ — גיי, לאָז אים אין אַזאַ וויטן וועג. אמת, ער איז שוין אַ סך מאָל געפאָרן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אָבער דאָרט איז געווען אַנדערש: די קינדער זיינען דאָרט געווען אונטער דער אויפזיכט פון לערער, דערציער, סאַניטאַרינס און פון אַ גרויסן פּערסאָנאַל. אָבער דאָ, אויפן לאַגער, וואוינען די קינדער אין אַ וואַלד, אָפּן פון אַלע זייטן, קאָכן און באַלעבאַטעווען אַליין, שטייען ביי נאַכט אויף וואַך אין מיטן וואַלד. לאָמיר זאָגן דעם אמת: דעם טאַטנס האַרץ האָט געציטערט, און פּונקט אַזוי דער מאַמעס. אָבער — מיר האָבן זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און מיר האָבן אים דערלויבט צו פאָרן.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום בין איך געפאָרן צו גאַסט אויפן לאַגער, באַזוכן מיין יאַנעקן. דער לאַגער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ וואַלד, הינטער גאָמבין, ניט ווייט פון דער ווייסל. איך בין אַוועק הינטערן שטעטל, לויט ווי מען האָט מיר אָנגעוויזן. באַלד האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסן געדיכטן סאָסנאָוון וואַלד. אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, האָב איך דערזען פון דער ווייטנס ווייסע לייוונטענע געצעלטן וואָס קוקן אַרויס פון צווישן די סאָסנאָווע

בוימער. איך בין אַוועק מיט גיכערע טריט. איך גיי דאָך ס׳ערשטע מאָל זען אַ סקיף־לאַגער, וועגן וואָס מען דערציילט אַזעלכע וואונדער!

דער לאַגער האָט טאַקע געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. אויף אַ גרויסן ליידיקן פּלאַץ אין מיטן וואַלד זיינען געשטאַנען די לייוונטענע געצעלטן אין אַ האַלבן ראָד אַרום פּלאַץ. אין מיטן פּלאַץ איז געשטאַנען דער מאַסט מיט דער רויטער פאָן, אַרומגעצוימט מיט אַ קליין גערטעלע. נאָענט פון מאַסט איז געווען דאָס אָרט פון לאַגער־פייער, געבויט ווי אַן אַמפּיטעאַטער, מיט שטיגעלעך אויסגעגראָבן אין דער ערד. ווייטער אַ ביסל האָב איך געזען די טישן און בענק, אויפגעשטעלט פון רויע ברעטער און אָנגעשפּאַרט אויף הילצערנע דרענגלעך וואָס זיינען געווען אַריינגעפּעסטיקט אין דער ערד. נאָך אַ ביסל ווייטער האָב איך געזען די קיך, צונויפגעשטעלט פון שטיינער און ציגל. אַלץ אַרום איז געווען דעקאָרירט מיט גרינס, און אַלץ האָט געשמעקט מיט יונגקייט און פרישקייט. חברה סקיפּיסטן, וואָס האָבן מיך כמעט אַלע געקענט, האָבן מיך אַרומגערינגלט און זיך מיט מיר דערפרייט, אָבער איך האָב מיט די אויגן אַרומגעזוכט מיין יאַנעקן. באַלד האָב איך אים דערזען. און ס׳איז מיר געוואָרן אַ ביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ווען איך האָב דערזען זיין הולך: שמוציק, פאַרשוואַרצט, דאָס העמד צעריסן, די הויזלעך צעפליקט. ער איז באַלד צו מיר צוגעלאָפן. פון מיין קוק אויף אים האָט ער פאַרשטאַנען וואָס איך טראַכט, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט היינט געהאַט דיזשור ביים קאָכן: ער איז געשטאַנען ביים קעסל, ביים פייער און האָט זיך נאָך ניט באַוויזן צו ברענגען אין אָרדענונג. נו, איז מיר שוין געוואָרן אַ ביסל בעסער. באַלד איז אויך צוגעקומען דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, ח׳ יוסף ברומבערג, און דער וויצע־קאָמענדאַנט עמנואל פאַט (דעמאָלט שוין אַ סטודענט פון מעדיצין). מען האָט זיך פונאַנדערגעשמועסט און זיי האָבן מיר דערציילט וועגן אַלע וואונדער פון לאַגער.

איך בין געבליבן איבערנעכטיקן אין לאַגער. דער קאָמענדאַנט האָט באַשלאָסן אַז ביי נאַכט וועט יאַנעק קריגן אַ וואַך מיט מיר, די ערשטע וואַך — פון 10 ביז 12 ביי נאַכט (דאָס איז געווען אַן אויסנאַם, ווייל די קלענערע קינדער האָבן קיין וואַכן ניט געקריגן). איך האָב פאַרבראַכט מיט די קינדער ביים לאַגער־פייער. דאָס געזאַנג ביים לאַגער־פייער, די לידער וואָס האָבן אָפּגעהילכט מיט אַ ווייטן עכאָ אין וואַלד, די פייער־צונגען וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויפן פאָן פון דער ביינאַכטיקער וואַלד־פינצטערניש — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. דאָס געזאַנג ביים ביינאַכטיקן אַפּעל, ווען די סקיפּיסטן זיינען געווען אויסגעשטעלט אַרום דער פאָן האָט נאָך מער געשטאַרקט ביי מיר דאָס געפיל פון דערהויבנקייט. איך האָב זיך געטראַכט: אַ שאָד וואָס אַזעלכע קינדער־יאָרן האָב איך ניט געהאַט און קיינער ניט פון מיין דור.

דער עולם איז באַלד געגאַנגען שלאָפן אין די געצעלטן. אַרום איז געוואָרן שטיל. איך מיט יאַנעקן האָבן איבערגענומען די וואַך. איך וועל

קיין מאָל ניט פאַרגעסן דאָס געפיל פון שטאָלץ פון דעם קינד, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געקריגן די וואָך. עטלעכע מאָל האָט ער מיר איבערגעפרעגט: „בערנאַרד, דו האָסט דעם רעוואָלווער? (מיין זון האָט מיך שטענדיק גערופן ביים ערשטן נאָמען), איז ער געלאָדן? — גיב אים מיר אַ ביסל צו האַלטן". ער האָט מיך כסדר געוואָרנט: אין וואַלד קענען זיך געפינען גנבים, זיי קענען זיך אונטערגנבענען און אַלץ צונעמען, מיר מוזן שטאַרק היטן!

אַלע זיינע חושים זיינען געווען אָנגעשטרענגט און זיין פאַנטאַזיע האָט זיך פונאַנדערגעשפּילט: יעדע עטלעכע מינוט האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר: „בערנאַרד, דו הערסט?" — „יאָ, איך הער", האָב איך געענטפערט. דאָס האָט אַ ווינטל זיך אַדורכגעטראָגן דורך די צווייגן און אים האָט זיך שוין אויסגעדאַכט אַז עמיצער גנבעט זיך אַדורך צווישן די בוימער. באַלד ווידער אַ מאָל: — „בערנאַרד, דו האָסט געהערט?" — דאָס האָט אַ צווייגל זיך ערגעץ אָפּגעבראָכן פון אַ בוים אָדער אַ חיהלע איז אַדורכגעלאָפן און אין דער ביינאַכטיקער וואַלד־שטילקייט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי עמיצער וואָלט אַ שפּרונג געטאָן פון אַ בוים. ביי יעדן שאָרך האָט ער געטראַכט, אַז אָט איצט האָבן די גנבים אָדער רוצחים געטאָן דעם לעצטן שפּרונג צו באַפאַלן דעם לאַגער און ער האָט כסדר זיך געוואָלט כאַפּן צום פייפערל און רופן „אויף אַלאַרם". כ'האָב אים קוים געקענט איינהאַלטן.

אַזוי שפּאַצירנדיק ביי נאַכט אַרום לאַגער, האָט ער מיר אין משך פון די צוויי שעה דערציילט וועגן לעבן אויפן לאַגער. דער לאַגער איז צעטיילט אויף גרופּעס, יעדע גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון אַ סקיף־העלפער, ער געהערט צו דער גרופּע פון חייקע לעווין (חייקע לעווין איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע סקיף־טוערינס, זי איז אומגעקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בעת דער מלחמה). ער האָט מיר ווייטער דערציילט וועגן פּראָגראַם פון טאָג, וועגן די אַרבעטן, די שמועסן, די אויספלוגן א. אַז. וו. ער איז מיט אַלעם געווען שטאַרק איבערגענומען.

צו מאָרגנס בין איך אַוועק מיט אַ וויזיט צום צוקונפט־לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען בלויז עטלעכע קילאָמעטער פון סקיף־לאַגער. געקומען מיך אָפּנעמען איז פּינקוס ראָזענבערג, אַ טוער פון דער בונדישער יוגנט־פראַקציע אין טעקסטיל־פאַראיין און אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון צוקונפט. (זיין פאָטער, אַן אַלטער בונדיסט, איז געווען אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דרוקער־פאַראיין און איז געשטאָרבן אין די צוואַנציקער יאָרן. ער אַליין, פּינקוס, און זיין שוועסטער שרה — אויך אַ צוקונפטיסטקע — האָבן אין דער מלחמה־צייט געאַרבעט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און זיינען ביידע אומגעקומען צוזאַמען מיט די קינדער פון דער סאַנאַטאָריע). ער האָט געהאַט דעם אַמט פון איינקויפער פאַרן לאַגער, איז ער — גייענדיק צוריק פון שטעטל מיט די פּראָדוקטן — אָפּגעטראָטן נאָך מיר און האָט מיך מיטגענומען צום צוקונפט־לאַגער.

דער דאָזיקער לאַגער איז געווען איינגעאָרדנט פונקט ווי דער סקיף־לאַגער. מען האָט מיך דאָרט שיין אויפגענומען. העגעך רוס, דער וויצע־קאָמענדאַנט האָט מיך באַגריסט (ער איז אומגעקומען בעתן אַנטלויפן פון אַ נאַצישן לאַגער אין סקאַרזשיסק). איך האָב זיי געענטפערט. איך געדענק נאָך ווי היינט וואָס איך האָב געזאָגט. איך האָב גערעדט וועגן קאָלירן: וועגן די בלויע בלוזן און רויטע קראַוואַטן פון די לאַגעריסטן, וואָס שלאָגן זיך אָפּ אויפן פאָן פון דער גרינקייט פון די נאָדל־ביימער און פון דער אָזערע (דער צוקונפט־לאַגער איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ברעג פון אַ קליינער אָזערע, וואָס איז געלעגן פאַרמאַכט צווישן געדיכטע נאָדל־וועלדער).

פאַר נאַכט בין איך אַוועק צוריק קיין וואַרשע. די קנאַפּע צוויי טעג, וואָס איך האָב אין 1932 פאַרברענגט אויף די צוויי בונדישע יוגנט־לאַגערן האָבן אויף מיר איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן, טיפן איינדרוק.

קאַפּיטל 60

דער בעקער־פאַראיין קערט זיך אָפּ פון די קאָמוניסטן; דער מאָרד איבער נויערמאַנען

די אַנטי־בונדישע אָנפאַלן פון די קאָמוניסטן, און די ווילדע שטרייקן, וואָס זיי פלעגן כסדר אָרגאַניזירן קעגן דעם ווילן פון די אַרבעטער, האָבן אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. סוף־כל־סוף האָט דאָס אָנגעהויבן אַרויסרופן אַ שטאַרקן ווידערווילן אַפילו ביי אַרבעטער וואָס האָבן געהערט צו זייערע פאַראיינען. עס זיינען זיי דערעסן געוואָרן די שטרייקן אָן אַ זינען און אָן די מינדסטע אויסזיכטן אויף דערפאָלג, שטרייקן, אַרויסגערופן בלויז מיטן צוועק צו צעברעכן די סאָציאַליסטישע פאַראיינען און צו שיקן האָפּערדיקע באַריכטן קיין מאָסקווע. אין די פאַראיינען, וואו די קאָמוניסטן האָבן ניט געהאַט קיין דעה, האָט מען זיך מיט אַלע כוחות קעגנגעשטעלט קעגן זייער דעסטרוקטיווער אַרבעט, אָבער די פאַראיינען וואָס זיינען געלעגן אין זייערע הענט האָבן זיי אַליין פשוט רואינירט מיט די דאָזיקע אומגליקלעכע שטרייקן.

אַזאַ שווערער קרבן פון דער ווילדער קאָמוניסטישער טאַקטיק איז געווען דער בעקער־פאַראיין. דער פאַראיין האָט פאַרלוירן יעדן קאָנטראָל איבער דעם אַרבעט־מאַרק. די גאַנצע סיסטעם פון אַן אָרגאַניזירטער פאַרטיילונג פון „פּיראַנטער" איז זיך פונאַנדערגעפאַלן. יעדער אַרבעטער האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט. די בעקערייען זיינען געווען פול מיט „סקעבביקעס" (די בעקער האָבן זינט לאַנגע יאָרן אַזוי גערופן די ניט־אָרגאַניזירטע מיטגלידער); עס זיינען בכלל געווען אַ סך „פאַרסקעבטע" בעקערייען, איבער וועלכע דער פאַראיין האָט אין גאַנצן קיין קאָנטראָל ניט געהאַט. די לוינען פון די בעקער־אַרבעטער זיינען שטאַרק געפאַלן.

דעמאָלט, אַרום האַרבסט 1931, איז אַ גרופּע אומפּאַרטייאישע בעקער־אַרבעטער געקומען צום וואַרשעווער צענטראַל־ראַט פון די (יידישע) פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען ער זאָל צוריק איבערנעמען דעם פאַראיין און אויף דאָס ניי אים איבעראָרגאַניזירן. מיט אַנדערע ווערטער: זיי האָבן געבעטן, דער בונד זאָל צוריק איבערנעמען דעם פאַראיין און צוריק שטעלן אים אויף די פיס. מען מוז צוגעבן, אַז דער פאָרשלאָג איז ניט געקומען ווי פון הימל אַראָפּ. די גאַנצע צייט, וואָס דער פאַראיין האָט זיך געפונען אונטער דעם קאָמוניסטישן קאָנטראָל, איז די בונדישע גרופּע געווען דאָרט זייער אַקטיוו ווי אַן אָפּאָזיציע. די בונדיסטן זיינען פון פאַראיין ניט אַרויסגעטראָטן, זיי זיינען פאַרבליבן לאָיאַלע מיטגלידער, זיי האָבן אויסגעפירט

אַלע באַשלוסן פון פאַראיין, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי געפירט אַ דעצי־דירטן קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער ממשלה. אויף אַלע פאַרזאַמלונגען זיינען זיי אַרויסגעטראָטן און דרייסט אָנגעוויזן אויף די פאַלשע האַנדלונגען און פאַלשע באַשלוסן, אויף דער רואינירנדיקער ווירקונג פון די קאָמוניסטן. דער פאָרזיצער פון דער בונדישער גרופע, מלך ציגעלמאַן, יאַנקל פרימערמאַן און אַנדערע אַקטיווע בונדיסטן, אָדער מלך טעיוועלס, (מלך פרידמאַן, אַן אומפאַרטייאישער, געפינט זיך היינט אין אַמעריקע), זיינען ניט מיד געוואָרן אין זייער קריטיק פון די שעדלעכע גענג פון פאַראיין. עס האָט אָבער געמוזט נעמען היפשע עטלעכע יאָר ביז אַ גרויסער טייל בעקער האָבן זיך איבער־ציגט ווי גערעכט די בונדיסטן זיינען. דעמאָלט זיינען זיי געקומען צו דער בונדישער גרופע און איר פאַרגעלייגט: לאָמיר צוזאַמען זיך ווענדן צום צענטראַל־ראַט, ער זאָל אונז צוריק אַריינגעמען. (ווען די קאָמוניסטן האָבן פאַרכאַפּט דעם בעקער־פאַראיין, איז דער פאַראיין, אונטער זייער דרוק, אַרויסגעטראָטן פון צענטראַל־ראַט).

עס איז ענדלעך געשאַפן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון בעקער־אַרבעטער און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ נייער בעקער־פאַראיין, וואָס האָט צום ערשטן געהאַט זיין צייטווייליקן זיצאָרט אויף לעשנאָ 19 (אין לאָקאַל פון לעדער־אַרבעטער־פאַראיין) און שפּעטער האָט ער איבערגענומען דעם לאָ־קאַל פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַראיין אויף מילנע 7 (בעת די האַנדלס־אָנגעשטעלטע האָבן זיך איבערגעצויגן אין אַ גרעסערן לאָקאַל, אויף זאַמענ־האָף 5). אויפן פּאָסטן פון סעקרעטאַר פון נייעם בעקער־פאַראיין איז אָנגאַ־זשירט געוואָרן סאַלעק (זלמן) ליכטענשטיין, וואָס איז אין יאָר 1925 געקומען קיין וואַרשע פון וולאָצלאַוועק, וואו ער איז געווען אַן אַקטיווער צוקונפט־טוער. אין וואַרשע האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט און האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פעאיקן און ענערגישן פּראָפעסיאָ־נעלן טוער. ער איז געוואָרן סעקרעטאַר פון דער צענטראַלע פון דרוקער־פאַראיין, און נאָך דעם — סעקרעטאַר פון דער לעדער־צענטראַלע. איצט האָט מען אים איבערגעגעבן דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון נייעם בעקער־פאַראיין. ס'איז אים פאַרגעשטאַנען אַ שווערע אַרבעט און אַ ביטערער קאַמף מיט די קאָמוניסטן. ער האָט זיין אויפגאַבע גוט אויסגעפירט. (איצט לעבט ער אין אַמעריקע און איז אַ באַאַמטער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט).

ווען דער נייער בעקער־פאַראיין איז געשאַפן געוואָרן, זיינען די קאָ־מוניסטן אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן גרימצאָרן. זיי האָבן רעאַגירט אויף זייער שטייגער — מיט אַ נייער סעריע אַנטיבונדישע אָנפאַלן, קריגערייען און זידלערייען. ווען דאָס האָט קנאַפּ געהאָלפן, האָבן זיי אָנגעהויבן סטראַשען, אַז „קעפּ וועלן פאַלן". און אין גיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן דאָס געמיינט אויף אַן אמת.

דער נייער בעקער־פאַראיין האָט צוריק באַנייט די אַלטע, נאָרמאַלע פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט. ער האָט קודם־כל צוריקגעשטעלט אַ יושרדיקע סיסטעם פון צעטיילן „פייראַנטער" פאַר די אַרבעטסלאָזע (אין קאָמוניסטישן

פאַראיין איז דאָס שוין געווען ניט מער ווי אַ פיקציע). צו דעם צוועק האָבן די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער פון דעם נייעם פאַראיין יעדע נאַכט באַזוכט די בעקערייען און קאָנטראָלירט צי די צוגעשיקטע אַרבעטסלאָזע אויף „פריי־ ראַנטער" זיינען טאַקע צוגעלאָזן געוואָרן צו דער אַרבעט. איינער פון די אַקטיווסטע פאַרוואַלטונג־מיטגלידער פון נייעם פאַראיין, אברהם נויערמאַן, — אַן אומפּאַרטייאישער — איז שבת ביי נאַכט, דעם 7טן נאָוועמבער, 1931, געגאַנגען איבער אַ ריי בעקערייען אויף אַזאַ „פריראַנט"־קאָנטראָל. פּלוצלונג, ווען ער איז אַרויס פון אַ בעקעריי אויף מילע גאַס, זיינען אַ גרופּע קאָמוניסטן אים באַפאַלן, אים געזידלט און באַליידיקט און איין קאָמוניסטישער יוגנט־ לעכער (ניט קיין בעקער־אַרבעטער) האָט אים נאָכגעלאָזט אַ פּאַטש און גיך אַנטלאָפן. דאָס איז געווען אַ באַשיימפּערלעכע וואָרנונג, אַז די קאָמוניסטן גרייטן זיך אויף עפּעס.

צו מאָרגנס, זונטיק, זיינען מיר אַ גאַנצן טאָג געווען אויף דער וואָך אין לאָקאַל פון פאַראיין. ווען ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט איז טאַקע געקומען אַ ידיעה אַז מען זעט אַ סך קאָמוניסטישע „שטאַרקע" און „וואוילע יונגען" אויף מילע גאַס, ביי דער בעקעריי פון טוביה „סמאָלוד" (טוביה לעשנאָ). סאַלעק ליכטענשטיין און איך, מיט נאָך עטלעכע מענטשן, זיינען אַהין אַוועק. מיר האָבן זיך גוט אַרומגעקוקט און מיר האָבן קיינעם ניט געזען. מיר זיינען אַריין אין דער בעקעריי און איבערגעפרעגט די אַרבעטער, האָבן זיי געזאָגט אַז זיי האָבן ניט געזען קיין שום זאַך וואָס זאָל אַרויסרופן אַ חשד. זיינען מיר צוריק אַוועק אין פאַראיין צופרידענע, אַז דער אַלאַרם איז געווען אַ פאַלשער. אָבער — דער אַלאַרם איז שוין גאָר ניט געווען קיין פאַלשער!

ווען נויערמאַן האָט זונטיק — נאָך זיין שבתדיקן פאַרפאַל — פאַרענדיקט די אַרבעט אין זיין בעקעריי, איז ער ניט אַהיים געגאַנגען, נאָר ער איז גלייך פון דער אַרבעט ווידער אַ מאָל געגאַנגען אויף קאָנטראָל איבער אַ ריי בעקערייען. געווען איז דאָס אַרום 7 אָוונט. ווען ער איז אין אַ געוויסן מאָמענט אַרויס פון דער סמאָטשע און אַריין אין דער מילע גאַס, האָט ער דערזען אַ חברה קאָמוניסטן. ער האָט אַ פּנים פאַרשטאַנען אַז דאָס וואַרטן זיי אים אָפּ, האָט ער גיך פאַרקירעוועט צו דער בעקעריי פון טוביה לעשנאָ אויף מילע 59. און דאָ — נאָענט פאַרן אַריינגאַנג אין הויף פון דער בעקעריי איז ער באַשאָטן געוואָרן מיט אַ האָגל קוילן און איז געפאַלן אויף דער גאַס אין אַ קאַלוזשע בלוט. צוויי חברים, וואָס האָבן זיך גראָד געפונען ניט ווייט און האָבן געהערט אַ שיסעריי, זיינען באַלד צוגעלאָפן צו דעם אָרט און דערזעענדיק נויער־ מאַנען אין אַ טייך בלוט האָבן זיי תיכף געכאַפּט אַ טאַקסי און אים אַוועק־ געפירט אין דער „גיכער הילף". אויפן וועג איז ער שוין ניט געווען ביים באַוואוסטזיין. ער איז געשטאָרבן גלייך ווי מען האָט אים אַריינגעברענגט אין דער „גיכער הילף" נאָך איידער דער דאָקטאָר האָט באַוויזן צו געבן אים וועלכע ס'איז הילף.

דער אומשולדיקער קאָמוניסטישער קרבן איז אַלט געווען אין גאַנצן 32 יאָר, ער האָט איבערגעלאָזט אַן אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער...

די ידיעה וועגן דעם שרעקלעכן מאָרד האָט זיך תיכף פאַרשפּרייט איבער אַלע אַרבעטער־לאָקאַלן. ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלן וואָס פאַר אַן אויפרעגונג דער פאַרברעכן האָט אַרויסגערופן. אַ לאַנגע צייט האָב איך מיר ניט געקענט מוחל זיין, וואָס מיר זיינען אַזוי גיך אַוועק פונם פריער דערמאָנטן אָרט, נאָך דעם ווי מען האָט אונז אַלאַרמירט, אַז מען זעט דאָרט קאָמוניסטישע שלעגער. מיר האָבן עס געטאָן פשוט דערפאַר, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ שטאַרקן ווידערווילן צו די אַלע געשלעגן, און מיר זיינען געווען צופרידן, וואָס דער אַלאַרם איז אַ פאַלשער. וועמען האָט געקענט איינפאַלן אַז די קאָמוניסטן האָבן, נאָכן דערזען אונז פון דער ווייטנס, זיך באַהאַלטן און ווייטער געלויערט אויף זייער קרבן ?!

פאַר דעם פאַראיין און אויך פאַר דער פּאַרטיי האָט זיך איצט געשטעלט אַ פּיינלעכע פראַגע: ווי אַזוי רעאַגירן אויף דעם דאָזיקן קאַלטבלוטיקן מאָרד?

נאָך אַ מיינונגס־אויסטויש אין די פּאַרטיי־אינסטאַנצן זיינען מיר געקומען צום איינשטימיקן באַשלוס אַז דאָס מאָל דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פון נקמה, ווי גערעכט אַזאַ נקמה זאָל ניט זיין, ווייל דאָס ליגט ניט אין די העכערע אינטערעסן פון דער גאַנצער באַוועגונג. עס איז אונז קלאָר געווען וואָס עס איז געווען דער ציל פון די קאָמוניסטן מיט דעם קאַלט־אויסגערעכנטן מאָרד: זיי האָבן געוואָלט אַרויסרופן אַ קעגנזייטיקע בלוט־פאַרגיסונג, וואָס זאָל דערפירן צו כאַאָס, צו דער צעפאַלונג און דעמאָראַליזאַציע פון נייעם פאַראיין. זייער ציל איז געווען: אויב דער בעקער־פאַראיין איז אַוועק פון זיי, זאָל שוין בעסער אין גאַנצן קיין פאַראיין ניט זיין, אין בלוט זאָל ער דערטרונקען ווערן. אָבער אונזער ציל איז געווען אַ פאַרקערטער: מיר האָבן געוואָלט באַפעסטיקן דעם נייעם בעקער־פאַראיין. די קאָמוניסטן האָבן מיטן מאָרד איבער נויערמאַנען אויך געוואָלט אָפּשרעקן די אַרבעטער וואָס גייען פון זיי אַוועק, אַז זיי קענען דערפאַר באַצאָלן מיטן לעבן. אָבער דער מאָרד האָט געבראַכט דאָס קאַפּויערדיקע: די בעקער האָבן אָנגעהויבן געשווינדער אַנטלויפן פון קאָמוניסטישן פאַראיין און ער איז זיך גיך אין גאַנצן צעפאַלן. פאַמעלעך אָבער סיסטעמאַטיש האָט דער נייער פאַראיין זיך פעסט פאַרוואָרצלט און צוריקגעפירט די אַרבעט־באַדינגונגען אין בעקער־פאַך צו אַ נאָרמאַלן מצב.

די פּאָליציי האָט באַלד אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג און געזוכט דעם מערדער. אין מיטן דעצעמבער האָט זי אים געכאַפּט אין דאַנציק, וואוהין ער איז אַנטלאָפן באַלד נאָכן מאָרד. דאָס איז געווען אַ קאָמוניסט, אַ געוויסער שמחה לוקסענבורג („שמחה פאַרך” האָט מען אים גערופן), אַ בעקער־אַרבעטער, אַ „פערטע האַנט”. ווען ער איז געבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע, האָט ער פאַר דער אויספאָרשונג־מאַכט דערקלערט, אַז ער האָט טאַקע אויסגעפירט דעם מאָרד. אָבער געטאָן האָט ער עס אויף דער באַשטעלונג פון... מלך ציגעלמאַן, דעם פאָרזיצער פון נייעם (בונדישן) פאַראיין און פון פישל קויפמאַן, אַן אומפּאַרטייאישן פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דעם זעלבן פאַראיין. ווי אויסטערליש עס זאָל ניט קלינגען, האָט די פּאָליציי גענומען ערנסט די

דאָזיקע ווילדע אויסטראַכטעניש און האָט אַרעסטירט די ח״ח ציגעלמאַן און קויפמאַן אונטער דער באַשולדיקונג אַז זיי האָבן אָרגאַניזירט דעם מאָרד איבער זייער אייגענעם נאָענטן חבר, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיי אָרגאַניזירט דעם נייעם פאַראיין!

עס האָט גענומען אַ ביסל צייט ביז עס איז אויפגעוויזן געוואָרן די אומזיניקייט פון דער דאָזיקער ווילדער באַשולדיקונג; דעם 24־טן דעצעמבער זיינען די ח״ח ציגעלמאַן און קויפמאַן באַפרייט געוואָרן. דער מערדער לוקסענבורג האָט אויפן פּראָצעס באַקומען צען יאָר תפיסה.

די אלמנה און די יתומים נאָך חבר נויערמאַן זיינען אַ לאַנגע צייט אויסגעהאַלטן געוואָרן דורכן פאַראיין.

קאַפּיטל 61

נחום כאַנינס באַזוך אין וואַרשע

בעת נחום כאַנין איז געווען אין וואַרשע אין 1928, איז ער אויך געקומען צו מיר פּערזענלעך צו גאַסט. ער האָט אונז געבראַכט אַ גרוס פון לוטשעס אַ קרוב אין אַמעריקע, פון דעם סעקרעטאַר פון די פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, מאָריס פיינסטאָן.

לכבוד כאַנינען האָט דער צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אָרגאַניזירט אַ קאָנפערענץ פון די פאַרוואַלטונגען און פאַך־קאָמיסיעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די קאָמוניסטן האָבן באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן כאַנינען קומען צום וואָרט. צו דער קאָנפערענץ האָבן זיי זיך שטאַרק מאָביליזירט. דאָס איז זיי ניט שווער אָנגעקומען, ווייל אין אַ טייל פאַראיינס־פאַרוואַלטונגען זיינען געווען קאָמוניסטישע מינדערהייטן; אויך אין אַ סך פאַך־קאָמיסיעס זיינען געזעסן קאָמוניסטן; אַזוי אַרום האָט אַ היפּשע צאָל פון זיי געהאַט אַ לעגאַלע מעגלעכקייט צו זיין אויף דער קאָנפערענץ. אחוץ דעם האָט זיך זיי איינגעגעבן אַריינצושמוגלען אַ ביסל קאָמוניסטן וואָס זיינען ניט געווען פאָרמעל באַרעכטיקט צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ. געקומען זיינען זיי, פאַרשטייט זיך, מיטן איינציקן צוועק צו טומלען און אַדורכצופירן זייער באַשלוס, אַז כאַנין זאָל אין וואַרשע ניט קומען צום וואָרט אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג. זיי האָבן אפילו אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן אויפרוף, אַז „דער סאָציאַל־פאַשיסט כאַנין" איז געקומען קיין וואַרשע צו גאַסט צו זיינע „חברים סאָציאַל־פאַשיסטן, די בונדיסטן", און מען טאָר ניט דערלאָזן צו דער „חרפּה", אַז אַט דער דאָזיקער „סאָציאַל־פאַשיסט" זאָל ריידן אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג!

די קאָנפערענץ, צו וועלכער ס'זיינען געקומען עטלעכע הונדערט מענטשן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָקאַל פון טראַנספּאָרט־פאַראיין אויף נאַלעווקי 2 (סימאָנס פּאַסאַזש). ווען דער פאָרזיצער ח' נ. בוימגאַרטן האָט געמאָלדן, אַז ער גיט אַ וואָרט דעם גאַסט, ח' כאַנינען, איז געוואָרן אַ געשריי: „ער וועט ניט ריידן". יעדעס מאָל, ווען ס'איז אַ ביסל שטילער געוואָרן און דער פאָרזיצער האָט אויף דאָס ניי געגעבן אַ וואָרט כאַנינען, האָט דער טומל באַלד זיך צוריק אָנגעהויבן. דאָס האָט געדויערט אַרום 15 מינוט. דער פאָרזיצער האָט אַפּעלירט צו די קאָמוניסטן, זיי זאָלן לאָזן רואיק אַדורכפירן די קאָנפערענץ, אָבער זיי האָבן זיך דערפון אויסגעלאַכט.

דעמאָלט בין איך אַרויף אויף דער טריבונע און געוואָרנט די קאָמוניסטן,

אַז אויב זיי וועלן זיך ניט תיכּף באַרואיקן וועט מען זיי באַזייטיקן פון זאַל, מען גיט זיי אויף דעם 5 מינוט צייט. נאָך די 5 מינוט האָט דער פאָרזיצער ווידער אַ מאָל געגעבן דאָס וואָרט כאַנינען, האָבן די קאָמוניסטן ווייטער אויפגעהויבן אַ טומל און געשריי. דעמאָלט האָט מען איבערגעריסן די פאַרזאַמלונג אויף 10 מינוט. מיר האָבן געבעטן דעם גאַנצן עולם צו בלייבן אויף די ערטער. מיר האָבן די גאַנצע צייט גוט אָבסערווירט דעם זאַל און מיר האָבן געוואוסט ווער די הויפּט־שרייער זיינען, האָבן מיר זיי באַזייטיקט פון זאַל. די פּאָר פּראָפעסיאָנעלע שלעגער, וואָס די קאָמוניסטן האָבן מיטגעברענגט, האָבן גאָר ניט געקענט אויפטאָן, ווייל מיר האָבן געבעטן דעם גאַנצן עולם זיצן רואיק און די חברה שלעגער האָבן ניט געקענט פון הינטערן־אַרום באַפאַלן מענטשן, און אָפן, אין די אויגן פון אַלעמען, כאַפּן זיך שלאָגן האָבן זיי ניט געהאַט קיין העזה, ווייל זיי זיינען געווען סוף־כל־סוף אַ קליינע מינדערהייט. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן מיר באַזייטיקט אַלע קאָמוניסטישע שרייער פון זאַל. דער פאָרזיצער האָט צוריק געעפנט די קאָנפערענץ. כאַנין האָט שוין געקענט ריידן אומגעשטערט און קיינער האָט אים מער ניט איבערגעריסן. (עס זיינען נאָך פאַרבליבן אַ ביסל קאָמוניסטן אין זאַל, אָבער זיי האָבן זיך שוין פאַרהאַלטן רואיק). די קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט אין אָרדענונג.

אָבער מיט דעם האָט זיך עס ניט געענדיקט. אונזערער אַ חבר, אַ מיליציאָנער, וואָס האָט געהאַט אַ ברודער אַ קאָמוניסט, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז לויט די רייד פון זיין ברודער דאַרף מען זיך ריכטן דערויף, אַז די קאָמוניסטן וועלן מאַכן אויף כאַנינען אַן ערנסטן איבערפאַל. איך האָב אָנגעהויבן נאָכפאָרשן די זאַך דורך אַנדערע חברים וואָס האָבן געהאַט דירעקטע אָדער אומדירעקטע קאָנטאַקטן מיט קאָמוניסטישע קרייזן (דורך משפחה, באַקאַנטע) און די ידיעה האָט זיך באַשטעטיקט פון אַ סך זייטן. איך האָב דעמאָלט וועגן דעם איבערגעגעבן אונזערע פאַרטיי־אינסטאַנצן. מיר האָבן באַשלאָסן אָנצוהויבן היטן כאַנינען, אָבער מיר האָבן אים גאָר ניט דערציילט וועגן דעם.

אונטערן תירוץ, אַז איך וויל אים וויזן וואַרשע, האָב איך דערנאָך פאַרבראַכט מיט אים גאַנצע טעג. ער אַליין האָט זיך טאַקע אויך שטאַרק אינטערעסירט מיט וואַרשע. איך האָב אים געוויזן די אָרעמע יידישע געגנטן, די גרויסע יידישע האַנדלס־צענטערס, די פּוילישע קוואַרטאַלן, אינטערעסאַנטע וואַרשעווער אַלטערטימלעכקייטן, אַזוי אַז ביי אים איז אין גאַנצן קיין שום חשד ניט אויפגעקומען, אַז דאָס היט איך אים גאָר. אחוץ מיר זיינען פון דער ווייטנס כּסדר אים נאָכגעגאַנגען עטלעכע אונזערע מיליציאָנערן; אַזוי ווי ער האָט זיי ניט געקענט, האָט ער וועגן דעם אוודאי קיין אַנונג ניט געהאַט. ווען איך פלעג זיך געזעגענען מיט אים, פלעגן די אָרדענער נאָך פאַרבלייבן און אים היטן פון דער ווייטנס. 7 אַ זייגער אין דער פרי זיינען שוין עטלעכע אָרדענער געווען נאָענט פון זיין האָטעל. די גרופּע היטער האָט זיך געטוישט עטלעכע מאָל אין טאָג. אפילו ווען ער איז געגאַנגען צו גאַסט פּריוואַט, האָט האָט מען אים פון דער ווייטנס באַגלייט — און מען האָט אים טאַקע פאַרהיט. מיר

האָבן אָבער כאַנינען וועגן דעם ניט דערציילט, אפילו ווען ער האָט שוין פאַר־לאָזט וואַרשע.

כאַנין האָט ביי אונז געהאַט נאָך איין עפנטלעכע אַרויסטרעטונג. גראָד אין דער צייט וואָס ער איז געווען אין וואַרשע, איז דאָרט פאָרגעקומען אַ ראַיאָן־צוזאַמענפלי פון יוגנט־בונד צוקונפט. עטלעכע טויזנט צוקונפטיסטן פון אַ גרויסער צאָל שטעט און שטעטלעך וואָס ליגן ניט צו ווייט פון וואַרשע, זיינען זיך „צוזאַמענגעפלויגן" קיין וואַרשע אויף עטלעכע טעג. די פייערלעכע עפענונג פון צוזאַמענפלי איז פאָרגעקומען אויפן ספּאָרט־פּלאַץ פון דער פּ.פּ.ס.־ישער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „סקראַ". כאַנין האָט דאָרט אויך גערעדט פאַר די טויזנטער פאַרזאַמלטע יוגנטלעכע בונדיסטן.

קאַפּיטל 62

דריי בלוטיקע אָנפאַלן אין איין טאָג

אין יענער צייט האָבן זיך די קאָמוניסטן פאַרליגט אויפן באַקלייד־פאַראיין. דאָס איז געווען דער גרעסטער יידישער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין און די פּאָליטישע ווירקונג פון בונד איז דאָרט געווען אַ פעסטע און דעצידירנדיקע. דער דאָזיקער שטאַרקסטער יידישער פאַראיין איז דעריבער ביי די קאָמוניסטן געווען ווי אַ דאָרן אין אויג און זיי האָבן דאָרטן אומאויפהערלעך פאַבריצירט שטרייקן, איינער אומזיניקער און חוצפּהדיקער פון צווייטן.

אין וואַרשע האָט עקזיסטירט אַ גרויסע שניידער־פאַבריק וואָס האָט געהערט צו אַ געוויסן וויקינסקי. די פאַבריק האָט געאַרבעט פאַרן מיליטער (זעלנערישע מונדירן, היטלען א. ד. גל.) און האָט באַשעפטיקט איבער 100 מאַן, אין די דעמאָלטיקע וואַרשעווער באַדינגונגען — אַ גרויסע אונטערנעמונג. די גאַנצע פאַבריק איז געווען אָרגאַניזירט אין באַקלייד־פאַראיין, בלויז אַ צוויי־דריי אַרבעטער (טאַקע ניט מער!) האָבן געהערט צום קאָמוניסטישן קאָנקורענץ־פאַראיינדל, וואָס איז געווען קליין און ראַכיטיש און וואָס די קאָמוניסטן האָבן אויפגעהאַלטן בלויז ווי אַ שפּרונג־ברעט אין קאַמף קעגן באַקלייד־פאַראיין און קעגן בונד.

סוף ווינטער 1932 האָבן די קאָמוניסטן — אין נאָמען פון זייערע 2־3 אָנהענגער! — דערקלערט אין דער פאַבריק אַ שטרייק. ווידער אַ מאָל: איבער די קעפּ פון די פאַבריק־אַרבעטער און פון זייער פאַראיין. פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעטער און דער באַקלייד־פאַראיין האָבן ניט געוואָלט הערן וועגן דעם אָנגעוואָרפענעם קאָמוניסטישן שטרייק. זיינען די קאָמוניסטן געקומען מיט זייערע „שטאַרקע" און — ווי ביי אַנדערע ענלעכע שטרייקן זייערע — געוואָלט מיט כוח צווינגען די אַרבעטער זיי זאָלן וואַרפן די אַרבעט. די ערשטע פּאָר טעג, כל־זמן דער קאָנפליקט איז פאַרגעקומען אין די ראַמען פון פאַך, האָבן מיר זיך ניט אַריינגעמישט. אָבער ווען מיר האָבן געזען, אַז די קאָמוניסטן הייבן אָן ברענגען טאָג־טעגלעך זייערע „שטאַרקע", די קוילן־טרעגער מיט שמחה מאַטשן, דוד מילנערן און ליבוניו בראש, כדי צו טעראָריזירן די אַרבעטער פון וויקינסקיס פאַבריק, האָט די בונדישע מיליץ — אגב, אויף דער ווענדונג פון באַקלייד־פאַראיין — זיך שוין געמוזט אַריינמישן. די רייבונגען און צוזאַמענשטויסן אַרום דער פאַבריק זיינען פאַרגעקומען טאָג־טעגלעך און זיינען געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ שאַרפער.

אַ געוויסן פרימאָרגן, דאָס איז געווען דעם 26־טן פעברואַר 1932, איז

אויסגעבראָכן אַ גרויסע אַוואַנטורע נאָענט פון דער פאַבריק אויף דער אייזן־גאַס. דאָס געשלעג איז גיך אַריבער אין אַ שיסעריי פון גאַס צו גאַס און די קאַמפן האָבן אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, אַזוי אַז פאַר נאַכט צו האָט מען זיך שוין געשלאָגן אַזש ביי דער מאַריאַנסקע און טוואַרדע גאַס — אַ ווייטער מהלך פון דעם אָרט , וואו די פאַבריק האָט זיך געפונען.

און ווידער אַ מאָל האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די מאָדנע האַלטונג פון דער פּאָליציי. כאָטש דאָס געשלעג איז אָנגעגאַנגען אין מיטן העלן טאָג און דערצו נאָך אין זייער באַלעבאַטע גאַסן, האָט מען די גאַנצע צייט ניט געזען קיין פּאָליציאַנט פאַר אַ רפואה.

פאַר נאַכט בין איך אַהיים געקומען אַ מידער און אויסגעמאַטערטער מיט צעשרויפטע נערוון פון אַ גאַנצן טאָג געשלעגן און שיסערייען. איך האָב דעמאָלט געוואוינט אויף סענאַטאָרסקע גאַס, נאָענט פון מיאָדאָווע. איך האָב זיך פאַרמאַכט אין מיין צימער. כ׳האָב זיך צוגעלייגט און די גאַנצע צייט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, געטראַכט וועגן דער טראַגישער סיטואַציע, אין וועלכער די קאָמוניסטן האָבן אונז אַריינגעצויגן: אַרבעטער־סאָלידאַריטעט איז ביי אונז אַלע מאָל געווען אַ הייליקער פּרינציפּ, אַ גרונט־יסוד פון אונזער פּאָליטישן אני־מאמין — און איצט צווינגען אונז די קאָמוניסטן צו טאָג־טעגלעכע געשלעגן צווישן אַרבעטער און אַרבעטער. דער שכל האָט געזאָגט, אַז אַנדערש קענען מיר ניט האַנדלען: די קאָמוניסטן ווילן אונז אונטערברענגען, זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום מיטלען, אפילו ניט פאַר פּשוטן מאָרד, וואָלט דאָך געווען פון אונזער זייט מער ווי נאַריש צוצוקוקן זיך פּאַסיוו ווי די קאָמוניסטן מאַכן אַ תל פון אונזער באַוועגונג און פּאַגראָמירן אונזער האָב און גוטס; מיר מוזן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אָבער יעדעס מאָל, ווען די קאָמוניסטן האָבן אונז געצוואונגען צו פאַרטיידיקן זיך מיט די זעלבע מיטלען ווי זיי אַטאַקירן אונז, האָבן מיר דאָס געטאָן מיט אַ שווער האַרץ, מיטן גרעסטן ווידערווילן, ווי אַ ביטערן מוז, פון וועלכן מיר קענען ניט — הגם מיר וואָלטן געוואָלט — פּטור ווערן.

ליגנדיק און טראַכטנדיק וועגן דער טראַגישער סיטואַציע זע איך: עס עפנט זיך פּלוצלונג די טיר און עס קומט אַריין יאָסל גוטגאָלד. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען אַז עפּעס אַן ערנסטע זאַך איז געשען. יאָסל האָט אין איין אָטעם מיר דערציילט, אַז נאָר וואָס זיינען די קאָמוניסטן באַפאַלן אונזער פאַרטיי־לאָקאַל אויף פּשעיאַזד 9 (אַרבעטער־ווינקל); זיי זיינען באַפאַלן אונזערע חברים וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן פאַרן טויער און אויף די שטיגן און זיי האָבן דורך דער טיר אַריינגעשאָסן אין לאָקאַל. מיר זיינען ביידע גלייך אַהין אַוועק. ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום עק דלוגע גאַס, אַנטקעגנאיבער דעם פּשעיאַזד, האָבן מיר געזען באַקאַנטע קאָמוניסטישע חברה־לייט אויף דער גאַס, אָבער ווען זיי האָבן אונז דערזען האָבן זיי זיך תיכף אָפּגעטראָגן.

געשען איז אָט וואָס:

פאַר נאַכט, ווען אין אונזער לאָקאַל זיינען געווען נאָך ווייניק מענטשן, האָבן די קאָמוניסטן געמאַכט אַן אָנפאַל אויפן בונדישן קלוב. אויף די שטיגן

האָבן זיי אָנגעטראָפן אַראָפּגייענדיק אַ פּאָר יוגנטלעכע צוקונפט־טוער, זייַנען די קאָמוניסטן זיי באַפאַלן. איינער (שטיינמאַן) האָט באַקומען אַ טיפן שטאָך מיט אַ מעסער און צוויי קוילן, אַ צווייטער (יאַבלאָנקע) האָט געקריגן אַזש 9 מעסער־שטעך און אַ קויל. צום גליק האָבן די קוילן זיי ניט שווער פאַרוואונדעט. אויף זייער געשריי, וואָס האָט זיך געהערט פון די שטיגן, און אויף דער שיסערייַ איז אין ווינקל געוואָרן אַן אַלאַרם. די עטלעכע מענטשן וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין לאָקאַל (יאַנקל גאָלדשאַל, אַן אָנגעשטעלטער פון אַרבעטער־ווינקל (איצט אין פּאַריז), שעפּסל מאָסאָק, וואָס האָט געהאַלטן דעם בופעט, יאָסל גוטגאָלד און נאָך אַנדערע — זייַנען צוגעלאָפן צו די פענצטער (וואָס זייַנען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס) און זיי האָבן דערזען די כאַפּטע קאָמוניסטן, וואָס שפּאַרן זיך אַריין אין טויער. זיי זייַנען צוגעלאָפן צו דער טיר, זי פאַרשלאָסן און מיט אַלע כוחות צוגעהאַלטן, די קאָמוניסטן זאָלן זי ניט קענען אויפרייסן. די קאָמוניסטן האָבן טאַקע געפּרוּווט אויפרייסן די טיר אָבער ווען עס איז ניט געגאַנגען האָבן זיי אַ היפּשע ביסל קוילן אַרייַנגעשאָסן אין דער טיר, זיי האָבן נאָך אַ ביסל געסקאַנדאַלעוועט הינטער דער טיר און אַוועק אויף דער גאַס.

דאָס איז געווען — אחוץ די געשלעגן אַרום דער דערמאָנטער שניידערייַ־פאַבריק — איין בלוטיקער קאָמוניסטישער איבערפאַל אין דעם טאָג. און איצט — אַ צווייטער.

דעם זעלבן טאָג, אַרום האַלב 9 אָוונט, איז הערשל הימלפאַרב, דער סעקרע־טאַר פון באַקלייד־פאַראיין, געגאַנגען אין פאַראיינס־לאָקאַל צוזאַמען מיט בעניעק ווייצמאַנען, אַ צוקונפט־טוער און וויצע־פאָרזיצער פון דער יוגנט־סעקציע אין באַקלייד־פאַראיין. אויף עק פשעיאַזד און נאָוואָליפּקי זייַנען די קאָמוניסטן באַפאַלן הערשלען פון הינטן, זיי האָבן אים אַרייַנגעשטאָכן עטלעכע מעסערס, און ווען ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד אַ פאַרבלוטיקטער, האָבן זיי אים נאָך אַלץ געשלאָגן און געשטאָכן.

מען האָט הערשלען באַלד אָוועקגעפירט צו מנחם ראָזענבוימען, דעם פאָרזיצער פון וואַרשעווער באַקלייד־פאַראיין (איצט אין ניו־יאָרק), וואָס האָט געוואוינט אויף קאַרמעליצקע 6, נאָענט פונם אָרט פון אָנפאַל. מען האָט תיכף אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר וואָס האָט אים געגעבן די ערשטע הילף. עס האָט געפעלט אַ האָר, ער זאָל האָבן דורכגעלעכערטע לונגען.

אָבער די קאָמוניסטן האָבן זיך נאָך ניט באַרויִקט. באַלד איז געקומען זייערער אַ דריטער אָנפאַל. אַ ביסל שפּעטער האָבן זיי אויף נאָוואָליפּקי גאַס אָנגעטראָפן הערשל זיגאַסן, אַ פונקציאָנאַר פון באַקלייד־פאַראיין (היינט אין ניו־יאָרק, אַן אָנגעשטעלטער אין אַרבעטער־רינג), אויך ער איז געגאַנגען אין פאַראיין צו דער אַרבעט — האָבן זיי זיך געוואָרפן אויך אויף אים, אים שטאַרק צעשלאָגן, צעשטאָכן, געשפּאָלטן אים דעם קאָפּ און איבערגעלאָזט ליגן אין אַ שווערן צושטאַנד. זיגאַס איז לאַנגע וואָכן געלעגן קראַנק, די ערשטע צייט איז אפילו זייַן לעבן געווען אין סכנה.

די ידיעות וועגן די דאָזיקע קאָמוניסטישע אָנפאַלן, באַזונדערס וועגן דעם פּרואוו צו דערמאָרדן הערשלען, האָבן זיך תיכף פאַרשפּרייט צווישן די יידישע אַרבעטער. דער צאָרן, ספּעציעל ביי די טויזנטער מיטגלידער פון באַקלייד־פאַראיין, איז געווען אומגעהויער גרויס. די פּאַרטיי האָט געדאַרפט אָנווענדן אַ שטאַרקן דרוק, כדי אָפּצוהאַלטן די בונדיסטן פון נקמה־אַקטן. די פראַגע פון נקמה איז אויך געשטאַנען אויף אַ זיצונג פון וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, ווייל פון אַלע זייטן האָבן בונדיסטן געפאָדערט — נקמה. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד האָט אָבער באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן צו נקמה־אַקטן, הגם אויך צווישן די קאָמיטעט־מיטגלידער זיינען געווען שטימען פאַר נקמה. אויך אין באַקלייד־פאַראיין איז געווען אַ שטאַרקע שטימונג, מען זאָל די קאָמוניסטן אָפּצאָלן פאַר זייערע שוידערלעכע טעראָר־אַקטן; מיר האָבן אָבער אויסגעאיבט אַ דרוק אויפן פאַראיין, ער זאָל דערצו ניט דערלאָזן. די פּאַרטיי האָט פאַרנומען אַ פעסטע שטעלונג, אַז אַ נקמה־אַקט קען בלויז נאָך מער פאַרשאַרפן די לאַגע, און אַזעלכע אָנפאַלן קאָמפּראָמיטירן אַזוי שטאַרק די קאָמוניסטן, אַז דאָס אַליין איז אַ גענוגנדיקע שטראָף פאַר זיי.

און עס איז אַ פאַקט: קיין שום נקמה־אַקט — פונקט ווי פריערביים פאַל נויערמאַן — איז ניט פאָרגעקומען. דער בונדישער עולם איז געווען דיסציפּלינירט.

קאַפּיטל 63

נסיונות און ספקות

יעדער אַקטיווער בונדישער טוער, יעדער פּאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַל האָט געהאַט זיינע דאגות און צרות. יעדערער האָט געהאַט אויסצושטיין שווערע קאַמפן און אויף יעדן איינעם האָבן געלויערט סכנות פון פאַרשיידענע זייטן. די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן, האָבן מיך ניט איין מאָל אויפגעטרייסלט.

איך האָב ניט געהאַט קיין ספקות וועגן דער וויכטיקייט און גערעכטיקייט פון דער אויפגאַבע, וואָס די פּאַרטיי האָט מיר אָנפאַרטרויט: צו שטיין אויף דער וואַך פון דער פיזישער זיכערקייט פון אונזערע לעבנס און פון אונזער באַוועגונג — קעגן אַלע אונזערע שונאים. ס׳האָט זיך אָבער טייל מאָל געשטעלט פאַר מיר אַ פראַגע: בין איך פערזענלעך בכוח אויסצוטראָגן אַזאַ שווערע אויפגאַבע, צי וועלן מיינע נערוון אויסהאַלטן?

איך בין כסדר געווען אין אַ פיזישער געפאַר: כסדר שלעגערייען, שיסע־רייען, יאַגענישן, אַ לעבן אין אַן אַטמאָספער פון שרעק, פּחד. שטענדיק האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז עמיצער גייט הינטער מיינע פּלייצעס און אָט־אָט ער גייט ער מיך באַפאַלן. טייל מאָל איז מיך באַפאַלן אַן אַנגסט: אפשר דאַרף איך זיך שוין אויסדרייען, ווייל ס׳איז די לעצטע מינוט אָפּצושלאָגן דעם אָנפאַל. אָבער דאָס געפיל, ווי אומאַנגענעם ס׳איז ניט געווען, האָט אויף מיר אַזוי שווער ניט געווירקט. איך וואָלט זיך געשעמט, ווען די פיזישע סכנות זאָלן געווען גורם זיין מיין אָפּזאָגן זיך פון פּאַרטיי־פּאָסטן, וואָס מ׳האָט מיר אָנפאַרטרויט. עמיצער אַנדערש וואָלט דאָך געמוזט איבערנעמען די אַרבעט, טאָ פאַר וואָס זאָל יענער גיכער איינשטעלן זיין הויט, ווי איך מיינע?

מער ווי אַלץ האָבן אויף מיין געמיט געדריקט די מאָראַלישע סכנות וואָס האָבן אויף מיר געלויערט. עס איז מיר זייער אָפט אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיט מענטשן, וואָס געלט האָט ביי זיי ניט געשפּילט קיין ראָלע, ביי וועמען טרינקען, הוליען, וואַרפן זיך מיט געלטער איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע זאַך. דער דרוק פון דער דאָזיקער וועלט אויף מיר איז געווען זייער אַ שטאַרקער. מען האָט מיר פאַרגעלייגט שותפות ביי פאַרשיידענע געשעפטן. מען האָט מיר פאַרגעלייגט געלט — און גרויסע סומעס געלט — כלומרשט ווי הלוואות. מען האָט מיך געוואָלט באַקליידן („זעט, חבר בערנאַרד, ווי איר גייט אָנגעטאָן, ס׳איז דאָך אַ חרפּה, קומט מיט מיר אַריין אין אַ געשעפט, כ׳וועל אייך אויס־קליידן, איר זאָלט אויסזען ווי אַ מענטש, קיינער וועט ניט וויסן״). א. אַז ווי.

טייל, אַ שטייגער די פליישער, האָבן דאָס געטאָן ניט מיט קיין שלעכטע כוונות. זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס איך בין אַזאַ „יאָלד" און כ'וויל בשום אופן ניט געניסן פון אַ חברישער „טובה". דער נסיון איז געווען נאָך גרעסער, ווייל איך בין אַליין שטענדיק געווען שטאַרק געענגט אין געלט און איך האָב געהאַט קוים אויסצוקומען מיט מיין פאַמיליע, און איך האָב ניט איין מאָל געקראָגן שטיצע פון מיין ברודער און מיינע שוועסטער אין אַמעריקע.

איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל ניט אויסהאַלטן דעם דרוק און כ'קען זיך איינברעכן. בפרט, אַז כ'האָב געוואוסט, אַז ס'איז גענוג צו מאַכן אַ קליינעם אָנהייב ... אַן אָפּשרעקנדיקער ביישפּיל זיינען פאַר מיר אין דעם פּרט געווען טייל מענטשן אין אַנדערע פאַרטייען אויף ענלעכע פּאָזיציעס. אָט אַ שטייגער — לאָקטעק. אַ געלערנטער מענטש, מיט אַ דאָקטאָר־טיטול, — און וואָס איז פון אים געוואָרן! בלויז דערפאַר ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין כוח קעגנצו־שטעלן זיך דעם דרוק פון דער האַלב־אונטערוועלט. „פון וואַנען ווייס איך, אַז איך וועל האָבן כוח? — טאָ לאָמיר אַנטלויפן באַצייטנס, כל־זמן ס'איז נאָך מעגלעך". נאָך לאַנגע טראַכטענישן און אינערלעכע ראַנגלענישן — האָב איך באַשלאָסן, אַז איך זאָל וואַרפן די אַרבעט און מעלדן וועגן דעם דער פּאַרטיי. וועמען זאָל איך דאָס זאָגן? — פאַרשטייט זיך, דעם ח' נח. בין איך אַוועק צו אים און מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפן אין אַ שטילער קאַפע.

מיר האָבן זיך געטראָפן אין צווייען. האָב איך פאַר אים אויסגעגאָסן מיין גאַנץ ביטער האַרץ. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין מורא פאַר זיך אַליין. איך האָב אים געבעטן, פשוט מיט טרערן אין די אויגן, מען זאָל מיך באַפרייען פון דער שווערער און נערוון־רייסנדיקער אַרבעט און מען זאָל מיר געבן אַן אַנדער פונקציע. חבר יוזעף (ווי מיר האָבן נחן גערופן אין פּוילן) האָט מיך די גאַנצע צייט אויפמערקזאַם אויסגעהערט, ער האָט מיר קיין איין מאָמענט ניט איבערגעריסן, און ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער אויף זיין שטייגער, רואיק און געלאַסן, געזאָגט:

אויב איר געפינט זיך אין אַזאַ צושטאַנד, וועט איר דאָך מוזן אַוועקגיי־ן פון דער אַרבעט, אָבער איך צווייפל צי איר דאַרפט דאָס טאָן. איר האָט דאָ דערמאָנט אַז פיזיש קען איך עפּעס געשען, אין אַזאַ פאַל איז ניטאָ קיין ברירה. מוז מען איך באַפרייען. אָבער איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דאָס שפּילט ניט ביי אייך די וויכטיקסטע ראָלע, אַז די וויכטיקסטע זאַך איז, וואָס איר האָט מורא פאַר ווערן דעמאָראַליזירט, קאָרומפּירט. זעט איר — פאַר דעם האָב איך ניט קיין מורא. איך ווייס, אַז אַזאַ געפאַר קען זיין, און ס'איז גוט וואָס איר שרעקט זיך דערפאַר, אָבער ווי לאַנג איר שרעקט זיך פאַר איר — באַדראָט זי אייך ניט. ס'וועט קיין מאָל ניט געשען דאָס, פאַר וואָס איר האָט מורא, איך גאַראַנטיר אייך. איך האָב ניט קיין מורא, איר זאָלט זיך אויסגליטשן!

האָב איך אים געפרעגט: ווי אַזוי קענט איר „גאַראַנטירן", אַז איך וועל זיך קיין מאָל ניט פאַרלירן, בעת איך אַליין בין ניט זיכער מיט זיך? אפשר וועט איר פאַרט פּרוּוון נעמען אַן אַנדער מענטש? — האָט ער געענטפערט: „נו, אַדרבא, רופט איר אַן אַ צווייטן קאַנדידאַט". איך האָב אָנגערופן עטלעכע

נעמען, האָט ח׳ נח געזאָגט: „איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז זיי טויגן ניט צו דער אַרבעט״. האָב איך געטענהט, אַז קיין שום פּאַרטיי־אַרבעט קען זיך ניט האַלטן אויף איין מענטש. האָט ער דערויף געענטפערט ציילנדיק יעדעס וואָרט, ווי ער פלעגט טאָן בעת ער האָט געוואָלט עפּעס באַטאָנען:

— קיין שום פּאַרטיי־אַרבעט קען זיך ניט האַלטן אויף איין מענטש. זי וועט געפירט ווערן אָן אייך, אָן מיר, אָן אַנדערע; ווען מיר וועלן שוין ניט זיין — וועט דער „בונד״ נאָך זיין. אָבער ווי לאַנג מיר זיינען דאָ, דאַרפן מיר טאָן אונזערס. בערנאַרד — האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לעבעדיקער — אונזער גורל איז פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג, זי שטעלט יעדן פון אונז אויף זיין פּאָסטן און מיר אַלע צוזאַמען טראָגן די מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט איינער פאַרן צווייטן. מיר ווייסן אַלע וואָס פאַר אַ שווערע אַרבעט איר טוט, איר ווייסט אַז מיר האָבן צו אייך דעם פולן צוטרוי. שטאַרקט זיך, קומט צו זיך, טוט ווייטער אייער אַרבעט!

וואָס זאָל איך לייקענען? דאָס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, האָט מיר טאַקע געהאָלפן צוריק געפינען מיין זיכערקייט און מיין גלויבן אין זיך.

אָבער ס׳איז געווען נאָך עמיצער וואָס האָט מיך געשטאַרקט, און זייער אָפט געשטאַרקט — דאָס איז געווען שלמה מענדעלסאָן.

קאַפּיטל 64

שלמה מענדעלסאָן

מיין פריינדשאַפט מיט שלמה מענדעלסאָנען איז געוואָרן אַ גרויס שטיק פון מיין לעבן. עס איז מיר שווער זיך פאַרצושטעלן די יאָרן, ווען עס האָט אונז פאַרבונדן אַזאַ אינטימע פריינדשאַפט, — אָן אים.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט שלמה מענדעלסאָנען איז געקומען בעתן צוויטן שול־צוזאַמענפאָר פון דער ציש״אָ, אין 1925. מען האָט זיך גע־ווענדט צו דער פּאַרטיי, אַז די בונדישע מיליץ זאָל העלפן האַלטן די אָרדענונג אויפן צוזאַמענפאָר. ביי יענער געלעגנהייט האָב איך צום ערשטן מאָל זיך באַ־קענט מיט מענדעלסאָנען. אַ צווייט מאָל איז מיר אויסגעקומען צו האָבן מיט אים אַ נענטערן קאָנטאַקט ווען דער ווילנער יידישער לערער־סעמינאַר איז גע־קומען קיין וואַרשע שפּילן אַן אַלטע „מכירת־יוסף־שפּיל״ (אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר מאַקס ווײַנרייך). די סעמינאַריסטן האָבן געשפּילט אין „צענטראַל״־טעאַטער און די ציש״אָ האָט זיך אויך דעמאָלט געווענדט, אַז אונזער מיליץ זאָל העלפן האַלטן די אָרדענונג.

די נענטערע באַקאַנטשאַפט האָט אויך געהאַט אַ שייכות צום צענטראַל־טעאַטער. איך בין געווען אַן אָפטער איינגייער אין דעם דאָזיקן טעאַטער און כ׳האָב זיך געקענט מיט אַ סך יידישע אַרטיסטן. דער צענטראַל־טעאַטער האָט זיך געפונען אויף לעשנאָ גאַס נומער 1, און אַנטקעגנאַיבער, אויף לעשנאָ 2, האָט זיך געפונען דער פּאָפּולערער רעסטאָראַן פון גערטנערן, וואו יידישע אַרטיסטן, שרייבער, געזעלשאַפטלעכע טוער זיינען געווען שטאַם־געסט (ווייל אין שכנות האָבן זיך געפונען אויך דער ליטעראַטן־פאַראיין, דער אַרטיסטן־פאַראיין א. אַנד.) נאָך די פאַרשטעלונגען פלעגט ש. מענדעלסאָן מיט זיין פרוי, דער באַקאַנטער אַרטיסטין קלאַרע סעגאַלאָוויטש, אָפט מאָל אַריינגיין צו גערט־נערן. איך, מיט אַ פּאָר באַקאַנטע אַרטיסטן, פלעגן אויך טאָן דאָס זעלבע, איז טייל מאָל אויסגעקומען אַז מען איז געגאַנגען צוזאַמען און געזעצט זיך צוזאַמען ביי איין טיש. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די נענטערע באַקאַנטשאַפט.

איך האָב שטענדיק צו מענדעלסאָנען אַרויפגעקוקט: איך פלעג אָפט באַזוכן זיינע פאָרלעזונגען, באַוואונדערן זיין גרויסן רעדנער־טאַלאַנט; זיינע לעקציעס וועגן פּרצן האָבן מיך פאַרכישופט. איך האָב געקענט פּרצן נאָך ביים לעבן און פּונקט ווי אַ סך בונדיסטן געהאַט אַ שטאַרקן סענטימענט פאַר אים. אָבער שלמה מענדעלסאָן האָט געמאָלן פאַר אונז פּרצן, ווי ער וואָלט גע־שטאַנען אויף אַ הויכן פּיעדעסטאַל און איך האָב אָנגעהויבן זען פּרצן גאָר אין אַ ניי ליכט. אָבער ביים טיש אין רעסטאָראַן האָב איך דערזען אַן אַנדער

שלמה מענדעלסאָן ווי אויף דער טריבונע. זיין וויציקייט און שפּרודלדיקע לעבעדיקייט האָבן מיך באַגייסטערט, זיין חכמה און שאַרפזיניקייט האָבן מיך איבערראַשט. וועגן וואָס מען זאָל ניט האָבן גערעדט, האָט זיינע אַ באַמערקונג, אַ ווערטל, אַ וויץ באַלד געגעבן יעדער זאַך אַ ניי פּנים. זיין שפּילעוודיקייט מיט ווערטער, זיין וואַרעמע ליטעראַרישע שטימע, אפילו זיין טאָן פון ריידן האָבן פאַרשאַפט פאַרגעניגן. זיצן מיט אים צוזאַמען אַ שעה־צוויי ביי אַ טישל און הערן אים „פירן טיש" — איז געווען פאַר מיר אַן איבערלעבונג.

האָב איך אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו זוכן זיין געזעלשאַפט, האָב אויסגענוצט פאַרשיידענע געלעגנהייטן, כדי צו זעצן זיך מיט אים ביי איין טישל. איך האָב באַמערקט, אַז אויך ער הייבט אָן אַרויסצואווייזן אַן אינטערעס צו מיר. „בערנאַרד, איר גייט מיט אונז?" — פלעגט ער מיר אַלץ אָפטער פרעגן בעתן אַרויסגיין פון טעאַטער; און וואָס ווייטער — אַלץ דרייסטער: — „בערנאַרד, קומט!" נאָך דעם פלעגט ער אָנהויבן מיך פאַרבעטן, איך זאָל קומען צו אים ביי טאָג אין דער ציש"אָ, וועלן מיר אַראָפּגיין צוזאַמען עפּעס איבערבייסן. און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן טרעפן אַלץ אָפטער און אָפטער, שוין אין צווייען. מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרברענגען גאַנצע שעהן צוזאַמען — און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָט צווישן אונז עקזיסטירט אַ שטאַרקע פריינדשאַפט און ענגע צוגעבונדנקייט.

וואָס ער האָט געזוכט ביי מיר, ווייס איך ניט; וואָס איך האָב געזוכט ביי אים ווייס איך יאָ: גייסטיקע דערהויבנקייט. ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט אים, האָב איך זיך געפילט ווי איך וואָלט פּלוצלונג זיך אַ הייב געטאָן צו אַ העכערער וועלט. אַז איך האָב אַמאָל געטראַכט וועגן עפּעס אַן ענין, געהאַט ספקות, געווען ניט זיכער, אויב מיינע אַרגומענטן אין אַ געוויסער פראַגע האָבן מיר אויסגעקוקט צו זיין ניט איבערצייגנדיק, — איז פאַר מיר גענוג געווען, איך זאָל איבערפרעגן שלמהן און ער זאָל מיר דאָס זעלבע זאָגן מיט זיין וואַרעמער שטימע און מיט עפּעס נייע ווערטער, אַז אַלע מיינע ספקות זאָלן באַלד פאַרשווינדן, אַז אַלץ זאָל מיר ווערן אַזוי קלאָר און זיכער, ווי קלאָר עס זיינען געווען זיינע ווערטער און ווי זיכער ער איז געווען אין זיין טאָן.

אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן האָט שלמה זיך שוין געהאַט שטאַרק דערנענטערט צום בונד. (אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי פאָרמעל איז ער אין 1929). דעמאָלט פלעגט ער פון מיר פאַרלאַנגען, איך זאָל אים דערציילן מעשיות פון דער פּאַרטיי: ניט וועגן שטעלונגען, רעזאָלוציעס און באַשלוסן, — דאָס האָט ער געוואוסט אָן מיר — נאָר וועגן בונדישע מענטשן, האַנדלונגען, געשעענישן. ער האָט געוואָלט, כ'זאָל אים דערציילן מיט וואָס מער פּרטים וועגן אונזערע אַרבעטער־טוער, וועגן פאַרשיידענע פּאַסירונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער פּאַרטיי.

גאַר שטאַרק האָבן אים אינטערעסירט העלדנטאַטן, דרייסטע האַנדלונגען פון חברים אין די שווערע קאַמפן, וואָס מיר זיינען דעמאָלט (און נאָך דעם

כסדר) אויסגעשטאַנען — און ער איז גאָר ניט מיד געוואָרן פון הערן. איך בין לעבן אים געווען ווי אַ קינד ווען איך האָב געהערט זיינע רייד, און ער, דאַכט זיך מיר, איז געווען ווי אַ קינד לעבן מיר, ווען ער האָט געהערט מיינע מעשׂיות און ווי אַ קינד — געהייסן זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערדערציילן די באַליבטע מעשׂיות.

נאָך יעדן גרויסן צוזאַמענשטויס, אָדער שיסעריי, אָדער וועלכער עס איז אַנדער געשעעניש וואָס האָט אויפגעטרייסלט מיינע נערוון — פלעג איך אַנטלויפן צו אים ווי מען אַנטלויפט פון אַ געפאַר צו אַ מאַמען. אַזוי ווי איך האָב נאָר פאַרמאַכט זיין טיר הינטער זיך, האָב איך זיך באַלד דערפילט רויִקער. ער פלעגט מיך אויפנעמען מיט אַ שמייכל, מיט אַ קלוג ווערטל, מיט אַ וויץ צי מיט עפּעס אַ שאַרפזיניקער באַמערקונג, כלומרשט וועגן אַ זייטיקן ענין, אָבער פאַקטיש האָט עס געהאַט אַ שייכות צו דעם, וואָס איז נאָר וואָס געשען. אָדער ער האָט זיך גאָר אַ נעם געטאָן צו אַן אַנדער טעמע, צו עפּעס אַנגענעמס, פריילעכס — און באַלד האָב איך זיך געפונען אין אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט אַ דערהויבענער, און דאָס אַלץ וואָס איז נאָר וואָס פריער געשען, האָט פאַר מיר שוין אויסגעקוקט ווייט, נעפּלהאַפט, איז כמעט ווי פאַרשוואונדן.

טייל מאָל בין איך געווען צו פיל אויפגערעגט און איך האָב זיך ניט געלאָזט פון אים „אַראָפּפירן פון וועג". איך האָב אויסגעדריקט מיין טיפסטן ווידערווילן צו מיין גורל: פאַר וואָס דאַרף איך זיין דער „שלעגער", פאַר וואָס דאַרף איך זיין דער „שיסער"? — האָב איך געשריגן. אויף דעם פלעגט מיר שלמה ענטפערן, שוין זייער ערנסט: — דאָס איז ניט קיין געשלעג, דאָס איז ניט קיין שיסעריי, דאָס איז אַ קאַמף פון אַ באַוועגונג, פון אַן אידייע, וואָס מען וויל זי מיט דער פויסט אומברענגען. שפּעטער, ווען די געשלעגן מיט די אַנטיסעמיטישע אָנגעראָוצעס זיינען געוואָרן אַלץ אָפטער און אָפטער, פלעגט ער אונטערשטרייכן: דאָס שלאָגן מיר זיך ניט סתם מיט כוליגאַנעס, לאָבוסעס, דאָס קעמפן מיר פאַר די רעכט פון אַ גאַנץ פאָלק!

— דיר איז גוט אַזוי שיין צו רײדן, פלעג איך אָפּענטפערן. דו זיצסט זיך ביי דיין ביוראָ־טיש. דו שרייבסט, דו פאַרנעמסט זיך מיט גייסטיקער אַרבעט. האָט ער אויף דעם געענטפערט: הלוואַי וואָלטן מיר זיך געקענט טוישן מיט אונזערע אַרבעטן, וואָלט איך טאָן דאָס וואָס דו טוסט און גערן דיר אָפּגעטראָטן מיין שרייבטיש פאַר דיין אַרבעט.

שטענדיק, נאָך אַ שווער געשלעג אָדער שיסעריי, ווען איך בין געקומען צו אים אויסגיסן מיין ביטער האַרץ — שטענדיק אין אַזאַ פאַל פלעגט ער געפינען די נייטיקע ווערטער, כדי מיר אויפווייזן וואָס הינטער דעם אַלעם ליגט. ער האָט מיר שטענדיק געהאָלפן זען דאָס גרויסע וואָס ליגט הינטער די טאָג־טעגלעכע קליינלעכקייטן. דאָס האָט מיך געשטאַרקט, געהאָלפן האָבן אויסדויער, געגעבן מוט און אַכטונג צו זיך אַליין.

ער האָט מיר געגעבן אַ שליסל צו זיין צימער. ווען נאָר איך האָב געוואָלט — האָב איך געקענט אַהין אַריינקומען. אָפט, ווען איך בין געווען אין אַ

שווערער שטימונג, בין איך אַוועק צו אים אַהיים. בלויז די אַטמאָספער פון זיין שטוב מיט די שענק ביכער, מיט דעם אָנגעוואָרפענעם שרייבטיש — האָט מיך באַרואיקט. און ווען ער איז אַהיים געקומען און מיך געטראָפן, האָט ער שוין געוואוסט וואָס איך דאַרף. עס האָט מיך באַלד אַרומגענומען מיט אַזאַ וואַרעמ־קייט און מיט אַזעלכע אָנגענעמע רייד — אַז דאָס אַליין האָט שוין באַרואיקט.

ווען איך פלעג דאַרפן גיין צו דערפילן עפּעס אַ געפערלעכע אויפגאַבע, פלעג איך אים אָנזאָגן, אַז איך ווייס ניט ווען איך וועל היינט קומען צו אים. אַ נערוועזער — איך ווייס דאָס אויף זיכער — פלעגט ער וואַרטן אויף מיין צוריקקומען, און ווי נאָר איך האָב זיך באַוויזן אין זיין שטוב, איז ער מיר אַנטקעגנגעקומען מיט זיין ברייטן שמייכל, מיט עפּעס אַ פיין ווערטל און מיין אויפגערעגטקייט האָט באַלד נאָכגעלאָזט. איך פלעג — ווי געוויינטלעך — אָנהייבן אויסלאָזן מיין ביטער האַרץ און ער פלעגט ניט מיד ווערן נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל מיר אויפווייזן וויפל וויכטיקייט עס ליגט אין דער אַרבעט פון אָפּהיטן אונזערע לעבנס און אונזער גאַנצע באַוועגונג פונם אָנגריף פון בלוטיקע שונאים. און פאַרקערט: ווען אים איז אויסגעקומען אַוועקצופאָרן אויף אַ פּאָר טעג פון וואַרשע — אויף אַ מיטינג, אַ פאַרלעזונג, צי אויף אַן אינטערווענץ ביי דער מאַכט וועגן אַ פאַרמאַכטער ציש״אָ־שול, — האָב איך געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זיין צוריקקומען.

מיט דער צייט בין איך אויך געוואָרן אַ שטענדיקער איינגייער אין דער היים פון זיין מאַמען און פון זיין עלטערן ברודער אביגדור. ביי זיין מאַמען בין איך געוואָרן גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט: אויב איך בין אַ נאָענטער פריינד פון איר שלמהלען, בין איך אין אירע אויגן שוין געווען צווישן די אויסדער־ווילטע. איך בין ביי איר געוואָרן אַן אייגענער, אַ מיטגליד פון דער משפּחה.

אין וואַרשעווער געטאָ האָב איך אָפט געמוזט קומען צו שלמהס מאַמען. אויב כ׳האָב אַ פּאָר טעג זיך ניט באַוויזן, האָט זי באַלד געשיקט אַ שליח מיך רופן. ווען זי איז קראַנק געוואָרן, איז די דאָקטאָרין קעלסאָן, וואָס האָט זי געהיילט, אַליין געקומען נאָך מיר, ווייל די מאַמע האָט פון איר געפאָדערט זי זאָל מיך ברענגען צו איר. אַ לאַנגע צייט פלעגט זי אין געטאָ יעדן שבת שיקן מיר טשאָלנט דורך שלמהס עלטערן ברודער אביגדורן, אפילו אין די גרויסע פרעסט. איך האָב אויף אים אָנגעשריגן, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז ער מוז עס טאָן — „די מאַמע הייסט״.

צו אביגדורן פלעג איך מוזן קומען אין שבתים און ימים־טובים. אויב איך האָב ניט געהאַט קיין צייט, האָב איך געמוזט אַריינקומען כאָטש אויף אַ האַלבער שעה. זיין פרוי פייגע, אַ פריילעכע און אַ קלוגע, ווי אַ געבוירענע מענ־דעלסאָן, האָט אַריינגעברענגט אַ יום־טוב אין שטוב. זייער איינציקע טאָכטער האָבן זיי געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ (באַלד נאָך די ערשטע טעג פון דער מלחמה איז אַ באָמבע אַריין אין זייער וואוינונג אויף ווילטשע גאַס און דער־הרגעט די טאָכטער אויפן אָרט. אביגדור און פייגע זיינען שפּעטער אומגע־קומען אין געטאָ).

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, זיינען זיך אונזערע וועגן צעגאַנגען: שלמה האָט זיך דערשלאָגן צוזאַמען מיט אַ צאָל מיט־גלידער פון צ.ק. פון בונד קיין ווילנע און שפּעטער קיין אַמעריקע; איך האָב נאָך עטלעכע טעג וואַנדערן זיך צוריק אַריינגעקריגן קיין וואַרשע. אין משך פון דער גאַנצער גרויליקער מלחמה־צייט האָבן מיר איינער פון צווייטן געהערט פון דער ווייטנס, דורך די אונטערערדישע באַריכטן.

צוריק צונויפגעטראָפן האָבן מיר זיך ערשט אין 1946, ווען איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק און אונזער פריינדשאַפט האָט באַלד צוריק אויפגעפלאַקערט. ליידער, — שוין נישט אויף לאַנג (שלמה איז פּלוצלונג געשטאָרבן דעם 8טן פעברואַר, 1948, אין לאָס אַנדזשעלעס).

קאַפּיטל 65

אין פּאַסטקע ביי דער „שעטשקע־באַנדע"

נאָך דעם ווי די „פּראַקעס" זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים איבער אַ גרויסן טייל פון די וואַרשעווער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, האָבן זייערע טעראָריסטישע מעשים אָנגעהויבן זיך שטאַרק לאָזן פילן. ספּעציעל ביי די טראַנספּאָרט־אַרבעטער, וואו דער געוועזענער אַמעריקאַנער גענגסטער, שעטשקע (אויף פּויליש: „שעטשקאַ"), איז געוואָרן סעקרעטאַר פון פּראַקישן טרעגער־פאַראיין. שעטשקע, צוזאַמען מיט זיין באַנדע, האָט אָנגעהויבן טעראָריזירן די אַרבעטער, אויספּרעסן ביי זיי געלט, פאַרטרייבן פון דער אַרבעט די, וואָס לאָזן זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע.

איין מאָל איז אין אונזער טראַנספּאָרט־פאַראיין געקומען אַ גרופּע טרעגער פון דאַנציקער וואָקזאַל (לעבן מוראַנאָוו) און האָבן זיך פאַרקלאָגט, אַז שעטשקע האָט זיי פאַרטריבן פון דער אַרבעט, כלומרשט — אַז ער גייט זיי טוישן די אַרבעט־פּלעצער. אין דער אמתן האָט ער פאַרקויפט זייערע אַרבעט־פּלעצער צו אַנדערע, ווייל די אַרבעטער פון אונזער פאַראיין האָבן זיך אָפּגזאָגט צו געבן אים געלט. (ער פלעגט נעמען פאַר אַזאַ אַרבעט־פּלאַץ צו עטלעכע הונדערט דאָלאַר, מסתמא ניט אָן דעם וויסן פונם שוין דערמאָנטן לאָקעטעק). זיינען די אַרבעטער געקומען צו אונז מיר זאָלן זיי פאַרטיידיקן. מיר האָבן זיך שטאַרק פאַר זיי איינגעשטעלט און היפּשע עטלעכע מאָל געשיקט מענטשן זיי צו פאַרטיידיקן און ניט לאָזן זיי פאַרטרייבן פון דער אַרבעט. שעטשקע האָט ניט אַזוי לייכט נאָכגעגעבן. איין מאָל זיינען מיר אַלאַרמירט געוואָרן אַז שעטשקע איז ווידער אַ מאָל געקומען מיט זיין באַנדע „שטאַרקע" און טרייבט ווידער אַראָפּ אונזערע מענטשן פון דער אַרבעט. מיר זיינען אַהין אַוועק — (יוסף ליפּשיץ, „באַטאַק", דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, איך און נאָך עטלעכע), עס איז געקומען צו אַ גרויס געשלעג און צו אַ שיסעריי. צום גליק, האָט עס קיינעם ניט געשאַדט. אָבער מער האָט שעטשקע די דאָזיקע גרופּע טרעגער ניט געטשעפּעט.

אין אַ צייט אַרום איז געשען אַן ענלעכע מעשהביים מזרח (ווסכאָדני)־וואָקזאַל אויף פּראַגע. אַ גרופּע אַרבעטער, ביי וועלכע שעטשקע האָט געוואָלט אויספּרעסן געלט, האָבן זיך ניט געלאָזט פון אים טעראָריזירן. זיי זיינען געקומען צו אונז אין פאַראיין, מען זאָל זיי פאַרטיידיקן. אויך אין דעם פאַל איז איין מאָל געקומען צו אַ גרויס געשלעג. זעענדיק, אַז צו די טעראָר־אַקטן נעמט קיין סוף ניט, האָבן מיר געוואָלט פּרוואוון עפּעס אויפטאָן מיט גוטן. האָבן

מיר זיך געווענדט צו לאָקעטעקן וועגן אַדורכשמועסן זיך און מיר האָבן אָפּ־גערעדט אַ קאָנפערענץ אין לאָקאַל פון זייער אָפּטיילונג אויף פּראַגע. איך בין אַהין אַוועק מיט יוסף ליפּשיצן. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין לאָקאַל, איז דאָרט געזעסן זייער סעקרעטאַר, קעלבאַסאַ. ער האָט אונז געבעטן זיך זעצן אין פאָדערהויז און וואַרטן; זיי דאַרפן באַלד אָנקומען, האָט ער געזאָגט. (אַחוץ לאָקעטעקן, האָבן געדאַרפט קומען אויך מאַטראַשעק, דער פאָרזיצער פון די „זשווירניקעס", און שעטשקע גופא). מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. באַלד האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען פאַרשיידענע לייט, געגעבן אַ גוטן קוק אויף אונז און אַוועק. נאָך דעם איז אַ טייל שוין פאַרבליבן נאָענט צו אונז. מיר האָבן געוואַרט אַ לאַנגע צייט. ס'איז ביי מיר אַנטשטאַנען אַ חשד, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק. כ'האָב געזאָגט צו יוספן: כ'האָב מורא אַז מיר זיינען דאָ אין אַ פּאַסטקע. מיר וועלן שלעכט אָפּשניידן. פרעגט ער מיך: אפשר וועלן מיר זיך פּרוּוון אַדורכרייסן? זאָג איך אים: מיר זיינען אַרומ־גערינגלט. פרעגט ער מיך ווייטער, צי איך האָב עפּעס ביי זיך (געמיינט געווער). זאָג איך: יאָ, אָבער איך מיין אַז מיר דאַרפן נאָך צוואַרטן, ס'איז אַ מורא צו ריזיקירן, ווייל מען האַלט אונז שטאַרק אויפן אויג. איך בין געוואָרן שרעקלעך נערוועז, אַ שוידער איז מיר אַדורך דורך די ביינער. כ'האָב געזען, אַז מיר זיינען אָן אַן אויסוועג. איך בין געווען זיכער אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ באַוואָפנטער חברה, וואָס האָבן אויף אונז אַן אויג און וואָס וועלן אונז ניט לאָזן זיך רירן פון אָרט.

פּלוצלונג זיינען אין פאָדערהויז אַריינגעקומען צוויי הויכע יונגען. זיי גייען צו צו אונז נאָענט, גיבן אַ קוק אונז ביידן אין די אויגן. אין דעם שרייט אויס איינער פון זיי כמעט מיט אַ גדולה: „בערנאַרדזשיע, טאָ טי יעסטעש?" (בערנאַרד, דאָס ביסטו?!). — ס'איז מיר געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן. איצט ערשט האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און דערזען די צוויי ברידער פּאַוולאָווטשיק, שעכט־הויז־אַרבעטער (ביי חזירים), וועלכע איך האָב געקענט פון שעכט־הויז היפּשע יאָרן. „קום, בערנאַרד" — האָבן זיי געזאָגט צו מיר. מיר זיינען אַרויס מיט זיי אויף דער גאַס. זיי האָבן געבעטן יוספן, ער זאָל אַוועקגיין, און מיט מיר אַליין זיינען זיי אַריין אין אַ רעסטאָראַן. דאָ האָבן זיי מיר דערציילט, אַז זיי האָבן אונז געדאַרפט געבן „באַטעס" (אויף זייער לשון: שטאַרק שלאָגן), אָבער מען האָט זיי ניט געזאָגט ווער דאָס איז, נאָר אַז דאָרט זיצן צוויי חברה־לייט וואָס מען דאַרף זיי „גוט אָנלערנען". ווען זיי האָבן אָבער דערזען, אַז דאָס בין איך, האָבן זיי די „באַשטעלונג" ניט געוואָלט אויספירן.

מיר זיינען געזעסן אַ צייט אין רעסטאָראַן. איינער פון די פּאַוולאָוו־טשיקעס איז כסדר געלאָפן צום טעלעפאָן צו געפינען ערגעץ לאָקעטעקן. ענדלעך, אַרום 10 אַ זייגער אין אָוונט, איז לאָקעטעק צוזאַמען מיט מאַטראַשעקן אַריינגעקומען אין רעסטאָראַן אַריין. מיר האָבן זיי דערציילט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און איך האָב לאָקעטעקן אָפן געזאָגט אין די אויגן, אַז איך האָב

אַ חשד, אַז ער האָט געוואוסט וועגן דער גאַנצער פּאַסטקע וואָס איז פאַר מיר צוגעגרייט געוואָרן, און דערפאַר האָט ער זיך כּלומרשט „פאַרשפּעטיקט". לאָקעטעק האָט זיך געשוואוירן, אַז ער ווייסט פון גאָר ניט, אַז ער און מאַט־ראַשעק זיינען פּאַקטיש געווען שטאַרק פאַרנומען און דעריבער האָבן זיי זיך פאַרשפּעטיקט. זיין אויסטייטשונג איז געווען, אַז אַזוי ווי שעטשקע האָט גע־זען, אַז זיי קומען ניט צו דער צייט און איך וואַרט און געפין זיך דערווייל אין זיינע הענט, האָט ער אויסגענוצט די סיטואַציע און האָט אויפן אָרט אָרגאַניזירט אַן אָנפאַל אויף מיר. צי זיי, לאָקעטעק און מאַטראַשעק, האָבן געזאָגט אמת, צי זיי זיינען באמת געווען שותפים צו אַ פריער צוגעגרייטן אָנפאַל אויף מיר — דאָס בין איך קיין מאָל ניט דערגאַנגען.

קאַפּיטל 66

די פּראַקעס פאַרמעסטן זיך אויפן ציַיטונגס־פאַרשפּרייטער־פאַראיין

די פּראַקעס האָבן אויך געפּראוווט פאַרכאַפּן דעם ציַיטונגס־פאַרשפּריי־טער־פאַראיין. אויך דאָ איז דער קאַמף געווען זייער אַ שווערער.

דער ציַיטונגס־פאַרשפּרייטער־פאַראיין האָט געציילט עטלעכע הונדערט מיטגלידער און האָט געהאַט זיין לאָקאַל אויף נאַלעווקי 17. דער סעקרעטאַר איז געווען פסח אַלבערט (איצט אין אויסטראַליע), אַ געוועזענער „פאַראייניק־טער", וואָס איז צוזאַמען מיט אַ גרופּע פירער און טוער פון דער פּאַרטיי (ש. זוס־מאַן, איסר גאָלדבערג, ש. גילינסקי א. אַנד.) אַריבער צום בונד אין 1920. ער איז געווען אַ רואיקער, געלאַסענער מענטש און אַ גוטער טוער.

צו דער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין האָט געהערט אויך אַ געוויסער מאַנעס מאַרמורעק — אַ מלחמה־אינוואַליד פון דעם ערשטן וועלט־קריג, וואָס האָט געהאַט זיין ציַיטונגס־געשטעל אויף פאַנסקע גאַס. אין דער צייט פון פּראַקישן הויך־סעזאָן איז ער אויך אַריבער צו די פּראַקעס און האָט מיט־געשלעפּט מיט זיך אַ קליינע גרופּע ציַיטונגס־פאַרשפּרייטער. ער האָט גע־גרינדעט אַ ניי פאַראיינדל ביי די פּראַקעס און איז געוואָרן דער איינציקער מושל אין דעם נייעם פאַראיינדל. ווי אַנדערע פּראַקעס, האָט ער זיך אָנגע־הויבן צו באַנוצן מיט זייערע באַקאַנטע טעראָר־מעטאָדן, כדי צו צווינגען די רעשט ציַיטונגס־פאַרשפּרייטער זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין זיין פאַראיין. ער האָט אָנגעהויבן טעראָריזירן די אַדמיניסטראַציעס פון די ציַיטונגען מיט דער הילף פון פּראַקישע „שטאַרקע", זיי זאָלן פּריווילעגירן זיינע מיטגלידער (געבן זיי מער ציַיטונגען, אַרויסגעבן זיי די ציַיטונגען אַ ביסל פריער). די אַדמיני־סטראַציע פון שטאָט האָט אים פּריווילעגירט און האָט אים גיכער אַרויסגע־געבן קאָנצעסיעס אויף ציַיטונגס־געשטעלן פאַר זיינע מענטשן. ער האָט אָוועקגעשטעלט נייע ציַיטונג־פאַרשפּרייטער אין שכנות פון די טוער פון אַלטן פאַראיין אָדער פון אַזעלכע וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט זיין ממשלה. און צו דעם אַלעם — האָט ער געסטראַשעט פסח אַלבערטן, אַז ער וועט אים דער־שיסן.

ער האָט אויך גענומען טעראָריזירן און שלאָגן די אַבאָנענטן־פאַר־שפּרייטער. אין וואַרשע איז געווען אַ סיסטעם, אַז די ציַיטונג־אַדמיניסטראַ־

ציעס האָבן פונאַנדערגעשיקט די ציטונגען צו די אַבאָנענטן דורך ספּעציעלע מענטשן. די דאָזיקע אַבאָנענטן־פֿאַרשפּרייטער זיינען מערסטנטייל געווען אַרבעטער ביי אַנדערע פֿאַכן וואָס האָבן ניט גענוג פֿאַרדינט אויף חיונה און האָבן אין די פריע פרימאָרגן־שעהן — פֿאַרן גיין צו דער אַרבעט — עפּעס צופאַרדינט דורך אָפּטראָגן ציטונגען. זיי פֿלעגן אויפשטיין אַרום 5 פֿאַר טאָג, זומער און ווינטער, און פון אַן ערך 6 ביז 8 אין דער פרי פונאַנדערטראָגן ציטונגען. דער פֿאַראיין האָט זיי אפילו אַנגענומען פֿאַר מיטגלידער, אָבער מאַרמורעק האָט באַשלאָסן זיי צו פֿאַרטרייבן; האָט ער מיט זיין באַנדע זיי טעראָריזירט, זיי באַפאַלן און געשלאָגן. צו די אַלע טעראָר־אַרבעטן האָט ער זיך גענומען צו הילף קעלבאַסען, דעם סעקרעטאַר פון פּראַקישן טרעגער־פֿאַראיין אויף פּראַגע, מיט זיינער אַ באַנדע.

עס האָט געהאַלטן דערביי אַז אונזער פֿאַראיין זאָל זיך צעפֿאַלן און אַז די אַרבעטער פון דעם פֿאַך זאָלן אין גאַנצן אַריינפֿאַלן אין די הענט פון די פּראַקישע קאָמבינאַטאָרן. די מיטגלידער פון אונזער ציטונג־פֿאַרשפּרייטער־פֿאַראיין זיינען מערסטנטייל געווען עלטערע מענטשן, צווישן זיי — אַ סך פרויען; האָבן ניט געקענט אַליין זיך אַן עצה געבן מיט מאַרמורעקן און זיין באַנדע. ווען עס איז געוואָרן זייער שלעכט, האָט דער פֿאַראיין זיך געווענדט נאָך הילף מצד אונזער מיליץ. די פּאַרטיי האָט איינגעזען אַז דער פֿאַראיין שטייט טאַקע פֿאַר אַ גרויסער סכנה און אַז ער איז צו שוואַך אַליין זיך קעגנצושטעלן דער פּראַקישער באַנדע. האָבן מיר באַשלאָסן צו שיצן דעם פֿאַראיין.

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מאַרמורעקס האַרצלאָזיקייט איז אַזאַ פֿאַל: אין מעטאַל־פֿאַראיין איז געווען אַ מיטגליד מיטן נאָמען לערנער. ער איז געווען אַן אַקטיווער בונדיסט נאָך אין די צאַרישע ציטן. ער איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש, אַ קראַנקער דערצו. ביי מעטאַל האָט ער שוין ניט געהאַט קיין כוח צו אַרבעטן, האָבן מיר פֿאַר אים געשאַפֿן אַ קאָנצעסיע פון אַ ציטונג־פֿאַר־שפּרייטער, ער זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן. האָט מאַנעס מאַרמורעק זיך פֿאַרלייגט דווקא ביי אים צוצונעמען די פּרנסה. ער פֿלעגט קומען צו זיין געשטעל, אים זידלען און סטראַשען אַז ער וועט אים אין גאַנצן צונעמען די קאָנצעסיע (וואָס ער האָט לייכט געקענט אויספֿועלן ביי דער פּאָליציי).

עטלעכע מאָל האָבן מיר זיך געווענדט צו אים דורך אונזערע מיליציאָנערן פון דער פֿאַנסקע געגנט, וואָס האָבן אים געקענט, ער זאָל אויפהערן זיינע טעראָר־מעשים. מען האָט געפּרוּווט ווירקן מיט גוטן, עס האָט ניט געהאָלפֿן. האָט ער אַ געוויסן פרימאָרגן געפֿונען זיין ציטונגס־געשטעל אין גאַנצן צעשטערט.

ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מען האָט פֿאַר אים ניט קיין מורא. זיין מאַכט ביי די ציטונג־פֿאַרשפּרייטער האָט אָנגעהויבן איינגעשרומפּן צו ווערן. מען מוז אָבער צוגעבן אַז דאָס איז אויך אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ רעזולטאַט

פון מאַרמורעקס טונקעלע געשעפטן. די קאַסע פון זיין פאַראיינדל איז געלעגן ביי אים אין קעשענע און גיך איז געוואָרן באַקאַנט אַז ער ווייס ניט קיין אונטערשייד צווישן זיין אייגן געלט און געזעלשאַפטלעך געלט. אחוץ דעם האָט ער געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיוו פון זיינע מיטגלידער, האָט מען אָנגע־הויבן שמועסן וועגן אומאָרדענונגען אויך אין דער קאַסע פון קאָאָפּעראַטיוו. אפילו זיינע אייגענע אָנהענגער האָבן אָנגעהויבן פון אים זיך דערווייטערן. אַזוי איז גאָר גיך זיין פאַראיינדל זיך צעפאַלן. דער פּרוּוו פון די „פּראַקעס" צו באַהערשן נאָך אַ פאַראיין איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן.

קאַפּיטל 67

דער פּראַקישער טרעגער־פּאַראיין; איטשע „זבוך"

אַ סך שווערער איז געווען אָפּצושטעלן דעם טעראָר פון די „פּראַקעס" צווישן די טרעגער און אויף די מערק און באַזאַרן. איך האָב שוין פריער דערציילט אַז די פליישע־טרעגער זיינען געוואָרן צעשפּליטערט צווישן עטלעכע פּאַראיינען ביי פאַרשיידענע פּאַרטייען. דער פּראַקישער פּאַראיין איז געוואָרן דער שטאַרקסטער, ניט בלויז צוליב דעם וואָס ער האָט אַריינגעקריגן די גרעסטע צאָל מיטגלידער, נאָר וויל ער האָט איינגעשטעלט אַ סיסטעם פון אַ שרעקלעכן טעראָר. אויב אַ טייל טרעגער פון אַ סטאַציע האָט געהערט צום פּראַקישן פּאַראיין, האָט מען די רעשט טרעגער (האָבן זיי געמעגט זיין אַ מערהייט) טעראָריזירט זיי זאָלן צוטרעטן צום פּראַקישן פּאַראיין; אויב זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט, האָט מען זיי אָנגעהויבן שיקאַנירן: געבן זיי אַ קליינעם חלק פון דער „פוליע" אָדער אין גאַנצן אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט. ניט זעלטן האָט זיך געטראָפן, אַז ווען אַזאַ אַרויסגעוואָרפענער האָט זיך אונטער־געגעבן און איז אַריינגעטראָטן אין זייער פּאַראיין, האָט ער נאָך געמוזט באַצאָלן אַ גרויסע „שטראָף", כדי מען זאָל אים צוריק צולאָזן צו זיין פריערדיקן אַרבעט־פּלאַץ. מיט דעם געלט פלעגן זיך טיילן די „שטאַרקע" דעה־זאָגער פון פּראַקישן פּאַראיין.

דער ווילדסטער פון די דאָזיקע פּראַקישע „שטאַרקע" איז געווען איטשע „זבוך" (זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען אַנדערס). ער איז געווען דער „פּאַר־זיצער" פון דעם פּראַקישן טרעגער־פּאַראיין, אָבער גיכער איז ער געווען ענלעך צו אַ פירער פון אַ באַנדע אידער צו אַ פאָרזיצער פון אַ פּאַראיין. ער איז געווען אַ גיבור, אַ ווילדער שלעגער און אַ גאַנצער „קעניג" ביי די שטאַרקע, אַן אונטערוועלט־מענטש ביז צו די ביינער. מיטן כוח פון די „פּראַקעס" און פון זיין אייגענער באַנדע האָט ער אַלעמען טעראָריזירט. אַליין האָט ער גע־אַרבעט ביי אַ פיש־סטאַציע אין יאַנושעס הויף (אויף דער גנוינע גאַס, ביי קראַכמאַלנע). דאָרט איז ער געווען „קיסר". צום מערסטן האָט ער טעראָריזירט די בונדיסטן. אונזער חבר שאַיע־יודלען, וואָס האָט אויך געאַרבעט ביי פיש אין יאַנושעס הויף, האָט ער איינעם פון די ערשטע אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. שאַיע־יודל האָט זיך אָבער ניט איינגעבראָכן. ער איז אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען אַרבעטסלאָז און האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן אַ לאָיאַליטעט־דערקלערונג צום פּראַקישן פּאַראיין. סוף־כל־סוף האָט ער זיך געעפנט אַ

געוועלבל פון מילכוואַרג (אויף קראָכמאַלנע 17) און פון דעם האָט ער געצויגן זיין חיונה. אין אַ גרויסער מאָס האָט ער דאָס געטאָן אויך צוליב דעם, ווייל ס׳איז אים שוין פאַרמיאוסט געוואָרן די גאַנצע אַטמאָספער וואָס די פּראַקעס האָבן אַריינגעברענגט אין טרעגער־פאַך.

אין יאַנושעס הויף איז אויך געווען אַ סטאַציע פון וועגעלעך־טרעגער וואָס האָבן געהערט צו אונזער פאַראיין. צווישן די דאָזיקע וועגעלעך־טרעגער איז געווען אונזערער אַ חבר, זלמן פּיפּע, אַ בונדיסט און אַ מיטגליד פון אונזער מיליץ. אים האָט „זבוך״ פּשוט פאַרפייניקט. איין מאָל איז ער אים באַפאַלן און אים צעשלאָגן פאַר די אויגן פון דער גאַנצער גרופּע וועגעלעך־טרעגער.

דאָ האָבן מיר געמוזט רעאַגירן. אויב די מיטגלידער וואָלטן געזען, אַז מיר זיינען ניט בכוח צו פאַרטיידיקן זיי אפילו ווען מען שלאָגט זיי עפנטלעך אויף דער גאַס, וואָלטן זיי פון אונז אַוועק. אָבער וואָס טוט מען? ריידן צום געוויסן פון איטשע „זבוך״? — ער וועט עס ניט פאַרשטיין. אַרויסרופן אַ געשלעג? — וועט ער ברענגען זיינע פּראַקעס און זיינע שטאַרקע און זיי וועלן זיכער געווינען. איז פאַרבליבן איין אויסוועג: אַרונטעררייסן דעם פּרעסטיזש פון איטשע „זבוך״. דאָס האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אויף זיך אַליין.

אַ געוויסן פרימאָרגן בין איך אַוועק צו יאַנושעס הויף, צום אָרט וואו עס זיינען געשטאַנען אונזערע וועגעלעך־טרעגער. איך האָב אָפּגעוואַרט אַ געלעגנהייט, ווען איטשע „זבוך״ איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע טרעגער, סוחרים און „גוטע ברידער״. זיי האָבן געמיטלעך גע־שמועסט, ער איז געשטאַנען אין דער מיט און האָט געדרשנט מעשה באַלעבאָס. בין איך מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען, איך בין אַריין אין מיטן פון קרענצל, צוגעגאַנגען האַרט צו אים און אים געזאָגט הויך אויפן קול, האַלב מיט אַ פראַגע, האַלב מיט אַ פאַרוואורף: ווי לאַנג וועט נאָך דויערן דאָס שלאָגן און טעראָריזירן? — און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָב איך אים נאָכגעלאָזט אַ הילכיקן פּאַטש.

איך ווייס ניט צי מיין פּאַטש האָט אים פיזיש שטאַרק ווי געטאָן, אָבער אויפהויבן אַ האַנט אויפן „קעניג״ פון די „שטאַרקע״, דעם סאַמעראַדנעם „פאַרזיצער״ פון פּראַקישן טרעגער־פאַראיין, איז געווען אַ זאַך וואָס קיינער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן. אַלע אַרום זיינען מבולבל געוואָרן. ער אַליין איז געוואָרן בלאַס און ווי פאַרשטיינערט. אָבער צוריק אויפגעהויבן די האַנט האָט ער ניט. ער איז אַ סעקונדע געשטאַנען צעמישט און פאַרלוירן, פּלוצלונג האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס און איז געשוווּנד אַוועק. אַרום האָט זיך אָנגעהויבן קאָכן ווי אין אַ בינשטאָק. דער עולם איז זיך צעלאָפן און פונאַנדער־געטראָגן די סענסאַציע, אַז איטשע „זבוך״ האָט געקריגן אַ פּאַטש פון בערנאַרדן. מיט דעם איז די „קעניגלעכע״ קרוין אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון זיין קאָפּ.

איך בין נאָך פאַרבליבן אויפן אָרט אַ שפּאַר ביסל צייט מיט אונזערע וועגעלעך־טרעגער. נאָך דעם ווי איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך (וואָרעם, דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך אַ היפּש ביסל געשראָקן, ווייל איך האָב

געוואוסט, אַז עס קען זיך אויך שלעכט ענדיקן) — בין איך אוועק אין פּאַרטיי־לאָקאַל.

אין אָוונט האָט געקלונגען צו מיר ד"ר לאָקעטעק, דער פירער פון דער גאַנצער פּראַקישער מיליץ. ער האָט געזאָגט אַז ער וויל זיך מיט מיר זען און מיר האָבן אָפּגעשמועסט ווען און וואו זיך צו טרעפן. איידער איך בין אַהין געגאַנגען, האָב איך דערציילט עטלעכע באַקאַנטע פּוילישע אַרבעטער־טוער ווי אַזוי איך האָב אויסגעפּאַטשט איטשע „זבוכן" און אַז איך דאַרף זיך טרעפן מיט לאָקעטעקן, מסתמא וויל ער מיט מיר ריידן וועגן דעם ענין. זיי האָבן מיר שטאַרק צוגערעדט איך זאָל יאָ גיין. אָבער גוט, — האָבן זיי געזאָגט — וואָס דו האָסט אונז דערציילט וועגן דעם. מיר וועלן אויך קומען דאָרט וואו דו וועסט זיך מיט אים טרעפן. טאָמער וואָס־ווען — זאָלן מיר זיין אויפן אָרט.

טרעפן האָבן מיר זיך געדאַרפט מיט לאָקעטעקן אין אַ רעסטאָראַן לעבן „פּאַד בלאַכאַן", ביי דער קערבעדזש־בריק, נאָענט פון דער סטאַציע וואו עס זיינען אָפּגעגאַנגען די שיפן אויף דער ווייסל. לאָקעטעק האָט אויך מיטגע־ברענגט מאַטראַשעקן, דעם פאַרזיצער פון די „זשווירניקעס", און נאָך עטלעכע. לאָקעטעק האָט צו מיר געהאַט אַ שטאַרקע טענה פאַר וואָס איך האָב געטאָן אַזאַ זאַך, פאַר וואָס איך רייס אַרונטער דעם פּרעסטיזש פון פּראַקישן פאַראיין. עס גייט אים ניט — האָט ער געזאָגט — אין כבוד פון איטשע „זבוכן", עס גייט אים אין פּרעסטיזש פון זייער פאַראיין. איך האָב אים אַרויסגעלייגט מיינע טענות: כ'האָב אים פאַרגעוואָרפן וואָס איטשע „זבוך" טוט אָפּ: ער שלאָגט, ער הרגעט, וואַרפט אַרויס מענטשן פון דער אַרבעט, נעמט „קאָנטריבוציע" פאַר צוריק צולאָזן צום אַרבעט־פּלאַץ; ער איז ניט קיין פאַרזיצער נאָר אַ הערשער פון אַ באַנדע אויספּרעסער. בעת איך האָב גערעדט, האָב איך באַ־מערקט, אַז מאַטראַשעק האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס פאַרוואונדערונג און אַז דאָס, וואָס ער הערט, מאַכט אויף אים אַזאַ איינדרוק ווי ער וואָלט עס געהערט צום ערשטן מאָל. אויב אַזוי, האָב איך געטראַכט, — לאָמיר דערציילן וואָס מער. און איך האָב מיט נאָך מער איינצלהייטן וויטער דערציילט וועגן די קרימי־נעלע פירונגען און פאַרברעכנס פון איטשע „זבוכן". סוף־כל־סוף זיינען מיר אַדורכגעקומען, אַז אויב עס וועלן וויטער זיין רייבונגען אָדער קאָנפליקטן צווישן די מיטגלידער, זאָלן די פאַראיינען צווישן זיך אַדורכקומען.

איטשע „זבוך" איז געוואָרן אויס „קיסר". ער האָט די טרעגער שוין מער ניט אַזוי טעראָריזירט ווי פריער, מען האָט שוין פאַר אים ווייניקער מורא געהאַט.

פאַרענדיקט זיין לעבן האָט איטשע „זבוך" נאָך מיאוסער. אין וואַרשעווער געטאָ איז ער און זיינער אַ זון — וואָס איז פריער געווען אַ באָקסער אין „מכבי" — געוואָרן מוסרים ביי דער „געשטאַפּאָ". זייער ספּעציאַליטעט איז געווען מסרן שמוגלער, וואָס האָבן „אומלעגאַל" אַריינגעבראַכט פּראָדוקטן אין וואַרשעווער געטאָ. צוליב אַזאַ מסירה זייענען געטאָ־שמוגלער איין מאָל באַפאַלן איטשע „זבוכן" און אים צעשטאָכן.

קאַפּיטל 68

אָפּגענומען אַ גנבה פאַר אַ לעדער־סוחר

אויך אויף אַנדערע אופנים איז אונז אויסגעקומען צו קעמפן מיט דער דעמאָראַליזאַציע און הפקרות, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אונטער דער פּראַקישער ווירקונג. אָט איז איין פאַל אַזאַ:

איין מאָל, בעת אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון אונזער טראַנספּאָרט־פאַראיין, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין פאַמעלעך און אַ ביסל שעמעוודיק אַ ייד, אַ חסידיש־געקליידטער, מיט אַ באָרד, און ער פרעגט זיך צי קען ער אונז עפּעס זאָגן. ענטפערט מען אים, אדרבא, לאָמיר הערן וואָס ער האָט צו זאָגן. דערציילט ער אונז, אַז ער האָט אַ לעדער־געוועלב אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען ביי אים אָפּגעלאָדעוועט לעדער, און בעת ער איז געשטאַנען אין געוועלב און געדאַוונט מנחה, האָבן די פּלייצע־טרעגער וואָס האָבן אַריינגעטראָגן די סחורה צו אים אין געשעפט אַריין, צוגענומען צוויי פּעק לעדער. ער איז דערפון בדיל הדל געוואָרן, ווייל ער איז ניט קיין זעלבשטענדיקער סוחר, נאָר אַ פאַרמיטלער. בעט ער אונז, צי קען דער פאַראיין אים העלפן אָפּצונעמען די גנבה, ווייל אַנדערש איז ער פּשוט רואינירט. מיר האָבן אים צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן טאָן וואָס מיר וועלן קענען.

צו מאָרגנס אין דער פרי בין איך אַוועק צו דער סטאַציע, וואו עס זיינען געשטאַנען די טרעגער וואָס האָבן אַריינגעטראָגן די סחורה און כ׳האָב זיי שטרענג אויפגעפּאָדערט עס זאָל זיך תיכף צוריק אָפּגעפינען די גנבה. לכתחילה האָבן זיי געלייקנט שטיין און ביין, זיי ווייסן פון גאָר ניט; צווייטנס, האָבן זיי געטענהט, זאָל דער סוחר שווערן אַז מיר האָבן גענומען די סחורה, וועלן מיר אָפּגעבן. גיי איך אַריין צום סוחר און זאָג אים, אַז זיי לייקענען, אָבער אויב ער וועט שווערן אַז ער האָט געזען, ווי זיי האָבן גענומען די צוויי פּעק לעדער, וועלן זיי באַצאָלן דעם ווערט פון דער סחורה. ענטפערט דער ייד: „ווי אַזוי קען איך שווערן אַז איך האָב געזען? — ווען איך וואָלט געזען, וואָלט איך דאָך ניט געלאָזט נעמען. אין מיטן לאָדעווען די סחורה האָב איך זיך געשטעלט דאַוונען מנחה, ווען איך בין געשטאַנען שמונה־עשרה אויסגעדרייט צו דער וואַנט, האָבן זיי צוגענומען די צוויי פּעק לעדער. ווער דען האָט געקענט נעמען? זיי האָבן דאָך אַריינגעטראָגן די סחורה אין געוועלב און קיין אַנדער מענטש איז ניט געווען. אָבער ווען אפילו איך זאָל דאַרפן פאַרלירן מיין גאַנצן פאַרמעגן וועל איך ניט שווערן אַז איך האָב געזען, בעת איך האָב ניט געזען".

פאַר מיר איז קלאָר געווען, אַז ער איז גערעכט. בין איך ווידער אַוועק צו די

טרעגער און כ׳האָב זיי באַפוילן פאַר יעדן פרייז צוריקצוברענגען די סחורה. כ׳האָב זיי געוואָרנט אַז אויב די גנבה וועט זיך באַלד ניט אָפּגעפינען, וועט מען זיי אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. איך האָב זיי געזאָגט: אויב איר האָט ניט גענומען, דאַרפט איר דאָך וויסן ווער עס האָט גענומען: איר מוזט אָפּגעפינען די גנבה און זי צוריקברענגען! — נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיי טאַקע „אָפּגעפונען״ די גנבה און זי צוריקגעברענגט צום סוחר.

דעם זעלבן אָוונט זיינען זיי אָבער געקומען אין אונזער פאַראיין, האָבן אונז צוריקגעוואָרפן די לעגיטימאַציעס און האָבן דערקלערט, אַז זיי טרעטן אַרויס פון אונזער פאַראיין און טרעטן אַריין אין דעם פּראַקישן טרעגער־פאַראיין. דערביי האָבן זיי געזאָגט: צו אַזאַ פאַראיין וואָס זאָרגט ניט פאַר אונז נאָר פאַר די סוחרים, ווילן מיר ניט געהערן. איז דאָס אייער עסק אָפּ־צונעמען גנבות? — האָבן זיי געשריגן. מיר מוזן געהערן צו אַ פאַראיין וואָס זאָרגט פאַר אונז, ניט פאַר אַנדערע.

אָבער דער רושם פון דער מעשה ביי דער ברייטערער עפנטלעכקייט, ביי די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און סוחרים אויף דער פראַנציסקאַנער, נאַלעווקעס, גענשע און אַרום — איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער. דער אָנזען פון בונד און פון די בונדישע פאַראיינען האָט זיך שטאַרק געהויבן.

קאַפּיטל 69

ביי די האַנדלס־אַנגעשטעלטע; נאָך איין אַרבעטער־מאָרד

די גאַנצע צייט האָבן די קאָמוניסטן ווייטער געפירט זייער צעשטערערישע אַרבעט. זיי האָבן ניט אָפּגעשטעלט ניט זייערע זידלערייען און אָנפאַלן אויף אונזערע חברים, ניט זייערע אַטאַקעס אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען און פאַראייניגן, ניט זייערע אומזיניקע שטרייקן. נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרלוירן די בעקער, האָט דער צענטער פון זייערע אַטאַקעס זיך אַריבערגעטראָגן צו די האַנדלס־אַנגעשטעלטע.

אָבער פון זייער מפּלה ביי די בעקער און פונם אומזיניקן, קאַלטבלוטיקן מאָרד איבער נויערמאַנען האָבן די קאָמוניסטן גאָר ניט אָפּגעלערנט. זיי האָבן דעם קאַמף פאַר איינהאַלטן ביי זיך די האַנדלס־אַנגעשטעלטע געפירט מיט די זעלבע טעראָריסטישע מעטאָדן ווי ביי די בעקער. און אויך דאָ האָבן זיי סוף־כּל־סוף ענדגילטיק פאַרשפּילט. אָבער ביי די האַנדלס־אַנגעשטעלטע איז דער קאַמף געווען אַ קאָמפּליצירטער און האָט זיך לענגער געצויגן, ווייל אַ גרויסער טייל האַנדלס־אַנגעשטעלטע האָבן פון לאַנג געהאַט אַ קאָמוניסטישע טראַדיציע.

נאָך אין די צאַרישע ציישן האָט אין וואַרשע עקסיסטירט אַ פאַראיין פון יידישע האַנדלס־אַנגעשטעלטע. צו אים האָבן געהערט מערסטנטייל העכערע אַנגעשטעלטע (באַנק־באַאַמטע, פּראָקורענטן, בוכהאַלטאָרן, קאַמי־וואַיאַזשאָרן, ביוראָ־אַנגעשטעלטע א. ד.גל.), דער עיקר פון די אַסימילירטע עלעמענטן. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער פאַראיין אויפגעבויט אַן אייגן שיין הויז אויף זיעלנע גאַס נומ׳ 25, נאָענט צו דער מאַרשאַלקאָווסקע, צו דער רייכערער פּוילישער געגנט. יידיש־רעדנדיקע, פאָלקסטימלעכע אַנגעשטעלטע — פון די נאַלעווקעס, גענשע, פראַנציסקאַנער — האָט מען צום פאַראיין פּאַקטיש ניט צוגעלאָזט, אחוץ קליינע אויסנאַמען. פּאָליטיש האָבן דאָרט געהאַט אַ גרויסע השפּעה די ס.ד.ק.פּ.ל. און די פּ.פּ.ס.־לעוויצע, צוויי פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וואָס זיינען אין דער יידנפראַגע געשטאַנען אויפן אַסימילאַטאָרישן שטאַנדפּונקט. מיט־באַלעבאַטים מיט זיי זיינען געווען די סתם־אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן אַז יידיש און יידישע פאָלקס־מענטשן זאָלן האָבן אַ צוטריט צו זייער „אַריסטאָקראַטישן" פאַראיין.

דער בונד האָט אין דעם פאַראיין געהאַט אַ שטאַרקע גרופּע. איינער פון

די אַקטיווסטע בונדיסטן דאָרטן, וואָס איז אָפט מאָל אַרויסגעטראָטן מיט גלענצנדיקע רעדעס צו פאַרטיידיקן דעם בונדישן שטאַנדפּונקט, איז געווען דער חבר לאַזאַר עפּשטיין (איצט אין ניו־יאָרק, טעטיק אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט). די בונדישע פראַקציע האָט כסדר געפאָדערט צו דעמאָקראַטיזירן דעם פאַראיין, צולאָזן דעם „נידעריקערן" סאָרט אַנגעשטעלטע, איינאָרדענען פאַרלעזונגען אויף יידיש (די אָפיציעלע שפּראַך פון פאַראיין איז געווען פויליש), א. אַז. וו. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די קאָמוניסטן (די געוועזענע ס.ד.ק.פּ.ל. און פּ.פּ.ס.־לעוויצע צוזאַמען) באַהערשט דעם פאַראיין און געוואָרן דאָרט די באַלעבאַטים. אָבער אויך די בונדישע פראַקציע האָט זיך זייער פאַרשטאַרקט. (זי האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „גראָסער־פראַקציע"). עס זיינען צוגעקומען אַ היפּש ביסל בונדישע טוער ווי דער ח' מאיר וואַסער, וויצע־פאָרזיצער פון צ. ק. פון בונד אין פוילן, זיין ברודער גרשון וואַסער, זיגמונט מושקאַט, לעאָן מיכעלסאָן, לוטעק פרידמאַן, יאַנא יואלסאָן א. אַנד.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אויך געהאַט אָרגאַניזירט אין וואַרשע אַ פאַראיין פון מאַנופאַקטור־אַנגעשטעלטע, וואָס איז געווען יידיש, פאָלקסטימלעך און האָט אַרומגענומען די אַנגעשטעלטע פון דער נאַלעווקעס־געגנט. נאָך דער מלחמה איז דער דאָזיקער פאַראיין אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון די פּועלי־ציון, כאָטש דער בונד האָט דאָרט געהאַט אַ שטאַרקע אָנהענגערשאַפט, און איין מאָל — בעת די וואַלן צום וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט — האָט דער בונד אפילו באַקומען דאָרט אַ מערהייט שטימען.

דער בונד האָט דעמאָלט אַרויסגערוקט די פאָדערונג אַז ביידע פאַראיינען זאָלן צענטראַליזירט ווערן אין איינעם. אַזאַ באַשלוס איז טאַקע פון ביידע פאַראיינען אָנגענומען געוואָרן. אָבער ער איז קיין מאָל ניט אַדורכגעפירט געוואָרן ווייל די אָנפירער פון ביידע פאַראיינען האָבן דעם דאָזיקן באַשלוס סאַבאָטירט. דער מאַנופאַקטוריסטן־פאַראיין איז אָבער כסדר געוואָרן אַלץ שוואַכער און קלענער און ער האָט קיין גרויסע ראָלע ניט געשפּילט. דער קאַמף האָט זיך אַלץ מער קאָנצענטרירט אַרום דעם אַלגעמיינעם האַנדלס־אַנגעשטעלטע־פאַראיין, זיעלנע 25.

ספּעציעל ענערגיש האָט די בונדישע פראַקציע אין דעם פאַראיין געפאָדערט, מען זאָל אָנהייבן אָרגאַניזירן די פאַכן, וואָס געהערן נאָך ניט צום פאַראיין. ס'האָט זיך געהאַנדלט דער עיקר וועגן די שלעכט־באַצאָלטע אַנגעשטעלטע (מערסטנס מיידלעך) אין די האַלעס און אויף די מערק אַרום די האַלעס (אַ שטייגער פון „גאַשטשינסקי דוואָור" שפּעטער „וויעלאָפּאָליע" א. ד. גל.) די דאָזיקע האַנדלס־אַנגעשטעלטע זיינען געווען פאָלקסטימלעכע יידיש־ריידנדיקע מענטשן וואָס האָבן געקענט האָבן אַ נייגונג צום בונד. האָבן דערייבער די קאָמוניסטן מורא געהאַט אַז זיי קענען צוליב דעם נייעם שטראָם מיטגלידער פאַרלירן די מאַכט איבערן פאַראיין און האָבן זיך געוועדט קעגן אַריינעמען זיי אין פאַראיין. דער קאַמף אַרום אַריינעמען די נייע סעקציעס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שאַרפער און העפטיקער. די קאָמוניסטן זיינען אַרויסגעטראָטן אַלץ שאַרפער — קעגן; דער בונד פונקט אַזוי ענערגיש —

פאַר. און דער אָביעקטיווער יושר איז געווען אויף אונזער זייט: פאַר וואָס זאָל מען פאַרשליסן די טירן פון אַ פאַראיין פאַר אַ גרויסער מחנה אָנגעשטעלטע? — בלויז דערפאַר ווייל זיי קענען זיין אַ שטער פאַר דער הערשנדיקער פאַרטיי? אָדער דערפאַר ווייל זיי זיינען פון אַ „בידעריקערן" סאָרט, פאַרדינען וויניקער, ריידן ניט קיין עלעגאַנטן פויליש? די דאָזיקע שלעכטגעצאָלטע אָנגעשטעלטע נייטיקן זיך דאָך נאָך מער אין אַ פאַרטיידיקער!

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך אין אונזער פראַקציע באַוויזן אַ יונגערמאַן, אַ מאַנופאַקטור־אָנגעשטעלטער, וואָס האָט גיך געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין ענערגיע און דינאַמישקייט — זיין נאָמען איז געווען דוד וואַסערמאַן. ער איז געווען הויך, ברייט־פלייציק, פעסט געבויט, האָט גערעדט מיט אַ טיפער באַסאָווער שטימע און איז געווען אַ מענטש מיט אַ פאָלקסטימלעכן הומאָר. געשטאַמט האָט ער פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע, ער אַליין האָט געהאַט אַ גוט־געצאָלטן פאָסטן ווי אַן אָנגעשטעלטער ביי מאַנופאַקטור. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אָפּאָזיציאָנעלער אַרבעט קעגן דער קאָמוניסטישער פירונג מיט זיין גאַנצער שפרודלדיקער ענערגיע. אויף יעדן טריט און שריט — ווי דער סעקרעטאַר פון דער בונדישער פראַקציע אינם האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַראיין, זיעלנע 25 — האָט ער אָנגעוויזן אויף די אומגערעכטע און אומדעמאָקראַטישע פירונגען פון דעם אַסימילאַטאָריש־פאָלאָניסטיש־קאָמוניסטישן פאַראיין. דער פרעסטיזש און די אָנהענגערשאַפט פון דער בונדישער פראַקציע זיינען כסדר געוואַקסן. אָבער וואָס מער עס איז געוואַקסן דער איינפלוס פון „בונד" אין דעם פאַראיין, אַלץ שאַרפער זיינען געוואָרן די קאָנפליקטן מיט דער אַלטער פאַרוואַלטונג, מערסטנטייל — אַרום דער פראַגע פון אָרגאַניזירן די שלעכט־פאַרדינענדיקע קאַטעגאָריעס האַנדלס־אָנגעשטעלטע. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז די קאָמוניסטן האָבן אויסגעשלאָסן די פאָרשטייער פון דער בונדישער פראַקציע אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם פאַראיין: דעם חבר מאיר וואַסער, דוד וואַסערמאַנען א. אַנד. (די וואַלן צו דער פאַרוואַלטונג זיינען געווען פראָפּאָרציאָנעלע, לויט ליסטעס פון פראַקציעס).

דעמאָלט איז דער בונד צוגעטראָטן זעלבשטענדיק צו אָרגאַניזירן די פאַכן וואָס דער קאָמוניסטישער פאַראיין האָט ניט געוואָלט אַריינעמען: די יידיש־ריידנדיקע אָנגעשטעלטע פון גענשע און פראַנצישקאַנער גאַסן, די פאַרקויפעריגס פון די מערק אין און אַרום די האַלעס, די פרוכט־אָנגעשטעלטע (דער פרוכט־האַנדל איז אויך געווען קאָנצענטרירט אַרום די האַלעס) א. אַנד. פון די אַלע סעקציעס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער פאַראיין. דוד וואַסערמאַן האָט אַוועקגעוואָרפן זיין פאָסטן אויף גענשע גאַס און איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון נייעם פאַראיין.

דער ניי־געגרינדעטער פאַראיין איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. ער האָט אין גיכן זיך געדונגען אַן אייגענעם גרויסן לאָקאַל (אויף מילנע גאַס נומ' 7). ער האָט באַלד באַקומען אַ גוטן נאָמען ביים ברייטן עולם האַנדלס־אָנגע־

שטעלטע. עס האָבן אָנגעהויבן קומען אין נייעם פּאַראיין אָנגעשטעלטע ביי מאַנופאַקטור, לעדער, גאַלאַנטעריי, אויך בוכהאַלטאָרן און ביוראָ־אָנגעשטעלטע.

די קאָמוניסטן האָבן באַשלאָסן ביי זיך — מיט אַלע מיטלען צו צעשטערן דעם נייעם פּאַראיין, אפילו ווען בלוט זאָל זיך דאַרפן גיסן. פּונקט ווי זיי האָבן דאָס געטאָן ביי די בעקער. און ווי אַ באַזע פאַר זייער בלוטיקן אָנגריף קעגן דעם נייעם פּאַראיין האָבן זיי אויסגעקליבן די סעקציע פון פּרוכט־אָנגע־שטעלטע, וואו זיי האָבן געהאַט אַ ביסל אָנהענגער (כאָטש זייער פּאַראיין האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן פאַך).

די אָנגעשטעלטע ביי פּרוכט זיינען געווען אַן אייגנאַרטיקער עלעמענט. זיי זיינען געווען האַלב־אָנגעשטעלטע, האַלב־טרעגערס, אי זיי האָבן פאַרקויפט פּרוכט צו סוחרים (דאָ רעדט זיך אַלץ וועגן הורט־האַנדל) ווי אָנגעשטעלטע, אי זיי האָבן געשלעפּט קוישן פּרוכט ווי טרעגער. אָנגעהויבן אַרבעטן האָבן זיי אַרום 3־4 פאַר טאָג (ווען מען האָט געבראַנגט פּרוכטן פון אַרום וואַרשע) אויפן מיראָווסקע פּלאַץ, לעבן די האַלעס, וואו עס איז געווען דער צענטער פון הורטאָוונעם פּרוכט־האַנדל. זיי האָבן שווער געאַרבעט סיי זומער סיי ווינטער, וואָרעם אויך ווינטער זיינען, אַחוץ ווינטער־פּרוכטן, געווען אויך פּרוכטן פון די וואַרעם־הייזער.

אַמאָל איז דער הורט־האַנדל מיט פּרוכט אין גאַנצן געלעגן אין יידישע הענט. שפּעטער זיינען אויך צוגעקומען פּוילישע הורטאָווניקעס. די יידישע און קריסטלעכע סוחרים און אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. די קריסטלעכע אַרבעטער האָבן געהערט צו די פּראַקעס, וועלכע האָבן זיך פאַר־מאָסטן אַריבערצוציען אין זייער פאַראיין אויך די יידישע אַרבעטער. צוליב דעם זיינען אַ געוויסע צייט פאָרגעקומען קאָנפליקטן מיט אונזער סעקציע. די קאָמוניסטן, כדי צו צעשטערן אונזער סעקציע, האָבן געשטיצט די פּראַקעס. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן די קאָמוניסטן אויך אַריינגעצויגן אַ טייל יידישע באַלעבאַטים, וואָס האָבן בכלל געקוקט קרום דערויף וואָס די אָנגעשטעלטע זייערע האָבן זיך פּלוצלונג אָרגאַניזירט אין אַ פּאַראיין.

האָט זיך געמאַכט, אַז ס'איז פריי געוואָרן אַ פּאָסטן צוליב דעם, וואָס אַ פּרוכט־אָנגעשטעלטער איז געוואָרן אַ סוחר פאַר זיך. די פּרוכט־סעקציע ביי אונזער פּאַראיין — צו וועלכער דער גאַנצער פאַך האָט געהערט — האָט באַשטימט אַן אַרבעטסלאָזן צו פאַרנעמען דעם פריי־געוואָרענעם פּאָסטן. דאָ האָבן די קאָמוניסטן זיך אַריינגעמישט און האָבן באַשטימט אַז דעם דאָזיקן פּאָסטן זאָל פאַרנעמען זייערער אַ מענטש, אַ זון פון אַ פּרוכט־הורטאָווניק, אַ בחור וואָס האָט ביז דעמאָלט אין גאַנצן ביי דעם פאַך ניט געאַרבעט און איז ניט געווען קיין מיטגליד פון דער סעקציע. ווי ווייט די קאָמוניסטן זיינען ניט אויסן געווען דעם פּאָסטן גופא, נאָר האָבן בלויז געזוכט אַ תירוץ אַרויסצורופן אַן אַוואַנטורע, קען עדות־זאָגן דער פאַקט, וואָס זייער קאַנדידאַט האָט אין דער זעלבער צייט גאָר געקריגן אַ פאַראָרדענונג צו גיין אויף רעזערוו־איבונגען אין מיליטער און ווען דער קאָנפליקט האָט זיך געהאַט פונאַנדערגעפלאַקערט — איז דער בחור שוין געווען אין מיליטער.

די קאָמוניסטן האָבן אָנגעפירט דעם קאַמף מיט זייערע געוויינטלעכע טעראָר־מעטאָדן. זיי האָבן אויפגעריסן אַ פאַרזאַמלונג פון דער פרוכט־סעקציע מיט ווילדע זידלערייען און געשלעגן. נאָך דעם האָבן זיי אַריינגעשאָסן אין דער וואוינונג פון אונזער חבר שמחה סאָלניק, וואָס איז געווען אַ טעטיקער מיטגליד אין דער פרוכט־סעקציע. אין אַ פאָר טעג אַרום, — נאָך מיטאָג־צייט, האָט זיך פלוצלונג באַוויזן אויף מיראָווסקע פלאַץ אַ באַנדע קאָמוניסטן, מיט זייער הויפט־שלעגער לייבוניו בראש, און איידער מען האָט זיך אָריענטירט האָבן זיי געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי, ניט סתם אין דער לופטן אויף אָפצושרעקן, נאָר זיי האָבן גלייך געצילט אין אונזערע חברים. דער רעזולטאַט איז געווען אַ פאַטאַלער: דער חבר שיינאָוויטש איז אויפן אָרט געפאַלן אַ טויטער און דער חבר שמחה סאָלניק איז אַוועקגעפאַלן אַ שווער־פאַר־וואונדעטער.

די קרבנות זיינען ניט געווען קיין צופעליקע. די קאָמוניסטן האָבן באַוווסט־זיניק געצילט אין די דאָזיקע מענטשן: אין שיינאָוויטשן — ווייל ער איז געווען אַ זייל פון דער פרוכט־סעקציע; ער האָט געהאַט אַ גרויסע משפחה — ברידער, פעטערס, קוזינען — וואָס האָבן אַלע געאַרבעט ביי פרוכט און ער האָט זיי אַלעמען אַריינגעצויגן אין פאַראיין; אין סאָלניקן — ווייל ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער בונדישער מיליץ. ווידער זיינען די קאָמוניסטן באַגאַנגען אַ מאָרד איבער אַן אומשולדיקן מענטשן.

באַלד ווי מיר האָבן באַקומען די ידיעה וועגן דעם נייעם קאָמוניסטישן מאָרד, בין איך אַהין אַוועק מיט אַ גרופע אונזערע מיליציאָנערן, אָבער קיין שפור פון די קאָמוניסטישע שיסער איז שוין ניט געווען.

דער פאַראיין האָט אַדורכגעפירט אַ גענויע אויספאָרשונג און עטלעכע מיטגלידער־קאָמוניסטן, וועגן וועלכע עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין צוגרייטן דעם בלוטיקן אָנפאַל, זיינען באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט און פון פאַראיין.

גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר געהאַט מיט די פאַמיליעס פון די צוויי קרבנות. (שמחה סאָלניק איז לאַנגע וואָכן געלעגן קראַנק). די משפחה־מענטשן פון די קרבנות האָבן צום בונד ניט געהערט און האָבן ניט געוואָלט וויסן וועגן קיין שום העכערע פאַרטייאישע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. עס האָט אונז געקאָסט אַ סך מי און אַרבעט ביז מיר האָבן ביי די משפחות געפועלט זיי זאָלן זיך אָפזאָגן פון זייער פאַרלאַנג נאָך נקמה, ווייל מיר האָבן פאַר יעדן פרייז געוואָלט אויסמיידן ווייטערדיקע בלוט־פאַרגיסונגען.

קאַפּיטל 70

אַ ליציטאַציע פון דער „פאָלקס־צייטונג"

די טעגלעכע פאָלקס־צייטונג, דער צענטראַל־אָרגאַן פון בונד אין פּוילן, האָט זיך שטענדיק געראַנגלט מיט גרויסע מאַטעריעלע שוועריקייטן. אַנאַנסן — דעם וויכטיקסטן קוואַל פון צייטונגס־ריווח — האָט זי כמעט ווי ניט געהאַט. וועלכער סוחר וועט זיך אַנאַנסירן אין אַ צייטונג וואָס עס לייענען אָרעמע אַרבעטער, וועלכע פאַרדינען קוים אויף אַ שטיקל ברויט ? — און אָן אַנאַנסן, נאָר פון אַרבעטער־גראָשנס און פון הילף־אַקציעס, איז טאַקע דער פאָלקס־צייטונג שווער געווען צו עקזיסטירן און זי איז שטענדיק געווען פאַרזונקען אין חובות. צוליב די חובות האָבן איר כסדר געדראָאַט ליציטאַציעס און ניט זעלטן איז אויסגעקומען מיט ניסים אויסצומיידן אָדער אָפּצושרייען אַזעלכע ליציטאַציעס („אָקשענס").

איין מאָל האָט זיך אַזאַ ליציטאַציע שיר ניט געענדיקט קאַטאַסטראָפאַל.

עס האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן אַ חוב פון אַן ערך 40.000 זלאָטעס. די קרעדיטאָרן האָבן מער ניט געוואָלט וואַרטן און ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ ליציטאַציע אויפן פאַרמעגן פון דער פאָלקס־צייטונג : ד. ה. אויף די לינאָטיפּן, אויף דער ראָטאַציע־מאַשין, אויפן גאַנצן האָב און גוטס.

די ליציטאַציע־אויפקויפער, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן אין וואַרשע, „ליציטאַציע־גייער", האָבן זיך דער עיקר רעקרוטירט פון דער אונטערוועלט. זיי זיינען געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע באַנדע, אַ מאַפיע. זיי האָבן געהאַט אונטערגעקויפט די „קאָמאָרניקעס" (די געריכט־באַאַמטע וואָס פלעגן געזעצ־לעך אַדורכפירן די ליציטאַציעס) און די פאָליציי, און קיינער, אחוץ זיי, האָט גאָר ניט געקענט קויפן אויף אַ ליציטאַציע. זיי האָבן זיך איינגעטיילט לויט ראַיאָנען. איין ראַיאָן־גרופּע האָט ניט געטאָרט קומען צו אַ ליציטאַציע אינם ראַיאָן פון אַ צווייטער גרופּע. די דאָזיקע ליציטאַציע־גייער, „שטאַרקע" און אונטערוועלט־מענטשן, האָבן געהערשט איבער זייער „מלוכה" אָן שום קאָנ־קורענץ. אין דער יידישער געגנט זיינען די ליציטאַציע־גייער געווען יידישע. זיי האָבן אָבער געוואוסט, אַז מיט קיין פאַרטייען אָדער געזעלשאַפטלעכע איב־סטיטוציעס טאָרן זיי זיך ניט טשעפּען. בעת אַ ליציטאַציע אויפן פאַרמעגן פון אַ יידישער שול, פון „אָרט", צי פון אַן אַנדער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע, האָט מען פון די ליציטאַציע־גייער געקענט פּטור ווערן פאַר אַ פּאָר צענדליק זלאָטעס. די אינסטיטוציע פלעגט אונטערשטעלן אירע אייגענע מענטשן, וואָס האָבן דאָס האָב און גוטס „אָפּגעקויפט" פאַר אַ שיבוש און מען האָט ווייטער געטראָגן דעם עול ווי פריער.

לויטן געזעץ האָט אַ ליציטאַציע געקענט פּאַרקומען דריי מאָל. אויב מען האָט צום ערשטן מאָל ניט אָנגעבאָטן דעם פולן פּרייז, איז באַשטימט געוואָרן אַ צווייטע ליציטאַציע. אויב אויף דער צווייטער ליציטאַציע האָט מען אויך ניט געקענט קריגן דעם פולן פּרייז, האָט מען באַשטימט אַ דריטע און לעצטע ליציטאַציע און דאָ האָט מען שוין פאַרקויפט די סחורה פאַרן העכסטן פּרייז, וואָס די אויפקויפער האָבן אָנגעבאָטן.

די ערשטע צוויי מאָל איז די ליציטאַציע פון דער פאָלקס־צייטונג אַדורך כשורה. עס זיינען געקומען די יידישע אויפקויפער פון דעם ראַיאָן, מיר האָבן זיי געגעבן אַ ביסל געלט און זיי זיינען אַוועק. ווען עס איז אונטערגעקומען דער טערמין פון דער דריטער ליציטאַציע האָבן מיר באַשטימט דעם חבר מאָוריצי אָזשעך, ער זאָל „אָפּקויפן" דעם פאַרמעגן. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט זיין אַדוואָקאַט, דאָס איז געווען דער אַדוואָקאַט שניאורסאָן, אונזערער אַ גוטער פריינד (דער פאָטער פון אונזער חברטע איזע ערליך); מצד דער פאָלקס־צייטונג איז דער אַדוואָקאַט געווען ח' לודוויק האָניגוויל. אין טאָג פון דער ליציטאַציע זיינען מיר באַצייטנס געווען אויפן אָרט און געוואַרט, אַז די „ראַיאָנאָווע" יידישע ליציטאַציע־גייער זאָלן קומען, מיר זאָלן זיי ווידער געבן עפּעס געלט און פּטור ווערן פון זיי; דעמאָלט וועט אָזשעך געזעצלעך „אָפּ־קויפן" דעם פאַרמעגן — און מיר וועלן ווייטער זיין געראַטעוועט.

פלוצלונג, אַרום 8 אַ זייגער אין דער פרי, ווי מיר שטייען אַזוי און וואַרטן, קומען אַריין אין הויף פון דער דרוקעריי אַ צען קריסטלעכע „אויפקויפער", אַלע ריזן, „האַמאַנעס", מיט קאַזשיק מאַראַווסקי אין דער שפּיץ. ווען איך האָב אים דערזען, איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. קאַזשיק מאַראַווסקי, אַ גיבור, איז געווען איינער פון די ווילדסטע „שטאַרקע" אין וואַרשע. ער איז געווען אַ רייכער מאַן, איינער פון די הויפּט־פירער פון די ליציטאַציע־גייער, זיין ראַיאָן איז געווען אַ פּוילישער און ער פלעגט זיך פאַרנעמען נאָר מיט גרויסע געשעפטן: אָפּקויפן הייזער, גרויסע מאַשינען, גאַנצע פאַבריקן, א.אַז.וו. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען. די יידישע ליציטאַציע־גייער פון דעם ראַיאָן האָבן מורא געהאַט צו טשעפּען זיך מיטן בונד, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט אַרויסלאָזן אַזאַ פעט פאַרדינסטל, האָבן זיי אונטערגעשיקט דעם „שטאַרקן" גוי, ער זאָל קויפן דעם פאַרמעגן פון דער פאָלקס־צייטונג, און זיי וועלן זיין שטילע שותּפים צום פאַרדינסט.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, כ'בין צוגעגאַנגען צו מאַראַווסקין און אים געזאָגט אין אַן איידעלן און פריינדלעכן טאָן:

— הערט, פּאַניע מאַראַווסקי, וואָס דאַרפט איר קויפן אויף דער דאָזיקער ליציטאַציע? דאָס איז דאָך דער בונד, אַ יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי, מיר זיינען דאָך אַרבעטער, וואָס דאַרפט איר אונז באַעוולען און צונעמען אונזער פאַרמעגן? — גייט אַוועק און לאָזט אונז צו רו.

ענטפערט ער מיט געבייזער:

— איך וויל ניט וויסן פון קיין שום פּאַרטיי, פון קיין שום אַרבעטער. דאָ

איז דאָ צו פֿאַרדינען אַ צען טויזנט זלאָטעס! טשעפּע זיך אָפּ! ווילסט זיין אַ שותּף? — קען איך דיר צונעמען פֿאַר אַ שותּף. און דאָס איז אַלץ וואָס איך קען טאָן פֿאַר דיר.

הייב איך ווייטער אָן איינצוטענהן מיט אים דאָס זעלבע. נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, אָבער ער — האַלט זיך ביי זייניקן. זע איך, אַז מיט גוטן וועל איך ביי אים גאָר ניט פּועלן. גיב איך אים אַ זאָג, שוין מיט אַ פעסטער דע־צידירטער שטימע:

— דו וועסט דאָ ניט קויפן!

מעסט ער מיך אָפּ מיט אַן איראָניש שמייכעלע פון אויבן ביז אַראָפּ און פרעגט:

— וואָס? — ווילסט זיך אפשר מיט מיר שלאָגן?

ענטפער איך אים מיט דער זעלבער דעצידירטקייט וואָס פריער:

— ניין, מיר וועלן זיך ניט שלאָגן. אָבער דו וועסט ניט קויפן!

זעט ער פון מיין טאָן, אַז דאָס איז ניט קיין שפּילכל, אַז ס'איז ניט אַזוי לייכט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט, ווערט ער שוין אַ ביסל ווייכער, רופט מיך אַוועק אָן אַ זייט און זאָגט צו מיר:

— אויב איך בין דאָ אַהער געקומען, מוז איך קויפן. דאָ גייט שוין ניט אין געלט און ניט אין פאַרדינסט. עס גייט אין מיין רעפּוטאַציע. דאָ זיינען מיינע מענטשן, זיי זעען אַלץ, איך קען ניט אַוועקגיין מיט גאָר ניט. ווילסט זיין אַ שותּף? — קענסטו זיין אַ שותּף.

האָב איך אים אויף דעם געענטפערט: דיר גייט אין דיין רעפּוטאַציע, אָבער מיר גייט אין מיין גאַנצער עקזיסטענץ! — וויזט אויס אַז איך האָב דאָס געזאָגט מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז עס האָט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק. ער איז שטיל געוואָרן, האָט זיך אין גאַנצן געביטן און אַ זאָג געטאָן:

— קום, לאָמיר גיין, און ער האָט צוגעגעבן אַ קללה, וואָס איז ניט דרוקפּעאיק.

האָב איך אים געענטפערט:

— ניין, איך קען ניט אַוועקגיין מיט דיר אַליין און דו קענסט ניט איצט פון דאַנעט אַוועקגיין. דו דאַרפסט זען, אַז אויך דיינע מענטשן זאָלן ניט קויפן. ער איז דעמאָלט אַן אַנגעכמורעטער אָפּגעטראָטן אַ ביסל אין אַ זייט און האָט געגעבן אַ וואונק צו זיינע מענטשן. זיי האָבן שוין פאַרשטאַנען וואָס דער וואונק באַטייט און זיי האָבן זיך אויך אָפּגערוקט אין פאַרשיידענע זייטן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליציטאַציע. ה' אַזשעך האָט אָנגעבאָטן אַ פּרייז. מאַראַווסקי מיט זיין חברה זיינען געשטאַנען שטיל אין אַ זייט, אַנגעכמורעט אָבער שווייגנדיק. די ליציטאַציע איז גיך אַדורכגעפירט געוואָרן. אַזשעך איז געוואָרן דער קויפער.

נאָכן אַקט פון אונטערשרייבן, ווען אַזשעך איז שוין געוואָרן דער געזעצ־לעכער „באַלעבאָס" איבערן ליציטירטן פאַרמעגן פון דער פאָלקס־ציטונג, בין איך צוגעגאַנגען צום ה' נח, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעקוקט פון דער ווייטנס און האָט פאַרשטאַנען אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר, און געזאָגט אים,

אַז איך דאַרף האָבן 100 זלאָטעס (בערך 20 דאָלאַר) צו נעמען די חברה ליציטאַציע־גייער אויף אַ גוטן אָנבייסן. פרעגט מיך איך ח׳ יוזעף מיט אַ רירנ־דיקער, תמימותדיקער נאַאיווקייט: — 100 זלאָטעס? אַזוי פיל געלט? אפשר וועט זיין גענוג 50 זלאָטעס? — איך בין געווען צו פיל אויפגערעגט, איך זאָל אים געבן צו פאַרשטיין, פאַר וואָס מען דאַרף ניט ווייניקער ווי 100 זלאָטעס, האָב איך עקשנותדיק געפאָדערט די גאַנצע 100!

איך האָב גענומען דאָס געלט, צוגעגאַנגען צו קאַזשיק מאַראַווסקין און אים געזאָגט אַז איך נעם אים מיט זיינע מענטשן אין אַ רעסטאָראַן. מיר זיינען אַלע אַוועק שטילשווייגנדיק אין עפּעס אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן. זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אַ גרויסן טיש און אָנגעהויבן מאַכן באַשטעלונגען. ווען איך האָב דערהערט וואָס זיי האָבן דאָ באַשטעלט, איז מיר ווידער אַ מאָל פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך בין צוגעגאַנגען צו מאַראַווסקין און אים איינגערוימט אין אויער אַריין: „פּאַניע מאַראַווסקי, איך האָב ניט אַזוי פיל געלט צו באַצאָלן״. האָט ער, נאָך אַלץ אַן אָנגעכמורעטער, מיר געענטפערט: „כ׳דאַרף ניט דיין געלט, כ׳וועל שוין אַליין צאָלן!״ — זיי האָבן געפרעסן און געזויפט אַזוי פיל, אַז ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן און מאַראַווסקי האָט באַצאָלט פאַר דעם „אָנבייסן״ קנאַפּע 500 זלאָטעס. ער האָט זיי אַזוי פיל געגעבן צו פרעסן און צו טרינקען, ווייל ער האָט מסתמא געוואָלט ביי זיין חברה אָפּווישן דעם שלעכטן איינדרוק, אַז ער, קאַזשיק מאַראַווסקי, דער „קרול״ פון די ליציטאַציע־גייער אין וואַרשע, איז אָפּגעטראָטן פאַר עפּעס שוואַכע „זשידעס״.

אָבער קאַזשיק מאַראַווסקי האָט זיך צוריקגעצויגן ניט בלויז צוליב מיין דעצידירטער און פעסטער שטעלונג. ער האָט געוויס בעת דער קריגעריי מיט אים איבערגעטראַכט דעם ענין און האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט קויפן, וועט די זאַך ניט אַראָפּ אַזוי גלאַטיק. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט ווער דער בונד איז און אַז דער בונד איז אין פריינדלעכע באַציאונגען מיט דער פּ.פּ.ס. — און דאָס קען אים קאָסטן צו טייער.

ווען איך האָב צוריקגעברענגט דעם ח׳ יוזעף די 100 זלאָטעס און אים דערציילט די מעשה, האָט ער בלויז געטאָן אַ צופרידענעם שמייכל.

***

האָב איך שוין דערמאָנט מאַוריצי אָזשעכס נאָמען, מוז איך כאָטש עפּעס דערציילן וועגן דעם דאָזיקן אידעלן מענטש און חבר.

ער האָט געשטאַמט פון איינער פון די רייכסטע יידישע פאַמיליעס אין וואַרשע. איך האָב אים געקענט לאַנגע יאָרן, זינט ער איז אַלט געווען 15 יאָר, ווייל דעמאָלט איז ער שוין געווען פאַרבונדן מיטן בונד. איך האָב דעמאָלט אָנגעהויבן אַריינקומען צו זיי אין שטוב. זיין באָבע — וואָס האָט געוואוינט מיט זיי צוזאַמען — פלעגט זיין אין כעס אויף מיר, ווייל ווען איך פלעג ווינטער־צייט אַריינקומען, פלעג איך אָפט מיט מיינע נאַסע שיך (קיין קאַלאָשן

האָב איך דעמאָלט ניט געטראָגן) אָנטראָגן בלאָטע אויף זייערע גלאַנציקע פּראָטירטע פּאָדלאָגעס. ח׳ אָזשעך איז שפּעטער געוואָרן אַ יורש פון אַ גרויסן פאַרמעגן, אַ שותף צו אַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט, אַ שותף צו אַ גרויסן באַזאַר אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס נומ׳ 19 און צו אַנדערע אונטערנעמונגען. אָבער זיין פּערזענלעכע גוטסקייט, זיין איידלקייט און געטריישאַפט צום בונד, האָבן זיך מיט גאָרניט געמינערט. ער איז פאַרבליבן מיטן בונד — ביז זיין מאַרטירער־טויט.

ווען ער פלעגט מיך טרעפן, פלעגט ער מיר שטענדיק פרעגן צי איך דאַרף ניט עפּעס פאַר נויטבאַדערפטיקטע חברים: געלט אָדער זאַכן. גאַנץ אָפט פלעג איך טאַקע אים זאָגן אַז מען דאַרף האָבן אַן אנצוג אָדער אַ מאַנטל פאַר אַן אַרבעטסלאָזן חבר. דעמאָלט פלעגט ער מיך מיטנעמען צו זיך אַהיים, פלעגט עפענען זיין שאַנק מלבושים און הייסן מיר נעמען וואָס איך וויל. איין מאָל, ביי אַזאַ פאַל, זאָגט ער צו מיר אַזוי:

— „וויסטו וואָס, בערנאַרד, וואָס דאַרפסטו מיך אין גאַנצן צו דעם האָבן?

— איך וועל זאָגן מיין פרוי, אַז דו קענסט אַליין נעמען וואָס דו דאַרפסט״. און ער האָט אַריינגעבעטן זיין פרוי און האָט איר אָנגעזאָגט, זי זאָל מיך שטענדיק אַריינלאָזן צו זיי אין הויז, זי זאָל מיך צולאָזן צו זיין שאַנק מלבושים און איך מעג פון דאָרט נעמען וואָס איך וויל. איך פלעג טאַקע גאַנץ אָפט געניסן פון דער דאָזיקער פּריווילעגיע. און ווען מען האָט אַמאָל געדאַרפט אַ מלבוש פאַר אַ נויטבאַדערפטיקן חבר, מער וויניקער אין אָזשעכס מאָס, בין איך אַוועק אין זיין וואוינונג, אַרויסגענומען פון שאַנק וואָס מען האָט געדאַרפט און באַקליידט דעם חבר. זיין פרוי, וואָס האָט מסתמא ניט געקענט אַזוי קלאָר באַנעמען אין וואָס עס באַשטייען די דאָזיקע אַלע „משוגעתן״ פון איר מאַן, איז אָבער געווען אויסערגעוויינטלעך לאָיאַל צו זיין גאַנצער פּאַרטייאישער אַרבעט. *)

---

*) נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך זיין אַריינפאַלן און אַרויסרייסן זיך פון דייטשע הענט, נאָכן אַריינקומען אין דער נאַצי־אָקופּירטער וואַרשע, איז ח׳ מאָוריצי אָזשעך געווען דער פאָרזיצער פון צ. ק. פונם אונטערערדישן „בונד״. וועגן זיין אומקום און דעם אומקום פון זיין פאַמיליע האָב איך דערציילט אין מיין בוך „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״.

קאַפּיטל 71

אַ מפּלה פון גלח טזשעטשאַק

אין דער צייט פון די כסדרדיקע אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אויף יידן אין פוילן, אין די דרייסיקער יאָרן, האָט ספּעציעל געווילדעוועט אַ מין „אידעאָלאָג" פון די היטלעריזירטע פוילישע אַנטיסעמיטן — אַ געוויסער גלח טזשעטשאַק.

ער, גלח טשזעטשאַק, איז געווען איינער פון די באַקאַנטסטע קאַטוילישע גלחים אין פוילן. אַ ווילדער אַנטיסעמיט, האָט ער נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט איבערגענומען די היטלעריסטישע העץ־מעטאָדן קעגן יידן. ער פלעגט פּרעדיקן איבער די קאָשטשאָלן אין די זונטיקס און אַזוי אָנרייצן דעם המון קעגן יידן, אַז נאָך אַ יעדער דרשה זיינער איז געווען אַ מורא פאַר אַ פּאָגראָם. עטלעכע מאָל איז ער געקומען פּרעדיקן אין דעם קאָשטשאָל אויף ברודנע און די אַרומיקע יידישע באַפעלקערונג איז געווען אין שרעק, אַז אַ וועלכן ס'איז זונטיק וועט זיך זיינע אַ העצע ענדיקן מיט אַ פּאָגראָם.

ברודנע איז געווען אַ פאָרשטעטל פון דער גרויסער וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע. אויף ברודנע האָט זיך געפונען אַ גרויסער קאַטוילישער צמענטאַזש (בית־הקברות) פאַר וואַרשע. אויף ברודנע איז אויך געווען אַ יידישער בית־עולם, וואָס האָט געהערט צו דער וואַרשעווער יידישער קהילה און וואו זי האָט באַגראָבן אָרעמעלייט וואָס זיינען געווען אָן משפחה, אָדער וואָס די משפחה איז ניט געווען בכוח צו באַצאָלן פאַר אַ קרקע אויפן וואַרשעווער בית־עולם.

די באַפעלקערונג אין ברודנע איז געווען אין גרעסטן טייל אַ קריסטלעכע. אָבער אין שכנות פון ברודנע איז געלעגן דאָס פאָרשטעטל פעלצאָוויזנע, וואָס איז געווען כמעט אין גאַנצן יידיש. צווישן ביידע פאָרשטעטלעך האָט זיך געפונען אַן אָרט, וואָס איז פריער ניט געווען באַפעלקערט אָבער עס האָט געהאַט אַ נאָמען — אַנאָפּאָל. דאָרטן, אין אַנאָפּאָל, האָט דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט אויפגעשטעלט הילצערנע באַראַקן פאַר היימלאָזע — און אין משך פון אַ קורצער צייט איז אַנאָפּאָל געוואָרן אַ שטעטעלע פאַר זיך. אַ שטעטעלע פון „אָפּיציעלע" אָרעמעלייט, מיט אַן אייגענעם כאַראַקטער און מיט אַ לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם.

די באַראַקן זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער שטאָטישער אָפּ־טיילונג פאַר סאָציאַלער הילף פאַר די היימלאָזע פאַמיליעס, וואָס זיינען עקס־מיטירט געוואָרן פון זייערע דירות און האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו דינגען זיך אַ נייע דירה. דאָרטן האָבן אויך געוווינט סתם אַרבעטסלאָזע, אַרבעטסלאָזע וואָס האָבן געאַרבעט ביי שטאָטישע עפנטלעכע אַרבעטן, ניט־

קוואליפיצירטע אַרבעטער, מיט איין וואָרט: די גרויסע וואַרשעווער אָרעמקייט. די באַראַקן גופא זיינען געווען לאַנגע, גרויסע הילצערנע קאַסטנס, איינגע־טיילט אויף קליינע צימערלעך. אין יעדן צימערל האָט געוואוינט אַ פאַמיליע. אַרום די באַראַקן, אין די שמאָלע געסלעך, האָבן זיך געוואַלגערט אַ סך קליינע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע קינדער. אומעטום האָט דאָ געהערשט הונגער. ווינטער פלעגט דער מאַגיסטראַט שיקן יעדן טאָג הייסע קעסלען זופּ צו דער־וואַרעמען די הונגעריקע באַראַק־איינוואוינער. אַן ערך 80 פּראָצענט פון די באַראַק־איינוואוינער זיינען געווען פּאָליאַקן, די רעשט — יידן.

דער בונד האָט דאָרטן געהאַט אַ פּאַרטיי־גרופּע. מיר האָבן לכתחילה געוואָלט, אַז אונזערע חברים פון די באַראַקן זאָלן זיך אָנשליסן אין דער בונדישער גרופּע פון דער שכנותדיקער פּעלצאָוויזנע. אָבער דאָ האָט געווירקט דער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם: מיר זיינען אַ שטעטל פאַר זיך, האָבן אונזערע אַנאָפּאָלער חברים געטענהט; ס'איז פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון די באַראַקן זייער וויכטיק מיר זאָלן דאָ האָבן אַן אייגענע בונדישע גרופּע. דער פאָרשטייער פון בונד צו דער דאָזיקער גרופּע איז געווען אַבראַשע בלום, דער שפּעטערדיקער העלד פון וואַרשעווער געטאָ. אויך די צוקונפט האָט דאָרט געהאַט אַ קרייז, און דער פאָרשטייער פון דער צוקונפט איז געווען יאַנקעלע מענדעלסאָן, איינער פון די טשיקאַוועסטע פאָלקסטימלעכע טיפּן, וואָס אונזער וואַרשעווער יוגנט־באַוועגונג האָט פאַרמאָגט. די פּ.פּ.ס. האָט דאָרט אויך געהאַט אַ גרופּע מיט אַן אייגענעם לאָקאַל. אונזער גרופּע פלעגט זיך באַנוצן מיט זייער לאָקאַל.

די אַנאָפּאָלער פּאָליאַקן פלעגן אין די זונטיקס גיין אין ברודנער קאָשטשאָל וואו דער גלח טזשעטשאַק פלעגט קומען פּרעדיקן. איין מאָל זיינען אונזערע אַנאָפּאָלער ווי אויך פּעלצאָוויזנער חברים געקומען צו אונז מיט אַן אַלאַרם, אַז אַ געוויסן זונטיק גרייט זיך דער גלח טזשעטשאַק ווידער צו קומען פּרעדיקן אין ברודנער קאָשטשאָל און אַז דער המון, וואָס איז דורך אים ביז איצט שוין גענוג אויפגעהעצט געוואָרן, גרייט זיך נאָך זיין רעדע אַרויסצולאָזן זיך אין גאַס שלאָגן יידן.

דאָס פּרעזידיום פון וואַרשעווער קאָמיטעט האָט וועגן דעם אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד. איך בין אַוועק צו די פּ.פּ.ס.ישע „דזשעלניצעס" (לאָקאַלע אָפּטיילן) אויף פּראַגע און אויף ברודנע און כ'האָב זיך צו זיי געווענדט, אַז זייערע אָרטיקע מיליץ־גרופּעס זאָלן אונז העלפן שטעלן אַ ווידערשטאַנד די כוליגאַנעס, וואָס גרייטן זיך צו באַפאַלן יידן. זיי זיינען אויף דעם איינגעגאַנגען. אחוץ דעם בין איך אַוועק אין שעכט־הויז און כ'האָב אָרגאַניזירט אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער, וואָס פלעגן שטענדיק, ווען נאָר איך פלעג זיי רופן, קומען פּאַרטיידיקן יידן קעגן אַנטיסעמיטישע כוליגאַנישע אָנפאַלן. דער גרעסטער טייל פון דער ווידערשטאַנד־גרופּע איז אָבער באַשטאַנען פון אונזערע חברים: בונדיסטן פון די אַנאָפּאָלער באַראַקן און פון פּעלצאָוויזנע (מיט חיים צוקער, דעם פליישער־אַרבעטער, בראש) און מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי־מיליץ.

יענעם זונטיק, האַלב אַכט אין דער פרי, בין איך שוין געווען מיט דער גרופּע אָרדענער אין פּ.פּ.ס.־ישן לאָקאַל אויף ברודנע, וואָס איז אונז צו דעם צוועק ספּעציעל אָפּגעגעבן געוואָרן. אין משך פון אַ האַלבער שעה זיינען זיך אַלע צונויפגעקומען. מיר האָבן געוואָלט זיין אויפן אָרט אַ סך פריער, ווייל מיר זיינען ניט געווען זיכער צי די כוליגאַנעס וועלן ניט אָנהייבן פּאַרטשעפּען און שלאָגן יידן אין דער פרי, בעת מען גייט אין קאַשטשאַל אַריין.

איך האָב איינגעטיילט דעם גאַנצן עולם אונזערן אויף דריי גרופּעס. איין גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז קריסטן האָבן מיר אַריינגעשיקט אין קאַשטשאַל אַריין, זיי זאָלן זיין צווישן עולם, אויסשפּירן די שטימונג און צו־הערן זיך וואָס מען רעדט. אַ צווייטע גרופּע האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אויפן פּלאַץ האַרט פאַרן אַריינגאַנג אין קאַשטשאַל, אויך די גרופּע איז באַשטאַנען פון בלויז פּאָליאַקן (טאָמער וואָלט צווישן זיי געווען יידן וואָלט עס זיך געוואָרפן אין די אויגן און וואָלט אַרויסגערופן אַ חשד). די דריטע גרופּע, די גרעסטע, איז געווען אַ געמישטע, פון אונזערע חברים און אַ ביסל פּ.פּ.ס.־אָוצעס. זי איז געווען פאַרזאַמלט אַ ביסל ווייטער און באַהאַלטן, כדי זי זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן.

די גאַנצע צייט פון אָפּריכטן די תפילות האָט מען אַרויסגעשיקט באַריכטן, אַז אין קאַשטשאַל איז רואיק, אָבער אַרום 12 ביי טאָג איז מען אַרויסגעקומען מיט דער ידיעה, אַז דער גלח האָט שוין געהאַלטן זיין העץ־רעדע קעגן יידן, אַז גרופּעס זאַמלען זיך ביי די טירן, גרייט אַרויסצולאָזן זיך אין גאַס און באַפאַלן יידן. איך האָב זיך פאַרשטענדיקט מיטן קאָמענדאַנט פון דער ברודנער פּ.פּ.ס.־ישער מיליץ, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען מיט מיר, אַז מיר זאָלן ניט וואַרטן ביז די כוליגאַנעס וועלן אָנהויבן פאַרטשעפּען יידן, נאָר באַלד ווי זיי וועלן אַרויס פון קאַשטשאַל מיט אַ געשריי צו „שלאָגן יידן”, זאָלן מיר זיי פאַרהאַלטן און אויפנעמען מיט זיי אַ שלאַכט האַרט ביי די טירן פון קאַשטשאַל, זיי זאָלן ניט באַוויזן צו פאַרטשעפּען יידן אין דער גאַס.

מיר האָבן אַריינגעשיקט אַן אינסטרוקציע צו אונזער גרופּע, וואָס האָט זיך געפונען אין קאַשטשאַל, אַז זי זאָל זיך האַלטן נאָענט צו די כוליגאַנעס, זיי זאָלן זיך אָנשליסן פון הינטן און צוזאַמען מיט זיי אַרויס. ווען זיי וועלן זען, אַז מיר אַטאַקירן די כוליגאַנעס פון פאָרנט, זאָלן זיי תיכף דאָס זעלבע טאָן פון הינטן, אַזוי אַז די כוליגאַנעס זאָלן פּלוצלונג גענומען ווערן צווישן צוויי פייערן.

אַזוי איז טאַקע געשען. ווען די כוליגאַנעס האָבן מיט אַ געשריי זיך אַ לאָז געטאָן דורך די טירן פון קאַשטשאַל, זיינען מיר זיי אַנטקעגנגעשפּרונגען און אָנגעהויבן זיי מקיים־פּסק זיין. דאָס זעלבע האָט באַלד געטאָן אונזער גרופּע הינטער זייערע פּלייצעס. עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן געשרייען און ליאַרעמס. תיכף איז אונטערגעקומען אונ־זער דריטע גרופּע און האָט זיך אויך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף. מען האָט זיך שטאַרק געשלאָגן אפשר אַ האַלב שעה, ביז עס איז אָנגעקומען פּאָליציי. פון

די כוליגאַנעס זיינען מער צעשלאָגן געוואָרן ווי פון אונזערע, ווייל מיר זיינען זיי באַפאַלן פלוצלונג.

די אָנגעקומענע פאָליציי האָט אָנגעהויבן פונאַנדעריאָגן דעם עולם און אַדורכפירן אַרעסטן. אַרעסטירט האָט מען סיי זייערע, סיי אונזערע. די כוליגאַנעס האָט מען באַלד באַפרייט. אונזערע האָט מען פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט אין אַרעסט. קעגן צוויי פוילישע חברים און אונזערער אַ חברטע, אַ צוקונפט־יסטקע, האָט מען געמאַכט אַ פראָצעס. עטלעכע כוליגאַנעס האָבן געזאָגט קעגן זיי עדות און אַלע דריי האָבן געקראָגן צו איין יאָר תפיסה.

קאַפּיטל 72

פּושיטיק —
און דער פּראָטעסט־שטרייק פון 17טן מערץ 1936

דעם 10טן מערץ, 1936, איז וואַרשע אויפגערודערט געוואָרן פון דער ידיעה וועגן אַ פּאָגראָם וואָס איז אַ טאָג פריער אויסגעבראָכן אין שטעטעלע פּושיטיק, ראַדאָמער געגנט.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט דעמאָלט שוין געהאַט אָנגענומען אין פּוילן גאָר שאַרפע פאָרמען. פיזישע אָנפאַלן אויף יידן זיינען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אָבער צו אַ פאָרמעלן פּאָגראָם איז עס ביזן 9טן מערץ 1936 פונדעסטוועגן ניט דערגאַנגען.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד איז זיך תיכף צונויפגעקומען און האָט באַשלאָסן צו רופן אַן אַלגעמיינעם יידישן שטרייק אין גאַנצן לאַנד אויפן 17טן מערץ — ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם פּאָגראָם אין פּושיטיק און קעגן אַנטי־סעמיטיזם בכלל.

מיר האָבן אין וואַרשע באַלד אָנגעהויבן די איילּיקסטע צוגרייטונגען צום פּראָטעסט־שטרייק. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ שטרייק־קאָמיטעט פון בונד און פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די פאַראיינען און דער מיליץ איז איבערגעגעבן געוואָרן די זאָרג דערפאַר, אַז דער שטרייק זאָל זיין אַ פול־שטענדיקער, און אַז די מערק, באַזאַרן און געשעפטן זאָלן זיין געשלאָסן.

ערב דעם שטרייק, דעם 16טן מערץ, האָבן מיר געהאַט אַ פאַרזאַמלונג פון דער מיליץ און האָבן אויסגעטיילט די פּיקעטן אויף מאָרגן אין דער פרי, וואו וועט עס דאַרף שטיין צו היטן, אַז די געשעפטן זאָלן פאַרמאַכט ווערן, אַז די סחורות אויף די סטראַגאַנעס אין די באַזאַרן זאָלן ניט פונאַנדערגעלייגט ווערן.

אַ טאָג פאַרן שטרייק איז געקומען פון ווילנע ד״ר מאַקס ווײַנרײַך, דער דירעקטאָר פון ייווא און דער קאָרעספּאָנדענט פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״. איך בין געווען מיט אים באַפריינדעט שוין פון לאַנג, נאָך פון דער בונדישער אַרבעט אין צאַרישן רוסלאַנד. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אויף דער פּאַרטייאישער באַראַטונג אין כאַרקאָוו, אין 1916, און אויך ביי אַנדערע פּאַרטיי־אַרבעטן. איצט איז ער געקומען און מיר פאַרגעלייגט, אַז ער וויל דעם גאַנצן טאָג פון 17טן מערץ מיט מיר מיטגיין איבער די גאַסן, ער וויל זען מיט זיינע אויגן ווי אַזוי עס קומט צו שטאַנד אַזאַ גרויסער אַלגעמיינער שטרייק. כ׳האָב אים אָנגעזאָגט, אַז צו מאָרגנס, 6.30 אין דער פרי, וועלן מיר דאַרפן אַרויסגיין אין גאַס.

צו דער צייט האָט זיך ד״ר מאַקס ווײַנרײַך באַוויזן אויפֿן אָפּגערעדטן אָרט און מיר זײַנען צוזאַמען אַרויס אויף דער גאַס. צום ערשטן זײַנען מיר אַוועק הינטער די האַלעס, אין דער געגנט פֿון די גאַסן זשימנע, טשעפּלע, כלאָדנע, מיראָווסקע, פֿאַרן אײַזערנעם טויער און אַרום. די בונדישע אָרדענער זײַנען שוין אַ ביסל פֿריער געקומען אויף די ערטער און זיי — ווי אויך די פֿאַראיין־פּיקעטן — האָבן גענומען אַרומלויפֿן צווישן די הענדלער און איבער די געשעפֿטן און אויפֿגעפֿאָדערט אַלעמען צו שליסן די געוועלבער און אַראָפּצוגיין פֿון מאַרק־פּלאַץ. עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גרויסער טומל, אַ רוקן פֿון זאַליוזעס, אַ פֿאַרמאַכן פֿון טירן, אַ האַקן פֿון שלעסער און אײַזערנע פּרענטן. פּאָליציי האָט זיך אויך געפֿונען אויפֿן אָרט אין אַ היפּשער צאָל און זי האָט באַמערקט, אַז מען קומט כסדר צו צו מיר, מען לויפֿט אַוועק, און מען קומט ווידער צוריק. זײַנען עטלעכע פּאָליציאַנטן צוגעגאַנגען צו מיר און צו ד״ר ווײַנרײַכן, און האָבן אונז דערקלערט, אַז זיי פֿאַרהאַלטן אונז און פֿירן אונז אָפּ אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. ווען מיר האָבן פּראָטעסטירט, האָבן זיי געענטפֿערט, אַז „אויסטענהן וועט איר זיך אין קאָמיסאַריאַט, דערווײַל מוזט איר גיין״. און די פּאָליציאַנטן האָבן אונז גענומען פֿירן. באַלד האָבן די יידישע סוחרים אַרום באַמערקט, אַז די פּאָליציי האָט מיך מיט נאָך איינעם (ד״ר ווײַנרײַכן) אַרעסטירט, זײַנען עטלעכע פֿון זיי צו צו די פּאָליציאַנטן (וועמען זיי האָבן גוט געקענט, ווײַל דאָס זײַנען געווען פּאָליציאַנטן פֿון יענעם ראַיאָן, וואָס האָבן געהאַט שיין פּרנסה פֿון די יידישע סוחרים) און האָבן אָנגעהויבן מיט זיי אײַנטענהן אין דער שטיל. איך האָב ניט געזען צי די פּאָליציאַנטן האָבן באַלד אויפֿן אָרט געקראָגן עפּעס אין דער האַנט אַרײַן, אָדער בלויז אַ צוזאָג, — אויף יעדן פֿאַל האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן און מיר זײַנען ביידע פּשוט אַוועקגעגאַנגען.

זײַנען מיר פֿון דאָרט אַוועק צום גזשיבאָוו־פּלאַץ און צו דער באַגנע־גאַס, וואו עס האָט זיך געפֿונען דער באַרימטער האַנדלס־הויף „פּאָטשעיאָוו״ (וואו מען האָט פֿאַרקויפֿט אַלט מעבל, אַלט אײַזנוואַרג א. ד. גל.). ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע סצענע, וואָס ביי די האַלעס: אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, סוחרים האָבן ווייטער אָנגעהויבן פֿאַרמאַכן טירן און זאַליוזעס. פֿורמאַנעס און דראָזשקאַזשעס האָבן איבערן גרויסן גזשיבאָוו־פּלאַץ אָנגעהויבן זיך אַריבערשרײַען: — „אַראָפּ פֿון די סטאַציעס!״ „מען פֿאָרט אַהיים!״ „יאַזדאַ!״ — און עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קלאַפּערײַ פֿון פֿערדישע קאָפּיטעס איבערן שטיינערנעם ברוק, אַז עס האָט פֿאַרהילכט דעם גאַנצן פּלאַץ. דער גרויסער גזשיבאָוו־פּלאַץ און אַלץ אַרום איז געוואָרן שטיל און ליידיק ווי אין אַ יום־טוב־טאָג.

איצט האָבן מיר זיך געדאַרפֿט אַריבערוואַרפֿן צו דעם צווייטן טייל פֿון דער יידישער געגנט, צו די נאַלעווקעס. („יענע גאַסן״ ווי דער גזשיבאָוו האָט זיי גערופֿן, און פֿאַרקערט: דעם זעלבן נאָמען האָט די נאַלעווקי־געגנט געהאַט פֿאַר דער גזשיבאָוו־געגנט). פֿאָרן האָבן מיר ניט געקענט, ווײַל נעמען אַ דראָזשקע וואָלט געהייסן ברעכן דעם שטרייק. זײַנען מיר אַהין אַוועק צו פֿוס,

כאַטש ס'איז געווען אַ היפּש שטיקל וועג. ווען מיר זיינען דאָרט אָנגעקומען, איז שוין אַלץ געווען אָפּגעטאָן. אַלע געשעפטן און געוועלבער — פאַרהאַמערט און פאַרמאַכט.

אין דער זעלבער צייט איז אַן ענלעכע אַרבעט אָפּגעטאָן געוואָרן אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקן. גרופּעס קאָנטראָלערן פון די פאַראיינען זיינען גע־גאַנגען איבער די וואַרשטאַטן און אַראָפּגענומען די אַרבעטער פון דער אַרבעט. קיין שווערע אויפגאַבע האָבן די פאַראיין־קאָנטראָלערן ניט געהאַט. אָדער די אַרבעטער זיינען לכתחילה ניט געקומען צו דער אַרבעט, אָדער זיי זיינען באַלד אַראָפּ פון דער אַרבעט, ווי נאָר אַ פאָרשטייער פון פאַראיין האָט זיך באַוויזן.

מען דאַרף צוגעבן, אַז מצד די יידישע באַלעבאַטים פון די געשעפטן, וואַרשטאַטן און פאַבריקן האָט מען כמעט קיין שום שוועריקייטן ניט אָנגע־טראָפן ביים אַדורכפירן דעם שטרייק. זיי האָבן גערן מיטגעשטרייקט. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז געווען טיף דאַנקבאַר דעם בונד פאַר נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פון אַזאַ דעצידירטן פראָטעסט קעגן דער באַנייאונג פון די צאַרישע פאָגראָם־מעטאָדן אין אומאָפּהענגיקן פוילן.

אויך כמעט אַלע שילער פון די יידישע גימנאַזיעס זיינען אַוועק פון די לעקציעס און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין שטרייק. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס וויינען און קלאָגן פון די שול־דירעקטאָרן, אַז די שילער מאַכן זיי אומגליקלעך, אַז די מאַכט קען נאָך שליסן די גימנאַזיעס. אפילו אַ סך קינדער פון די מלוכהשע „פאָושעכנע" שולן האָבן אין יענעם טאָג ניט געוואָלט גיין אין שול.

אַרום 9 אַ זייגער אין דער פרי זיינען די גאַסן אין דער יידישער געגנט געוואָרן פאַרפולט מיט מענטשן. די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן ניט גע־קענט איינזיצן אין דער היים. די שטימונג איז געווען ביי אַלעמען אַ קאָמפּסלוס־טיקע. אַ שטאָלצקייט און דערהויבנקייט האָט זיך געפילט אין דער לופט. די יידישע באַפעלקערונג האָט פּראָטעסטירט דורך דעם שטרייק מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ. ס'איז געווען אַ מעכטיקער מאַסן־פּראָטעסט.

11 אַ זייגער אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער פּראָטעסט־מיטינג, וואָס דער בונד האָט גערופן אויפן הויף פון פּשעיאַזד 9. דער הויף איז געווען אַ גרויסער און ער איז געווען איבערגעפּאַקט מיט טויזנטער מענטשן. דער מיטינג איז פאָרגעקומען עטלעכע שעה אָן איבעררייס: רעדנער זיינען אַרויף און אַראָפּ פון דער אימפּראָוויזירטער טריבונע און אויך דער עולם האָט זיך כסדר געטוישט, אָבער דער הויף איז כסדר געווען פול געפּאַקט. אַזוי אַרום זיינען דורכן מיטינג אַדורך צענדליקער טויזנטער מענטשן. ערשט פּאַר 2 אַ זייגער איז דער מיטינג איבערגעריסן געוואָרן, ווייל דער שטרייק איז גערופן געוואָרן אויף אַ האַלבן טאָג, פון אין דער פרי ביז צוויי נאָך מיטאָג. צו דער דאָזיקער שעה זיינען אַלע צוריק אַוועק צו זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

אָבער נאָר אויבערפלעכלעך איז אַלץ אַוועק צוריק צום נאָרמאַלן. אין

דער אמתן האָט דער פּראָטעסט־שטרייק, וועלכן דער בונד האָט פּראָקלאַמירט און אין וועלכן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט זיך באַטייליקט, איבער־געלאָזט אַ טיפע ווירקונג. די דרייסטקייט, מיט וועלכער גרויסע יידישע מאַסן האָבן זיך קעגנגעשטעלט קעגן די ווייטערדיקע אַנטיסעמיטישע אויסברוכן, האָט זיכער געהאַט איינעם פון אירע וואָרצלען — אין דעם מעכטיקן פּראָטעסט פון 17טן מערץ, 1936, וואָס איז געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אינם ווייטערדיקן קאַמף, ווידערשטאַנד און אויפשטייג פון בונד.

קאַפּיטל 73

דער פּאָגראָם אין מינסק־מאַזאָוויעצק

עס האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אָפּצוקילן די אויפגערייצטקייט צוליבן פּשי־טיקער פּאָגראָם — און שוין איז אויסגעבראָכן אַ צווייטער, נאָך אַ גרעסערער פּאָגראָם.

דעם 31טן מאַי, 1936, האָט אַ קאַלושינער ייד, מיטן נאָמען יהודה־לייב כאַסקעלעוויטש, דערשאָסן דעם סערזשאַנט פון דער פּוילישער אַרמיי יאַן בויאַק. געשען איז דאָס אין מיטן העלן טאָג אין שטעטל מינסק־מאַזאָוויעצק.

כאַסקעלעוויטש איז געווען גוט באַקאַנט אין קאַלושין און אין דער אַרומיקער געגנט ווי אַ גייסטיק־אומנאָרמאַלער, און זיין גייסטיקע אומ־נאָרמאַלקייט האָט טאַקע געהאַט אַ שייכות צו דעם דאָזיקן סערזשאַנט. כאַסקעלעוויטש האָט געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי און זיין נאָענטסטער שעף איז געווען דער סערזשאַנט בויאַק. דער סערזשאַנט איז געווען אַן אכזר. אַ סך זעלנער, וואָס האָבן געדינט מיט כאַסקעלעוויטשן צוזאַמען, האָבן עדות געזאָגט אַז דער סערזשאַנט האָט אים, כאַסקעלעוויטשן, שרעקלעך גע־פּייניקט. כאַסקעלעוויטש האָט שוין אין דער אַרמיי אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון גייסטיקער אומנאָרמאַלקייט, מען האָט אים טאַקע צוליב דעם באַפרייט פון מיליטער פאַרן טערמין. ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַן אידעע־פיקס, אַז דער סערזשאַנט האָט אים אומגליקלעך געמאַכט, האָט אים קראַנק געמאַכט און ער מוז זיך אין אים נוקם זיין, אים דערשיסן. קיינער האָט דאָס ניט גענומען צו ערנסט, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אומנאָרמאַלער כאַסקעלעוויטש האָט זיין פּלאַן טאַקע אויסגעפירט.

די ענדעקעס און אַנדערע אַנטיסעמיטישע גרופּירונגען האָבן דעם דאָזיקן שגעון־אָנפאַל פון אַ גייסטיק־קראַנקן אויסגענוצט, כדי אויפצוהויבן אַ ווילדע העצע קעגן יידן. כאַסקעלעוויטש — האָבן זיי געליאַרעמט — האָט דעם מאָרד אויסגעפירט לויט אַ געהיימען באַפעל פון יידישן „קאָהאַל”. און די העצע האָט געבראַכט דעם געפּלאַנטן רעזולטאַט:

נאָך אין זעלבן טאָג פון כאַסקעלעוויטשעס שאָס איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אין מינסק־מאַזאָוויעצק, לויט אַלע כללים פון דער דאָזיקער „קונסט”: צעבראָכענע שויבן אין יידישע הייזער, צעראַבירטע געוועלבער, בלוטיק־צעשלאָגענע יידן.

ווען ס'איז אָנגעקומען די ביטערע ידיעה קיין וואַרשע, האָט דער צענטראַל־

קאָמיטעט פון בונד אַראָפּגעשיקט קיין מינסק די חברים יוסף ליפּשיץ (דעם סעקרעטאַר פון וואַרשעווער טראַנספּאָרט־פאַראיין) און שלום הערץ (דעמאָלט אַ מיטאַרבעטער פון דער פאָלקס־צייטונג און רעדאַקטאָר פון יוגנט־וועקער), זיי זאָלן זיך תיכף שטעלן אין קאָנטאַקט מיט דער יידישער באַפעלקערונג, הייבן ביי איר דעם מוט און פרואוון אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד, אויב דער פּאָגראָם זאָל זיך איבערחזרן. זיי זיינען דאָרט געווען צוויי טעג און זיינען צוריקגעקומען מיט אַ באַריכט, אַז די שרעק ביי די יידן איז דאָרט זייער גרויס, מען אַנטלויפט אין אַ בהלה קיין וואַרשע איבערצוואַרטן ביז די פּוילישע באַפעלקערונג וועט זיך באַרואיקן. באַלד איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז עס דאַרף פאָרקומען די לוויה פון דערשאָסענעם סערזשאַנט און די ענדעקעס גרייטן זיך צו אָרגאַניזירן ביי דער געלעגנהייט אַ נייעם פּאָגראָם. דעמאָלט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אַראָפּגעשיקט קיין מינסק מיך און דעם חבר יאָסל גוטגאָלד. מיר האָבן זיך אויך געווענדט צו דער פּ.פּ.ס. און זי האָט מיט אונז מיטגעשיקט זייערן אַ טוער. מיר האָבן צוזאַמען געדאַרפט זוכן מיטלען צו פאַרהיטן פון נייע אָנפאַלן און צוגרייטן אַן אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־גרופּע אויב עס זאָל טאַקע אויסברעכן אַ נייער פּאָגראָם. גוט־גאָלד איז מיטגעפאָרן, ווייל ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער צענטראַלע פון לעדער־אַרבעטער־פאַראיין אין וועלכן ס'זיינען געווען אָנגעשלאָסן די פּוילישע און יידישע אַרבעטער און אין מינסק־מאַזאָוויעצק האָט עקזיסטירט אַן אָפּטיילונג פון דעם פאַראיין, וואָס איז באַשטאַנען פון שוסטער פּאָליאַקן. זיי האָבן גוטגאָלדן גוט געקענט, ווייל ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט זייערע פּראָפעסיאָנעלע ענינים, מיט זייערע קאַמפן און שטרייקן. דער חבר פון פּ.פּ.ס. איז מיט אונז מיטגעפאָרן כדי אונז צו פאַרבינדן מיט די דאָרטיקע פּ.פּ.ס.אָוצעס און צו געווינען זייער הילף ביים פאַרהיטן פון אַ פּאָגראָם.

מיר זיינען זאַלבעדריט געקומען קיין מינסק. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אויסגעשטאָרבן. קיין לעבעדיקן מענטש האָט מען ניט געזען אויף דער גאַס. די געשעפטן אין צענטער פון שטעטל — פאַרהאַמערט (געווען אַלץ יידישע געשעפטן). אַלע שטובן — פאַרמאַכט מיט לאָדנס. עס איז געווען אַזוי פּוסט און טרויעריק, אַז גייענדיק איבער די שטילע, ליידיקע גאַסן, האָבן מיר זיך פּשוט געשראָקן פאַרן אָפּקלאַנג פון אונזערע אייגענע טריט. צו אַלע צרות האָט אונזער ליבער פּ.פּ.ס.אָוויעץ וואָס איז געווען אַן אמתער פּאָליאַק, גאָר אויס־געקוקט אין גאַנצן ווי א ייד.

מיר זיינען צוגעגאַנגען צום לאָקאַל פון שוסטער־פאַראיין. ער איז געווען פאַרמאַכט. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן. באַלד איז אָנגעקומען אַ פאַרוואַלטונג־מיטגליד און האָט געעפנט דעם לאָקאַל און מיר זיינען אַריינ־געגאַנגען אינעווייניק. אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שעה זיינען זיך צונויפ־געקומען די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער פון שוסטער־פאַראיין. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט שמועסן. אַלע זיינען געווען אין אַן אומעטיקער שטימונג. די שוסטער־פּאָליאַקן האָבן דערקלערט אַז זיי גלויבן ניט, זיי זאָלן קענען עפּעס

אויפטאָן. דאָס אַנטיסעמיטישע פייער וואָס די ענדעקעס האָבן אויפגעבלאָזן איז אַזוי גרויס, אַז מען קען גאָר ניט ריידן צו קיין פּאַליאַק און צו זיין שכל־הישר.

איך האָב געוואָלט אַ ביסל אויפהייטערן די שלעכטע שטימונג האָב איך געזאָגט: מיר — ס'הייסט די געקומענע פון וואַרשע — האָבן נאָך גאָר ניט געגעסן, איר מסתמא אויך ניט, לאָמיר עפּעס איבערבייסן. באַלד האָט מען אַריינגעבראַכט צו עסן און טרינקען (און שנאַפּס אויך). מיר האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט עסן, אָבער דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. מען האָט געגעסן אין דער שטיל. קיינער האָט ניט גערעדט. די שטימונג האָט זיך אַלץ ניט פאַרבעסערט.

פּלוצלונג האָט מען דערהערט ווי גלאָקן פון אַ קירכע האָבן זיך צעקלונגען. עמיצער איז אַרויסגעלאָפן זען וואָס ס'איז געשען און צוריקגעקומען מיט אַ ידיעה, אַז אַ הויז ברענט. כוליגאַנעס האָבן אונטערגעצונדן אַ יידיש הויז און די גלאָקן קלינגען, מען זאָל קומען לעשן די שריפה (אין אַ סך פּוילישע שטעטלעך איז געווען אָנגענומען אַז בעת אַ שריפה האָט מען געקלונגען אין די קירכע־גלאָקן און דאָס איז געווען אַ סימן, אַז מען רופט די באַפעלקערונג צו קומען לעשן די שריפה).

מיר זיינען אַלע אַרויס פון לאָקאַל און זיינען אַוועק צו דעם אָרט, וואו ס'האָט געברענט. אַן עולם איז געשטאַנען אַרום דעם ברענענדיקן הויז און זיך שטילשווייגנדיק צוגעקוקט צום פייער. צום גליק איז דאָס הויז געווען פּוסט. די יידן זיינען פריער אַנטלאָפן. אָבער פייער און ווינט וויסן ניט פון קיין חילוק צווישן ייד און קריסט: דאָס פייער האָט זיך באַלד אַריבערגעכאַפּט אויף אַ שכנותדיק קריסטלעך הויז. ווען מיר זיינען צוגעקומען האָבן די פייער־צונגען שוין געלעקט דעם דאַך פון קריסטלעכן הויז וואָס אַ מאָל שטאַרקער און שטאַרקער.

די מענטשן אַרום זיינען ווייטער געשטאַנען רואיק און זיך צוגעקוקט צום פייער. אין איין אויגנבליק איז מיר אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנק: אפשר זיינען דאָרט, אין דעם קריסטלעכן הויז, פאַראַן מענטשן וואָס מען דאַרף ראַטעווען — און עס האָט מיך אַ ריס געטאָן. אין אַ סעקונדע בין איך געווען אין דעם הויז. אינעווייניק האָב איך טאַקע אָנגעטראָפן מענטשן אין אַ פּאַניק. מען האָט געראַטעוועט קינדער. פּלוצלונג האָב איך דערזען אַן אַלטע פאַראַליזירטע פרוי, וואָס אין דער בהלה האָט זיך קיינער אויף איר ניט אומגעקוקט. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן די אַלטע פרוי און כ'האָב זי אַרויסגעטראָגן אויף די הענט. דער טראַנס פון ראַטעווען האָט מיך דעמאָלט שוין אין גאַנצן באַהערשט. איך בין אַרויף אויפן דאַך, כ'האָב געגעבן אַ געשריי מען זאָל דערלאַנגען וואַסער. דעמאָלט ערשט זיינען עטלעכע מענטשן פון געזעמל אַרויסגעלאָפן און געבערענגט קובלעס וואַסער און מיר דערלאַנגט. איך בין געשטאַנען און געגאָסן דאָס וואַסער אויף די פייער־צונגען. דער רויך האָט מיך געשטיקט, די בלעך פון דאַך האָט געברענט אין די פיס. די פלאַמען האָבן שוין כמעט מיך אָנגערירט און איך בין געשטאַנען און געגאָסן וואַסער אויף די פייער־צונגען.

אונזער גרופע (יאָסל גוטגאָלד, דער פּ.פּ.ס.אָוויעץ און די שוסטער), וואָס איז געשטאַנען אויסגעמישט אין געזעמל אַרום האָט זיך תיכּף אָריענטירט אין דער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן און איינער האָט אויסגערופן, אָנווייזנדיק אויף מיר: „פּאַטשטשע, טאָ זשיד! זשיד ראַטויע פּאָלסקי דאָם!" (זעט נאָר, ס'איז דאָך אַ ייד! אַ ייד ראַטעוועט אַ פּויליש הויז!"). פון עולם האָט מען צוגעשטימט: „פּראַוודאַ, טאָ זשיד". (אמת, ס'איז אַ ייד!). אונזער חברה איז געוואָרן דרייסטער און אָנגעהויבן ריידן און מאַכן אויסרופן צווישן עולם: „די ענדעקעס וועלן אונז אומגליקלעך מאַכן! זיי צינדן אונטער אַ יידיש הויז און אַלע אונזערע הייזער קענען אַוועק מיטן רויך". צווישן עולם האָט מען אָנגעהויבן זיי געבן גערעכט. דעמאָלט האָבן אונזערע געקריגן נאָך מער מוט און האָבן אָנגעהויבן אויסרופן: „נידער מיט די ענדעקעס!"

דאָס פייער איז געוואָרן קלענער און ס'האָט זיך איינגעשטילט. כ'בין אַראָפּ פון דאַך און כ'האָב זיך אָנגעשלאָסן אין אונזער חברה. פון עולם אַרום האָט מען זייער שטאַרק געקוקט אויף מיר, ווי מען וואָלט זיך געוואָלט איבערציַיגן צי איך זע טאַקע אויס ווי אַ ייד.

באַלד האָט זיך די ידיעה פונאַנדערגעטראָגן, אַז אַ פּויליש הויז האָט געברענט און אַ ייד האָט איינגעלאָשן דאָס פייער און האָט אַרויסגעראַטעוועט אַן אַלטע פּאַראַליזירטע קריסטין. דאָס געזעמל איז געוואָרן אַלץ גרעסער און איינער האָט דעם צווייטן איבערגעגעבן די ידיעה. מען האָט אָנגעהויבן געבן גערעכט אונזערע שוסטער, וואָס האָבן כּסדר אַלץ דרייסטער באַשולדיקט די ענדעקעס אין אַלדאָס בייז. מען האָט געזען באַשיינפּערלעך, ווי די שטימונג ביים קריסטלעכן עולם ענדערט זיך. דעמאָלט האָט אונזער גרופּע שוסטער אָנגעהויבן דעמאָנסטרירן איבער די גאַסן מיט אויסרופן קעגן די ענדעקעס. אין זיי האָט זיך אָנגעשלאָסן אַ טייל פון אַרומיקן עולם און עס האָט זיך פאָרמירט אַן אמתע אַנטי־ענדעקישע דעמאָנסטראַציע. זעענדיק דאָס, זיינען מיר ביידע — יאָסל און איך — אַוועק אין דער יידישער געגנט. מיר האָבן געקלאַפּט אין די לאָדנס פון די יידישע הייזער און גערופן צו זיי אויף יידיש: „קומט אַרויס, האָט ניט קיין מורא!" עס האָבן זיך אָנגעהויבן עפענען לאָדנס, פענצטער. מען איז ארויס אין גאַס.

מיר דריי — יאָסל, דער פּ.פּ.ס.אָוויעץ און איך — צוזאַמען מיט אַ גרופּע שוסטער, זיינען דעם גאַנצן רעשט טאָג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון שטעטל, צוגעקוקט זיך וואָס עס טוט זיך אַרום און צוגעהערט זיך צו די שמועסן פון עולם. צו קיין שום אָנפאַלן איז ניט דערגאַנגען און מער קיין אינצידענטן זיינען אין דעם שטעטל שוין ניט פאָרגעקומען. שפּעט אין אָוונט זיינען מיר אַהיים געפאָרן.

די לוויה פון סערזשאַנט איז אַדורך רואיק. קיין שום פּרוואוון פון אָנפאַלן אויף יידן זיינען אין דעם שטעטל שוין ניט געמאַכט געוואָרן.

קאַפּיטל 74

כוליגאַנעס דערהרגענען אַ קינד בעת אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע

וואָס שאַרפער עס זיינען געוואָרן די גאַסן־קאַמפן מיט די „אָענעראָווצעס" און די אַנדערע פּוילישע היטלעריסטן, אַלץ מער האָבן מיר געהיט אונזערע לאָקאַלן, אונזערע עפנטלעכע אונטערנעמונגען און באַזונדערס — אונזערע 1 מאַי־דעמאָנסטראַציעס. אין די דרייסיקער יאָרן האָבן מיר אַזוי פאַרגרעסערט אונזער מיליץ, אַז מיר האָבן די דעמאָנסטראַציעס כמעט אַרומגערינגלט מיט מיליציאָנערן — און דאָך האָבן מיר ניט שטענדיק געקענט פאַרהיטן פון אַן אומגליקספאַל. אַזאַ אומגליקספאַל איז געשען בעת דער 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע אין 1937.

די לעצטע יאָרן זיינען אונזערע 1 מאַי־דעמאָנסטראַציעס געוואָרן אַלץ גרעסער און צאָלרייכער. ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם צעווילדעוועטן אַנטי־סעמיטיזם, האָבן די יידישע אַרבעטער זיך געשטעלט צו די דעמאָנסטראַציעס אין ריזיקע מאַסן. אַזוי איז אויך געווען אין יאָר 1937. ביידע גרויסע הויפן פון נאַלעווקי 34 — דער צענטראַלער זאַמל־פונקט פון אונזער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע — זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. די דעמאָנסטראַציע איז אַרויס פון נאַלעווקעס, האָט זיך געצויגן איבער מוראַנאָווסקע, מילע, אַרויס אויף סמאָטשע און דורך נאָוואָליפּקי אַוועק צו דער אייזן־גאַס, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּוילישער אַרבעטער־קוואַרטאַל. דער צוג איז געווען אַזוי גרויס אַז ווען דער שפּיץ איז שוין געווען אויף דער אייזן־גאַס, איז דער סוף נאָך געווען אויף מילע, — ער האָט פאַרנומען 4 לאַנגע גאַסן. כאָטש מיר האָבן אַרומגעשטעלט דעם צוג מיט אַן ענגער און שטאַרקער וואַך, האָבן מיר אָבער ניט געקאָנט באַזעצן יעדעס ווינקעלע אויפן גאַנצן שטח פון די עטלעכע מייל, וואָס דער צוג האָט זיך געצויגן. אויפן וועג, ביי דער סמאָטשע, האָט זיך אָפּגעצווייגט אַ קליין געסל, די גליניאַנע. דאָרט האָט זיך געפונען פּייפערס גרויסע לעדער־פאַבריק. די גאַנצע צייט זיינען די אויסשפּירער אונזערע צוריקגעקומען מיט באַריכטן, אַז אויפן וועג איז רואיק און מען זעט ניט קיין שום פאַרדעכטיקס אויף די אַרומיקע גאַסן.

אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען אַן ערך אַ העלפט פון צוג האָט פאַרביימאַר־שירט פאַרן גליניאַנער געסל, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שרעקלעכער קראַך און אין איין אויגנבליק האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער וואָלקן פון שוואַרצן רויך, וואָס האָט אַלץ אַרום פאַרשטעלט און האָט ווי מיט אַ שוואַרצער

וואַנט אָפּגעטיילט אַ גרויסע שטיק פון דער דעמאָנסטראַציע. אין דער זעלבער רגע האָבן זיך דערהערט שאָסן און גוואַלדן צווישן זייטיקן עולם צוקוקער. צוליבן רויך, וואָס האָט אַלץ פאַרדעקט, האָט מען זיך אויפן אָרט ניט געקענט אָריענטירן פון וואַנעט די שאָסן קומען. אָבער ווען דער רויך האָט זיך אַנגעהויבן פונאַנדערגיין, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אַ קויל האָט געטראָפן אַ יינגעלע וואָס די מאַמע האָט אים געהאַלטן אויף דער האַנט ווען זי האָט זיך צוגעקוקט צו דער דעמאָנסטראַציע. מען האָט באַלד אַרויסגערופן די „פּאַגאָטאָוויע" (גיכע הילף) וואָס האָט אַוועקגעפירט דאָס קינד אין שפּיטאָל אַריין, אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז דאָס קינד געשטאָרבן. זיין נאָמען איז געווען אברהמ'עלע שענקער, ער איז אַלט געווען 5 יאָר.

די גאַנצע צייט פון דער בהלה און שיסעריי איז דער עולם אונזערער געשטאַנען אויפן אָרט. קיינער איז ניט אַרויסגעלאָפן פון דער ריי. דער דרוקער־אָרקעסטער, וואָס האָט זיך געפונען נאָענט פון דעם אָרט פון דער שיסעריי, האָט באַלד אָנגעהויבן העכער שפּילן, אַנדערע האָבן אָנגעהויבן הויך צו זינגען, ווייל אַלע האָבן זיך מאָמענטאַל אָריענטירט, אַז דאָ איז פאַר־געקומען עפּעס אַן איבערפאַל און מען דאַרף מיטן הויכן זינגען און שפּילן פאַרהיטן, אַז דער טומל זאָל זיך ניט איבערטראָגן אין די ווייטערע רייען. דער צוג איז געווען אַזוי גרויס, אַזביים שפּיץ און ביים סוף פון דער דעמאָנסטראַציע האָט מען ניט געהאַט קיין שום אַנונג וועגן דעם שרעקלעכן פאַרפאַל וואָס איז פאָרגעקומען. מען קען זיך פאָרשטעלן די אויפרעגונג פון דעמאָנסטרירנדיקן עולם, ווען די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט פון מויל צו מויל. אָבער אַלע האָבן צוגעהאַלפן איינצוהאַלטן די דיסציפּלין און די דעמאָנסטראַציע האָט זיך פאַרענדיקט אין אָרדענונג און לויטן פּלאַן.

מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג אויף אייגענער האַנט וועגן דעם אָנפאַל. לויטן עדות־זאָגן פון די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער גאַס און זיך צוגעקוקט צו דער דעמאָנסטראַציע, בעת עס איז געמאַכט געוואָרן דער אָנפאַל, איז עס געשען אַזוי:

אין אַ געוויסן מאָמענט זיינען פון דער גליניאַנע גאַס אָנגעפאָרן צוויי אויטאָס. עטלעכע מענטשן זיינען פון זיי אַרויסגעשפּרונגען, האָבן אין איין אויגנבליק געוואָרפן אַ רויך־באָמבע און אָנגעהויבן שיסן. באַלד זיינען זיי אַריין צוריק אין די אויטאָס און זיינען אַנטלאָפן אין דער ריכטונג צו אָקאָפּאָווע גאַס.

אויף די פּאָליציי האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן אַ פאָרמעלע אויספאָר־שונג. נאָך עטלעכע טעג האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ קאָמוניקאַט, אַז מען האָט ניט געפונען די שולדיקע אין מאָרד איבערן קינד. יעדער איינער האָט זיך אָבער גוט אָריענטירט וויפל עס זיינען ווערט געווען די אויספאָרשונג און דער קאָמו־ניקאַט פון דער פּאָליציי.

אַזוי האָט אויסגעקוקט אַ מערדערישער איבערפֿאַל פֿון פּוילישע פֿאַשיסטן אויף יידישע אַרבעטער. אַן איבערפֿאַל לויט אַלע כּללים פֿון פּחדנישקייט און נידערטרעכטיקייט. אַן איבערפֿאַל פֿון הינטער דער פּלייצע, הינטער אַ וואָלקן רויך.

דער וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון בונד און דער וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון יוגנט־בונד צוקונפֿט האָבן צוזאַמען אויף דעם קינדס קבר געשטעלט אַ מצבֿה מיט דער אויפֿשריפֿט, אַז ער איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַנטיסעמיטישן כוליגאַניזם. צו קיין לוויה האָט די פּאָליציי ניט דערלאָזט.

קאַפּיטל 75

אָענערישע פירער כאַפּן אַ פּסק

אַזוי ווי די פּאָליציייאישע „אויספאָרשונג” וועגן אָנפאַל אויף דער בונדישער 1 מאַי־דעמאָנסטראַציע און וועגן מאָרד איבערן יידישן קינד, אברהמ־עלע שענקער, האָט ניט געגעבן קיין „רעזולטאַטן”, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר וועלן אַליין אָפּצאָלן די אָענעראָווצעס פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון אַן אומשולדיק קינד. ערשטנס, כדי זיי זאָלן אויף זייערע אייגענע פּלייצעס פילן די שטראָף פאַר זייערע מערדערייען. צווייטנס, זיי זאָלן ניט מיינען, אַז אַלץ איז שוין הפקר און זיי קענען טאָן וואָס זיי ווילן.

אויך די פּ.פּ.ס. האָט אין דער זעלבער צייט פון זיי אַ סך געליטן. אמת, די אָענעראָווצעס האָבן ניט געוואַגט צו מאַכן אויף דער פּ.פּ.ס. אַזעלכע מערדערישע אָנפאַלן ווי אויף יידן, אָבער זיי פלעגן אויפרייסן פּ.פּ.ס.ישע פאַרזאַמלונגען, באַפאַלן און שלאָגן זייערע אַקטיווע מענטשן. איז אויך ביי אַ סך פּ.פּ.ס.ישע טוער געוואַקסן די שטימונג, אַז עס איז ניט גענוג צו פאַרטיידיקן זיך קעגן די אָענעראָווצעס ווען זיי פאַלן אָן, נאָר מען דאַרף זיי אויך אַטאַקירן, כדי אָפּצושלאָגן ביי זיי די האָפּערדיקייט. דעמאָלט האָט אונזער מיליץ זיך פאַרשטענדיקט מיט דער פּ.פּ.ס.ישער מיליץ און מיר האָבן באַשלאָסן ווייזן די אָענעראָווצעס, אַז מען וועט זיך פון זיי ניט לאָזן טעראָריזירן.

די אָענעראָווצעס האָבן געהאַט זייער אייגענע טאָג־צייטונג, די אַ־בע־צע, אַ צייטונג, וואָס האָט טאָג־טעגלעך געפירט אַ וויסטע פּאָגראָם־העצע קעגן יידן אין היטלעריסטישן סטיל. די רעדאַקציע פון דער צייטונג האָט זיך געפונען אויף דער אַלייע יעראָזאָלימסקע. אויף דער זעלבער גאַס, ניט ווייט פון דער רעדאַקציע, איז געווען אַ קאַפע פון אַ געוויסן מילער. עס איז געווען באַוואוסט, אַז זייערע רעדאַקטאָרן, שרייבער און בכלל „אָענערישע” פירער זיינען דאָרט שטאַם־געסט, אַז זיי האָבן דאָרט אַ מין אייגענעם קאַפע־קלוב, און זיצן דאָרט אָפּ גאַנצע אָוונטן. האָבן מיר, אַ גרופּע אונזערע מיליציאָנערן און אַ גרופּע פּ.פּ.ס.ישע, זיך אָפּגערעדט, אַז מיר וועלן אַוועק אין דער קאַפע אַ געוויסן אָוונט, אַרום 11 אַ זייגער (די קאַפע האָט מען געשלאָסן 12 ביי נאַכט), ווען עס זיינען שוין דאָ ווייניק זייטיקע געסט.

די קאַפע איז באַשטאַנען פון אַ פראָנט־געוועלב און אַ זייטיקן צימער, דיביידע צימערן האָבן געהאַט די פאָרם פון אַ „ד”. די אָענעראָווצעס פלעגן זיצן אין צווייטן, זייטיקן צימער. זיינען מיר אַריין אין דער קאַפע, ניט אַלע מיט אַ מאָל, עס זאָל ניט ווערן אויפפאַלנדיק. איך מיט שאַיע־יודלען זיינען אַריין אין צווייטן צימער, וואו די אָענעראָווצעס זיינען געזעסן. די אויסרעכענונג איז

געווען אַזאַ: עמיצער פון די אָנעראָווצעס קען מיך מסתמא, און ווען מען וועט מיך דערזען מיט אַ צווייטן יידן אַריינקומען אין „זייער" קאַפע־צימער, וועלן זיי זיך ניט קענען איינהאַלטן און וועלן אונז אָנגרייפן. דאָס וועט זיין אַ גוטער תירוץ פאַר אונזער גרופע וואָס איז געבליבן אין ערשטן צימער, אויפצונעמען דאָס געשלעג.

כך־הווה: ווי נאָר די אָנעראָווצעס האָבן מיך דערזען, האָבן זיי מיך אָנגעהויבן פאַרטשעפּען און איינער האָט שוין אויף מיר אויפגעהויבן אַ האַנט. האָב איך געכאַפּט אַ פלאַש פון טיש און אין אים געוואָרפן. אויפן בראַזג פון גלאָז זיינען אונזערע מענטשן אַריינגעלאָפן און האָבן אָנגעהויבן וואַרפן פלעשער און גלעזער אין די קעפּ פון די אָנעראָווצעס. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ געשלעג און מיר האָבן די פוילישע היטלערישע באַנדיטן צעמזיקט, צע־בלוטיקט און אָנגעלערנט פאַר זייערע ווילדע מעשים. מיר זיינען גלייך אַוועק, כדי מיר זאָלן באַווייזן צו אַנטרינען איידער פּאָליציי קומט אָן. מיר זיינען אָבער פאַרבליבן אין די אַרומיקע נאָענטע גאַסן. באַלד איז אָנגעקומען דאָס קעטשל פון דער „פּאַגאָטאָוויע" צו די צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע און באַלד נאָך דעם האָט זיך באַוויזן פּאָליציי, אָפּגעשלאָסן די גאַסן און אָנגעהויבן מאַכן רעוויזיעס. צום גליק, האָבן מיר זיך שוין געפונען אויסער דעם פּאָליציי־קאָרדאָן און האָבן זיך רואיק צוגעקוקט ווי די פּאָליציאַנטן שמייען אַרום און פאַרהאַלטן מענטשן. לאַנג זיינען מיר אָבער ניט געשטאַנען, עס איז געווען צו געפערלעך. מיר האָבן איבערגעלאָזט אין פוילישן חבר, ער זאָל זען וואָס עס געשעט ווייטער און אונז שפּעטער אינפאָרמירן — און מיר זיינען אַוועק.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אין דער וואַרשעווער נאָכמיטאָגדיקער פוילישער גאַסן־צייטונג „קוריער טשערוואָני" זיך באַוויזן אַן אַרטיקל וועגן מיר פון אַ זשורנאַליסט מיט אַ יידישן נאָמען זיידענמאַן. דאָרט האָט ער גע־שריבן אַז ביי נאַכט קען מען מיך זען אין דער עלעגאַנטער קאַפע „אַדריאַ" (דאָס שטאַם־אָרט פון יידישע פאַרמעגלעכע שיכטן) טאַנצן מיט דאַמען, דער־לאַנגען זיי בלומען א. אַז. וו. — און ביי טאָג בין איך „אַ הערשער פון אַ באַנדע", וואָס טעראָריזירט וואַרשע. דער אַרטיקל איז געוואָרן אינספּירירט דורך די אָנעראָווצעס. דער דאָזיקער זיידענמאַן, נאָכן אָנשרייבן דעם אַרטיקל, האָט זיך אָבער שטאַרק דערשראָקן, מען זאָל זיך אין אים ניט נוקם זיין און ער האָט אונטערגעשיקט פאַרשיידענע מענטשן אויפצוקלערן אונז אַז ער האָט ניט געמיינט קיין שלעכטס, פאַרקערט — ער האָט דאָך מיך „גערימט" ווי אַן עלעגאַנטן קאַוואַליער.

ער, זיידענמאַן, איז אונז געלעגן אין דער לינקער פּאה. אָבער אַן אַנדער זאַך האָט אונז פאַרשאַפט אַ סך מער זאָרג: מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז ווי אַ נקמה פאַר דעם אָנפאַל אויף זיי, גרייטן זיך די אָנעראָווצעס צו באַפאַלן אונזער פאָלקס־צייטונג.

קאַפּיטל 76

וואַך ביי אונזער „פאָלקס־צייטונג"

די ידיעה וועגן אַ דראָענדיקן אָנערישן איבערפאַל אויף דער פאָלקס־צייטונג האָט אונז זייער שטאַרק באַזאָרגט. צו מאַכן אַזאַ איבערפאַל איז געווען זייער לייכט. די דרוקעריי האָט מען געקענט גרינג אַטאַקירן. זי האָט זיך געפונען אין פּאַרטער (דער שטאָק וואָס גלייכט זיך אויס מיט דער גאַס) פון הויף נאָוואָליפּיע 7, וואו עס איז אגב אויך געווען די רעדאַקציע און דער צענטראַלער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט. די ראָטאַציע־מאַשין איז געשטאַנען ביי אַ פענצטער, פונקט אַנטקעגנאיבער דעם טויער פון נאָוואָליפּיע 7. דער הויף איז געווען אַ שמאָלער. מען האָט געקענט אַרייַנגיין אין טויער און פון דאָרט לייכט אַרייַנשיסן אָדער אַרייַנוואַרפן אַ באָמבע אין פענצטער פון דער ראָטאַציע־מאַשין. די אַנטקעגנאיבערדיקע פענצטער פון לאָקאַל פון דער דרוקעריי זייַנען אַרויסגעגאַנגען אויף דער מילנע גאַס, זייער אַ שמאָל געסל, פּאַראַלעל צו דער נאָוואָליפּיע. אַנטקעגנאיבער די פענצטער איז געווען אַ פּאַרקאַן פון אַ ליידיקן פּלאַץ, וואָס האָט געהערט צום קאָשטשאָל אויף לעשנאָ גאַס. פון דער זייט פון דער מילנע האַרט ביי די נידעריקע פענצטער זייַנען געשטאַנען די לינאָטיפּן. מען האָט לייכט געקענט צוגיין צום פענצטער, אַרייַנשיסן און דערהרגענען אַ לינאָטיפּיסט, אָדער אַרייַנוואַרפן אַ באָמבע און אויפרייסן די מאַשינען מיט די אַרבעטער צוזאַמען. מיט איין וואָרט: פון צוויי זייטן איז די דרוקעריי פון דער פאָלקס־צייטונג לייכט געווען אויסגעשטעלט אויף אַן איבערפאַל. צו דעם אַלעם זייַנען מיר אויך ניט געווען זיכער מיטן סטרוזש פון הויז.

ווי נאָר מיר האָבן געקריגן די ידיעה וועגן דעם געגרייטן איבערפאַל, האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַ פּערמאַנענטע וואַך ביי אונזער דרוקעריי. מיר האָבן אָנגעהויבן זי היטן טאָג און נאַכט. איין וואַך פון אונזער מיליץ איז געשטאַנען אין טויער אויף נאָוואָליפּיע 7, אַ צווייטע גרופּע מיליציאָנערן האָט געהאַלטן וואַך ביי דער מילנע גאַס.

געווען איז דאָס אין האַרבסט. די אָוונטן זייַנען שוין דעמאָלט געווען קאַלטע און אָפּט מאָל רעגנדיקע, די נעכט — נאָך קעלטער. פון איין זייט, אין טויער אויף נאָוואָליפּיע 7, האָט מען געהאַלטן וואַך ביז 11 אַ זייגער ביי נאַכט, ווען מען האָט פאַרמאַכט דעם טויער און דער סטרוזש האָט נאָך דעם ניט געטאָרט אַרייַנלאָזן קיין אומבאַקאַנטע מענטשן. אָבער פון דער זייט פון דער מילנע, וואו די פענצטער זייַנען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, האָבן מיר געהיט ביז 2־3 אַ זייגער ביי נאַכט, ביז די לינאָטיפּיסטן זייַנען אַוועק פון די

מאַשינען. דעמאָלט זיינען נאָך געבליבן אין דער דרוקעריי עטלעכע דרוקער־אַרבעטער ביז אַרום 5 פאַר טאָג, ביז זיי האָבן אויסגעפּאַרטיקט די וואַרשעווער אויסגאַבע. אָבער די פּאָר מענטשן האָבן זיך שוין געפונען אין די אינע־ווייניקסטע צימערן און זיינען ניט געשטאַנען אונטער דער געפאַר פון אַ דירעקטן אָנגריף. מיר האָבן אָבער זיי באַזאָרגט מיט געווער, טאָמער טרעפט זיך עפּעס...

אַזוי האָבן מיר געהיט די פאָלקס־צייטונג, טאָג איין, טאָג אויס, און נאַכט ביי נאַכט, אין משך פון לאַנגע חדשים. עס איז אַוועק דער האַרבסט, עס איז געקומען דער ווינטער. די נעכט זיינען פריער צוגעפאַלן, די קעלטן זיינען געוואָרן גרעסער, די שנייען און שטורעמס זיינען געוואָרן אָפטער — אָבער מיר זיינען ניט אָפּגעטראָטן און ניט מיד געוואָרן. אין יעדן וועטער האָבן מיר געהאַלטן וואַך. אין די קאַלטע ווינטער־אָוונטן האָט מען פאַרנומען די ליידיקע צימערן פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע. דאָ זיינען געווען „קאַשאַרירט" די מיליציאָנערן, וואָס האָבן זיך אָפּגערוט פון דער וואַך. ערשט שפּעט ביי נאַכט איז מען אַהיים געגאַנגען שלאָפן, כדי באַלד אין דער פרי זיך אויפצוהייבן צו דער נאָרמאַלער, שווערער אַרבעט, ווייל אונזערע מילי־ציאָנערן זיינען געווען אַרבעטער, וואָס האָבן שווער געהאָרעוועט אויפן שטיקל ברויט.

דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן שפּעטן פרילינג. איך מוז זאָגן, אַז דאָס איז געווען אפשר די שווערסטע אַרבעט, וואָס די פּאַרטיי־מיליץ האָט אַדורכ־געפירט. עס זיינען אָפט מאָל געווען געפערלעכע אַרבעטן, וואו מען איז געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן. אָבער דאָס זיינען געווען זאַכן אויף אַ וויילע: די געפאַר איז אַריבער — איז מען געגאַנגען אַהיים און זיך אויסגערוט. דאָ האָט מען געמוזט אין משך פון חדשים, נאַכט נאָך נאַכט, שטיין אויף דער וואַך אין שווערע באַדינגונגען. אמת, ניט יעדע נאַכט זיינען געקומען וואַכן די זעלבע מענטשן. מען האָט זיך געטוישט. אָבער יעדע צווייטע אָדער דריטע נאַכט האָט יעדער איינער פון די מיליציאָנערן געמוזט האַלטן די דאָזיקע נאַכט־וואַך. דאָס איז געווען אַ גרויסע אָנשטרענגונג. אָבער קיינער פון די מיליציאָנערן האָט זיך קיין מאָל ניט געקלאָגט דערויף. זיי האָבן מיט דער גרעסטער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט געהיט אונזער שטאָלצע, דרייסטע און טייערסטע קעמ־פערין — די פאָלקס־צייטונג.

ווען ס'איז אָנגעקומען דער פרילינג, די טעג זיינען געוואָרן גרעסער און די דירעקטע געפאַר איז אַריבער — האָבן מיר ענדלעך אַראָפּגענומען די וואַך.

קאַפּיטל 77

דער פּאָגראָם אין בריסק

דעם 13טן מאַי, 1937, איז אין בריסק דליטא אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אויף יידן. די דירעקטע סיבה פון פּאָגראָם איז ווידער אַ מאָל געווען אַ מאָרד, וואָס אַ ייד איז באַגאַנגען איבער אַ פּאָליאַק — דאָס מאָל אַ פּאָליציאַנט. אָבער די טיפערע, אומדירעקטע סיבה פון דעם מאָרד איז געווען דער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט דעמאָלט געווילדעוועט ניט ווייניקער ווי דער פּאָליטישער. ס'איז שוין דעמאָלט אין פּוילן געווען איינגעפירט אַ געזעצלעכע באַגרענעצונג אויף כשר פליש. יעדע שטאָט האָט געהאַט צוגעטיילט אַ באַ־שטימטן קאָנטינגענט, וואָס מען האָט געמעגט שעכטן אויף כשר. אַ צווייטע אַנטיסעמיטישע שיקאַנע דערביי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט יעדער שטאָט צוגעטיילט אַ קלענערן קאָנטינגענט ווי עס איז געווען דער פּאַקטישער פאַרברויך. ווי אַזוי־זשע האָט מען זיך אַן עצה געגעבן? — אין די קליינע שטעטלעך, וואו דער פּאָליציי־קאָנטראָל איז געווען אַ לייכטערער, פלעגט מען שעכטן אויף כשר מער ווי עס איז געווען דערלויבט און מען פלעגט די טריפה טיילן פון כשר־געשאָכטענע בהמות אַריינשמוגלען אין די גרע־סערע שטעט.

אין יענעם טראַגישן טאָג האָט אַ פּאָליציי־אַגענט געכאַפּט אויפן בריסקער מאַרק אַזאַ „טריפהנעם" טראַנספּאָרט כשר־פליש ביי אַ יידישן קצב, אַ געוויסן שטשערבאַווסקי. עס איז אַנטשטאַנען אַ קריגעריי צווישן דעם אַגענט און דעם קצב מיט זיין משפחה און אין דער מחלוקה האָט דעם קצבס זון געכאַפּט אַ קצבישן מעסער און געשטאָכן דעם פּאָליציי־אַגענט, וועלכער איז אויפן אָרט אַוועקגעפאַלן אַ טויטער. די ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט און פּונקט מיט אַזאַ בליץ־שנעלקייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם. צו ערשט האָט דער המון אָנגעהויבן ברעכן און ראַבירן די יידישע סטראַגאַנעס אויפן מאַרק (וואו דער מאָרד איז פאָרגעקומען), און תיכף האָט זיך דער פּאָגראָם פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. דער פּאָגראָם איז געווען אָנגעפירט דורך דער פּאָליציי גופא.

ווי נאָר די ידיעה וועגן פּאָגראָם איז אָנגעקומען קיין וואַרשע, איז זיך צונויפגעקומען דאָס פּרעזידיום פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט, כדי זיך צו באַראַטן וואָס צו טאָן. צוליב דער פראַגע וואָס איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג האָט מען מיך גערופן צו דער באַראַטונג. אויף דער זיצונג האָט מען איבערגעגעבן, אַז לויט די קורסירנדיקע קלאַנגען גרייט מען זיך אין

בריסק איבערצוחזרן דעם פּאָגראָם בעת דער לוויה פון דערהרגעטן פּאָליציי־אַגענט. מען האָט מיר פאָרגעלייגט אַראָפּצופאָרן קיין בריסק און זיך באַמיען צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד, אויב מעגלעך ביי דער מיטהילף פון די פּוילישע אַרבעטער. איך האָב געזאָגט די חברים, אַז די שטאָט איז מיר אומבאַקאַנט, כ׳קען דאָרט קיינעם ניט, און איצט — בעת דער פּאָגראָם בושעוועט נאָך — זע איך ניט וואָס איך קען אויפטאָן. דאָך האָט דער צ. ק. באַשלאָסן, אַז איך דאַרף פאָרן, און צוזאַמען מיט מיר זאָל מיטפאָרן לייזער לעווין, אַ מיטאַרבעטער פון דער פאָלקס־צייטונג און פאָרזיצער פון אונזער מיליץ־גרופּע (געשטאָרבן ווי אַ פּליט אין קאָוונע, אין 1940). מען האָט אויך געפּועלט ביי יאַן דאָמבראָווסקין ער זאָל מיט אונז מיטפאָרן קיין בריסק. יאַן דאָמבראָווסקי איז געווען אַ פּ.פּ.ס.אָוויעץ, אַ זשורנאַליסט. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון פּ.פּ.ס.ישן „ראָבאָטניק״ און פון זייער זשורנאַל „טידזשען ראָבאָטניקאַ״, וועלכן ס׳האָט אַרויסגעגעבן זיגמונט זאַרעמבאַ, פירער פון דער פּ.פּ.ס. און פון דער גרופּע פּ.פּ.ס.ישע טוער, וואָס זיינען געווען פאַר אַ נענטערער און דרייסטערער צוזאַמענאַרבעט מיטן בונד. דאָמבראָווסקי פלעגט אָפט מיטאַרבעטן אויך אין די בונדישע אויסגאַבעס אויף פּויליש (אין דער טאָג־צייטונג פּיסמאָ צאָדזיעננע און, נאָכן פאַרמאַכן פון דער טאָג־צייטונג דורך דער פּוילישער מאַכט, אין די זשורנאַלן נאָווע פּיסמאָ, מישל סאָציאַליסטיטשנאַ און נאָווע זשיציע), און ער האָט גערן מסכים געווען מיטצופאָרן און העלפן אונז איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט דער פּ.פּ.ס.ישער אָרגאַניזאַציע אין בריסק.

ביי נאַכט האָב איך באַדאַרפט אָפּפאָרן קיין בריסק. איך בין געווען אין זייער אַ שלעכטער שטימונג, ווייל איך האָב ניט געזען קיין שום אויסזיכט ווי אַזוי דורכצופירן מיין אויפגאַבע. ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע פאַלן, האָב איך געזוכט אַ טרייסט ביי שלמה מענדעלסאָנען. ער האָט מיר צוגעגעבן מוט: — „וועסט זיך יאָ קענען אַן עצה געבן; אפשר וועסטו אויפן אָרט געפינען אַן עצה, מען דאַרף פּרואוון״. מיר זיינען געווען צוזאַמען עטלעכע שעה. ער האָט מיך באַגלייט צו דער באַן, וואָס איז אָפּגעפאָרן 12 אַזייגער ביי נאַכט. געפאָרן בין איך בלויז מיט לייזער לעווינען. יאַן דאָמבראָווסקי האָט געדאַרפט קומען מיט אַ שפּעטערדיקער באַן.

מיט דער זעלבער באַן איז געפאָרן אַ גאַנצער וואַגאָן מיט פּוילישער רעזערוו־פּאָליציי. איך האָב זיך געטראַכט: אפשר פאָרן זיי אויך קיין בריסק? אָבער צוליב וואָס — אונטערהעצן צום פּאָגראָם אָדער אים איינצושטילן? איך בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. אויך לייזער לעווין איז ניט געשלאָפן. ווען מען איז אָנגעקומען פאַר טאָג קיין טערעספּאָליע, אַ סטאַציע פאַר בריסק, זיינען אַרויפגעקומען אויף דער באַן עטלעכע יידן פון בריסק און האָבן דערציילט שוידערלעכע פּרטים פון פּאָגראָם. זיי האָבן אויך דערציילט אַז אויפן וואָקזאַל אין בריסק ווערט אַרעסטירט יעדער ייד, וואָס קומט אָן מיט דער באַן.

ענדלעך איז דער צוג אָנגעקומען אויף דער בריסקער באַן־סטאַציע. בריסק איז געווען אַ וויכטיקער באַן־קנופּ און די צוגן זיינען דאָרט געשטאַנען

לענגער. ווען איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן וואַגאָן־פענצטער, האָב איך געזען אַז די באַן־פּלאַטפאָרם און דער וואָקזאַל זיינען פול מיט פּאָליצײ און זײ פאַרהאַלטן טאַקע מענטשן מיט „פאַרדעכטיקע״ פּנימער. האָבן מיר ביידע באַשלאָסן אַראָפּצושפּרינגען פון דער צווייטער זייט באַן און מיר זיינען איבער דער נעץ רעלסן, דורך אַ הינטער־וועג, פאַרביי די באַן־וואַרשטאַטן אַריין אין שטאָט.

אָנגעקומען זיינען מיר, ווען ס'איז שוין געווען גוט טאָג. ס'איז געווען אַ שיינער זוניקער פרימאָרגן. אָבער אויף די גאַסן האָבן מיר פּלוצלונג דער־זען — אַ שניי. אַ שניי פון פעדערן און פוך, פון צעריסענע בעטגעוואַנט פון די יידישע היימען. אומעטום האָט מען געזען אויסגעהאַקטע שויבן, קופּעס גלאָז ליגן אויף דער גאַס. מיר זיינען דערגאַנגען צום אָרט וואו עס האָט געוואוינט דער בריסקער בונדישער טוער, דער חבר שניידער.

ווען מיר זיינען ביידע אַריינגעקומען צו שניידערן *) אין דער וואוינונג, איז זי נאָך פול געווען מיט שטיינער און מיט צעבראָכן גלאָז פון די אויס־געהאַקטע שויבן. אַלע אין שטוב זיינען געווען אָנגעטאָן אין די מאַנטלען, פּעק און וואַליזעס זיינען געווען איינגעפּאַקט און אַלע זיינען געזעסן אויף די פּעקלעך. שניידער און די שטוביקע מענטשן האָבן זיך מיט אונז זייער דער־פרייט. זיי האָבן אונז דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין משך פון די פּאָר טעג פון פּאָגראָם. היינט — האָבן זיי געזאָגט — איז אין שטאָט שוין רואיק, אָבער מען שמועסט, אַז זונטיק, ווען עס וועט זיין די לוויה פון דערמאָרדעטן פּאָליציי־אַגענט, וועט זיך דער פּאָגראָם איבערחזרן.

איך האָב אָפּגעשמועסט מיט לייזער לעווינען אַז ער גייט אין שפּיטאָל אַריין, זען די פאַרוואונדעטע פון פּאָגראָם, באַקוקן דעם חורבן אין שטאָט, און אָפּשיקן אַ קאָרעספּאָנדענץ צו דער פאָלקס־צייטונג. איך בין פאַרבליבן ביי שניידערן. איך האָב קודם־כל פון אים פאַרלאַנגט, אַז אויב ס'איז מעגלעך, זאָל ער תיכף צונויפרופן אַ זיצונג פון בונדישע אַקטיוויסטן און מיר זאָלן זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. די באַראַטונג איז טאַקע פאָרגעקומען אין דער וואוינונג פון דער צוקונפט־טוערין רבקה גאָלדבערג, אַ שניידערין. אויף דער באַראַטונג זיינען געווען — אחוץ שניידערן — טענענבוים, דער דענטיסט לובעלסקי און נאָך עטלעכע חברים. איך האָב קודם־כל זיי געפרעגט צי ס'איז מעגלעך צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע, וואָס זאָל זיין מסוגל צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

---

*) בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די באָלשעוויקעס אַרעסטירט דעם ח׳ שניידער תיכף נאָך דעם, ווי זיי זיינען אַריין אין בריסק. אין וועלכער סאָוועטישער טורמע מען האָט דעם ח׳ שניידער אומגעבראַכט, ווייסט מען ניט. זיין פרוי חוה איז נאָך 17 יאָר סאָוועטישער פאַרשיקונג באַפרייט געוואָרן און זי געפינט זיך איצט ביי אירע קינדער אין ישראל.

האָבן זיי געזאָגט, אַז אין די „דזשאָינט־באַראַקן" *) וואוינען אַ סך יידישע אַרבעטער און דאָרט וואָלט מען מסתמא געקענט אָרגאַניזירן אַ יידישע ווידערשטאַנד־גרופּע. זיי האָבן אויך דערציילט, אַז די יידישע שמידן און סטעלמאַכעס, וואָס זיינען קאָנצענטרירט געווען אויף אַ געוויסער גאַס, האָבן בעתן פּאָגראָם געשטעלט אַ ווידערשטאַנד (אַ פּאָר פון זיי זיינען געווען ביי דער פאַרזאַמלונג). איך האָב דעם עולם געשטעלט די פראַגע: צי אין פאַל פון אַן איבערחזרונג פון פּאָגראָם וועט מען עפּעס קענען טאָן? — האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אָבער אַליין זיינען זיי שוואַך. אויב אָבער פּוילישע אַרבעטער וואָלטן צוגעהאָלפן, וואָלט מען געקענט עפּעס אויפטאָן. אויפן אָרט האָט מען צוזאַמענגעשטעלט אַ ווידערשטאַנד־גרופּע פון אַ צוואַנציק מאַן. אַחוץ דעם האָט מען באַשלאָסן צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די יידישע שמידן און סטעלמאַכעס, וואָס זיינען ביי דער פאַרזאַמלונג ניט געווען, זיי זאָלן צושטיין צו דער ווידערשטאַנד־גרופּע.

ביי טאָג איז אָנגעקומען יאַן דאָמבראָווסקי. כ'האָב אים דערציילט וועגן דער לאַגע און וועגן די שטימונגען אין שטאָט, און אַז אין פאַל פון אַן איבערחזרונג פון פּאָגראָם וועט מען זיך ניט קענען קיין עצה געבן אָן דער הילף פון די פּוילישע אַרבעטער. איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז עס וואָלט זייער נייטיק געווען, די פּ.פּ.ס. זאָל אַרויסגעבן אַן אויפרוף צו דער פּוילישער באַפעלקערונג.

מיר זיינען ביידע אַוועק צום פאָרזיצער פון אָ. ק. ר. (ד. ה. ראַיאָניקער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט) פון פּ.פּ.ס. ער איז געווען אַ באַן־אַרבעטער. ער האָט אונז דערציילט אַז דער המון איז שטאַרק אויפגעהעצט. אויף די פאָרשלאָגן, וואָס מיר האָבן אים געמאַכט, האָט ער דערקלערט, אַז וואָס שייך דעם אויפרוף, דאַרף ער האָבן אַן אָנווייזונג פון וואַרשע, פון צ.ק.וו. (צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט) פון פּ.פּ.ס. און בנוגע אַ ווידערשטאַנד־גרופּע פון פּוילישע אַרבעטער, צווייפלט ער, צי דאָס וועט זיך איינגעבן. האָבן מיר אים געבעטן, ער זאָל צונויפרופן אַ זיצונג פון אָ.ק.ר. אָדער לכל הפחות אַ באַראַטונג פון אַ פּאָר אַקטיווע טוער זייערע, און דאָרט זאָל מען אַרומריידן דעם ענין. איידער מיר זיינען אַוועק פון אים, איז געבליבן, אַז וועגן דעם אויפרוף וועט ער טעלעפאָנירן קיין וואַרשע צו צ.ק.וו. און זיך אָנפרעגן, און אַחוץ דעם רופט ער אַ זיצונג פון אָ.ק.ר. אויף מאָרגן 9 אין דער פרי.

נאָך דעם בין איך אַוועק צו ח' שניידערן. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט לייזער לעווינען. ער האָט שוין געהאַט איבערגעגעבן אַ טעלעפאָנישן באַריכט צו דער פאָלקס־צייטונג וועגן זיין שמועס מיט די פאַרוואונדעטע יידן אין שפּיטאָל און וועגן פאַרלויף פון פּאָגראָם. דאָמבראָווסקי איז אַוועק אין זיין

*) באַלד נאָך דער ערשטער וועלט ־ מלחמה, ווען בריסק איז געווען רואינירט, האָט דער „דזשאָינט" אויפגעשטעלט צייטווייליקע וואוין־באַראַקן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. די באַראַקן זיינען געבליבן שטיין שוין אויף שטענדיק, און דאָרטן האָבן שפּעטער געוואוינט יידישע אַרבעטער און סתם יידישע אָרעמקייט. די הייזער האָט דער עולם גערופן „דזשאָינט־באַראַקן".

צימער. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט איבער אַ פּראָיעקט פון אַן אויפרוף צו דער פּוילישער באַפעלקערונג. ער האָט אין דעם אויפרוף געשריבן אַז דאָס פּוילישע פאָלק דאַרף זיך ניט לאָזן פּראָוואָצירן דורך די אַנטיסעמיטן, אַז עס איז אַן אומכּבֿוד פאַרן אומאָפּהענגיקן פּוילן צו נוצן די צאַרישע מעטאָדן פון אונטערדריקונג פון וועלכן פּוילן אַליין איז געווען אַ קרבן; אַז מען דאַרף איצט ניט נאָכטאָן דעם היטלערישן ביישפּיל, ווייל היטלער איז דער געמיינזאַמער שונא פון יידן און פּאָליאַקן א. אַז. וו. ס'איז געווען אַ שאַרפער אַרויסטריט קעגן אַנטיסעמיטיזם.

אין דער פּרי איז פאָרגעקומען די זיצונג פון די פּוילישע אַרבעטער. דער אָ.ק.ר. איז ניט געווען אין פּולן קאָמפּלעט, אָבער ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן דעם אויפרוף (מיט קליינע אויסבעסערונגען פון אַ לאָקאַלן כאַראַקטער), וואָס דאָמבראָווסקי האָט צוגעגרייט. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו פּרואוון אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד־גרופּע פון פּוילישע אַרבעטער, וואָס זאָל העלפן דער יידישער ווידערשטאַנד־גרופּע, אויב דער פּאָגראָם זאָל זיך איבערחזרן.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון פּוילישע אַרבעטער אין לאָקאַל פון די באַן־אַרבעטער. צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען מערסטנס יונגע מענטשן, ס'רובֿ „טוראָוווצעס" („טור" איז געווען די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פּ.פּ.ס.). זיי האָבן דערציילט, אַז אין די באַן־וואַרשטאַטן ביי „שוואַרצער" (אומקוואַליפיצירטער) אַרבעט זיינען באַשעפטיקט עטלעכע הונדערט ווייסרוסן פון די אַרומיקע דערפער און אַז אַ סך פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין פּאָגראָם. אויך די פּאָליציי האָט זיך באַטייליקט אין ראַבירן די יידישע היימען און געשעפטן. אויב עס וועט פאָרקומען אַן איבערחזרונג פון פּאָגראָם, וועט אין דעם שטעקן — אַזוי האָבן אַלע געהאַלטן — אַ האַנט פון דער פּאָליציי. דעריבער איז נאָך שווערער צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד. אָבער דאָך איז די שטימונג ביים יינגערן עולם געווען אַ בעסערע ווי ביי די אַנפירער. עס זיינען אויפן אָרט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דריי גרופּעס צו העלפן אין ווידערשטאַנד, מערסטנטייל האָבן זיך אין די גרופּעס אַנגעשלאָסן „טוראָוווצעס".

נאָך דער פאַרזאַמלונג בין איך אַוועק מיט דאָמבראָווסקין אויף אַ שפּאַציר איבער דער יידישער געגנט. ס'איז געווען פרייטיק צו נאַכט. די גאַסן אין דער יידישער געגנט זיינען געווען פּוסט. די טירן זיינען געווען פאַרהאַמערט, אַלע לאָדנס פון די פענצטער פאַרמאַכט. די שבת־ליכט האָבן אַרויסגעשיינט דורך שפּאַרעס פון די פאַרמאַכטע לאָדנס. די דאָזיקע ליכטלעך האָבן געוואָרפן אַן אימהדיקן שיין אויף די אויסגעשטאָרבענע גאַסן. אונזערע טריט האָבן שטאַרק אָפּגעהילכט איבער די ליידיקע גאַסן. פון צייט צו צייט האָט דאָ און דאָרט אַ שפּאַרע פון אַ טיר זיך געעפנט, און אַ דערשראָקן פּנים האָט אַרויסגעקוקט, צו זען ווער ס'גייט דאָרט איבער דער פּוסטער גאַס...

איך האָב דאָמבראָווסקין אויפגעקלערט דעם באַטייט פון די שבת־ליכט און ווי עס קוקט אויס אַ פרייטיק צו נאַכט אין טראַדיציאָנעלע יידישע היימען.

און אַזוי פאַרטיפט אין אומעטיקע גערדאַנקען, האָבן מיר ביידע שפּאַצירט שטיל־שווייגנדיק איבער די פּאָגראָמירטע, פּוסטע גאַסן פון בריסק — אַ יידישער און אַ פּוילישער סאָציאַליסט. אפשר, האָב איך געטראַכט, ליגט די האָפענונג טאַקע אין דעם, וואָס מיר ביידע, דאָמבראָווסקי און איך, שפּאַצירן דאָ צוזאַמען מיט איין ציל און מיט איין ווילן. אויך ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. מסתמא האָט ער עפּעס ענלעכס געטראַכט.

צו מאָרגנס האָב איך מיט יעדערער פון די פּוילישע ווידערשטאַנד־גרופּעס באַזונדער אָפּגעהאַלטן זיצונגען. זיי האָבן באַקומען עטלעכע אינסטרוקציעס: 1) צו פאַרטיילן דעם פּוילישן אויפרוף וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן. 2) איין גרופּע זאָל זונטיק, באַלד אין דער פרי, זיין אין קאַשטשאָל, פון וועלכן עס דאַרף אַרויסגיין די לוויה; זיי דאַרפן זיך צוהערן אינעווייניק, צי מען העצט צו אַ פּאָגראָם; 3) אַ צווייטע גרופּע זאָל זיין אין דרויסן, פאַרן קאַשטשאָל, און ווען דער המון וועט אַרויסגיין נאָך דער לוויה, זאָלן זיי זיך ניט אויסמישן מיטן גאַנצן עולם, נאָר האַלטן זיך צוזאַמען אַ ביסל אָן אַ זייט. אויב אַ טייל פון המון וועט זיך אָפּרייסן און וועט זיך לאָזן צו די יידישע גאַסן, זאָלן זיי מיטלויפן מיט דער דאָזיקער גרופּע און איר שטערן אויב זי וועט אָנהויבן פּאָגראָמירן. 4) די דריטע גרופּע איז געוואָרן צעטיילט אַזוי: אַ טייל — אין אָנהויב פון לוויה־צוג, אַ טייל ביים סוף. זיי האָבן געקראָגן די זעלבע אינסטרוקציע, וואָס די צווייטע גרופּע.

די יידישע ווידערשטאַנד־גרופּע האָב איך צעטיילט איבער די געסלעך, וואָס ציען זיך לענג־אויס פון די הויפּט־גאַסן דורך וועלכע די לוויה איז געגאַנגען.

זונטיק זיינען פון קאַשטשאָל כסדר געקומען באַריכטן, אַז עס איז דאָרט רואיק, מען הערט ניט קיין העצערייען. די לוויה איז טאַקע בדרך־כלל אַדורך רואיק. אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט — ווי מען האָט געקענט פאַראויסזען — האָט זיך פון המון אָפּגעריסן אַ באַנדע פון אַ 50־60 מאַן. זיי זיינען אַריין אין אַ זייטיק יידיש געסל (דאָרט האָט געוואוינט אונזער חבר דער דענטיסט לובעלסקי), זיי האָבן אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער אין די יידישע הייזער און שרייען „פּרעטש ז׳ זשידאַמי״ (נידער מיט די יידן). אַ צענדליק מענטשן אונ־זערע, יידן און פּאָליאַקן געמישט, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי. מיר האָבן אָנגעהויבן שרייען צו זיי, זיי זאָלן אויפהערן, אָבער זיי האָבן אונז באַוואָרפן מיט שטיינער. איך האָב זיך געפונען אין מיטן פון דער גרופּע; כ׳האָב געזען אַז עס איז ביטער, מיר זיינען צו ווייניק אָפּצושטעלן די כוליגאַנעס. בין איך אַרויס אין מיטן גאַס, אַרויסגעכאַפּט מיין רעוואָלווער און כ׳האָב אָנגעהויבן געדיכט שיסן אין דער לופטן. אויף דער שיסעריי איז באַלד אָנגעלאָפן פּאָליציי, דער המון איז זיך אין בהלה צעלאָפן. איך האָב זיך תיכף אויסגעמישט צווישן עולם און די פּאָליציי האָט ניט באַמערקט ווער עס שיסט. מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער פּרואוו צו וועלן באַנייען דעם פּאָגראָם.

מיר זיינען אַרויף אויפן באַלקאָן פון דענטיסט לובעלסקיס וואוינונג און כסדר אָבסערווירט די אַרומיקע גאַסן. עס איז אומעטום געווען רואיק. די

גרופּע פּ.פּ.ס.אָווצעס, וואָס האָט אונז געהאָלפן אין קאַמף מיט די כוליגאַנעס, האָט אָנגעיאָגט די לוויה און האָט זיך אין איר אָנגעשלאָסן, כדי צו זיין אויפן אָרט, טאָמער ווערן געמאַכט נייע פּרוואוון אָנצוהויבן אַ פּאָגראָם. אָבער מער קיין פּרוואוון זיינען ניט געווען. דער עולם, וואָס איז געגאַנגען צוריק פון דער לוויה, איז זיך רואיק פונאַנדערגעגאַנגען. דער גאַנצער רעשט זונטיקדיקער טאָג איז שוין אַדורך רואיק.

ביי נאַכט האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט מיט די פּוילישע חברים און מיט דער יידישער ווידערשטאַנד־גרופּע און מיר זיינען געפאָרן אַהיים.

קאַפּיטל 78

וואַרשעווער בונדישע לאָקאַלן

לאַנגע יאָרן איז פּזשעיאַזד 9 געווען דער אַדרעס פֿון דער וואַרשעווער בונדישער אָרגאַניזאַציע. דער דאָזיקער אַדרעס איז זיך אַזוי צונויפֿגעוואַקסן מיטן וואַרשעווער בונד, אַז ער איז געוואָרן זיין סינאָנים. פּונקט ווי נאַוואָליפּיע 7, דער אַדרעס פֿון פֿאָלקס־צייטונג און פֿון צענטראַלן קאָמיטעט פֿון בונד, איז געוואָרן דער סינאָנים פֿון בונד אין פּוילן.

אונזער לאָקאַל אויף פּזשעיאַזד 9 איז דערגאַנגען צו זיין פּאָפּולערקייט בּיסלעכווייז, אפשר אויך צוליב דער צענטראַלער פּאָזיציע וואָס עס האָט פֿאַרנומען דאָס קליינע פּזשעיאַזד־געסל וואו עס האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן די שטאָט־אַרטעריעס, וואָס האָבן געפֿירט צו פֿאַרשיידענע יידישע געגנטן אין וואַרשע. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער אַרבעטער־הילף־קאָמיטעט געעפֿנט אין דעם לאָקאַל אַ ביליקע קיך פֿאַר אַרבעטער. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט זיך דאָרט אויך באַזעצט דער ניי־געשאַפֿענער צענטראַל־ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. בעת דער פּויליש־באָל־שעוויסטישער מלחמה, ווען דער בונד איז צוליב זיין אַנטי־מלחמה־שטעלונג דעלעגאַליזירט געוואָרן און זיינע לאָקאַלן זיינען דורך דער פּוילישער רעגירונג פֿאַרמאַכט געוואָרן, איז אויך געשלאָסן געוואָרן דער בונדישער גראָסער־קלוב אויף קאַרמעליצקע 29. דעמאָלט האָט די וואַרשעווער בונדישע אָרגאַניזאַציע אין דער שטיל אָנגעהויבן אויסנוצן דעם לאָקאַל אויף פּזשעיאַזד 9 פֿאַר פּאַרטיי־צוועקן. דאָרט האָט דאָך נאָך אַלץ עקזיסטירט די אַרבעטער־קיך; מענטשן זיינען אָפּטער אַריין און אַרויס, ספּעציעל מיטאָג־צייט, איז צוליב דעם לייכטער געווען צו דערליידיקן פּאַרטייאישע ענינים אומבאַמערקט. אַהין האָט מען אויך אַריבערגעפֿירט אַן ערך 5.000 ביכער פֿון דער ביבליאָטעק ביים גראָסער־קלוב. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט דער בונדישער אַלגעמיינער אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו, צו וועמען די קיך האָט שוין דעמאָלט געהערט, לעגאַליזירט אין דעם לאָקאַל אַן אַרבעטער־ווינקל, ד. ה. אַ מין טיי־האַלע, וואו אַרבעטער זאָלן קענען קומען אין אָוונט טרינקען אַ גלאָז טיי, עסן אַ שטיקל ברויט מיט הערינג, און אויך איבערלייענען אַ צייטונג. אין איינעם פֿון די צימערן איז געווען איינגעאָרדנט אַ לייען־זאַל מיט צייטונגען און זשורנאַלן (אָנגעצויגן אויף שטעקלעך, ווי ס'איז געווען דער מנהג אין פּוילן). די גראָסער־ביבליאָטעק איז דאָרט צוריק געעפֿנט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן צו פֿונקציאָנירן. אַבראַם און איך, וואָס האָבן דעמאָלט גע־

אַרבעט אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, האָבן דאָרט אָנגעהויבן דערליידיקן אַלע פּאַרטייאישע ענינים, — אַלץ נאָך אונטערן באַקוועמען דעק־מאַנטל פון דער אַרבעטער־קיך ביים קאָאָפּעראַטיוו.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאַמפּאַניע צו די סיים־וואַלן אין 1922, האָבן מיר אין אַרבעטער־ווינקל איינגעאָרדנט דאָס צענטראַלע ביוראָ פאַר דער וואַל־קאַמפּאַניע אין וואַרשע. די קאַמפּאַניע צו די וואַלן איז שוין געווען אַ לעגאַלע און ממילא איז דער ווינקל שוין אַרויסגעקומען פאַר דער עפנטלעכקייט ווי אַן אָפיציעלער בונדישער לאָקאַל. אַזוי איז שוין פאַרבליבן אויך נאָך די וואַלן און פּזשעיאַזד 9 איז געוואָרן דער אָפיציעלער אַדרעס פון דער וואַרשעווער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

מיטן וואוקס פון דער פּאַרטיי און פון דער פּאַרטיי־אַרבעט איז אויך שטאַרקער געוואָרן דער לעבנס־ריטם אין אַרבעטער־ווינקל. דער לאָקאַל איז געוואָרן צו ענג פאַר דער פאַרצווייגטער בונדישער טעטיקייט. די גראָסער־ביבליאָטעק איז דעמאָלט אַריבער אין אַן אייגענעם גרויסן צימער אויף לעשנאָ 36, וואָס האָט געהערט צו דער פיליע פון אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו אין יענעם הויז*), און דער ווינקל איז געוואָרן אַ ריין־פּאַרטייאישער לאָקאַל. ביי טאָג איז דאָרט נאָך אַלץ געווען טעטיק די אַרבעטער־קיך, גלייכצייטיק אויך דער וואַרשעווער סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי. אין אָוונט אָבער האָט דער לאָקאַל באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים: עס האָט געראַיעט מיט מענטשן. קודם־כל זיינען בונדיסטן אַהין געקומען סתּם אַזוי צו פאַרברענגען, שמועסן מיט חברים אָדער לייענען אַ צייטונג. אחוץ דעם זיינען פאַרגעקומען צאָלרייכע פאַרזאַמלונגען און זיצונגען: פון פּאַרטיי־גרופּעס, פון צוקונפט־קרייזן, פון כלערליי קאָמיסיעס, ריין־פּאַרטייאישע, פּאַרטייאיש־פּראָפעסיאָנעלע און אַנד. אָפט מאָל זיינען דאָרטן פאַרגעקומען גרעסערע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. אחוץ דעם זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן — מערסטנטייל אין די שבתים און זונטיקס — פאָרלעזונגען, ליטעראַרישע אָוונטן, און אַמאָל סתּם אַ פאַרווײַלונג.

אַ קאָכיק לעבן איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַרום 18 שעה אין מעת־לעת. 6 פרי זיינען שוין געקומען די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין דער קיך. אַרום 9 פרי האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון וואַרשעווער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט.

---

*) די „גראָסער־ביבליאָטעק" איז אין אַ געוויסער צייט אַרום אַריבער צו דער געזעלשאַפט „קולטור־ליגע". הערמאַן קרוק איז געוואָרן איר פאַרוואַלטער און ער האָט אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַקציע אויסצוברייטערן די ביבליאָטעק. זי איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, האָט געציילט שוין צענדליקער טויזנטער ביכער. זי האָט דעמאָלט געדונגען אַן אייגענעם לאָקאַל אויף לעשנאָ 13, וואו עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שטודיר־צימער און אַ גרויסער לייען־זאַל מיט הונדערטער זשורנאַלן און צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט. די ביבליאָטעק איז געווען פריי פאַר אַלעמען. זי איז געווען די גרעסטע יידישע ליי־ביבליאָטעק אין וואַרשע און זי פאַרדינט אַ בכבודיק אָרט אין אַ געשיכטע פון וואַרשעווער יידישן קולטור־לעבן.

אַרום 12 אַ זייגער האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן מיטאָגן, די צימערן האָבן דעמאָלט זיך גיך פֿאַרפֿולט מיט אַרבעטער־קאָנסומענטן. אַרום דריי אַ זייגער איז שוין דער מיטאָג־פּעריאָד געווען אַריבער. מען האָט קוים באַוויזן אויפֿצורוימען די צימערן, און אַרום 5 נאָך מיטאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן דער פּאַרטייאישער עולם. פֿון אַרום 8 ביז 11 אָוונט זיינען אַלע צימערן געווען פֿאַרנומען מיט זיצונגען; אין אַ גרעסערן צימער זיינען טייל מאָל פֿאָרגעקומען צוויי און אַ מאָל דריי קלענערע זיצונגען מיט אַ מאָל, אין די ווינקעלעך. טייל מאָל האָט מען אפֿילו געמוזט אַרויסטרייבן די „ליידיקגייער״, כדי צו געפֿינען אַן אָרט פֿאַר נאָך אַ זיצונג.

אין דעם דאָזיקן שטראָם פֿון מענטשן וואָס האָט אָוונט נאָך אָוונט פֿאַרפֿולט אונזער וואַרשעווער פּאַרטיי־לאָקאַל, האָט זיך שטענדיק געוואָרפֿן אין די אויגן איין מענטש, וועלכער איז געווען דאָ אַ צענטראַלע פֿיגור און וועמען מען האָט כסדר געזען שלענגלען זיך צווישן געדיכטן עולם — דאָס איז געווען ח׳ אַבראַם. אַבראַם (זיין פֿולער נאָמען: אַבראַם סטאָלאַר) איז געווען סעקרעטאַר פֿון דער וואַרשעווער בונדישער אָרגאַניזאַציע ווי אויך סעקרעטאַר פֿון אַרבעטער־ווינקל. ער איז געווען אַנדערש ווי אַנדערע סעקרעטאַרן. אַ סעקרעטאַר, געוויינטלעך, זיצט זיך ביי זיין שרייב־טיש און די קליענטן קומען צו אים. אַבראַם, פֿאַרקערט — איז געווען אַ באַוועגלעכער סעקרעטאַר, ער איז געגאַנגען צו זיינע קליענטן. זעלטן ווען מען האָט אים געזען אין דער קאַנצעלאַריע. שטענדיק האָט ער זיך געפֿונען צווישן עולם אין די צימערן, אויסגעזוכט זיינע קליענטן — אַ סעקרעטאַר פֿון אַ פּאַרטיי־גרופּע, אַ פֿאָרשטייער פֿון אַ פֿאַך־קאָמיסיע, אַ מיטגליד פֿון אַ פֿאַראיין־פֿאַרוואַלטונג, אַ פֿאָרשטייער פֿון דער צוקונפֿט, צי פֿון סקיף, צי פֿון יאַף, צי גאָר עמיצן מיט אַ פּריוואַטן ענין וואָס האָט געדאַרפֿט די הילף פֿון דער פּאַרטיי. מיט אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע און מיט אַ קליין שטיקל בלייפֿעדער אין דער האַנט פֿלעגט ער אין זיין אייגענעם שיפֿר פֿאַרשרייבן די אַלע ענינים וואָס מ׳האָט באַדאַרפֿט דערליידיקן. דערביי איז ער אויך געווען אויסגעקאָכט אין אַלע פּערזענלעכע דאגות פֿון די מענטשן, שטענדיק געוואוסט ווער וואָס פֿאַר אַ קאָפּ־ווייטאָג עס האָט און האָט קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן יענעם איבערצופֿרעגן וואָס עס הערט זיך וועגן דעם און יענעם. אויסגעהערט, געגעבן עפּעס אויף גיך אַן עצה, אָדער ווייטער עפּעס פֿאַרשריבן אין ביכעלע, — און באַלד ווייטער אַנטלאָפֿן אין אַן אַנדער ווינקל פֿון צימער, כאַפּן אַ צווייטן קליענט. ווידער האָט מען אים געזען אַרויסנעמען דאָס קליינע ביכעלע מיטן שטיקל בלייפֿעדער, ווייטער עפּעס פֿאַרשריבן — און באַלד זעט מען אים אַדורכשטופּן זיך צווישן עולם צו עמיצן אַנדערש, און אַזוי כסדר. כאָטש ער האָט אַלץ געהאַט פֿאַרשריבן אין זיין ביכעלע, האָט אָבער אַבראַם זעלטן אַהין געדאַרפֿט אַריינקוקן. ער האָט זיך קלאָר אָריענטירט אין דעם גאַנצן לאַבירינט פֿון די הונדערטער פּרטים, ער האָט זיי אַלע געהאַט אויפֿן קאָפּ.

דאָס הויז וואו דער אַרבעטער־ווינקל האָט זיך געפֿונען איז געווען אַלט. דער טויער איז שטענדיק געשטאַנען ברייט אָפֿן, ווייל אויפֿן הויף, אין דער

אַ. ג. „אַפּיצינע״ אַנטקעגנאיבער דעם טויער, האָט זיך געפונען אַ קינאָ („פּאַמאַ״) וואו מיר האָבן, אגב, אָפט איינגעאָרדנט מיטינגען און שבתדיקע פרימאָרגנס. דער אַרבעטער־ווינקל האָט זיך געפונען אין דער פראָנט־געביידע אויפן ערשטן שטאָק. הילצערנע שטיגן, אויסגעריבענע פון אומצייליקע טויזנטער פיס וואָס זיינען איבער זיי כסדר געגאַנגען אַראָפּ און אַרויף 16־18 שעה אַ טאָג, אַלע 365 טעג אין יאָר, האָבן געפירט אַרויף צום קלוב. דאָס מעבל אין דעם זיבן־צימערדיקן לאָקאַל איז געווען אַלט און אָפּגעטראָגן: פּראָסטע הילצערנע שטולן און בענק, פּראָסטע פירקאַנטיקע קליינע רעסטאָראַן־טישלעך, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָך פון די ערשטע יאָרן פון דער אַרבעטער־קיך. אָבער ווער האָט זיך אויף דעם אַלעם אומגעקוקט? — דאָס לעבן האָט געקאָכט און געברויזט אין אַלע צימערן, און צווי שטראָמען מענטשן, אַריין און אַרויס, האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו באַוועגן פון פאַר מיטאָג ביז שפּעט אין אָוונט.

אָבער די ענגשאַפט וואָס איז אונז געווען אַזוי ליב, איז שוין געוואָרן צו גרויס. מען האָט געמוזט טראַכטן וועגן אַ נייעם לאָקאַל, אַ גרעסערן און אַ באַקוועמערן. אָבער ניט נאָר דאָס אַליין, דער באַלעבאָס פון פּזשעיאַזד 9 האָט שוין לאַנג געוואָלט פּטור ווערן פון בונד, און ער האָט אַזוי לאַנג זיך געטשעפּעט ביז ער האָט געוואונען אַן עקסמיסיע־פאַראָרדענונג פון געריכט. נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן צו געפינען אַ נייע פּאַסיקע דירה. דער וואַרשעווער סעקרע־טאַריאַט פון דער פּאַרטיי איז דעמאָלט אויף דערוויַל אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ קליינער דירה אויף נאַוואָליפּיע נומער 3, וואו מיר האָבן זיך געפונען אַ קנאַפּ יאָר צייט. ענדלעך האָבן מיר געפונען אַ פּאַסיקן לאָקאַל אויף דלוגע 26, — און אין 1936 האָבן מיר זיך אַהין אַריבערגעצויגן.

דאָס הויז אויף דלוגע 26 איז געווען איינס פון די באַקאַנטע גרויסע הייזער אין דער יידישער געגנט. עס האָט געהאַט דריי גרויסע הויפן. דער לאָקאַל פון בונד האָט זיך געפונען אין צווייטן טויער אויפן ערשטן שטאָק. דאָס הויז האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ ביסל בונדישע געשיכטע; דאָרט האָט זיך אויך געפונען העדנלערס דרוקעריי, וואו מיר האָבן אין 1920 אַ געוויסע צייט געדרוקט אומלעגאַלע ליטעראַטור. אין שכנות פון בונדישן לאָקאַל האָט אויך דער טראַנספּאָרט־פאַראיין געדונגען אַ נייע דירה.

דער נייער לאָקאַל פון וואַרשעווער בונד איז געווען אַ געררוימערער און אַ שענערער ווי אויף פּזשעיאַזד 9 און מיר האָבן דאָרט פּשוט אויפגעלעבט. אָבער ווי דער פריערדיקער, איז אויך דער נייער לאָקאַל שטענדיק געווען פול מיט מענטשן. אַחוץ דעם פּאַרטיי־קלוב און דעם וואַרשעווער פּאַרטיי־סעקרע־טאַריאַט זיינען דאָרט געווען איינגעאָרדנט אַ ריי אַנדערע פּאַרטיי־אינסטיטו־ציעס. אויך די קיך פון אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו איז אַהין אַריבערגעטראָגן גע־וואָרן.

קאַפּיטל 79

אַ באָמבע אין בונדישן לאָקאַל — און אונזער ענטפּער די „אָענעראָווצעס"

דעם 26טן סעפּטעמבער, 1937 (סוכות־צייט), צווישן 5 און 6 פאַר נאַכט, האָט מען אין אונזער לאָקאַל אויף דלוגע 26, פּלוצלונג דערהערט שטאַרקע שאָסן. אין דער קאַנצעלאַריע, אין וועלכער ס'איז דעמאָלט געווען שאַשקע ערליך, זיינען אַריינגעפלויגן צוויי קוילן, איינע איז געבליבן שטעקן אין אויוון ביי דער טיר, די צווייטע איז פאַרבייגעפלויגן לעבן שאַשקעס שרייב־טיש און איז געבליבן שטעקן אין וואַנט. עטלעכע סעקונדעס נאָך דעם האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער אויפרייס, דאָס פענצטערל איבער דער טיר פון קאַנצעלאַריע איז געוואָרן העל און באַלד שוואַרץ פון רויך. מיר זיינען אַרויס אין קאָרידאָר און דערזען אַ שרעקלעך בילד: די אַריינגאַנג־טיר איז געווען אויפגעריסן, די וויטרינעס פון די טירן — אָפּגעריסן, אין די ווענט פון קאָרידאָר האָט מען איבערגעציילט איבער 10 לעכער פון קוילן, דאָס גאַנצע קליינע פּאָדער־הייזל האָט געברענט. מיר האָבן גלייך איינגעלאָשן דאָס פייער מיט אייגענע מיטלען.

אַנטקעגנאיבער דער טיר פון קאַנצעלאַריע איז געווען נאָך אַ טיר וואָס האָט געפירט אין צימער פון יאַף. דאָרט איז גראָד פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַ פּאַרטיי־גרופּע. אין לאָקאַל האָט זיך דעמאָלט אויך געפונען אַ גרויסע גרופּע פּראָווינצער חברים וואָס זיינען געקומען אויף אַן אויספלוג קיין וואַרשע. צוליב די כסדרדיקע אַנטיסעמיטישע אומרוען האָבן זיי אַרומגעטראָגן מיט זיך פאַרשיידענע אייזערנע מכשירים אויף צו פאַרטיידיקן זיך פון כוליגאַנעס, אין פאַל פון אַן אָנפאַל אויף דער גאַס. מיר האָבן זיך געריכט אַז פּאָליציי וועט באַלד קומען, האָבן מיר די פּראָווינצער חברים אַרויסגעשיקט פון לאָקאַל דורך אַ הינטער־טיר פון דער קיך אין צווייטן הויף אַריין. אין פאַרשלאָסענע שענק אין יאַף־צימער האָט אונזער מיליץ געהאַט באַהאַלטן צוויי קאַסטנס מיט גומענע פּאָליציי־שטעקנס, וואָס מיר האָבן גענוצט אין קאַמף מיט די כולי־גאַנעס אין די גערטנער און אויף גאַסן. באַלד איז טאַקע אָנגעקומען פּאָליציי און זיי זיינען אַריין אין לאָקאַל צוזאַמען מיטן הויז־וועכטערס זון. מיר האָבן געוואוסט אַז ער איז אַן אָענעראָוויץ. ער איז צו צום ח' אַבראַם און טייטלענדיק אויף אים מיטן פינגער האָט ער געשריגן צו דער פּאָליציי, אַז דאָס האָט ער, אַבראַם, אָרגאַניזירט די שיסעריי ביים טויער און אַ קויל האָט געטראָפן זיין מוטער. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבן די אָנפאַלער אָנגעהויבן

שיסן נאָך אין טויער פון ערשטן הויף — דאָרט איז פאַרוואונדעט געוואָרן צווישן אַנדערע אונזער חבר מאיר טראָמבקע פון דער „אַרקאַדי״־גרופּע, אַ קויל האָט פאַרבלאָנדזשעט צום „סטרוזש״ (הויז־וועכטער) אין שטוב און האָט לייכט פאַרוואונדעט זיין פרוי. דעם סטרוזשס זון האָט זיך געוואָרפן אויף ח׳ אַבראַמען און געשריגן, אַז ער מוז נקמה נעמען פאַר זיין מוטער. מיר האָבן אַלע גענומען שרייען צו דער פּאָליציי, אַז זי זאָל צונעמען דעם צעווילדעוועטן יונג און זאָל בעסער זוכן די אמתע אַנפאַלער. די פּאָליציי האָט באַקוקט דעם צע־שאָסענעם און פאַרברענטן קאָרידאָר און... האָט אונז אַלעמען אויסגעשטעלט אין אַ ריי אין גרויסן זאַל און אונז אַלעמען רעווידירט — זיי האָבן ביי אונז געזוכט געווער. אַ גליק וואָס די פּראָווינצער חברים זיינען שוין געהאַט אַוועק, און נאָך אַ גרעסער גליק, וואָס דער פּאָליציי איז ניט איינגעפאַלן אַריינ־צוגיין אין יאַף־צימער און צו עפענען דעם שאַנק וואו עס האָבן זיך געפונען די צוויי קעסטלעך מיט גומענע שטעקנס.

בעתן אַנפאַל זיינען קיין סך מענטשן אין לאָקאַל ניט געווען, אַזוי אַז ווען די צייט־באָמבע האָט אויפגעריסן איז קיינער ניט געווען אין קאָרידאָר און עס זיינען ניט געווען קיין קרבנות פון אויפרייס.

עס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָס האָבן אָענראָווצעס אונטער־געלייגט די באָמבע אונטער דער טיר פון בונדישן לאָקאַל. אָבער ווען די פּאָליציי איז געקומען מאַכן אַן אויספאָרשונג אויפן אָרט, האָט זי — אַנשטאָט צו זוכן די אַנפאַלער — גאָר געמאַכט אַ רעוויזיע אין לאָקאַל פון בונד און איז אפילו אַראָפּ אין קעלער אויסצוגעפינען צי דער בונד האַלט ניט דאָרט קיין געווער און דינאַמיט.

***

צו מאָרגנס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג פון אַנפירנדיקע חברים און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען טאָר דעם אַנפאַל ניט אַדורכלאָזן אומ־באַשטראָפט. (אַז די פּוילישע פּאָליציי זאָל באַשטראָפן די אַנפאַלער — וועגן דעם האָט קיין רייד ניט געקענט זיין). דער ענין איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פּאַרטיי־מיליץ.

דער לאָקאַל פון די אָענראָווצעס האָט זיך געפונען אויף בראַצקע גאַס 17, ניט ווייט פון דער אַליע יעראָזאָלימסקע — אַ ריין־פּוילישער געגנט. האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון אונזער פּאַרטיי־מיליץ ווי אויך אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער און אַ געוויסן פאַרנאַכט זיינען מיר אַוועק צום לאָקאַל פון די אָענע־ראָווצעס. מיר זיינען אַהין אַריין מיט אַ שטורעם — און איידער זיי האָבן זיך באַוויזן אַרומצוקוקן זיינען מיר שוין געווען פאַרטאָן אין צעברעכן און צעהאַקן זייער מעבל און אַלץ וואָס איז אונז געקומען אונטער דער האַנט. אין לאָקאַל האָבן זיך דעמאָלט געפונען עטלעכע צענדליק אָענעראָווצעס. נאָך אַ פּאָר מינוט זיינען זיי געקומען צו זיך און האָבן אָנגעהויבן שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויס געשלעג, אין וועלכן זיי האָבן געקראָגן גוט אָנגעבראָכן די ביינער און מען האָט זיי אָנגעלערנט ס׳זאָל זיך זיי מער ניט פאַרגלוסטן צו באַפאַלן די לאָקאַלן פון בונד. בעתן געשלעג זיינען עטלעכע אָנעראָוצעס פאַרוואונדעט געוואָרן.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז פּאָליציי וועט אַ ליאַדע מינוט אָנקומען. איך האָבן דעריבער אונזער עולם צוגעאײַלט זיי זאָלן וואָס גיכער אַוועק. אָבער ניט אַלע האָבן באַוויזן צו אַנטרינען איידער די פּאָליציי איז אָנגעקומען. איינעם פון אונזערע, אַ קריסטלעכן אַרבעטער, סטאַניסלאַוו וואויטשעכאָווסקי, האָט די פּאָליציי דאָך באַוויזן צו פאַרהאַלטן.

איך און נאָך עטלעכע פון אונזער גרופּע זיינען פאַרבליבן אין דער געגנט, ניט ווייט פונם אָרט פון אונזער נקמה־איבערפאַל אויף די פּוילישע פאַשיסטן, כדי צו זען וואָס דאָ וועט ווייטער פאָרקומען און צי וועט זייערע אַ באַנדע זיך ניט אַ לאָז טאָן צו אונזערן אַ לאָקאַל.

באַלד האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז איינער פון די פאַרוואונדעטע אָנעראָוצעס, וואָס זיינען גענומען געוואָרן אין שפּיטאָל, איז דאָרט געשטאָרבן ווי נאָר מען האָט אים אַהיים געברענגט. די לאַגע איז דערמיט געוואָרן פאַר אונז זייער געפערלעך. די פּאָליציי האַלט דאָך אונזערן אַ מענטש; מען קען אים נאָך מאַכן אַ פּראָצעס פאַר באַטייליקן זיך אין אַ מאָרד. וואָס־זשע טוט מען? — איך בין געווען אין גאַנצן פאַרצווייפלט און צעטומלט, און פּונקט אַזוי צעטומלט זיינען געווען די פּאָר מענטשן מיט מיר.

עמיצער פון אונז איז קודם־כל אַוועק אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט און געפּרואווט פאַר געלט באַפרייען דעם אַרעסטירטן. אָבער דער „דיזשורני פּשאָדאָווניק״ (פּאָליצייאישער סערזשאַנט) האָט געזאָגט אַז ער קען עס ניט טאָן, ווייל אַנדערע פּאָליציאַנטן האָבן אים אַרעסטירט און ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַרעסטירטע וואָס מען גיט אים איבער. דעמאָלט איז לעאָן אַנדרושעק — אַ פּליישער־אַרבעטער, וואָס איז זייער אָפט געגאַנגען מיט אונז שטעלן אַ ווידערשטאַנד די פּוילישע פאַשיסטן — געפאַלן אויף אַ גוטן פּלאַן: מען זאָל דעם אַרעסטירטן אויסטוישן אויף אַ צווייטן. אויף דעם איז דער פּזשאָדאָווניק איינגעגאַנגען (פאַר גוט געלט, פאַרשטייט זיך). אַנדרושעק און ראָמאַנאָווסקי, דער סעקרעטאַר פון די בוי־אַרבעטער, זיינען אַוועק אין לאָקאַל פון די „פּראַקעס״ אויף אַלייע יעראָזאַלימסקע 6 — ניט ווייט פון דעם אָרט וואו מיר האָבן זיך געפונען, — זיי האָבן דאָרט אויסגעזוכט אַ באַקאַנטן אַרבעטער, וואָס האָט געאַרבעט אין דער „זבראָיאָווניע״ (אַ מלוכה־פאַבריק פון געווער) און וואָס איז נאָר וואָס געווען געקומען פון דער אַרבעט, און זיי האָבן ביי אים געפּועלט, ער זאָל איינגיין זיך צו טוישן מיט וואויטשעכאָווסקין וואָס איז געזעסן אין אַרעסט. דער אַרבעטער האָט ביי זיך געהאַט אַ גוטע אַליבי: די פאַבריק־קאַרטע, וואָס איז געשטעמפּלט געוואָרן ביים אַרויסגיין פון דער פאַבריק אַן ערך אין דער זעלבער צייט ווען ס׳איז געמאַכט געוואָרן אונזער קעגן־איבערפאַל אויפן אָנערישן לאָקאַל.

מיר זיינען דעמאָלט אַוועק אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. דער „דיזשורני־

פשאַדאָווניק״ האָט (פאַרן צוגעזאָגטן געלט) אַרויסגעלאָזט וואויטשעכאָווסקין און אַריינגעזעצט אין אַרעסט דעם אַרבעטער פון דער געווער־פאַבריק. ביי נאַכט איז אָנגעקומען דער פּראָקוראָר. דער אַרבעטער האָט געטענהט, אַז מ׳האָט אים אַרעסטירט אומשולדיק, בעת ער איז געגאַנגען פון דער אַרבעט און איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם אָרט וואו דאָס געשלעג איז פאָרגעקומען. ער האָט געוויזן דעם פּראָקוראָר זיין געשטעמפּלטע פאַבריק־קאַרטע, לויט וועלכער ס׳איז אַרויסגעקומען, אַז ווען דער איבערפאַל איז געמאַכט געוואָרן איז ער נאָך געווען אין דער פאַבריק.

די גאַנצע נאַכט זיינען מיר אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן. קיינער האָט ניט געקענט גיין שלאָפן. מיר האָבן זיך געשראָקן פאַר די מעגלעכע קאָנסע־קווענצן, אויב דער פּלאַן גיט זיך ניט איין, אָבער צום גליק איז אַלץ אַדורך כשורה. צו מאָרגנס האָט מען געבערענגט עדות מצד די אָנערקאַוועצעס. זיי האָבן דעם אַרעסטירטן ניט דערקענט. זיין אַליבי איז אָנגענומען געוואָרן פאַר באַגלייביקט און מען האָט אים באַלד באַפרייט.

קאַפּיטל 80

אַן „אַנערישער" פּרואוו צו דערמאָרדן דעם חבר הענריק ערליך

אַבער די אַ.נ.ר. האָט איר קאַמף קעגן בונד ניט אויפגעגעבן.

איין מאָל, דאָס איז געווען אין האַרבסט 1938, האָבן מיר געקריגן אַ וואָר־נונג פון דער פּ.פּ.ס., אַז די אַנעראָווצעס גרייטן זיך צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויפן חבר הענריק ערליך. די דאָזיקע ידיעה האָבן זיי באַקומען דורך זייערע געהיימע אינפאָרמאַטאָרן, וואָס זיי האָבן געהאַט אַריינגעשיקט אין דער אָרגאַניזאַציע אַ.נ.ר. ווען, וואו, און ווי אַזוי דער אַטענטאַט ווערט געגרייט — האָבן זיי ניט געוואוסט ; זיי האָבן אונז בלויז געזאָגט, אַז די ידיעה קומט פון זייער „דזשעלניצע" (ראַיאָן־אָרגאַניזאַציע) אין גראָכאָוו (גראָכאָוו איז געווען אַ פאָרשטעטל פון דער גרויסער פאָרשטאָט פּראַגע).

איך בין באַלד אַוועק אין יענער „דזשעלניצע" און כ׳האָב אָפּגעמאַכט מיט די געהעריקע מענטשן, זיי זאָלן זיך באַמיען אַרויסצוקריגן פאַר אונז די גענויסטע פּרטים וועגן דעם געפּלאַנטן אַטענטאַט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך געקראָגן פון די פּ.פּ.ס.אָווצעס אַן אַלאַרמירנדיקע ידיעה, אַז די צייט און דאָס אָרט פון דעם אָנפאַל פון דער אַ.נ.ר. אויפן ח׳ ערליך איז שוין באַשטימט און עס זיינען שוין אויך באַשטימט געוואָרן צוויי מענטשן וואָס דאַרפן דעם אָנפאַל אויספירן. זייער פּלאַן איז געווען אַזאַ : זיי האָבן באַדאַרפט טעלעפאָנירן צום ח׳ ערליך און באַשטעלן ביי אים אויף מאָרגן 10 אין דער פרי אַ וויזיט וועגן עפּעס אַ יורידישער פראַגע (ח׳ ערליך איז אויך געווען אַ פּראַקטיקירנ־דיקער אַדוואָקאַט) ; ווען זיי וועלן זיין ביי אים אין קאַבינעט וועלן זיי אויספירן דעם אַטענטאַט.

ווען כ׳האָב באַקומען די ידיעה איז געווען 12 אַ זייגער ביי טאָג. כ׳האָב קיין איין מינוט ניט פאַרלוירן. כ׳האָב אַלאַרמירט דאָס פּרעזידיום פון וואַרשעווער קאָמיטעט און כ׳האָב זיי וועגן דעם איבערגעגעבן. מיר האָבן באַשלאָסן ח׳ ערליכן גאָר ניט צו זאָגן וועגן דעם (צו וואָס באַאומרואיקן אים און זיין פאַמיליע ?), נאָר תיכף זיך נעמען צו דער אַרבעט, כדי צו נישט מאַכן דעם פּלאַנירטן אַטענטאַט.

די וואוינונג פון ח׳ ערליך האָט זיך געפונען אויף דער נאַוואָמיעיסקע גאַס, אין אַ ריין פּוילישער, שטילער געגנט, אַ ביסל וויטלעך פון צענטער שטאָט. די באַוועגונג איז דאָרט געווען אַ קליינע און מענטשן האָט מען געזען ווייניק.

קומען דאָרט באַלד אין דער פרי, מיט אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וואָלט געווען זייער אויפפאַלנדיק. האָב איך אָרגאַניזירט אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער און כ׳האָב מיט זיי אָפּגערעדט צו טרעפן זיך צו מאָרגנס אַרום 8 אַ זייגער אין דער פרי אויף אַ באַשטימטן אָרט. כ׳בין אַהין אַוועק צו דער באַשטימטער צייט און האָב מיטגענומען מיט זיך דעם ח׳ אייזענבערג פון אונזער מיליץ, ער איז גע־ ווען אַ בלאָנדער און האָט אויסגעקוקט ווי אַ קריסט. (היינט איז ער אין מאָנטרע־ אַל, קאַנאַדע). כ׳האָב די מענטשן צעטיילט אַזוי: איין גרופּע פון די קריסטלעכע אַרבעטער האָב איך אַוועקגעשטעלט ביים טויער; אַ צווייטע גרופּע — אויפן הויף, באַהאַלטן אין אַ הויז אָבער ניט אין דעם וואו עס געפינען זיך די שטיגן צו ערליכס וואוינונג; איך מיט נאָך אַ קליינער גרופּע האָבן זיך באַהאַלטן אַ האַלבן שטאָק איבער דער וואוינונג פון ח׳ ערליך. מיר האָבן זיך אַוועק־ געשטעלט אַזוי אַז פון דער טיר פון ח׳ ערליכס וואוינונג זאָל מען אונז ניט זען, אָבער מיר זאָלן קענען אָבסערווירן די טיר. דער גרופּע פאַרן טויער האָבן מיר געגעבן אַן אינסטרוקציע, אַז זיי זאָלן די אָנעראָווצעס אַריינלאָזן אין טויער, אָבער זיי זאָלן פאַרמאַכן דעם טויער תיכף ווי נאָר זיי וועלן הערן עפּעס פאַרדעכטיקס: אַ שיסעריי, אַן אַלאַרם, אַ געשריי, אָדער וועלכן עס איז גערודער — כדי ניט צו דערלאָזן אַז די מערדער זאָלן קענען אַנטלויפן אויף דער גאַס אַרויס. דער גרופּע אין הויף האָב איך געגעבן אַן אינסטרוקציע, אַז ווען זיי וועלן זען די אָנעראָווצעס אַרויפגיין אויף די שטיגן וואו ערליך וואוינט, זאָלן זיי נאָכגיין פון הינטן, אָבער ניט צו נאָענט, כדי עס זאָל ניט ווערן אויפפאַלנדיק אַז מען גייט זיי נאָך; אָבער אויב די חברה־לייט וועלן פּרוּוון אַראָפּלויפן פון די שטיגן, זאָל מען זיי תיכף פאַרהאַלטן. איך מיט מיין גרופּע, איבער ערליכס וואוינונג, האָבן געזאָלט מיט איין שפּרונג זיין ביי דער טיר, באַלד נאָך דעם ווי די אָנעראָווצעס וועלן אָנקלינגען און וועלן פּרוּוון אַריינגיין אין דער וואוינונג.

פּונקט 10 האָב איך באַקומען אַ סיגנאַל, אַז צוויי מענטשן האָבן זיך באַ־ וויזן אויף דער גאַס און זיי גייען אין דער ריכטונג פון הויז וואו ערליך וואוינט. מיר זיינען געווען געשפּאַנט. איך הער טריט פון די צוויי מענטשן אויף די שטיגן. אָט זיינען זיי שוין ביי ערליכס טיר. איך הער אַ קלונג. איך הער טריט פון עמיצן אינעווייניק, וואָס גייט עפענען די טיר. ווי נאָר איך האָב דערהערט ווי מען שליסט אויף די טיר, האָב איך מיט איין שפּרונג פון האַלבן שטאָק שטיגן זיך תיכף געפונען ביי דער טיר. בליץ־שנעל האָב איך אַריינגעשטעלט מיין פוס אין דער שפּאַרע, איידער די פערזאָן אינעווייניק האָט באַוויזן צו עפענען די טיר אין גאַנצן. די טיר האָט געעפנט דער ח׳ ערליך אַליין. האָב איך אים אַ זאָג געטאָן: „פאַרמאַכט די טיר, איך וועל באַלד זיין צוריק!" — און כ׳האָב זיך געגעבן אַ דריי אויס מיטן פּנים צו די צוויי מענער. אין דעם מאָמענט האָבן זיי דערזען הינטער זיך די פּאָר מענטשן אונזערע פון דער הייך וואָס זיינען תיכף אונטערגעקומען. זיי האָבן מסתמא באַלד פאַרשטאַנען אַז זיי זיינען אַדורכגעפאַלן, האָבן זיי געמאַכט אַ פרומע און אומשולדיקע מינע

און געזאָגט אין אַן עלעגאַנטן און אײדעלן פּויליש פֿון טיפּישע פּוילישע אינטע־ליגענטן, אַז זײ אַנטשולדיקן זיך זײער, זײ האָבן װײַזט אױס געהאַט אַ טעות און האָבן אָנגעקלונגען אין אַ פֿרעמדער טיר. זײ האָבן אָנגעהויבן אַראָפּגײן פֿון די שטיגן, מיר — האַרט הינטער זײ. אין דעם אױגנבליק איז אונטערגע־קומען אונזער גרופּע פֿון אונטן. די צװײ חברה־לײַט האָבן דערזען, אַז זײ זײַנען אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן, זײַנען געװאָרן בלאַס און אָנגעהויבן ציטערן. אַזױ שטילשװײַגנדיק זײַנען מיר אַלע אַראָפּגעגאַנגען פֿון די שטיגן. זײ האָבן גאָר ניט גערעדט — מיר האָבן גאָר ניט גערעדט, נאָר געהאַלטן זײ ענג אַרומגערינגלט פֿון בײדע זײַטן.

אונטן אין הויז, פֿאַרן אַרויסגאַנג, האָט לעאָן אַנדרושעק, װאָס איז געװען צװישן אונזערע מענטשן, אַרויסגעכאַפּט זײַן רעװאָלװער צוגעשטעלט אים נאָענט צו זײערע פּנימער און געגעבן אַ באַפֿעל: „אױפֿהײבן די הענט!" בלאַסע און ציטערנדיקע האָבן זײ געפֿאָלגט. אַנדרושעק האָט זײ בײדן באַזוכט און צוגענומען בײ זײ די רעװאָלװערן, װאָס זײ האָבן בײ זיך געהאַט. דעמאָלט האָט ער זײ געהײסן דערלאַנגען זײערע פּעסער. מיר האָבן פֿון די פּעסער אָפּ־געשריבן זײערע נעמען און אַדרעסן (אין פּוילן איז אין פּאַס געװען אַרײַנגע־שריבן דער אַדרעס). דערנאָך האָב איך אַרויסגעצויגן מײַן רעװאָלװער. — איר זעט דאָס? — האָב איך געזאָגט צו די אָנעראָװוצעס — טאָ געדענקט, מיר האָבן דאָ אײערע נעמען און אַדרעסן, מיר װעלן אײַך שטענדיק קענען לײַכט אױפֿזוכן. אױב ערליכן װעט עפּעס געשען, אַפֿילו ניט דורך אײַך, װעט איר באַצאָלן מיט אײערע לעבנס. געדענקט דאָס גוט! — און מיר האָבן זײ פֿרײַ געלאָזט.

װען זײ זײַנען אַװעק, זײַנען מיר נאָך געבליבן אַ ביסל װאַרטן. איך בין אַרויף צו ערליכן און כ'האָב אים אױף גיך דערצײלט אַלץ װאָס איז פֿאַרגעקומען. עס האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז ער איז טאַקע געזעסן און געװאַרט אױף צװײ מענטשן, װאָס האָבן אים נעכטן געקלונגען און אָפּגעשמועסט אַ װיזיט אױף הײַנט 10 אין דער פֿרי. עס איז אים אַפֿילו געװען אַ ביסל אױפֿפֿאַלנדיק, װאָס דער מענטש, װעלכער האָט געקלונגען, האָט אים ניט געקענט אַזױ קלאָר זאָגן װאָס ער װיל, אָבער שטאַרק געװאונדערט האָט ער זיך ניט, װײַל אָפֿט מאָל טרעפֿן זיך מענטשן װאָס װילן ניט דערצײלן דורכן טעלעפֿאָן אין װאָס זײער יורידישער ענין באַשטײט. איך בין באַלד נאָך דעם צוריק אַראָפּ צו מײַנע חברים. מיר זײַנען אַװעק אין אַ רעסטאָראַן און ערשט אָנגעביסן, װײַל מיר האָבן נאָך גאָר ניט געהאַט אין מױל פֿון אין דער פֿרי אָן.

נאָך דעם האָבן מיר, לױט אַ באַשלוס פֿון פּאַרטײ־פּרעזידיום, לאַנגע װאָכן געהיט ח' ערליכן װאו נאָר ער איז געגאַנגען, אָבער ער האָט װעגן דעם ניט געװאוסט.

טײל חברים האָבן שפּעטער געהאַט צו מיר טענות פֿאַר װאָס מיר האָבן די באַנדיטן אַרויסגעלאָזט מיט גאַנצע בײנער. אָבער איך מײן נאָך איצט, אַז מיר האָבן גוט געטאָן. פֿאַרשטײט זיך, אַז מיר האָבן זײער לײַכט געקענט אָנברעכן זײ די בײנער און אַפֿילו אַװעקפֿירן זײ אין אַ לײדיקן פּלאַץ און אַװעקלײגן

טויט. אָבער וואָס וואָלט געווען דער רעזולטאַט? — ס׳וואָלטן זיך אָנגעהויבן נקמה־אַקטן פון ביידע־צדדים, און מיר וואָלטן קיין מאָל ניט געוואוסט, מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן. אין דעם פּרט איז מיין איינשטעלונג און די שטעלונג פון אונזער מיליץ שטענדיק געווען זייער אַן איינגעהאַלטענע. מיר האָבן קיין מאָל זיך ניט געלאָזט פּראָוואָצירן — ניט פון די קאָמוניסטן, ניט פון די אַנטיסעמיטן און פאַשיסטן — צו גיין ווייטער ווי עס איז געווען אומבאַדינגט נייטיק אין געגעבענעם פאַל, כדי צו פאַרטיידיקן אונזער עקזיסטענץ. מיר האָבן ליבערשט געוואָלט אויסמיידן אַ געשלעג אָדער אַ שלאַכט, איידער געווינען זי. אָבער ווען דער געפיל פון געזעלשאַפטלעכער אחריות האָט אונז דיקטירט אויפצונעמען אַן אָנגעוואָרפענעם קאַמף — האָבן מיר דאָס געטאָן, וויפל עס זאָל ניט שטיין אין קאָן.

קאַפּיטל 81

18־טער דעצעמבער 1938

מיר האָבן דערלעבט אַ טאָג, וועגן וועלכן עס חלומען אַלע פּאַרטייען. אַ טאָג, ווען דאָס פאָלק גייט פּרייוויליק נאָך איך און שענקט איך זיין אומ־באַגרענעצטן צוטרוי. אַזאַ איז געווען פאַרן בונד אין וואַרשע — דער טאָג פון 18טן דעצעמבער 1938, ווען עס זיינען פאָרגעקומען שטאָטראַט־וואַלן אין דער הויפּט־שטאָט, און אין אַ גרויסער צאָל אַנדערע שטעט אין פּוילן. פון 20 יידישע ראַטמענער, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין וואַרשע (אין אַ שטאָטראַט פון 100), האָט דער בונד, און די פאַרבונדענע מיט אים יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, געוואונען — 17 מאַנדאַטן. אַלע אַנדערע יידישע פּאַרטייען — כלערליי ציוניסטן, פּועלי־ציוניסטן, אָרטאָדאָקסן, סוחרים, האַנטווערקער און אַנדערע — וואָס זיינען געגאַנגען בלאָקירט אין צוויי בלאָקן — האָבן אַלע צוזאַמען באַקומען 3 מאַנדאַטן. און די וואַלן זיינען געווען פּראָפּאָרציאָנעלע. די גרויסע מערהייט פון דער וואַרשעווער יידישער באַפעלקערונג האָט, הייסט עס, געשטימט פאַרן בונד.

שוין היפּשע וואָכן פאַר די וואַלן, ספּעציעל בעת דער הויז־אַגיטאַציע, האָבן מיר דערפילט ווי שטאַרק עס איז געוואַקסן די סימפּאַטיע פון דער וואַרשעווער יידישער באַפעלקערונג צום בונד. אונזערע הויז־אַגיטאַטאָרן זיינען אויפגענומען געוואָרן אין די אָרעמע יידישע היימען (אין די רייכע זיינען זיי לכתחילה ניט געגאַנגען) מיט דער גרעסטער פריינדלעכקייט. נאָך מער סימפּ־טאָמאַטיש זיינען געווען די אָפטע פאַלן פון פריינדלעכע אויפנאַמעס, וואָס אונזערע אַגיטאַטאָרן האָבן אָנגעטראָפן אין די היימען פון דער יידישער פּראָ־פעסיאָנעלער אינטעליגענץ: דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, דענטיסטן, אינזשיניער, און אַנדערע. אין פּוילן — סיי ביי יידן, סיי ביי פּאָליאַקן — איז דער סאָרט מענטשן אין זיין גרויסער מערהייט געווען אָנהענגער פון בירגערלעכע פּאַרטייען, און אַז אויך זיי האָבן אויפגענומען מיט סימפּאַטיע סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן — איז דאָס געוויס אַ שטיקל איבעראַשונג. מיר האָבן אויך געהאַט אַ סך פאַלן, ווען אַסימילירטע יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געוואוינט אין די ריין־פּוילישע געגנטן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס פאַר דער בונדישער וואַל־אַגיטאַציע (זיי פלעגן, למשל, קלינגען אין סעקרעטאַר־יאַט פון בונד, פרעגן זיך צי מיר האָבן אויך וואַל־ליטעראַטור אויף פּויליש און געבעטן אונז צושיקן צו זיי אַזאַ ליטעראַטור).

אָבער אפילו די וואַרעמסטע אָפּרופן אויף אונזער וואַל־אַגיטאַציע, הגם זיי האָבן אָנגעזאָגט אונזער קומענדיקן וואַל־נצחון, קען מען ניט פאַרגלייכן מיט

דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין טאָג פון די וואַלן. עס איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן ווי די יידישע גאַס האָט אין יענעם טאָג אויסגעזען. גרויס און קליין איז אַרויס פאַרן בונד. גראָד האָט אין יענעם טאָג געברענט אַ שאַרפער שטאַרקער פראָסט. עס איז געווען 15־16 גראַד פראָסט (לויטן אַמעריקאַנער טערמאָמעטער איז עס נאָענט צו נול), אָבער ווער האָט זיך אויף דעם אומגע־קוקט? באַלד אין באַגינען האָבן זיך טויזנטער בונדישע אַגיטאַטאָרן — בונדיסטן, צוקונפטיסטן, עלטערע סקיפיסטן — געשטעלט אין אונזערע פּאַרטיי־און פאַראיין־לאָקאַלן, געגומען זייערע פעקלעך וואַל־צעטלען און געלאָפן יעדערער אויף דער באַשטימטער גאַס, צו זיין באַשטימטן וואַל־לאָקאַל. שוין די ערשטע באַריכטן זיינען געווען זייער גוטע: מען רייסט די בונדישע צעטעלעך פון די הענט. דאָס — האָט מען געקענט טראַכטן — איז נאָך ניט קיין שום סימן. נאָך עטלעכע שעה האָבן אָנגעהויבן קומען באַריכטן פון גאַס, וואָס האָבן שוין יאָ עפּעס באַדייט: אין דער יידישער געגנט האָבן ווייבער אָנגעהויבן אַרויסקומען מיט הייסע טשייניקעס און טיילן קריגעלעך טיי אונזערע אַגיטאַטאָרן, וואָס זיינען נאָך אַ פּאָר שעה שטיין אויף דער גאַס, אויפן פראָסט, שוין געווען האַלב־פאַרפרוירענע. פון אַלע גאַסן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די זעלבע באַריכטן: אומבאַקאַנטע יידישע פרויען ברענגען אַרויס הייסע טיי אויף דער גאַס צו דער־וואַרעמען די בונדישע אַגיטאַטאָרן.

באַלד נאָך דעם איז געקומען נאָך אַ סימן פון די שטימונגען, וואָס האָבן גע־הערשט אויף דער יידישער גאַס: אַרום מיטאָג־צייט האָבן מחנות קינדער זיך צונויפגענומען אין די געדיכטע יידישע גאַסן, אויף סמאָטשע, מילע, גענשע און אַרום, (ס׳איז געווען אַ זונטיק, ווען די קינדער גייען ניט אין שול), האָבן פון ער־געץ אַרויסגעשלעפּט רויטע טיכער, אויפגעהאַנגען אויף שטעקנס און מאַרשירט איבעראַל די גאַסן, שרייענדיק „הורא, דער בונד!“, „זאָל לעבן דער בונד!“

אונזער פּאַרטיי־מיליץ האָט אין דעם דאָזיקן וואַל־טאָג געהאַט אַ פּאָר־גטוואָרטלעכע אַרבעט. פאַר די וואַלן זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די אָנעגראָוצעס ווילן באַפאַלן די יידן, טעראָריזירן זיי און שטערן גיין צו די וואַלן. די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן האָט אונז געלערנט, אַז מען מוז די דאָזיקע געפאַר נעמען ערנסט. אַחוץ דעם האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג צוגעגרייט פאַר־שיידענע וואַל־שיקאַנעס.

אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג פון סמאָטשע, גענשע, וואָלינסקע און אומגעגנט האָט מען געהאַט צוגעטיילט צו אַ וואַל־לאָקאַל וואָס האָט זיך געפונען נעבן יידישן בית־עולם, כמעט הינטער דער שטאָט; כדי צו שטימען, האָט מען געדאַרפט גיין איבער אַ פעלד און דערצו אין אַ קריסט־לעכער געגנט. ווינטער איז געווען. די נאַכט איז צוגעפאַלן אַרום 4 נאָך מיטאָג. דער וועג איז געווען זייער ווייניק באַלויכטן, און זייער שיטער באַוואוינט. האָט די שטאָט־מאַכט אויסגערעכנט אַז די יידן וועלן זיך שרעקן דאָרט אַהין צו גיין שטימען, נאָך דערצו אין אַ קריסטלעכער געגנט, אַן אָפּגעלאָזענער, וואו אונטערוועלט־טיפּן, קנייפּעס מיט שיכורים פעלן ניט. וואָס האָבן מיר געטאָן?
— מיר האָבן אויסגעשטעלט דעם וועג מיט אונזערע מיליציאַנערן און מיר האָבן

געלאָזט וויסן — פון מויל צו מויל — די יידן פון דער געגנט, אַז דער וועג איז זיכער, אַז דער בונד היט אים און מען קען גיין דרייסט שטימען. די יידן האָבן זיך טאַקע ניט אָפּגעשראָקן און מען איז אויך דאָרט, אין דעם פּאַר־וואָרפענעם ווינקל, געגאַנגען מאַסנווייז שטימען. אחוץ דעם האָט די מיליץ אויך געמוזט היטן אונזערע וואַל־אַגיטאַטאָרן אויף די גאַסן, ווייל די סכנה אַז זיי זאָלן באַפאַלן ווערן דורך אָנעראָווצעס, סתם כוליגאַנעס און אפילו איבער־געטאָנענע פאָליציי־אַגענטן איז געווען זייער גרויס.

דער מיליץ איז אויך אויסגעקומען צו פאַרהיטן אונזער באַוועגונג פון אַן אַנדער סכנה — פון געפעלשטע בונדישע וואַל־צעטלען, וואָס אונזערע קעגנער (וואַרשיינלעך, דער יידישער נאַציאָנאַלער בלאָק) האָבן נאָכגעמאַכט, כדי קאַליע צו מאַכן די שטימען פאַרן בונד. געשען איז עס אַזוי: אין טאָג פון די וואַלן, באַלד אין דער פרי, איז געקומען צו לויפן צו אונז אין וואַל־קאָמיטעט אַן איינ־בינדער־אַרבעטער, אונזערער אַ סימפּאַטיקער אָבער ניט קיין פּאַרטיי־מיט־גליד, און האָט אונז דערציילט, אַז אויף סמאָטשע 4 — ער האָט אונז געגעבן אָנגעגעבן דעם אַדרעס — געפינט זיך אַ סקלאַד פון פאַלשע בונדישע וואַל־צעטלען. (די פעלשונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן פאַרן געגעבענעם ראַיאָן די נעמען פון די בונדישע קאַנדידאַטן פון אַנדערע ראַיאָנען), און אַז אין דער איינבינדעריי, וואו ער אַרבעט, האָט ער אַ גאַנצן טאָג געשניטן די בויגנס מיט די געפעלשטע בונדישע וואַל־צעטלען און אין דער פרי האָט דער באַלעבאָס געהייסן אָפּפירן אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. און אַט גלייך פון דאָרטן קומט ער טאַקע צו אונז כדי אונז צו וואָרענען. מיר האָבן תיכף אַוועקגעשיקט צוויי מענטשן צו זען, צי ס'איז ריכטיק די ידיעה, און זיי זיינען צוריקגעקומען מיט אַ באַשטעטיקונג, אַז ס'איז אמת. דעמאָלט זיינען מיר, אַ גרעסערע גרופּע מיליציאָנערן, אַוועק צו דעם אָרט. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין דער דירה, האָט דער באַלעבאָס שוין געברענט די צעטלען. כ'האָב צו אים (אַ סטאָליער איז ער געווען) געהאָט אַ טענה, און כ'האָב אים געוואָרנט, אַז מ'וועט אויף אים אָנגעבן אין געריכט. האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט ניט געוואוסט אַז דאָס זיינען פאַלשע צעטלען; מען איז געקומען צו אים, לויט דער רעקאָמענדאַציע פונם יידישן אַדמיניסטראַטאָר פון הויז וואו ער וואוינט, צו דינגען ביי אים אַן אָרט צו האַלטן וואַל־ליטעראַ־טור, ער האָט אפילו ניט אַריינגעקוקט וואָס דאָרטן איז פאַראַן. צווייטנס, האָבן די פריערדיקע שליחים אונזערע אים צוגעזאָגט אַז אויב ער וועט ניט לאָזן אַרויסנעמען די סחורה ביז זיי וועלן צוריקקומען, וועט מען אים גאָר ניט טאָן, און מיר זעען דאָך אַז ער האָט געהאַלט וואָרט. האָבן מיר אים צו רו געלאָזט. דאָך האָבן מיר אַרויסגעשיקט מענטשן צו אַלע וואַל־ביוראָס קאָנטראָלירן, צי מען טיילט ניט אויף דער גאַס די פאַלשע בונדישע וואַל־צעטלען.

אַ ביסל שפּעטער איז געקומען אַ צווייטער אַלאַרם וועגן געפעלשטע בונדישע צעטלען. דאָס מאָל האָבן אונזערע גאַסן־אַגיטאַטאָרן אַליין געכאַפּט אַ בחור, וואָס האָט געטיילט פאַלשע צעטלען. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און אים געוואָרנט, אַז אויב ער וויל אַהיים קומען מיט גאַנצע ביינער זאָל ער

ווייזן דאָס אָרט, וואו מען האָט אים די פאַלשע צעטלען געגעבן. אויך ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט ניט געוואוסט אַז דאָס זיינען פאַלשע צעטלען און וואַרשיינלעך האָט ער אמת געזאָגט; ס'איז געווען אַן אָרעמער יידישער בחור, וועלכן מען האָט געדונגען פאַר אַ פּאָר זלאָטעס צו טיילן צעטלען, — האָט ער געטיילט. ער האָט אונזערע אַגיטאַטאָרן אָוועקגעפירט אויף דלוגע 25, צו אַ געוויסן וואַקסמאַן, און אונזער חברה האָט צוגענומען דעם גאַנצן סקלאַד געפעלשטע בונדישע צעטלען וואָס מען האָט דאָרט געפונען. האָבן מיר דעמאָלט נאָך אַ מאָל אַרויסגעשיקט מענטשן נאָכקאָנטראָלירן אויב מען טיילט ניט ווייטער די געפעלשטע צעטלען. צי מען האָט אַלץ פאַרהיט, קענען מיר ניט וויסן.

די פאַלשע בונדישע צעטלען האָבן פאַבריצירט — יידן, לויט אַלע סימנים זיינען דאָס געווען מענטשן פון „נאַציאָנאַלן בלאָק", פאַר וועלכע ס'איז נאָך פאַר די וואַלן געווען קלאָר, אַז עס גרייט זיך אַ גרויסער נצחון פון בונד, און זיי האָבן אויף אַזאַ אופן אים געוואָלט קאַליע מאַכן. בשעת מעשה, אין טאָג פון די וואַלן, זיינען מיר צוליב דעם געווען שטאַרק אויפגערעגט און מיר האָבן געטראַכט אַז מיר וועלן דאָס ניט פאַרשווייגן. אָבער צו מאָרגנס, אונטערן איינדרוק פון אונזער אויסערגעוויינטלעכן נצחון, האָבן מיר אין דער גאַנצער מעשה פאַרגעסן.

דער גרויסער זיג פון בונד ביי די וואַרשעווער שטאָטראַט־וואַלן איז ניט געווען בלויז קיין לאָקאַלע געשעעניש. פונקט אַזוי גרויס איז געווען דער זיג פון בונד ביי די שטאָטראַט־וואַלן וואָס זיינען פאָרגעקומען — אָדער אַ צייט פריער, אָדער גלייכצייטיק, אָדער שפּעטער — אין פיל אַנדערע שטעט — ווי לאָדזש, ווילנע, ביאַליסטאָק, לובלין, טאַרנאָוו, פּיעטריקאָוו, וולאָצלאַוועק, קוטנע.

אינם שווערסטן מאָמענט פון זייער קאַמף פאַר די עלעמענטאַרע, בירגער־לעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, פּנים אל פּנים מיטן שאַרפן, טאָג־טעגלעכן גע־ראַנגל פאַר זייער פיזישער זיכערקייט און עקזיסטענץ, האָבן די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון פוילישן יידנטום אויסגעדריקט זייער צוטרוי צום בונד.

קאַפּיטל 82

אַ לעצטער קוק אויף אונזער יוגנט

דאָס איז געווען אין יולי 1939. דאָס געשפּענסט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שוין געהאַנגען איבער פּוילן. אין דער אַלגעמיינער אומרואיקייט און אַנגעצויגנקייט זיינען געקומען קיין פּוילן אויף אַ באַזוך חבר מיכל מערלין און זיין פרוי פון דער ווייטער אַמעריקע, פון אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ. שלמה מענדעלסאָן, וואָס איז געווען מיט זיי באַפריינדעט, נאָך פון די צייטן פון זיין אַקציע אין אַמעריקע (אין 1935), האָט זיי געפירט איבער וואַרשע. ער האָט זיי געוויזן די מעדעם־סאַנאַטאָריע, די שולן, די גראָסער־ביבליאָטעק, די פּאַרטיי־לאָקאַלן, די פאַראיינען. איצט, פאַר זייער אַוועקפאָרן, האָט ער זיי געוואָלט ווייזן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זיי זאָלן האָבן לאַנג צו געדענקען, — האָט ער זיי אַוועקגעפירט צו די לאַגערן פון סקיף און צוקונפט, וואָס האָבן זיך געפונען בשכנות אין דער געגנט פון וולאָצלאַוועק. (זינט עטלעכע יאָר, ווען עס האָבן זיך אַזוי פאַרשטאַרקט די כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף יידן, פלעגן דיביידע לאַגערן איינגעשטעלט ווערן אין שכנות, כדי אין אַ נויטפאַל זאָל איינער קענען קומען גיך צו הילף דעם צווייטן). האָט שלמה מיך אויך געבעטן איך זאָל מיטפאָרן. עס איז אויך מיטגעפאָרן משה קליגסבערג (מעשה „עקספערט”).

מיר זיינען פריער אָנגעקומען צום סקיף־לאַגער, וואָס האָט געמאַכט מערלינען אַ חברישע אויפנאַמע. סקיפּיסטן מיט רויטע פענדלעך אין די הענט און אין זייערע פולע אוניפאָרמען (בלויע בלוזעס מיט רויטע האַלזטיכער) זיינען געווען אויסגעשטעלט לענג־אויס דעם וואַלדיקן שאָסיי, אַ צוויי־דריי קילאָמעטער פאַרן לאַגער. זיי האָבן מיט די פענדלעך באַגריסט אונזער אויטאָ. דורך אַזאַ שפּאַליער פון יונגיטשקע שטאַפעטן זיינען מיר אַריינגעקומען אין לאַגער. ביים ראַנד פון וואַלד האָט אונז אויפגענומען דער לאַגער־פירער, דער לערער שיפּרעס פון גראָדנע. (ווען די באָלשעוויקעס האָבן אָקופּירט גראָדנע, האָבן זיי אים אַרעסטירט, ווייל ער איז אויך געווען אַ טעטיקער בונדיסט. זיי האָבן אים פאַרשפּאַרט אין אַ סאָוועטישער תפיסה און אים אומגעבראַכט. זיין פרוי און טאָכטער געפינען זיך איצט אין אַמעריקע). שיפּרעס האָט צונויפגערופן די סקיפּיסטן צו אַן אַפּעל אַרום דער לאַגער־פאָן. מען האָט אויפגעזונגען דעם סקיף־הימן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן קורצע רעדעס. עס האָבן גערעדט: מענדעלסאָן, שיפּרעס, צום סוף — מערלין, דער גאַסט. ער האָט זיך אומגעקוקט אַרום און אַרום — אויף די לייוונטענע געצעלטן, אויף די טישן און בענק צונויפגעקלאַפּט פון פּראָסטע אומגעהובלעוועטע ברעטער, אויף דער

„קיך" פון שטיינער, אויף דעם „אַמפּיטעאַטער" פון לאַגער־פּייער, אויף דעם הויכן מאַסט מיט דער רויטער פאָן, וואָס האָט הויך געפּלאַטערט צווישן די גרינע צווייגן פון די הויכע סאָסנע־ביימער, און אויף די צוויי רייען סקיפּיסטן — און ער האָט אָנגעהויבן:

— מיר אין אַמעריקע האָבן אויך „קעמפּס", בעסערע, באַקוועמערע ווי אייערע. אָבער אַזעלכעס ווי איר האָט האָבן מיר ניט — און ער האָט דערביי געהאַט טרערן אין די אויגן.

אין די צוויי רייען „באַמענגלאַזע" יונגע סקיפּיסטן, אויסגעשטעלט אַרום דער פאָן, זיינען געשטאַנען: יורעק בלאָנעס, יאַנעק בילאַק, טאַבטשע דאַווידאָוויטש... ווער האָט זיך דעמאָלט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָ שטייען פאַר אונז — צוקונפטיקע העלדן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד!

פון דאָרט זיינען מיר צוגעפאָרן צום צוקונפט־לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד האַרט ביים ברעג פון דער ווייסל. דער אָנפירער פון דעם לאַגער איז דעמאָלט געווען יואַלקע ליטעווקאַ, דער סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער צוקונפט־אָרגאַניזאַציע (איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס, מיט זיין פאַמיליע). דאָרטן האָבן מיר פאַרבראַכט די רעשט פון טאָג.

פאַר נאַכט זיינען מיר אַהיים געפאָרן. קיינער פון אונז האָט זיך ניט פאָר־געשטעלט, אַז מיר האָבן דאָ צום לעצטן מאָל געזען די בלום פון דער יידישער יוגנט אין פוילן אין איר פולער פּראַכט און גלאַנץ...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט די פּוילישע מאַכט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל תיכף צו ליקווידירן אונזערע ביידע לאַגערן. קיין סיבות זיינען ניט אָנגעגעבן געוואָרן. אָבער מיר האָבן געוואוסט, אַז אויף דעם אָרט, וואו די לאַגערן האָבן זיך געפונען, האָט מען אייליק געדאַרפט מאַכן מיליטערישע פאָרטיפיקאַציעס. מיט אַ שווער געמיט האָט מען אַראָפּגעצויגן די פענער, פאַרוויקלט די געצעלטן, געפאָרן אַהיים.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן היטלערס חיילות אַריבערמאַרשירט די גרענעצן פון פוילן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה...